STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02589

ALE VERK

Sholem Aleichem

Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פון
שלום עליכם

1954

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO VII

PRINTED IN ARGENTINE
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Editorial "ICUF"
BUENOS AIRES, 1954

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק

פֿון

שלום עליכם

●

באַנד VII

ערשטע בוך

פֿון כתרילעווקע

צווייטע בוך

פֿון כתרילעווקע

פון כתרילעווקע

ערשט בוך

אינהאלט:

כתרילעווקער פראָגרעס — — — — — — — — — — — — 11

זומערדיקע ראָמאַנען — — — — — — — — — — — — — 72

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — — — — — — — — — — — — 120

לשנה טובה — — — — — — — — — — — — — — 139

פון פסח ביז סוכות — — — — — — — — — — — — — 150

שמואל שמעלקים און זיין יובילעום — — — — — — — — 161

וועלוול גאַמבעטאַ — — — — — — — — — — — — — 191

כתרילעווקער פראגרעס.

באשרייבונגען, בילדער, פאקטן און טייפעלער

א

די שטאט.

גאטס וואונדער — וואס פון א שטאט קאן ווערן! כתרילעווקע, מיין אלטע היים, האט זיך אזוי איבערגעביטן, אז ס'איז זי גאר נישט צו דערקענען! נאך א צייט פון א סך, א סך יארן האב איך מיך אראפגע־כאפט אין דער דאזיקער שטאט אף א פאר וואכן און בין ארומגעגאנגען אין אירע גאסן, גערעדט מיט אירע מענטשן, געזוכט אלטע באקאנטע — ווער? וואס? וועמען? דער גרעסטער טייל איז אויסגעשטארבן, דער קלענסטער טייל — ארויסגעפארן קיין אמעריקע, און די נייע, די אויפ־געקומענע, זיינען גארניט די מענטשן. אן איבערקערעניש! ווו זיינען אהינגעקומען די בארימטע קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות? ווו זיינען יענע יידן מיט בערד, וואס האבן אלצדינג געוווסט און פון אלצדינג געמאכט חוזק? ווו זיינען יענע יונגעלייטלעך מיט שטעקעלעך, וואס פלעגן זיך ארומדרייען אין מארק, זוכן עפעס א טועכץ און נישט געפינען און פאר גרויס עגמת־נפש האט מען גענומען אפלצעווען איינס פון דאס אנדערע און אלע אינאיינעם פון דער גאנצער וועלט? פראנטן האב איך איצט געזען ארומשפאצירן אין די גאסן, סאלידע מענטשן מיט קאפעלושן און מיט פענסנע אף די נעזער. און פון די אמאליקע פאר־שלומפערטע ווייבער מיט די ווייסע זאקן און מיט די רויטע זאקנבענד־לעך, און פון די אמאליקע מיידלעך מיט די פאטשיילקעס — איז קיין

שריד ופליט נישט געבליבן. דאַמען מיט היטעלעך זײַנען איצטער נע־גאַנגען פאַרבײַ מיר. פריצעס מיט זאַנטיקלעך, מאַמזעלן מיט הענטש־קעלעך אױף די הענט. נײַע מענטשן. אַ נײַע װעלט. און די שטאָט אַלײן — כאַ־כאַ! — האָט זיך אױסגעברוקירט די גאַסן, אָנגעצונדן עלעקטרישע לאָמפּן, אױעקגעשטעלט גראַמאָפאָנען, סינעמאַטאָגראַפן, אילוזיאָנען — חי געלעבט!

דאָס איז די אױסנװײניקסטע זײַט אַזױ צו זאָגן. אינעװײניק האָט זיך כתרילעװקע נאָך אַ סך מער איבערגעביטן — ממש עס האָט זיך מיר גאָר נישט געװאָלט גלײבן, אַז איך בין אין דער הײם, אין כתרי־לעװקע. איך בין אַרומגעגאַנגען און האָב געזוכט כאָטש אײן חברה פון די אַלטע חברות. דאָ זײַנען געװען אַמאָל, געדענק איך אַ גוזמא חברות. איך רײד שױן ניט פון אַזעלכע חברות, װי די „חברה תהילים", אָדער „חברה משניות". איך רײד פון אַזעלכע חברות, װי, למשל, חברה „גמי־לות־חסדים", „לחם־אביונים", „בקור־חולים", „מלביש־ערומים", „סומך־נופלים", „רופא־חולים", „מתיר־אסורים"... די דאָזיקע אַלע חברות זײַנען אַװעק, אַפּנים, אַהין, װוּ עס זײַנען אַװעק יענע, װאָס האָבן געגרינ־דעט די חברות, און װוּ עס איז אַװעק דער גרעסטער טײל פון די קלײנע מענטשעלעך, און װוּ ס'איז אַװעק דער אַלטער עלנטער רב יוזיפל דער רב, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן — דער האָט אַרױסגערופן בײַ מיר אַ טרער אױף די אױגן... אָפּן אָרט פון די אַלע אױסגערעכנטע חברות זײַנען אױסגעװאַקסן אין דעם מאָדערנעם כתרילעװקע גאַנץ נײַע חברות, מאָדערנע חברות, אָדער געזעלשאַפטן, חברות פון „קונסט" און פון „קול־טור" און פון „שפּראַך", אױסרעכענען זײ אַלע איז אוממעגלעך. מיר קאָנען נאָר פאַרבײַגײענדיק געבן אַן איבערבליק אױף די, װעלכע געפינען זיך אין דעם מאָדערנעם כתרילעװקע פון יעדן מין צו צװײ. למשל, װאָס דער שפּראַך אַנבאַלאַנגט, זײַנען פאַראַן דאָרטן אַ חברה „יודישיסטן" און אַ חברה „העברעאיסטן". און די בײדע קאָנען זיך ניט אָנקוקן, ניט הערן דעם נאָמען אײנס פונעם אַנדערן. אָדער ס'איז פאַראַן אַ חברה „הזמיר", װאָס האָט זיך צעשפּאָלטן אױף צװײ: אײנע הײסט די „פּלײטס", די אַנדערע — דער „טראַמײט". און בײדע „הזמירס" זײַנען צװישן זיך אױף מעסערשטעך. הײַנט זײַנען פאַראַן צװײ „חדרים מתוקנים", װאָס זײַנען מסוכן, — זײ זײַנען גרײט אײנס דאָס אַנדערע דורס זײַן מיטן קאָפּ. צװײ יידישע טעאַטערס, װאָס זײ זאָלן ניט מורא האָבן פאַר גאָט

און פארן קייסער וואָלטן זיי איינס דאָס אַנדערע מיט פאַרגעניגן אין אַ שטילער נאַכט אונטערגעצונדן.

און ווײַטער גייען צוויי ביכער־פאַרלאַגן, וואָס וואָלטן אײַנגעשלונגען איינס דאָס אַנדערע מיט די קאַלאָשן. הײַנט זײַנען פאַראַן צוויי ליטעראַרישע געזעלשאַפטן, צוויי דראַמאַטישע געזעלשאַפטן, צוויי עמיגראַנטן־געזעלשאַפטן, און נאָך און נאָך אַ סך אַנדערע מינים געזעלשאַפטן — פון יעדן מין צו צוויי. צוליב דער ווײַסטער קאָנקורענציע — די אַלטע מכה פון כתרילעווקע. אַזאַ טבע שוין בײַ די כתרילעווקער פאַרבליבן פון קדמונים— אוממעגלעך אויסצוואָרצלען: לאָז זיך איינער אָפּשנײַדן די נאָז, קאָנט איר זיכער זײַן, אַז אויף מאָרגן האָט איר דאָרט צוויי אָפּגעשניטענע נעזער. וואָס איז דער שכל? אַ פּראָסטער שכל: אַז יענעם לוינט זיך אָפּשנײַדן די נאָז, לוינט זיך מיר אויך...

ב

גאַזעטן.

אַזוי ווי אַלצדינג איז אין דעם מאָדערנעם כתרילעווקע צו צוויי, זײַנען דעריבער יידישע צײַטונגען דאָרטן אויך פאַראַן צוויי: „די יאַרמלקע“ און „דער קאַפּעלוש“.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז „די יאַרמלקע“ איז אַ פרומע אַלטמאָדישע גאַזעט פאַר אָרטאָדאָקסן, און „דער קאַפּעלוש“ איז אַ מאָדערנע, ראַדיקאַלע צײַטונג פאַר די פאַרגעשריטענע עלעמענטן. שוין פון די מאָטאָס אַליין איז גרינג צו פאַרשטיין די ריכטונג פון די דאָזיקע צוויי קאָנקורירנדע גאַזעטן: „די יאַרמעלקע“ האָט אַוועקגעשטעלט מיט גרויסע אותיות אויבנאָן: „צו גאָט און צו לײַט!“ און דער רעדאַקטאָר פונעם „קאַפּעלוש“ האָט אַוועקגעשטעלט אויך אויבנאָן און אויך מיט גרויסע אותיות זײַן אייגענעם נאָמען און אונטערגעשריבן גאַנץ באַשיידן: „איך בין דאָ — אַלעס דאָ!“

ווען זײַנען די דאָזיקע צוויי אָרגאַנען געגרינדעט געוואָרן און ווער פון זיי איז עלטער — דאָס איז שווער צו זאָגן, ווײַל יעדער פון זיי שרײַבט אויף זיך, אַז ער איז דער ערשטער און דער איינציקער יידישער אָרגאַן אין כתרילעווקע, און איגנאָרירט, שליסט אויס דעם אַנ־

דערן, דערמאָנט, חלילה, קיינמאָל דעם נאָמען זײַנעם נישט — אסור חזיר! סײַדן אונטער אַ נויט, אַז מען קאָן שוין אַנדערש ניט און מע מוז, צום בײַשפּיל, אויסזידלען, אויסשילטן, מבֿזה זײַן איינס דאָס אַנדערע, דעמאָלט רופט אָן „די יאַרמלקע" דעם שכן אירן „דאָס אָפּגעבאַרעטע קאַפּעלושל", און „דער קאַפּעלוש" רופט אָן זײַן שכנה „די פאַרשימלטע יאַמפּערקע". נאָר מערסטנטייל גייט עס צו באַ זיי פאַרשטעלט, און זיי מײַדן אויס, ווי ווײַט מעגלעך, צו דערמאָנען דעם נאָמען פונעם קאָנקורענט. למשל, אַז „דער קאַפּעלוש" וויל ריידן פון זײַן שכנה און וויל איר נאָמען נישט דערמאָנען, וועט ער אָנשטאָט דעם וואָרט „יאַרמלקע" בעסער אויסרעכענען אַ גאַנץ צעטל מיט נעמען על־פּי אלף־בית, אָט אַזוי: „אָט דער אביון, דער בטלן, דער גראָבער יונג, דער דלפון, דער הונט, דער וצדקתך, דער זולל־וסובאניק, דער חצוף, דער טינטלער, דער יודלאַק, דער כלב שבכלבים, דער לײַדיקגייער, דער מסור, דער נודניק, דער סוואָלאָטש, דער עם־הארץ, דער פּראָוואָקאַטאָר, דער פּוילאַק, דער צרעת, דער קבצן, דער רעטעך, דער שוטה, דער תרח, וואָס מיר ווילן נישט דערמאָנען זײַן נאָמען"...

דאָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן דערפאָלג אין כתרילעווקע, און מען האָט דעם „קאַפּעלוש" צעכאַפּט. אַלע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן אלף־בית און אויסגעחזרט אים אויף אויסווייניק. האָט דאָס דער „יאַרמלקע", נאַטירלעך פאַרדראָסן, און זי איז אַרויס באַלד אויף מאָרגן מיט אַ תשובֿה, אויך על־פּי אלף־בית: „מיר האָבן געלייענט אָט דעם אלף־בית פון אָט דעם אויסוווּרף, דעם באָד־יונג, דעם גנבֿ, דעם דבֿר־אחר, דעם הולטײַ, דעם וואָורקעלאַקע, דעם זשוליק, דעם חזיר, דעם טריפּניאַק, דעם יונגאַטש, דעם כל־בוניק, דעם ליגנער, דעם ממזר, דעם נאַבאַל, דעם סקאַנדאַליסט, דעם עזות־פּנים, דעם פּאַרך, דעם צורר־היהודים, דעם קריכער, דעם רשע, דעם תרח אייניקל, — נאָר מיר ענטפערן אים נישט, דערפאַר וואָס מיר ווילן ניט מיאוס מאַכן אונדזער פעדער"...

דער כתרילעוקער לעזער האט דעם ראזיקן מין ליטעראטור ליב דווקא בעסער ווי אלצדינג. בא אים ווערט עס אנגערופן מיטן נאמען „קריטיקע", און ער איז זיך מחיה, בעת די רעדאקטוירן פוןביידע גאַזעטן „קריטיקירן" זיך. דעם טאג, וואס ס'איז ניטא אין בלאט קיין „קריטיקע", גייען די גאזעטן אין כתרילעווקע עפעס ניט אזוי פויגלדיק. פלעגן זיך דעריבער די רעדאקטארן אפטער איבערוואשן איינס דעם אנדערן דאס קויטיקע גרעט, כדי ס'זאל זײַן וואס מער „קריטיקע", און דער עולם זאל האבן פון וואס צו לעקן די פינגער.

ג

קאנקורענציע.

אז סע קומט א „נאווי־גאד" און די גאזעטן הייבן אן צו קאכן זיך, צו טראמייטערן, ארויסלאזן איינס איבער דאס אנדערע ברייטע שרײַענדיקע פראספעקטן צום נײַעם יאר, ווי אף דער גאנצער וועלט, צעלאזט זיך „די יארמלקע" מיט א ברייטן „המלך", רעכנט אוים אלצדינג, וואס זי האט אויפגעטאן אינעם פארגאנגענעם יאר, וויל ניט ריידן, חלילה, קיין לשון־הרע אף איר קאנקורענט, מחמת לשון־הרע איז אסור מן התורה, נאר גלאט אזוי, בדרך־אגב, דערמאנט זי, אז „דאס אפגעבארעטע קאפעלושל" איז נאך געלעגן אין די ווינדעלעך, און איר רעדאקטאר איז נאך ארומגעגאנגען אן שטיוול, בעת זי, „די יארמלקע", איז שוין געווען, מיט גאטס הילף, א יארמלקע... און „דער קאפעלוש" פון זײַן זײַט בארימט זיך אין זײַן פראספעקט, אויך גאנץ באשיידן, אז בעת „די פארשימלטע יאמפערקע" האט זיך נאך געוואלגערט אפן מיסט פונעם שולהויף, האט ער, „דער קאפעלוש", שוין צעשפרייט זיך מיט זײַן גאנצער פראכט און גלאנץ איבער די האריזאנטן פון כתרילעווקע, און ווען ניט ער, וואלט כתרילעווקע עד־היום נאך געשלאפן מיטן לעטארגישן שלאף פונעם פינצטערן פאנאטיזם...

און באמת, ווער פון די צוויי איז מער פארשפרייט — דאס איז ניט אזוי גרינג צו וויסן. „די יארמלקע" לייגט־אײַן די וועלט און שווערט זיך בא גאט, אז אזוי פיל ווי זי ווערט געלייענט, ווערט איבערהויפט

נאָך קיין ייִדישע גאַזעט אין דער וועלט ניט געלייענט. ווער עס גלייבט ניט, קאָן זיך מטריח זײַן אין דער רעדאַקציע, וועט מען אים עפּעס ווײַזן...

דאָס אייגענע שרײַבט אָבער „דער קאַפּעלוש" אויך, קריכט פון דער הויט און זאָגט־צו איטלעכן באַזונדער אַ פּרעמיע פון צען טויזנט רובל, ווער ס'וועט אים דערווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז ס'איז פאַראַן ערגעץ אויף דער גאַנצער וועלט נאָך אַזאַ גאַזעט, וואָס ווערט אַזוי געלייענט, ווי „דער קאַפּעלוש". און ער לאָזט אויס גאַנץ באַשיידן, ווי זײַן שטייגער איז: „מיר האָבן פּונקט באַרימען זיך מיט אונדזער גאַזעט. מיר האַלטן ניט פון באַרימערײַ. באַרימערײַ איז אַ שלעכטער סימן, אַ סימן דלות. נאָר מיר לייגן פאַר דעם לעזער זעלבסט — זאָל דער לעזער אַליין פאַר־גלײַכן אַ גאַזעט מיט אַ גאַזעט און אַ רעדאַקטאָר מיט אַ רעדאַקטאָר"...

פאַרשטייט זיך, אַז ווײַל די קאָנקורענציע איז אומגעהויער גרויס און קנאת סופרים תרבה חכמה, פּלײַסן זיך דעריבער בײדע גאַזעטן צו איבעריאָגן איינס דאָס אַנדערע, אַרויסגיין וואָס פרִיער פון דרוק, אַרויס־כאַפּן פון די גוייִשע צײַטונגען וואָס מער נײַס און נאָך אַזעלכע זאַכן. היטן זיי אָבער איינס דאָס אַנדערע די טריט, קוקן נאָך און ווייסן איינס באַם אַנדערן, וואָס סע קאָכט זיך, און לאָז איין רעדאַקציע עפּעס פאַר־טראַכטן, ווייס מען דאָס שוין אין דער אַנדערער רעדאַקציע מיט אַלע פּי־טשעווקעס. אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר אײַך דערציילן אַ פּאָר מעשה־לעך, ווי מע האָט דאָס מיר איבערגעגעבן, בעת איך בין געווען אין כתרילעווקע.

בײַ דער „יאַרמלקע" איז געווען אַ מנהג פון קדמונים — אַלע ערב שבת איז זי אַרויס מיט אַ באַזונדער בלעטל אונטערן נאָמען „אַ גוט שבת". „דער קאַפּעלוש", כאָטש ער איז אַ ראַדיקאַל, און כאָטש ער זאָגט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אַ סך פרִיער פון דער „יאַרמלקע", האָט פונדעסטוועגן נעבעך געמוזט נאָכטאַנצן דער „יאַרמלקע" און אויך אָנהייבן אַרויסצוגיין אַלע פרײַטיק מיט אַ באַזונדער בלעטל אונטערן נאָ־מען „אַ גוט שבת". קאָנקורענציע — וואָס זאָל מען טאָן?...

עפּעס איינמאָל איז אים נמאס געוואָרן דאָס נאָכלויפעניש, איז ער אַרויס פרײַטיק מיט אַ דערקלערונג, אַז אַזוי ווי פיל פון זײַנע לעזער געפינען נישט קיין אינטערעס אין דעם ערב־שבתדיקן בלעטל, און אַזוי ווי דער רעדאַקטאָר זעט נאָר צופרידן שטעלן דעם לעזער, על־כן גייט אַרויס

„דער קאַפּעלוש" מהיום והלאה אָן „אַ גוט שבת". און ווי נבהל ונשתומם איז ער געוואָרן, אַז ער האָט אויפגעעפנט „די יאַרמלקע" און האָט אי־בערגעלייענט דאָרטן די זעלבע דערקלערונג כמעט וואָרט אין וואָרט: „אַזוי ווי פיל פון אונדזערע לעזער... על־כן גייט אַרויס „די יאַרמלקע" מהיום והלאה אָן „אַ גוט שבת"...

איז זיך מיישב „דער קאַפּעלוש": אַז יענער איז יאָ אַזאַ מאַלפּע, וועלן מיר זען! און ער איז געפאַלן אַף אַ שיינער המצאה און גייט אַרויס איינמאָל אין אַ מיטן מיטוואָך אַף אַ טשיקאַוועסט נאָר מיט דריי זייטן, און די פּערטע — אַ גלאַטע, ווי אַ לאָקשנברעט. איז אָבער „די יאַרמלקע" ניט פויל און גייט אויך אַרויס דעם זעלבן מיטוואָך נאָר מיט דריי זייטן, און די פערטע — אַ גלאַטע, ווי אַ לאָקשנברעט. האָט דאָס שוין רעכט פאַרדראָסן דעם „קאַפּעלוש", און ער האָט גענומען קודם רייניקן די רעדאַקציע פון די מענטשן, וואָס „טראָגן אַרויס דאָס מיסט פון שטוב". נאָר עס האָט ווינציק־וואָס געהאָלפן. ער האָט זיך איבער־צייגט, אַז ס'איז ניטאָ קיין פאַרבאָרגענע זאַך פאַר דער „יאַרמלקע".

ד

אַנקעטעס

די כתרילעווקער רעדאַקטאָרן האָבן פיינט בלאָזן פון זיך קעגן די לעזער, אָדער מאַכן פון זיך אַ גאַנצן צימעס. אדרבה, אין כתרילעווקע איז צווישן רעדאַקטאָר מיטן לעזער פאַראַן אַ מין פאַדעם אַזעלכער, וואָס בינדט זיי צוזאַמען. אין כתרילעווקע האָט דער רעדאַקטאָר ליב זיך שואל בעצה זיין מיטן לעזער וועגן זיין צייטונג, איז צופרידן, אַז דער לעזער שרייבט אים אַ בריוול, און ער לאָזט אַרויס דעריבער פאַרשיידענע אַנ־קעטעס, דאָס הייסט, ער פרעגט זיך אָן בײַ די לעזער, זיי זאָלן זיך מטריח זיין אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן דער אָדער יענער פראַגע. וועגן דעם מין אַנקעטעס גיי איך איצט דערציילן אַ מעשה.

דערציילט האָט מיר טאַקע אַ כתרילעווקער ליטעראַט, וואָס האָט מיך צוליב דעם אַרויסגעפירט ווײַט־ווײַט הינטער דער שטאָט. און אַז מיר זײַנען געבליבן דאָרט אַליין, האָט ער זיך פריִער צעלאַכט, און אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט ער אָנגעהויבן בזה הלשון:

— ווייסט איר, ווען ס'איז די ערגסטע צײַט בײַ אונדז אַף גאַזעטן?

— זומער. סײַדן אַז גאָט העלפֿט אַ חלירע — דעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. דעם זומער, וואָס איך דערצייל אײַך, איז קיין חלירע ניט געווען

— נאָר משוגע צו ווערן! וואָס טוט מען? פֿאַלט דער „קאַפּעלוש" אַף אַ שפּיצל (איך בין דעמאָלט אַקוראַט געווען אָנגעשטעלט אין „קאַפּעלוש") און טרעט אַרויסעט אין מיטן דרינען מיט אַ נײַעס: „אַזוי ווי אַ געוויסער טייל לעזער פֿונעם „קאַפּעלוש" איז ניט צופֿרידן מיטן קעפּל פֿון אונדזער גאַזעט; זיי זאָגן, אַז די למ"ד פֿונעם „קאַפּעלוש" איז צו לאַנג, זעט אויס ווי אַ טשערנאָהוז, און אַ געוויסער טייל זאָגט אַדרבה, אַז אַ לאַנגע למ"ד איז אַ סך שענער ווי אַ קורצע, — על־כּן גיט מען איבער די דאָזיקע פֿראַגע פֿאַר די לעזער: אויב די מאַיאָריטעט לעזער וועלן זאָגן, אַז זיי ווילן אַן אַנדער קעפּל, איז, ניט קוקדיק אַף די הוצאות, גיט מען זיי אַן אַנדער קעפּל. ווער עס וויל זיך באַטייליקן אין דער דאָזיקער אַנקעטע, באַדאַרף זיך מעלדן מיט אַ בריוו אין דער רעדאַקציע פֿונעם „קאַפּעלוש".

אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט, האָט זיך אונדזער רעדאַקטאָר געפֿרייט. „די בהמות, האָט ער געזאָגט, וועלן שוין האָבן וואָס צו קײַען". צום סוף לאָזט זיך אויס, מיר קומען אַף מאָרגן אין דער פֿרי אין דער רעדאַקציע, מיר טוען אַ קוק — דער רעדאַקטאָר זידט, ווי אַ סאַמאָוואַר. וואָס איז? מיר מאַכן אים אומגליקלעך! מיט טראָגן אַרויס פֿון דער רעדאַקציע אַלע סודות! און ער נעמט און באַווײַזט אונדז „די יאַרמלקע" מיט דער זעלביקער מודעה, וואָס אין דעם „קאַפּעלוש": „באשר אַזוי ווי ניט אַלע לעזער פֿון דער „יאַרמלקע" זײַנען צופֿרידן מיטן קעפּל פֿון אונדזער גאַזעט; זיי געפֿינען, אַז די למ"ד פֿון דער „יאַרמלקע" איז אַ ביסל צו קורץ, זעט אויס ווי אַ קאַטשקע, בשעת די שווימט; און אַנדערע געפֿינען, אדרבה, אַז אַ קורצע למ"ד איז אַ סך שענער פֿון אַ לאַנגער למ"ד, — על־כּן גיט מען איבער די דאָזיקע פֿראַגע פֿאַר די לעזער: אויב דאָס רוב לעזער וועט זאָגן, אַז זיי ווילן אַן אַנדער קעפּל, מעג עס קאָסטן מי יודע וויפֿל — גיבן מיר זיי אַן אַנדער קעפּל. די לעזערן פֿון דער „יאַרמעלקע" זײַנען געבעטן, זיי זאָלן זיך מטריח זײַן און זיך מעלדן מיט דער אַנקעטע דורך פּאָסט אין דער רעדאַקציע אַרײַן".

דאָס איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פֿאַרן „קאַפּעלוש"! פֿונדעסטוועגן

האָט ער ניט אויפגעהערט טאָג־אײַן טאָג־אויס צו דרוקן די אַנקעטע פּור־נעם קעפּל, און „די יאַרמלקע" — אויך דאָס זעלבע: טאָג־אײַן טאָג־אויס מיטן קעפּל! און אָט אַזוי האָט זיך עס בײַ אונדז אין כתרילעווקע כמעט דעם גאַנצן זומער געקעפּלט און געקעפּלט, ביז „דער קאַפּעלוש" איז אין אַ שיינעם פּרימאָרגן אַרויס מיט אַ בשורה: „מיר קאָנען אָנזאָגן אונדזערע לעזער, אַז דאָס קעפּל פון אונדזער „קאַפּעלוש" בלײַבט איבער דאָס אייגענע, ווײַל פון אונדזערע 20,000 לעזער זײַנען 187 קעגן אַלטן קעפּל, און די איבעריקע 19,813 זײַנען פּאַרן אַלטן קעפּל"... זײַט איר פאַרטיק? אוודאי איז דעם זעלבן טאָג „די יאַרמלקע" אַרויס מיט דער זעלבער דערקלערונג: אַזוי ווי פון אונדזערע 20,000 לעזער זײַנען 187 קעגן אונדזער אַלטן קעפּל, און די איבעריקע 19,813 זײַנען פּאַרן קעפּל, על־כן בלײַבן מיר באַם אַלטן קעפּל"... פון וואַנען „די יאַרמלקע" איז דאָס געוווירע געוואָרן? — דאָ איז דאָך נישטאָ קיינער, נאָר איר און איך און גאָט — איך זאָג אײַך: דאָס איז אַ שוואַרצער כח! אַ כשוף־מאַכער! דער גוטער־יאָר ווייס אים!... נאָר איר ווילט דאָך וויסן דעם סוף? אַ וויסטער סוף! אונדזער רעדאַק־טאָר פונעם „קאַפּעלוש" האָט זיך פאַרשלאָסן בײַ זיך אין קאַבינעט און האָט זיך אָזש צעוויינט. פון וואַנען איך ווייס עס? — מסתמא ווייס איך, אַז איך זאָג... דערנאָך, אַז ער האָט זיך אויסגעוויינט, האָט ער צעטריבן אַלע מיטאַרבעטער — און מיך בתוכם — און האָט צוגענומען נײַע. ער האָט שוין אָבער יענע אויך דורכגעטריבן און אויף זייער אָרט צוגענומען צוריק די אַלטע. נאָר צו מיר איז עס נאָך נישט אָנגעקומען. עס וועט מסתמא קומען. מע דאַרף האָפן... ער איז אַ משוגענער, דער „קאַפּעלוש" — ס'איז אמת: מע פאַרדינט אָבער בײַ אים אַ פּאָר גראָשן... בײַ דער „יאַרמעלקע" קאָן מען דאָס אויך נישט. די „יאַר־מעלקע" איז נאָך פיל ערגער!...

ח

סענסאַציעס און ראָמאַנען.

ווי אין דער גאַנצער וועלט, האַלט זיך די כתרילעווקער פּרעסע אויף די אויסערגעוויינלעכע נײַס פון טאָג, אויף סענסאַציעס. נישט מער, אויף דער גאַנצער וועלט איז דאָס מיט אַ מאָס, אין כתרילעווקע ווייס מען

נישט פון קיין מאָס — און אַלץ צוליב דער קאָנקורענציע. למשל: ברענגט „דער קאַפּעלוש" אַ נײַעס, אַז אין פראַנקרײַך האָט אַ פרוי גע־בוירן אַ קינד מיט צוויי קעפּ, — געפינט איר אַף מאָרגן דאָס זעלבע נײַעס אין דער „יאַרמעלקע", נאָר אַ ביסעלע צוגעפּעפּערט: אַז אין פראַנקרײַך האָט אַ פרוי געבוירן אַ קינד מיט ד ר ײַ קעפּ, דאָס קינד לעבט און עסט מיט אַלע דרײַ מײַלער... אָדער דעם „קאַפּעלוש" איז געראָטן צו ברענגען אַ נײַעס, אַז אין מיטן יולי איז אין אָדעס אויסגעפאַלן אַ מוראַדיקער שניי, ווי אין ווינטער, — האָט געכאַפּט אַף מאָרגן „די יאַרמעלקע" און האָט געגעבן דאָס זעלבע נײַעס, נאָר אַ ביסעלע שטאַרקער, אַז אין אָדעס איז אויסגעפאַלן אין מיטן יולי אַ שניי אַף דרײַ קלאַפטער, עטלעכע און צוואַנציק מאַן האָט מען געפונען געפרוירענע.

שענער פון אַלץ איז די מעשה מיטן פיש. איינמאָל אין אַ פרײַטיק איז די „יאַרמעלקע" אַרויס מיט אַזאַ מין נײַעס: אַז אַ יודענע, אַ לעזערן פון דער „יאַרמעלקע", האָט געקויפט פיש אַף שבת, אַ העכט פון עטלעכע פונט. געבראַכט דעם פיש אַהיים, האָט זי דעם פיש אָפּגעשאָבן און אויפ־געשניטן און געפונען אינעם פיש אַ פינגערל מיט צוויי אויערינגלעך, זהב טהור. מע שאַצט דאָס זייער אַ סך געלט. ווער עס וויל אָנקוקן דאָס פינגערל מיט די אויערינגלעך, קאָן עס זען אין דער רעדאַקציע פון דער „יאַרמעלקע".

האָט דאָס דעם „קאַפּעלוש" פאַרקאַכט באַם האַרצן, און ער איז אַ גאַנצן טאָג שבת אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. קוים דערלעבט זונטיק, האָט ער געלאָזט וויסן זײַנע לעזער, אַז אַ יודענע, אַ לעזערן פונעם „קאַפּעלוש", האָט געקויפט אַ פיש אַף שבת, אַ שלײַען פון אַ פונט צען, און האָט אים קוים געבראַכט אַהיים. אין דער היים האָט זי דעם שלײַען אָפּגעשאָבן און צעשניטן און אַרויסגענומען אַ גאַנצן אוצר: אַ האַלב טוץ עס־לעפל, אַ טוץ קליינע לעפעלעך, דרײַ בעכערלעך געגילטע, צוויי פּאָדסטאַווקעס, אַ פּאָר זילבערנע לײַכטער — אַלצדינג 84 פּראָבע. ווער עס וויל עס זען, זאָל קומען אין דער רעדאַקציע פונעם „קאַפּעלוש".

נאָר מער סענסאַציאָנעלער פון אַלצדינג איז דאָרט דער ראָמאַן. אין דער צײַט, וואָס איך בין געווען אין כתרילעווקע, האָבן ביידע צײַטונגען, „דער קאַפּעלוש" מיט דער „יאַרמעלקע", געדרוקט אַ העכסט־אינטערע־סאַנטן און שפּאַנענדן ראָמאַן. באַ איינעם האָט ער געהייסן: „ד ע ר

פ ע ר ב אָ ט ע נ ע ר ק ו ש פ ו ן ד ע ר ג ע ג נ ב ע ט ע ר כ ל ה". באַם צווייטן האָט ער געהייסן: „ד ע ר ג ע ג נ ב ע ט ע ר ק ו ש פ ו ן ד ע ר פ ע ר ב אָ ט ע נ ע ר כ ל ה".

ווי מײַן אויבנדערמאָנטער כתרילעווקער ליטעראַט האָט מיר איבער־געגעבן, בסוד געוויינלעך, איז דער דאָזיקער ראָמאַן אַרויסגענומען פון אַן אַלטן רוסישן בוך דורך צוויי ליטעראַטן, וואָס האָבן זיך גענומען צעשמירן די מעשיות ווי ווײַט מעגלעך ל ע נ ג ע ר, און בכדי צו האַלטן דאָס פּובליקום אין שפּאַנונג, טראַכטן זיי צו אַלע טאָג נײַע סענ־סאַציעס, לייגן אַוועק אין מיטן העלן טאָג אַ פרישן, אַ געזונטן העלד און מאַכן אים אָבער באַלד לעבעדיק, פוילן זיך נישט אָראָפּברענגען פון יענער וועלט אַ פּאָר ווײַבער, אַבי עס פּאַסט זיי צום רומל. און אַז איר ווילט, הייבן זיי גאָר אָן נאָכאַמאָל פונעם אָנהייב — און טוט זיי עפּעס! מע מוז אָבער דעם אמת זאָגן, אַז אין כתרילעווקע ווערט דער דאָזיקער ראָמאַן געלייענט מיט גרויס חשק. דער עולם לעקט פון אים די פינגער, קוקט אַרויס אַף אים. קוים וואָס מע דערלעבט דעם פרימאָרגן, טוט מען זיך אַ וואָרף אַף דער „פערבאָטענער כלה", מע וויל שוין וויסן, וואָס וועט זײַן דער סוף.

אַ סוף וואָלט שוין, אייגנטלעך, לאַנג באַדאַרפט זײַן. ס'איז שוין די פּאַרפּאַסערס אַליין אויך נמאס ומאוס געוואָרן צו ציִען די עצמות. זיי האָבן שוין לאַנג אַוועקגעלייגט די העלדן פונעם ראָמאַן: וועמען מע האָט אויפגעהאַנגען, וועמען מע האָט אַוועקגעסמט און וועמען מע האָט געשאָסן. נאָר איבער דער ווילדער קאָנקורענציע פאָדערן די רעדאַקטוירן, מע זאָל ציִען ווײַטער: קיינער פון זיי וויל נישט מאַכן קיין סוף, איידער דער אַנדערער וועט עס טאָן. אין דער צײַט, וואָס איך בין געווען אין כתרילעווקע, האָט דאָס געהאַלטן דערבײַ, אַז אייניקע העלדן פונעם ראָמאַן זײַנען געווען שוין דעם ד ר י ט ן מאָל געשאָסן, און די פאַר־באָטענע כלה איז שוין געווען צוויי מאָל געגנבעט, פאַרפירט און געפּײַ־ניקט; דערנאָך האָט מען זי געזוכט און געפונען און נאָכאַמאָל געגנבעט און מערדערלעך געפּײַניקט. עס האָט גאָר קיין שיעור נישט צו דער מערדערײַ פון די דאָזיקע מחברים — איך ווייס גאָרנישט, וואָס זיי טראַכטן זיך!

ד

רעקלאַמעס

אוודאי, ווען די כתרילעווקער גאַזעטן זאָלן דאַרפן אַרויסקוקן נאָר אַפן לעזער אַליין, וואָלטן זיי גרין באַשטאַנען. דער גאַנצער טומל מיטן הו־האַ איז נאָר צוליב דער פירטער זײַט פון דער גאַזעט — צוליב דער רעקלאַמע, צוליב די אַנאָנסן, וואָס אַף זיי, כידוע, האַלט זיך די פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט.

מע קאָן זאָגן, אַז אינעם ענין פון רעקלאַמע און אַנאָנסן זײַנען די כתרילעווקער גאַזעטן אַוועק אַפן זעלבן וועג, וואָס אין אַמעריקע, נאָר אַ סך ווײַטער. אין כתרילעווקע איז די רעקלאַמע שטאַרק אַרײַן אין דער מאָדע. נישטאָ שוין הײַנט אין כתרילעווקע דער סוחר, דער קרעמער, אָדער דער בעל־מלאכה, אָדער די קיך־ייִדענע, אָדער דאָס דינסטמיידל, וואָס זאָל נישט געבן קיין אַנאָנס אין די גאַזעטן. צי איר ווילט, צי איר ווילט נישט — אַנאָנסירן זיך מוזט איר. מאַכט איר חתונה אַ קינד — דאַרפט איר אַנאָנסירן. ווערט בײַ אײַך געבוירן אַ ייִנגל — גיט איר אַן אַנאָנס. אַ מיידל — אויך אַן אַנאָנס. און פאַרקערט, זײַט אַ חכם און פּרוּווט נישט געבן קיין אַנאָנס — איז דעמאָלט אַ קלאָג צו אײַער קאָפּ! דאָס הייסט, טאָן טוט מען אײַך, חלילה, גאָרנישט: מע שרײַבט נאָר דערנאָך וועגן אײַך אַזעלכע זאַכן אַף די גאַזעטן. אַז איר בעט זיך בײַ זיי: „קינדערלעך! נאַט אײַך איין אַנאָנס, צוויי אַנאָנסן, דרײַ אַנאָנסן, אַבי ווערט אַנטשוויגן”...

אָט וועגן דעם לויפן נאָך אַנאָנסן דערציילט מען זיך אָן אין כתרילעווקע אַ סך שיינע מעשיות. מיר גיבן דאָ איבער מער נישט אַ פּאָר פון די דאָזיקע מעשהלעך:

1) אַ מעשה מיט אַ קרעמער

נחום דעם באַקאַליישטשיק איז נמאס געוואָרן צו געבן אַנאָנסן אין די גאַזעטן. איז ער אויפגעשטאַנען איינמאָל אין דער פרי, געעפנט אַ גאַזעט און געכאַפּט זיך באַם קאָפּ: אַף דער ערשטער זײַט פון דער גאַזעט איז געשטאַנען שוואַרץ אַף ווײַס מיט גרויסע אותיות:

„הײַנטיקע נאַכט זײַנען אַנגעלאָפן מײַז

אין אַ היגער גרויסער באַקאַליינער קלייט און געמאַכט אַ תּל פֿון דער גאַנצער סחורה. אָנגעפּרעסן זיך מיט באַקאַליי, האָבן די מײַז גענומען פּגרן מאַסנווײַז..."

אַוודאי האָט זיך נחום באַקאַליישטשיק נעבעך געשמיצט און גע־וואָרפֿן, געשוואָרן זיך, אַז ער וועט מאַכן די גאַזעטן אַ „דיעלאָ"; נאָר געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אויף דער פֿירטער זײַט פֿוןביידע כּתרילעווקער גאַזעטן דרוקט זיך הײַנט אַלע טאָג מיט גרויסע אותיות אָן אָנאָנס:

„גוטע פֿרישע סחורה כּל המינים באַקאַליי קאָן מען קריגן נאָר בײַ נחום באַקאַליישטשיק".

אַז מע באַצאָלט רבי־געלט, ווערט מען, אַפּנים, קליגער.

2) אַ מעשׂה מיט אַ פֿעסל ווײַן

ייִדל ווײַנשענקער האָט זיך צעקריגט מיטן „קאַפּעלוש" און מיט דער „יאַרמעלקע" און האָט געזאָגט: אַן עק! ער וויל נישט מער רעקלאַמירן זיך אין די גאַזעטן — און טוט אים עפּעס! ער האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט, וואָרעם אויף מאָרגן איז געשטאַנען אַ נײַס אין ביידע כּתרילעוו־קער גאַזעטן, אַז בײַ אַ היגן ווײַנשענקער האָט זיך געטראָפֿן אַן אומגליק. אַ פֿעסל ווײַן איז געשטאַנען און געזײַערט, און מחמת זויערקייט האָט דער ווײַן אָנגעהויבן ייִרן און רײַסן זיך אַרויס. האָט דאָס פֿעסל געפּלאַצט, און דער ווײַנשענקער איז שיִער נישט אומגעקומען...

אַז ייִדל ווײַנשענקער האָט דאָס איבערגעלייענט, איז ער באַלד אַוועק אין ביידע רעדאַקציעס און אײַנגעגעבן אַן אָנאָנס:

„ווער עס וויל אַ פֿריש גלעזל ווײַן, זאָל ער זיך דערמאָנען, אַז ס'איז דאָ אַ ייִד, וואָס הייסט ייִדל ווײַנשענקער"...

אַז מע וויל נישט מיט גוטן, איז מיט בייזן!

3) אַ מעשׂה מיט אַ פֿענאָמען

בײַ אַ פּאָר־פֿאָלק נאָך דער חתונה איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל. האָבן די פֿאָטער און מוטער געפּראַוועט אַ ברית, ווי גאָט האָט געבאָטן. נאָר וואָס דען־זשע? זיי האָבן פֿאַרגעסן פֿריִער מיט אַ טאָג געבן אַן

אַנאַנס און דרוקן אַ מזל־טוב אין די גאַזעטן. אַף מאָרגן נאָכן ברית איז אין די כתרילעווקער גאַזעטן געווען צו לייענען אַ נאָטיץ מיטן נאָמען: „פּ ע נ אָ מ ע ן". אין דער נאָטיץ ווערט זיך דערציילט אַ מעשה, אַז אין כתרילעווקע איז פֿאָרגעקומען אַ חידושלעכע זאַך, וואָס טרעפֿט איין מאָל אין טויזנט יאָר. דהיינו: אַ יונג ווײַבל, אַן ערשטלינג, איז אויפֿגעבונדן געוואָרן מיט אַ פּענאָמען: צו פֿינף חדשים נאָך דער חתונה האָט זי בשלום געבוירן אַ יינגל. דאָס יינגל, דער „פּענאָמען", לעבט און איז געזונט און שטאַרק אַף אַלע אברים, און ערשט נעכטן איז געווען דער ברית"...

וואָס דאָס פֿאַר־פֿאַלק האָט איבערגעלעבט — באַדאַרף מען אַליין פֿאַרשטיין. דער יונגערמאַן, דער פֿאָטער פֿונעם „פּענאָמען", איז נעבעך אַרומגעלאָפֿן איבער כתרילעווקע, ווי אַ פֿאַרסמטע מויז, אויסגערעכנט אַלעמען אַף די פֿינגער, אַז ס'איז בײַ אים נאָך דער חתונה פּונקט נײַן חדשים מיט נײַן טעג... נאָר גיי שרײַ חי וקים! די שטאָט האָט אים אויסגעהערט און געקוויכט פֿאַר געלעכטער. דער יונגערמאַן האָט געסטראַשעט מיט אַ פּראָצעס, נאָר אַזוי ווי ס'איז נישט געווען אַרויסגעשטעלט קיין נאָמען — איז פֿאַרפֿאַלן, נישטאָ בײַ וואָס אָנצונעמען... די שטאָט האָט זיך געהאַלטן בײַ די זײַטן פֿונעם „פּענאָמען". דאָס איז אויך פֿון די זאַכן, וואָס אַ כתרילעווקער לעזער האָט ליב צו לייענען. אַ כתרילעווקער לעזער האָט פֿײַנט אומעטיקע מעשיות. ער האָט ליב, ס'זאָל זײַן פֿריילעך!

ז

פּאָליטיק

מע דאַרף נישט מיינען, אַז די כתרילעווקער פּרעסע איז אינגאַנצן אײַנגעטונקען נאָר אין דעם, וואָס ווערט אָנגערופֿן אין אַמעריקע ביזנעס, און אַז די גאַזעטן טרײַבן נישט קיין שום פּאָליטיק. וואָס וואָלט דאָס געווען פֿאַר אַ פּרעסע אָן פּאָליטיק? וואָס וואָלט דאָס געווען פֿאַר אַ גאַזעטן, ווען זיי זאָלן זיך נישט אינטערעסירן מיט זאַכן, וואָס זײַנען נוגע דעם כלל? נישט נאָר די רעדאַקטוירן און מיטאַרבעטער פֿון די צײַטונגען, נאָר אויך די לעזער ווערן אַרײַנגעצויגן אין דעם פּאָליטישן קאַמף, אַז עס קומט די צײַט. פּאַרטיעס האַלטן מלחמה. פּאַרטיעס שלאָגן

זיך. עס איז הימל עפן זיך. א ברודער שטייט־אויף אף א ברודער. דאס ווארט „יושר“ עקזיסטירט נישט. עס שטארבט אפ דאס געפיל פון רחמנות — ס'איז עק וועלט! און דאס ווערט איבערגעחזרט אקוראט אלע דריי יאר — מע קלייבט א ראבינער.

פארטיעס זיינען פאראן אין כתרילעווקע אזוי פיל, וויפל קאנדידאטן. צוויי קאנדידאטן — צוויי פארטיעס. איין קאנדידאט ווערט אונטערגעהאלטן פון דער „יארמעלקע“ און פון איר פארטיע, וואס מע רופט זיי דארט „יארמעלקיסטן“, דער אנדערער קאנדידאט ווערט געשטיצט פונעם „קאפעלוש“ מיט זיין פארטיע, וואס מע רופט זיי די „קאפעלושיסטן“.ביידע קאנדידאטן זיינען שוין געזעסן אין כתרילעווקע אף דער שטול, אבער נאר צו דריי יאר. מער פון דריי יאר איז נאך קיינער פון זיי נישט אויסגעזעסן. און יעדער פון די קאנדידאטן האט זיך, זעלבסטפארשטענדלעך, זיין פלאטפארמע. צום ביישפיל: דער קאנדידאט פון די „יארמעלקיסטן“, אז מע קלייבט אים אויס, קומט ער די ערשטע צייט שבת אין שול אריין פריער פון אלעמען, אין שטוב זיצט ער אין א יארמעלקע (א פארברענטער יארמעלקיסט!), און האט א טבע דינגען זיך. וויפל מע זאל אים געבן — איז קארג. אקעגן זשע אבער דער קאנדידאט פון די „קאפעלושיסטן“ גייט גארנישט אין שול אריין, סיידן א מאל אונטער א יום־טוב, און אין שטוב זיצט ער דווקא אן א היטל, און עסט, זאגט מען, א קאלבאס אויך. זיין פרינציפ איז: „נאפליעוואט“. און וואס ס'איז שייך צו דינגען זיך, דינגט ער זיך נישט, ווי יענער קאנדידאט. חס ושלום! ס'איז דא בא אים א טאקסע, און אז איר האט נישט צו באצאלן נאך דער טאקסע, מעגט איר זיך אויסציען און מעגט אויסגיין אפילו — נאפליעוואט!

אין דער צייט, וואס איך האב געוווילט אין כתרילעווקע, איז געווען אקוראט, ווי עס הייסט אין אמעריקע, „ערב עלעקשאן“ — ערב וואלן הייסט עס. א היים שטיקל צייט. און וויי־וויי, וואס ס'האט זיך געטאן אף ביידע גאזעטן! אלצדינג, וואס די צוויי האבן געשריבן, איז אוממעגלעך איבערצוגעבן. מיר קאנען דא נאר ברענגען א מאדעל פון דעם, ווי אזוי די צוויי רעדאקטוירן האבן זיך עם אביסל דורכגעשמועסט צווישן זיך איינמאל אין א פרימארגן אף זייער לשון:

„וויפל שוויס, וויפל ברוך, וויפל שמוץ עס האט זיך אנגעקליבן אונטער דער יידישער יארמעלקע! וויפל פיין, וויפל שפאט, וויפל גנאט

מיר האָבן געהאַט איבער דער היסטאָרישער יאַרמעלקע! דער טאָג, וואָס מיר וועלן אינגאַנצן באַפרײַט ווערן פון דער דאָזיקער יאַרמעלקע, וועט זײַן אונדזער צווייטער באַפרײַונגס־יום־טוב. דער טאָג, וואָס מיר וועלן אינגאַנצן פּטור ווערן פון דער דאָזיקער יאַרמעלקע, וועט זײַן אונדזער צווייטער יציאת מצרים. נידער מיט דער יאַרמעלקע! עס לעבע דער קאַפּעלוש; נידער מיט די יאַרמעלקיסטן! עס לעבע די קאַפּעלושיסטן! הוררראַ!"

איצטיקס מאָל האָט די „יאַרמעלקע" אָפּגעענטפערט דעם „קאַפּעלוש" אין גאָר קורצע ווערטער בזה הלשון:

„דאָס אָפּגעבאַרעטע קאַפּעלושל האָט שוין ווידער באַקומען לשון. וואָס קריכן זיי, די קאַפּעלושיסטן, מיט זייער קאַנדידאַט? שוין זשע ווייסן זיי נישט, אַז כתרילעווקע איז אַ ייִדישע שטאָט, אַ עיר ואם בישראל, וואָס וועט נישט אויסקלײַבן קיין ראַבינער אַ קאַנדידאַט, וואָס פרעסט חזירימלעך, געפּרעגלט אין פּוטער, אין די נײַן טעג, אָן אַ היטל, פאַרן דאַוונען, אומגעוואַשן?..."

מיט וואָס דער קאַמף האָט זיך דאָרט געענדיקט — ווייס איך נישט. איך בין אַוועקגעפאָרן.

ח

אַ מעשה מיט זיבן שדכנים

אַ צײַטונג דאַרף זיך צופּאַסן צו אירע לעזער און צו זייערע באַדערפענישן. דאָס האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען דער רעדאַקטאָר פון דער „יאַרמעלקע", און ער האָט נישט־לאַנג אײַנגעפירט בײַ זיך אין גאַזעט אַ מין ביוראָ פון שדוכים אונטערן נאָמען „קול חתן וקול כלה", און האָט געגעבן צו ווייסן זײַנע לעזער דורך אַ מודעה, אַזוי צו זאָגן:

„באשר אַזוי ווי די שטאָט כתרילעווקע ווערט גרעסער, און קינדער וואַקסן אונטער, און די שדכנים קאָנען זיך נישט צערײַסן, — על־כן האָבן מיר צוגעטראַכט אַ מיטל, אַז כתרילעווקער בעלי־בתים, וואָס זאָרגן פאַרן שיקזאַל פון זייערע קינדער, זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו דער הילף פון שדכנים און זאָלן אַליין קאָנען פאַרזאָרגן זייערע חתנים מיט כלות און זייערע כלות מיט חתנים. דהיינו, ווי אַזוי? גאָר פּשוט: יעדער

בעל־הבית, וואָס האָט אַ קינד אַף חתונה צו מאַכן, זאָל זיך נישט שעמען און מעלדן עס אין אונדזער „יאַרמעלקע", אַז ער האָט אַזאַ און אַזאַ בחור, אָדער אַזאַ און אַזאַ בתולה, און נדן גיט ער אַזויפיל און אַזויפיל, און פאַרלאַנגען פאַרלאַנגט ער דאָס און דאָס. די אַלע מעלדונגען דרוקן מיר אָן געצאָלטס, ווײַל מיר טוען עס נאָר לשם מצווה און צוליב טובת־הכלל"...

פאַרשטייט זיך, אַז פאַרן „קאַפּעלוש" איז דאָס געווען אַ באָמבע. סטײַטש, די „יאַרמעלקע" זאָל בײַ אים אַזאַ זאַך אויסכאַפּן! תחילת האָט ער גערעכנט אַרויסגיין מיט אַ פײַערדיקן אַרטיקל קעגן דער „יאַר־מעלקע", שרײַען גוואַלד — ווי ווײַט אונדזער כתרילעווקער פּרעסע איז געפאַלן און צו וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט זיך דערנידעריקט, אַז די „פאַרשימלטע יאַמפּערקע" איז שוין געוואָרן אַ שדכנטע אַף דער עלטער — און נאָך אַזעלכע שאַרפע ווערטער. צום סוף האָט זיך דער רעדאַקטאָר איבערגעלייגט און איז אַרויס אַף מאָרגן אין זײַן „קאַפּעלוש" מיט אַזאַ מין מעלדונג:

„די וועלט שטייט נישט. דער פּראָגרעס טוט זײַנס. עס האָבן זיך שוין געפעלט יענע צײַטן, ווען פאַנאַטישע פאָטער און מוטער האָבן געצוווּנגען זייערע קינדער, זיי זאָלן חתונה האָבן נישט מיט זייער גלײַכן. עס האָבן זיך שוין געפעלט יענע צײַטן, ווען אַ שדכן אַ פינצטערלינג איז געקומען און האָט אָפּגעגעבן מזל־טוב חתן־כלה. ניין. די קינדער פון אונדזער מאָדערנער צײַט זײַנען שוין קליגער געוואָרן. זיי קאָנען שוין אַליין זייער שטעטל באַשטיין. דאָס הייליקע געפיל פון דער הייליקער ליבע ברעכט דורך מויערן און שלאָגט זיך דורך דורך אײַזערנע ווענט. הערצער באַגעגענען זיך. נשמות באַהעפטן זיך. מיר עפענען אויף צוליב דעם דאָזיקן צוועק די טויערן פון אונדזער צײַטונג, און אונטער דעם טיטל „פון בחור צום מיידל און פון מיידל צום בחור" קאָן יעדער איינציקער מעלדן, וואָס ער פאַרלאַנגט, מעג עס זײַן אַ בחור אָדער אַ מאַמזעל, אַן אַלמן אָדער אַ וויטווע, — דער „קאַפּעלוש" איז שטענדיק גרייט פאַר זיי צו דינען, ווײַל דער דעוויז פון אונדזער צײַטונג איז: „דאָס וואָהל זײַן פונעם פאָלק". און דער דעוויז פון דער דאָזיקער נײַער אָפּטיילונג איז: „פרײַהייט און ליבע"...

און עס האָבן זיך גענעבן אַ שאָט מעלדונגען וועגן שדוכים אין

ביידע כתרילעווקער גאַזעטן: אין דער „יאַרמעלקע", אונטערן קעפּל „קול חתן וקול כלה", זײַנען אַרויסגעטראָטן די עלטערן פֿון חתנים און כלות, און אין „קאַפּעלוש", אונטערן קעפּל „פֿון בחור צום מיידל און פֿון מיידל צום בחור", זײַנען אַרויסגעטראָטן די חתנים מיט די כלות אַליין, און ס'איז געוואָרן אין כתרילעווקע ליהודים. אַ קלייניקייט, אַז איר קאָנט שרײַבן וואָס איר ווילט און קיין געלט קאָסט עס נישט!

וואָלט געווען גוט, ווען אין כתרילעווקע זאָל זײַן נאָר איין גאַזעט און קיין שדכנים זאָלן שוין גאָר אַף דער וועלט נישט זײַן. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז עס פּיקט זיך אויס אַ שדוך דורך איין גאַזעט, נאָר עס מישט זיך אַרײַן אויך די צווייטע, און אַ שדכן שטעלט אויך אַרײַן אַ פּוס — דעמאָלט ווערט אַ ויצעקו, אַז מע מוז אַפּטרעטן פֿון כתרי־לעווקע! גאָר נישט לאַנג פֿאַר מײַן אַוועקפֿאָר האָט זיך דאָרט געטראָפֿן אַ מעשה, וואָס ס'איז כדאַי זי צו באַשרײַבן, נישט אַזוי צוליב דער מעשה אַליין, ווי צוליב דעם מוסר־השׂכל פֿון דער מעשה. אַז די געשיכטע איז אַן אמתע, חלילה נישט קיין אויסגעטראַכטע, — גאַראַנטירט אין דעם דער, וואָס האָט זי מיר דערציילט. און דערציילט האָט דאָס מיר טאַקע יענער יונגערמאַן, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן בסוד־סודות די געשיכטע מיט די „קעפּלעך".

„אַז איר וועט האַלטן אַ מאָל באַם באַשרײַבן די דאָזיקע מעשה, זאָלט איר איר אַ נאָמען געבן: „אַ מ ע שׂ ה מ י ט ז י ב ן ש ד כ נ י ם". — אַזוי האָט זיך אָנגערופֿן צו מיר דער יונגערמאַן און האָט זיך פֿאַרשטעלט דאָס מויל מיט ביידע הענט און האָט זיך פֿאַר־גאַנגען פֿאַר געלעכטער. איבערשלאָגן אים האָב איך נישט געוואָלט. מסתמא, אַז ער אַליין לאַכט, איז דאָס שוין גוט לעכעריק. האָב איך אים געלאָזט, אַז ער זאָל זיך אויסלאַכן. און אַז ער האָט זיך גוט אויס־געלאַכט, איז ער צוגעטראָטן צום גוף המעשׂה, וואָס מיר געבן דאָ איבער מיט זײַן לשון:

— ווייסט איר דאָך שוין, ווי אַזוי אונדזערע בעלי־טובֿות, סײַ די קאָנסערוואַטיווע „יאַרמעלקע", סײַ דער מאָדערנער „קאַפּעלוש", טוען נישט חלילה קיין זאַך צוליב זיך, נאָר צוליב טובֿת־הכּלל און נאָר צוליב יענעם, און אַז איר לייענט וואָס זיי שרײַבן, קומט אויס, אַז זייער דעוויז איז „שלי שלך ושלך שלך". נאָר אַז איך וועל אײַך זאָגן, למשל, אַז אונדזערע ביידע רעדאַקטורן זײַנען שדכנים, פּשוטע שדכנים, וועט

איר נישט וועלן גלייבן, איא? וואס זשע וועט אבער זיין, אז איך וועל אייך באווייזן שווארץ אף ווייס?

באַ די ווערטער האָט דער יונגערמאַן ארויסגעצויגן פון בוזעם־קעשענע אַ פּאַק מיט גאַזעטן, פּרוּער די „יאַרמעלקע”, דערנאָך דעם „קאַפּעלוש”, און האָט גענומען לייענען:

„קול חתן וקול כלה”.

„ווערטער הער רעדאַקטאָר! היות אַזוי ווי איך בין אַ שטענדיקער לעזער פון אייער ווערטער „יאַרמעלקע”, געפין איך, אז ס'איז זייער גוט, וואס איר האָט איינגעפירט דעם „קול חתן וקול כלה”. און דעריבער בעט איך אייך, איר זאָלט אָפּדרוקן, אַז איך בין אַ כתרילעווקער בעל־הבית פון פיינעם שטאַנד, פון שלשלת היוחסין. און פאַרמאָג אַ טאָכטער אַ בת יהודה, וואס איך דאַרף זי נישט לויבן, וואָרעם סע שטייט געשריבן: יהללך זר ולא פיך — לאָז דיך יענער לויבן. נאָר אין קורצן וועל איך אויסרעכענען דאָ אירע מעלות. זי איז: 1) אַ בתולה, 2) אַ יפת־תואר, 3) אַ חכמה נפלאה, 4) אַ בריה אַף אַלצדינג, 5) געבילדעט סכנות, 6) שפּילט פּיאַנאָ, 7) עשרת אלפים נדן, 8) אויסגעקליידט בגדי מלכות, 9) קען בראַנצויז, 10) טאַנצן אויך. ווער עס האָט אַ זון, וואס האָט געענדיקט דעם פּריזיוו מיט אַ ווייסן בילעט און האָט פּראָוועס, זאָל זיך מעלדן אין דער „יאַרמעלקע” אָפּן נאָמען פון מ. ב. מ.”

דאָס איז נומער איינס. אין דער זעלביקער „יאַרמעלקע” פונעם זעלביקן טאָג האָט איר אייך אַזאַ מין מודעה:

„געערטער הער רעדאַקטאָר! כפי אַזוי ווי איך בין אַ שטענדיקער לעזער פון אייער געערטער „יאַרמעלקע”, געפין איך אויך, אַז איר האָט זייער גוט געטאָן, וואס איר האָט איינגעפירט באַ זיך אַזאַ טייערע זאַך, ווי דער „קול חתן וקול כלה”. אַלס באַווייז, ווי גוט דאָס איז, קום איך אייך מעלדן, אַז איך אַליין בין אַ היגער, אַ כתרילעווקער. מיינע עלטערן און אור־אור־עלטערן זיינען געווען כתרילעווקער. איך האָב דאַנקען גאָט אַ נאָמען, און בין אַליין אַ נגיד און אַ מיוחס, און טו שדוכים מיט די גרעסטע מיוחסים, און האָב אַ זון אַף החתונה צו מאַכן, וואס פאַרמאָגט אַ שיין ביסל מעלות. און מחמת סע שטייט געשריבן: יהללך זר ולא פיך, טייטש איך דעם פּסוק אַזוי: יהללך זר — לאָז דיך לויבן אַ פרעמדער; ולא — אַז ס'איז נישטאָ קיין פרעמדער? איז פיך — לויב זיך

אליין. אט דאָ זײַנען די מעלות פון מײַן זון: 1) אַ בחור, 2) אַ טאַטנס אַ קינד, 3) אַ בן־יחיד, 4) האָט אַ ווײַסן בילעט, 5) אַ קענער, 6) אַ כתבא רבה, 7) שפּילט פּידל, 8) רעדט לשון־קודש, 9) פרום, 10) האָט נדן אויך. ווער עס האָט אַ בתולה אַ יפת־תואר, זאָל זיך אָפּרופן אין דעם „קול חתן וקול כלה" פון דער „יאַרמעלקע" אפן נאָמען פון נ. ב. נ."

— פײַנע צוויי אַנאָנסלעך — איאָ? דאַרף זיך טרעפן אַזוי, אַז אַקוראַט אין יענעם טאָג דרוקן זיך, ווי איר זעט אָטאָ, אינעם „קאַפּעלוש", אונטערן קעפּל „פון בחור צום מיידל און פון מיידל צום בחור", אויך צוויי אַנאָנסן, שוין נישט פון די עלטערן, נאָר פון אַ בחור מיט אַ מיידל. אָט וואָס דער בחור שרײַבט וועגן זיך:

„ווערטער הער רעדאַקטאָר! אַלס אַ שטענדיקער לעזער פון אײַער ווערטן „קאַפּעלוש" קום איך אײַך צו מעלדן, אַז איך בין אַ שיינער בחור פון 23 יאָר, הויך געוואַקסן, און כאָטש איך האָב אַ ווײַסן בילעט, פונדעסטוועגן בין איך געזונט און שטאַרק, הלוואַי ווײַטער נישט ערגער. געקאַנטשעט האָב איך זעקס קלאַסן און האָב פּראַוועס פון אַ פּראָוויזאָר. איך זוך אַ מיידל אַ קראַסאַוויצע מיט היבשע עטלעכע טויזנט נדן און מיט אַ גוטן כאַראַקטער. אויב זי קאָן שפּילן פּיאַנאָ, איז דאָס נישט קיין חסרון, און טאָמער שטאַמט זי פון פײַנע עלטערן — שאַדט אויך נישט. ווער עס וויל מיך, זאָל זיך ווענדן צום „קאַפּעלוש" אפן נאָמען פון דעם „ווײַלן יונג".

— אָט דאָס שרײַבט דער בחור אין „קאַפּעלוש". אַצינד וועלן מיר זען, וואָס שרײַבט דאָס מיידל פונעם „קאַפּעלוש". זי שרײַבט אַזוי:

„געערטער הער רעדאַקטאָר! אַלס שטענדיקע לעזערן פון אײַער געערטן „קאַפּעלוש" לאָז איך אײַך וויסן, אַז איך בין אַ מיידל פון 21 יאָר, מיטעלע וווקס, שוואַרצע האָר, אַ ווײַס פּנים, מיט חן־גריבעלעך אין די באַקן און מיט זייער אַ גוטן כאַראַקטער. גאַנץ כתרילעווקע האַלט מיך פאַר אַ קראַסאַוויצע. אַז סע קומט אַף אַ שמחה, זײַנען אַלע קאַוואַליערן נאָך מיר די כפּרה. נאָר איך האָב זיי אין דער ערד. איך וויל אַ בחור מיט אַ גוטן כאַראַקטער, נישט יינגער פון 22, וואָס זאָל זײַן אַ מענטש און קאָנען געבן אַ ווײַב ברויט. טאָמער האָט ער נדן מאַכט נישט אויס. ער וועט יעדנפאַלס געפינען אין מיר אַ ליבע פרוי. זיך ווענדן אין „קאַפּעלוש" צו דער „באַרימטער קראַסאַוויצע".

— על־פּי שכל־הישר וואָלט, דאַכט זיך, באַדאַרפט זײַן אַזוי, אַז

דער פּאַטער פון דער יפת־תואר מ. ב. מ., וואָס זוכט אַ חתן מיט אַ ווײַסן בילעט, האָט באַדאַרפט זיך אָפּרופן אין דער „יאַרמעלקע" אַפן נאָמען נ. ב. נ., צוליבן בן־יחיד, וואָס האָט אַ ווײַסן בילעט און איז אַ מיוחס און שפּילט פידל און רעדט לשון־קודש, און אַזוי ווײַטער. דאָס וואָלט געווען באמת אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל. וואָס טוט גאָט? פאַרגלוסט זיך דעם פאָטער, וואָס לייענט די „יאַרמעלקע", געבן אַ קוק אַרײַן אינעם „קאַפּעלוש" אַף דער פירטער זייט, זען, וואָס טוט זיך עפּעס מכח דעם ענין פון חתן־כלה. אײַנגעלייענט זיך אין די מעלדונגען אַף דער פירטער זײַט איז אים אַרײַן אין נאָז אַרײַן: וואָס טויג אים דער מיוחס דער בן־יחיד, וואָס איז אַ כתבא רבה און רעדט לשון־קודש און שפּילט אַפן פידל? ער באַדאַרף נישט קיין בעסערן חתן, ווי דער „ווויִלער יונג" פונעם „קאַפּעלוש", וואָס האָט אַ ווײַסן בילעט און דערצו נאָך פראַוועס פון אַ פּראָוויזאָר. אי, וואָס ער איז אַ לעזער פונעם „קאַפּעלוש" מילא, ווו שטייט דאָס, אַז אַלע ייִדן דאַרפן לייענען די „יאַרמעלקע"? סע שטייט געשריבן: „וחי אחיך עמך"... בקיצור, ער האָט געשיקט רופן אַ שדכן און האָט אים איבערגעגעבן אַזוי און אַזוי די מעשה: „איר דאַרפט מיר אויפזוכן דעם אַדרעס פונעם „ווויִלן יונג" דורכן „קאַפּעלוש", און אויב מה' יצא הדבר, זאָלט איר אים ברענגען צו פירן, וועט ער זיך באַקענען מיט מײַן טאָכטער, וועט מען שרײַבן תנאים, ו ה כ ל ש ר י ר ו ק יי ם"...

אַצינד לאָזן מיר איבער דעם פּאַטער פון דער יפת־תואר און גייען אַריבער צום פּאַטער פונעם בן־יחיד דעם מיוחס מיטן ווײַסן בילעט, וואָס שפּילט אַפן פידל, רעדט לשון־קודש און אַזוי ווײַטער. איבערגעלייענט אינעם „קול החתן וקול כלה" פון דער „יאַרמעלקע", אַז ס'איז דאָ אַזאַ יפת־תואר מיט אַזוי פיל מעלות, און האָט נאָך צען טויזנט נדן אויך, האָט ער זיך געטראַכט, אַז דער שדוך איז טאַקע אַ פײַנער שידוך. נאָר וואָס דען? אַט די צען טויזנט נדן שטייט ווי אַ ביין אין האַלדז. אַ ייִד, וואָס זאָגט, אַז ער גיט צען טויזנט, גיט ער מסתמא די גרעסטע העלפט, הלוואי דרײַ — מע קען זיי, די כתרילעווקער נגידים! הינט זאָלן מיט זיי האַנדלען. אַמער, אַט האָט ער בעסער געלייענט הײַנט אינעם „קאַפּעלוש", מעלדעט זיך דאָרט אַ מיידל פון 21 יאָר, אַ קראַסאַוויצע, וואָס זוכט אַ חתן מיט אַ גוטן כאַראַקטער. „מע דאַרף נישט האָבן קיין בעסערן כאַראַקטער פון מײַן זונס כאַראַקטער!"...

אַט אַזוי האָט זיך געזאָגט דער ייִד פון דער „יאַרמעלקע", נ. ב. נ., און האָט געשיקט רופן צו זיך אַ שדכן און האָט אים איבערגעגעבן בסוד־סודות, ער זאָל למען השם אויסגעפינען אינעם „קאַפּעלוש", ווער איז די קראַסאַוויצע מיטן גוטן כאַראַקטער, און ער זאָל איר פאַרלייגן זײַן זון דעם בן־יחיד מיטן ווײַסן בילעט, וואָס שפּילט פידל, רעדט לשון־קודש און אַזוי ווײַטער. און אַז גאָט וועט העלפן, ס'וועט גיין אַ גאַנג, וועט אם ירצה שם זײַן רעכט, אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזלדיקער — אמן.

אַצינד וועלן מיר אַריבערגיין צום בחור פון „קאַפּעלוש", וואָס האָט געקאָנטשעט זעקס קלאַסן און האָט פּראָוועס פון אַ פּראָוויזאָר. דאַכט זיך, אַז אַ מינדעסט קינד וועט אויך זאָגן, אַז דער דאָזיקער בחור איז אָנגע־מאָסטן פאַר דער קראַסאַוויצע פונעם „קאַפּעלוש", וואָס אַלע בחורים זײַנען נאָך איר די כפּרה. צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? אַז דער בחור איז אַ בעלן געבן אַ קוק אַרײַן אין דער „יאַרמעלקע", און ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט אינעם „קול חתן וקול כלה" וועגן דעם ייִדן, דעם מיוחס, וואָס פאַרמאָלט אַ בת־יחידה אַ יפת־תואר מיט צען מעלות, און זוכט אַ חתן מיט אַ ווײַסן בילעט און מיט פּראָוועס, און גיט נאָך צען טויזנט אויך, האָט עס אים געגעבן אַ טראָג אויף: סטײַטש, ער האָט דאָך דעם אמתן ווײַסן בילעט מיט די אמתע פּראָוועס! און נישט וואַר־טנדיק קיין איבעריקע מינוט, האָט ער זיך שוין צונויפגערעדט מיט אַ באַקאַנטן ייִדן, וואָס זוכט אַ פּאַרדינסטל, און יענער איז גלײַך אַוועק צום בעל־הבית מ. ב. מ. און לייגט אים פאָר אַ בחור מיט אַ ווײַסן בילעט און מיט פּראָוועס. האָט זיך דער בעל־הבית דערפרייט און זאָגט צו אים: „סטײַטש, ער האָט נאָר־וואָס אַוועקגעשיקט צום בחור מיטן ווײַסן בילעט און מיט די פּראָוועס אַ שדכן!" זאָגט צו אים דער ייִד: „מילא, וועלן זײַן צוויי שדכנים, אבי ס'זאָל זײַן מיט מזל". זאָגט אים דער בעל־הבית: „פון אײַער מויל אין גאָטס אויערן". ענטפערט אים דער ייִד: „אמן".

אַצינד בלײַבט אונדז נאָר איבער די קראַסאַוויצע פונעם „קאַפּעלוש" — און מיר וועלן פאַרטיק מיט אַלע שדכנים. די קראַסאַוויצע, אַז זי האָט איבערגעלייענט אינעם „קאַפּעלוש", אַז ס'איז דאָ אַ חתן מיט אַ ווײַסן בילעט און מיט פּראָוועס, האָט זי אַ טראַכט געגעבן, אַז דאָס וואָלט אפשר געווען פאַר איר אַ גלײַכער שדוך, נאָר ס'איז פאַראַן אַ

שטיקל חסרון: ער זוכט אַ כלה מיט נדן, און נאָך היפּשע עטלעכע טויזנט דערצו — היפּשע עטלעכע מכות אים! אונדזערע קאַפּעלושיסטן, ס'זאָל זיי צו קיין חרפּה נישט זײַן, זײַנען טאַקע מאָדערן און ליבעראַל און אַלצדינג. נאָר אַז עס קומט צו געלט, כאַפּט זיי אַוועק דער שוואַרץ־יאָר. פאַר געלט וועלן זיי אײַך פאַרקויפן דעם אייגענעם טאַטן. אין געלט־זאַכן זײַנען שוין די יאַרמעלקיסטן אַ סך פײַנער. אַט לאָזט וויסן אין דער „יאַרמעלקע", אינעם „קול חתן וקול כלה", אַ ייִד אַ נגיד, אַז ער האָט אַ זון מיט אַלע מעלות און זוכט אַ יפת־תואר — אַ קראַסאַוויצע הייסט דאָס, און פון נדן דערמאָנט ער גאָר אפילו נישט. מעג נישט זײַן דער בחור דער פּראָוויזאָר מיט די פּראָוועס אַ כפּרה פאַר דעם ייִדן? נישמער, איין קליינעם חסרון האָט אָט דעם נגידס זון: ער איז פרום און רעדט לשון־קודש. האָפט זי אָבער, אַז קיין גרויסע שטערונג וועט דאָס נישט זײַן. פרומקייט איז אַ פּריוואַט־זאַך, און וואָס ער רעדט לשון־קודש — איז דאָס אַ קרענק, וואָס גייט איבער. לאָזן זיי נאָר חתונה האָבן, וועט ער שוין אויפהערן ריידן לשון קודש; ער וועט שוין ריידן באַ איר, ווי אַ מענטש!...

אַזוי האָט אָפּגעפּסקנט באַ זיך די קראַסאַוויצע און האָט געפּועלט באַ איר אייגענעם פעטער, נעבעך אַ ייִד אַ יורד, ער זאָל זיך מטריח זײַן צו יענעם נגיד פון דער „יאַרמעלקע", וואָס זוכט אַ קראַסאַוויצע אָן געלט, און זאָל אים באַווײַזן איר בילד, וועט ער אײַננעמען אַ מיתה־משונה. כּך־הווה — ס'איז טאַקע אַזוי געווען. ווי באַלד נאָר דער נגיד האָט דערזען דאָס בילד, האָט ער אויסגעשריִען: „אָט דאָס איז דאָך די, וואָס איך זוך פאַר מײַן זון! איך האָב געשיקט ערשט הײַנט אַ שדכן צו דער דאָזיקער יפת־תואר!" רופט זיך אָן דער פעטער פון דער קראַסאַוויצע, דער יורד: „מער קיין דאגות זאָלט איר נישט האָבן — וועלן מיר דעם רח"ש טיילן אַף דער האַלב, וואָס קאָן דאָ זײַן... „הלוואַי, פון אײַער מויל אין גאָטס אויערן". „אמן ואמן".

מיינט איר דאָך, אַז איר זײַט שוין פאַרטיק מיט אַלע שדכנים? האָט צײַט אַ ביסל. פאַרגעסט נישט, אַז כתרילעווקע איז אַ שטאָט, און אָרעמע לײַט, ברוך השם, זײַנען דאָ גענוג. שטייט זיך אַ ייִדל אין גאַס, נישטאָ וואָס צו טאָן, לייענט ער ביידע גאַזעטן, די „יאַרמעלקע" מיטן „קאַפּעלוש", פון דער ערשטער זײַט ביז דער לעצטער זײַט, לאָזט נישט דורך קיין אות אפילו. דערזעט ער אין ביידע גאַזעטן די חתנים מיט

די כלות און שפּרינגט אונטער פאַר התפּעלות: „סטײטש, ס'איז דאָך מן השמים! אָט דאָס מײדל, די קראָסאָװיצע פּונעם „קאַפּעלוש", איז אָנגעמאָסטן פאַרן נגידס בן־יחיד פון דער „יאַרמעלקע", װאָס זוכט אַ יפת־תואר אָן נדן, און די בתולה, די יפת־תואר פון דער „יאַרמעלקע", װאָס איז געבילדעט סבנות, שפּילט פּיאַנאָ און פאַרמאָגט צען טױזנט נדן, קאַנטשעט זעקס קלאַסן, װאָרעם יענע זוכט דאָך אַ חתן מיט פּראָװעס, און דער האָט אַלע פּראָװעס"...

און דער חברה־מאַן האָט נישט געמאַכט קײן לאַנגע שהיות — למאי זאָל אַן אַנדערער אױסכאַפּן? — און איז אין אײן שעה אױסגעװען בא אַלע פיר: באַם נגיד און באַם בעל־הבית פון דער „יאַרמעלקע" און באַם בחור מיטן מײדל פון דעם „קאַפּעלוש". נאָר װוּהין ער איז געקומען, האָט מען אים געענטפערט: „שױן אַביסל שפּעטלעך, פּעטער, האָט איר זיך אױסגעקראַצט — נאָר װאָס געװען אַ שדכן און גערעדט דאָס אײגענע, װאָס איר"... „װאָס געהער זיך עס אָן מיט מיר? געװען אַ שדכן, נישט געװען קײן שדכן — אַבי דאָס, װאָס איך רײד, רײד איך גלײך. און אפשר איז דאָס נישט גלײך, דאַרפט איר מיר זאָגן נאָר אײן װאָרט, מאַך איך דאָס קאַליע, װאָרעם אַף קאַליע מאַכן בין איך אַ בריה"...

דערהערט אַזעלכע דבורים, איז זײ פּרחה נשמתם געװאָרן. זײ האָבן דערזען, אַז זײ האָבן צו טאָן מיט אַ שײגעץ, אַ עזות־מחוצף־פּנים, האָבן זײ געגעבן דאָס ײדל, ער זאָל נישט קאַליע מאַכן, ובשכר זה, אַז ס'װעט זיך עפּעס דערפון אױספּיקן און ס'װעט קומען צום רח"ש, װעט מען שױן זען מסתמא, ער זאָל אױך עפּעס פאַרדינען.

און גאָט האָט געהאָלפן, בײדע שדוכים האָבן זיך אױסגעפּיקט און בײדע קנס־מאָלס זײנען געװען אין אײן נאַכט, און עס האָבן זיך אַ לאָז געגעבן שדכנים פון דער װעלט. ערשטנס, די צװײ שדכנים פון חתנס צד. דערנאָך די צװײ שדכנים פון כלהס צד. דערנאָך דאָס ײדל, װאָס האָט געזאָלט קאַליע מאַכן. איז אחת לאחת האָבן מיר אַ קײמא־לן פון פינף שדכנים. הײנט װוּ זײנען די רעדאַקטױרן פון בײדע גאַזעטן? די „יאַרמעלקע" און דער „קאַפּעלוש" זײנען געקומען בײדע אױסגעפּוצט, װי מחותנים, כאָטש קײנער האָט זײ נישט געבעטן. נאָר געקומען מהכתיתי, זײער אָנגעלײגט. האָט מען זײ גאַנץ פײן אױפגענומען, יעדן באַזונדער. געשטעלט בראָנפן, דערלאַנגט לעקעך מיט אײנגעמאַכטס. האָבן זײ זיך באַדאַנקט און געגעבן אָנצוהערעניש, אַז נישט צוליב דעם זײנען

זיי געקומען. „צוליב וואָס זשע דען?" „צוליב רח"ש". „וואָס הייסט — צוליב רח"ש?" „אָט דאָס הייסט. זיי מאָגען נישט, נאָר מע דאַרף אַליין פאַרשטיין... וואָרעם ווען נישט זיי מיט זייערע גאָזעטן, פון וואַנען וואָלטן זיך גענומען די דאָזיקע שדוכים? דאָס הייסט, מאָגען מאָגען זיי נישט, נאָר מע דאַרף אַליין פאַרשטיין"... אַזוי האָבן געטענהט אונ־דזערע רעדאַקטוירן, און בײַ די מחותנים וואָלט מען דאָס אפשר געפועלט, וואָרעם וואָס אַרט דאָס זיי? קיין צוויי מאָל רח"ש וועלן זיי נישט צאָלן. האָבן זיך אָבער די חברה שדכנים אויפגעהויבן און האָבן געמאַכט אַ גוואַלד עד לב השמים: „וואָס פאַר אַ שייכות האָבן רעדאַקטוירן צו שדכנות? און ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז בײַ צוויי שדוכים זאָלן זײַן זיבן שדכנים? צו דרײַ מיט אַ האַלבן שדכן אויף אַ שדוך?"... מער פון אַלע האָט אײַנגעלייגט די וועלט יענער יידל, וואָס האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט קאַליע מאַכן. ער האָט מבטיח געווען ביידע רעדאַקטוירן, אַז ער וועט זיי „אַרײַנוואַרפן יעדן איינציקן אַ בינטל פינגער אין טשאָלנט־בריטל אַרײַן"... און ער וואָלט זײַן הבטחה מקיים געווען, וואָרעם ער איז שוין גרייט געווען צו פאַרקאַטשען די אַרבל אפילו. האָבן זיך אַרײַנגעמישט די מחותנים פון ביידע צדדים און האָבן זיי צענומען — און אָט אַזוי, ווי איר זעט, זײַנען אונדזערע רעדאַקטוירן, דאַנקען גאָט, אַרויס טרוקן, אָן פעטש.

דאָ האָט זיך דער יונגערמאַן ווידער פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דאָס פנים און האָט געלאַכט שטילערהייט, זיך אַזש געטרייסלט פאַר געלעכטער. און אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט ער מיך אַ פרעג געגעבן, ווען איך בין פרײַ? אַזוי ווי איך האַלט בײַ אָוועקפאָרן, וויל ער קומען מיך אינטערוויוירן. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל קומען מאָרגן.

ט

אינטערוויו'ערס

אויף מאָרגן, נאָך דעם, ווי דער לאַכנדיקער יונגערמאַן האָט מיר דערציילט די מעשה מיט די זיבן שדכנים, איז ער געקומען צו מיר מיט אַזאַ גרויסן פאָרטפעל, אַז איך האָב מיך אַזש דערשראָקן.

— איך וויל אײַך אינטערוויוירן. — האָט ער אָנגעהויבן און אַרויס־

געצויגן א לאנג ביכעלע פון א זייט־קעשענע און גענומען מיר דערציילן מעשיות, מיך נישט געלאָזט א וואָרט אויסריידן. — פרעגט מיך, ווו עס וועט זײַן געדרוקט מײַן אינטערוויו מיט אײַך — ווייס איך אליין נישט. עס קאָן זײַן אין „קאפעלוש”. און עס קאָן זײַן אין דער „יארמעלקע”. אלע איינע שאַנסן, גיכער וואָלט מיך באדארפט צונעמען דער „קאפעלוש”. פאַרט א פּראָגרעסיווע גאזעט. כאָטש זײַן גאנצער פּראָגרעם באַשטייט אין דעם, וואָס ער לאכט שוין אָפּ פון יידישע דינים און מאכט חוזק פון יידישע מנהגים. צום בײַשפּיל: אים געפעלט נישט דער מנהג פון פאַסטן. קומט ערב־תשעה באב, אָדער ערב־יום־כפור, אָדער ערב אַן אנדער תענית — צעלאָזט זיך דער „קאפעלוש” מיט אן אַרטיקל פון א דאָקטער. דער דאָקטער איז אזוי א דאָקטער, ווי איר זײַט א גובערנאַטאָר. דאָס שרײַבט ער אליין, טאַקע דער רעדאַקטאָר בכבודו ובעצמו, און חתמענען חתמעט ער זיך „דאָקטאָר מאַלינוס אײַנגעמאַכצוס”. אין זײַנע אַרטיקלען צע־שפּרייט זיך דער דאָקטער מאַלינוס אײַנגעמאַכצוס וועגן די שעדלעכקייט פונעם פאַסטן און אָפּפאַסטן און פּײַניקן זיך, ברענגט ראיות פון ספרים און ביכער, וואָס קיינער האָט זיי נישט געזען, ברענגט נעמען פון גרויסע געלערנטע, אויסגעטראַכטע נעמען, למשל: דאָקטער פעפערוס, פּראָפע־סאָר קנאָבעלוס, פריעדריך פאָן ציבעלוס, טשאַרלז ברײַנוס, פיליפּ מוס־טאַרדוס, עדוואַרד לאַטקוס, לואידזשי פּאַלירטשעקוס און נאָך אזעלכע מינים נעמען פון דער הגדה. און טאָמער איז ווינציק אזעלכע אויטאָרי־טעטן, טוט ער זיך א וואָרף אָפּ סטאַטיסטיק און טוט א רעכן־אויס, וויפל מענטשן עס שטאַרבן אויס א יאָר פון פאַרצערונג דורך תעניתים. עס קומט אויס, אַז פון די תעניתים שטאַרבן אויס אין כתרילעווקע דרײַ מאָל אזוי פיל, וויפל עס ווערן געבוירן קינדער דורכן יאָר. און צום שלום פירט ער אונטער א חשבון. אויסגערעכנט מאַטעמאַטיש, ווי צוויי מאָל צוויי, אַז באַם יידן וועלן פאַסטן אַלע תעניתים, ווי ביז אַהער, וועט אין כתרילעווקע אין עלף יאָר מיט דרײַ חדשים נישט בלײַבן קיין איין ייד אפילו.

— דאָס איז וועגן תעניתים. הײַנט וואָס דער ייד צעאַרבעט וועגן דעם געצענדינערישן מנהג פון כפרות שלאָגן! און וועגן דעם ווילדן אײַנ־פיר גיין צו תשליך! דער רעדאַקטאָר פונעם „קאפעלוש” דערציילט זיך א מעשה פון פאַרצײַטן, א היסטאָרישע געשיכטע הייסט עס, וואָס האָט געטראָפן טאַקע דאָ, אין כתרילעווקע, ווי אזוי יידן זײַנען געגאַנגען צו

תשליך, איז געפֿאָרן אַ קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד נאַשפּיץ. אין קאַרעטע איז געזעסן דעם גראַפֿס טעכטערל מיט איר אַדיוטאַנט. האָבן די פֿערד דערזען אַזוי פֿיל ייִדן, האָבן זיי זיך ספּאָלאָשעט, צעטראָגען די קאַרעטע און אַרויסגעוואָרפֿן דעם גראַפֿס טאָכטער מיטן אַדיוטאַנט. און אַזוי ווי דער גראַף איז געווען דער בעל־הבית פֿון בתריל׳עווקע, צו אים האָט געהערט די שטאָט, האָט ער באַשטראָפֿט די גאַנצע שטאָט מיט שמיץ און אַרויפֿגעלייגט אויף אַלע ייִדן אַזאַ שווערן אָפּצאָל, אַז זיי האָבן הונדערט יאָר כּסדר נישט געקאָנט זיך אויסצאָלן.

— פֿאַרוואָס דער „קאָפּעלוש״ איז אויף מיר ברוגז — שטויסט איר זיך מסתּמא, אַז דער רוגז וואַקסט נאָך פֿון דער געשיכטע מיט די „קעפּלעך״, וואָס כ׳האָב אײַך דערציילט. כאָטש גאָט איז מײַן עדות, אַז איך בין אין דעם אַזוי שולדיק, ווי איר זײַט שולדיק. נאָר גאַרנישט. ער רעכנט, אַז דאָס האָב איך אַרויסגעגעבן דער „יאַרמעלקע״ אַלע סודות פֿון דער רעדאַקציע. ווײַבאַלד אַזוי, וואָלט, דאַכט זיך, די „יאַרמעלקע״ באַדאַרפֿט שלאָגן מיט מיר בלאַט, איאָ? לאָזט זיך אויס, אַז מײַן פֿוס טאָר דאָרט נישט זײַן! איבער וואָס? וועט איר הערן אַ שיינס. דאָס איז אָבער אַ לעכעריקע מעשׂה.

דאָ האָט זיך מײַן אינטערוויוער אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, זיך פֿאַרשטעלט מיט ביידע הענט און שטילערהייט געלאַכט. דער־נאָך, אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט ער גענומען דערציילן די מעשׂה:

— דאָס איז געווען שוין לאַנג, נאָך פֿאַר די „קעפּלעך״. איך בין דעמאָלט געווען כּל־זולך באַם רעדאַקטאָר פֿונעם „קאָפּעלוש״. איך האָב זיך גערעכנט כּמעט סעקרעטאַר פֿון דער רעדאַקציע. אַלע סודות זײַנען געווען באַ מיר אין די הענט. נישט געווען קיין פֿאַרבאָרגענע זאַך פֿאַר מיר. אין דער „יאַרמעלקע״ איז אויך געווען אַ סעקרעטאַר, טאַקע דעם רעדאַקטאָרס אַן אייגענער שוואָגער און מײַנער אַ גוטער פֿרײַנט, אַן אוהב נאמן. וואָס באַ ז יי האָט זיך געטאָן האָב א י ך געוווּסט, און וואָס באַ א ו נ ד ז האָט זיך געטאָן האָט ע ר געוווּסט. דאָס הייסט מיר האָבן זיך אַרויסגעגעבן איינער דעם אַנדערן אַלע סודות פֿון דער רעדאַקציע, זיך געביטן שטילערהייט מיט טעלעגראַמעס, געוויזן איינער דעם אַנדערן געהיימע בריוולעך, און טאָמער עפּעס אַן עקסטראַ — האָבן מיר געגעבן צו וויסן איינער דעם אַנדערן דורכן טעלעפֿאָן.

— ויהי היום, טרעפט זיך א מעשה, איך זיץ איינמאל אין דער רעדאקציע איינער אליין, שוין ווײַט נאך האלבער נאכט, צוגעשפארט אף דער קושעטקע, און כאפ א דרעמל. קלינגט מען מיר אין טעלעפאן איין מאל און צוויי מאל און דרײַ מאל. איך דרעמל אזוי געשמאק, האלט אין בעסטן שלאף, און יענער דרייט מיר א מח: טער־טער־טער־טער! „קלינג, טראכט איך מיר, צעזעצטערהייט, איך וועל זיך נישט רירן פונעם ארט". יענער וויל אבער נישט אויפהערן: טער־טער־טער־טער! בקיצור, עס העלפט נישט. איך שטיי אויף, נעם דאס טרײַבל: „ווער איז דארטן?" לאזט זיך אויס, ס'איז מײַן פרײַנט פון דער „יארמעלקע". „וואס טוסטו, פרעגט ער מיך, דו שלאפסט?" „הם ושלום, זאג איך, וואס הייסט איך שלאף?" „וואס דען טוסטו?" „איך ארבעט". „וואס ארבעטסטו? פאראן עפעס נײַס?" „נאך א מין נײַס!" „דהיינו?" „דהיינו, זאג איך, א פאגראם". „א פאגראם? ווו?" „וואס הייסט ווו, זאג איך, אנו טרעף, ווו דארף זײַן א פאגראם?" זאגט ער: „אוודאי אין קעשענעוו?" זאג איך: „אזא יאר אף מיר, וואס פאר א חכם דו ביסט!" זאגט ער: „טאקע עפעס א רעכטער פאגראם?" זאג איך: „מיט אלע פיטשעווקעס". „עפעס פאראן געהרגעטע?" זאג איך: „צוויי הונדערט". „געשענדעטע פרויען?" „פינף און דרײַסיק". „קינדער צעריסענע?" „אן א שיעור!"... מער האב איך פון אים נישט געהערט, ווארעם ער האט זיך געאײַלט איבערצוגעבן די טעלעגראמע פון קעשענעוו צום דרוק. און וואס מארגן האט זיך געטאן, אז די „יארמעלקע" איז ארויס מיט א דרײַגארנדיק קעפל: „א נײַער פאגראם אין קעשענעוו! (פון אונדזער ספעציעלן קארעספאנדענט)" — דארף איך אײַך נישט דערציילן. אונדזער רעדאקטאר פונעם „קאפעלוש" איז שיער נישט משוגע געווארן — נישט פון דעם פאגראם, חלילה, נאר פון דעם וואס אזא פעטע נײַס איז אין דער „יארמעלקע" פאראן און אין „קאפעלוש" נישט! ער האט אונדז אלעמען איבערגעטריבן אף הערטשקע, א גאנצן טאג געגעסן און געיאדעט — ביז עס האט זיך ארויסבאוויזן, אז די מעשה איז א ליגן, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. דעמאלט האט שוין דער רעדאקטאר פון דער „יארמעלקע" גענומען ארבעטן מעשים, דערגרונטעוועט זיך, פון וואנען האט זיך גענומען צו אים אזא אומגעלומפערטע טעלעגראמע, און עס האט געהאלטן, אז דער סעקרעטאר, כאטש ער איז א שוואגער, זאל נעמען דעם וועג און זאל נאך זײַן גוט אויסגע־

פּאַטשט אויך. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער האָט זיך נעבעך געמוזט מודה זײַן, פֿון וועמען דאָס וואַקסט. דעמאָלט האָט דער רעדאַקטאָר פֿון דער „יאַרמעלקע" באַפֿוילן, אַז מאַמער באַווײַז איך זיך פֿאַרבײַ דער רעדאַקציע, ביז איך אַ טויטער...

בײַ די ווערטער האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. איך האָב גע־בעטן אַרײַן, און עס האָט זיך באַוויזן אַ יונגער פּאַרשוין מיט אַ רויט באַשפּריינקלט פּנים, מיט אויך אַ גרויסן פּאָרטפֿעל. מײַן לאַבעדיקער יונגערמאַן האָט דערזען דעם אַרײַנגעקומענעם פּאַרשוין, איז גלײַך ווי ער וואָלט דערזען עמעצן פֿון יענער וועלט. זײַנע אויגן זײַנען אים געוואָרן גרויס, און אַליין איז ער אויפֿגעשטאַנען, אַ כאַפּ געגעבן זײַן פּאָרטפֿעל, זיך אין דער גיך אָפּגעזעגנט מיט מיר און איז נעלם געוואָרן. געבליבן מיטן נײַעם פּאַרשוין אינצווייען, האָב איך אים געבעטן זיצן. ער האָט זיך באַדאַנקט, אַרויסגענומען פֿון פּאָרטפֿעל אַ בויגן פּאַפּיר און פֿון דער זײַט־קעשענע אַ פּולפֿעדער און האָט זיך אָנגעגרייט גרייט צו דער אַרבעט.

— האָט קיין פֿאַריבל נישט, — האָט ער אָנגעהויבן — איך האָב געהערט, אַז איר זײַט דאָ, האָב איך אײַך געוואָלט אינטערווירן. וואָס האָט געטאָן בײַ אײַך אָט דער כלאַמידניק?

— וואָסער כלאַמידניק?

— אָט דער, מיטן פּאָרטפֿעל, וואָס האָט געכאַפּט דאָס היטל און איז אַרויסגעלאָפֿן, ווי פֿון אַ שׂרפֿה? ער האָט אײַך עפּעס דערציילט אַ סך מעשׂיות? זאָל עס נאָר פֿאַלן אין ים אַרײַן, רבונו של עולם, און אַזוי ווי איך האָב עס נישט געהערט, אַזוי זאָל עס מיר נישט שאַטן!

— וואָס איז? ער איז דען אַ...?

— איר ווילט זאָגן אַ ליגנער? כאַ־כאַ־כאַ! אַ ליגנער צו אַ ליגנער איז נישט גלײַך! כל היוצא מפּיו איז שקר וכזב! אַף אים האָב איך אַמאָל געזאָגט און געשריבן אין אַ פֿעליעטאָן: פֿאַראַן, זאָג איך, צווייערליי מינים ליגנערס. פֿאַראַן, זאָג איך, אַ ליגנער, וואָס זאָגט אַף שוואַרץ ווײַס און אַף זיס ביטער. דער, זאָג איך, איז אַ ליגנער, וואָס זאָגט, זאָג איך, אַף שוואַרץ, אַז ס'איז זויער און אַף זיס — אַלטגעבאַקן. כאַ־כאַ־כאַ, גוט אַרײַנגעזאָגט? ער האָט נאָך אַ מעלה: אַז ער זאָגט אַ חכמה, לאַכט ער זיך פֿריִער גוט אויסעט און דערנאָך ערשט דערציילט

ער אַ נאַרישקייט. אַף אים האָב איך אַמאָל געזאָגט און געשריבן אין אַ פעליעטאָן, אַז ס'איז פאַראַן, זאָג איך, דרײַערליי חכמים. איין חכם זאָגט אַ חכמה און לאַכט אַליין. דער אַנדער חכם זאָגט אַ חכמה, לאַכט יענער. דער דריטער חכם, זאָג איך, זאָגט אַ חכמה און קיינער לאַכט נישט. כאַ־כאַ־כאַ. ווי געפעלט דאָס אײַך? שאַט! איר זײַט נאָך נישט פאַרטיק — ער איז נאָך טויב אויך. טויב ווי די וואַנט. איך האָב אַמאָל געזאָגט אַף אים, אַז איך בין אים מקנא: ער הערט נישט די וועלט. כאַ־כאַ־כאַ! און דאָס האָט אַ השגה צו רופן זיך ליטעראַט. כאַטש ער געהער זיך אַזוי אָן מיט ליטעראַטור, ווי איך געהער זיך אָן מיט דער ענגלישער מלכה אַ גליד־שוועסטערקינד, כאַ־כאַ־כאַ! איר וווּנדערט זיך, וואָס איך בין פריילעך? דאָס איז דער כאַראַקטער פון מײַן טאַלאַנט. איך בין מיט אײַך פון איין חדר. דאָס הייסט. איך בין אויך אַ הומאָריסט, און מײַנע שרײַבעכצן איז נאָר סאַטירע און סאַטירע און סאַטירע. איך האָב אַנומלט אָנגעשריבן אַף אַ יונג פאַר־פאָלק אַ סאַטירע, האָב איך עס גע־מוזט דערנאָך פאַרברענען. נעמען דעם מאַנוסקריפּט און פאַרברענען אַפן פײַער. פאַרוואָס? וואָרעם אַזאַ שטאָט איז באַ אונדז. נישטאָ קיין סוד אין כתרילעווקע. איך האָב מײַן סאַטירע געלייענט פאַר אַ פאָר מענטשן בסוד־סודות, באַשווירן זיי, אַז קיין פויגל זאָל נישט וויסן. זײַנען זיי זיך מיישב און צעטראָגן עס איבער דער גאַנצער שטאָט. האָב איך געהאַט פונעם פאַר־פאָלק אָפּגעשניטענע יאָרן! דאָס ווײַבל האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך נאָר אַ מעשה אָנטאָן, און דער יונגערמאַן האָט געשווירן באַ גאָט, אַז ער וועט מיר אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין האַרצן. וואָס זאָגט איר אַף דעם באַנדיט? גיי שרײַב סאַטירעס אַף אַזעלכע לײַט! וואָס דאַרפט איר מער, איך וועל אײַך דערציילן אַ שענערע מעשה...

עס האָט זיך דערהערט אַ פרישער קלאַפּ אין טיר. איך האָב געבעטן אַרײַן, און ווי נאָר דער נײַער פאַרשוין האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל, האָט דער הומאָריסט זיך געגעבן אַ כאַפּ־אויף, פאַרנומען דעם פאָרטפעל מיטן בויגן פאַפּיר, אין דער גיך זיך אָפּגעזעגנט מיט מיר, צוגעזאָגט אַרײַנ־קומען שפּעטער, און איז אַרויסגעשוווּמען פון מײַן חדר. אַף זײַן אָרט איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן אַ דאַרער, אַ הויכער, אַ טרוקענער, מיט אַ קליין שיטער בערדל און מיט גרויסע טראַגישע אויגן אונטער זילבערנע ברילן — אַ מין דאָן קיכאָט פון אונדזערע צײַטן. אַרײַנגעקומען איז ער אויך מיט אַ גרויסן פאָרטפעל און גענומען זיך אַרומצוקוקן אַף אַלע

זײַטן. איך האָב אים געבעטן זיצן. ער טוט זײַנס — ער קוקט און קוקט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

— וואָס זוכט איר?

— איך זוך נישט, איך קוק נאָר, וואָס האָט דאָ געטאָן אָט דער חברה־מאַן?

— וואָסער חברה־מאַן?

— אָט דער, וואָס איז נאָר־וואָס געווען באַ אײַך. איך קוק, צי האָט ער עפּעס נישט אוועקגעלקחנט באַ אײַך?

— וואָס איז, ער איז דען אַ...?

— אַ גנב! אַ נאָטקע! באַ אים איז רעכט אַלצדינג: אַ זייגערל איז אַ זייגערל, אַ לעפל איז אַ לעפל. ער האָט אַף זײַן לעבן נאָך קיין צוויי שורות נישט אַרויסגעגעבן, זיי זאָלן זײַן זײַנע. אַלע ווייסן דאָס. אַנומלט האָב איך אָנגעשריבן אַ פּאָעמע — איך בין אַ פּאָעט מיט גאָטס הילף און שרײַב לידער, פּאָעזיע שרײַב איך. מײַן נאָמען איז אָט דאָ, אין דעם קאַרטל, און געקומען בין איך אײַך צו אינטערווירן, ווײַל איך האָב געהערט, אַז איר זײַט דאָ, וועט איר אונדז דערציילן נײַס — נאָר האָט קיין פּאַריבל נישט, איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן אײַך די מעשה פון מײַן פּאָעמע, מוז איך אײַך שוין דערציילן ביזן סוף. אַלזאָ, האָב איך אָנגעשריבן אַ פּאָעמע. אַן אויסגעצייכנטע זאַך. אַז איר וועט וועלן, וועל איך אײַך זי איבערלאָזן, איר זאָלט זי לייענען, אָדער איך וועל אײַך זי אַליין איבערלייענען פון אָנהייב ביזן סוף, וועט איר זען, וואָס דאָס איז פאַר אַ סחורה. איר וועט אַליין זאָגן, אַז אַ פּאָעט איז שטאַרקער פון אײַזן, אַז ער האַלט זיך אײַן אין אַזאַ אָרט, ווי כתרילעווקע, פאַרברענט זאָל דאָס ווערן! שטעלט אײַך פאָר, איך קום מיט מײַן פּאָעמע אין דער רעדאַקציע פון דער „יאַרמעלקע” און בעט, מע זאָל דאָס איבערלייענען, כאָטש איבערלייענען. זאָגט מען מיר, אַז זיי האַלטן נישט פון קיין לידער. קום איך אין דער רעדאַקציע פונעם „קאַפּעלוש”. שוין כלומרשט אַ ראַדי־קאַלער אָרגאַן, אַ פּרײַע צײַטונג. זאָגן זיי: ס'איז קיין פּלאַץ נישטאָ. זאָג איך: אָבער איבערלייענען מעגט איר דאָך! זאָגן זיי: ס'איז קיין צײַט נישטאָ. און אָט אַזוי זײַנען זיי אַלע: דער האָט קיין פּלאַץ נישט, דער האָט קיין צײַט נישט. גייט שרײַבט פּאָעמעס! וועט איר פרעגן: ווער הייסט אײַך שרײַבן? — וואָס זאָל איך טאָן, אַז סע שרײַבט זיך פאָרט? אַלע טאָג מוז איך שרײַבן. אַלע וואָך ווערט באַ מיר פאַרטיק

אַ פּאָעמע און אַ מאָל צוויי... נאָר איך האָב אײַך אָנגעהויבן צו דערציילן פֿון יענעם חברה־מאַן, מוז איך אײַך שוין דערציילן ביזן סוף. האָב איך מײַן פּאָעמע געלייענט פֿאַר אַ פּאָר פֿרײַנט, האָבן זיי געלעקט די פֿינגער, געזאָגט, אַז זיי האָבן שוין לאַנג אַזאַ אַנטיק נישט געלייענט. איז גוט? איז זיך מיישב יענער חברה־מאַן און שרײַבט אויך אָן אַ פּאָעמע מיטן זעלבן נאָמען און מיטן זעלבן אינהאַלט, אָבער וואָרט אין וואָרט, און טראָגט זיך אַרום מיט איר איבער דער שטאָט און לייענט זי פֿאַר איט־לעכן באַזונדער און גיט זי אַרויס פֿאַר זײַן אייגענער פּאָעמע. זאָל איך שווײַגן? האָב איך געמאַכט אַ גוואַלד — איך וויל אים רופֿן צו מענטשן. וויל ער נישט גיין. האָב איך אָנגעבאָטן גוטע פֿרײַנט, מע זאָל אים נייטן. בקיצור, מע האָט אים געבראַכט, דעם חברה־מאַן, צו מענטשן, און מענטשן, לויטער ליטעראַטן און שריפֿטשטעלער, האָבן אויסגעהערט אונדזערע ביידנס טענות און די עדות פֿון ביידע צדדים, דערנאָך האָט מען דורכגעקוקט ביידע פּאָעמעס און ס'איז טאַקע וואָרט אין וואָרט, ווי בײַ מיר. מיינט איר דאָך אוודאי, אַז מע האָט אים געקנסעט מיט מי יודע וואָס? קענט איר נישט אונדזערע כתרילעווקער ליטעראַטן און שריפֿט־שטעלער. זיי האָבן געפֿונען, אַזוי ווי ביידע פּאָעמעס זײַנען נאָך זייער מיינונג געשריבן געוואָרן יאַקאָבי אויף דער זעלבער אַרט ווי בײַ פּושקינען, דאָס הייסט, פּושקין האָט, זאָגן זיי, אויך באַאַרבעט די זעלביקע טעמע אַ סך פֿריִער, על־כן... וואָס כאַפּט איר זיך אָוועקצוגיין? און וואָס וועט זײַן מיט אונדזער אינטערוויו?...

ו

אַ מעשה מיט אַ יובילעום

„איר זײַט געבעטן צו קומען אויף דעם אָוונט, וואָס ווערט הײַנט אַראַנזשירט לכּבוד דעם גרויסן שריפֿטשטעלער און דראַמאַטורג קאָפּל בן צבי נאָדעלמאַן המכונה ק'ב'צ'ן', צו זײַן פֿינף־און־צוואַנציק־יעריקן יובילעום. דער אָוונט וועט פֿאָרקומען אין דעם גרויסן כתרילעווקער רעסטאָראַן פֿון אַ ל־טער פּאָגאַטש, געוועזענער יאַנקל קוואַטשקע".

אַט אַזאַ מין אײַנלאַדונג האָב איך באַקומען פון דער פּאָסט. געדענקט ‏נאָך איצט. דער אייגנטלעכער באַגינען פון דער אײַנלאַדונג איז געווען נישט קיינער, נאָר: „ד י ק אַ מ י ט ע״.

קוים דערלעבט דעם אויפדערנאַכט, האָב איך מיך איבערגעטאָן, גענומען אַ פורל און געהייסן זיך צופירן צום גרויסן כתרילעווקער רעסטאָראַן פון אַ ל ט ע ר פ א ו ג אַ ט ש, ג ע ו ו ע ז ע נ ע ר י אַ נ ק ל ק ו ו אַ ט ש ק ע.

דער בנוהג שבעולם איז, אַז מע דערציילט אַ מעשה און מע קומט צו צו אַ שטוב, הייבט מען אָן צו באַשרײַבן פריער די שטוב, ווי זי זעט אויס פון דרויסן, דערנאָך פון אינעווייניק. נאָר ווײַל דער בנוהג שבעולם איז אַזוי, דעריבער מוז איך אַקוראַט פאַרקערט און גיי אַריבער גלײַך צו דער מעשה.

ווײַזן ווײַזט אויס, אַז איך האָב מיך אַביסל צוגעאײַלט, וואָרעם דער זאַל איז געווען נאָך כמעט פּוסט. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט די „מענטשן״, אָנגעטאָן אין אָפּגעבאַרעמטע פראַקן מיט פּאַפּירענע, נישט איבעריק ווײַסע מאַנישקעס, צעשטעלט דאָס געפעס אַף דעם געגרייטן לאַנגן טיש און שטאַרק געקלונגען מיט די גאָפּל־מעסער. אַ שאַרפער גראָמאַט פון אײַנגעהאַקטע הערינג מיט ציבעלעס האָט זיך געלאָזט הערן איבער דער גאַנצער שטוב, און אַ קול פון אַ קליין עופהלע פון אַ זײַטיקן חדר האָט געגעבן צו וויסן, אַז אַט דאָ אין דעם הויז איז נישט לאַנג געבוירן געוואָרן אַ נפשל אַף גאָטס וועלט. ווער איז געווען די גליקלעכע געווינער — צי די בעל־הביתטע אַליין, צי איר טאָכטער, אָדער איר שנור, אָדער אפשר גאָר אַ ווילד־פרעמדע, אַן אורחטע — דאָס ווייס איך נישט. אַ פאַקט איז, אַז דאָס עופהלע האָט געשריגן מיט די לעצטע כחות, שיער נישט צעריסן געוואָרן שרײַענדיק. אין אַזאַ פאַל איז גוט באַבולע־פּאַפּיר, אײַנגעטונקען אין ספּירט, אָנגעצונדן מיט אַ שוועבעלע און צולייגן דאָס צום בײַכל; אָדער אַ טיכעלע, אײַנגעטונקען אין בראַנפן און באַשאָטן פון אויבן מיט פעפער; אָדער פון דער אַפּטייק פאַר צוויי גראָשן „פּערעגאַרעק״ איז זייער גוט; אָדער אַז נישט — איז גאָר געבן דעם קינד זייגן. דאָס איז דאָס בעסטע פון אַלע מיטלען.

אויסער די „מענטשן״ אין פראַקן, וואָס זײַנען געווען באַשעפטיקט מיטן גרייטן צום טיש, איז געווען צו באַמערקן עטלעכע יונגע לײַט, וואָס נאָך זייערע לאַנגע האָר און נאָך די ברילן אַף די אויגן בין איך

געווען כמעט זיכער, אַז דאָס זײַנען שריפטשטעלער און ליטעראַטן, וואָס זײַנען געקומען גלײַך מיט מיר צום יובילעום. איין זאַך נאָר איז מיר געווען אַביסל קשה: די יונגע לײַט זײַנען געווען שוין צו־פֿרעמד איינער צום אַנדערן און האָבן נישט נאָר נישט אַרויסגערעדט צווישן זיך קיין איינציק וואָרט — זיי האָבן אַפֿילו נישט געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע, אַרומגעשפּאַצירט מיט די הענט אין די קעשענעס פֿראַנק און פֿרײַ, אָדער געקוקט אין פֿענצטער אַרײַן און געפֿײַפֿט, גלײַך ווי יעדער פֿון זיי וואָלט דאָ געווען דער איינציקער אין זאַל. ביז גאָט האָט געהאָלפֿן, עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען פֿאַרשוינען נאָך און נאָך, און צווישן זיי מײַן גוטער באַקאַנטער, מײַן לאַבנדיקער אינטערוויוער, — האָט ער מיר שטיל אויפֿן אויער אײַנגערוימט אַ סוד, אַז דאָס זײַנען לויטער קאָלעגן, און נישט נאָר קאָלעגן — אייניקע פֿון זיי אַרבעטן שוין פֿון ווייס איך ווען אָן אין אַ גאַזעט.

— למאי זשעריידן זיי נישט צווישן זיך, אַז זיי זײַנען קאָלעגן?

— טאַקע דערימאַך ריידן זיי נישט צווישן זיך, ווײַל זיי זײַנען קאָלעגן. זעט איר אָט־אָ־יענעם־אָ, מיט די שוואַרצע קודלעס? — דאָס איז אַ דיכטער, וואָס שרײַבט לידער, און זעלטן־זעלטן שרײַבט ער אויך פּראָזע. נאָר ריידן רעדט ער נישט מיט קיינעם, אַפֿילו מיט זײַן אייגן ווײַב — סע שטייט אים נישט אָן. ער האַלט זיך גרעסער פֿון דער גאַנצער וועלט, און אַפֿילו פֿון זיך אַליין... פּושקין איז אַ הונט. לערמאָנטאָוו — אַ יינגל. מיט היינען האָט מען אים אַ מאָל פֿאַרגלײַכט, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן: וואָס איז היינע? אַ ליץ! אַ בדחן!... אויף אים דערציילט מען אַ שיינע מעשה: ער גייט נישט אין באָד אַרײַן. ער איז געווען אַ מאָל אין באָד און דערזען זיך אַ נאַקעטן, איז ער געוואָרן מלא כעס וחמה: אַזאַ גרויסער דיכטער — זאָל מען אים זען אַ נאַקעטן!

דערבײַ האָט זיך מײַן פֿרײַנט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און האָט זיך צעלאַכט מיט זײַן שטילן געלעכטער. און אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט, האָט ער זיך גענומען מיך אונטערהאַלטן ווײַטער.

— און אָט־אָ־יענעם זעט איר, וואָס מיט די בלויע ברילן און מיטן קורצן ווייטיקל? דאָס איז אַ דראַמאַטורג, וואָס באַקט דראַמעס, ווי מע באַקט בייגל. וויפֿל וואָכן אין יאָר, אַזויפֿיל דראַמעס. מיינט איר, ער האָט עפּעס דערפֿון? צרות האָט ער. ער האָט אַ ווײַבל, ווערט זי אַלע יאָר געלעגן. ווײַל ער נישט לײַדן: „אַלע יאָר אַ קינד!" זאָגט זי: „ווייסטו

וואָס? לאָמיר זיך בײַטן: האָב דו קינדער און איך וועל שרײַבן דראַמעס".

דאָ האָט זיך מײַן פרײַנט ווידער פאַרשטעלט דאָס פּנים און ווידער שטיל געלאַכט. און אַז ער האָט זיך אויסגעלאַכט, האָט ער גענומען דער־ציילן ווײַטער מיט זײַן שטיל קול, וואָס מע קאָן לעבן אים אַנטשלאָפן ווערן:

— און אָט־אָ־יענעם ייִדן זעט איר. וואָס מיט די קאַליע אויגן? דאָס איז אַ ראָמאַנען־שרײַבער. ער שרײַבט ראָמאַנען. גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט זיצט ער און שרײַבט ראָמאַנען. נישט אומזיסט זײַנען אים קאַליע געוואָרן די אויגן. צוליב וואָס ער שרײַבט ראָמאַנען — ווייס קיינער נישט. בסך־הכּל האָט ער אויף זײַן לעבן אָנגעשריבן עפּעס אַ מעשׂה, און די „יאַרמעלקע" האָט זי אָפּגעדרוקט. פון דעמאָלט אָן האַלט אָט דער ייִד אין איין שרײַבן ראָמאַנען. קיינער דרוקט זיי נישט. קיינער לייענט זיי נישט. נאָר ס'איז נישט זײַן עסק — ער שרײַבט. דערצו האָט אים גאָט געבענטשט מיט אַ ווײַב, האַלט זי אַ קלייטל פון שרײַבגעצײַג, גיט ער איר צו לייזן געלט, דאָס הייסט . . . .

. . . .

דאָ איז מײַן פרײַנט מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן סטאַטעטשנע, ווי אַ סאָלדאַט, אַז ער דערזעט אַן אָפיציר. עס זײַנען אַרײַנגעקומען צוויי נײַע פּאַרשוינען. איינער אַ הויכער אין אַ קאַפּעלוש, דער אַנדערער אַ נידעריקער פּעמפּיק מיט אַ פײַן בײַכל. אַרײַנגעקומען זײַנען די צוויי דורך איין טיר, גאָר שטאַרק אָנגעדרודלט איינס אויף דאָס אַנדערע, געקוקט דער אַהין, דער אַהער. יענער, דער לאַנגער, וואָס מיטן קאַפּעלוש, האָט אויסגעטאָן דעם קאַפּעלוש, דערלאַנגט אַ ווונק צו דער פאַר־זאַמלונג און געזוכט אַן אָרט אויף אַוועקצוזעצן זיך. און דער אַנדערער, דער פּעמפּיק מיט בײַכל, האָט אויסגעטאָן דאָס היטל אָנגעטאָן אַ זײַדן יאַרמעלקעלע און אויך גענומען זוכן אַן אָרט אויף צו באַזעצן זיך. אין דער צײַט האָט מיר מײַן לאַכנדיקער פרײַנט אײַנגערוימט דערווײַל אַ סוד אויפן אויער, אַז דאָס זײַנען זיי, די כתרילעווקער רעדאַקטוירן, פונעם „קאַפּעלוש" און פון דער „יאַרמעלקע".

— איר וואָלט זיך באַדאַרפט מיט זיי באַקענען, נאָר איצט איז אוממעגלעך. — אַזוי זאָגט צו מיר מײַן פרײַנט. פרעג איך אים:

— פאַרוואָס?

— ווײַל טאָמער באַקענט איר זיך מיט אײנעם פּרוּער, וועט דער אַנדערער אַף אײַך זײַן אש להבה!

— וואָס זשע טוט מען?

— גאָרנישט. עלעהיי איר זײַט געשטאָרבן.

— אַ דאַנק.

— נישטאָ פאַרוואָס.

און דער עולם איז געגאַנגען און געגאַנגען, דער זאַל איז געוואָרן פול געפּאַקט, און דער יובילײ האָט זיך אָנגעהויבן.

דער יובילאַר אַליין, אַ ייִד שוין אין די יאָרן, מיט אַ בלאַס הונגעריק פּנים, נאָר אין אַ נײַער שבתדיקער קאַפּאָטע, איז זיך געזעסן די גאַנצע צײַט זייער באַשיידן אָן אַ זײַט. מע האָט אים נישט געהערט און נישט געזען. ערשט דעמאָלט, אַז ס'איז געקומען די צײַט, האָט מען אים אַרויפגעפירט און אַוועקגעזעצט אויבנאָן, און ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלמן צו דער צווייטער חופּה.

די קאַפּאָטע, זאָג איך נאָך אַ מאָל און שטרײַך עס אונטער, איז געווען אַ שבתדיקע און אַ נײַע. נאָר איין חסרון האָט זי געהאַט — זי איז געזעסן אַף אים, ווי אַ ווילד־פרעמדע, און גלײַך ווי מײַנע געדאַנקען וואָלטן געווען אָנגעשריבן אַפן שטערן, האָט מײַן פרײַנט מיר אַרײַנגעשושקעט אין אויער אַרײַן:

— ס'איז נישט זײַן קאַפּאָטע. ס'אַ געליענע. מחמת ער איז, לא עליכם, אַ גרויסער אביון. און דער יובילײ, וואָס מיר מאַכן אים, איז נאָר מצד רחמנות.

— וואָס הייסט מצד רחמנות?

— אַזוי. אַ מענטש פּלאָגט זיך כל ימיו. געלט פון זײַנע שרײַבעכצן האָט ער ווינציק־וואָס געהאַט. כבוד — נאָך ווינציקער. לאָז ער כאָטש אַף דער עלטער האָבן אַ ביסל נחת־רוח, אַ שטיקל יובילײ.

— רבותי! איך בעט אַלע זאָלן פאַרנעמען די ערטער! — אַזוי האָט אויסגערופן אַ געלער יונגערמאַנטשיק מיט גאָלדענע ברילן און מיט אַ געמבע, וואָס גאָרנישט נאָך די יאָרן.

דאָס איז געווען דער פּרעזידענט פון דער קאָמיטע, און ער האָט גענומען אָנווײַזן פלינק און געשיקט יעדן אַף זײַן אָרט; און אַז ס'איז געקומען צום חתן־היובל, האָט ער אים גענומען אונטער אַ האַנט און

האָט אים באַזעצט גאַנץ אויבנאָן, און בײַ בײדע זײַטן האָט ער בריהש, אין איין און דער זעלבער צײַט, אַוועקגעזעצט בײדע רעדאַקטוירן, דעם „קאַפּעלוש” מיט דער „יאַרמעלקע”, וועלכע האָבן זיך אויסגעדרייט אײנער צום אַנדערן, מחילה, מיטן הינטערשטן חלק און האָבן אויסגעזען, ווי צוויי אונטערפּירער, וואָס זײַנען צווישן זיך פֿײַער מיט וואַסער, אַף מעסער־שטעך.

— רבותי! — האָט דער געלער פּרעזידענט אָנגעהויבן זײַן ערשט וואָרט. — רבותי! מיר האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט דאָ הײַנטיקע נאַכט צו פֿײַערן דעם יובילײ פֿון דעם עלטערן און גרעסערן פֿון אונדזערע שרײַפֿטשטעלער...

— דעם „גרעסערן”? — האָט זיך אויפֿגעכאַפּט דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס. — דעם „עלטערן” פֿאַרשטיי איך נאָך. אָבער דעם „גרעסערן”? וואָס פֿאַר אַ „גרעסערער”?

— אַביסעלע אַ גוזמא. — האָט אים אונטערגעהאַלטן דער דראַ־מאַטורג מיט די בלויע ברילן.

— נישט קיין גוזמא, נאָר אַ חוצפּה. — האָט זיך אָפּגערופֿן דער ראָמאַנען־שרײַבער מיט די קאַליע אויגן, און דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס האָט אונטערגעכאַפּט אַף אַ קול:

— אַ גרויסע חוצפּה! אַ חוצפּה און אַן אידיאָטסטווע!

— איר זײַט אַליין אַ אידיאָט! — האָט שוין דער פּרעזידענט נישט געקאָנט איבערטראָגן מער, און דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס האָט אַזש אָנגעהויבן צו ציטערן פֿאַר כעס. מײַנע אויגן האָבן זיך אַוועק־געשטעלט אַפֿן יובילאַר נעבעך אין דער געליענער קאַפּאָטע. זײַן בלאַס פּנים איז געוואָרן נאָך מער בלאַס: זײַנע אויגן האָבן ווי גערעדט, געבעטן זיך: „ייִדן! האָט רחמנות! פֿאַרשטערט מיר נישט מײַן שמחה!”... ס'איז אָבער געווען צו שפּעט. סטײַטש, מע האָט גענומען דעם באַרימט־סטן פֿון אַלע דיכטער, וואָס פּושקין איז אַקעגן אים אַ הונט, לערמאָנטאָוו אַ ייִנגל און הײַנע — אַ ליגן, אַ ברחן, און מע האָט געזאָגט אַף אים, אַז ער איז אַ אידיאָט! אויב אַזוי, טאָ נאָט ושע אײַך!...

— אַצינד איז די בעסטע צײַט, אַז מיר זאָלן זיך אַוועקמאַכן...

אַזוי האָט מיר מײַן גוטער פֿרײַנט אײַנגערוימט אַ סוד גלײַך אין אויער אַרײַן, און מיר האָבן זיך אַוועקגעמאַכט.

עפּילאָג

אַף מאָרגן אינדערפרי בין איך געוואָר געוואָרן, טאַקע פון מײַן גוטן פרײַנט, אַז מיר האָבן געטאָן גאַנץ גלײַך, וואָס מיר האָבן זיך באַצײַטנס „אַוועקגעמאַכט".

יא

אַ מעשה מיט אַ לוויה

איינמאָל אינדערפרי עפן איך אויף בײדע כתרילעווקער צײַטונגען, דערזע איך אויבנאָן, אַף דער ערשטער זײַט, מיט אַ גערדיכטן שוואַרצן ראַם אַרומגענומען, אָפּגעדרוקט אַט וואָס:

> פֿאַריקע נאַכט האָט כתרילעווקע געהאַט אַן אומגעהײַער גרויסן שאָדן. עס איז געשטאָרבן צו 52 יאָר דער באַרימטער שריפטשטעלער אברהם יצחק ווײַנגאָרטן המכונה א׳ב׳י׳ו׳ן׳. די לוויה וועט זײַן הײַנט 12 אַ זייגער. אַלע שריפטשטעלער און ליטעראַטן זײַנען געבעטן צו קומען אין דער נײַער שול צום הספד, און דאָרטן וועט באַשלאָסן ווערן, וויאַזוי ס׳זאָל זײַן די לוויה, און אויך וויאַזוי צו באַוואָרענען די אָרעמע אַלמנה און די אומגליקלעכע יתומים

דאַרף מען, אַפּנים, זיך אָנטאָן און גיין אין דער נײַער שול אַרײַן. די „נײַע שול" רופט מען זי נישט דערפֿאַר, ווײַל זי איז זייער נײַ, נאָר דערפֿאַר, ווײַל די אַלטע שול איז שוין צו אַלט, צו בײַכיק און צו אײַנבויגן. איך בין זיכער, אַז ניט הײַנט איז מאָרגן — וועט זי געבן אַ פֿאַל אום, און עס וועט חלילה זײַן אַ קאַטאַסטראָפֿע. ווען איך בין אַ כתרילעווקער תושב, ניט קיין גאַסט, וואָס „קומט אַף אַ ווײַל און זעט אַף אַ מײַל", וואָלט איך געזאָגט, מע זאָל די שול אומוואַלגערן. נאָר אַזוי ווי קיין שול וואַלגערט מען ניט אום, וואָלט איך געהייסן, מע זאָל איבערשיטן די ווענט, אַרויפשטעלן אַ נײַעם דאַך — און פֿאַרטיק. איז אָבער דער חסרון, וואָס דערצו דאַרף מען האָבן געלט, און קיין געלט איז ניטאָ — די אַלטע כתרילעווקער צרה! אַלצדינג האָט שוין דאָס מאָדערנע כתרילעווקע, נאָר איין זאַך פֿעלט דעם נאָך — געלט. ע, ווען כתרילעווקע, צו איר חכמה און צו איר פּראָגרעס, האָט נאָך די מטבע אויך — טע־טע־טע־טע!

ראשית, וואָלטן נישט געווען דאַרטן אַזוי פיל אָרעמעלײַט, און דאָס וואָלט שוין געווען, מײַן איך, אַ גרויסע טובה פאַר דער שטאָט, וואָרעם מיר דאַכט, אַז ס'איז גלײַכער איין נגיד איידער פופציק אָרעמעלײַט. איין איינס. והשנית, פון וואַנען וואָלטן זיך גענומען אַזוי פיל לײדיקגייער, אַלערליי פּוסטעפּאַסניקעס, שקצים ורמשים און טונעיאַדצעס, וואָס ווייסן נאָר שטאַרבן פון הונגער און אויסגיין פון קעלט? אַך, הונגער און קעלט! ווען וועט שוין קומען די צײַט, וואָס די צוויי מכות וועלן אויפהערן צו פּײַניקן די אָרעמע מענטשהייט בכלל און אונדזערע אומגליקלעכע כתרילעווקער אחינו בני ישראל בפרט?...

פאַרטיפט אין אַזעלכע אַלטרויִסטישע און הומאַניטאַרע מחשבות וועגן דער אָרעמער מענטשהייט און וועגן די אומגליקלעכע כתרילעווקער יידן, האָב איך דערווײַל פאַרשפּעטיקט צו דער פאַרזאַמלונג אין דער נײַער שול צום אָנדענק פונעם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער אברהם יצחק ווײַנגאָרטן המכונה א'ב'י'ו'ז', וואָרעם אַז איך בין געקומען, האָב איך שוין געטראָפן די שול פול־געפּאַקט מיט מענטשן, די פאַרזאַמלונג איז שוין לאַנג געווען געעפנט, און איינער, אַ שריפטשטעלער, געווינלעך, איז געשטאַנען און געדרשנט.

דאָס איז געווען זייער אַ שיינע, אַ רירנדיקע רעדע. אַ רירנדיקע ביז טרערן. דער רעדנער האָט מער נישט נאָר דערציילט, ווער דער נפטר איז געווען און ווי אַזוי ער האָט געלעבט. דאָס הייסט, ווי אַזוי ער איז געשטאָרבן, וואָרעם געלעבט האָט ער, אייגנטלעך, גאָרנישט.

— רבותי! — מיט די ווערטער האָט דער רעדנער פאַרענדיקט זײַן דרשה — רבותי! צוויי און פופציק יאָר נאָכאַנאַנד איז אַ מענטש געשטאָרבן. אין גהינם האָט ער זיך געפונען. אין גיהנם האָט זיך געפונען אונדזער פאַרשטאָרבענער חבר אַלע צוויי און פופציק יאָר פון זײַן לעבן, און געחלומט האָט ער פון אַ גן־עדן, וועלכן ער האָט כשר פאַרדינט, נאָר ער האָט אים נישט געהאַט. איך בין זיכער, אַז ער וועט אַרײַן גלײַך אַהין, אין גן־עדן אַרײַן. דעריבער דאַרפן מיר אים אָפּגעבן זײַן לעצטן כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן, וואָס גייט אין גן־עדן אַרײַן. דעריבער באַדאַרפן מיר פאַראייביקן זײַן נאָמען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן, וואָס גייט אין גן־עדן אַרײַן. דעריבער באַדאַרפן מיר פאַרזאָרגן זײַן אָרעמע אַלמנה מיט די אומגליקלעכע יתומים נעבעך, וואָס זײַנען געבליבן ווי אָפּן וואַסער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַן, וואָס גייט אין גן־עדן אַרײַן.

די רעדע, וויַיזט אויס, האָט ביַים עולם שטאַרק אויסגענומען, און מע האָט דעם רעדנער לאַנג־לאַנג געפּאַטשט בראַוואָ. און דער רעדנער איז אַ פּאַרשוויצטער אַראָפּ פון דער בימה, און ס'איז באַלד אַרויף אַ צווייטער רעדנער, וואָס האָט איבערגעחזרט כמעט אַלצדינג, וואָס דער ערשטער רעדנער האָט געזאָגט. נישמער ער האָט דאָס געזאָגט אַ ביסל אַנדערש און אַ סאַך ערגער, און דערמיט קאַליע געמאַכט דעם גוטן איַינדרוק, וואָס דער ערשטער רעדנער האָט געמאַכט. פונדעסטוועגן האָט מען דעם רעדנער אויך געפּאַטשט בראַוואָ גאַנץ נישקשהדיק, און עס איז אַרויף אַ דריטער רעדנער און האָט איבערגעחזרט כמעט אַלצדינג, וואָס דער צווייטער האָט געזאָגט. נישמער, ער האָט דאָס געזאָגט אַ ביסל אַנדערש און אַ סך ערגער, און דערמיט קאַליע געמאַכט דעם איַינדרוק, וואָס דער צווייטער רעדנער האָט געמאַכט. פונדעסטוועגן האָט מען אים אויך געפּאַטשט, שוין נישט אַזוי שטאַרק, ווי די ערשטע צוויי רעדנערס, נאָר דאָך געפּאַטשט בראַוואָ. און אַז דער דריטער האָט געענ־דיקט, איז אַרויף אַ פירטער רעדנער און האָט איבערגעחזרט כמעט אַלצ־דינג, וואָס דער דריטער רעדנער האָט געזאָגט, און אַזוי וויַיטער, און דער עולם האָט זיי געפּאַטשט, שוואַכלעך אַפילו, נאָר דאָך געפּאַטשט בראַוואָ. ביז ס'איז געקומען צו אַ דיסקוסיע: וואָס זאָל מען טאָן מיט דער אָרמער אַלמנה און מיט די אומגליקלעכע יתומים? און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן הייסע דעבאַטן. איינער, זייער אַ שיינער רעדנער, האָט פאַר־געלייגט, מע זאָל מאַכן אַ פאָנד, דאָס הייסט, דורך די גאַזעטן זאָל מען זאַמלען געלט, און פאַרן געלט זאָל מען מאַכן דער אַלמנה עפּעס אַ געשעפט, וועט זי האָבן פון וואַנען צו לעבן. דאָס איז דעם עולם געפעלן און מע האָט דעם רעדנער פאַר זיַין פּראָיעקט געפּאַטשט בראַוואָ. נאָר ס'איז אויפגעשטאַנען אַן אַנדערער, אויך אַ רעדנער, און געזאָגט: ניין, אַ געשעפט איז נישט גוט. וואָרעם די אַלמנה איז אַ פרויענצימער און טויג נישט צו אַ געשעפט. אין צוויי יאָר וועט זי אויפעסן דאָס גאַנצע געלט — און וואָס וועט זיַין נאָכדעם? ניין, עס וועט זיַין בעסער, נאָך זיַין מיינונג, מע זאָל פאַרן צונויפגעזאַמלטן געלט אַרויסגעבן אַלע ווערק פונעם פאַרשטאָרבענעם פּראָפעסאָר אברהם יצחק וויַינגאַרטן המכונה א'ב'י'ו'ן'.

דער פּלאַן איז נאָך מער געפֿעלן, און מע האָט דעם צווייטן רעדנער שטאַרק געפּאַטשט בראַוואָ. איז אָבער אויפֿגעשטאַנען אַ דריטער רעדנער און האָט געזאָגט, אַז דאָס טויג אויך נישט. ס׳איז דאָ אַזוי אויך גענוג ביכער אױפֿן כתרילעווקער ליטעראַרישן מאַרק, וואָס ליגן ווי אַ שטיין, קיינער קויפֿט זיי נישט.

— באַ אונדז אין כתרילעווקע איז אַ מנהג, — האָט ער געגעבן זײַן אַרגומענט — אַ מנהג פֿון קדמונים, אַז קיין בוך קויפֿט מען נישט, נאָר מע לײַט אויס איינס באַ דאָס אַנדערע און מע לייענט. כתרילעווקע ווייס נישט פֿון קיין קויפֿן. דאָ ווייס מען נאָר לײַען, אויסלײַען . . .

דער דאָזיקער אַרגומענט האָט אַרויסגערופֿן גאָר אַ שטאַרקן אַפּלויז, און מע האָט דעם רעדנער געפּאַטשט כמעט גאָר אָן אויפֿהער, ביז דער פּאַרזיצנדער האָט געמוזט אײַנשטילן דעם עולם דורך רעכטע עטלעכע קלעפּ אין טיש אַרײַן און ער האָט אַף זײַן שטאַרקער געמבע אויסגערופֿן:

— רבותי! אַ סוף צו דער דיסקוסיע וועגן פֿאַרזאָרגן די אַלמנה מיט די יתומים פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם! איך אַנערקען, אַז די דעבאַטן וועגן דער פֿראַגע זײַנען געשלאָסן. האָבן מיר שוין, הייסט עס, די אַלמנה מיט די יתומים געפּטרט. אַצינד לאָמיר זיך אָקאָרשט אַ נעם טאָן צום נפֿטר אַליין: ווי אַזוי, אַף וואָסער אופֿן זאָלן מיר פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון אונדזער פֿאַרשטאָרבענעם חבר? ווער עס האָט וואָס צו זאָגן, בעט איך, ער זאָל זיך מעלדן צום וואָרט.

האָבן זיך כמעט אַלע אָנוועזנדיקע פֿאַרשריבן, און דער ערשטער, וואָס האָט געקריגן דאָס וואָרט, איז אויפֿגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעהוסט און אָפּגעהאַלטן אַפֿילו אַ ביסעלע צו אַ לאַנגע, דערפֿאַר אָבער זייער אַ שיינע דרשה וועגן דער ביטערער לאַגע פֿון שריפֿטשטעלער בכלל און פֿון ייִדישע שריפֿטשטעלער אין כתרילעווקע בפֿרט. און האָט געגעבן צו דערקלערן, ווי שווער און ביטער עס איז צו זײַן אַ שריפֿטשטעלער באַ ייִדן אין כתרילעווקע, וואָס האָט באַם לעבן נישט קיין כבוד און נישט קיין געלט, — פֿאָרדינט ער דעריבער, לכל הפּחות, נאָכן טויט, מע זאָל אים אָפּגעבן כבוד. על־כּן געפֿינט ער, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, מע זאָל פֿונעם צונויפֿגעזאַמלטן געלט, וואָס פֿאַר דער אַלמנה, אַראָפּנעמען אַ באַזונדערע

סומע געלט אף א דענקמאל, אף א מאנומענט. דעם מאנומענט זאל מען אוועקשטעלן אפן שול־הויף, און אפן שפיץ פונעם מאנומענט זאל זײַן אויסגעהאקט דער ביוסט פונעם פארשטארבענעם, פון מארמאר, אדער אויסגעגאסן פון בראנז. און אונטערן ביוסט זאל שטיין מיט גרויסע גאל־דענע אותיות אויסגעקריצט: „דעם אומפארגעסלעכן חבר אברהם יצחק ווײַנגארטן המכונה א'ב'י'ו'ז' פון זײַנע דאנקבארע חברים".

דער דאזיקער אויפטו האט, אפנים, גאר שטארק אויסגענומען באם עולם, און מע האט דעם רעדנער לאנג־לאנג געפאטשט בראווא. נאר איינעם איז דער פראיעקט נישט געפעלן, שטארק נישט געפעלן. דאס איז געווען דער דיכטער מיט די שווארצע קודלעס. ער איז אויפגעשטאנען און האט צעגלידערט דעם פלאן פונעם מאנומענט, געשאטן פעך און שוועבל אפן ערשטן רעדנער, געמאכט פון אים אש און צעקלאפט זײַן פראיעקט אף פיץ־פיצלעך. ערשטנס, האט ער געטענהט, וווּ וועט מען נעמען אין כתרילעווקע אזויפיל געלט? געלט, געלט און געלט! דער אלמנה געלט, די יתומים געלט, אף א דענקמאל געלט! איז איינס. איז צווייטנס, וואס פאר א נײַעם פלוצעם באַ ייִדן א דענקמאל גאר? בא אונדז זײַנען געווען גרעסערע מענטשן, און מע האט זיי קיין מאנומענטן נישט געשטעלט. א סך מאנומענטן געפינט איר עפעס אין דער ייִדישער היסטאריע? איז צוויי. און דריטנס, ווער וועט אײַך לאזן אינמיטן דרינען אוועקצושטעלן אין כתרילעווקע א סטאטוע? מע וועט אײַך געבן א סטאטוע, אז ס'וועט אײַך פינצטער ווערן אין די אויגן!"...

האט זיך אויפגעכאפט נאך איינער, און דווקא פון די יונגע שרײַ־בערס, מיט א געפינטלט פנים און מיט אן אלטן פידזשאק, און האט זיך אנגערופן:

— אונדזער דיכטער איז גערעכט, און איך ווייס אפילו פארוואס אונדזער דיכטער איז קעגן א מאנומענט (די ווײַטערע ווערטער האט ער שטארק צעצויגן): ווײַל ער רעכנט, אז אף א דענקמאל איז ער פארהאנט, און אז דער ערשטער מאנומענט קומט אים, ווײַטער קיינעם נישט!...

מער האט מען נישט באדארפט. דער דיכטער מיט די שווארצע קודלעס איז געווארן אזש בלוי פאר כעס און האט אויסגעשריגן: „חצוף, שייגעץ! קבצניוק! אלטער פידזשאקל!"... — און האט זיך א לאז

געגעבן מיט ביידע הענט גלייך צום יונגן שרייבער מיטן געפינטלטן פּנים און מיטן אַלטן פּידזשאַק. אַ גליק, וואָס דער פּאַרזיצנדער האָט אים אָפּגעהאַלטן, נישט דערלאָזט צו קיין סקאַנדאַל און האָט געזאָגט:

— געערטע פאַרזאַמלונג! איך וואָלט געזאָגט, אַזוי ווי די צייט איז שפּעט, שוין נאָך צוועלף, און מיר האָבן דאָך די לוויה באַשטימט אויף צוועלף, על־כן זאָל מען די דיסקוסיע וועגן אַ מאָנומענט, אָדער וועגן אַן אַנדער זאַך, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר, אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל, און אַצינד זאָלן מיר בעסער זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע וועגן דעם סדר פון דער לוויה — מי ומי ההולכים? ווער זאָלן זיין די ערשטע, וואָס זאָלן אַרויסטראָגן דעם ארון מיטן נפטר? ווער זאָל גיין פון פריער, און ווער פון הינטן, און אַזוי ווייטער? ווער עס וויל אָנטייל נעמען אינעם סדר, זאָל זיך פאַרשרייבן!

האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל מיט אַ ליאַרם עד לב השמים! אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף צו פאַרשרייבן זיך. אַלע האָבן געוואָלט זיין פון די ערשטע, וואָס זאָלן אַרויסטראָגן דעם ארון מיטן נפטר, אַלע האָבן געוואָלט גיין אויף צו פריער און קיינער נישט פון הינטן, אומזיסט האָט דער פאַרזיצנדער געבעטן דעם עולם, מען זאָל זיך באַרויקן, אומזיסט האָט ער געקלאַפּט אין טיש, געטראַשעט, אַז טאָמער ווערט נישט שטילער, אַזוי שליסט ער די פאַרזאַמלונג. דער טומל איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער. דער עולם האָט זיך געהיצט, געקריגט זיך, געזידלט זיך, און די אַטמאָספערע האָט אָנגעהויבן צו ווערן שוין צו געדיכט. פּלוצעם דערפיל איך, ווי עמעצער ציט מיך באַם אַרבל. איך דריי מיך אויס און דערזע מיין פריינט, וואָס האָט אַ טבע לאַכן נאָכדעם און פאַר זיך. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט ערנסטע, אַ ביסל איבערגעשראָקענע אויגן און אַ זאָג געגעבן אין אויער אַריין:

— אַצינד איז די רעכטע צייט אויפצושטיין און אַרויסגליטשן זיך פון דאַנען...

און איך האָב אים געפאָלגט: איך בין אויפגעשטאַנען און האָב מיך אַרויסגעגליטשט פון דאָרטן, און, ווי איך פאַרשטיי, האָט אין דעם אַרויסגליטשן זיך געשטעקט אַ גרויסער שכל...

עפילאָג

דער מנהג צו באַערדיקן אַ מענטשן באַלד ווי ער שטאַרבט, נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן, איז אינעם מאָדערנעם כתריל־עווקע פאַרבליבן פון אַלטע צייטן עד היום הזה. דעריבער, אַז חברה קדישא האָט דערזען, אַז דער נפטר ליגט און ליגט, און זיינע חברים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער נייער שול און מע ליאַרעמט און מע פּילדערט און מע קאָן צו קיין טאָלק נישט קומען, — האָבן די שמשים דערווייל דעם בר־מנן צוגענומען, אָוועקגעפירט אים אויפן נייעם בית־עולם, געמאַכט אים זיין רעכט און באַהאַלטן. די יתומים האָבן געזאָגט קדיש, די אַלמנה האָט עטלעכע מאָל געחלשט, אַלץ ווי עס געהער צו זיין, און...
ת׳נ׳צ׳ב׳ה.

יב

„יידישיסטן" און „העברעיסטן"

אַז ס׳האָט אַ בלאָז געגעבן אַ ווינטל אין כתרילעווקע און דער עולם האָט אָנגעהויבן גיין פאַראויסטס און פאָדערן מאָדערניזם, אַלץ ווי אין דער גרויסער שטאָט, איז געבליבן. מע זאָל גרינדן אַ חברה, מיין איך אַ געזעלשאַפט, מיטן נאָמען „הזמיר", דערפאַר ווייל יעדע לייטישע שטאָט פאַרמאָגט אַ געזעלשאַפט, וואָס טראָגט דעם דאָזיקן נאָמען. דאָס איז דעם עולם געפעלן. איבערהויפּט — דער נאָמען „הזמיר". אַ שיינער נאָמען, אַ שיין וואָרט, שטאַמט פון שיר־השירים. און מע האָט באַלד אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, צונויפגעשטעלט אַן „אוסטאַוו" מיט אַלע נייטיקע סטאַטוטן, און ס׳איז געבליבן מער נישט צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג — און דאָס איז אין כתרילעווקע פון די קליינע זאַכן. מע דרוקט אָפּ אין ביידע גאַזעטן אַן אויפרוף: „היינט אָפּדערנאַכט, אַכט אַזייגער פּרעציז, איז אַ פאַרזאַמלונג דאָרט און דאָרט, איר זייט געבעטן צו קומען" — קומט מען. און געקומען זיינען נישט נאָר די קאָרפּנקעפּ, נישט נאָר די אייבערשטע סמעטענע, נאָר די גאַנצע כתרילעווקער אינטע־ליגענץ מיט די רעדאַקטוירן פון ביידע כתרילעווקער גאַזעטן בראש.
פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע מיט אַ מאָל זיינען געקומען, און נישט

אזוי פרעציז, ווי מע האט געשריבן. איטלעכער איז זיך נעקומען דעמאלט, ווען ער האט געקאנט. ווער ס'איז געקומען זייגער אכט, ווער זייגער ניין, ווער זייגער צען און ווער זייגער עלף אויך. פאראן פארשיידענע סבות און אומשטענדן, וואס לאזן אייך נישט קומען צו דער צייט, איר מעגט ווי אזוי וועלן. צום ביישפיל, אז איר האט א קלייט און די שפע האט זיך אייך א לאז געגעבן אקוראט אף דער נאכט, באם פארשליסן די קראם. אדער איר קומט אהיים און טרעפט נישט דאס ווייב, און די קינדער שרייען וועטשערע, און איר האט נישט קיין געפרעסט העמד. אדער עס האט זיך אייך צעריסן א שוך אקוראט אף אזא ארט, וואס מע זעט ארויס דעם גראבן פינגער. אדער א צאן האט אייך גענומען רייסן, און איר דראפעט זיך אף די גלייכע ווענט. ווער איז דאס אימשטאנד אויס־צורעכענען אלע אומגליקן, וואס טרעפן זיך אקוראט דעמאלט, ווען איר זייט איינגעלאדן אף א פארזאמלונג?

פונדעסטוועגן איז מען געקומען אלע, קיינער האט, חלילה, נישט געפעלט, און די פארזאמלונג האט זיך געעפנט אפילו שפעטלעך, נאר געעפנט האט זי זיך. און געעפנט האט די פארזאמלונג נח, אונדזער אלטער באקאנטער נח רב יאסלס, פון די „קליינע מענטשעלעך", דער געוועזענער איינציקער קארעספאנדענט אין כתרילעווקע און דער פאר־שטייער פון די אמאליקע חובבי־ציון און פון די שפעטעריקע ציוניסטן, דער גרינדער פון א סך — א סך אלטע און נייע חברות.

נח רב יאסלס, כאטש ער איז שוין נישט קיין יונגערמאן, כאטש אין בארד זיינע שוין בא אים פאראן מער גרויע האר ווי שווארצע, כאטש ער איז שוין א זיידע (וויי־וויי, ווי די וועלט לויפט! מיר האבן געקענט נחן נאך אלס בחור און דערנאך אלס איידעם אף קעסט), — פונדעסטוועגן איז נח געבליבן דער זעלבער נח וואס אמאל. נישט געמי־נערט צף א האר. א יונגע נשמה און א אידעאליסט. אן ערלעכער מענטש, א כשר הארץ, אן עולה תמימה — איר קאנט מיט אים טאן וואס איר ווילט, ווארעם ער גלייבט אלעמען אף נאמנות. מיט לייב און לעבן איז ער איבערגעגעבן צו כתרילעווקע און צו אירע חברות און געזעלשאפטן. ווי אמאל, אזוי אויך איצט, האט ער קיינמאל נישט אין זינען נישט זיך, נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד, נאר די שטאט און נאר אירע חברות און נאר טובת הכלל. כדאי זיך באקענען א ביסל כאטש מיט זיין ביא־

גראַפיע. נח האַנדלט מיט פּלעשער. פּלעשער זיינען זייער אַ ווויל געשעפט, נאָר עס גייט אים נישט. אַלע מענטשן, וואָס האַנדלען מיט פּלעשער, פאַרדינען געלט — ער דערלייגט. מיט ווייבער גייט אים אויך נישט. מיטן ערשטן ווייב האָבן אים אָפּגעגעסן שווער און שוויגער, דאָס אַנדערע ווייב האָט זיך אַליין מיט אים געגעט, מיטן דריטן האָט דאָס אויך געהאַלטן נישט ווייט פון אַ גט, איז שוין געווען צו־שפּעט. און אַלץ איבער דעם, וואָס ער קהלט זיך און גיט אַוועק דער וועלט זיין גאַנצע צייט. ס'איז נאָר אַ סברה, אַז די אַלע דריי מאָל נדן, וואָס ער האָט גענומען פאַר זיינע ווייבער, זיינען אַריין אין די חברות אַריין, און אַ ירושה האָט ער געהאַט באַקומען פון אַ פעטער אַ בעזדעטניק (דער איינציקער בעזדעטניק אין כתרילעווקע), האָט ער די ירושה אויך אַריינגעבראַכט אין זיינע קהלשע זאַכן. בקיצור, נח איז אַ מענטש, וואָס לעבט פאַר יענעם, נישט פאַר זיך, אַז דער נייער גייסט האָט זיך אַריינגעגנבעט קיין כתרילעווקע, האָט דאָס נחן פאַרכאַפּט מער ווי אַלעמען, ווי אַ מין קרענק. עס האָט אים גאָר דעם קאָפּ פאַרדרייט, לחלוטין פאַרשכורט. ער האָט זיך אַ נעם געגעבן צו דער אַרבעט מיט אַזאַ איספּעט, גלייך ווי אים וואָלט דאָס געגאַנגען אין לעבן, אָדער, לכל הפּחות, גלייך ווי אים וואָלט דאָ געשטאַנען גליקלעך צו ווערן!... דערהערט, אַז שטאָט וויל האָבן אַ „הזמיר", האָט נח פאַרקאַטשעט די אַרבל, זיך אַוועקגעזעצט, אַליין אין איין נאַכט אויסגעאַרבעט דעם „אוסטאַוו" מיט אַלע סטאַטוטן און פּאַראַגראַפן, אַליין באַשטעלט אַ פאַרזאַמלונג, אַליין צעשריבן בריוו אין די רעדאַקציעס און טאַקע אַליין מחילה זיי אָפּגעטראָגן (נח איז נישט קיין גרויסער איבערקלייבער, און קיין פוילער אוודאי נישט), און אַז דער עולם איז זיך צונויפגעקומען, האָט נח געעפנט די פאַרזאַמלונג און פאַרגעשלאָגן, מע זאָל אויסקלייבן אַ פאַרזיצנדן. נח יאָגט זיך נישט, ער זאָל פאַרנעמען דעם אויבנאָן, זיין דער פאַרזיצנדער. ער האָט דאָס פיינט. ער איז, ווי געזאָגט, נישט קיין רודף אחר הכבוד. און דאָס איז דאָך באַוו'סט פון זינט די וועלט שטייט, אַז כל הרודף אחר הכבוד — ווער עס יאָגט זיך נאָך כבוד, איז הכבוד בורח ממנו — אַנטלויפט פון אים דער כבוד ווו דער ווייסער פעפער וואַקסט: און פאַרקערט זשע ווידער צוריק, אַז כל הבורח מפני הכבוד — ווער עס אַנטלויפט פון כבוד, איז הכבוד רודף אחריו — יאָגט אים דער כבוד נאָך פון הינטן און בעט זיך בא אים: „שוטה, וואָס

אנטלויפסטו? האָב כאַטש אַ ביסעלע כבוד!”... דעריבער איז קיין חדוש נישט, וואָס נח האָט אין כתרילעווקע כבוד מער פון אַלעמען. ווען ערגעץ אַן ארבעט, אַ קהלשע זאַך, אַ שיקעניש, אַ לויפעניש, אַן אײַלעניש אין איין אָטעם — איז מען מכבד דערמיט נחן, און נח פּאָלגט, טוט פאַר דרײַ. ער פרעגט גאָרנישט איבער דאָס אַנדערע וואָרט. פאַרוואָס עפּעס ער, פּאַרוואָס נישט קיין אַנדערער? ער ווייס אַליין, אַז מאָן באַדאַרף ער, נישט קיינער. און די איבעריקע חברה־לײַט זײַנען מיט אים מיינסטנס צופרידן. און אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל, מען איז נישט אַזוי צופרידן, זאָגט מען אים, און אָפּטמאָל מיט אַן אָנצוהערעניש, מיט אַ שטעכווערטל און מיט גלאַט אַזוי זיך אַ מעשה, אַ משל, אָדער אַ וויץ, ווי דער מנהג איז אין כתרילעווקע, אַז מע וויל יענעם דערגיין די יאָרן. עס טרעפט אַ מאָל. אַז מע פּאַלט אַן אָף אים גאָר מעשה שייגעץ און מע „רײַבט אים אַ קאָלנער”. פּאַראַן אין כתרילעווקע, ברוך השם, אַזעלכע לײַט, וואָס יענעמס פּאַרדינסטן בײַ קהל מיט יענעמס ווײַסע האָר און באָרד שפּילן בײַ זיי אַ גאַנץ קליינע ראָלע. נאָר ווער רעדט פון שקצים, עזות־מחוצף־פּנימער? מיר קערן זיך אום צוריק צו דער ערשטער פאַר־זאַמלונג פונעם ערשטן „הזמיר”.

אויסגעהערט נחס פּאָרשלאָג וועגן אויסקלײַבן אַ פּרעזידענט, איז אַרויס אַ שטיקל סכסוך: עס זײַנען געווען אַ סך בעלנים, נאָר וועמען אויסצוקלײַבן איז נישט געווען. אין כתרילעווקע איז תמיד אַזוי: בײַ אַן ארבעט, למשל, איז נישטאָ קיינער אין דער היים, אַלע אָף נחן. קומט אָבער צו אַ התמנות, אָדער אַזוי עמעצן אָנטאָן אַ כבוד, ווערט אַ טומל: „מי שמך?” פאַר וואָס קומט אים? און וואָס עפּעס יענער, נישט איך? — מע פאַרגינט נישט! אָפּטמאָל ענדיקט זיך עס נאָך מיט שטעכווערטער, און אָפּטמאָל מיט אַ סקאַנדאַל. און אַ מאָל מאַכט זיך, אַז עס דערגייט צו פּעטשט אויך.

איצטיקס מאָל איז דאָס געשטאַנען אַזוי, אַז עס וואָלט דערצו נישט דערגאַנגען. וואָרעם עס האָט זיך געפונען אַ קלוגער, וואָס איז געפאַלן אָף אַ גלײַכער המצאה: „דאַרפט איר זיך, ברידערלעך, שפּאָרן און קריגן איבערן „מי שמך” — אָמער אָט בין איך שוין אויבנאָן אײַער פּרעזידענט — און טוט מיר עפּעס!”

ווער איז דאָס געווען? דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער, נאָר

דער באַרימטער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס, מיט וועלכן מיר האָבן זיך שוין אַ פּאָר מאָל באַגעגנט אין אונדזערע כּתרילעווקער מעשׂהלעך. דער דיכטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויבנאָן, גאַנץ סטאַטעטשנע, טאַקע מעשׂה פּרעזידענט, און דערלאַנגט אַ זעץ מיט דער האַנט איבערן טיש:

— חברים און חברטעס!

מער אָבער ווי די צוויי־דריי ווערטער האָט ער נישט געקאָנט אויסריידן. מע האָט אים נישט געלאָזט. ווער? די, וועלכע זײַנען קעגן ייִדיש, זיי האָבן פֿײַנט ייִדיש, וואָרעם ייִדיש איז „זשאַרגאָן" און זשאַרגאָן איז — פֿע! זײַנען זיי אַרויס דעריבער מיט אַ פּראָטעסט:

— עבֿרית! העברעיִש!...

דער דיכטער מיט די שוואַרצע קודלעס איז אַפֿילו נישט פֿון די איבערגעשראָקענע ייִנגלעך, וואָס האָבן מורא פֿאַר אַ פּראָטעסט, פֿונדעסטוועגן איז ער געבליבן אַ ביסל מטושטש. דערנאָך האָט ער זיך אַ גלעט געגעבן דאָס בײַכל, צורעכט געמאַכט דעם זשילעט און אַ זאָג געגעבן נאָכאַמאָל, גלײַך ווי גאָר נישט אים מיינט מען, נאָר שוין העכער מיט אַ טאָן:

— חברים און חברטעס!...

איז געוואָרן אין זאַל נאָך אַ גרעסערער געפּילדער מיט אַ קלאַפּערײַ, אַ פּײַפּערײַ מיט אַלערליי געשרייען און קולות ביזן הימל אַרײַן:

— איבריט! איבריט! איבריט!

אַפּנים, דאָס איז געווען אַן אָנגעשטעלטע זאַך פֿון פֿריִער. דאָס האָבן די כּתרילעווקער העברעיִסטן צוגעגרייט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן ייִדיש. און עס האָט נישט געהאָלפֿן קיין שמע ישׂראל. דער דיכטער האָט נעבעך מיט בזיון געמוזט פֿאַרלאָזן דעם אויבנאָן, און זײַן אָרט אויף דער טריבונע האָט פֿאַרנומען דער יונגער שרײַבער מיטן געפּינטלטן פּנים און מיטן אַלטן פּידזשאַקל, און אויך אַליין, אויך נישט געוואָרט אויף כּבֿוד ביז מע וועט אים אַמאָל אויסקלײַבן, אויך אַ זעץ געגעבן מיט דער האַנט איבערן טיש און אָנגעהויבן אויף העברעיִש:

— „רבותי!" — און נישט רבותי ווי מיר זאָגן, נאָר טאַקע „ראַבאַטאַי", אַזוי ווי מע זאָגט דאָרטן, אין ארץ־ישׂראל... אַ קול האָט דער יונגער שרײַבער מיטן אַלטן פּידזשאַקל דווקא אַ הילכיקס, האָט זײַן „ראַבאַטאַי" אָפּגעקלונגען ווי אַ גלאָק. נאָר וואָס רעדן? ווײַטער

פון אָט דעם וואָרט איז בײַ אים נישט געגאַנגען, מע האָט אים נישט געלאָזט.

דאָ זײַנען שוין די כתרילעווקער „ייִדישיסטן" אַרויס מיט אַ דער־מאָנסטראַציע קעגן העברעיִש. אַפּנים, אויך צוגעגרייט פון פריִער און אויך מיט די זעלבע כלים, דאָס הייסט, מע האָט גענומען ליאַרעמען און פּילדערן און קלאַפּן מיט די פיס און שרײַען אַף קולי־קולות — אַן אמתע אָבסטרוקציע! די קולות האָבן דערגרייכט ביזן הימל. עס האָבן געציטערט די ווענט, געקלונגען די פענצטער: „מיכנאַטאָים! לאַפּשנ־קוילעטש! ייִדיש! ייִדיש! ייִדיש!!!"

האָט גאָט אַרײַנגעגעבן איינעם פון די העברעיִסטן, ער זאָל צווישן די אַלע אַנדערע קולות געבן אַ וואָרף אַרויס אַ באַמבע. אויסשרײַען אַף אַ קול: „טשערנאָוויץ!"... דאַכט זיך, וואָס, איינגנטלעך, שטעקט אַזעלכעס אינעם וואָרט „טשערנאָוויץ"? טשערנאָוויץ איז נישט מער ווי אַ שטעטל אין דער בוקאָווינע, אין עסטרײַך, וואָס צוויי מלוכות שלאָגן זיך איצטער איבער דעם און טרײַבן אַרויס איינס דאָס אַנדערע, — הײַנט געהערט עס צו איינעם, מאָרגן צו אַן אַנדערן. איז אָבער פאַר די כתרילעווקער ייִדישיסטן, אַז מע דערמאָנט זיי דעם נאָמען „טשערנאָ־וויץ" טויזנט מאָל, צענטויזנט מאָל ערגער, ווי אין טאַטן אַרײַן געשאָלטן! איר קאָנט זיי אויסוואַרפן די שענדלעכסטע עבירה, איר קאָנט זיי זאָגן וואָס אין דער קאָרט, אַבי נישט „טשערנאָוויץ". אָט אַזאַ טבע בײַ די כתרילעווקער ייִדישיסטן. דאָס אייגענע אויך בײַ די דאָרטיקע העברעיִסטן. ווילט איר זאַטשעפּען אַ כתרילעווקער העברעיִסט, אים דערלאַנגען ביז דער זיבעטער ריפּ, זאָלט איר אים מער נישט נאָר אַ זאָג טאָן איין וואָרט: „מיכנאַטאָים" (עס וואַקסט פון „מכנסים" — הויזן). נאָר וואָס דען? איר זאָלט זיך היטן פאַר אים, וואָרעם ער קאָן אײַך פּלעטן דעם מח... מאָדנע מענטשן דער נײַער כתרילעווקער דור. מוראַדיקע האַנאַראָווע פּאַרשוינען, גרויסע קאַפּריזניקעס און ווילדע בעל־כעסנס — „ספּילשליווע נאַטורן"...

הכלל, דערהערט דאָס וואָרט „טשערנאָוויץ", האָט איינער פון די ייִדישיסטן, דווקא אַ שוואַכער, אַ הוסטנדיקער, נאָר אַ היציקער פּאַרשוין, נישט לאַנג געטראַכט, אַראָפּגעצויגן פונעם לינקן פוס אַ שטיבלעט און אַ וואָרף געגעבן פון זיך איינעם פון די העברעיִסטן גלײַך אין פּנים אַרײַן

און געטראָפן סאַמע דאָרט, וווּ עס הייבט זיך אָן די נאָז, באַ דער אונ־טערשטער זייט פונעם לינקן אויג. אַ גליק, וואָס ער טראָגט נישט קיין ברילן, ער וואָלט געקאָנט בלייבן אָן אַן אויג. האָבן זיך עטלעכע העב־רעיִסטן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָנגענומען די קריוודע פון זייער באַ־ליידיקטן חבר און זיינען אָנגעפאַלן אויפן שוואַכן, הוסטנדיקן יידישיסט מיט פאַרקאַטשעטע עלנבויגנס און האָבן אים אָוועקגעגעבן אַזאַ גאַב, אַז ווען עס מישן זיך נישט אַריין די איבעריקע יידישיסטן, וואָלט מען זייער שוואַכן חבר באַדאַרפט אַרויסטראָגן אויף אַ ליילעך. פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם דאָזיקן אינצידענט מיטן יידישיסטישן שטיבלעט איז שוין במילא אויסגעבראָכן אַ גאַנצע מלחמה, אַן אַלגעמיינער געשלעג, אין וועלכן עס האָבן זיך נישט געגאָרט נישט די העברעיִסטן און נישט די יידישיסטן. נאָר מער פון אַלעמען האָט געקראָגן אונדזער ערלעכער קהלס־מאַן און געניאַלער גרינדער פון חברות און געזעלשאַפטן — נח. אים איז אַריינגעפלויגן פון הינטן, נאָר אומגעריכט, אַ היפּשע פּאַרציע. און אַלץ איבערן פּסוק: כל הבורח מפּני הכבוד — ווער עס אַנטלויפט פון כבוד, איז הכבוד רודף אחריו — יאָגט אים דער כבוד נאָך פון הינטן פוסטריט...

עפּילאָג

אַזאַ סעקרעטאַר, ווי נח רב יאָסלס אין כתרילעווקע, איז צו זוכן. אויף אַלצדינג פירט זיך באַ אים אַ פּראָטאָקאָל און אַלצדינג ווערט באַ אים פאַרשריבן. ער לאָזט נישט דורך קיין זאַך. דער אַמאָליקער היסטאָריקער, אַז ער וועט וועלן וויסן, וואָס האָט זיך געטאָן אין כתרילעווקע, וועט ער געבן אַ קוק אַריין אין נחס פּראָטאָקאָל־בוך, וועט ער דאָרט געפינען אַ גאַנצן אוצר... וועגן יענער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג פון די יידי־שיסטן און העברעיִסטן נעמען מיר אַרויס די סאַמע נייטיקסטע, ווי די געשיכטע פאַדערט עס: „...נאָך זייער קורצע רעדעס פון די אָראַטאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן היציקע, לעבהאַפטע דעבאַטן, וואָס האָבן נישט געקאָנט ברענגען צו קיין אַלגעמיינע אָפּשליסונג איבער די חלוקי־דעות און ריי־בונגען, וואָס הערשן צווישן פאַרשיידענע פּאַרטייען, און ווייל ס'זיינען אַרויס חלוקי־דעות און רייבונגען וועגן שפּראַך, און ווייל די שפּראַך־פראַגע איז אומפאַרמיידלעך, איז געפונען געוואָרן איין איינציקער אויס־

וועג — מע זאָל אָנשטאָט איין הזמיר גרינדן צוויי הזמירס — איינעם אַ יידישן הזמיר פאַר די יידישיסטן, און דעם אַנדערן אַ העברעישן הזמיר פאַר די העברעיסטן..."

יג

רעפערענטן און פאַרלעזער

כתרילעווקע האָט ליב ליטעראַטור, קונסט און מוזיק. נישטאָ די נאַכט, וואָס ס'זאָל דאָרט נישט זיין ווו צו פאַרברענגען. ובפרט נאָך ווינטער. די נעכט זיינען גרויס, נישט אַלע שפּילן אין קאָרטן (וועגן קאָרטן וועלן מיר ריידן אַן אַנדערס מאָל), ווילט זיך הערן אַ פריש וואָרט. איז נישט קיין טעאַטער, איז אַ קאָנצערט, איז אַזוי אַן אָוונט, איז אַ פאַרזאַמלונג, אַ פאַרלעזונג, אַ רעפעראַט מיט דיסקוסיעס, אָדער אָן דיסקוסיעס.

מער פון אַלצדינג האָט מען דאָרט ליב רעפעראַטן מיט דיסקוסיעס. וואָרעם אַ רעפעראַט אַליין, אַז יענער לייענט, איז נישט אינטערעסאַנט. ער לייענט, און איר דאַרפט זיצן און קוקן אים אין מויל אַריין. וויבאַלד אָבער אַ רעפעראַט מיט דיסקוסיעס, קאָנט איר זיך אַריינמישן, קאָנט איר אויך עפּעס זאָגן אַ וואָרט, ווייזן, אַז איר זייט אויך נישט קיין מלופּים־קינד. און ווייל אין כתרילעווקע אַליין זיינען דאָ ווייניק לעקטאָרס, רעפערענטן און לייענער, און ווייל אַף אַ כתרילעווקער לעקטאָר, רעפערענט אָדער לייענער לייגט מען דאָרט ווייניק־וואָס כבוד, איז מען זיך דעריבער נוהג, אַז מע באַציט די סחורה פון דרויסן, דאָס הייסט, מע שרייבט אויס לעקטאָרס, רעפערענטן, אַרטיסטן און פאַרלעזער פון דער פרעמד.

אין דעם ענין פון קאָנצערטן, רעפעראַטן, לעקציעס און פאַרלעזונגען קאָנקורירן ביידע כתרילעווקער „הזמירס" מיט סכנת נפשות! שרייבן אויס די יידישיסטן אַ וועלט־באַרימטן פאַרלעזער, ברענגען אַראָפּ די העברעיסטן אַ וועלט־באַרימטן רעדנער. מע שמייסט זיך ווי ווייט מע קאָן. אָפּטמאָל טרעפט, אַז אין איינעם און דעם זעלבן אָוונט זאָלן אין כתרילעווקע זיין צוויי שמחות: אַ פאַרלעזער מיט אַ רעדנער — און די שטאָט נעבעך ווייס אַליין נישט, וווהין פריער צו גיין, כאָטש נעם און

צערײַס זיך אַף צווייען! דאָס, וואָס די יִדישיסטן מיט די העברעיִסטן זײַנען צווישן זיך צעריסן, מאַכט נישט אויס. מילא, אַז מען איז ברוגז אָפּן חזן, דעריבער דאַרף מען קיין קדוש נישט שפּרינגען? און אַגב איז מען אין כתרילעווקע זייער להוט נאָך אַ פּריש וואָרט. טוט מען וואָס מע קאָן — מע הערט אָפּ אַ ביסל דעם און מע לויפֿט הערן דעם אַנדערן. מע כאַפּט אַ וואָרט פֿונעם פֿאַרלעזער און מע לויפֿט הערן אַ ביסל פֿונעם רעדנער. דורכלאָזן האָט מען פֿײַנט אין כתרילעווקע. דאָס לעבן איז אַזוי קורץ, אַז אַ מענטש באַדאַרף פֿון אַלצדינג געניסן. ווער סע זאָל נישט קומען צופֿאָרן קיין כתרילעווקע, קאָן ער זיכער זײַן אַז ער וועט, אם ירצה השם, האָבן אַ שיין אוידיטאָריום און אַז דער זאָל וועט זײַן געפּאַקט, נאָך מער ווי מע באַדאַרף, און אַז ער וועט אַרויס פֿון דאָרט ווי פֿון אַ שוויץ-באָד. כתרילעווקע קוקט נאָך דער גרויסער שטאָט און שטייט נישט אָפּ, חלילה, פֿון דער מאָדע אַף אַ האָר. אין דער גרויסער שטאָט איז אַ מאָדע, אַז נאָך אַ רעפֿעראַט, אַ לעקציע, אָדער אַ פֿאַרלעזונג באַדאַרף זײַן אַ באַנקעט. אין כתרילעווקע איז אויך אַזוי. קוים האָט זיך געענדיקט דער רעפֿעראַט מיט דיסקוסיעס, — עס מעג זײַן העט-העט נאָך האַלבע נאַכט — נעמט מען דעם מחותן, דעם רעפֿערענט הייסט עס, און מע שלעפּט אים אַוועק אין אַ גאַרקיך, און מע זעצט אים אַוועק אויבנאָן, און מע פּראָוועט אים דאָרט אַ באַנקעט.

כמעט, קאָן מען זאָגן, איז דער באַנקעט אין כתרילעווקע מער חשוב ווי דער רעפֿעראַט אָדער די פֿאַרלעזונג. דער גאַנצער עיקר איז דער באַנקעט. אַף באַנקעטן מאַכן זײַנען די כתרילעווקער אינטעליגענטן די ערשטע אין דער וועלט. ווי נאָר מע קומט זיך צונויף נאָכן לייענען, אַזוי ווערט געקוילעט אַ הערינג און אַוועקגעשטעלט ביר; דער עולם פּילט אָן די גלעזלעך, און עס הייבן זיך אָן די טאָסטן מיט לחיימס לכבוד דעם גרויסן גאַסט, וואָס ציִען זיך אַוועק אָפּטמאָל ביז ווײַסן טאָג אַרײַן. אין די טאָסטן ווערן, אייגנטלעך, איבערגעחזרט און איבערגעקײַט נאָכאַמאָל פֿון אָנהייב אַלע פֿריִערדיקע דיסקוסיעס, און דער גרויסער גאַסט מוז עס אַלצדינג נעבעך נאָכאַמאָל אויסהערן און אַלעמען ווידעראַמאָל ענטפֿערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. אַ מאָל, מאַכט זיך, זאָל מען דעם גרויסן גאַסט אָפּן באַנקעט נעמען לויבן אין טאָג אַרײַן, הייבן אַף דרוקעם, אַוועקשטעלן העכער פֿון שלמה המלך און גרעסער פֿון שעקס-

פירן, להבדיל, אזוי אז דער קאפ זאל זיך אים פארדרייען אף צו חלשן. און א מאל, ווידער צוריק, זאל מען דעם רעפערענט אפן באנקעט אזוי צעגלידערן זיין רעפעראט אף שטיק־שטיקלעך, מכבד זיין מיט אזא מין „קריטיקע", מיט אזא מין „אנאליז" און מיט אזעלכע מינים „פלפולים", אז סע זאל אים פינצטער ווערן אין די אויגן פון אזא „כיבוד", און ער זאל נישט וויסן, ווו די טיר עפנט זיך... און א מאל זאלן זיך די בעלי הבאנקעט צווישן זיך אליין צעאמפערן, פארפירן א נייע דיסקוסיע מיט נייע דעבאטן און גאר אומגעריכט ארייַנפאלן אין א פייַעריקע מלחמה, אזוי אז דער גרויסער גאסט פארט אוועק פון דארט א גאנצער, איז ער איינער א גליקלעכער און מעג בענטשן גומל... מע מיינט נישט, חלילה, עמעצער זאל אים דארט שלאגן אדער אזוי באליידיקן. ניין, דאס נישט. נאר מחמת די ארטיקע יידישיסטן מיט די העברעיִסטן פירן צווישן זיך א קאנקורענציע, מעג־אפשר זיך א מאל, אז דער גאסט זאל ווערן געשעדיקט, דאס הייסט, ער זאל ארייַנפאלן אומזיסט־אומנישט אין א בלאטע און זאל נישט קאנען זיך אפוואשן נאכדעם מיט קיין צען וואסערן.

אלס אילוסטראציע צו דעם, ווילן מיר אייַך דערציילן א מעשה, וואס האט געטראפן אט־דא נישט לאנג אין כתרילעווקע מיט איינעם א געלערנטן העברעיִסט און א דאקטאר־פילאזאף, וואס איז נעבעך גאט די נשמה שולדיק, וואס האט צוליב קאנקורענציע פון די צוויי פארטייען און איבער אן אינטריגע פון די צוויי כתרילעווקער גאזעטן, ארייַנגעכאפט זיך אין א מיאוסן עסק. מע האט אויסגעטראכט אף אים א ליגן, א בלבול, וואס האט זיך טאקע אויסגעלאזט נאכדעם, אז ס'איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, נאר ביז עפעס־וואס האט אים די כתרילעווקער פרעסע רעכט איבערגעוואשן די ביינער, געלייַטערט די נשמה און געמאכט מיט דער בלאטע גלייַך, און די גאנצע שטאט האט אים א צייַט געהאלטן אין מויל — עס איז געווען בוזי־בזיונות!

ומעשה שהיה כך היה:

איינמאל אין א שיינעם טאג האבן די העברעיִסטן אראפגעבראכט פון דער גרויסער שטאט אף אז אוונט מיט דיסקוסיעס א בארימטן דאקטאר־פילאזאף, ער זאל זיי לייענען א רעפעראט מיט דיסקוסיעס. דער בארימטער דאקטאר־פילאזאף איז געקומען קיין כתרילעווקע, אפגעלייענט דעם רעפעראט, אויסגעהאלטן די דיסקוסיעס, איבערגעלעבט דעם באנ־

קעט אויך בשלום און הלך לעולמו — אוועק צוריק אהיים. וואלט געוועז גוט. וואס טוט גאט? גייען די כתרילעווקער גאזעטן און צעלייגן אף זיבן טעלערלעך דעם רעפעראט פונעם בארימטן דאקטאר־פילאזאף און שרייבן זיך יעדע איר מיינונג. פארשטייט זיך, וואס איינער זאגט — זאגט דער אנדערער קאפויר. ווייל די „יארמעלקע", דער ארגאן פון די העברעיסטן, האט אפגעלויבט דעם גאסט אין טאג אריין, אים אנגערופן מיטן נאמען געניאלער שריפטשטעלער, געזאגט, אז דענקען דענקט ער אזוי ווי קאנט און שפינאזא און ריידן רעדט ער אזוי ווי בעבעל און זשארעס, האט דער „קאפעלוש", דער ארגאן פון די יידישיסטן, אקוראט פארקערט, געמאכט אים צו אש און צו בלאטע, אים געקרוינט מיט אזעלכע שיינע נעמען, ווי „בטלן", „שטאמלער", „פלאפלער", „באנק־קוועטשער", „צבועק", וכדומה. „צבועק" האט ער אנגערופן דעם רעפערענט דערפאר, וואס ער האט אין זיין רעפעראט געזאגט מוסר דעם עולם, למאי מען איז נישט יידישלעך געגוג, למאי כתרילעווקער בחורים זיצן אין קינעמאטאגראף אן א היטל און כתרילעווקער מיידלעך טראגן אום שבת זאנטיקלעך, טיכלעך, הענטשקעלעך און נאך אזעלכע זאכן בפרהסיה... האט דאס מסתמא רעכט פארדראסן די העברעיסטן, און זייער ארגאן, די „יארמעלקע", איז ארוים מיט א „קריטיקע" אף די יידישיסטן און געפרעגט א קלאץ־קשיא: פון וואנען ווייסן דאס עם־הארצים, גראבע יונגאטשעס, באד־יונגעז, שטיוול־פוצער, בעל־עגלהס און באהעלפערס, וואס קאנען נישט קיין צלם פאר קיין אלף, צו זאגן מבינות אף אזא גרויסן געלערנטן, אף אזא בארימטן דאקטאר־פילאזאף און אף אזא געניאלן רעפערענט? האט זיך מסתמא דער ארגאן פון די יידישיסטן, דער פראגרעסיווער „קאפעלוש", נישט געפוילט און האט אף מארגן אפגעענטפערט דעם ארטאדאקסישן קאנקורענט מיט א „קריטיקע" און האט געפרעגט א קשיא אפן גרויסן גאסט, ווי אזוי שטעלט זיך דאס אוועק א ייד, ער מעג זיין א גרויסער געלערנטער און בארימטער דאקטאר־פילאזאף און א געניאלער רעפערענט, צו זאגן פאר אן עולם מוסר, למאי מע זיצט אן א היטל אין קינעמאטאגראף, און למאי מיידלעך טראגן זאנטיקלעך, מיט טיכלעך, מיט הענטשקעלעך אום שבת, בשעת ער אליין, דער גרויסער געלערנטער, דער בארימטער דאקטאר־פילאזאף און געניאלער רעפערענט, האט בסך־הכל

צוויי שוועסטער, איז איינע אַ משומדתטע און די אַנדערע גלאַט אַ גנבטע ? . . .

פאַר די העברעניסטן איז די דאָזיקע אומדערוואַרטעטע קריטיק פונעם יידישיסטישן „קאַפּעלוש" געווען אַ מין באָמבע, און זיי האָבן זיך די ערשטע צייט פאַרלוירן. דערנאָך האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג מיטן רעדאַקטאָר פון דער „יאַרמעלקע" בראָש, און ס'איז געבליבן, מע זאָל אָוועקקלאַפּן אַ דעפּעש צום רעפערענט און אָנפרעגן זיך בײַ אים גאַנץ אויפריכטיק אויף זײַנע שוועסטער. נאָר ווי אַזוי פרעגט מען יענעם גלאַט אַזוי ? וואָרעם מאָמער איז דאָס אַן אמת — אפשר האָט ער טאַקע צוויי שוועסטער, איינע אַ משומדתטע, די אַנדערע אַ גנבטע, — הייסט דאָך עס דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים ! איז געבליבן, מע זאָל בײַ אים אָנפרעגן סתם טעלעגראַפיש און באַצאָלן פאַר אַן ענטפער : „וואָס מאַכן אײַערע שוועסטער ?" איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג און צוויי — נישטאָ קיין ענטפער ! ערשט אויפן דריטן טאָג קומט אָן אַ טעלעגראַמע פון צוויי ווערטער: „וואָסערע שוועסטער?" נעמען די העברעיִסטן און קלאַפּן אָוועק אַ טעלעגראַמע און אויך מיט אַן ענטפער : „אײַערע צוויי שוועסטער". גייט ווידער אַוועק אַ טאָג און צוויי, און עס קומט אָן אַן ענטפער : „איך האָב נישט קיין שוועסטער". פוילן זיך נישט די העברעיִסטן און קלאַפּן אַוועק אַ דריטן מאָל אַ דעפּעש . „אפשר זײַנען אײַערע שוועסטער געשטאָרבן ?" קומט אָן אַן ענטפער, ווײַזט אויס, מיט בייזן שוין : „וואָס ווילט איר ? איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שוועסטער ! איך בין אַן איין און איינציקער".

דאָס איז געווען אַן אָפּפרישונג פאַר די העברעיִסטן. ווי אַ גוטער רעגן אין אַ טרוקענעם זומער. עס איז זיי אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. קודם כּל האָבן זיי אָפּגעדרוקט אַלע דעפּעשן אין דער „יאַרמעלקע" און צוגעגעבן אַ רעכטן פּירוש צו די טעלעגראַמען — לאָז די וועלט וויסן, אַף וואָס די יידישיסטן זײַנען פעיִק. און חוץ לזה האָבן זיי צונויפגענומען אַלע בלעטער, וווּ ס'איז געווען געדרוקט די מעשה מיט די שוועסטער, און האָבן עס אַוועקגעשיקט צום רעפערענט. איז דער רעפערענט אַ היציקער פאַרשוין און אַ האַנאַריסט, געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט און האָט אַוועקגעוואָרפן האַק און פּאַק און איז געקומען צו פאָרן קיין כתרילעווקע און האָט אײַנגעגעבן אויפן „קאַפּעלוש" און אַף אַלע יידישיסטן אַן „איסק".

ארויסגערופן צום גערימט א מאסע עדות, געוואלט אריינפאקן די חברה אין חד־גדיא אריין פאר רכילות און פאר לשון־הרע און פאר פערזענלעכער באַ־לײדיקונג. און בכדי צו באַווייזן, אז ער איז ריין, אז ער האָט נישט קיין שוועסטער, נישט קיין משומדתטע, נישט קיין גנבטע, און אז ער האָט בכלל קיין שוועסטער קיינמאָל נישט געהאַט, האָט ער ארויסגעפאָדערט פון זיין שטאָט די מעטריקעס פון זיין גאַנצער משפחה, וואָס האָבן ארויסבאַוויזן, אז נישט נאָר ער איז בײַ זיין טאַטע־מאַמע א בן־יחיד — אפילו זיין טאַטע האָט אויך קיין שוועסטער נישט געהאַט! דאָס אַלצדינג האָט אָבער ווינציק וואָס געהאָלפן צום משפט. די העברעיִסטן האָבן פאַרלוירן. די ריפּטער האָבן ארויסגעטראָגן אזאַ מין רעזאָלוציע: „אז דער באַשולדיקער זאָל האָבן שוועסטער, און יענע זאָל האָבן אויסגעטראַכט אַף זיינע שוועסטער א בלבול, און דער בלבול וואָלט זיך ארויסגעוויזן פאַר א ליגן, — וואָלטן די באַשולדיקטע באַקומען זייער שטראָף לויטן געזעץ. נאָר אזוי ווי דער באַשולדיקער אַליין האָט באַוויזן, און די צוגעשטעלטע פּאַפּירן באַשטעטיקן, אז ער האָט קיין שוועסטער קיינמאָל נישט געהאַט, — קומט אויס, אז די באַשולדיקטע האָבן גערעדט לשון־הרע אַף אַזעלכע, וואָס זיינען קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן; נמצא, אז ס'איז נישטאָ קיין באַליידיקטער. וויבאַלד אזוי, זיינען נישטאָ קיין באַליידיקטע און קיין באַליידיקער — און דער משפט איז בטל".

עפּילאָג

יענעם טאָג האָבן די העברעיִסטן מיט דער „יאַרמעלקע" אָפּגעהאַלטן אן עקסטרא־פאַרזאַמלונג, און די יידישיסטן מיטן „קאַפּעלוש" בראש האָבן געמאַכט א קערמעשל און געהאַלטן דרשות א גאַנצע נאַכט, געטרונ־קען, געזונגען און געטאַנצט ביזן ווייסן טאָג אַריין. ס'איז געווען דער אמתער „ליהודים".

יד

ליבהאָבער פון טעאַטער

טעאַטערס זיינען פאַראַן אין כתרילעווקע צוויי: א טעאַטער פון יידישיסטן און א טעאַטער פון העברעיִסטן. אַקטיאָרן אָבער — נישט איינער. סיידן עס קומט אַראָפּ פון יעהופּעץ א יידישע טרופּע, א מאָל

צוויי טרופּעס, שפּילן אַף אַ פּאָר וואָכן און, אויב זיי האָבן מיט וואָס, פאָרן זיי אַוועק אַהין, פון וואַנען זיי זײַנען געקומען, און אַז נישט, פאַרזעצן זיי די זייגערלעך, די מלבושים, די דעקאָראַציע מיטן גאַנצן רעקוויזיט. און אויב זיי האָבן דאָס אויך נישט, גייט מען אַרויס איבער דער שטאָט מיט אַ פּאַטשיילע און מע מאַכט זיי אַ נדבה — וואָס זאָל מען טאָן? מע וועט דאָך נישט לאָזן מענטשן אויסגיין פון הונגער; מען איז דאָך עפּעס ייִדן, צי נײַן? און אַז זיי פאָרן אַוועק, גיבן זיי זיך דאָס וואָרט, אַז ווײַל זיי וועלן לעבן זאָלן נישט זיי, נישט זייערע קינדער, נישט זייערע קינדס־קינדער נישט אַרײַנשמעקן מער קיין כתרילעווקע, עס מעג אַף דעם קומען אַ שׂרפה, אַ מגפה און וואָס אין דער קאָרט! דאַכט זיך, גוט אָנגעשאָלטן, איאָ? קומט איבעראַיאָר — ויבא המן — זיי זײַנען ווידער דאָ! אַזאַ טבע שוין בײַ די ייִדישע אַרטיסטן. עס ציט זיי קיין כתרילעווקע. אַ קשיא אַף אַ מעשׂה — טאָמער וועט זיך אויסגעבן אַ סעזאָן, וואָס וועט אומקערן דעם פאַראַיאָריקן פאַרלוסט נאָך מיט פּראָצענט? „איך קענט נישט דאָס טעאַטער־געשעפט — האָט מיר אַמאָל געזאָגט אַ ייִדישער אַקטיאָר, אַ פאַרשלעפּטע קרענק: — הײַנט איז שלעכט, מאָרגן קאָן זײַן נאָך ערגער"...

און ווײַל דאָס ייִדישע טעאַטער קומט קיין כתרילעווקע נאָר אַף גאַסט־ראָלן, און באַגיין זיך אָן אַ טעאַטער קאָן מען נישט, דעריבער זײַנען אין כתרילעווקע פאַראַן אַ סאַך אַמאַטאָרן פון קונסט, ליבהאָבער פון ייִדישן טעאַטער.

איך האָב מורא צו זאָגן, ס'זאָל נישט אויסקומען שוין צו גוזמאָדיק, צו איבערגעטריבן — נאָר אַ פאַקט איז עס, אַז כמעט די גאַנצע יוגנט פון כתרילעווקע זײַנען „ליבהאָבער". וווּ ערגעץ אַ דערוואַקסן בחורל, וווּ ערגעץ אַן אונטערגעוואַקסן מיידל, אַ חתן אָדער אַ כּלה — זײַנען זיי „ליבהאָבער". נישט נאָר בחורים און מיידלעך — פאַראַן יונגעלײַט מיט בערדלעך שוין, אָדער ווײַבלעך, מאַמעס פון קינדער, וואָס זײַנען „ליבהאָבער" און שפּילן טעאַטער. וואָס מיינט איר, איז טאַקע אַז אָך און וויי צו יענעם ווײַבל, וואָס איר מאַן איז אַ „ליבהאָבער", און אַ קלאָג צו יענעם יונגנמאַן, וואָס זײַן ווײַבל איז אַ „ליבהאָבערן"! דער יונגערמאַן נעבעך קומט אַהיים פון קלייט אַ מידער, אַ הונגעריקער, טרעפט ער נישט קיין וועטשערע, נישט קיין סאַמאָוואַר, דאָס קינד ווערט צעריסן

שרײַענדיק. וואָס איז די מעשה? — דאָס ווײַבל איז אַ „ליבהאָבערין״, איז זי דאָס אוועק אױף פּראָבע, מע מאַכט רעפּעטיציע. אָדער פאַרקערט דאָס אייגענע: דער מאַן איז אַ „ליבהאָבער״, פּלאָנטערט זיך מיטן טעאַטער, פאַרברענגט זיך די צײַט גאַנץ פריילעך. אַז נישט קיין ספּעקטאַקל, איז אַ רעפּעטיציע, אַז נישט קיין רעפּעטיציע, איז גלאַט אַ פאַרזאַמלונג פון ליבהאָבער — מע לייענט אַ נײַ שטיק פון אַ כתרילעווקער דראַמאַטורג, מיילט מען פונאַנדער צווישן זיך די ראָלן. עסט מען דערנאָך וועטשערע אַלע אײנאײנעם, מע נעמט צו גלעזלעך ביר, מע רייכערט פּאַפּיראָסלעך — ס'איז חי געלעבט! און דאָס ווײַבל נעבעך דאַרף זיצן אינדערהיים, וויגן דאָס קינד, אָדער ליגן אין בעט אַ פאַרשמאַכטע און אַרויסקוקן אַ גאַנצע נאַכט, ווען וועט ער שוין קומען, דער געטרײַער מאַן, דער „ליבהאָבער״.

ערגער פון אַלץ איז, אַז ביידע, סײַ דער מאַן, סײַ דאָס ווײַבל, זײַנען „ליבהאָבער״; און נאָך ערגער איז (דעמאָלט איז שוין טאַקע גאָר אַ צרה!), אַז דער מאַן מיטן ווײַב זײַנען קידער־ווידער, דאָס הייסט, אַז דער מאַן איז אַ ליבהאָבער אַ העברעיִסט און דאָס ווײַבל — אַ ליבהאָבערן אַ יִדישיסטקע, אָדער פאַרקערט, אַז דער מאַן איז אַ ליבהאָבער אַ יִדישיסט, און דאָס ווײַבל אַ ליבהאָבערן אַ העברעיִסטקע. קומט אַרויס דערפון אַ מאָל אַ קאָנפליקט, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ סקאַנדאַל און מיט בזיונות.

נישט לאַנג האָט זיך געטראָפן אַ מעשה מיט אַ פּאָרפאָלק, מאַן און ווײַב, ביידע „ליבהאָבערס״, ער — אַ פאַרברענטער יִדישיסט, אַ „קאָפּעלושיסט״, זי — אַ פאַרברענטע העברעיִסטקע, אַ „יאַרמעלקעליסטקע״.

דאָס דאָזיקע פּאָרפאָלק איז זיך געווען אַ גאַנץ נישקשהדיק פּאָרפאָלק. האָבן געלעבט בשלום ושלוה כמעט אַ גאַנץ יאָר נאָך דער חתונה, האָבן שוין געהאַט אַ קינד אויך (אַ יִנגל). פּלוצעם האָבן זיך אָנגעהויבן צווישן פּאָרפאָלק מחלוקתן. וואָס איז? באַשר ער וויל נישט, אַז זי זאָל גיין שפּילן אינעם טעאַטער פון די בעלי־לאָקשנקוילעטש. „ווילסטו שפּילן, זאָגט ער, קאָן איך, זאָגט ער, באַשטיין, זאָלסט שפּילן מיט מיר אינאײנעם, זאָגט ער, אינעם טעאַטער פון אונדזערע יִדישיסטן.״ קוקט זי אים אָן, ווי אַ משוגענעם: „וואָס עפּעס אינמיטן דרינען? די גאַנצע צײַט בין

איך געװען א העברעיִסטקע — און גארנישט, דו האסט זיך נישט דער־װארגן. איצט איז דיר מיטאמאל געװארן ביטער. װאס איז דער שכל?״

לאזט זיך אויס א מעשה, אז דער שכל איז א פראסטער שכל: דער מאן, דער ייִדישיסט, איז געװאר געװארן על־פי נס, דורך עפעס א צעטעלע פון א העברעיִסט, אז זײַן װײַבל, די העברעיִסטקע, האט געפירט א ראמאן נאך מיידלװײַז, פאר דער חתונה, טאקע מיט איינעם א העברעער. האט זיך אנגעצונדן אין אים א פײַער, און ס׳איז געװען הימל עפן זיך! די גאנצע שטאט האט זיך געװיגט. ס׳איז אװעק ריידערײַען, שושקערײַען, פליאטקעס. ס׳איז ארויסגעטראגן געװארן אף דער גאס, אין מארק, און סוף־כל־סוף ארײַן אין דער פרעסע, אין די כתרילעװקער גאזעטן הייסט עס, אינעם „קאפעלוש״ מיט דער „יארמעלקע״ — און װי באלד ס׳האט זיך ארײַנ־געמישט די כתרילעװקער פרעסע, האט איר שוין נישט װאס זיי מקנא צו זײַן.

װאס פאר א ראלע, למשל, האט דא געשפילט די פרעסע? גאנץ פשוט: אזוי װי דער ייִדישיסטישער „קאפעלוש״ האט זיך אנגענומען די קריװדע פונעם ייִדישיסטישן מאן, איז איינמאל אין א שיינעם פרימארגן דער רעדאקטאר ארויס מיט א פארביסענעם ארטיקל אונטער א שרײַענדיקן נאמען: „אף כפרות דארװין!״ מיר גיבן דא איבער א גאנצן שטיק פונעם דאזיקן העכסט־אינטערעסאנטן ארטיקל, טאקע מיטן לשון, װי ס׳איז אפגע־דרוקט אינעם פאראגראפיװן „קאפעלוש״: „אבי די געלערנטע, די אזוי גערו־פענע דארװיניסטן, װילן אונדז אײַנשמועסן א קינד אין בויך — אז ס׳איז פאראן כלומרשט אין דער נאטור א כח, װאס הייסט אטאװיזם, װאס לויט דעם דאזיקן כח מוז א קינד זײַן ענלעך צו זײַנע עלטערן. עס הייבט זיך גארניט אן! מיר קאנען דאס באװײַזן מיט פאקטן. מיר האלטן נישט פון פוסטע טעאָריעס! מיר האבן ליב פאקטן. אט, למשל, האט זיך גע־טראפן ניט לאנג א פאקט (ניט בא אונדז אין כתרילעװקע, חלילה, — אין אן אנדער ארט, אין יעהופעץ, האט עס זיך געטראפן). עס איז זיך געװען א פאר־פאלק, ביידע ליבהאבער פון ייִדיש טעאטער, ער — א פײַעריקער ייִדישיסט, זי — א פלאמפײַעריקע העברעיִסטקע. ויהי היום, איז בא זיי געבוירן געװארן א קינד (א ייִנגל), האט מען זיך אין א יאר ארום ארומגעקוקט, אז דאס קינד איז ניט נאר קיין האר נישט ענלעך צום פאטער „ליבהאבער״, דעם ייִדישיסט, נאר אדרבה, דאס קינד איז צװיי

טראַפֿן וואַסער ענלעך צו אַ פֿרעמדן מאַנצפֿאַרשוין, אויך אַ „ליבהאָבער“, און דווקא אַ העברעיִסט. און כאָטש דער דאָזיקער „ליבהאָבער“ דער העברעיִסט איז געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פֿון יִדיש, פֿונדעסט־וועגן איז ער געווען אַ גאַנץ אָפֿטער אײַנגייער צום ווײַב פֿונעם יִדי־שיסט... דעריבער איז גאַנץ מעגלעך, און כמעט גאָר אָן אַ שום ספק, אַז די ענלעכקייט פֿונעם קינד, וואָס דעם ליבהאָבער דעם יִדישיסטס ווײַב האָט געבוירן, זאָל זיך נעמען דערפֿון, הייסט עס, וואָס די ליבהאָבערן די העברעיִסטקע האָט זיך פֿאַרקוקט אָפֿן ליבהאָבער דעם העברעיִסט... אויב אַזוי, איז דאָס נאָך מער באַווײַזן, אַז די געלערנטע דאַרוויניסטן, וואָס שמועסן וועגן אַטאַוויזם, הייבן נישט אָן צו וויסן ווער ס׳האָט זיי געשלייערט. זיי פֿאַרהאַקן אײַך נאָר דעם קאָפּ מיט זייערע נאַרישע טעאָ־ריעס און ווילן נישט מטריח זײַן זיך אַ קוק טאָן, וואָס בײַ זיי אונטער דער נאָז טוט זיך“...

וואָלט עס אפשר אָפּגעלאָפֿן גלאַט, וואָרעם וועמען גייט עס אָן, וואָס אַ רעדאַקטאָר קאָכט זיך דאָרטן? אַ כתרילעווקער לעזער ווערט ווינציק וואָס נתפּעל פֿון אַזאַ קאָכן זיך. ער ווייס, אַז דאָס גאַנצע קאָכן זיך איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. איז דאָך אָבער פֿאַראַן נאָך אַ גאַזעט אין כתרילעווקע, מיטן נאָמען די „יאַרמעלקע“, און זי, די „יאַרמעלקע“, זײַט זיכער, וועט שוין ניט דורכלאָזן קיין וואָרט אפֿילו פֿונעם „קאַפּע־לוש“. זי, די „יאַרמעלקע“, באַדאַרף מער ניט נאָר האָבן אַ פּריטשעפּקע, בײַ וואָס אָנצוכאַפּן דעם „קאַפּעלוש“, וועט שוין זײַן סחורה מיט אַ מ״ם! און כּך הווה. ניט שפּעטער ווי אָף מאָרגן אינדערפֿרי איז דער אָרטאָדאָק־סישער רעדאַקטאָר פֿון דער אָרטאָדאָקסישער „יאַרמעלקע“ אַרויס מיט אַ ברענענדיקן לייט־אַרטיקל, אויך אונטער אַ שרײַענדיק קעפּל און אויך מיט גרויסע אותיות: „הינטישע פּאָליטיק“. אינעם דאָזיקן אַרטיקל גיט אַוועק די „יאַרמעלקע“ אַ רעכטע פּאַרציע איר ביטערן קאָנקורענט, דעם „קאַפּעלוש“, און באַווײַזט, ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, אַז דער גאַנצער מיין פֿונעם כלומרשט־געלערנטן קאָך איז געווען מער ניט נאָר צוליב דעם, מען זאָל וואַרפֿן אַ חשד אָף אַ פּאַר־פֿאָלק, טאַקע פֿון הי, פֿון כתרי־לעווקע גופא, כאָטש דער יעזויִט פֿונעם ראַדיקאַלן בלאַט זאָגט זיך כלו־מרשט, אַז דאָס האָט זיך געטראָפֿן ניט בײַ אונדז אין כתרילעווקע, נאָ־אין יעהופּעץ. „אַ מינדסט קינד — זאָגט די „יאַרמעלקע“ — אַ מינדסט

קינד ווייס ווער דאס פאר־פאלק איז, און נאר א בהמה וועט נישט טרעפן, אז דאס האט מען געמיינט מער ניט אז צו קאמפראמעטירן נעבעך אן אומשולדיקע פרוי, א כשרע נשמה, אן ערלעכע „ליבהאבערן”, פאר וואס זי איז ניט קיין ייִדישיסטקע!!”...

עס פארשטייט זיך פון זיך אליין, אז דערמיט האט זיך די דאזיקע „פאלעמיק” נאך ניט געענדיקט. עס איז ערשט אוועק א שרייבעניש אף טיש און אף בענק. ס'האט זיך ערשט אנגעהויבן אט דאס, וואס דער בתרילעווקער לעזער רופט אן מיטן נאמען „קריטיקע”, און וואס דער בתרילעווקער לעזער האט אזוי ליב. דערווייל אבער האט דאס פאר־פאלק נעבעך געהאט צו זינגען און צו זאגן. באקאנטע און אומבאקאנטע האבן זיי אפגעשטעלט, געפרעגט, וואס הערט זיך? שכנים זיינען אריינגעקור־מען אנקוקן דאס קינד, אין וועמען ס'איז געראטן... גוטע פריינט האבן געגעבן עצות, זיי זאלן איינגעבן אפן „קאפעלוש” פאר רכילות, לשון־הרע און באליידיקונג. אנדערע האבן באדויערט דאס פאר־פאלק. אנ־דערע האבן א סך מער באדויערט דאס קינד. „וואס האט מען צום קינד? נעבעך אן עופהלע! א גאטס באשעפעניש!”...

עפילאָג

דאס פאר־פאלק האט זיך געגט, און אין א קורצע צייט ארום האט דאס ווייבל די העברעערן חתונה געהאט טאקע פאר יענעם יונגנמאן, דעם ליבהאבער דעם העברעיִסט, וואס איר קינד איז אזוי ענלעך געווען צו אים טאקע ממש ווי צוויי טראפן וואסער.

געשריבן אין יאָרן 1914—1915

זומערדיקע ראָמאַנען

1

„ארץ־ישראל" און „פּאַלעסטינאַ"

פון זינט איך געדענק כתרילעווקע איז די שטאָט געווען אַ שטאָט, ווי אַלע שטעט. ווינטער איז מען געזעסן באַ פאַרהאַקטע פענצטער, זומער — באַ אָראָפּגעלאָזטע פאַרהענגלעך און פאַרמאַכטע לאָדן, און אַז ס'איז געווען שטאַרק היים, און די זון האָט שטאַרק דעקוטשעט, האָט מען זיך באַהאַלטן אין די קעלערס, באַנאַכט געשלאָפן אין דרויסן, געפּאַכעט מיט דער נשמה — און גאָרנישט. מען איז ניט געשטאָרבן. דאָס הייסט, שטאַרבן איז מען געשטאָרבן, נאָר ניט פון דער זון, ניט פון דעם, וואָס ס'איז היים אין דרויסן. איצט, זאָלט איר אָנקוקן, אַז עס קומט זומער, איז אַ בהלה אַף די כתרילעווקער יידן. עס ווערט זיי היים אין שטאָט, היים און דושנע, און מע רעדט שוין נאָר וועגן לופט, וועגן „וואָזדוך", וועגן אַרויספאָרן אַף אַ „דאַטשע". און פאָרן דאַרף מען דאָרט ניט גאָט ווייס וווהין. זיי, די כתרילעווקער, האָבן די דאַטשע, ברוך השם, באַ זיך אונטער דער נאָז, טאַקע אין כתרילעווקע. דאָס הייסט, ניט אין שטאָט גופא, נאָר נישט ווייַט פון שטאָט — אַף דער „סלאָבאָדקע". דאָס איז די אַלטע כתרילעווקער סלאָבאָדקע, וווּ מיר, חדר־יינגלעך, פלעגן אַמאָל, אָנגעוואָפּנט מיט הילצערנע שווערדן און מיט געפאַרבטע ראָדביקסלעך, אַרויסגיין מילחמה האַלטן, אַז ס'איז געקומען ל"ג בעומר. הייַנט איז די סלאָבאָדקע גאָרנישט צו דערקענען. פריִער האָט דאָס געהערט צו די גוים, הייַנט געהערט עס שוין צו די יידן. דאָס הייסט, געהערן געהערט

דאַס הייַנט אויך צו די גויִים, מחמת עס רעכנט זיך שוין מחוץ לעיר, פון יענער זייַט שטאָט, טאָר דאָך דאָרט אַ ייִד ניט זייַן. נאָר ווייניגן דאָרט זומער באַם גוי אַף דאַטשע — דאָס מעג מען. דאָס הייסט, מעגן מעג מען ניט, נאָר אַז איר באַצאָלט דעם פּריסטאַוו און אַז איר נעמט אַרויס פון אַ דאָקטער אַ פּאַפּיר, אַז איר זייַט קראַנק און אַז איר באַדאַרפט האָבן „וואָזדוך“, לאָזט מען אײַך אַרייַן אין דעם פאַרבאָטענעם גן־עדן.

געבליבן אין כתרילעווקע איבערן גאַנצן זומער און דערזען, ווי דער עולם פּאַקט זיך אין וועג אַרייַן, עס שלעפּן זיך פורן און פורלעך, גאַנצע קאַראַוואַנען, פון אויבן ביז אַראָפּ מיט כל טוב: בענקלעך און טישלעך, בעטן און בעטלעך, טעפּלעך און פּאַקרישקעס, קוימענס פון סאַמאָווארן, אייבערשטע פון שטויסלעך, קישנס און פּערענעס, אַלטע ווייַבער און פּיצלעך קינדער — דער גאַנצער כתרילעווקער סקאַרב, — האָט מיך אויך אָנגענומען אַ יצר־הרע: איך וויל אויך פאָרן אַף דאַטשע. האָב איך געדונגען אַ פורל און בין אוועק אַף דער סלאָבאָדקע.

פאָרנדיק, פרעגט מיך אפרים דער בעל־עגלה, יאָנקל בולגאַטשעס אַן אייניקל, אַ בחור מיט אַ ווייַסער מאַנישקע און מיט שטיוועלעטן, וווּהין וויל איך פאָרן: קיין „ארץ־ישראל“, אָדער קיין פּאַלעסטינאַ“?

— פריִער קיין „ארץ־ישראל“, דערנאָך קיין „פּאַלעסטינאַ“...

דאָ מוז איך איבעררייַסן און געבן צו דערקלערן דעם לעזער, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין „ארץ־ישראל“ און וואָס פאַר אַ „פּאַלעסטינאַ“? — דאָס איז אַזוי פּשוט, אַז נאָכדעם, ווי מען וועט עס אייַך געבן צו פאַרשטיין און איר וועט דאָס צעקייַען, וועט איר אַליין זאָגן, אַז אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט הייסן. אַזוי איז געווען די מעשה: פריִער האָבן אָנגעהויבן אַרויסצופאָרן אַף דער סלאָבאָדקע זיך באַזעצן אַפן זומער, געווינלעך, די רייַכערע, די „פּני“, די אַזויגערופענע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטן; דערנאָך — די מיטלמעסיקע בעלי־בתים, און דערנאָך — שוין די אָרעמערע, די סאַמע הימישע; און ס'איז געוואָרן אויס גוייִשע סלאָבאָדקע, נאָר אַ ייִדישער ישוב, און מען האָט דאָס דעריבער אַ נאָמען געגעבן „ארץ־ישראל“. וואָס ווייַטער האָבן כתרילעווקער ייִדן אָנגעהויבן פאָרן שטאַרקער און שטאַרקער, „ארץ־ישראל“ איז געוואַקסן, און עס האָט אָנגעהויבן ווערן ענג. האָבן זיך די נגידים גענומען אַפּרוקן פון דער סלאָבאָדקע אַלץ ווייַטער און ווייַטער, טיפער אין דאָרף אַרייַן, העכער

ארויף, אַף יענער זײַט באַרג, און מיט דער צײַט איז פֿון דער סלאָבאָדקע געוואָרן צוויי סלאָבאָדקעס: די אַלטע סלאָבאָדקע, ווו די קבצנים זיצן, „ארץ־ישׂראל", און די נײַע סלאָבאָדקע, ווו די אַריסטאָקראַטן, די נגידים הייסט עס, זיצן, וואָס מען האָט דאָס געקרוינט מיטן נאָמען „פּאַלעסטי־נאַ". דאָס הייסט, טאַקע ארץ־ישׂראל, נאָר פּאַרט ניט ארץ־ישׂראל. „פּאַ־לעסטינאַ" איז מער מאָדערן, מער אַריסטאָקראַטיש.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אין „פּאַלעסטינאַ" איז אַ סך שענער, ווי אין „ארץ־ישׂראל". אין „פּאַלעסטינאַ" זעט איר שוין נײַע הײַזלעך, הויפֿן מיט געפֿאַרבטע שטאַכעטן, רײַכע סעדער, גרינע גערטנער, שמעקנדיקע בלומען — מעשׂה דאַטשע. אין „ארץ־ישׂראל" איז דאָס שוין נישטאָ. אַ גוייִש שטיבל, מיט שטרוי געדעקט, פֿון אינעווייניק און פֿון אויסווייניק אויסגעשמירט מיט גרויען ליים, און סע שמעקט מיט מיסט און מיט קו און מיט זויערטייג, אַ הייפֿל, ווי אַ זשמעניע די גריים, אַ שטעלכל פֿאַר חזירים, אַ האָן שפּאַצירט אַרום מיט הינער, און קראָפּעווע מיט שטעכל־קעס מיט בוריאַן, הויך געוואַקסן — אָט דאָס איז דער גן־עדן פֿונעם כתרילעווקער דאַטשניק אין „ארץ־ישׂראל". און מען איז צופֿרידן פֿונ־דעסטוועגן, — אַבי גאָט העלפֿט, מע קאָן באַצאָלן דעם גוי פֿאַר דער דאַטשע און ס'איז נאָך דאָ וואָס צו עסן אויך, שעפּט מען תענוג און מע טוט זיך אָן כּל הפֿאַרגעניגנס שבעולם: די ווײַבער קאָכן אָף דעם קאַלטן באָרשט, „שטשאַוו" רופֿט מען עס, און שטעלן דעם סאַמאָוואַר מיט שטעקלעך, מיט שפּענדלעך און מיט פֿאַרטריקנטע בוזשיקעס, מע פֿאַר־שפּאַרט קוילן, און די מאַנצבילן וואַרפֿן אַראָפּ די קאַפּאָטעס, זעצן זיך אַוועק גאַנץ שיין אַף דער הוילער ערד, מע קוקט אַרויף אין אָנגעגליטן הייסן הימל אַרײַן און מע פֿילט עפּעס אַ מאָדנעם ריח, אַ ריח, וואָס מע האָט אים קיינמאָל אין שטאָט ניט געפֿילט נאָך. הײַנט די קינדער? פֿון קינדער שמועסט מען ניט. פֿאַר ייִדישע קינדער עפֿנט זיך דאָך גאָר אַ נײַע וועלט. אַז עס קומט זומער אַף דער דאַטשע. און נישט איין וועלט, נאָר טאַקע אַלע דרײַ הונדערט צען וועלטן! אַ קלייניקייט גראָז! אַ ווער־מעלע קראָפּעווע! אַ שפּילעכל קנאָקלקעס! און בעזעמער? און בוזשי־קעס? און גרינע אַגרעסן? און רויטע ווײַמפּערלעך? און געלע סאָניש־ניקעס? און ווײַסע פֿליטערלעך? און וואָס איז ווערט אָנצוקוקן קליינע הינדעלעך, נאָר־וואָס אויסגעפּיקטע פֿון די אייער? און יונגע קאַטש־

קעלער, א שטייגער, וואס אז זיי גייען קאטשען זיי זיך, ווי א כתרילעווקער נגידיתטע און מיוחסת שבת באטאג, אז זי גייט אפן שפאציר? און דאס, מיינט איר, איז גארניט, וואס מען קאן אין מיטן גאס אננעמען פולע זשמעניעס מיט שטויב און מאכן „חושך של מצרים"? און דעם טעם פון נאכלויפן נאך א פולן וואגן מיט נאר־וואס אפגעשניטן ברויט און ארויסשלעפן א פאר זאנגען פון הינטן — א מכה זאל דער גוי וויסן? היינט די סאזשלקע, וואס מע קאן דארטן טאן עטלעכע זאכן מיט א מאל: אי פיש כאפן, אי באדן זיך, אי שווימען, אי עפעס נאך?... דער עיקר איז דאס באדן זיך. מע וואלט זיך געקאנט דארטן באדן און באדן, פאליאסקען זיך גאנצע טעג, ווען ניט די שקצימלעך, ימח־שמם, וואס קלייבן זיך צענויף אקוראט דעמאלט, ווען יידישע קינדער האבן אראפגעווארן פון זיך די ארבע־כנפותלעך, האלטן שוין כמעט בא די הייזלעך, — הייבן אן די שקצימלעך צו לאכן און צו ווארפן מיט שטיינדלעך און הוקען און טיוקען און שרייען: „העי זשידאטשקי! לייבסעדאקי. ציצעלע! העי!"

און יידישע קינדער כאפן זיך אנצוטאן, ציטערן, ווי די אנגעשראקענע שעפעלעך. דער מאמעס מילך ווערט בא זיי פארקילט אינעווייניק אין די ביי־כלעך.

. . . .

זיצן זומער אף א דאטשע, אכוץ וואס ס'איז א תענוג, איז דאס נאך א גדלות אויך: „וווהין רעכנט איר היינטיקן זומער, אם ירצה השם, אז גאט וועט שענקען דאס לעבן, ארויספארן אף דער דאטשע, שרה־ברכה קרוין?" — „איך רעכן היינטיקן זומער, אם ירצה השם, אז גאט וועט שענקען דאס לעבן, זיך באזעצן בא מיקאלע חזיר אין „ארץ־ישראל". און איר, חנה־מירל סערדצע, זאלט איר מיר געזונט זיין, ווו רעכנט איר זיך באזעצן היינטיקן זומער, אם ירצה השם, אז גאט וועט שענקען דאס לעבן?" — „איך רעכן, שרה־ברכה קרוין, היינטיקן זומער, אם ירצה השם, אז גאט וועט שענקען דאס לעבן, זיך באזעצן אויך אין „ארץ־ישראל", בא האווריל'עבע די שכורטע — זי האט זייער א ווילע דאטשע"...

אט אזוי שמועסן זיך אויס צוויי בעל־הביתטעס אין כתרילעווקע און טאפן זיך בא די גוידערס און קוקן איינס אף דאס אנדערע מיט גרויס

גדלות, גלײַך װי דאָס װאָלטן געװען צװײ יעהופּעצער דאַמעס, װאָס האָבן אָלצדינג און עס גײט זײ מער ניט אָפּ, נאָר אַ דאַטשע.

2

װער זײַנען זײ?

פּרימיטיק איז געװען די געשיכטע, אין סאַמע ברען פֿון דאַטשע־סעזאָן. די היץ איז געװען מיט סכנת־נפשות. כתרילעװקער ייִדן האָבן זיך געאײַלט קײן „ארץ־ישראל” אויף שבת, זיך געשטופּט און געשפּאַרט און געקװעטשט און געריסן זיך צו אַברהמל דעם קאַלײשטשיק אין פֿורנאָן אַרײַן, געקראַכן קאָפּ אויף קאָפּ און ממש געשלאָגן זיך פֿאַר די ערטער. אַברהמלס „קאַלײקע” — דאָס איז אַ פּראָדוקט פֿון כתרילעװקער פּראָגרעס, פֿון כתרילעװקער מאָדערניזם. בעצם אָבער איז דאָס אַ פּראָסטער װאָגן,אַ געװײנלעכע בױד, װאָס מע האָט אַרונטערגעריסן דאָס בײַדל, אַװעקגעשטעלט אין דער לענג בענק און — ויקרא שמו בישראל „קאַלײקע”. דאָס איז געװען טאַקע אַברהמלס אױפֿטו. ער האָט דאָס אױסגעטראַכט און ער עקספּלואַטירט עס עד היום הזה — ביז הײַנטיקן טאָג.

אַברהמל אַלײן, דער קאָנדוקטאָר און דער בעל־הבית פֿון דער „קאַלײקע”, איז זיך געשטאַנען תחילת בײַ דער זײַט מיט אַ פּאַפּיראָסל אין מויל, גאַנץ רויִק און מיט פֿאַרגעניגן צוגעקוקט װי אַזוי ייִדן שלאָגן זיך איבער זײַן „קאַלײקע”. פֿונעם פֿאַררוקטן היטל אַרויף האָט אַרויסגעקוקט זײַן ברײטער, געקנײטשטער, רויטער, שטאַרק־פֿאַרשװיצטער שטערן. אײן האַנט האָט ער פֿאַרלײגט אַהינטער, אײן אויג איז בײַ אים געװען צו, דאָס אַנדערע האַלב געשמײכלט, גלײַך װי ער װאָלט װעלן זאָגן אויף בעל־עגלה־שפּראַך:

—שטופּט זיך ייִדעלעך, שלאָגט זיך רײַסט זיך, בײַסט זיך. לאָם איך נאָר אָקאָרשט אויסרויכערן אָט דאָס דאָזיקע פּאַפּיראָסל, װעט שוין אַ רוח אין אײַער פֿאָרנט און מיטן אַרײַן און ס'װעט קומען אַ גוטע באַליִערע אויף אײַער טאַטן!

און כך הוה. אויסגעשפּינן דאָס לעצטע שטיקל פּאַפּיראָס, האָט ער פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און אַ נעם געגעבן זיך צו די פּאַסאַזשירן —

מאכן א „פאראנדעק" אין דער „קאליקע". שטיל אן ווערטער און גאר אן שום צערעמאניעס, האט ער גענומען שלעפן וועמען פאר א האנט און וועמען פאר א פוס פון דעם פורגאן ארויס, ווארפן זיי אראפ פון דער „קאליקע", גלייך ווי דאס וואלטן געווען ניט קיין לעבעדיקע מענטשן, נאר טויטע זעקלעך קארטאפלעס, כריין אדער מערן. גאר ניט זיין עסק — איר מעגט אים זידלען, איר מעגט אים שילטן. וואס הערט ער אייך? דא איז ער בעל־הבית, און ניט נאר בעל־הבית, ער איז דא קייסער. און ניט נאר קייסער אליין, נאר א „סאמאדערזשעץ" — א זעלבסטהערשער. ווארעם ער איז איינער. די „קאליקע" — דאס איז זיין אידעע. ער האט דאס צוגעטראכט און דורכגעפירט, און ער האט פאר קאנקורענץ קיין מורא ניט, ווארעם — אנו, לאז עמעצער פרווון אים נאכמאכן! קיינער וועט ניט וואגן זיך זאטשעפען מיט אזא שייגעץ, ווי אברהמל. איז איינס. און צווייטנס, וואס וועלן טאן צוויי „קאליקעס", אז איין „קאליקע" גייט אויך א גאנצע וואך ליידיק, אויסער ערב שבת? דעריבער איז זיך אברהמל פעסט מיט זיין פרנסה, האט פאר קיינעם קיין מורא ניט, סיידן פאר גאט. נאך א מינוט — און אברהמל דער קאנדוקטאר איז שוין בא זיך אף דער קעלניע. א צי מיט די לייצעס, א שמיץ מיט דער בייטש, א קנאק מיט דער צונג — און די שטארק באזעצטע „קאליקע" גייט שוין. פארפאלן. די איבערגעבליבענע פאסאזשירן נעבעך וועלן מסתמא מוזןווארטן, ביז ער וועט זיך אומקערן צוריק נאך א מאל פון „ארץ־ישראל" קיין כתרילעווקע, און די, וואס האבן נישט קיין געדולד צו ווארטן, וועלן א ברירה האבן נעמען די פיס אף די פלייצעס און — מארש צו פוס קיין „ארץ־ישראל" אף שבת.

און אט סאמע אין דער מינוט, וואס די שטארק־באזעצטע „קאליקע" האט זיך גערירט פון ארט, זיינען אויסגעוואקסן, ווי פון אונטער דער ערד, נאך א פאר פאסאזשירן, א ייִדענע מיט א מיידל. די ייִדענע — אנגעלאדן פון אויבן ביז אראפ מיט קוישלעך און מיט פעקלעך. דאס מיידל — אין א היטעלע מיט א זאנטיקל און מיט אזשורנע הענטשקעלעך אף די הענט. די ייִדענע — פארשוויצט און פארשלומפערט, פארטאראראמט און צעטראגן, מיט א רויט פארברענט פנים, ווייס ניט אף וואסער וועלט זי איז. דאס מיידל — אויסגעפוצט, ווי א פאניענקע, גייט שמאלע טריטלעך, איבער איר שמאל קליידל, פון וואנען עס זעען

זיך ארוים די לאקירטע קאמאשן אף אזעלכע הויכע אבצאסן, אז ס'איז שווער צו פארשטיין, וויאזוי זי האלט זיך אף די פיס.

נישט קוקנדיק דערויף, וואס די „קאלייקע" האט געדירט פונעם ארט, האט זיך די פארהאוועטע פארטארעראמטע יידענע מיט איין האנט אנגעכאפט אינעם גייענדיקן וואגן, און ניט געגוג, וואס זי אליין איז גע־שטאנען אין א סכנה אף דערהרגעט צו ווערן, האט זי נאך מיטגערופן דאס אויסגעפוצטע מיידל, נאכגעשריען צו איר פון דער וויטן:

— גיכער, אסתרל, גיכער! כאפ זיך אן מיט דער האנט אן דער „קאלייקע", ווארעם מיר קאנען פארשפעטיקן!

און צום בעל־עגלה האט זי זיך אנגערופן:

— רב אברהמל! גאט איז מיט אייך! וואס פליט איר אזוי? ביז שבת איז נאך וויים — אירט נאך איינפארן!

אברהמל דער בעל־קאלייקע האט ניט נאר קיין חשק געהאט אפצו־שטעלן דעם וואגן — אדרבה, ער איז נאך אריין אין אמביציע — בעל־עגלהשע אמביציע איז געפערלעך! — און ער האט א צי געגעבן בא די לייצעס, און די יידענע האט ער מכבד געווען מיט א פיינעם יברכך, אויסגעגאסן כל חמתו אף גאנץ כתרילעווקע:

— בראש כאפט זיי אוועק דער רוח, אז עס קומט פריטיק! א גאנ־צע וואך קוקט מען ניט אן קיין פארשוין אין די אויגן! א שטאט — ברענען זאל זי אפן פייער! וויא, מאאי ווארא בייטשיקי, קומען זאל א גוטע כאליערע אף אייער טאטן.

און ער האט דערלאנגט מיט דער בייטש די „ווארא בייטשיקעס", זיי זאלן מאכן פיס, און טאקע מיט דער אייגענער בייטש, וואס ער שמייסט די „ווארא בייטשיקעס", האט ער דערלאנגט דער איינגעגעסענער יידענע איבער דער האנט, געגעבן איר אנצוהערעניש, זי זאל אפלאזן דעם „פורגאן".

דערמיט וואלט זיך אפשר דער אינצידענט געווען געענדיקט. האט זיך אבער אין דער „קאלייקע" געפונען א „קאוואליר", א יונגערמאן אין ווייסע הויזן מיט א ברייטן געלן פאס, פון וועלכן עס האט זיך ארויסגעבאמבלט א לעדערן קייטל מיט א שטאלענער פאדקעווע; אף די פיס ווייסע שיך, אפן קאפ א קליין שטרויען קאפעלושל, און דאס פנים איינגאנצן געראזירט, ווי בא אן ארטיסט, און מוראדיק פארשוויצט.

אין איין כהרף־עין האָט דער דאַזיקער יונגערמאַן ברייטש געגעבן אַ שפּרינג־אַרויס פון דער „קאַלייקע“, מיט גרויס מסירת נפש אַרויפגע־שטופּט אויף דער „קאַלייקע“, גלייך צו די איבעריקע פּאַסאַזשירן אויף די פּיס, פריער די ייִדענע, דערנאָך דאָס מיידל. דערנאָך האָט ער אַליין אויך גע־וואָלט אַרויפזעצן זיך, האָט אַברהמל דער בעל הקאַלייקע אים אָפּגעהאַלטן. דער בעל־עגלה איז געווען אַזוי אויפגערעגט אויף דער עובדה פונעם גע־גאַלטן קאַוואַליר מיט די ווייסע הויזן און מיט דער שטאָלענער פּאַד־קעווע, אַז ער האָט נישט געקאָנט איַנזיצן מער אויף דער קעלניע. האָט ער מיט אַ שטאַרקן „טפּררו“ אָפּגעשטעלט די פערדלעך, האָסטיק אַראָפּגע־שפּרונגען פון דער „קאַלייקע“ און איז צוגעגאַנגען גלייך צום יונגנמאַן מיט דער שטאָלענער פּאַדקעווע, און בשעת מעשה האָבן אים די אויגן געברענט, דאָס פּנים געפּיַיערט און דער פאַרשוויצטער שטערן איז גע־וואָרן נאָך מער פאַרשוויצט.

דער יונגערמאַן, דער העלד, האָט, אַפּנים, פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט אים גלאַט ניט אָפּלויפן, האָט ער זיך גיַיציג אוועקגעשטעלט אַקעגן דעם בעל הקאַלייקע, גרייט אָנצונעמען דעם אַרויסרוף. אויך די פּאַר־שוינען פון דער „קאַלייקע“ האָבן אַרויסגעזען, אַז דאָ וועט עפּעס פאַר־קומען אַ שיינע זאַך, האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו אַלצדינג און דערווייַל באַטראַכט די צוויי העלדן, דעם בעל־עגלה מיט דער בייַטש און דעם יונגנמאַן מיט דער פּאַדקעווע, ווי זיי שטייען דאָס אַזוי אָנגע־דרודלט איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי די הענער, און שמועסן זיך אויס אין קורצע, נאָר שאַרפע ווערטער.

דער דאַזיקער שמועס איז אַזוי הויך־אינטערעסאַנט און פּאַסט זיך שטאַרק צו אַ ראָמאַן, אַז דער גאַנצער דיאַלאָג מוז איבערגעגעבן ווערן פּינקטלעך, סטענאָגראַפיש:

אַברהמל בעל־הקאַלייקע: זאָג מיר נאָר, יונגערמאַן פון דער ציג, ווער ביסטו דאָס, וואָס איך קען דיך נים?

יונגערמאַן פון דער פּאַדקעווע: וואָס גיים עס אייַך אָן, ווער איך בין?

אַברהמל בעל־הקאַלייקע: וואָס הייסט, וואָס גיים עס מיך אָן? דו ווייסט, מיט וועמען דו רעדסט?

יונגערמאַן פון דער פּאַדקעווע: פאַרוואָס זאָל איך נים ווייסן?

אַברהמל בעל־הקאַלייקע: וויבאַלד אַז דו ווייסט יאָ, ווער איך בין,

פרעג איך דיך, וואָס ביסטו דאָ פֿאַר אַ מונדערפֿעצער, וואָס דו נעמסט מיר אַרויף פֿאַרשווינדלעך אױף דער „קאַלייקע" אַז מײַן ווײַסן? און וואָס פֿאַר אַ מחותּן ביסטו מיט אָט די ווײַבער?

יונגערמאַן פֿון דער פֿאָדקעווע: וואָס פֿאַר אַ מחותּן איך בין — איז ניט אײַער עסק. איר זעצט זיך אַוועק אױף אײַער אָרט טוט אַ שמײַס די פֿערדלעך און פֿאָרט קיין „ארץ־ישׂראל"!

אברהמל בעל־הקאַלייקע: אַזוי זאָגסטו? און איך זאָג דיר, אַז איך וועל ניט רירן פֿונעם אָרט, ביז אָט די דאָזיקע ייִדענע מיט אָט דעם דאָזיקן מיידל וועלן מיר ניט אַראָפּ פֿון דער „קאַלייקע"!

יונגערמאַן פֿון דער פֿאָדקעווע: וואָס רעדט איר?

אברהמל בעל־הקאַלייקע: אָט דאָס, וואָס דו הערסט! אַניט זאָל איך אײַננעמען אַ מיתה משונה אָט דאָ אױפֿן אָרט, אָדער ס'זאָל קומען אַ גוטע כאָליערע אױף דײַן טאַטן!

יונגערמאַן פֿון דער פֿאָדקעווע: בשום אופן וועט איר ניט רירן פֿון דעם אָרט, זאָגט איר?

אברהמל בעל־הקאַלייקע: בשום אופן ואופן!

יונגערמאַן פֿון דער פֿאָדקעווע: פֿאַר קיין געלט אין דער וועלט?

אברהמל בעל־הקאַלייקע: אפֿילו פֿאַר קיין מיליון.

יונגערמאַן פֿון דער פֿאַדקאַווע: און פֿאַר צוויי מיליון?

אברהמל בעל־הקאַלייקע: אפֿילו ניט פֿאַר קיין צען מיליון!

יונגערמאַן פֿון דער פֿאַדקאַווע: פֿאַר קיין צען מיליון אויך ניט? זײַט זשע געזונט און שרײַבט בריוולעך!

און איידער דער בעל־הקאַלייקע האָט באַוויזן צו עפֿענען דאָס מויל, איז שוין דער יונגער מאַן פֿון דער פֿאַדקעווע געזעסן אױף דער קעלניע פֿון דער „קאַלייקע", געגעבן אַ נעם די לייצעס צו זיך אין די הענט אַרײַן און מיט אַ הוק און מיט אַ פֿײַף און מיט אַן אויסרוף: „וויאָ, וואָראָ־בייטשיקי, פּאַשאָל, פּאַשאָל!" האָט די „קאַלייקע" זיך געגעבן אַ טראָג פֿון כּתרילעווקע קיין „ארץ־ישׂראל" מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזאַ טרייסלעניש און טראַסקעניש, אַז די פֿאַרשווינעז האָבן זיך געמוזט אָנ־כאַפּן באַ די פֿאָרענטשעס פֿון דער „קאַלייקע", און די ווײַבער האָבן אָנגעהויבן אַ קוויטשערײַ מיט אַ געלעכטער אינאיינעם.

געקוויטשעט האָבן די ווײַבער פֿאַר שרעק, זיי זאָלן, חלילה, נישט

ארויספאלן, און געלאכט האט מען פון אברהמלען דעם בעל־הקאליקע, ווי ער לויפט עס נאכן וואגן, מאכט מיט דער בײַטש און שרײַט, מע זאל אפשטעלן די פערדלעך, און שילט, אז א גוטע כאליערע זאל קומען אף עמעצנס טאטן, נאר קיינער הערט אים נישט — „א ריינע קאמעדיע!" גאנץ „ארץ־ישראל" איז ארויס אף די דאטשעס, באלאגערט די „ווארענדעס", צוגעקוקט די דאזיקע „קאמעדיע", ווי די „קאליקע" טראסקעט, און עפעס א פרעמדער יונגערמאן זיצט אף דער קעלניע און בראקט די פערדלעך. יידן האלטן זיך צו, ווײַבער קוויטשען, און אברהמל אליין, דער בעל־הבית פון דער „קאליקע", לויפט נאכן פורגאן גאנץ ווײַט, מאכט מיט די הענט, ווי א משוגענער — וואס זאל דאס באדײַטן?

* * *

איצט פרעגט זיך: ווער זײַנען דאס געווען די יידענע מיטן מיידל? און דער יונגערמאן פון דער פאדקעווע? און וואס פאר א מחותן איז ער מיט זיי, וואס ער האט מיט אזוי פיל מסירת נפש אײַנגעשטעלט פאר זיי דאס לעבן? די צו־ענגע גרענעצן פון א קאפיטל געבן נישט, לײדער, די מעגלעכקייט אויסצודערציילן אלצדינג אף א מאל, און דעריבער מוז דער פרײַנט לעזער זיך אננעמען מיט געדולד, צו לייענען די ווײַטערדיקע קאפיטלעך, ביז ס'וועט אים אלצדינג קלאר ווערן.

3

דער „פורים" מיטן „תשעה באב"

ווער וואלט דאס געקאנט גלייבן, אז צוליב די גזירות, וואס מע וועט טרײַבן יידן פון די דערפער, וועט כתרילעווקע ווערן א כרך און די כתרילעווקער דאטשעס „ארץ־ישראל" און „פאלעסטינא", וועלן ווערן איבערפולט מיט יידן און בארימט אף דער גאנצער וועלט? ס'איז תמיד אזוי: פון יענעמס חורבן ווערט דער געבויט, פון איינעמס מפלה ווערט דער צווייטער נתגדל און פון אײַער אומגליק ווער איך געהאלפן. ס'איז א גאט־זאך. און קיינער איז אין דעם נישט שולדיק. כתרילעווקע — אוודאי און אוודאי נישט. כתרילעווקע האט נישט געוואלט, מע זאל טרײַבן די יידן פון יעהופעץ. נאר אז מע האט זיי ארויסגעטריבן, האט כתרילעווקע

געהעכערט דעם מקח פון דירות און קלייטן. און אירע דאטשעס זײַנען געוואָרן מיט גאָלד גלײַך. באַזונדער האָבן זיך געגעבן אַ הייב־אויף די דאַטשעס, וואָס אַף דער זײַט באַרג, אינעם ייִדישן טייל, וואָס הייסט „ארץ־ישראל". מע האָט אָנגעהויבן אַרויסצופאָרן אַהין אַף זומער פון יעהופּעץ און פון בויבעריק און פון דער גאָרער וועלט. כתרילעווקער ייִדן, די באַרימטע וועלט־עקספּלאָאַטאַטאָרס, האָבן עס פאַרשטאַנען און האָבן באַוויזן אויסצונוצן די לאַגע על צד היותר טוב. מע האָט אָנגעהויבן אַפּדינגען גוייִשע שטיבלעך און עפּענען געשעפטן, צום מינסטן קלייטלעך פון באַקאַליי און פון עסנוואַרג, קיאָסקן פון סאָדע־וואַסער און פון אַלערליי געטראַנקען, און עפּענען אכסניות, האָטעלן און פּאַנסיאָנען. דערהויפּט — פּאַנסיאָנען. אַף פּאַנסיאָנען האָבן זיך די כתרילעווקער ייִדן אַ וואָרף געגעבן, ווי די הייִשעריקן, און אַרויסגערופן אַ מוראדיקע קאָנקורענציע. דערוויַיל פאַרמאָגן מיר אין „ארץ־ישראל" אַף די דאַטשעס, איינגנטלעך, נאָר צוויי פּאַנסיאָנען. נאָר מע שמועסט שוין פון אַ דריטן און פון אַ פערטן און פון אַ פינפטן — די אַלטע כתרילעווקער מכה: אַז יענעם לוינט זיך אָפּשנײַדן די נאָז, לוינט זיך מיר אויך.

וויפל עס וועלן אַמאָל, מיט דער צײַט, זײַן אין „ארץ־ישראל" פּאַנסיאָנען — קאָן מען פאָרויס נישט וויסן. נאָר די צוויי פּאַנסיאָנען, וואָס „ארץ־ישראל" פאַרמאָגט דערוויַיל, זײַנען ווערט צו באַשרײַבן ווערן אין אַ בוך, און, אויב ס'איז אַ באַשערטע זאַך, זאָלן זיי פאַראייביקט ווערן.

דער ערשטער פּאַנסיאָן געפינט זיך אין עק שטאָט, נישט ווײַט פונעם נײַעם ייִדישן בית־עולם, אַף יענער זײַט בריקל, אַקוראַט ווו עס הייבן זיך אָן די גוייִשע הײַזער, און הייסן הייסט ער מיט אַ שיינעם ראָמאַנטישן נאָמען: „דערקוויקעניש". און די בעל־הביתטע, וואָס האַלט דעם פּאַנסיאָן, הייסט איינגנטלעך, אַלטע, נאָר רופן רופט מען זי „דער־קוויקעניטשקע". אַז איין כתרילעטשקע, למשל, פרעגט בײַ דער אַנדערער: „ווו וווינט איר, פּערל קרוין?" ענטפערט זי איר מיט אַ ניגון: „וואָס **הייסט ווו איך וווין? איך וווין** בײַ דער דערקוויקעניטשקע **וווין איך".** דער נאָמען איז אַפילו אַ ביסל צו אַ לאַנגער און קלינגט עפּעס נישט אַזוי פײַן, און נישט איעדער וועט דאָס אַזוי גרינג קאָנען אַרויסריידן: אַ סימן האָט איר — פרוווט אָקאָרשט זאָגן עס גיך, אין איין אָטעם: „אינעם דערקוויקעניש בײַ דער דערקוויקעניטשקע", — וועט איר זיך

געווים פארפלאנטעז דערפאר אבער האט דאס „דערקוויקעניש" א מעלה — די דאטשע צייכנט זיך אוים מיט איר „ווארענדע". א גרויסע ברייטע „ווארענדע". א פעלד, נישט קיין „ווארענדע". אפ דער דאזיקער „וואַרענדע", אז מע טראגט ארויס דעם סאמאוואר און מע זעצט זיך אוועק טרינקען וויסאצקים טיי — איז דאך א חיות פון גאט! דריי מנינים ייִדן קאנען דארט מיי טרינקען. פארשטייט זיך, נישט אלע אינאיינעם, נאר בים־לעכווייַז, איינס נאך דאס אנדערע. זעט איר, דער פאנסיאן, וואס שטייט אקוראט אקעגן דעם „דערקוויקעניש" און הייסט מיט א וואזש־נעם נאמען: „גן־עדן", האט שוין מחילה א פייג, נישט קיין „ווארענדע". דערפאר האט אבער דער „גן־עדן" א גארטן, וואס באשטייט קענגן צען „ווארענדעס". אינעם דאזיקן גארטן וואקסן אייַך פון כל טוב: ציבעלקע־לעך און רעטעכלעך, קנאבל און כריין און בוריאן און קראפעווע, און „סאנישניקעס", וואס גיבן „סעמענטשקעס" אף א גאנץ ווינטער ביז פסח. און אז גאט העלפט, עס גיט זיך אויס א גערעט, דערגרייכט דער בוריאן מיט דער קראפעווע במעט ביז דער הייך פון א מענטשן, און די סאנישני־קעס" — נאך העכער פון א מענטשן.

פארשטייט זיך, אז ביידע פאנסיאנען פירן צוליב קאנקורענציע א ביטערן קאמף, און וואס איינער רעדט אוים אפן אנדערן — מעג עס פאלן אין ים אריין. למשל, די „דערקוויקעניטשקע" זאגט אפן „גן־עדן", אז דארט האדעוועט מען די אורחים מיט „וואזדער", און דער „גן־עדן" זאגט אפן „דערקוויקעניש", אז איבער דעם, וואס דארט בייַסט מען זיך, שלאפן די פאנסיאנערן א גאנץ זומער אין דרויסן ... ס'איז אבער נישט אמת: נישט אין „גן־עדן", נישט אין דעם „דערקוויקעניש" איז פאראן דער מין, וואס ווערט אנגערופן אף זייער לשון „וואזדער"; און בייַסן בייַסט מען זיך אין ביידע פאנסיאנען אזוי געשמאק, אז מע פארשילט זיך דאס געביין. אין דעם איז אבער קיינער נישט שולדיק. דאס איז א גאט־זאך, ווי וועמען ס'איז באשערט. א מאל מאכט זיך, זאלט איר פאר־פארן אינעם גרעסטן רייַכסטן האטעל אין דער וועלט, און איר שלאפט אפ א גאנצע נאכט ביז אינדערפרי — און קיינער טשעפעט אייַך נישט. און א מאל זאלט איר זיך אפשטעלן אין א וויסטער פינצטערער אכסניה, אין א חדרל די גרייס ווי א גענעץ, און פונדעסטוועגן זאל מען אייַך דארטן באפאלן פון אלע זייַטן, און איר באוונדערט נאר, פון וואנען האבן זיי

זיך גענומען אזויפיל? די חדרים אין בײדע דערמאַנטע פּאַנסיאָנען זײַנען נישט איבעריק גרויס און נישט איבעריק ליכטיק. דערפאַר קאָסט איַיך אָבער דאָרטן דאָס לעבן נישט טײַער. מע קאָן זאָגן — וואָלוול, מאַקע בזיל־הזול. פאַר איין דרײַערל אַ וואָך, למשל, האָט איר אײַך אַלצדינג: אַ דאַטשע און אַ „וואַרענדע" און „וואַזדעך" און עסן. דאָס הייסט, עסן איז גלײַכער איר זאָלט דאָרט נישט עסן. וואָרעם איר וועט מוזן אַנקומען, זאָגט מען, דערנאָך צו די כתרילעווקער דאָקטוירים, וואָס האָבן אויך אַ טבע פון בײַסן זיך... זיי, די דאָקטוירים, וועלן אײַך האָדעווען מיט אַפּטייק און מיט קרײַטעכצער און מיט פּראָשקעס און מיט פּילן, און סוף־כל־סוף וועלן זיי אײַך אַפּשיקן אָדער קיין קאַרלסבאָד, אָדער קיין עמס, אָדער נאָך ווײַטער — אין אַזאַ אָרט ווו מע פאַרשפּאַרט אַ גובערנאַטאָרסקי פּאַס און מע באַדאַרף נישט גנבענען די גרענעץ... עד כאן כתרילעווקער פּאַנסיאָנען אין „ארץ־ישׂראל". איצט גייען מיר אַריבער צו די העלדן פון אונדזער זומערדיקן ראָמאַן.

* * *

די פּאַרהאַוועטע, די פאַרטאַרעראַמטע ייִדענע, וואָס דער יונגערמאַן פון דער פּאָדקעווע, אויב דער לעזער קאָן זיך דערמאָנען, האָט זי אַזוי העלדיש אַרויפגעזעצט צו אַברהמלען אויף דער „קאָלייקע", — דאָס איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי די בעל־הביתטע פון דעם אויבנדערמאָנטן „גן־עדן"; און דאָס שיינע מיידל מיטן נאָמען אסתרל, אויב די לעזערן האַלט קאָפּ, — דאָס איז איר טעכטערל; און דער העלד אַליין, דער יונגערמאַן פון דער פּאָדקעווע — דאָס איז זייער אורח, זייער „פּאַנסיאָנער". די בעל־הביתטע פונעם פּאַנסיאָן „גן־עדן" איז אַליין אַ כתרילעטשקע פון כתרילעווקע און הייסט מיט אַ מאָדנעם נאָמען. הייסן הייסט זי שׂרה, נאָר רופן רופט מען זי שׂרה משה פּורימס. איבער וואָס? ווײַל איר מאַן הייסט משה פּורים. און זייער טעכטערל רופט מען הינטער די אויגן „אסתרל שׂרה משה פּורימס". עפּעס נישט אַזאַ פּאַעטישער נאָמען, אמת. עס דאַרף אײַך אָבער קיין חדוש נישט זײַן. פאַראַן אין כתרילעווקע אַ סך ערגערע נעמען. למשל, אָט האָט איר אַ צעטל פון כתרילעווקער בעל־בתים, אַרויסגענומען פון אַ רייסטער בײַ אַ ציוניסטישן פאַראיין: יענקעל צעריסענער, דוד לייב ווײַמפערלעך, חיים נעכטיקער־

טאג, מענדל אסאָרעדעברײַ, בעניע פּאַטשאַיִמאָוויס, זלמן באַרגאַראַפּ, נפתלי כאַפּאַטענצל — און נאָך אַ סך, אַ סך אַזעלכע מאָדנע נעמען, וואָס מע קאָן גאָר אַזוי קלוג נישט זײַן און פאַרשטײן, פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען?

אַט דער שׂרה משה פורימס מאַן, דאָס הייסט, משה פורים אַליין, איז בטבע אַ ייִד אַ שנײַדער, נאָר ווײַל ער האָט אין כתרילעווקע ווינציק פּרנסה, און אַזוי ווי זײַן ווײַב שׂרה איז אַ גרויסע בריהטע אַף קאָכן פיש, באַקן לעקעך און פּרעגלען אײַנגעמאַכטס, און מחמת זיי זײַנען שוין געזעסן אַ זומער אין „ארץ־ישׂראל” אַף אַ דאַטשע, האָבן זיי אַנגעשמעקט באַ אַ באַקאַנטן גוי, אַקוראַט אַקעגן דעם „דערקוויקעניש”, אַ הויף מיט אַ גאָרטן, אַוועקגעדונגען באַ אים דעם הויף מיטן גאָרטן, אויסגעשמירט די שטוב פון אינעווייניק און פון דרויסן מיט ווײַסן ליים, אויפגעהאַנגען אַ ברעטל און אַנגעשריבן מיט גרויסע אותיות אַף ייִדיש:

„שׂרה־משה־פורימס גן־עדן. כשר”.

האָט דאָס מסתמא די בעלי־בתים פונעם ערשטן פּאַנסיאָן „דערקוויקעניש” רעכט פאַרדראָסן, האָבן זיי געשלעפּט שׂרה משה פורימס צום רב מיט אַ דין־תּורה. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן אַזוי אויך קיין פּרנסה נישט. נאָר איצט איז געקומען אַט די שׂרה משה פורימס מיט איר „גן־עדן” אַקוראַט אַקעגן זייער „דערקוויקעניש” און וויל זיי גאָר אינגאַנצן צעברעכן מיט זייער פּרנסה! האָט אָבער משה, שׂרה משה פורימס מאַן, געטענהט, אַז ער איז אויך אַ ייִד און זוכט אויך אַ שטיקל ברויט — און ווער קאָן אים זאָגן אַ דעה, ווו און פון וואַנען ער זאָל זוכן פּרנסה? אוודאי, ווען דער אַלטער רב רב יוזיפל, עליו השלום, זאָל לעבן, וואָלט ער שוין געפונען אַ סגולה, ווי אַזוי אויסצוגלײַכן די צדדים. חבל על דאבדין דלא משתכחין! נישטאָ אַזאַ רב, ווי רב יוזיפל איז געווען! איצט זײַנען דאָ צוויי רבנים אין כתרילעווקע, און ביידע קאָנען זיי נישט הויזן צווישן זיך. זיי זאָלן מיר מוחל זײַן — צוויי קעץ אין איין זאַק לעבן אַ סך שענער און אַ סך לײַטישער, ווי די צוויי רבנים. און דער עולם האָט פאַר זיי קיין ברעקל דרך ארץ נישט. נאָר מיר האָבן געהאַלטן באַ די העלדן פונעם ראָמאַן, און פאַרקראַכן זײַנען מיר צו די רבנים. דער לעזער וועט מסתמא זײַן אַזוי פרײַנטלעך און וועט אונדז מוחל זײַן.

הקיצור,ביידע וויַבער, שרה משה פורימס און אלטע די „דערקווי־קעניטשקע", האבן זיך באגעגנט אין כתרילעווקע אין א שמאל געסל — דאס איז געווען באלד נאך פסח, איידער דער זומער־סעזאן האט זיך אנגעהויבן — און ס'איז ארוים צווישן זיי, זאגט מען, זייער א מיאוסער סקאנדאל... דאס האט אבער אויך נישט געהאלפן, ביז איינמאל אין א שיינעם פרימארגן — דאס איז געווען סאמע אין אנהייב סעזאן — האבן זיך באוויזן אין „גן־עדן" דער גאספאדין „אוראדניק" מיט צוויי סאלדאטן און האט ארונטערגעריסן, מחילה, דאס ברעטל מיט דער ייִדי־שער אויפשריפט און האט זיי נאך געשטראפירט מיט א דרײַערל, דערפאר, וואס זיי האבן זיך דערלויבט אויסצוהענגען א ייִדיש שילד. שרה משה פורימס האט גאנץ גוט פארשטאנען, אז דאס איז דער „דערקוויקעניטש־קעס" ארבעט, האט זי באצאלט דעם אוראדניק דאס דרײַערל מיט נאך א פינפערל און זי האט אויסגעפירט אירס: זי האט דאס ברעטל אויפגע־האנגען, און עס הענגט דארטן עד היום הזה. און אז ס'איז באשערט, אז א מענטש זאל האבן פרנסה, מעגן שונאים צעזעצט און צעשפרונגען ווערן, וועט זיך זיי נישט העלפן. די „דערקוויקעניטשקע" האט נעבעך געמוזט צוזען, ווי אקעגן, בא שרה משה פורימס אין „גן־עדן", איז שטענדיק פול געפאקט מיט אורחים און מיט פאנסיאנערן, און נאך מיט וואסערע פאנסיאנערן! אט, למשל, נעמט דעם פארשוין מיט די ווײַסע הויזן און מיט דער פאדקעווע — „דער גראשן איז בא אים א ממזר; בא אזא פאנסיאנער קאן מען אפלעקן א ביינדל, אויסקרענקען זאל זי אים, רבונו של עולם!" — אזוי האט די „דערקוויקעניטשקע" געבענטשט איר קאנקורענטן — און איז געווען גערעכט. שטעלט אײַך פאר, אז דער יונגערמאן פון דער פאדקעווע איז געווען פריִער איר אורח. דאס הייסט, ער האט געהאט זיך אפגעשטעלט אין דעם „דערקוויקעניש". נאר דער רוח האט אים אריבערגעטראגן אהין, אין „גן־עדן" ארײַן. צוליב וואס, מיינט איר? „צוליב שרה משה פורימס טעכטערל, דער הולטײַקע, פארברענט זאל זי ווערן!" — מיר דריקן זיך אוים מיטן לשון פון דער „דערקוויקע־ניטשקע", פון וועלכער עס רעדט ארוים די קאנקורענציע. דער אמת איז אבער נישט אזוי. אונדזער העלדן, שרה משה פורימס טעכטערל, איז א מיידל, וואס איז מלא חן, א מאמזעל, וואס האט געענדיקט פיר קלאסן גימנאזיע, לייענט ארציבאשוו און רעדט רוסיש, קיין וואָרט ייִדיש, און

מוט נישט פון דאנעו אהין. דעם גאנצן „גן־עדן" האלט אוים שרה משה פורימס נעבעך אליין אף אירע פלייצעס. זי אליין קאכט און באקט און רוימט, און דער מאן, משה שרה משה פורימס, באדינט די אורחים, די פאנסיאנערן, שטייט אוים אלע זייערע קאפריזן. חלילה וחס זייער טעכ־טערל זאל זיי מיטהעלפן מיט וואס נישט איז! אסתרל שרה משה פורימס וועט בעסער גיין אננעטאן נאך דער לעצטער מאדע, זײַן אויסגעפוצט ווי א כלה, לייענען ארציבאשעוו, טאנצן „טו סטעפ" און „טאנגא" און אלע אנדערע מאדערנע טענץ. הײַנט איר ריידן רוסיש? מיט איר רוסיש ריידן וועט זי אײַך פארדרייען דעם קאפ אלע כתרילעווקער בחורים, זיי פירן בא דער נאז. און מער פון אלעמען האט זי פארדרייט דעם קאפ און געפירט בא דער נאז זייער פאנסיאנער, דעם יונגנמאן מיט דער פאדקעווע. דער דאזיקער יונגערמאן איז אליין אן אגענט פון נײַ־מאשי־נעס, נישט קיין באוויַבטער, און הייסן הייסט ער מיט א מאדנעם נאמען: „תשעה־באב" — אראן סאלאמאנאוויטש טישעבאוו.

געוואר געווארן, אז ער איז אן אגענט פון נײַ־מאשינעס און אז ער הייסט „תשעה־באב" און אז ער איז נאך נישט קיין באוויַבטער, האט „ארץ־ישראל" געפסקנט אין איין קול, אז דאס איז פארן בעל־הבית פונעם „גן־עדן" אן אויסגעצייכנטער שדוך, אן אמתער זווג מן השמים, א באַ־שערטע זאך פון גאט: „דער פורים מיטן תשעה־באב — כא־כא! זינט די וועלט שטייט, איז נאך אזא גלײַך פארל נישט געווען!" — און ווער שמועסט פון יענעם פריַיטיק אן, וואס ער איז געקומען מיט אברהמלס „קאלייקע" קיין „ארץ־ישראל", איז דער „פורים" מיטן „תשעה־באב" נישט אראפ פון דער צונג. דער יונגערמאן פון דער פאדקעווע זאל, אשטייגער, געווען ארויסהעלפן שרה משה פורימס טעכטערל פון אן אומגליק — למשל, ארויסשלעפן זי פונעם טײַך, אדער אראפנעמען פון דער תליה, אדער ארויסראטעווען פון גזלנימס הענט, אדער גלאט מציל זײַן פון א זיכערן טויט, — וואלט דאס נישט געקאנט האבן בשום אופן דעם חן מיט דעם עפעקט, וואס ס'האט געהאט זײַן ארויפזעצן זי מיט איר מאמע צו אברהמלען אף דער „קאלייקע". און דערנאך זײַן ארײַנפארן יענעם פריַיטיק מיטן גאנצן טראסק קיין „ארץ־ישראל", דאס זיצן זײַנס אף אברהמל דעם בעל־הקאלייקעס ארט, און אברהמלס נאכלויפן פון הינטן נאך דער „קאלייקע" — דאס אלץ אינאיינעם גענומען האט אנגעמאכט

אזא רעש אין „ארץ־ישראל" און ארויסגערופן אזא געלעכטער צווישן די דאטשניקעס, אז נישט ווילנדיק איז דער יונגערמאן פון דער פארקעווע געוואָרן בא זיי א העלד. און שרה משה פורימס טעכטערל — א העלדן. און ס'איז אוועק א ריידעניש מיט א שמועסעריי, א מאכעניש מיט די אויגן און א סמארעניש מיט די נעז פון „ארץ־ישראל" ביז כתרילעווקע, און עס האט שוין געהאט שיער־שיער דערגרייכט צו דער כתרילעווקער פרעסע. דער „קאפעלוש" מיט דער „יארמעלקע" וואלטן שוין געהאט שטאף און זיי וואלטן שוין געמאכט דערפון א גאנץ פיינעם פירוש... האט מען אבער פארכאפט באציַיטנס מיט די אנאנסן, וואס מע האט געלאזט אפדרוקן אף ביידע גאזעטן אף דער ערשטער זייט:

עספיר מאיסעיעוונא פורים
אראָן סאלאמאָנאָוויטש טישעבאוו
פערלויבט!

און דא הייבט זיך ערשט אן און עס ענדיקט זיך דער רעכטער ראמאן.

4

די חתונה אין „גן־עדן"

זינט כתרילעווקע איז א שטאט און „ארץ־ישראל" א קור־ארט איז דארט נאך קיינמאל אזוי לעבעדיק און פריילעך נישט געווען, ווי יענעם טאג, ווען שרה משה פורימס האט חתונה געמאכט איר טעכטערל, עספיר מאיסעיעוונא פורים, פארן פאנסיאנער, אראָן סאלאמאנאוויטש טישעבאוו.

א טאג האט זיך אוועקגעשטעלט דעמאלט אן אויסגעצייכנטער. אייגער פון יענע אויסדערוויילטע זומערדיקע טעג, ווען אלצדינג רוט זיך אפ, ווערט אנטשלאפן; ווען די זון בראט און גיסט מיט פייער, נאר א קליין ווינטעלע, מע ווייס נישט פון וואנען, בלאזט פארביי און קילט אף די ברענענדיקע שטראלן, מאכט זיי ווייך און אנגענעם. ווי די סאלדאטן מיט קאלירנדיקע קאסקעס, שטייען די הויכע סאנישניקעס אויסגע־

צויגן, קוים־קוים וואס זיי רירן זיך פונעם קליינעם ווינטעלע, וואס גלעט זיי מיט ליבשאפט איבער די געלע סאמעטענע בלעטלעד. אלץ רוט. אלץ שלאפט. נאר ווען־נישט־ווען באווייזט זיך א פור, אנגעלאדן הויך מיט סנאפעס ברויט פון פעלד. די רעדער פון דער פור קרעכצן־אונטער שטילערהייט. דער גוי מיטן שווארץ־פארברענטן גלאנצנדיקן פנים גייט אף־צו־פריִער א בארוועסער, מיט א צעכראסטעטע האריז, דרייט מיט דער בייטש פאר די אקסן און שמועסט מיט זיי אף זייער לשון: „היי! סאב־סאב, סאלאוויי!” און די אקסן, פארטיפט אין זיך, גייען אים נאך פיסטריט. הינטערן וואגן לויפן א פאר בארוועסע יינגלעד, יידישע קינדער, רייסן ארויס א פאר זאנגען פון די סנאפעס און ווילן נאד. נאר פלוצעם בלייבן זיי שטיין פארכשופט. וואס איז די מעשה? אקוראט אקעגן זיי טראגט זיך אברהמלס פורגאן, די „קאליקע”, אנגעפאקט פול און פול מיט מאדנע פארשווינעז, און די מאדנע פארשווינעז האלטן מאדנע אינסטרומענטן אין די הענט. דאס זיינען די כתרילעווקער כלי־זמר געקומען קיין „ארץ־ישראל” צו שרה משה פורימס אף דער חתונה.

— די כלי־זמר פארן! די כלי־זמר פארן!

און די בארוועסע יינגלעד לאזן זיך פאר דער „קאליקע” מיט אן אימפעט צוריק אהיים אנזאגן א בשורה: די כלי־זמר פארן! די כלי־זמר פארן!

און בא שרה משה פורימס איז שוין אלצדינג גרייט צו דער חתונה. דער גאנצער פאנסיאן איז פארוואנדלט אין א שאלאש צוליב די צענויפגערופענע געסט פון „ארץ־ישראל”. אינעם בארימטן גארטן פון „גן־עדן” שטייען לאנגע טישן, געדעקט מיט כל טוב, בראנפנס און לעקעכער און איינגעמאכטסן. ביסלעכווייז הייבן אן צונויפקומען זיך משפחה און גוטע פריינט פון כלהס צד, אלע אנגעטאן, ווי מחותנים, און סתם געסט — דאטשניקעס און דאטשניצעס פון „ארץ־ישראל”. די דאטשניקעס אין שבתדיקע קאפאטעס און יום־טובדיקע קאשקעטן, און די דאטשניצעס אין זיידענע קליידער מיט זייער גאנצער צירונג. יונגע ווייבלעד און מיידלעד, אויסגעפוצט נאך דער לעצטער מאדע, די פנימער באצייטנס פאררויטלט און פארשוויצט, זיינען גרייט כאפן א טענצל. לאזן נאר די כלי־זמר אויפהערן רימפלען און שקרימפלען, אנצושטעלן די אינסטרומענטן, און שוין געבן עפעס אמאל א שפיל. חתן־כלה זיצן אויסגעפוצט; ער

אין א גלאנצעדיקן צילינדער, זי אין א ווייסער פאטא — א פרינץ מיט א פרינצעסן, דער „תשעה־באב" מיטן „פורים"! און די מחותנים — משה פורים מיטן ווייב, שרה משה פורימס — זיי לויפן ארום, ווי די פארסמטע מייז, שטארק פארטארעראמט און פארטראגן, ווי געוויינלעך טאטע־מאמע, וואס האבן דערלעבט אזא שמחה, זיי מאכן חתונה א קינד. און וואס איז מער וואונדער פון אלצדינג — צווישן מחותנים פון כלהס צד איז צו באמערקן אויך די בעלי־בתים פונעם פאנסיאן „דערקוויקעניש". ווי קומען זיי אהער? אזעלכע ביטערע קאנקורענטן און אזוינע געפערלעכע שונאים! די מעשה איז גאנץ פשוט: א פאר טעג פאר דער חתונה האט שרה משה פורימס זיך מיישב געווען: צו וואס טויג איר שונאים? מע זאגט: ס'איז גלייכער צען גוטע פריינט איידער איין שונא. איז זי אוועק צו דער „דערקוויקעניטשקע" אהיים, און גלייך ווי זיי האבן זיך קיינמאל אף זייער לעבן נישט געקריגט, קיין שלעכט ווארט, קיין צונג נישט איבערגעקערט, האט שרה די מחותנתטע זיך אנגערופן צו אלטע דער „דערקוויקעניטשקע": „גוט מארגן אייך, אלטע לעבן! איך האב צו אייך א בקשה". „דהיינו, וואס פאר א בקשה, שרהל קרוין?" „איר ווייסט דאך, אלטע לעבן, אז איך מאך חתונה מיין אסתרל". „זאל זיין אין א גוטער שעה, אין א מזלדיקער. איר ווייסט דאך שרהל קרוין, אז איך בין אייך א גוטער פריינט. לאז עס מיר אנגיין וואס איך ווינטש אייך". „אמן. האב איך אייך געוואלט בעטן, אלטע לעבן, איר זאלט מיר אנטאן דעם כבוד און זיין בא מיר אף דער חתונה, איר און אייער מאן און אייערע קינדערלעך". „מיטן גרעסטן כבוד, שרהל קרוין. מיר האבן זיך אמאל געקריגט, חס ושלום? גייט אהיים, מירן מירטשעם קומען אלע זיך משמח זיין מיט אייך, גאט זאל נאר געבן, ס'זאל זיין מיט גליק און מיט הצלחה, ווארעם אזא יאר אף מיר, וואס פאר א חתן אייער מאכטער נעמט". „אמן. מיר זאלן דערלעבן בא אייערע קינדער נית ערגער, בעסער האט קיין שיעור נישט". פאר גרויס ליבשאפט האבן זיך די ווייבער אזש צעקושט און די פיסקלעך און האבן שוין ארויסגעקוקט אף דער מינוט, וואס נאך דער חופה, ווען מע וועט זיך נעמען ביידע פאר די הענט און מע וועט איינס אקעגן דאס אנדערע כאפן א פריילעכס. דערוויל איז דער טארעראם נאך גרויס און עס הערן זיך שוין געשרייען, אז די זון זעצט זיך — שוין צייט, שוין צייט צו דער חופה

ניין! אמת, חתן־כלה פאסטן ניט. ס'איז ניט דער חתן און ניט די כלה, וואס האלטן פון אזעלכע „יידישע זאבובאנעס" — גאר פאסטן! ס'איז שוין אבער באלד נאכט. דער גאנצער הויף איז פול מיט געסט. גאנץ „ארץ־ישראל" האט זיך צענויפגעקליבן אף דער חתונה. די גאנצע גאס איז באלאגערט מיט שיקסעס און שקצים, וואס זיינען געקומען אנקוקן א „זשידאָווסקע סוואדבע". די שקצים זאגן ווערטלעך, די שיקסעס שיסן אוים אלע מינוט א ווילדן געלעכטער, מיט א הילך און מיט א קוויטש. א שמחה, א גדולה אין „ארץ־ישראל"! שוין. מע האט שוין אוועקגע־שטעלט די פיר שטאנגען מיט דער רויטער חופה, וואס איז מיט גאל־דענע קאטעסן פון אלע פיר זייטן. און די כלי־זמר מיטן קעסל־פויק האבן געגעבן א כאפ־אפ דעם זיסן אומעטיקן ניגון, און די מחותנים מיט די אונטערפירערס, אנגעטאן אין די אויבערשטע בגדים און מיט אנגעצונדענע הבדלות אין די הענט, האבן געגעבן א נעם דעם חתן מיט דער כלה, און די צערעמאניע האט זיך אנגעהויבן. די אלטע שיינע יידי־שע צערעמאניע.

דערזען יידן דרייען זיך מיט דער אויסגעפוצטער כלה אין סאמע ווייסן אונטער דער חופה, ארום דעם חתן מיטן גלאנצעדיקן צילינדער, האבן די צונויפגעלאפענע שקצים זיך אנגערופן מיט א געלעכטער: „א־הא־הא, דיוויטסיא, יאק זשידי קרוטיאטסא!" (אוי־אוי, זעט נאר ווי די יידן דרייען זיך!) דאס האט אבער גארניט געשטערט. דער רב איז שוין געווען גרייט צו נעמען דעם כוס אין דער רעכטער האנט אריין. דער חזן האט שוין צורעכט געמאכט דעם האלדז אף צו זינגען דעם „שוש תשיש". דער שמש האט שוין געהאלטן גרייט דאס קידושין־פינגערל איבערצוגעבן דעם חתן, ער זאל זאגן דעם געווייסן „הרי את". פלוצעם האט זיך דערהערט פון דרויסן א „טפררר!" מיט א ירגזון איז צוגעפארן אברהמלס „קאלייקע", און פון דארטן זיינען ארויסגעשפרונ־גען צוויי יונגע ווייבלעך און געלאזט זיך מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס גלייך צו דער חופה. עס איז געווען אוממעגלעך צו זען זייערע פנימער אין דער פינצטער. מע האט נאר געהערט זייערע ווייבערישע קולות, ווי ביידע אינאיינעם האבן געליארעמט, געיאמערט און געשאלטן, איבער־שלאגנדיק איינע דער אנדערער:

— שטייט, יידישע קינדער!

— גיט אים ניט קיין חופּה וקידושין!
— פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן!
— דער שלאָק זאָל אים טרעפן!
— אַט דער שאַרלאַטאַן! אַט דער הולטיי! אַט דער ממזר!
— קוקט אים אָן אינעם קאַפּעלוש! ער איז דאָך מיינער אַ מאַן!
— איך האָב דאָך פון אים אַ קינד, האָבן זאָל ער אַ ווינסטן סוף!
— און מיך האָט ער מקדש געווען ערשט היינטיקן נאָך פּסח! צו־געגומען אַכט הונדערט קאַרבן, ווי איין גראָשן, אַכט הונדערט מכות זאָלן זיך אים אויסזעצן, רבונו של עולם, אָפּן פּנים און אויף דער צונג און אָפּן גאַנצן לייב, ער זאָל ניט דערלעבן מער צו פאָרן, באַגראָבן יידישע טעכטער, פאַרוויסטן און פאַרפינצטערן זייער לעבן!
— גיט אים אַהער, דעם גנב, אַט פאַר איך אים אַריין מיט מיינע נעגל און רייס אים אויס די אויגן!
— אין קייטן זאָלט איר אים קאַווען! אין אייזערנע קייטן! מיינע אַכט הונדערט קאַרבן, אַכט הונדערט מכות, רבונו של עולם!... — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עפּילאָג

פאַר די כתרילעווקער גאַזעטן, פאַרן „קאַפּעלוש" מיט דער „יאַר־מעלקע", איז די דאָזיקע שרעקלעכע געשיכטע, וואָס האָט זיך פאַר־לאָפן אין „גן־עדן" אויף דער דאַטשע, געווען אַן אמתער יום־טוב. עטלע־כע טעג דורכאַנאַנד האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו שרייבן און צו שריי־בן. די ערנסטע פּובליציסטן, די מוסר־זאָגער, האָבן נישט אויפגעהערט צו שטאָפּן דעם עולם מיט מוסר און לערנען שכל, וויאַזוי מע דאַרף זיין געהיט היינטיקע צייטן באַ חתונה מאַכן אַ מאַכטער פאַר אַ מאַן מיט אַ רוסישן נאָמען „טישעבאַוו"; און די וויצלער האָבן זיך געוויצלט און געווערטלט אַז אַן אויפהער: „ווי קאָן אַרויסקומען גוטס פון אַ פּורים מיט אַ תשעה־באב?" — און אויסגעלאָזט האָט זיך עם דערמיט, וואָס ביידע צייטונגען, סיי דער פּראָגרעסיווער „קאַפּעלוש", סיי די אָרטאָדאָק־סישע „יאַרמעלקע", האָבן אָנגעזאָגט זייערע לעזער אַ פּריילעכע בשורה מיט מוראדיק גרויסע אותיות, אַז גאָר אינגיכן הייבן זיי אָן צו געבן דעם

עולם א מתנה — א נײַעם מאָדערנעם, זייער שפּאַנענדן און הויך באַ־לערנדן ראָמאַן פון איצטיקן ייִדישן לעבן מיט א מוסר־השכל. באַם „קאַ־פּעלוש" וועט דער ראָמאַן הייסן:

„דער מאַן פון די דרײַ ווײַבער"

(א הויך־אינטערעסאַנטער ראָמאַן אין 4 טײלן מיט אַן עפּילאָג)

און בא דער „יאַרמעלקע" וועט עס הייסן

„דער דרײַווײַבערדיקער מאַן"

(א מערקווירדיקער ראָמאַן אין 4 טייל מיט א פּראָלאָג און מיט אַן עפּילאָג)

א שאַד! מע וועט נעמען אַזא שיינעם מאַטעריאַל און מע וועט דאָס צעשמירן אַף דרײַ הונדערט בלעטער, מאַכן פון דעם א תל. א רחמנות נעבעך אַף דער העלדן, שרה משה פורימס טאָכטער, אסתרל. נאָך דעם, ווי די כתרילעווקער גאַזעטן וועלן זי באַאַרבעטן, מעג זי זיך שוין אָפּ־געזעגענען. זי וועט שוין דאַרטן קיין חתן ניט קריגן ווײַל זי וועט לעבן. סײַדן זי זאָל פּאַרלאָזן „ארץ־ישראל" מיט כתרילעווקע און אַריבערפּעק־לען זיך קיין אַמעריקע.

— הלוואי! מיר ווינטשן איר גליק און הצלחה און אַלדאָס גוטס — אָמן.

5

„אונדזערע בראָדצקיס" מיט „אונדזערע ראָטשילדס"

אין א הייסן זומער־טאָג, סאַמע אין רעכטן ברען פון דאַטשע־סע־זאָן, איז פון כתרילעווקע קיין „פּאַלעסטינא" געגאַנגען איבער „ארץ־ישראל" אונדזער באַקאַנטע „קאַלייקע" כמעט א לײַדיקע, ווײַל ס'איז געווען ניט קיין פּרײַטיק, נאָר א געוויינלעכער וואָכעדיקער טאָג, דעמאָלט, ווען די כתרילעווקער דאַטשניקעס וואָס וווינען אין „ארץ־ישראל", זײַ־נען נישט קליין צו גיין צופוס. אין דער „קאַלייקע" זײַנען געזעסן נאָך צוויי פרויען — איינע אַן עלטערע, די אַנדערע א ייִנגערע, און ביידע האָבן געשמאַק געגענעצט און געפּאַכעט מיט דער נשמה פאַר גרויס היץ. אברהמל דער קאָנדוקטאָר האָט געדרעמלט, די פערדלעך קאָ־

בן זיך געמאכט ווי זיי פארן, און די „קאליקע" קוים־קוים וואס זי האט געשלעפט זיך. פלוצעם איז אויסגעוואקסן, ווי פון אונטער דער ערד, א פראנטעוואטע ציקאווע אריסטאקראטיש בחורל פון א יאר צוויי און צוואנציק, מיט א ווייס אריסטאקראטיש קאפעלושל און מיט שווארצע אריסטאקראטישע וואנצעלעך, האט א מאך געגעבן מיטן אריסטאקראטישן שטעקעלע צום קאנדוקטאר פון דער „קאליקע", ער זאל אזוי גוט און מוחל זיין אפשטעלן די פערדלעך, און האט געגעבן א שפרונג־ארייַן אין דער „קאלייקע", אבער אזוי אריסטאקראטיש, אזוי בריהש, אזוי פלינק, אז עס האט געהאט דעם זיבעטן חן. דערנאך האט ער זיך געגעבן א זעץ אוועק אף דער צווייטער באנק. פונקט אקעגן דער מאדאם מיט איר טעכטערל (די עלטערע איז געווען די מוטער, און די יינגערע — איר טעכטערל), און א לייג ארייַן די האנט אין דער לינקער הויזן־קעשענע און מיט דער אנדערער האנט א דריי די רעכטע אריסטאקראטישע וואנצע, און בעת מעשה געגעבן אזא אריסטאקראטישן קוק אף דער יפהפיה, אף דעם שיינעם מאמזעלכן, אז א מיידל, וואס איז נאך נים שטארק פארליבט אין קיינעם, דארף זיין שטארקער פון אייַזן, זי זאל זיך נים פארליבן תיכף ומיד אין אזא בראוון אריסטאקראטישן בחור. פאר דער מאדאם איז דאס דאזיקע אומגעריכטע באגעגעניש געווען אן „אצבע אלהים", א פאטאלע באגעגעניש, און איר מוטערלעך הארץ האט באלד אנגעהויבן צו קלאפן און נביאות צו זאגן, אז ס'איז נים אומזיסט, אז ס'איז א גאט־זאך... און כאטש איר טעכטערל איז שוין כמעט א כלה, טאקע מיט אירן א גליד־געשוועסטערקינדל, ווי מיר וועלן דאס אין גיכן געוואר ווערן, פונדעסטוועגן איז זי געווען העכסט צופרידן, וואס דער אריסטאקראטישער יונגערמאנטשיק שיסט מיט אויגן אף איר טעכטערל, נעמט זי דורך און דורך... נאר וויאזוי מאכט מען, אז ער זאל זיך באקענען מיט איר טעכטערל, אז זי איז נאך מיט אים נים רעכט באקענט? איז זי געפאלן אף אן עצה (א מאמעס הארץ): זי האט גענומען זיך פאכען מיטן פעכער און א זאג געגעבן, ווי צו זיך אליין, און דווקא אף רוסיש, אף דעם כתרילעווקער רוסיש, וואס האט א שם אף דער וועלט:

— אך, קאקאי גאריאטשע דיעז סעוואדני! — סארא הייסער טאג הייַנט איז!

האט די מאכטער א קוק געגעבן אפן אריסטאקראטישן יונגנמאן און האט פארריכט דער מוטערס גריַז:

— דא אטשען זשארקיי דיען!

האט שוין דער אריסטאקראטישער יונגערמאן געהאט א געלעגנ־הייט אריַינצומישן זיך מיט א ווארט און אויך אף רוסיש געווענדט זיך צו דער מאמזעל:

— א און וואס נא דאטשע טאקושע כאראשיי וואזדוך? — איז בא איַיך עפעס אויך א גוטע לופט אף דער דאטשע?

האט די מאדאם פונדעסטוועגן ניט דערלאזט, אז די טאכטער זאל אים ענטפערן און האט זיך בעסער אליין ארויסגעשטעלט (פארט א מאמע!) און האט זיך אנגערופן צום יונגנמאן ווידער אף רוסיש און מיט א ניגון:

— נא טשא נאם וואזדוך, קאגדא און נאם יעסט דיענגי? — צו וואס דארפן מיר לופט, אז מיר האבן געלט?

דערמיט האט זי אים, אפנים, געוואלט אפהאקן די פליגל, ער זאל זיך אזוי גיך ניט איבערנעמען. נאר ארויסגעקומען דערפון איז גאר עפעס אנדערש: ביידע קינדער, דער יונגערמאנטשיק און דאס מאמזעלכל, האבן זיך איבערגעקוקט און אויסגעשאסן מיט אזא געלעכטער, אז דער קאנדוקטאר פון דער „קאלייקע", אברהמל דער בעל־עגלה, האט זיך גע־מוזט אויסדרייען צו זיי מיטן פנים, כאפן א קוק: „וואס לאכן עפעס די אריסטאקראטן, א גוטע כאליערע אף זייער טאטן?" דער שפיץ איז געווען, אז מען איז צוגעקומען צו איינער פון די שענסטע און רײַכסטע דאטשעס אין „פאלעסטינא", האט מען זיך גאנץ ווארעם אפגעזעגנט און שטארק־שטארק געקוועטשט די הענט, און די מאדאם האט האלב־אפיציעל פארבעטן דעם אריסטאקראטישן יונגנמאנטשיק צו זיך: „פא־זשאלעסטע, בעז צערעמאני!" און דאס שיינע מאמזעלכל האט אזוי ליב געשמייכלט און האט באשענקט דעם יונגן קאוואליר מיט אזעלכע וואַ־רעמע בליקן פון אירע שיינע חנעוודיקע אויגן, אז ווען דער יונגער בחור, יער אריסטאקראט, זאל זיַין פון אײַזן און זיַין הארץ פון שטיין, וואָלט עס אויך באדארפט צעשמאלצן ווערן, אזוי ווי וואקס.

אצינד באדארפן מיר דערציילן, ווער איז געווען אט דער יונגער

אריסטאָקראַט און וואָס איז מיט דער מאַדאַם געווען אַזוי די גדולה, וואָס איר טעכטערל האָט זיך מיט אים באַקענט?

די גרויסע שטאָט יעהופּעץ לעבט אין טעות. זי מיינט, אַז נאָר זי פאַרמאָגט אַריסטאָקראַטן־מיליאָנערן. די גרויסע שטאָט פּאַריז מיינט, אַז נאָר זי פאַרמאָגט אַריסטאָקראַטן־מיליאַרדערן. אַ סברה, אַז אין כתרי־לעווקע האָבן מיר זיך אונדזערע אייגענע אַריסטאָקראַטן, אונדזערע אייגענע בראָצקיס מיט אונדזערע אייגענע ראָטשילדס. נאָר וואָס דען? אַזוי ווי אַלצדינג, וואָס כתרילעווקע פאַרמאָגט, פאַרמאָגט זי אין קלענערן מאַסשטאַב, על־כּן זײַנען אונדזערע בראָצקיס קליינע בראָצקעלעך און אונדזערע ראָטשילדס — קליינע ראָטשילדלעך, און זיי זײַנען ווערט באַשריבן צו ווערן מיט זייערע ביאָגראַפיעס, פּונקט ווי עס ווערן באַ־שריבן אַלע מיליאָנערן און אַלע מיליאַרדערן פון דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז אַ כּלל — און עס ווייס אַ מינדסט קינד, — אַז אַלע גרויסע מענטשן פון דער וועלט זײַנען אַמאָל געווען קליין, דערנאָך ערשט זײַנען זיי אויסגעוואַקסן און נתגדל געוואָרן. די אַמעריקאַנער גרויסע מיליאַרדערן, למשל, האָבן ליב צו באַרימען זיך צען מאָל אַ טאָג, ווי קליין זיי זײַנען אַמאָל געווען. בײַ אַן אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַט איז אַ כּבוד און אַ גדלות צו דערציילן פאַר יעדן אינטערוויוער, אַז אין דער יוגנט האָט ער געטראָגן זעק אויף די פּלייצעס, אָדער גאַזעטן צו פאַרקויפן, אָדער געהאַנדלט מיט „מעטשעס". אונדזערע כתרילעווקער אַריסטאָקראַ־טן האַלטן נישט פון דער דאָזיקער מדה. אדרבה אַ כתרילעווקער מיליאַר־דער, אַז איר וועט אים אַ פרעג טאָן וועגן זײַן יחוס, וועט ער אײַך דער־ציילן גוזמאות, אַז זײַן זיידע איז געווען אַ רב און זײַן עלטער־זיידע — אַ גאון, און זייער גאַנצע משפּחה — לויטער רבנים, גאונים און נגידים, גבירים מפורסמים. זיי פאַרהאַקן אײַך אַזוי דעם קאָפּ מיט זייער יחוס און שרעקן אײַך אַזוי שטאַרק אָן מיט זייער אַריסטאָקראַטיזם, אַז עס פאַלט אָן אויף אײַך אַ פּחד, און איר קלערט זיך: „ווייס זיי דער גו־טער יאָר — אפשר קומען זיי טאַקע אַרויס דער רוח ווייס זיי פון וועמען?"... אונדזערע אַריסטאָקראַטן, מיליאָנערן און מיליאַרדערן, איך מיין אונדזערע כתרילעווקער ראָטשילדס, זײַנען אויך געווען אַמאָל גאַנץ קליינע מענטשעלעך, און זייער שבח מוז געזאָגט ווערן. זיי האָבן זיך אַליין מיט זייערע אייגענע כּוחות דורכגעשלאָגן און מיט דער צײַט

שטארק־שטארק ארויפגעארבעט זיך, געוואקסן און אויסגעוואקסן און גענומען איבערשטײַגן און אריבערשמײַסן איינס דאס אנדערע הן אין עשירות, הן אין צדקה, הן אין שיינע שדוכים, און מי יודע, וואס פון זיי קאן נאך אמאל ארויסוואקסן! די גאנצע וועלט, למשל, ווייס דעם יחוס פון די אמתע רויטשילדס, אז זיי שטאמען פון פראנקפורט און אז זייער עלטער־זיידע איז געווען פריִער א חלפן, דערנאך א מלווה, דערנאך א באנקיר, וואס פארלײַט געלט. אונדזערע כתרילעווקער רויטשילדס שטאמען ניט פון פראנקפורט. שטאמען שטאמען זיי טאקע פון כתרילעווקע גופא, נאר ווײַל זייער עלטער־זיידע איז אויך כל ימיו געווען א חלפן, געשטאנען מיט א טישל אין כתרילעווקער מארק און געביטן פערבלעד אף צענערס און צענערס אף גראשנס, האט מען דעריבער זײַנע קינדער און קינדס־קינדער געקרויִנט מיטן נאמען „די רויטשילדס". זיי, די קינדער, זײַנען שוין קיין חלפנים ניט געווען, מיט קיין טישל אין מארק ניט געשטאנען, נאר מיט הלוואה האבן זיי זיך פארנומען, מיט הלוואה פארנעמען זיי זיך נאך הײַנט און מיט הלוואה וועלן זיך פארנעמען אויך זייערע קינדער און קינדס־קינדער — כל זמן עס וועט עקזיסטירן אף דער וועלט אט דאס פאסקודנע מין, וואס מען רופט דאס „געלט", און כל זמן עס וועלן זיך געפינען אזעלכע מענטשן, וואס וועלן אײַך פארזעצן, איך בעט איבער אײַער כבוד, די הויזן, אבי איר זאלט זיי לײַען געלט... אז ס'וועט זיך מאכן, איר וועט קומען איצט אין דאס באנײַטע מאדערנע כתרילעווקע, וועט איר אף דער „געבריקעוועטער גאס" דערזען א צוויי גארנדיקן מויער מיט א גרויסן שילד איבער דער גאנצער וואנט, מיט גרויסע גאלדענע אותיות: „יעפים אי באריס גינגאלד. באנקירסקאיא קאנטארא". אף אונדזער ייִדיש לשון וועט דאס הייסן אזוי שיין, ווי „חיים און ברוך גינגאלד. באנק־געשעפט". זאלט איר וויסן, אז דאס זײַנען אונדזערע כתרילעווקער רויטשילדס. אי די קשיא: פון וואנען האט זיך צו זיי גענומען דער נאמען רויטשילד, אז הייסן הייסן זיי גאר גינגאלד? קאן מען דאס אײַך פארענטפערן מיט א ווידעראנאנד, ווי דער שטייגער איז: למאי וואס וועט איר זאגן דערויף, אז אקוראט אקעגן די רויטשילדס שטייט נאך א שענערער מויער מיט נאך א שענערן שילד, מיט נאך גרעסערע גאלדענע אותיות אנגעשריבן בפירוש, און אויך אף רוסיש: „ליעסנאיא טארגאווליא בראטיעוו דעמבא"; דאס

הייסט: „האַלץ־געשעפט פון די ברידער דעמבאַ״; — פונדעסטוועגן טוט אַ פרעג אַ מינדסט קינד: „יינגעלע, וועמענס שטוב איז דאָס?״ — וועט אײַך דאָס מינדסט קינד ענטפערן: „אָט די שטוב וועמענס? — בראַצקיס״.

אויב אײַך אינטערעסירט די ביאָגראַפיע פון די דאָזיקע בראַצקיס, וואָס הייסן דעמבאַ, אָדער דער יחוס פון די ברידער דעמבאַ, וואָס רופן זיך בראַצקי, קאָן עס דאָ דערציילט ווערן אין קורצן אָט אַזוי: אין סאָבאַליעסיע, אין אַ שטעטל ניט ווײַט פון כתרילעווקע, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום גראַף שטרעמבאַ־רודניצקי, איז געווען אַ ייִד אַ שאַפער, אַן אויפזעער אויף די פּריצישע וועלדער, וואָס געהייסן האָט ער ארן, נאָר גערופן האָט מען אים דעמב, ווײַל ער איז געווען, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ ייִד אַ פּראָסטאַק, אַ דאָרפמאַן, אַ הויכער, אַ געזונטער, אַ דעמב. געטראָגן אַ גראָבן, אַ גוייִשן בגד, מיט אַ שטריקל אַרומגעבונדן, און אַ פּאָר הויכע שטיוואַלעס, געקענט אויף אויסווייניק אַלע ביימער פון אַלע סובאַליעסער וועלדער, געהיט דעם גראַפס גוטס, ווי אַ געטרײַער הונט, און איז געווען באַם גראַף אַזאַ חשוב, אַז ער האָט אַנגעזאָגט אין זײַן צוואה די קינדער, אַז דער ייִד ארן און דעם ייִדנס קינדער זאָלן בלײַבן בײַ זיי שאַפערס כּל־זמן עס וועלן שטיין די וועלדער פון סובאַליעסיע און כּל־זמן עס וועט עקזיסטירן דער נאָמען שטרעמבאַ־רודניצקי. און ווי דער מנהג העולם איז, האָבן דאָך מסתּמא די יורשים פונעם גראַף שטרעמבאַ־רודניצקי זיך פאַרשפּילט אין קאָרטן און פאַרקויפט, געמאַכט אַ תּל פון אַלע סובאַליעסיער וועלדער, און ארנס קינדער האָבן געמוזט אַרי־בערפּעקלען זיך פון וואַלד אין שטאָט אַרײַן, זיך באַזעצט אין כתרילעווקע. און ווײַל ניט זיי און ניט זייערע קינדער האָבן נישט געוווּסט קיין זאַך, אַ חוץ וואַלד און אַ חוץ געהילץ, איז זייער געשעפט געוואָרן נאָר וואַלד און געהילץ — עד היום הזה. און עס האָט זיי מצליח געווען, און זיי זײַנען געוואַקסן אַליץ העכער און העכער, און מיט זיי איז גע־וואַקסן אויך זייער נאָמען. תּחילת האָט מען זיי גערופן „די וואַלד־מענ־טשן״, דערנאָך — „די הילצערנע ייִדן״, „די דעמבעניאַטעס״, דערנאָך — „די ברידער דעמבאַ״, דערנאָך — „די נײַע נגידים״, „די מיליאָנטשי־קעס״, און ערשט דערנאָך, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אויסשפּײַען זיך, אַרויסגיין מיט אַ שיינער נדבה, טאָן גרויסע שדוכים, שמײַסן און אַרי־

בערשמײַסן די רויטשילדס, — האָט זיי די שטאָט געקרוינט מיטן נאָמען: „אונדזערע בראַצקיס". עס איז שווער צו זאָגן, ווער פון זיי איז רײַכער: „אונדזערע רויטשילדס", צי „אונדזערע בראַצקיס"? זייער געלט האָט נאָך קיינער ניט געציילט. נאָר מיר דאַכט, אַז וואָס זיי פעלט צו די אמתע בראַצקיס מיט די אמתע רויטשילדס, וואָלט עס געמעגט אונדז אַלעמען צוקומען. זייער רײַכקייט איז ווי אַמאָל. אַמאָל זײַנען „אונדזערע רויטשילדס" רײַכער, אַמאָל „אונדזערע בראַצקיס". עס ווענדט זיך, ווער עס שטעלט זיך אויס שענער פאַר דער שטאָט. און ווײַל יעדער פון זיי וויל איבערשטײַגן אין אַריסטאָקראַטיזם, איבערשמײַסן איינס דאָס אַנדערע, דעריבער קאָנקורירן אונדזערע כתרילעווקער מיליאָנערן און מיליאַרדערן און שמײַסן זיך אַף וואָס די וועלט שטייט. למשל, זאָגט רויטשילד, אַז ס'איז אים שווער ייִדיש ריידן — באַרימט זיך בראַצקי, אַז ער פאַרשטייט ניט קיין וואָרט ייִדיש. און דאָס איז אין כתרילעווקע אַ סימן פון אַריסטאָקראַטיזם. אָדער עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה בײַ די רויטשילדס, אַ זונדל האָט זיך פאַרשפּילט אין קאָרטן און געפּטרט, זאָגט מען, אַ גאַנצן הונדערטער — האָט בײַ די גבירים, בײַ די בראַצקיס, אַ זונדל פאַרשפּילט צוויי הונדערטער. אָדער עס האָט זיך געטראָפן נאָך אַ מעשה: בײַ די רויטשילדס האָט אַ שנור „געפלירטעוועט" אין אויסלאַנד אין די בעדער מיט עפּעס אַ ווילד־פרעמדן יונגנמאַן בפרהסיה, און עס האָט געקאָכט דערמיט די וועלט — האָט בײַ די נײַע אַריסטאָקראַטן, בײַ די בראַצקיס, אויך אין אויסלאַנד אין די בעדער און אויך בפרהסיה „געפלירטעוועט" אַ שנור מיט צוויי ווילד־פרעמדע יונגע לײַט... אַריסטאָקראַטן אַז זיי שמײַסן זיך, איז פאַר דער שטאָט אַ מעלה, וואָרעם אַז מע האַלט אין שמײַסן זיך, שמײַסט מען זיך שוין אין אַלצדינג. למשל, כתרילעווקע וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם ווינטער, בשעת עס האָבן געבושעוועט די גרויסע פרעסט, אָרעמעלײַט נעבעך זײַנען געפאַלן, אַזוי ווי פליגן, — איז געוואָרן אַ ויצעקו: „סטײַטש, ווו זײַנען אונדזערע גבירים? אונדזערע רויטשילדס מיט אונדזערע בראַדצקיס? וואָס שווײַגן זיי?!" האָבן זיך די רויטשילדס דערבאַרעמט און האָבן אַרײַנגעשיקט פון מאַרק עטלעכע פורן שטרוי אַף צו באַהייצן די געפרוירענע. וואָס זשע האָבן געטאָן, מיינט איר, די בראַצקיס? — האָבן זיי גענומען און האָבן אַרײַנגעשיקט, פון זייערע אייגענע וועלדער טאָקע, עטלעכע

גאנצע פורן מיט האלץ און געטיילט האלץ אומזיסט פאר די ארעמעלייט פון שטאט, וועמען א פונט און וועמען צוויי פונט. אדער וואס האט געפעלט יענעם פסח, בשעת די רויטשילדס האבן זיך צעלאזט און האבן, א חוץ מעות־חטים, אריינגעשיקט א האלבע מאה זעקלעך קארטאפליס פאר ארעמעלייט אף פסח? זיינען זיך מיישב די בראצקים: „איך גיט קארטאפליס? מיר וועלן געבן שמאלץ צו די קארטאפליס!" און מען איז געגאנגען און מע האט געעפנט גרויסע טעפ מיט שמאלץ און מע האט געטיילט די ארעמעלייט שמאלץ. כל דכפין — איטלעכן א לעפעלע שמאלץ, און אף א משפחה — א גרויסע לעפל, אויב מע האט באוויזן צו ברענגען א פאפיר פונעם רב, אז די משפחה באשטייט נישט ווינציקער ווי פון פינף נפשות.

פון שטאט איז די קאנקורענציע מיטן שמייסן זיך אריבערגעשמיסן געווארן אין דארף, אף דער דאטשע. „פאלעסטינא" האט געעפנט פאר „ארץ־ישראל" אירע טויערן, און די פארשמאכטע ארץ־ישראלדיקע דאטשניקעס האבן אפגעלעבט. ווי אזוי איז דאס געשען? אט ווי אזוי: איינמאל אין א זומער האבן „אונדזערע" רויטשילדס אויסגעבויט אין „פאלעסטינא" אן אייגענע דאטשע (אף א גוים נאמען, געוויינלעך). אבער א דאטשע! מיט א וועראנדע און מיט שטאכעטן, געפארבטע גרינע שטאכעטן, און א גארטן האבן זיי געפלאנצט, געזעצט אגרעסן און ווײַמפערלעך און ווײַנשל און קארשן. און האבן געעפנט דעם גארטן פאר אלע כתרילעווקער דאטשניקעס, וואס אף דער זייט בארג, פראנק און פריי — גאנץ „ארץ־ישראל" קאן קומען שבת באטאג שפאצירן אין גארטן! אבער נאר שבת. אין מיטן וואך — אזאס!... זיינען זיך מיישב „אונדזערע" בראצקים, טאקע באלד אפן אנדערן זומער, און גייען און שטעלן אוועק נאך א שענערע דאטשע מיט נאך א שענערע וועראנדע און מיט נאך א גרעסערן גארטן, אויך אין „פאלעסטינא" און אויך אף א גוים נאמען, און אויך מיט אגרעסן און מיט ווײַמפערלעך און מיט ווײַנשל און מיט קארשן, און האבן גענומען און האבן בפירוש געלאזט אויסרופן אין שטאט, אין אלע בתי־מדרשים, אז דער גארטן זייערער איז אפן פאר אלע יידן נישט נאר דעם טאג שבת — אלע טעג פון א גאנצע־וואך, נאר בתנאי — מע זאל זיך צו די ביימלעך נישט צורירן, די פירות נישט רייסן און אפן גראז נישט טרעטן... ווי מיינט איר אבער,

אז מע לאזט אריין, א שטיינער, „ארץ־ישראלדיקע" דאטשניקעס אין א גארטן. און זיי דערזעען גראז, — זאל מען נישט ארפווארפן די קאפאטע און נישט אוועקזעצן זיך אף דער ערד? ציֵ, א שטיינער, ידישע קינדער האבן דערזען פאר זיך גרינע אגרעסן, רויטע ווײַמפערלעך, דערשמעקט קארשן — וועט מען קוקן און מע וועט שווײַגן?... האט מען דעם גארטן ארומגעגרײַזעט מיט א פארקאן, אף די שטאכעטן אנגעשלאגן צוויעקעס, אפן טויער אנגעהאנגען א שלאס, און עס איז ארויס א „פריקאז", אז מהיום והלאה, טאמער וועט זיך דערוועגן עמעצער פון „ארץ־ישראל" ארײַנצוטרעטן צו זיי אף דער דאטשע, וועט מען אים איבערברעכן הענט און פיס, ארויסשלאגן א צאן און אנרייצן אף אים די הינט...

באמת זײַנען די הינט געווען נאר א פאנטאזיע, א סטראשידלע אף אפצושרעקן דעם עולם; נאר דאס האט געהאלפן מער פון אלצדינג: כתרילעווקער יידן האבן פײַנט האבן צו טאן מיט הינט...

6

מע קאן נישט וויסן וועמענס מארגן ס'איז

דאס ווייסט איר דאך מן הסתם, אז בא די אמתע, בא די פראנקפורטער, רויטשילדס איז א מנהג פון קדמונים, א מין טראדיציע אזעלכע בירושה פון זייערע זיידעס, וואס ווערט שטארק אפגעהיט, — אז שדוכים זאל מען טאן נאר צווישן איינענע, בכדי די משפחה זאל, חלילה, נישט פארפרעמדט ווערן; סײַדן עס כאפט זיך אונטער א גראף, אדער א מארקיז, אדער א פרינץ, און פארליבט זיך אין זייערער א טאכטער — דעמאלט איז אנדערע ווערטער. דעמאלט, פארשטייט איר מיך, איז שוין דער יצר הרע צו גרויס און מע קאן נישט בײַשטיין קעגן אזא נסיון...

בא די כתרילעווקער רויטשילדס איז אויך די זעלבע טראדיציע. נישט מחמת זיי האבן דאס בירושה פון זייערע זיידעס, נאר פשוט, ווײַל זיי האלטן זיך גרעסער פון אלעמען און האבן זיך אײַנגערעדט און זײַנען איבערצײַגט, אז צו זייער יחוס איז נישטא קיין גלײַכן אף דער גאנצער וועלט. נישט אומזיסט זאגט כתרילעווקע אף זייערע אריסטאקראטן א ווערטל, אז זיי זײַנען אזעלכע גרויסע מיוחסים, אז סע שטייט

זיי נישט אַן די מחותנשאַפט מיט זיך אַליין... ס'איז געווען אַ צייַט, וואָס די אויפגעקומענע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטן, „אונדזערע בראַצקים", האָבן אַפילו אין חלום נישט געוואַגט צו טראַכטן פון אַזאַ כבוד, ווי מתחתן זייַן זיך מיט די אַלטע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטן, מיט „אונדזערע רויטשילדס". נאָר אַז „אונדזערע בראַצקים" האָט אַ שייַן געגעבן דאָס מזל, זיי האָבן אָנגעהויבן וואַקסן, געוואָרן גרויס און האָבן באַקומען כמעט אַזויפיל געלט, ווי די רויטשילדס, איז בּאַ זיי געזעסן טיף אין האַרצן פאַרבאָרגן נאָר איין ווונטש: אַ שדוך מיט די רויטשילדס. אַרויסזאָגן דעם דאָזיקן ווונטש הויך האָט מען נישט געוואָגט פונדעסטוועגן. איין מאָל נאָר, מער נישט אַז איין מאָל, האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, די „אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטן" האָבן צוגעשיקט אַ שדכן צו די רויטשילדס — דעם באַרימטן כתרילעווקער שדכן סאַלאָווייטשיק. סאַלאָווייטשיק דער שדכן, מוזט איר וויסן, איז נישט פון די אַמאָליקע כתרילעווקער שדכנים. סאַלאָווייטשיק איז אַ שדכן פון דעם איצטיקן מאָדערנעם כתרילעווקע, און ער הייסט שוין נישט „שדכן", נאָר „פאַרמיטלער". סאַלאָווייטשיק איז באַרימט, נישט אַזוי מיט זייַנע גרויסע שדוכים, וואָס ער פירט דורך, ווי מיט זייַן מויל, מיט זייַן ריידן. ער קאָן אייַך איבעררײדן די גאַנצע וועלט. ס'איז גאָר נישטאָ אַ מענטש, וואָס זאָל קאָנען בייַשטיין קעגן סאַלאָווייטשיק דעם פאַרמיטלער, אַז ער הייבט אָן צו ריידן. ס'איז אש־להבה! סאַלאָווייטשיק דער פאַרמיטלער, איז אַ טאַקע דעם אַלטן רב שלום שדכנס אַ זון, און איז אַ ייִד פון הייַנטיקער וועלט, טראָגט שוין, פאַרשטייט איר מיר, אַ קאַפּעלוש אויפן קאָפּ און אַ וויַיסע מאַנישקע מיט אַ שניפּס. אמת, דער קאַפּעלוש איז שטאַרק אָפּגעבאַרעט, די וויַיסע מאַנישקע איז נישט איבעריק ווייַס און דער שניפּס איז, זאָל ער מיר מוחל זייַן, עפּעס אַ מין שמאַטע, וואָס גלאַנצט — ס'איז אָבער פאָרט אַ קאַפּעלוש און פאָרט אַ מאַנישקע און פאָרט אַ שניפּס! הייַנט לייגט־צו צו דעם אַ פּידזשאַק, טאַקע אַן אַלטן, נאָר אַ קורצן פּידזשאַק, וואָס הענגט אויף אים אַ ביסל פרעמדלעך, און הויזן אַ פּאָר, אַפילו קורצלעכע, דערפאַר אָבער ברייטע, גאַנץ ברייטע, און קעסטלדיקע, געווען אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, גאָר־גאָר פייַנע הויזן — וועט איר פאַרשטיין דעם חלוק פון אים ביז זייַן טאַטן, עליו השלום. נאָר דאָס אַלצדינג איז בלאָטע אַקעגן די באָרד און פּאות. ווער מיר באָרד? וואָס מיר פּאות? מילא, די באָרד איז נאָך ווי ס'נישט איז. איז

נישט קיין באָרד — איז אַ בערדל. אַ מענטש איז נישט מחויב צו טראָגן אַ בעזעם אויפֿן פּנים. אָבער פּאות? קיין סימן אפילו! אָפּגעשוירן, אונטערגעגאָלט און אויסגעקאַרעניעט מיטן וואָרצל! היינט דאָס ריידן זיינס! קיין „גוט מאָרגן" איז נישטאָ, נאָר אַ רוסישער „איזדראַסטאַטיע". און באָם אַוועקגיין איז — „דאָסווידאַניע". ער זאָל זאָגן, אַשטייגער: „איך האָב פֿאַר אײַך אַ גוטן שדוך" — איז נישטאָ. וואָס דען? אַ ביסל אויף דײַטש, אַ ביסל אויף פֿראַנצויזיש און אַ ביסל אויף רוסיש: „איך האָב פֿאַר זיי אַ פּאַרטי — טשטאָ ניבוד אָסאָבענע!" וואָס דאַרפֿט איר מער? זײַן טאַטע, עליו השלום, פֿלעגט טראָגן אַ זאַנטיק, אַ גרויסן, אַ רויטן פּאַראַסאָל. אים שטייט נישט אַז. ער איז שוין אַן אַריסטאָקראַט מיט אַ שטעקל און רופֿט זיך סאַלאָווייטשיק דער פּאַרמיטלער. רב שלום שדכן זאָל אויפֿשטיין און אַ קוק טאָן אויף זײַן זון, דעם „פּאַרמיטלער"!...

באַקומען אַזאַ הויכע מיסיע — אויסצופֿירן אַ „פּאַרטי" צווישן אַזעלכע צוויי אַריסטאָקראַטישע הײַזער, ווי „אונדזערע בראָצקים" מיט „אונדזערע רויטשילדס", האָט סאַלאָווייטשיק דער פּאַרמיטלער אָנגעטאָן אַ ווײַסע מאַנישקע, צעקעמט דאָס שטיקל באָרד, פֿריש אונטערגעשוירן דעם אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געווען פּאות, און איז אַוועק צו די רויטשילדס — און האָט נאָר געקאָנט אויסריידן די ערשטע עטלעכע ווערטער אויף זײַן געמישטער שפּראַך: „איזדראַסטאַטיע! איך האָב פֿאַר זיי אַ פּאַרטי — טשטאָ ניבוד אָסאָבענע!" — וואָרעם אַז מע האָט אים אַ פֿרעג געטאָן, ווער איז די „פּאַרטי" און וואָס פֿאַר אַ „טשטאָ ניבוד אָסאָבענע", און ער האָט נאָר אויסגערעדט די ווערטער „אונדזערע בראָצקים", — האָט ער געכאַפּט אַזאַ מיאוסן פּעטשאַטעק, אַז ס'איז אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער וועט שוין פֿאַרזאָגן קינדס־קינדער! מע האָט אים מבטיח געווען, אַז דאָס אַנדערע מאָל, טאָמער לייגט ער פֿאָר אַזאַ „פּאַרטי" מיט אַזן „טשטאָ ניבוד אָסאָבענע", וועט ער עפּענען מיטן קאָפּ די טיר. בקיצור, מע האָט דעם שדכן געגעבן דעם וועג. אויף אַ פּראָסטן ייִדיש וועט דאָס הייסן: מע האָט אים דורכגעטריבן. דערפֿאַר, שטייענדיק שוין בײַ דער טיר, האָט סאַלאָווייטשיק דער פּאַרמיטלער באַוויזן וואָס ער קאָן. ער האָט זיי אַ זאָג געגעבן: „געדענקט, דאָס זאָגט אײַך סאַלאָווייטשיק: מע ווייס נישט וועמעס מאָרגן ס'איז!"...

און כך הווה. סאַלאָווייטשיקס וואָרט איז, אַפּנים, אין אַזאַ שעה אַרויסגערעדט געוואָרן. די רשעים האָבן געהאַט זייער מפּלה. די אייגענע

רויטשילדס, וואס האבן אים אמאל דורכגעטריבן, האבן געשיקט רופן דעם אייגענעם סאלאווייטשיק דעם שדכן, ער זאל זיי גיין מאכן א פארטי מיט די נײַע מיליאנטשיקעס, מיט די אויפגעקומענע אריסטאקראטן, מיט די בראצקיס. דא איז מקוים געווארן דאס ווערטל: „אז מע דארף האבן דעם גנב, נעמט מען אים פון דער תליה". סאלאווייטשיק דער פארמיט־לער האט זיך נישט געלאזט צוויי מאל בעטן, און אז ער איז געקומען צו די רויטשילדס, האט מען אים געבעטן זיצן, נישט געווארט ביז ער וועט זיך אליין זעצן, און אפילו דערלאנגט אים א פאפיראס און פײַער צום פאפיראס. דאס איז שוין די טבע פון א כתרילעווקער אריסטאקראט: אזוי וועט ער זיך אײַך בלאזן, ווי אן אינדיק — גארנישט צו צוטרעטן! נאר קוים באדארף ער פון אײַך א שטיקל טובה, אזוי ווערט ער אײַך נידעריקער פון דער ערד און ווייכער פון פוטער, כאטש נעמט לייגט אים צו צו א געשוויר! אין קורצע ווערטער, מיט א פאר קליינע הקדמות, האבן די רויטשילדס אויסדערציילט זייער התנצלות פאר סאלאווייטשיק דעם פארמיטלער, אז זיי וואלטן, אייגנטלעך, בשום אופן נישט געוואלט טאן נישט מיט זייער גלײַכן, נישט מיט דעם, וואס זיי שטייט נישט אן. נאר אזוי ווי ס'איז פאראן א גמרא מיט א מדרש און מיט, להבדיל, א גוייִש ווערטל — על כן זאל ער זיך מטריח זײַן צו די נײַע, צו די אויפ־געקומענע, צו אט די, וואס מען רופט זיי איצט מיטן נאמען „די בראצ־קיס", און ער זאל זיי זאגן כך וכך... אים באדארף מען דאך די צונג נישט פיקן; ער איז דאך א ייִד, וואס קאטארע ער קאן...

דער פארמיטלער איז שיער צעגאנגען געווארן פון אזא באנעמונג, פון אזוינע רייד און פון אזעלכע קאמפלימענטן. שײַך צו זאגן ער קאן? אוודאי קאן ער! „ניין, פאני סאלאווייטשיק! איר באדארפט ריידן נישט גלאט, נאר פארשטעלט". שײַך צו זאגן פארשטעלט? אוודאי פארשטעלט! „ניין, פאני סאלאווייטשיק! איר טארט נישט זאגן, אז דאס האבן מיר אײַך געשיקט. איר באדארפט זיי זאגן, אז דאס איז אייער אייגענער פלאן, וואס וואקסט פון אײַך אליין. איר פארשטייט, צי ניין?" שײַך צו זאגן ער פארשטייט? ווער דען פארשטייט, אז נישט ער? — און סאלאווייטשיק דער פארמיטלער האט אנגעגורט זײַנע לענדן און איז אין דעם זעלבן כאג אוועק צו די בראצקיס, אן אנגעלאדענער און אן אנגע־שטאלענער, געהאט אזוי פיל צו זאגן, אז ער האט גארנישט געוווסט, פון וואס פריִער. עס האט זיך אים ארויסגעוויזן, אז וויפל ער זאל נישט

ריידן, וועט זײַן ווינציק, און וואס ער זאָל נישט זאָגן, וועט נישט זײַן דאס, וואס מע דאַרף. ס'איז אַלע מאָל אַזוי, פון זינט די וועלט שטייט: אַז איר קומט אַרײַן צו אַ גרויסן מענטשן, פאַרפּלאָנטן זיך אײַך די מחשבות, און אַנשטאָט דעם, איר זאָלט זאָגן וואס איר ווילט, הייבט בײַ אײַך די צונג אָן צו פּלעטשן דער רוח ווייס וואס!... איידער סאָלאָווייטשיק איז אַרײַן צו די אויפגעקומענע מיליאָנטשיקעס, דאס הייסט, אַז ער איז געווען אויף יענער זײַט טיר, איז בײַ אים געווען צוגעגרייט פּעק מיט רייד און מיט משלים און מיט פּסוקים און מיט גמראס — אַן אַ שיעור. נאָר אַז די בראָצקים האָבן געגעבן אויף אים אַ קוק מיט די אויגן און אַ פרעג: „וואס דאַרפט איר?״ — האָבן זיך באַם שדכן גע־געבן אַ בלעטער־איבער די געדאַנקען אין קאָפּ, און פון אַלע זײַנע פאַר־טיקע רייד מיט די פּסוקים, מיט די גמראס, מיט די משלים, איז געוואָרן אַ מישמאַש — עס האָט זיך נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. דאס הייסט, אָנגעהויבן האָט ער דווקא גישקשהדיק: „פּאַראַן אַ רש״י, מאַכט ער: „תעלא בעדניה סגיד ליה״ — אַ פוקס אין זײַן צײַט, אַז מע דאַרף צו אים אָנקומען...״ האָט מען געגעבן אויף אים אַ קוק און אַ האַק איבער: „אַקעגן וואס איז דאס געקומען צו רייד?״ „טאַקע אַקעגן דעם טאַקע, וואס מע ווייס נישט וועמענס מאָרגן ס'איז... אָט, דאַכט זיך, נישט לאַנג האָט איר געוואָלט, האָבן זיי נישט געוואָלט. איצט ווילן זיי שוין — שייך זאָגן זיי ווילן? זיי חלשן, זיי גייען אויס מיט אײַך צו טאָן, זיי נעמען אײַן אַ מיתה משונה! זיי וואָלטן מי יודע וואס, אבי...״

— פון וועמען רעדט איר?

— פון וועמען איך רייד? טאַקע פון זיי. טאַ יעסט, פונעם סאַמע יחוס, פון דער גילדענער פּאַן, פון די גרעסטע, פון די פײַנסטע, פון די שענסטע — פון „אונדזערע רויטשילדס״ רייד איך דאָך...

מער האָט מען נישט באַדאַרפט. דער פּאַרמיטלער זאָל זיי געווען אָפּגיסן מיט עסיק, אָדער מיט וויטריאָל, וואָלט זיי, דאַכט זיך, געווען ניחאָער. די בראָצקים, ווײַזט אויס, האָבן נאָך נישט פאַרגעסן דעם מיאוסן אָפּזאָג, וואס זיי האָבן אַמאָל געהאַט פון די רויטשילדס, נישט הײַנט געדאַכט, — האָבן זיי זיך אָפּגעקילט דאס האַרץ אַצינד און אויס־געלאָזט כל חמתם נעבעך אָפּן שדכנס קאָפּ:

— מיט וועמען רעדט איר אונדז? מיט אָט די ראַסטאָווושטשיקעס, פּראַצענטניקעס, ליכוויאַרזשעס, וואס פאַרמאָגן נישט אונדזער מיטט?

— ווי האָט דאָס אַ ייִד אַ שדכן אַזאַ פּאַטעפּאַלנעסט קומען פּאַרלייגן אונדז צו טאָן מיט אַזעלכע „כאַץ־דאַרגעס"? ווער זײַנען זיי, איַיערע רויטשילדים? שוין לאַנג איז זייער זיידע געזעסן מיט אַ טאָרבע מינץ אין מאַרק און געפּרווירן, ווי אַ הונט? איצט זײַנען זיי שוין געוואָרן כלומרשט באַנקירן, נעמען וועקסלען, שינדן די הויט. ניין ניין! איר זאָלט גאָר־נישט פּרוּוון אפילו אָפּענטפּערן אַ וואָרט — איר הערט, וואָס מע רעדט צו אײַך? און אַז איר וועט נישט אַוועקגיין באַלד מיט גוטן, וועט איר זיך דערשפּילן — מע וועט אײַך נעמען, איר הערט צי ניין, און מע וועט אײַך אַראָפּלאָזן פֿון אַלע טרעפּ!

שוין שטייענדיק פֿון אונטן, איז דעם שדכן געבליבן נאָר איבער־צוחזרן נאָכאַמאָל די אַמאָליקע ווערטער זײַנע: „מע קאָן נישט וויסן ווען מען מאַרגן ס׳איז... און זײַנע ווערטער זײַנען מקוים געוואָרן אַף אַ וווּנדערלעכן אופֿן, וואָס נישט סאָלאָווייטשיק דער פּאַרמיטלער, נישט קיינער האָט זיך געקאָנט דערויף ריכטן. איצטיקס מאָל האָט זיך אָנגענומען דעם שדכנס קריוודע דער גאָט פֿון ליבע. עס האָט זיך אַרײַנ־געמישט דאָס קליינע מלאכל, וואָס הייסט מיט זײַן הייליקן נאָמען „אַמור" און וואָס שיסט מיט פֿאַרגיפֿטיקטע פֿײַלן אַלע בחודים מיט אַלע מיידלעך גלײַך אין האַרצן אַרײַן. דאָס איז געווען אין יענעם הייסן זומערדיקן טאָג, ווען באַ אַברהמל דעם קאַלישטשיק זײַנען געפֿאָרן פֿון כתרילעווקע קיין „פּאַלעסטינאַ", אויב דער לעזער קאָן זיך דערמאָנען, אַן אַריסטאָ־קראַטישע מאַדאַם מיט אַ טעכטערל אַ יפֿת־תּואר, און צו זיי אַף דער „קאַלייקע" האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אַ טשיקאַווע פּראַנטעוואַטע בחורל מיט אַ ווײַס קאַפּעלושל און מיט אַן אַריסטאָקראַטיש שטעקעלע און האָט זיי געפֿלעפּט ביידן, די מאַדאַם מיט דער טאָכטער, מיט ערשטן דריי פֿון זײַנע שוואַרצע אַריסטאָקראַטישע וואָנצעלעך און מיטן ערשטן שאָס פֿון זײַנע אויגן. איצט איז געקומען די צײַט אויסצוזאָגן — עס איז שוין מער נישט קיין סוד — ווער איז דאָס די אַריסטאָקראַטישע מאַדאַם, וואָס רעדט אַזוי שיין רוסיש: „נאַ טשטאָ נאַם וואָזדער, קאָגדאַ או נאַס יעסט דיענגי?" און ווער איז געווען דער טשיקאַווע־פּראַנטע־וואַטע־אַריסטאָקראַטישער יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט געפֿלעפּט די אַריס־טאָקראַטישע מאַמע מיט איר אַריסטאָקראַטישער טאָכטער? די מאַדאַם — דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערע, נאָר די מאַדאַם רויטשילד, און

דער יונגערמאַן איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ זון פון די אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטן, פון די כתרילעווקער בראַצקים.

נעמענדיק איז אַנבאַטראַכט דאָס אַלץ, וואָס איז דערציילט געוואָרן ביז אַהער, וועט שוין באַם לעזער זיין רעכט, ווער ס'איז געקומען צו הילף סאַלאָווייטשיק דעם שדכן, און עס בלייבט איבער נאָר איין זאַך: צי האָט דער גאָט פון ליבע עפּעס אויפגעטאָן? און צי ס'איז אים געראָטן, סאַלאָווייטשיק דעם פּאַרמיטלער, די דאָזיקע „פּאַרטי" דורכצו־פירן? און אויב יאָ — וואָס האָט ער, סאַלאָווייטשיק דער פּאַרמיטלער, געכאַפּט דערביי? און ווו איז פאָרגעקומען די דאָזיקע גרויסאַרטיקע אַריסטאָקראַטישע חתונה — אין כתרילעווקע, צי אין „פּאַלעסטינאַ" אויף דער דאַטשע? אויף די אַלע וויכטיקע פראַגן באַקומט דער פריינט לעזער אַ קלאָרע תשובה אינעם קומענדיקן קאַפּיטל פונעם דאָזיקן זומערדיקן ראָמאַן.

7

סאַלאָווייטשיק דער שדכן אַרבעט אויף אַלע כלים

מיר מיינען, אַז דער פריינט לעזער איז צופרידן, וואָס דער „ער" און די „זי" פונעם דאָזיקן זומערדיקן ראָמאַן זיינען גראָד נישט קיין געוויינלעכע בשר־ודמס, ווי, למשל, מיר זיינען, נאָר אמתע אַריסטאָ־קראַטן, פון דער גאָלדענער פּאַן, פון די כתרילעווקער מיליאָנערן און מיליאַרדערן. „ער" איז אַ בראַצקי פון „אונדזערע בראַצקים", „זי" — אַ רויטשילד פון „אונדזערע רויטשילדס". און דאָס איז דאָך אַ פּאַקט, וואָס מע קאָן נישט אָפּלייקענען, אַז מיר, געוויינלעכע בשר־ודמס, זיינען אַלעמאָל זייער נייגעריק צו וויסן דווקא וואָס אין די הויכע פענצטער טוט זיך, ווי אַזוי לעבט מען בײַ די נגידים, ווי אַזוי עסט מען דאָרט, ווי אַזוי טרינקט מען? און אַז אַ מיליאָנערסקע אַריסטאָקראַטישע חתונה האָט פאַר אונדז נאָך אַ באַזונדערן אינטערעס, כאָטש אַז מע וויל שמועסן אין תוך אַריין — וואָס האָבן מיר דערפון? גאָרנישט מיט גאָרנישט. נאָר אַזוי האָט אונדז שוין גאָט באַשאַפן — פאַרפאַלן. מיר קאָנען דעריבער מיט אַ ריינעם געוויסן גיין ווייטער מיט אונדזער געשיכטע. נאָר מע דאַרף זיך דערמאָנען אויף אַ ווײַלע אין דעם ערשטן באַגעגעניש פונעם „ער" מיט דער „זי" בײַ אַברהמלען אויף דער „קאַלייקע", ווי אַזוי דעם יונגן

העלד בראצקי איז דאס געאַנגען, טאַקע ממש דורך פֿיר און דורך טויער. נישט נאָר איז די יפֿת־תּואר, רויטשילדס טעכטערל, געווען פֿון אים גע־פֿאַנגען, נאָר אַפֿילו די מאַמע אירע, זאָל געזונט זײַן, די מאַדאַם רויט־שילד אַליין, איז אינגאַנצן געווען אַף זײַן זײַט און האָט אים מוראדיק פֿרײַנטלעך אויפֿגענומען און מיט סכנות ליבלעך אײַנגעלאַדן צו זיך אַף דער דאַטשע: „פּאַזשאַלעסטע, בעז צערעמאָני!" צו אַזאַ כּבֿוד און צו אַזאַ הצלחה איז לאו כּל אדם זוכה. וואָרעם מיר ווייסן דאָך, אַז פֿון זינט די וועלט שטייט און זינט צווישן מענטשן קומען פֿאָר ראָמאַנען איז פּונקט קאַפּויר: אַז עס קומט די צײַט פֿון פּאַרליבעניש, איז אָדער דער טאַטע, אָדער די מאַמע פֿון דער יפֿת־תּואר, אָדער זיי בײדע, שפּאַרן זיך אײַן אַזוי גוואַלדיק, אַז ס'איז זיי נישט צו רירן פֿונעם אָרט! שענער פֿון אַלץ איז דאָס, וואָס די עלטערן, זאָלן מיר מוחל זײַן, האָבן אַליין אַמאָל אין דער יוגנט געליבט און געקעמפּט, מלחמה געהאַלטן מיט זייערע עלטערן, אַנטלאָפֿן און שטילערהייט געשטעלט אַ חופּה. וואָלטן זיי דאָס, דאַכט זיך, געמעגט געדענקען? איז ניין. איצט, אַז גאָט האָט זיי גע־האָלפֿן, זיי זײַנען אַליין געוואָרן עלטערן, האַלטן זיי מלחמה מיט זייערע קינדער. דערפֿאַר, אַז זייערע קינדער וועלן, אם ירצה השם, אויסוואַקסן און וועלן ווערן עלטערן, וועלן זיי אויך פֿאַרגעסן די אַמאָליקע צרות און וועלן מלחמה האַלטן מיט זייערע קינדער. דאָ איז אַ באַזונדער קללה פֿון גאָט, און נאָר איין אדם הראשון איז געווען אַ גליקלעכער, וואָס חוה האָט נישט געהאַט קיין עלטערן, — און ווײַטער איז צרות, מיט דראַמעס, מיט האַרצווייטיק, מיט אומגליקן, מיט דראַמעס, מיט טראַגעדיעס אַלערליי. וויי־וויי, אַז מע טוט זיך אַ טראַכט אַרײַן, וויפֿל אומזיסטע טרערן עס זײַנען פֿאַרגאָסן געוואָרן און וויפֿל יונגע לעבנס עס זײַנען דערפֿון רויִנירט געוואָרן — שטעלן זיך די האָר קאַפּויר! און נאָר דערפֿאַר, וואָס ס'איז אַצינד זומער, דאַטשע־סעזאָן, אַלץ גרינט און נעלט און בליט און וואַקסט און ס'איז היים, און עס ווילט זיך גאָר גיין באָדן, און ווײַל מיר זײַנען בכלל נישט קיין גרויסע מרה־שחורהניקעס און זײַנען ווײַט פֿון טראַגישע באַשרײַבונגען און טרויעריקע געדאַנקען, גייען מיר פֿאַרבײַ און ווילן דערפֿון גאַרנישט ריידן אַפֿילו. און דערצו איז אין דעם זומערדיקן ראָמאַן, וואָס מיר באַשרײַבן דאָ, צום גליק, אַלצדינג צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק, אַזוי פּײַנטשיק, אַז ס'איז געבליבן, דאַכט זיך, מער נישט, ווי נעמען און שרײַבן תּנאָים, ברעכן טעלער און

— מזל טוב אייך. נאָר וואָס דען? אַז ס'איז געקומען צום שפּיץ, האָט זיך עס אָפּגעשטעלט. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז, וואָס אומע־טום מוז זיין אַ פּלעקל, אַ וואָרעם, וואָס דערלאָזט נישט. און דאָס איז, אייגנטלעך, אַ גליק פאַר אונדז, שרייבער, מחמת ווען נישט אָט דער וואָרעם, און ס'זאָל אַלצדינג גיין גלאַט, וואָס וואָלטן מיר, דיכטער דעמאָלט געהאַט צו טאָן אויף דער וועלט?

דער „וואָרעם", וואָס איז געלעגן צווישן אונדזערע העלדן, איז נישט נאָר דאָס, וואָס ער איז אַ בראַצקי און זי אַ רויטשילד, — דאָ איז געלעגן אַן אַנדער הונט באַגראָבן: אונדזער יפת־תואר איז שוין געווען „כמעט" ווי אַ כלה. אַ זווג איז דאָס אפילו געווען משׁשת ימי בראשית: ביידע גלייכע מיוחסים, ביידע פון דער גאָלדענער פּאָן און ביידע זיצן זיי אין „פּאַלעסטינאַ", אַ דאַטשע לעבן אַ דאַטשע. ביידע האָבן גלייכע נדנס (צו עשרת אלפים) און ביידע קענען זיי זיך איינס דאָס אַנדערע דורך און דורך. זי — קענען מיר שוין. מיר האָבן שוין געהאַט דאָס פאַרגעניגן זי צו זען בײַ אַברהמלען אין דער „קאָ־ליקע" — אַ בתולהכן אַ צאַצקע, אַן אמתע יפת־תואר. און מיט אים, מיטן חתן, הייסט עס, באַדאַרף מען אייך באַקאַנט מאַכן, אָפּמאָלן אין עטלעכע קורצע שטריכן: אַ בחור כהלכה, פונעם געוויסן שניט, אַ „געקאַנטשעטער קאַמערטשעסקי", האָט ליב אַ קערטל און קען זיך מיט דער גאַנצער חבריא פון „שאַנטאַן", קלאָר אויף אויסוויניק אַלע אָפּער־רעטעס, און דעם גרעסטן ניגון וועט ער אייך אויספייפן מיטן מויל. בײַטאָג איז ער שלעפעריק, בײַנאַכט — אַן אויסגעשלאָפענער. דאָס פּאַפּעלושל זיצט בײַ אים אויפן שפּיץ קאָפּ, דאָס רעקעלע, „אַלאַ־קלאַש", הענגט ווי אויסגעגאָסן, דאָס שטעקעלע דין און טשאַקענדיק, און אַז עס קומט אַרײַן אין טעאַטער, אָדער אין צירק, אָדער אין סינעמאַ־טאָגראַף, גייט עס, ווי צום טאַנץ, בעל־הבתיש, ווי אַ היימישער, ווי אַן אַלטגעזעסענער. אָט האָט איר אייך אַ בילד פון אַן אַריסטאָקראַטישן חתן פון די אמתע כתרילעווקער רויטשילדס. מיט דער כלה האַלט זיך אַזאַ חתן קאַלט, סטאַטעטשנע, אויסגערעכנט, באַווייזט זיך נישט אַרויס מיט קיין פאַרליבעניש — דאָס פּאַסט פאַר אַ בחורל פון „ארץ־ישראל", נישט פאַר אַ „פּאַלעסטינער" אַריסטאָקראַט. אַרויסבאַווייזן סימנים פון פאַרליבעניש און פּרעטענזיעס צו דער „כלה" האָט ער ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט אונדזער צווייטן העלד, מיט בראַצקים

זונדל, בא זײַנע מחותנים, אין „פּאַלעסטינאַ" אױף דער דאַטשע, און דערזען, װי יענער שיסט מיט אױגן אױף דער מאַמזעלכן רױטשילד, און װי די מאַדאַם רױטשילד שלאָגט מיט אים בלאַט, חנפהט דעם גאַסט אױף װאָס די װעלט שטײט און האָקט אַזאַ רוסיש, אַז מע קאָן בלײַבן אַזן אַ בױך לאַכנדיק! דעם חתן רױטשילד, דאָס הײסט, דעם האַלבן חתן איז נישט געפעלן דאָס, װאָס די מחותנתטע רױטשילד איז אים געװאָרן עפּעס צו באַרײדעװדיק, און עס האָט זיך אָנגעצונדן אַ העליש פײַער אין דעם דאַזיקן העלד, און סע האָט אים געבאַפּט אַ פּאַרדראָס אױף דעם יונגן בראָצקי, און די ליבע האָט זיך פּלוצעם אין אים צעברענט און צעפלאַקערט מיט סכנת נפשות! נישט אַזױ די ליבע צו דער כלה, װי די שנאה צו אָט דעם „אױפגעקומענעם" אַריסטאָקראַט! װאָס האָט יענער צו גײן מיט װיזיטן אין אַזאַ שטוב, װוּ ער, רױטשילד, רעכנט זיך „כמעט" פאַר אַ חתן? ... און בכדי צו מאַכן אַ סוף מיט דער דאָזיקער אומאַנגענעמער געשיכטע, האָט ער געפּועלט בא זײַנע עלטערן, אַז מע זאָל זיך אַ ביסל צואײַלן מיטן קנס־מאָל. נאָר װי איבעראַשט איז מען געװאָרן בא זײַנע עלטערן, אַז מע האָט זײ געבראַכט פון דאָרט אַ תשובה, אַז ס'איז נישטאָ װאָס צו רײדן פון קײן קנס־מאָל, איבער דרײַ טעמים: ערשטנס, איז זומער, און זומער מאַכט מען נישט קײן קנס־מאָל. צװײטנס, איז די כלה נאָך צו־יונג און מע טראַכט נאָך גאָר־נישט פון קײן שדוך. און דריטנס, קאָן זײַן, אַז די טעג זאָל זי אַ כלה װערן טאַקע פון הי מיט אײנעם פון די פּאַלעסטינער אַריסטאָקראַטן ...

אַז דער אײנער פון די „פּאַלעסטינער אַריסטאָקראַטן" איז אונדזער יונגער בראָצקי — דאָס האָט מען נישט געזאָגט. מע האָט עס שױן אַלײן באַדאַרפט פאַרשטײן. פאַר די רױטשילדס איז דאָס געװען אַ צװײיענדיקער סקאַנדאַל: דאָס, װאָס זײער זונדל בלײַבט אָן אַ כלה — איז אײנס. און צװײטנס, װאָס אין דער גאָלדענער פּאָן פון די אמתע רױטשילדס כאַפּט זיך אַרײַן אַ „אױפגעקומענער" אַריסטאָקראַט, „עפּעס" אַ בראָצקי! דער צװײטער פּונקט איז געװען נאָך אפשר װיכטיקער פונעם ערשטן. און פאַר אונדזער אָפּגענאַרטן העלד, דעם האַלבן חתן רױטשילד, איז דאָס געװען אַזאַ קלאַפּ, אַז ער איז גרײט געװען אױף אַלצדינג, װאָס ער האָט װען אַמאָל געלײענט אין די פראַנצײזישע ראָמאַנען. אפילו אױף אַ דועל! נאָר דערװײַל האָט ער קײן סעקונדאַנטן צו זײַן קאָנקורענט, צו בראָצקין, נישט געשיקט. ער האָט בעסער געשיקט זאָגן דער מאַמע

פון זיין „כמעט" געוועזענער כלה, אז ער וויים, אז דאס שטאמט פון איר, און אז ער וועט דאס איר נישט פארשווייגן — ער וועט לאזן אפדרוקן איןביידע כתרילעווקער גאזעטן אלע ליבע־בריוולעך, וואס ער האט פון איר טעכטערל, אלע ביז איינעם, — און לאז איר געליבטער חתן וויסן, וועמען ער נעמט פאר א כלה!... אפנים, אז אין די דאזיקע ליבע־בריוולעך האט זיך עפעס געפונען, — און דאס וואלט געקאנט זיין א שיינער מאטעריאל פאר די כתרילעווקער גאזעטן. דער „קאפעלוש" מיט דער „יארמעלקע" וואלטן שוין געמאכט דערפון א רעכטן צימעס און וואלטן עס צעלייגט אף טעלערלעך, — און דאס האט דאך נעבעך דאס געערטע כתרילעווקער פובליקום אזוי ליב, ווי, א שטייגער, געהאקטע געגדזענע לעבערלעך מיט שמאלץ, אדער געפילטע העלדזלעך אין א גוטן לאקשענעם קוגל, אדער קאלטן עפלקוואס מיט אייז אין א הייסן זומער־טאג. איז אבער נישט באשערט געווען נישט די גאזעטן זאלן האבן וואס צו שרייבן, נישט דאס געערטע פובליקום זאל האבן וואס צו לייענען, ווי מיר וועלן באלד געוויר ווערן.

* * *

און אונדזער צווייטער העלד, דער גליקלעכער בראצקי. האט זיך דערווייל געטאן זיינס: ער איז געווארן א גאנץ אפטער גאסט בא די רויטשילדס אף דער דאטשע, געבראכט אלע טאג צוטראגן א בוקעט פרישע בלומען מיט א האלב פונט שאקאלאד. גענומען מאכן א שפאציר מיטן מאמזעלעכן רויטשילד, א מאל צופוס, א מאל רייטנדיק אף פערדלעך און א מאל גאר אין אן אויטאמאביל וויים־ווייט אין וואלד אריין, — אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז מען איז געוויר געווארן אין „ארץ־ישראל" אף די דאטשעס, וואס אין „פאלעסטינא" טוט זיך, האט מען דאס פארל גענומען אין די מיילער אריין און מע האט אנגעהויבן אונטערצומור־מלען... בקיצור, עס איז דערגאנגען אזש צו דער משפחה פונעם העלד, צו די בראצקים, און ס'איז געווארן כלומרשט א ויצעקו — זיי ווילן נישט דעם שדוך! האט דאס שוין די רויטשילדס פארדראסן: וויבאלד, אז איר ווילט נישט, ווילן מיר אוודאי נישט! האט זיך דאס יונגע פארל אוועקגעשטעלט: ווילן מיר אבער! און עס האט זיך אפגעשפילט אן אריסטאקראטישע טראגי־קאמעדיע, ווי אלע צדדים האבן געוואלט — און אלע האבן זיך געבערעקלט, געמאכט אנשטעלן, ביז מע האט געמוזט

אנקומען צו סאַלאָווייטשיק דעם פּאַרמיטלער, ער זאָל אויסגלײַכן דעם סכסוך. און אָט דאָ האָט זיך אַרויסבאַוויזן סאַלאָווייטשיק מיט זײַן גאַנצן כח, וואָס ער קאָן. ער האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, דרײַ טעג געאַרבעט מיט דער גאַל, און האָט אויסגעגלײַכט אַלע צדדים, געמאַכט שלום ושלוה, השקט ובטח. קודם האָט ער אָפּגעמאַכט מיטן געוועזענעם חתן אַ שטיקל געשעפט. ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער קאָן מיט זײַן געוועזענער כלהס ליבע־בריוולעך מאַכן געלט; נישט חלילה זיי פאַרקויפן צו די גאַזעטן, נאָר צו דער כלהס עלטערן. די רויטשילדס קאָנען פאַר אַזאַ סחורה מער באַצאָלן, ווי צוואַנציק קבצנישע גאַזעטן אין כתרילעווקע; און דווקא איצט, פאַר דער חתונה, איז די רעכטע צײַט צו פאַרהאַנדלען די בריוולעך, וואָרעם טאָמער לייגט ער עס אָפּ אויף שפּעטער, כאַפּט די סחורה אַ ריח און זי ווערט אויסגעוועבט... די דאָזיקע ווערטער זײַנען דעם געוועזענעם חתן אַרײַן אין נאָז אַרײַן, און מע האָט זיך גענומען דינגען פאַר די בריוולעך גאָר פּשוט, ווי מע דינגט זיך פאַר עפּעס אַ מין אַרטיקל, און מע האָט די בריוולעך בײַ אים אָוועקגעקויפט — פאַר וויפל? דאָס איז שוין אַ סוד־זאַך. סאַלאָווייטשיק דער פאַרמיטלער ווינטשט זיך עס צו פאַרדינען אַלע יאָר, וואָס דאָס האָט אָפּגעקאָסט, און פאַר גוטס — אַלע דרײַ יאָר. און אַז איר ווילט אים שטאַרק בעטן — איז אַלע פינף יאָר... דערנאָך האָט ער געפּועלט בײַ די בראַצקיס, אַז כאָטש זיי האָבן אַריבערגעשמיסן די רויטשילדס און זײַנען אַ סך רײַכער פון די רויטשילדס, און וויבאַלד רײַכער, זײַנען זיי דאָך גרעסערע מיוחסים אויך, פונדעסטוועגן זײַנען זיי, די בראַצקיס, פריִער געקומען מיט אַ וויזיט צו די רויטשילדס אין „פאַלעסטינאַ" אויף דער דאַטשע. און דאָרטן איז טאַקע געוועזן דאָס וואָרט, און דערנאָך — דאָס קנס־מאָל, און טאַקע באַלד נאָכדעם האָט באַדאַרפט זײַן די חתונה, — האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, אַ צופאַל, וואָס טרעפט זיך איין מאָל אין הונדערט יאָר און וואָס האָט שיעור־שיעור נישט צעשטערט דעם גאַנצן פּלאַן פון סאַלאָווייטשיק דעם שאַדכן. דער צופאַל איז געקומען גאָר פון אַ זײַט, וואָס נישט סאַלאָווייטשיק, נישט די רויטשילדס מיט די בראַצקיס זײַנען אין דעם גאָט די נשמה שולדיק. שטעלט אײַך פאָר, אַז סאַמע אין דער לעצטער מינוט, ווען אַלע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטן, אָנגעטאָן אין קורצע פראַקן און ווײַסע הענטשקעס, זײַנען זיך צונויפגעקומען קיין „פאַלעסטינאַ", צו די

רויטשילדס אף דער חתונה, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן, צוויי אָרקעסטערן מוזיק האָבן געשפּילט, אחוץ כתרילעווקער כלי־זמר, און אַלץ איז שוין געווען גרייט צו דער אַריסטאָקראַטישער חופּה, — פּלוצעם וואַקסט אויס, מע ווייס נישט פון וואַנען, עפּעס אַ גרויסאַרטיקע דאַמע, אַ הויכע, אַ שלאַנקע פיגור, אונטער אַ געדיכטן שלייער, אַ שיינע ציִ מיאוסע — דאָס ווייס מען נישט, נאָר אַז זי איז אַ נקבה — דאָס איז זיכער. און ווי נאָר די דאַמע אונטערן שלייער האָט זיך באַוויזן, אַזוי איז דער אַריסטאָקראַטישער חתן געוואָרן בלאַס, דער כלה איז געוואָרן נישט גוט טאַקע כּמעט אָף צו חלשן; די מחותנתטע פון כלהס צד איז געוואָרן צעמישט, געבראָכן די הענט און אויפגעהערט צו ריידן אַף רוסיש: די מחותנים פון חתנס צד האָבן זיך עפּעס געסודעט, און צווישן די געסט איז געוואָרן אַזאַ בהלה, אַזאַ סומאַטאָכע, אַז מיר מוזן דאָ איבעררייַסן און איבערלאָזן די פאַרשלייערטע דאַמע אָפן קומענדיקן קאַפּיטל, וואָס שליסט די דאָזיקע זומערדיקע דערציילונג מיט אַ שיינעם „עפּילאָג” און מיט אַ „נאָטאַבענע”, ווי סע פּאַסט פאַר אַזאַ אַריסטאָקראַטישן ראָמאַן.

8

די פאַרשלייערטע דאַמע

דערפאַר איז גוט צו זיין אַ גביר (אונדזער אַלטע טענה!) און דערפאַר איז אַ חיות באַ די אַריסטאָקראַטן, וואָס טאָמער טרעפט זיך עפּעס באַ זיי, איז אָפּגעווישט די ליפּן און פּתח שין — שאַ! ווען אַזאַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן אין „פּאַלעסטינאַ”, באַ די רויטשילדס מיט די בראָצקים, טרעפט זיך, די שעה זאָל גאַרנישט זיין, באַ אַ פּראָסטן ייִדן אין „ארץ־ישראל”, וואָלט זיך איבערגעקערט די גאַנצע וועלט! און דאָ באַ די אַריסטאָקראַטן, — גאָרנישט! אַז די פאַרשלייערטע דאַמע איז אַרייַנגעקומען צו די רויטשילדס אַ מינוט פאַר דער חופּה, איז טאַקע געוואָרן אַ סומאַטאָכע, אַ בהלה; עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען. כּיצ האָט די פאַרשלייערטע דאַמע אַרייַנגעפירט אין אַ באַזונדער חדר, טאַקע דעם חתנס פאָטער און מוטער, די אויפגעקומענע בראָצקים האָבן עס געטאָן, און מע האָט זי אַ פרעג געגעבן: „וואָס וויל זי?” ווער

זי איז און וואָס זי איז — דאָס האָט מען זי נישט געפרעגט. מע האָט זיך שוין אַליין געשטויסן, אַז דאָס איז מסתמא דעם יונגן בראַצקיס אַ געליבטע פון פאַר דער חתונה (דאָס ווערט אָנגערופן אויף זייער לשון „פלירט"). ווער פלירטעוועט נישט היינטיקע ציַיטן בּאַ די אַריסטאָקראַטן? דעריבער האָט מען זי נאָר געפרעגט, וואָס זי וויל. און אַז די פאַרשליי־ערטע דאַמע האָט געזאָגט, וואָס זי וויל, איז מען קיין ברעקל נישט נתפעל געוואָרן. מע האָט זיך נאָר אָוועקגעשטעלט דינגען מיט איר, וואָרעם די פאָדערונגען, וואָס די פאַרשלייערטע דאַמע האָט אָוועקגעשטעלט, זיַינען געווען שוין אַביסל צו פיל. די פאַרשלייערטע דאַמע האָט געפאָדערט איינס פון די צוויי: אָדער ס'זאָל זיַין אויס שדוך מיט די רויטשילדס און אויס חופה, און דער חתן בראַצקי זאָל חתונה האָבן בעסער מיט איר, מיט דער פאַרשלייערטער דאַמע, אָדער אַז נישט זאָל ער זי באַוואָרענען מיט אַ שיינער פּענסיע, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ אַריסטאָקראַט, ווי אונדזער בראַצקי, און אַחוץ דעם זאָל ער מוחל זיַין אָוועקלייגן אַ געוויסן קאַפּיטאַל אויך אויפן קינדס נאָמען... ווער איז געווען דאָס קינד און פון וואַנען האָט זיך גענומען אַהער אַ קינד? — דאָס האָט מען זי אויך נישט געפרעגט. בּאַ די אַריסטאָקראַטן איז דאָס נישט קיין נאָווינע, אַז אַ חתן פאַר דער חתונה זאָל האָבן אַ געליבטע, און די געליבטע זאָל האָבן פון אים אַ קינד, אָדער צוויי. אונדזערע אויפגעקומענע אַריסטאָקראַטן, די כתרילעווקער בראַצקיס, האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס זי האָט נאָר איין קינד. וואָרעם מיט וואָס וואָלט געווען בעסער, ס'זאָל זיַין צוויי אָדער דריַי קינדער? און אַביסל האָט מען געהאַט פאַריבל אויפן זון: למאי האָט ער נישט דערציילט פריִער דעם טאַטן אָדער דער מאַמען, אַז ער האָט שוין אַ קדיש? איצט איז אָבער נישט די ציַיט אויף צו זיַין ברוגז. די חופה שטייט. אַלץ איז גרייט און פאַרטיק, און דער עולם קאָן נאָך אָנהייבן זיך צעקריכן און צעגיין אַהיים, און די אַריסטאָקראַטישע חתונה קאָן זיך נאָך חלילה ענדיקן מיט אַ סקאַנדאַל, — און אַריסטאָקראַטן האָבן פיַינט סקאַנדאַלן! האָט מען זיך גענומען דינגען מיט דער פאַר־שלייערטער דאַמע. אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף — מען איז דורכ־געקומען: מע האָט איר באַצאָלט טאַקע דאָ אויפן אָרט מיט מזומנים ממש, און מע האָט איר אַרויסגעגעבן אַ פּאַפּיר, און דער אַלטער בראַצקי האָט געלייגט די חתימה מיט זיַין אמתן נאָמען „קופּעץ פּערוואַ גילדיע

איסאַק אַראַנאָוויטש דעמבאַ", אַז דאָס קינד באַדאַרף זיך געפינען בײַ דער מוטער ביז ס'וועט אַלט ווערן אַכצן יאָר, און דערויף באַקומט די מוטער אַזויפיל און אַזויפיל אַלע יאָר; און אַז דאָס קינד ווערט אַלט אַכצן יאָר, באַקומט עס פון דעם קופּעטשעסקי סין אַראָן איסאַקאָוויטש דעמבאַ, פון חתן הייסט עס, אַזויפיל און אַזויפיל, — און דאָס אַלצדינג דאַרף זײַן בסוד־סודות, און בײדע צדדים זײַנען צופרידן, איינס צו דאָס אַנדערע טאָרן נישט האָבן קיין שום טענות און פּרעטענזיעס — והכל שריר וקיים.

און דערמיט איז די פאַרשלײערטע דאַמע אַוועק אַהין, פון וואַנען זי איז געקומען, און די צערעמאָניע פון דער אַריסטאָקראַטישער חופּה איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן שענסטן אופן: דער קאַזיאָנער רב האָט געהאַלטן זייער אַ שיינע דרשה, געוויינלעך אויף רוסיש, זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אומשולדיקייט און אויף דער ריינער ליבע פון דעם פּאָרל, וואָס גייען בויען זייער הויז, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן און אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: „הבן יקיר לי אפרים". באַם פּסוק האָבן די אַריסטאָקראַטן אַראָפּגעלאָזט זייערע נעזער, און די אַריסטאָקראַטקעס האָבן צוגעטראָגן די ווײַסע טיכלעך צו די טרוקענע אויגן, צו באַווײַזן, אַז כאָטש זיי ווייסן נישט די טײַטש פונעם פּסוק, נאָר דעם פּשט פון די ווערטער פאַרשטייען זיי גלײַך מיט די אַריסטאָקראַטן ... און דערנאָך האָבן חתן־כלה צעקושט זיך מיט די מחותנים און מיט אַלע געסט, און תיכף נאָך דער צערעמאָניע, אַפילו נישט פאַרביסן, נאָר אויסגעטרונקען צו גלעזלעך שאַמפּאַניער־ווײַן, האָט זיך דאָס פּאָרל אויפגעזעצט אין אַ שיינעם אויטאָמאָביל און איז אָפּגעפאָרן צו דער באַן אויף דער האָכצײַט־רײַזע, ווי דער מנהג איז בײַ די אַריסטאָקראַטן פון דער גאַנצער וועלט, און אויך בײַ אונדזערע כתרילעווקער אַריסטאָקראַטן, וואָס טאַנצן נאָך דער גאַנצער וועלט.

עפּילאָג צו דער „פאַרשלײערטער דאַמע"

אויף מאָרגן אינדערפרי, נאָך דער חופּה־וועטשערע, האָט זיך באַוויזן אין בײדע כתרילעווקער גאַזעטן אַ נאָטיץ וועגן דער גרויסאַרטיקער אַריסטאָקראַטישער חתונה אין „פּאַלעסטינאַ".

אין דער דאָזיקער נאָטיץ איז געווען באַשריבן אַלצדינג, נאָר וועגן

דער מעשה מיט דער פארשלייערטער דאמע — אפילו נישט קיין ווארט.ביידע כתרילעווקער גאזעטן, סיי דער פראגרעסיווער מאדערנער „קאפּע־לוש", סיי די ארטאדאקסישע „יארמעלקע", האבן זיך געריסן אף די גלייכע ווענט, זיך גארנישט געקאנט אפּלויבן פון דער דאזיקער „קייזער־לעכער" חתונה. עס זיינען בא זיי אויסגערעכנט געווארן בא די נעמען אלע כתרילעווקער אריסטאקראטן, וואס האבן באערט די דאזיקע זעלטענע חתונה, מיט א קורצער כאראקטעריסטיק אף יעדן אריסטאקראט באזונ־דער, מיט וואס ער פיינט זיך אוים: ווער מיט זיין גוט הארץ, ווער מיט זיין חכמה, ווער מיט זיין צדקה־געבן און ווער מיט אנדערע מעלות טובות. מע האט נישט פארגעסן אויסרעכענען אויך די מאכלים, וואס מע האט דארטן געגעסן, און די משקאות, וואס מע האט דארטן געטרונקען. דער „קאפּעלוש", למשל, איז ארייַן אין מוראדיקע התלהבות און האט זיך געגעבן א זאג, אז די שוחטים האבן דאס געהאט וואס צו טאן! אלע דרייַ שוחטים האבן דרייַ טאג כסדר געהאלטן אין איין קוילען עופות! און די „יארמעלקע" האט זיך צעקאכט גאר אף אן אנדער אופן. די „יאר־מעלקע" האט זיך מער אפּגעגעבן מיט די משקאות, ווי מיט די מאכלים. אז ס'איז געקומען צו די ווייַנען, וואס מען האט דארטן אויסגעטרונקען אף דער חופּה־וועטשערע, איז זי ארייַן אין אן עקסטאז און האט א זאג געגעבן בדרך משל, אז פון די ליידיקע פלעשלעך אליין, ווען א כתרילעוו־קער בעל־הבית פארמאגט עס, וואלט ער געקאנט בהרהבה חתונה מאכן דרייַ טעכטער, און עס וואלט אים אליין נאך אויך געבליבן אף א יאר צו לעבן!...

דער כתרילעווקער לעזער, וואס איז שוין געוווינט צו אזעלכע גוזמאות אין די כתרילעווקער גאזעטן, איז ווינציק־וואס נתפּעל געווארן סייַ פון די שוחטים און סייַ פון די פלעשלעך. איז דאך אבער די וויסטע קאנקורענציע! באדארף דער ראדיקאלער „קאפּעלוש" ארוים אף מארגן מיט א שארפער „קריטיקע" אף דער „יארמעלקע", אונטער א שרייַענדיק קעפּל: „יידן! — די גרעסטע שכורים אין דער וועלט!"

אין דער דאזיקער „קריטיקע" טוט זיך דער ראדיקאלער „קאפּעלוש" א טייַטש־אוים מיטן גראבן פינגער און א רעכן־אוים: „שאט! לאמיר נאר גיין פּאוואלינקע, נישט געכאפּט: דרייַ טעכטער חתונה מאכן, לאז שוין זייַן אפילו נישט אזוי „בהרחבההדיק", ווי דער פינצטערער רעדאקטאר

פון דער שווארצער „יארמעלקע" זאגט, באדארף אויך קאסטן הײַנטיקע צײַטן, צום ווייניקסטנס, אזעלכע פינף־זעקס הונדערטער אף א טאכטער. האבן מיר שוין א קיימא־לן פון אכצן הונדערטער. הײַנט לאמיר אקארשט א רעכטן טאן, וואס איז ווערט א לידיק פלעשל פון ווײַן? וועלן מיר זאגן: צו דרײַ קאפיקעס. קומט אויס, אז אף דער דאזיקער חתונה זײַנען אויסגעטרונקען געווארן נישט מער און נישט ווייניקער ווי 60.000 פלעשער ווײַן! איצט לאמיר גיין ווײַטער: וויפל האבן געקאנט זײַן מענטשן אין „פאלעסטינא" אף דער דאטשע? נו, דרײַ מנינים. דרײַסיק יידן הייסט עס. זעכציק טויזנט געטיילט אף דרײַסיק — מאכט דאס נישט קיין צוויי טויזנט פלאש ווײַן אף א מענטשן? קומט אויס, הייסט עס, אז די גרעסטע שכורים אין דער וועלט זײַנען יידן — און דאס איז פאר אונדז א נײַס, אן איבערראשנדיקע נײַס!"

האט זיך אבער די „יארמעלקע" ווינציק־וואס דערשראקן פאר אזא „קריטיקע" און איז אף מארגן ארויס אויך מיט א „קריטיקע" אף א „קריטיקע", און פרעגט באם „קאפעלוש" א קלאץ־קשיא, שוין מיט א לשון רבים: „זאגט נאר, קלינע קעפ בונעם ליכטיקן „קאפעלוש", מענטשן פון אמת, אז איר זײַט שוין יא אזעלכע קנאקערס און חטאים־זוכער און איר קאנט כאפן יענעם אין א גוזמא און מאכן אזעלכע חשבונות מיט אזעלכע גערעטענע סטאטיסטיקעס, — פארוואס זאלט איר שוין אין איינוועגס נישט נעמען א בלײַשטיפט פאר פיר גראשן און געבן א רעכן־אויס אף פאפיר, אדער טאן א כאפ אפן קאפ אײַער אייגענעם חשבון מיט אײַער אייגענער סטאטיסטיקע פון די הינער? איר זאגט אין אײַער ליכטיקן בלאט, אז אף דער דאזיקער חתונה זײַנען אויסגעקוילעט געווארן אזויפיל הינער, אז אלע דרײַ כתרילעווקער שוחטים האבן דרײַ טעג דורכאנאנד געהאלטן אין איין שעכטן עופות? לאמיר זשע זיך נישט פוילן און אקארשט מאכן א חשבון־צדק: וואס געדויערט בא א שוחט קוילען אן עוף? העכסטנס, א מינוט, הייסט עס, אז אין א שעה קאן ער אײַך אוועקלייגן, מינדעסטנס, 60 עופות. אין א טאג (אויב ער שלאפט באנאכט) 12 מאל 60 — איז אזוי גרוים ווי 720 עופות. אין דרײַ טעג — 2160 עופות. אלע דרײַ שוחטים אינאיינעם באדארפן אוועקלייגן, הייסט עס, אזוי גרוים, אזוי קליין, ווי 6480 עופות! אצינד ווילן מיר זײַן מילד און געבן אײַך צו, אז פון אזא מחנה עופות זײַנען 480 שטיק

טרפה געווארן, אז עס — האבן מיר נאר אלץ א קיימא־לן פון 6000 עופות! געטיילט אף דרײַסיק אריסטאקראטן, ווי איר זאגט, נעמט זיך אן אזוי גרוים, ווי צו 200 הינער אף א קאפ? וויבאלד אזוי, פרעגט זיך א קשיא, האב אײַך אכציק שווארצע רוחות, — וואסער מענטש, ער מעג זיך זײַן דער גרעסטער אריסטאקראט און דער גרעסטער זלל־וסובאניק, וועט קאנען בײַקומען 200 עופות א טאג?...

איז דאך דאס אבער כתרילעווקע אף דער וועלט, האבן זיך געפונען לצים, וואס האבן זיך אונטערגענומען אויסגלײַכן ביידע צדדים. זיי האבן געזאגט אזוי: „לאזט אונדז אראפ אפן ווײַן, וועלן מיר אײַך אראפלאזן אף די הינער".

נאטאבענע: אז דאס יונגע פאר איז צוריקגעקומען פון דער האכ־צײַט־רײַזע — געזאגט האבן זיי, אז זיי זײַנען געווען אין אויסלאנד, אין איטאליע, נאר די כתרילעווקער לצני־הדור האבן געשמועסט, אז ס'א ליגן: — געווען זײַנען זיי גאר אין יעהופעץ! — נאר יערנפאלס, אז זיי זײַנען צוריקגעקומען פון זייער האכצײַט־רײַזע, און דער יונגער בראצקי, דאס הייסט, אראן איסאקאוויטש דעמבא, איז געוואויר געווארן (דעמאלט איז דער בהלה האט ער נישט געקאנט וויסן — די עלטערן האבן אים נישט געוואלט פארשטערן די שמחה), אז זײַן פאטער, דער אלטער בראצקי, דאס הייסט, דער פערווע גילדיע קופעץ איסאק אראנאוויטש דעמבא, האט ארויסגעגעבן דער פארשלייערטער דאמע אזא פאפיר, — האט ער זיך געכאפט באם קאפ! ער האט געשווירן מיט אזעלכע שבועות, וואס מע מעג גלייבן א משומד, אז ער גערענקט נישט, כאטש נעמט אים אראפ דעם קאפ, אז די „פארשלייערטע דאמע", לויט איר הויכער פיגור, זאל געווען זײַן אמאל זײַן געליבטע, און אף וויפל ער גערענקט, האט זײַן געליבטע קיינמאל קיין קינד נישט געהאט, דאס הייסט, ער וויל זאגן, אז ער האט קיינמאל נישט געהאט אזא געליבטע, וואס זאל האבן א קינד... נאר אויב די פארשלייערטע דאמע" איז די, וואס ער מיינט, מוז דאס זײַן א אינטריגע פון זײַן קאנקורענט, פונעם געוועזענעם חתן רויטשילד... נאר גארנישט, געחתמעט א פאפיר — איז פארפאלן. בראצקי ברעכט נישט קיין ווארט. סײַדן אז דער אלטער וועט צומאכן די אויגן, און דער יונגער וועט איבערנעמען די ירושה — דעמאלט וועלן מיר שוין זען...

און וואָס אַנבאַלאַנגט דעם קאָנקורענט, דעם באַליידיקטן יונגן רויט־שילד, זאָלט איר גאָר קיין יסורים נישט האָבן: סאָלאָווייטשיק האָט אים אויך געקריגן אַ כלה, און נאָך וואָס פאַר אַ כלה! טאַקע פון די אויפּ־געקומענע, פון „אונדזערע בראָצקים". מאָלט אײַך, שוין אַ סך אַ קלענערע יפת תואר פון יענער, פון דער רויטשילד. און נישט נאָר אַ קלענערע יפת־תואר, נאָר טאַקע גאָרנישט קיין יפת־תואר, מע קאָן זאָגן, טאַקע גאָר־גאָר אַ מיאוסקייט. דערפאַר אָבער האָט מען אים געגעבן אַ לייג־אַוועק גדן — וואָס טויג אײַך — איר האָט אים פאַרזאָרגט! ...

און נאָך איין זאַך מוז דאָ געזאָגט ווערן, בכדי דער פרײַנט לעזער זאָל זײַן באַפרידיקט פון אַלע זײַטן: וואָס פאַר אַ רח"ש האָט דאָ געכאַפּט סאָלאָווייטשיק דער שדכן אַרום און אַרום? — פרעגט שוין גאָרנישט; סאָלאָווייטשיק דריקט זיך אויס, אַז ער האָט דאָ געכאַפּט אַזאַ גראָבס, אַז ער האָט נישט אַזאַ גוטן פרײַנט, וואָס ער זאָל אים ווינטשן אַזאַ גליק. „זינט כתרילעווקע איז אַ שטאָט, זאָגט ער, און זינט סאָלאָווייטשיק איז אַ פאַרמיטלער, האָט נאָך קיין ייִד, זאָגט ער, אַזאַ רח"ש אַפילו אין חלום נישט געזען!" און אויסלאָזן לאָזט ער אויס אַזוי:

— איבעריקנס, צו וואָס טויג אײַך, פעטערל, אַרײַנקריכן אין יע־נעמס קעשענע? אפשר זײַט איר בעסער ריִיד אין אַ גמילות־חסדל אַף אַ קורצער צײַט? איך שטיי איצט אין אַ פאַר פאַרטיעס, וועל איך אײַך, אם ירצה שם, מיט גאָטס הילף, אָפּגעבן, און נאָך מיט גרויס דאַנק!

געשריבן אין יאָרן 1914־1915.

א וואָרט פאַר א וואָרט

א מעשה שחיה, וואָס מיט מיר אַליין האָט געטראָפן, דערציילט לכבוד פסח, כאָטש ס'האָט נישט צו טאָן נישט מיט פסח, נישט מיט שבועות, נישט מיט סוכות, און עס קאָן זייער שיין דערציילט ווערן אין א וואָכעדיקן טאָג אויך אַבי מע זאָל נאָר וועלן הערן.

נישט הײַנט געדאַכט, נישט פאַר אײַך געדאַכט — איך בין אַמאָל געווען א ראַבינער. א ראַבינער, נישט קיין רב. דאָס הייסט, טאַקע א רב, נאָר א „קאַזיאָנער"...

וואָס א „קאַזיאָנער רב" אינדערהיים באַדײַט — באַדאַרף איך פאַר מײַנע היימישע ייִדן קיין סך נישט דערקלערן. זיי ווייסן שוין אַליין, וואָס דאָס איז פאַר א מין חיה. א מעטריקע, א ברית, א חתונה, א גט — דאָס איז זײַן אַרבעט. און ער האָט זיך א טאַקסע פון טויט און פון לעבעדיק... אין שול קומט אים דער אויבן־אָן, מעשה רב; צו „הנותן תשועה" שטייט ער אויף דער ערשטער; און קומט א יום־טוב, א טאַבל־טאָג הייסט עס, איז אַרײַן אינעם צילינדער און אַרויס מיט לשון, און דווקא „רשעות": „גאָספּאָדאַ" פּריכאָזשאַנע!" אָדער „בלאַגאָטשעסטיוויע בראַטיאַ!"... זאָגן, אַז מע האָט בא אונדז שטאַרק ליב א ראַבינער — עט! גאָרנישט, מע האַלט זיך מיט אים. עלעהיי א פּריסטאַוו אָדער אַן אַנדער קנעפּל, א שוואַרץ יאָר. און דאַך ווערט ער געוויילט אַלע דרײַ יאָר דורך „וויבאָרעס" — א מין עלעקשאַן, ווי בא אײַך א פּרעזידענט, להבדיל. און אויסגעקליבן ווערט ער דווקא פונעם פאָלק, דאָס הייסט, מע שרײַבט אַרײַן א פּאַפּיר צו דער קהילה: „נאַ אָסנאָוואַניע פּרעדפּיסאַניא יעוואָ פּרוואָסכאָדיטעלסטוואַ גאָספּאָדינאַ גובערנאַטאָראַ — פּריקאַזאַל..." אַף אונדזער לשון וועט דאָס הייסן כמעט אַזוי שיין ווי: „דער אדון דער

גובערנאטאר הייסט אייך, איר זאלט אייך צונויפקומען, יעדעלער פארבעט, אין שול אריין און אויסקלייבן אייך א ראבינער!"...

דערנאך הייבן זיך אן די „וויבארעס": קאנדידאטן, מחלוקתן, בראנפן און כאבאר... דערנאך הייבן אן לויפן דאנאסלער, מסירהלער, הייסט עס, אין דער „גובערנסקע פראוולעניע"... איז מען מבטל די וויבארעס, און מע הייסט מאכן נייע וויבארעס, און ווידער „נא אסנאוואניע פרעדפיסאניא יעווא פרעוואסכאדיטעלסטווא", און ווידער קאנדידאטן, מחלוקתן, פארטיעס, בראנפן און כאבאר — חי געלעבט!

בין איך געווען, את חטאי אני מזכיר היום, א ראבינער אין א קליין שטעטל. ס'איז נישט קיין סוד, איך קאן אייך זאגן אפילו מיט א סימן: אין פאלטאווער גובערניע. געוואלט האב איך אבער זיין מאדערן, א יוצא מן הכלל, נישט ווי אלע ראבינערס. האב איך אראפגעווארפן פון זיך דאס „קנעפל" און גענומען אריינקוקן בעסער אין קהלשן טאפ אריין, אפגעבן זיך מיט כלל-זאכן, א תלמוד-תורה, א גמילות-חסדים, א פארלאזעניש, א בוררות, א דין-תורה און גלאט אן עצה.

א פאלאזעניש, א בוררות, אן עצה — דאס האב איך גערירשעט פון מיין טאטן און פון מיינע פעטערס. זיי, עליהם השלום, האבן אויך ליב געהאט, מע זאל זיי „באדערן" מיט פרעמדע „ביזנעס". פאראן אלערליי מינים מענטשן אף דער וועלט. פאראן מענטשן אזעלכע, וואס מע קאן זיי נישט באדערן בשום אופן. איר וואלט זיי געבאדערט — לאזן זיי זיך נישט. און פאראן ווידער מענטשן אזעלכע, וואס איר קאנט זיי ארויפקריכן גלייך אפן קאפ, נישט מיטאמאל, ביסלעכווייז: פריער אפן שויס, דערנאך אפן קאפ און דערנאך מיט די טיפע קאלאשן אין הארצן אריין אף א גאנץ ווינטער.

אט פון דעם מין ראבינערס בין איך געווען און האב געהאט, איך מעג מיך בארימען, א סך אנהענגער און גאנץ הייסע חסידים, וואס האבן זיך נישט געשעמט צו קומען אלע טאג, אנבארבאנעווען א פולן קאפ און אוועקזיצן ביז העט-וווּיט אין דער נאכט אריין; נישט אפגעזאגט זיך קיינמאל פון א גלעזל טיי; פאפיראסן, פארשטייט זיך, מיינע; ציטונגען און ביכער — שמועסט מען נישט. מיט איינעם ווארט, אחינו אתה — גאש בראט, און שוין.

ויהו היום, עפנט זיך איינמאל די טיר, און עס קומען אריין די שבעה

טובי העיר, דער רעבטער שפיגל, דער סאמע צימעס פון שטאט, — פיר ייִדן בעלי־בתים, מע קאָן זאָגן נגידים: „אַ גוט מאָרגן, ראַבינער!" ווער זײַנען דאָס געווען? דרײַ פון זיי זײַנען געווען די „טראַיקע" — אַזוי האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן אין שטעטל דערפאַר, ווײַל זיי האָבן תמיד געהאַנדלט אַלע דרײַ בשותפותדיק, אַלעמאָל געקריגט זיך, שטענדיק חושד געווען איינס דאָס אַנדערע און געקוקט זיך אין האַנט אַרײַן — און פונדעסטוועגן איז מען קיינמאָל נישט צעגאַנגען זיך, איבער אַ פּרינציפּ פון אַ ממה־נפשך: „איז דאָס געשעפט אַ גוט געשעפט און מע וועט פאַרדינען, פאַרוואָס זאָל איך אויך נישט אָפּלעקן אַ ביינדל? אַלאַ וואָס דען, ס'איז אַן אומגליק — ווער דו אויך באַגראָבן מיט מיר און ליג אויך אין דער ערד"... וואָס טוט גאָט, גייען זיך צענויף די דרײַ שותפים מיט אַ פּירטן, האַנדלען אָפּ מיט אים קאַרגער אַ יאָר און מע צעפּאַטשט זיך. וואָס איז? „זינט גאָט האַנדלט מיט גנבים, דרייערס און זשוליקעס, האָט ער נאָך אַזאַ גנב, אַזאַ דרייער און אַזאַ זשוליק נישט געזען!" אַזוי טענהן נעבעך די דרײַ שותפים אָפּן פּירטן. און ער, דער פּירטער, טענהט פּונקט דאָס אייגענע אָף זיי: „זינט גאָט האַנדלט מיט גנבים, דרייערס און זשוליקעס, האָט ער נאָך אַזעלכע גנבים, אַזעלכע דרייערס און זשוליקעס נישט באַגעגנט!" ווער־זשע איז געווען אָט דער פּירטער? דאָס איז געווען אַ ייִד דווקא אַ שטילינקער, אַ נעבעכל, אַן אָפּגעפּוצטער, מיט אַ הדרת־פּנים, מיט געדיכטע שוואַרצע ברעמען, אונטער וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר ממזריש־שמייכלענדיקע אויגן, און געהייסן האָט ער מיט זײַן ליבן נאָמען „רב נחמן לקח".

דאָס הייסט, הייסן האָט ער געהייסן נחמן נתן, נאָר גערופן האָט מען אים „נחמן לקח", דערפאַר, ווײַל „לקח" איז די טײַטש ער האָט גענומען, און „נתן" — ער האָט געגעבן. און אָט־דער נחמן נתן האָט אָף זײַן לעבן קיינמאָל נישט געגעבן, נאָר גענומען... און נחמן נתן האָט אַ טבע, אַז ער רעדט, מישט ער אַרײַן אַלעמאָל, צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט, די צוויי ווערטער: „מחמת דערימאַד".

איז מען דאָס געקומען, הייסט עס, צום ראַבינער מיט אַ פּאַרלאַנג־ניש — ער זאָל אויסהערן, הייסט עס, זייערע טענות, טאָמער וועט ער געפינען עפּעס אַ מיטל זיי אויסצוגלײַכן אין זייערע פאַרפּלאָנטערטע

חשבונות. „ווי אזוי איר וועט געפינען, פאני ראבינער, און וואס איר וועט אפפסקענען און וואס איר וועט זאגן, איז געזאגט"...

אזוי האבן באשלאסן די דריי שותפים, און דער בעל־דבר זייערער, רב נחמן לקח, האט צונעבאמקעט מיט א נעבעך־פנים, אז ער פארלאזט זיך אינגאנצן אף מיר: מחמת דערימאד וואס ער ווייס, אז ער איז גאט די נשמה שולדיק". און ער האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעלע, צונויפגעלייגט די הענט אפן הארצן, ווי א יידענע, צונויפגענומען די געדיכטע ברעמען און געקוקט מיט זיינע ממזריש־שמייכלענדיקע אויגן אף מיר און געווארט, וואס וועלן טענהן די שותפים. און אז די שותפים האבן ארויסגעלייגט אלע זייערע טענות ומניעות, איז ער אויפגעשטאנען אויסגעגלעט די געדיכטע ברעמען, נישט געקוקט אף זיי, נאר די גאנצע צייט אף מיר, טיף־טיף, מיט זיינע ממזריש־שמייכלענדיקע אויגן, און ער האט אזוי בריהש צעשלאגן אלע זייערע טענות, אז ס'איז אויסגעקומען, אז דרייערס, שווינדלערס, גנבים און זשוליקעס זיינען טאקע זיי, די דריי שותפים זיינע, און ער, נחמן לקח, איז א צדיק וישר און א כפרה־הינדל, אן אמתער קרבן: „מחמת דערימאד וואס אלצדינג, וואס איר האט דא געהערט פון זיי, איז שווא ושקר, לא היה ולא נברא, נישט געשטויגן נישט געפלויגן"... און ער האט אויפגעוויזן מיט טויזנטער ראיות, אז אלץ, וואס ער זאגט, איז הייליק, תורת אמת...

די גאנצע צייט, וואס דער האט געטענהט, האבן יענע, די טראיקע, נישט געקאנט איינזיצן. אלע מינוט איז אויפגעשפרונגען עמעצער פון זיי, זיך געכאפט באם קאפ, באם הארצן: „סטייטש־סטייטש! ווי קאן א ייד זאגן אזעלכע זאכן? האקן אזעלכע שקרים וכזבים?" עס האט געקאסט מי די חברה צו בארויקן, זא זאלן פאר גרוים ערגערניש נישט ארייגפארן זייער בעל־דבר אין בארד אריין, און דעם ראבינער איז שווער געווען, זייער שווער, ארויסצוקריכן פון דעם דאזיקן פלאנטער, וואס האט ארויסבאוויזן, אז ער האט פאר זיך א גוטע קאמפאניע, און אז שווינדלערס, גנבים און זשוליקעס זיינען זיי אלע פיר, און נאך מוסרים אויך דערצו, און אז זיי פארדינען, מע זאל זיי אלע באשטראפן. וואס־זשע טוט מען? בין איך געפאלן אף אן עצה און רוף מיך אן צו זיי:

— הערט זשע אויס, — מיינע ליבע יידן. מיין פסק־דין איז שוין בא מיר פארטיק אין קאפ כמעט אינגאנצן. נאר וואס דען? איך וועל

אײַך אים נישט ארויסזאָגן ביז איר װעט נישט אײַנלײגן בײַ מיר אַלע פֿיר צו „כף־הא'ער", צו פֿינף־און־צװאַנציקער, הײסט עס, אַז איר װעט מקיים זײַן דעם פּסק, װאָס איך װעל אַרויססאָגן.

— אַך! מיטן גרעסטן כּבֿוד! — האָבן זיך אַלע דרײַ אַ װאָרף געגעבן, און נחמן לקח נאָך זײ, און מע האָט זיך אַ נעם געטאָן אַלע פֿיר צו די קעשענעס און מע האָט אַרויסגעצײלט מיר אויפֿן טיש איטלעכער זײַן פֿינף־און־צװאַנציקער, װעלכע איך האָב צונױפֿגענומען און פֿאַרשלאָסן בײַ זיך אין טישקעסטל. און דערנאָך האָב איך אַרויסגעזאָגט מײַן רעזאָלוציע בזה הלשון:

„אויסגעהערט די טענות מיט די רייד פֿון בײדע צדדים און גוט אַרײַנגעטראַכט זיך אין אײַערע עסקים, חשבונות און סכסוכים, האָב איך געפֿונען, נאָך מײַן פֿאַרשטאַנד און טיפֿער איבערצײַגונג, אַז אומגערעכט זײַט איר אַלע פֿיר, און נישט נאָר אומגערעכט, — ס'איז אַ חרפּה, אַ בזיון, אַז ייִדן זאָלן אַזױ קאָנען האַנדלען צװישן זיך, װײַזן פֿאַלשע חשבונות, שװערן זיך אויף אַ ליגן און אפֿילו פֿאַרמסרן אײנס דאָס אַנדערע... על כּן האָב איך געפֿונען, אַזױ װי מיר האָבן אַ תּלמוד־תּורה אין שטאָט מיט אַ סך קינדער, װאָס גײען נעבעך נאַקעט און באָרװעס, און שׂכר־לימוד צו צאָלן איז נישטאָ פֿון װאַנען, װאָרעם אײדער מע רײַסט אויס בײַ אײַך אַ מאָל אַ פּאָר גראָשן, קומט עס אָן מיט גרינע װערעם, איז אַ יושר, אַז אָט דער הונדערטער אײַערער זאָל גײן אויף דער תּלמוד־תּורה, און איר זאָלט גײן אַהײם געזונטערהייט, און אַ דאַנק אײַך פֿאַר דער שײנער נדבֿה — די אָרעמע קינדער װעלן שױן האָבן הײזלעך און שטיװעלעך און אַרבע־כּנפֿותלעך און װעלן גאָט בעטן פֿאַר אײַך און פֿאַר אײַערע קינדער — אָמן".

אויסגעהערט דעם פּסק דין, האָבן מײַנע דרײַ שותּפֿים (די טראַיקע) נאָר איבערגעקוקט זיך צװישן זיך, געשװיגן און נישט געװען אימשטאַנד אַ װאָרט אַרויסצוריידן. אַפּנים, אויף אַזאַ פּסק האָבן זײ זיך נישט גערעכנט! לשון האָט באַקומען נאָר זײער בעל־דבֿר, רב נחמן לקח. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, אויסגעגלעט די געדיכטע ברעמען, אויסגעצויגן אַ האַנט, און, קוקנדיק אויף מיר מיט זײַנע ממזריש־שמײכלענדיקע אײגעלעך, מאַכט ער צו מיר אַזױ:

— איך דאַנק אײַך, רב ראַבינער, פֿון אונדזער אַלעמענס נאָמען

פאר אייער קלוגן פסק־דין, וואס איר האט אונדז ארויסגעגעבן, מחמת דערימאר וואס אזוי פסקענען וואלט געקאנט נאר סיידן שלמה המלך... איין זאך האט איר נאר פארגעסן זאגן, רב ראבינער, וויפל קומט אייך פסק־געלט פאר אייער קלוגן און יושרדיקן משפט?

— האט קיין פאריבל נישט, איר האט נישט געטראפן די קרעטשמע. איך בין נישט פון די ראבינערס, וואס נעמען פון טויט און פון לעבע־דיקע... — אזוי האב איך אים אפגעענטפערט, ווי אן עכטער דזשענ־טלמען, און האב באקומען פון מיין חברה־מאן אזא מין ענטפער:

— אויב אזוי, זייט איר נישט נאר א חכם א ראבינער, איר זייט נאר א נקי־כפימניק אויך! אפשר וואלט איר געוועזן אזוי גוט אויסהערן א געשיכטע, מיר זאלן אייך, הייסט עס, דערימאר באצאלן אייך פאר אייער טרחה כאטש מיט א מעשה?

— אך! אפילו מיט צוויי מעשיות!

— וויבאלד אזוי, זעצט זיך, רב ראבינער, און זייט אונדז מכבד מיט פאפיראסן, וועל איך אייך דערציילן א שיינע, אן אמתע געשיכטע, וואס האט זיך געטראפן מיט מיר אליין טאקע, מחמת דערימאר איך האב פיינט פרעמדע מעשיות.

און מיר האבן פארריכערט צו פאפיראסן, זיך אוועקגעזעצט אלע ארום טיש, און רב נחמן לקח האט פונאנדערגעגלעט זיינע געדיכטע ברע־מען און, קוקנדיק אף מיר מיט זיינע ממזריש־שמייכלענדיקע אויגן, האט ער אנגעהויבן פאוואלינקע צו דערציילן זיין אמתע געשיכטע, וואס מיט אים אליין האט זיך געטראפן. איך גיב אייך זי איבער ווארט אין ווארט, טאקע מיט זיין לשון:

— דאס איז געווען, איך זאל אייך נאר נישט זאגן קיין ליגן, מחמת דערימאר ס'איז שוין א מעשה פון א יאר מיט א מיטוואך, איך בין נאך דעמאלט געווען א יונגערמאן און געזעסן נישט ווייט פון הי, אין א דארף, אף א סטאנציע פון דער באן, געדרייט געשעפטלעך, געהאלטן א שטיקל אכסניה, גאנץ פיין פארדינט געלט. קיין רויטשילד בין איך נישט געווארן, נאר גארנישט, דאס שטיקל ברויט האט זיך געשלעפט, און, ווי דער שטייגער איז, האבן א חוץ מיר זיך געדרייט ארום וואקזאל נאך א מנין יידן, מחמת דערימאר, אז א ייד האט פרנסה, איז מען אים מקנא, מע מיינט, ער זשעברעווט גאלד. נאר נישט דאס איז דער עיקר המעשה. איך

ווייל איך נאר דערציילן, אז סאמע אין רעכטן ברען פון סעזאן, ווען ברויט גייט און וואגאנעס לויפן, און די מקחים שטייגן, איז זיך מיישב מיינע און ווערט מיר געלעגן און האט מיר א בן־זכר — מזל טוב! מיט מזל זאלט איר לעבן! וואס טוט מען? דארף מען מחמת דערימאך פראַ־ווען א ברית. אוועקגעווארפן אלע געשעפטן, בין איך אוועקעט אין שטאט אריין, איינגעקויפט אלע גוטע זאכן און אראפגעבראכט דעם שוחט, דעם מוהל הייסט עס, מיט זיין גאנצן קלאפערגעצייג, און דעם שמש פון שול, מחמת דערימאך וואס איך האב גערעכנט, אז מיט די צוויי כלי־קודש און מיטן בעל־בריתניק, מיט מיר אליין הייסט עס, וועלן מיר שוין געווים האבן א מנין, און נאך מיט א סמיטשיק. וואס טוט גאט? איז זיך מיישב איינער פון מיינע דארפסלייט און ווערט חולה, ליגט זיך אוועקעט, קאן נישט גיין צו מיר אפן ברית, כאטש ברענג אים צו טראגן מיטן בעט; און נאך איינער הייבט זיך אויף אינמיטן דרינען און פארט נאר אוועק צו אלדי שווארצע יאר אין שטאט אריין, מחמת דערימאך ער האט, זאגט ער, יארצייט, און — וואס טויג איך גרויס? — איך בלייב אן א מנין, כאטש נעם לייג זיך אוועקעט און שטארב! און דא איז אקוראט ערב שבת (פרייטיק געפעלט מיין ידענגע צו פראוועז א ברית!), דער שוחט, דער מוהל, הייסט עס, זעצט די נשמה?" — דער שמש וויינט מיט טרערן — „וואס'ט איר אונדז געשלעפט?" — ביטער ווי דער טויט! פאל איך אף אן עצה און לויף ארויסעט אפן וואקזאל, מחמת דערימאך טאמער וועט גאט אנשיקן, א קשיא אף א מעשה, עס פארן דורך אזויפיל מענטשן! און כּד הווה: איך קום צו לויפן אפן וואקזאל, נאר־וואס אנגעלאפן דער קוריער און האלט שוין אט־אט באם אוועקצוגיין. איך טו א קוק, עפעס א פארשוין, א פעמפיק, א בייכיקער הייסט דאס, מיט א היפשן טשע־מאדאן, פליט א פארשוויצטער און גלייך צום בופעט — אפנים, עפעס נעמען אין מויל אריין. נאר וואס קאן משטיינס געזאגט, א ייד נאשן פון א גויעשן בופעט אפן וואקזאל? זוכט ער מיט די אויגן א שטיקל הערינג, אז איי, די סלינע נעבעך רינט אים פונעם מויל — א גאטס רחמנות! אז איך טו אים נישט א נעם פארן ארבל: פעטער! איר ווילט עפעס געניסן?" מיין ייד האט זיך אזש א ווארף געטאן פאר שרעק, ווי איינער רעדט: ווער האט אייך געזאגט, אז איך וויל עפעס געניסן?... דופ איך כיך אן צו אים: „נישט דאס! איך אב אייך געוואלט זאגן,

זאָג איך, אַז הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן, גאָט אַליין האָט אײַך, זאָג איך, צוגעשיקט!" קוקט ער אָף מיר און פֿאַרשטייט נישט. זאָג איך צו אים: „איר ווילט, זאָג איך, פֿאַרדינען עולם־הבא און נאָך עסן דערצו אַ ראָסלפּליישל, וואָס צעגייט זיך אין אַלע אברים, מיט פרישע חלה, זאָג איך, נאָר וואָס פונעם אויוון?" קוקט ער מיך נאָך אַלץ אָן, ווי אַ משוגענעם: — ווער זײַט איר? וואָס ווילט איר? דערציייל איך אים די גאַנצע געשיכטע, וואָסער אַן אומגליק, מחמת דערימאַד ס'איז באַ מיר אַ ברית, ס'איז אַלצדינג דאָ זאָג איך, אַ מוהל און אַ שמש און אַ סעודה אַ פרישע, זאָג איך, נאָר עס פעלט מיר אַ צענטער צו אַ מנין. זאָגט ער: „וואָס זשע גייט זיך עס אָן מיט מיר?" זאָג איך: „עס גייט זיך אָן, מחמת דערימאַד, איך וויל, איר זאָלט זײַן, זאָג איך, דער צענטער צום מנין. איך בעט אײַך, אירט פֿאַרדינען, זאָג איך, עולם־הבא און עסן אַ גוטן וואַרעמעס אויך"... „משוגע זײַט איר? — מאַכט ער צו מיר — צי חסר דעה? וואָס הייסט דער פֿאַיעזד וועט דאָך אַוועקגיין און ס'איז ערב שבת, זאָגט ער. און איך פֿאָר, זאָגט ער, פֿאַדיעלאַ"... „וואָס קאָן דאָ זײַן? — זאָג איך — וועט איר פֿאָרן מיטן צווייטן פֿאַיעזד, און דערווײַל, זאָג איך, וועט איר זיך קויפֿן עולם־הבא און געניסן, זאָג איך, פון אַ סעודה־מצווה, אַ יויך אַ פרישע מיט פֿאַרפֿעלער, אָף מיר אַזאַ יאָר"...

— בקיצור, צו וואָס זאָל איך אײַך לאַנג מאריך זײַן, אַז מע קאָן עס מאַכן בקיצור? איך האָב דעם יידן בײַגעקומען: אפֿנים, דאָס ראָסלפּליישל און די יויך מיט פֿאַרפֿעלעך האָבן געטאָן זייער זאַך, מחמת דערימאַד מײַן ייד האָט זיך אַזש באַלעקט. האָב איך געגעבן אַ נעם אַוועק באַ אים דעם טשעמאָדאַנטשיק, און מיר זײַנען אַוועק ביידע צו מיר אַהיים, און מיר האָבן געפּראַוועט אַ ברית — אָף אַלע אונדזערע ליבע געזאָגט געוואָרן. דאָס ראָסלפּליישל האָט זיך געלאָזט הערן נאָך בשעתן שנײַדן, מחמת דערימאַד ס'איז געווען פֿאַרפּראַוועט מיט קנאָבל. אַזאַ ראָסלפּליישל מיט פרישן קוילעטש איז טאַקע אַן אַפּעטיט פון גאָט, און דערצו נאָך גוטע געזײַערטע אוגערקעס, און אַ פלעשל ביר, און אַ ביסל קאָניאַק פֿאַרן עסן, און אַ גלעזל ווישניק נאָכן עסן — וואָס אַרט אײַך, מײַן ייד האָט מקיים געווען דעם פסוק פון ויאכלו גאָר באופן אחר. דער שטערן האָט אים אַזש געשוויצט! נאָר וואָס דען? ביז עפּעס וואָס,

ביז מע האָט זיך אומגעקוקט, ווערט אוים טאָג, מיין ייִד טוט זיך א כאַפּ אויף — א צרה איז אים! א שלאָק איז אים! און ער נעמט זיך צום טשעמאָדאַן. „וואָהין איז?‟ — זאָג איך צו אים. — גאָט איז מיט אייַך! ערשטנס, זאָג איך, ווער וועט אײַך לאָזן אַוועקפֿאָרן פֿון שבת? און, צווייטנס, זאָג איך, זייַט איר דאָך נישט דער ייִד, וואָס קאָטאָרע אירט זיך לאָזן פֿאָרן לכתחילה אין שבת אַריין. איידער שבת האַלטן ערגעץ אין מיטן פֿעלד, איז שוין, זאָג איך, גלייַכער בא מיר‟. אויקעט ער מסתמא און אָבקעט: סטייַטש, למאי האָב איך אים פֿאַרהאַלטן? און וואָס האָב איך געהאַט צו אים? און פֿאַרוואָס האָב איך אים נישט געזאָגט פֿריִער? — טענות מיט טענות מיט טענות! זאָג איך צו אים: „ערשטנס, זאָג איך, האָב איך אײַך נישט באַאַדרפֿט זאָגן, זאָג איך, אַז ס׳איז ערב שבת. מחמת דערימאַד, זאָג איך, וואָס איז אַליין האָט גאַנץ גוט געוווּסט אַז ס׳איז ערב שבת. און צווייטנס, זאָג איך, פֿון וואַנען ווייסט איר? אפֿשר איז דאָס א באַשערטע זאַך פֿון גאָט, אַז איר זאָלט, זאָג איך, שבת האַלטן דווקא בא מיר און פֿאַרזוכן מייַן ווייַבס פֿיש? איך בין אייַך ערב, זאָג איך, אַז זינט איר עסט פֿיש, האָט איר נאָך אַזעלכע פֿיש, ווי מײַן ווייַבס פֿיש, זאָג איך, אַפֿילו אין חלום נישט געגעסן!‟... איך האָב, וואָס אַרט אייַך, געוווּסט מיט וואָס מע קאָן דעם ייִדן נעמען. והראיה? מיר האָבן אָפּגעדאַוונט מנחה, מקבל שבת געווען, געמאַכט קדוש, און מייַנע האָט דערלאַנגט די פֿיש, האָבן זיך בא מייַן ייִדן צעגומען די נעזלעכער, די אויגן האָבן בא אים באַקומען גאָר אַן אַנדער גלאַנץ, — און מייַן אורח האָט זיך צוגעכאַפּט צו די פֿיש גלייַך ווי נאָך א תענית, שטאַרק געלויבט די פֿיש, ממש ביזן הימל אַרייַן, זיך נישט אָפּגעזאָגט בשום אופֿן פֿון אביסל בראָנפֿן פֿאַר די פֿיש און אביסל בראָנפֿן נאָך די פֿיש. און אַז ס׳איז געקומען צו דער שבת־דיקער יויך מיט לאָקשן, זייַנען אים די לאָקשן אויך געפֿעלן און דער צימעס אויך, און אַפֿילו דאָס פֿלייש פֿון צימעס, א שטיקל ברוסטן־פֿלייש, האָט ער אויך שטאַרק געלויבט, פּשוט געלעקט די פֿינגער! „ווייסט איר, זאָגט ער, וואָס איך וועל אייַך זאָגן? — מאַכט ער צו מיר פֿאַרן בענטשן. — בדיעבר, אַז ס׳האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, זאָגט ער, בין איך גאַנץ צופֿרידן, וואָס איך בין פֿאַרבליבן בא אייַך אױף שבת. איך האָב שוין, זאָגט ער, לאַנג אַזוי הנאה נישט געהאַט פֿון שבת, ווי איצינד!‟ „אויב

אזוי, זאָג איך, טוט עס מיר הנאה. נאָר וואַרט אויס, זאָג איך, איר וועט ערשט זען מאָרגן, מחמת דערימאָד ס'איז שבת, און אַף שבתדיקע פּאַטראָ־וועס, זאָג איך, איז מײַנע אַ מאַדים!"...

— און כך הווה. ס'איז געקומען מאָרגן, נאָכן דאַווענען און נאָכן קדוש מאַכן, אַז מע האָט אָנגעהויבן דערלאַנגען די פאַרבײַסעכצן, די קיכלעך מיטן געהאַקטן הערינג, מיט ציבעלעס מיט שמאַלץ, מיטן רעטעך, מיט די געהאַקטע אייער, לעבערלעך און גריוון, און דערנאָך ערשט די קאַלטע פיש מיטן קאַלטן שטיקל ברוסט פון נעכטיקן צימעס, און דערנאָך די פּעטשע, אָדער „פּיסנאַגע", ווי מע רופט עס בא אײַך, מיט די גוטע פענעצלעך מיט קנאָבל, און נאָכדעם דער גאַנצער טשאָלנט מיטן גוטן פעטן הײַסן קוגל — האָט דער אורח גאָר נישט געקאָנט אַפּלויבן זיך! זאָג איך צו אים: „דאָס איז נאָך גאָרנישט! וואַרט אויס, זאָג איך, וועט איר פאַרזוכן אַם ירצה שם, אונדזער וואַלכישן באָרשט צו דער מלוה־מלכה, וועט איר, זאָג איך, ערשט דעמאָלט וויסן וואָס הייסט גוט!" צעלאַכט ער זיך גאַנץ ברייטלעך און מאַכט צו מיר: „עט־נו! ווו וועל איך שוין זײַן, זאָגט ער, ביז אײַער וואַלכישער באָרשט וועט אַמאָל פאַרטיק ווערן?" צעלאַך איך מיך אויך נאָך ברייטער פון אים און מאַך צו אים: „מאָלט אײַך, לאָז זיך אײַך דאַכטן, זאָג איך, אַז איר האָט אַ טעות. אויב איר רעכנט אויפדערנאַכט אַוועקפאָרן, זאָג איך, זאָלט איר עס פאַרגעסן תיכף ומיד, מחמת דערימאָד דער וואָס פאָרט, זאָג איך, אום שבת, דער זיצט אַ גאַנצע וואָך אינדערהיים".

— און כך הווה. באַלד ווי מע האָט אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגע־זאָגט די „המבדילס", הייבט מײַן ייִד אָן צו פּאַקן זיך אין וועג אַרײַן. רוף איך מיך אָן צו אים: „משוגע מײַנע שונאים? ערשטנס, ווער וועט אײַך אַוועקלאָזן אַף באַנאַכט אין דער וועלט אַרײַן? און, צווייטנס, זאָג איך, ווו האָט איר אַ פּאַיעזד?" „סטײַטש, זאָגט ער, האָט איר דאָך מיך געקווילעט!" זאָג איך: „קיין גרעסערן אומגליק זאָלט איר נישט האָבן ווייל איר וועט לעבן!! אַ פּאַיעזד וועט איר האָבן, אַם ירצה שם, מאָרגן פאַרטאָג. איר, זאָג איך, גרייט אײַך בעסער צו, זאָג איך, אַ מאָגן מיט אַן אַפּעטיט, מחמת דערימאָד, זאָג איך, דער באָרשט לאָזט זיך שוין הערן! איך וועל אײַך נאָר בעטן, זאָג איך, איר זאָלט מיר זאָגן דעם אמת, צי האָט איר ווען געגעסן אַזאַ באָרשט? נאָר דעם ריינעם אמת!"

וואָס טויג אײַך, ער האָט זיך נעבעך געמוזט מודה זײַן, אַז זינט ער לעבט עסט ער דעם ערשטן מאָל אַזאַ באָרשט! און ער האָט שוין גאָר באַקומען חשק געוואָיר צו ווערן, ווי אַזוי מאַכט מען עס אַזאַ מין באָרשט? און פאַרוואָס האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען „וואָלכישער"? און נאָך אַזעלכע זאַכן. זאָג איך: „צו וואָס טויג עס אײַך? איר פאַרזוכט בעסער, זאָ איך, אָט דאָס גלעזל ווײַן און זאָגט מיר, זאָג איך, דערויף אײַער מבינות. נאָר דעם אמת! דעם ריינעם אמת! מחמת דערימאָד איך האָב פײַנט, זאָג איך, קאָמפּלימענטן"...

— כד הווה. מע האָט גענומען אַ גלעזל און נאָך אַ גלעזל און מע האָט זיך געלייגט שלאָפן, און מײַן אורח האָט, וואָס אַרט אײַך פאַרשלאָפן דעם פאַרטאָגעדיקן פּאָיעזד און איז אויפגעשטאַנען אַ צעקאָכטער, מלא גזלן, אָנגעפאַלן אויף מיר, אַז איך בין מחויב געווען על־פּי יושר און על־פּי מענטשלעכקייט אים אויפצוּוועקן, און אַז איבער מיר וועט ער האָבן היזק — ער ווייס נאָך אַליין נישט וויפל. הכלל, איך האָב אים גאָר אומגליקלעך געמאַכט! הער איך אים אויסעט גאַנץ פײַן און רוף מיך אָן צו אים: „זאָגט אַליין, זאָג איך, זײַט איר נישט אַ מאָדנער ייִד? ערשטנס, זאָג איך, וואָס איז בכלל, זאָג איך, דאָס אײַלעניש, וואָס מע אײַלט זיך משטיינס געזאָגט, וויפל לעבט דאָס אינגאַנצן אַ מענטש אויף דער וועלט? איז נומער איינס. והשנית, האָט איר פאַרגעסן, זאָג איך, אַז הײַנט איז דער דריטער טאָג נאָכן ברית, שלישי למילה הייסט עס, אַ קלייניקייט? באַ אונדז איז מען זיך נוהג, זאָג איך, אַז צום דריטן טאָג נאָכן ברית מאַכט מען אַ סעודה נאָך אַ גרעסערע ווי אָפן ברית אַליין, מחמת דערימאָד וואָס שלישי למילה, זאָג איך, איז נאָך טײַערער פון דער מילה אַליין... נישט שוין זשע, זאָג איך, וועט איר וועלן אומזיסט־אומנישט, זאָג איך, מיר נעמען און פאַרשטערן אַ שמחה?"...

— און כד הווה. מײַן ייִד האָט זיך שוין נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט זיך אַזש צעלאַכט פאַר צרות: „וואָס טויג מיר גרויס, זאָגט ער, איר זײַט אַ רעכטער קלעשטש!"... „לאָז זײַן אַזוי, זאָג איך, אַבי אַן אורח!"...

— זיצנדיק באַם וואַרעמעס און גענומען צו ביסלעך לחיים, רוף איך מיך אָן צו אים: „הערט זשע אויס, מײַן ליבער ייִד, די מעשה דערפון איז אַזוי, זאָג איך. ס'איז אפילו, זאָג איך, נישט אַזוי כדאי אַצינדערטאַ,

זאָג איך, צו ריידן וועגן מילכיקע מאכלים, מחמת דערימאַך, וואָס מיר האַלטן, זאָג איך, סאַמע באָם פליש, נאָר איך וואָלט, זאָג איך, וועלן האָרכן פון אײַך, זאָג איך, וואָס איז אײַער מיינונג וועגן קרעפּלעך מיט קעז"... קוקט ער מיך אָן: „אַקעגן וואָס, הייסט עס, איז דאָס געקומען צו רייד?"... „אַקעגן דעם, זאָג איך, וואָס איך וואָלט וועלן, איר זאָלט פאַרזוכן, זאָג איך, די מילכיקע קרעפּלעך, וואָס מײַן ווײַב מאַכט, מחמת דע־רימאַך וואָס הײַנט אַף דער נאַכט, זאָג איך, איז בײַ אונדז אַ מילכיקע וועטשערע"... ווערט ער אויפגעטראָגן, דער אורח, הייסט עס, און רופט זיך אָן צו מיר: „אײַ־פּע! איך זע, זאָגט ער, אין אײַך, אַז איר ווילט מיך פאַרהאַלטן נאָך אַף אַ מעת־לעת! ס'איז פון אײַך, זאָגט ער, אַן עוולה! אַ גרויסע עוולה!"... און פון זײַן קאָכן זיך, וואָס ע־קאָכט זיך, פאַרשטיי איך, אַז לאַנג בעטן וועט מען אים פונדעסטוועגן נישט באַדאַרפן, און קריגן זיך אוודאי נישט, מחמת דערימאַך ס'איז אַ ייִד מיט אַן אַפּעטיט, וואָס האַלט פון דער אכילה... מאַך איך צו אים אַזוי: „איך גיב אײַך מײַן ערן־וואָרט, זאָג איך, און טאָמער איז אײַך ווינציק, נאַט אײַך, זאָג איך, מײַן תקיעת כף, אַז אם ירצה שם מאָרגן פאַרטאָג וועק איך אײַך אויף צום פאַרטאָגעדיקן פאַיעזד — די גאַנצע וועלט מעג זיך איבערקערן, אַניט, זאָג איך, זאָל איך אַזוי און אַזוי!"... ווערט ער שוין אַביסעלע ווייכער און רופט זיך אָן צו מיר: „געדענקט זשע — אַ תקיעת כף!" זאָג איך: „תקיעת כף איז תקיעת כף". און מײַנע האָט געמאַכט אַ מילכיקע וועטשערע, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, מיט אַזעלכע קרעפּלעך, אַז דער אורח האָט געמוזט מודה זײַן, אַז ס'איז אמת: ער האָט אויך אַ ווײַב, און זײַן ווײַב מאַכט אויך קרעפּלעך, נאָר ס'איז אַזאַ חלוק ווי פון טאָג צו נאַכט! ווייס איך וואָס — כרחוק מזרח ממערב!

—און כך הווה, איך האָב געהאַלטן וואָרט, מחמת דערימאַך וואָס אַ תקיעת כף איז אַ תקיעת כף. איך האָב מײַן אורח אויפגעוועקט פאַרטאָג, געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. ער האָט זיך גענומען פּאַקן אײַן וועג אַרײַן, און טאַקע גאַנץ פײַן געזעגענען זיך מיט מיר און מיט מײַן הויזגעזינט. רוף איך מיך אָן צו אים: „געזעגענען, זאָג איך, וועלן מיר זיך געזעגענען, נאָר פריִער, זאָג איך, דאַרף מען זיך צערעכענען". קוקט ער מיך אָן, מחמת דערימאַך ער פאַרשטייט נישט וואָס איך זאָג. „וואָס הייסט, זאָגט

ער, צערעכענעז?" „צערעכענעז, זאָג איך, הייסט מאַכן אַ חשבון; איך, זאָג איך, וועל אײַך געבן אַ חשבון, וואָס פון אײַך קומט, און איר, זאָג איך, וועט זײַן אַזוי גוט און מטריח זײַן זיך באַצאָלן". ווערט ער רויט אַזוי ווי פײַער: „באַצאָלן? פאַר וואָס באַצאָלן?" „וואָס הייסט, זאָג איך, פאַר וואָס? פאַר אַלצדינג; פאַר עסן, זאָג איך, פאַר טרינקען, פאַר סטאַנציע". ווערט ער שוין ווײַס, נישט רויט, און מאַכט צו מיר: „איך פאַרשטיי אײַך נישט, זאָגט ער: איר האָט מיך פאַרבעטן צו זיך, זאָגט ער, אויפן ברית, איבערגעכאַפּט אויף דער באַן, אַרויסגעריסן בײַ מיר דעם טשעמאָדאַן פון די הענט, צוגעזאָגט עולם-הבא..." שלאָג איך אים איבער און מאַך צו אים: „אמת, אַלצדינג אמת; נאָר וואָס גייט זיך דאָס אָן צו דעם? דאָס, זאָג איך, וואָס איר זײַט געווען בײַ מיר אויפן ברית, האָט איר פאַרדינט אַ מצווה, אָבער עסן און טרינקען און סטאַנציע — דאָס בין איך דאָך נישט מחויב, זאָג איך, אײַך צו געבן אומזיסט! מחמת דערימאָך איר זײַט דאָך, זאָג איך, אַ ייִד אַ סוחר און פאַרשטייט, זאָג איך, אַליין גאַנץ גוט, אַז פיש קאָסט געלט, און ווײַן האָט איר געטרונקען דעם בעסטן, און ביר אויך, און ווישניק אויך, און דעם צימעס מיט די קוגלען מיטן באָרשט האָט איר, דאַנקען גאָט, געלויבט אין טאָג אַרײַן, געלעקט די פינגער. און די קרעפּלעך, זאָג איך, מיט קעז האָבן אײַך אויך גוט געשמעקט. לאָז אײַך, זאָג איך, ווויל באַקומען. איך פאַרגין אײַך מיטן גאַנצן האַרצן. איר וועט דאָך אָבער נישט פאַרלאַנגען, זאָג איך, אַז מחמת דערימאָך וואָס איר האָט פאַרדינט, זאָג איך, אַ מצווה און געהאַט הנאה, זאָל אַ ייִד צו אײַך דערלייגן אי טרחה, אי געלט!" מײַן ייִדן נעבעך, זע איך, האָט באַשלאָגן אַ שוויים, ער האָט שיער דעם שלאַק באַקומען! ער האָט גענומען זיך וואָרפן, פּילדערן, שרײַען, גוואַלדעווען: „ס'איז סדום! ערגער פון סדום! אַזאַ רציחה איז, זאָגט ער, נאָך נישט געהערט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט!!! וויפל קומט אײַך?" גיי איך און נעם אַ פּאַפּיר מיט אַ בלײַשטיפט און מאַך אים אַ חשבון אַרום און אַרום, פאַר עסן און טרינקען און נאַכטלעגער, פאַר שבת, פאַר ווײַן און פאַר ווישניק, און פאַר ביר, און פאַר באַזונדערע באַשטעלטע קרעפּלעך מיט קעז, אחת לאחת האָט זיך צונויפגענומען אַ קיימאַ-לן פון עטלעכע און דרײַסיק קאַרבן מיט קאָפּיקעס — איך געדענק שוין נישט אַקוראַט...

— דערזען דעם חשבון, איז מײַן ייִד געוואָרן געל און גרין, די הענט

האבן אים געציטערט און די אויגן זײַנען אים שיער פון קאָפּ נישט ארויס, און ער האָט געגומען שרײַען נאָך מיט גרעסערע קולות און גוואַלדן: „ווו איז ער עס אַרײַנגעפאַלן? צווישן פעלד־גזלנים? גאָר קיין מענטשן נישט פאַראַנען? קיין גאָט נישטאָ?” רוף איך מיך אָן צו אים: „שאַט, ווייסט איר וואָס, רב ייִד? וואָס דאַרפט איר שרײַען? זיך אָפּעסן דאָס האַרץ? אַמער לאָמיר זיך דורכפאָרן, זאָג איך, אין שטעטל אַרײַן, ס׳איז נישט ווײַט פון דאַנען, מחמת דערימאָך דאָרט איז דאָ מענטשן, דאָרט איז דאָ אַ רב, לאָמיר פרעגן דעם רב, וואָס דער רב וועט זאָגן, אַזוי וועט זײַן”. דערהערט פון מיר אַזעלכע דבורים, איז דעם ייִדן געוואָרן אַביסל גרינגער אַף דער נשמה. און וואָס אַרט אײַך — מיר האָבן געדונגען אַ פורל און האָבן אויפגעזעצט זיך און אוועק אין צווייען אין שטעטל אַרײַן, און גלײַך צום רב.

—געקומען צום רב, טרעפן מיר אים אַקוראַט נאָכן דאַווענען, ווי ער לייגט צונויף טלית ותפילין. שלום עליכם, עליכם שלום. וואָס׳ט איר זאָגן? כאַפּט זיך אַרויס מײַן ייִד מיט אַ פײַער און הייבט אָן צו דערציילן די גאַנצע מעשה פון „א” ביז „ת”, ווי אַזוי ער איז געפאָרן פאַרבײַ אונדזער סטאַנציע, ווי אַזוי ער האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט מיטן טשעמאָדאַן אָפּן וואָקזאַל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, אַפילו גאָרנישט אין זינען געהאַט קיין ברית, פּליט אונטער אָט דער ייִד (ווײַזט אָן אַף מיר) און פאַלט צו מיט תחנונים, מחמת דערימאָך אַזוי ווי בא אים איז הײַנט אַ ברית און עס פעלט אים אַ צענטער צו אַ מנין, על כן האָט גאָט אַליין אַזוי געפירט! און דערנאָך ווי אַזוי איך האָב אַרויסגעריסן בא אים דעם טשעמאָדאַן פון די הענט, דערנאָך ווי אַזוי ער איז געקומען אָפּן ברית און געוואָלט פאָרן ווײַטער, האָב איך אים פאַרהאַלטן אַף שבת און אַף שבת צו־נאַכטס און אַף זונטיק שלישי למילה און אַף מילכיקע קרעפּ־לעך — הקיצור, ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין זאַך. און גייט און דער־לאַנגט דעם רב דעם חשבון, וואָס איך האָב אים געגעבן. האָט אים דער רב אויסגעהערט דווקא מיט קאָפּ און ביזן רעכטן סוף. און אַז דער ייִד האָט געענדיקט, רופט זיך אָן דער רב: „האָבן מיר אויסגעהערט, הייסט עס, איין צד. אַצינד, זאָגט ער, וועלן מיר הערן דעם אַנדערן צד. וואָס האָט איר דערויף צו זאָגן?” רוף איך זיך אָן צום רב: „איך פון מײַן זײַט האָב גאָרנישט צוצולייגן, מחמת דערימאָך, זאָג איך, וואָס אַלצדינג,

וואָס דער ייִד האָט אײַך דאָ דערציילט, איז כשר וישר, לויטער אמת. נאָר וואָס דען, זאָג איך, איין זאַך לאָז ער אײַך, זאָג איך, זאָגן אַף זײַן ייִדישקייט: ווען און וואָסער טאָג איז ער געקומען, און ווו האָט ער געהאַלטן שבת, און צי האָט ער געגעסן פיש און געטרונקען ווײַן מיט ביר מיט קאָניאַק מיט ווישניק, און צי האָט ער געלויבט דעם וואַלכישן באָרשט מיט די מילכיקע קרעפּלעך, וואָס מײַן ווײַב האָט געמאַכט?" ווערט דאָך מסתמא מײַן ייִד נאָך מער אויפגעקאָכט, שמיצט זיך און וואַרפט זיך, ממש ער באַקומט אַפּאָפּלעקציע! בעט אים דער רב, ער זאָל זיך אַזוי נישט קאָכן און נישט זײַן אין כעס, מחמת דערימאַך, וואָס כעס איז עבודה זרה, און ער פרעגט אים איבער נאָכאַמאָל וועגן די פיש מיטן באָרשט מיט די קרעפּלעך, און צי ס'איז אמת, אַז ער האָט געטרונקען אי ווײַן, אי ביר, אי קאָניאַק, אי ווישניק? דערנאָך טוט ער אַן די שפּאָקולן, דער רב, הייסט דאָס, קוקט איבער דעם חשבון פון אויבן ביז אַראָפּ, פּירט אונטער די אונטערשטע שורה — סע שטימט: עטלעכע און דרײַסיק רובל מיט קאָפּיקעס. דערנאָך ציט ער אויס אונדז די פּאַ־טשיילע, מיר זאָלן, הייסט עס, מקבל קנין זײַן, אַז מיר וועלן מקיים פּסק זײַן, און דער רב האָט אַרויסגעגעבן זײַן פּסק אין קורצע ווערטער: אַז דער ייִד באַדאַרף מיר באַצאָלן בפי החשבון די עטלעכע און דרײַסיק רובל מיט קאָפּיקעס, און הוצאות פאַר דער נסיעה אַהער און אַהין, און פּסק־געלט דעם רב — דאָס זאָל זײַן לחצאין, אַף דער האַלב הייסט עס, חלק כחלק.

— אַרויסגעכאַפּט זיך פונעם רב, ווי פון אַ שוויץ־באָד, נעמט דער־ ייִד אַרויס דעם טײַסטער, כאַפּט אַרויס פון דאָרטן אַ פּופּיקער (צוויי כף־האָ'ערס), טוט מיר אַ שמיץ אין פּנים אַרײַן, איך זאָל אים געבן אויסגאָב. זאָג איך צו אים: „וואָסער אויסגאָב?" זאָגט ער: „נאָך די עטלעכע און דרײַסיק, וואָס קומט אײַך על פּי חשבון". זאָג איך: „וואָ־ סער חשבון? וואָסערע עטלעכע און דרײַסיק? וואָס מיינט איר, זאָג איך, איך בין טאַקע אַ פעלד־גזלן? צי אַ משוגענער? וואָס הייסט, איך וועל בײַ אײַך נעמען געלט? איך כאַפּ אַז, זאָג איך אַ ייִדן אַפּן וואָקזאַל, אַ ווילד־פרעמדן, איך קען אים ניט, איך ווייס אים ניט, נעם אַוועק בײַ אים דעם טשעמאָדאַן פון די הענט און פאַרשלעפּ אים, זאָג איך, מיט גע־ וואַלד צו מיר אַף אַ ברית, און פאַרברענג זאָג איך, מיט אים אַ שבת,

אױף אַלע ייִדן געזאָגט געװאָרן — װעל איך גײן, זאָג איך, מחמת דערײ־מאַד, און װעל בײַ אים נעמען געלט פֿאַר דער טובֿה, װאָס ער האָט מיר געטאָן, און פֿאַרן תענוג, װאָס איך האָב פֿון אים געהאַט?״... קוקט ער מיך שױן אָן טאַקע מיט אַן אמת װי אַ משוגענעם און מאַכט צו מיר: „װאָס זשע האָט איר גערדרײט אַ מח? און װאָס האָט איר מיך געשלעפּט צום רבֿ?״ „אַ מאָדנער ייִד, זאָג איך, איר זײַט! איך האָב עס געטאָן, זאָג איך, ניט פֿאַר קײן זאַך, נאָר מחמת דערימאַד, װאָס איך האָב גע־װאָלט, זאָג איך, איר זאָלט זען, װאָס פֿאַר אַ חכם אַ רבֿ מיר האָבן — און מער גאָרנישט...

* * *

דערצײלט די מעשה, האָט זיך מײַן בעל־דבֿר, רבֿ נחמן לקח, גאַנץ פֿײַן אױפֿגעהױבן, און די איבעריקע דרײַ שותּפֿים נאָך אים, גענומען פֿאַרשפּיליען זיך די קאַפּאָטעס, שױן גרײט אַװעקצוגײן. האָב איך מיך ניט געפּױלט, דערלאַנגט זײ נאָך צו פּאַפּיראָסן און אָנגערופֿן זיך צום דערצײלער:

— האָט איר מיר דערצײלט, זאָג איך אַ מעשה מיט אַ רבֿ, אפֿשר װאָלט איר געװען, זאָג איך, אַזױ פֿרײַנטלעך אױסצוהערן אױך פֿון מיר אַ מעשה, און אױך מיט אַ רבֿ, נאָר אַ סך אַ קירצערע, װי אײַער מעשה?

און גאָרנישט געװאַרט אױף זײער יאָ אָדער נײן, בין איך צוגעטרעטן גלײַך צום עסק, און טאַקע גאָר אײן קורצן.

— דאָס איז געװען — אַזױ האָב איך אָנגעהױבן מײַן מעשה — גאָרנישט לאַנג, און דװקא אין אַ גרױסער שטאָט, ערבֿ יום כּיפּור האָט זיך עס געטראָפֿן. פֿאַלט אַראָפּ װי פֿונעם הימל אַ ייִד אַ סוחר, אַן אורח, אַ רײַזנדער, װאָס פֿאָרט אַרום איבער דער װעלט, פֿאַרקױפֿט סחורה און נעמט געלט, האַלט זיך מיט בײדע הענט בײַ די זײַטן, שפּאַצירט אַרום איבערן שולהױף, אױף דער ייִדישער גאַס, און פֿרעגט זיך שטאַרק נאָך אַפֿן רבֿ, װוּ זיצט דאָ ערגעץ דער רבֿ? — װאָס באַדאַרפֿט איר צום רבֿ? — „װאָס איז אײַער עסק?״ אײנעם, דעם אַנדערן, דעם דריטן: װוּ זיצט דאָ ערגעץ דער רבֿ? — װאָס דאַרפֿט איר דעם רבֿ? —„ װאָס איז אײַער עסק?״... אַהין־אַהער, ער האָט זיך דערפֿרעגט, װוּ דער רבֿ װױנט. אַרײַנגעקומען צום רבֿ, האַלט ער זיך נאָך אַלץ מיט בײדע הענט בײַ די זײַטן, רופֿט אָפּ דעם רבֿ אױף אַ סוד, פֿאַרשליסט זיך מיט

אים באזונדער אין א חדר: „רבי! אזוי און אזוי איז די מעשה. איך בין א ייד א רייזנדער און פיר מיט זיך געלט, א היפשע פּותיקא. נישט חלילה מיינס; פּריִער גאטס דערנאָך פרעמדס. ס'איז ערב יום כיפור; האלטן בא זיך קאן איך עס ניט; איבערלאָזן עס אף דער סטאַנציע האָב איך מורא — אזא פּותיקא! טוט מיר א טובה, נאט עס אייַך, באהאלט דאָס בא זיך אין קאסטן ביז, אם ירצה השם, מארגן אף דער נאכט נאָך יום כיפור..."

און נישט לאנג געטראכט, נעמט דער סוחר, בינדט אויף דעם זשי־לעט, און ציט ארויס איין פּעקל נאָכן אנדערן די שיינע אסיגנאציעס, ניט פאר אייַך געדאכט, די אמתע רויט קנאַקעדיקע הונדערטערס!

דערזען אזא סומע געלט, רופט זיך אָפּ צו אים דער רב: „האָט קיין פאריבל ניט, איר קענט מיך ניט, איר ווייסט מיך ניט"... „וואס הייסט, איך קען אייַך ניט? איר זייַט דאָך עפּעס א רב!"... „גוט, איך בין א רב, איך קען אבער אייַך ניט, ווער איר זייַט און וואס איר זייַט... אהין־אהער, זיי דינגען זיך. ער אים: „איר זייַט א רב!" דער רב צו אים: „איך קען אייַך ניט". און דאָ דער טאָג שטייט ניט. ערב יום כפור! ס'איז געבליבן, אז דער רב נעמט צו בא אים דאָס געלט; נאָר וואס דען? — פאר עדות. ווער זאָלן זייַן די עדות? קיין אבי־וועמען קאן מען דאָך נישט פארטרויען. שיקט דער רב רופן צו זיך די פּני, די שבעה טובי העיר, די סאמע נגידישע און פייַנע בעלי־בתים פון שטאָט, און דערציילט זיי: „אזוי און אזוי איז די מעשה. אָט דער ייד, זאָגט ער, האָט געלט, א היפשע פּותיקא, ניט זייַנס, פּריִער גאָטס, דערנאָך פרעמדס. וויל ער עס מיר, זאָגט ער, געבן באהאלטן ביז איבער יום־כפור. על כן זייַט איר, זאָגט ער, עדות, וויפל ער האָט מיר איבערגעגעבן געלט, בכדי ס'זאָל ניט ארויסקומען, זאָגט ער, דערנאָכדעם קיין שום, איך פאר־שטייט?"... און דער רב האָט זיך מטריח געווען, איבערגעציילט פאר די בעלי־בתים אין די אויגן דרייַ מאָל די פּותקא, אייַנגעוויקלט אין א פאטשיילע, פארחתמעט די פאטשיילע מיט טריוואקס, צוגעלייגט די חתי־מה: „הרב ומו"צ", באוויזן די בעלי־בתים: „נאָט, זעט, אָט דאָ האָט איר מייַן חתימה, און געדענקט זשע, אז איר זייַט ערות!"... די פאַ־טשיילע מיטן געלט האָט דער רב איבערגעגעבן דער רביצין, זי זאָל דאָס פארשליסן אין קאסטן, און די שליסעלעך זאָל זי באהאלטן אין אן אָרט, וואס קיין בן־אדם זאָל ניט וויסן... און מען איז אוועק אין שול אריַין

און מע האָט גאַנץ פֿײַן געדאַוונט און געפּאַסט, און איבערגעלעבט דעם יום־כּפּור, געקומען פֿון שול, אָפּגעפּאַסט זיך, מע טוט אַ קוק — אַהאַ! ער איז דאָ! דער ייִד, דער סוחר, הייסט עס. „אַ גוטע וואָך". „אַ גוט יאָר. זיצט. וואָס'ט איר זאָגן?" „גאָרנישט. איך בין געקומען מבֿח דער פּותיקא"... „וואָסער פּותיקא?" „די ממתקים"... „וואָסערע ממתקים?" „איך בין געקומען נאָכן געלט"... וואָסער געלט?" „מײַן געלט... דאָס הייסט, ניט מײַנס, פֿרײַער גאָטס, דערנאָכדעם פּרעמדס... איך האָב עס אײַך געגעבן באַהאַלטן"... „איר האָט מיר געגעבן באַהאַלטן געלט?... ווען?...

צעלאַכט זיך דער ייִד, מיינט, אַז דער רבֿ טרײַבט מיט אים קאַטאָוועס. פֿרעגט אים דער רבֿ: „וואָס איז דער געלעכטער?" זאָגט ער: דאָס ערשטע מאָל זע איך אַ רבֿ אַ לץ"... געפֿינט זיך שוין דער רבֿ באַליידיקט. קיינער האָט אים נאָך ביז אַהער, זאָגט ער, ניט געקרוינט מיטן נאָמען לץ. „זאָגט, רבֿ ייִד, וואָס דאַרפֿט איר?"

דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט דעם ייִדן אַ קלאַפּ געגעבן, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, אַט־אַ־דאָ, אונטערן לעפֿעלע. „סטײַטש, רבי, אין גאָטעס ווילן! איר ווילט קוילען אַ ייִדן? איך האָב דאָך אײַך אָפּגעגעבן אינגאַנצן מײַן געלט, ניט מײַנס, פֿרײַער גאָטס, דערנאָכדעם פּרעמדס! אַ סימן — איך האָט עס, זאָגט ער, אײַנגעוויקלט אין פֿאַטשיילע, פֿאַרחתמעט מיט טריוואַקס, פֿאַרשלאָסן בײַ דער רביצין אין קאַסטן, און די שליסעלעך באַהאַלטן אויף אַן אָרט, וואָס קיין בן־אָדם זאָל ניט וויסן... און נאָך אַ בעסערער סימן: עס זײַנען, זאָגט ער, דערבײַ געווען עדות, די פֿײַנסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָט!..." און ער פֿוילט זיך ניט, דער ייִד, און רעכנט אויס די בעלי־בתּים בײַ די נעמען. און אַליין באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שוויס, און עס נעמט אים אַנגסטן, בעט אַ גלאָז וואַסער.

און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט דער רבֿ און שיקט אַוועק דעם שמש צו די אויסגערעכנטע פּני, די שבֿעה טובֿי העיר, די סאַמע פֿײַנסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָט. יענע קומען צו לויפֿן: „וואָס איז געשען?" „אַן אומגליק! אַ בילבול! אַ פּריטשעפּע אַ ייִד! ער טענהט, אַז ער האָט מיר יאַקבי איבערגעגעבן אַ גאַנצע פּותיקא ערבֿ יום־כּפּור אויף צו באַהאַלטן, און איר זײַט יאַקבי דערבײַ געווען עדות!..."

האָבן זיך די בעלי־בתּים איבערגעקוקט צווישן זיך, ווי איינער רעדט: „אַט דאָ וועט מען עס עפּעס אָפּלעקן אַ ביינדל!" אַ קליינקייט

אזא פּותיקא! דער יצר־הרע פון געלט! און זיי זײַנען אַנגעפאלן אפן ייִדן: „אי־פע! ווי שעמט איר אײַך ניט איר אײַער ווײַטן האלדז אריין אויסטראכטן אף אונדזער רב אזא מיאוסן בלבול?! ..."

דערזען אזא מעשה, האָט דער ייִד אפּגעלאָזט הענט און פּיס — עס האָט אים אַ נעם געגעבן דער קראַם, ניט פאַר אײַך גערעדט — אַט־אַט חלשט ער! האָט זיך אויפגעהויבן דער רב, צוגעגאַנגען צום קאַסטן, ארויסגענומען די פּאַטשיילע מיט געלט און אונטערגעטראָגן דעם ייִדן:

— נאַט איז מיט אײַך! נאַט! אַט איז אײַער געלט! נעמט עס אײַך אפּ און ציילט עס נאָר אַקאָרשט איבער, ווי עס געהער צו זײַן, פאַר די דאָזיקע ייִדן אין די אויגן. די חתימה, ווי איר זעט, איז ניט גע־רירט, דער טריוואָקס גאַנץ, אַלץ ווי עס דאַרף צו זײַן!

אַ נײַע נשמה האָט מען נעבעך אין דעם ייִדן אַרײַנגעזעצט. די הענט האָבן אים אַזש געציטערט, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

— צו וואָס האָט איר אײַך געטויגט, רבי, נעמען אַ ייִדן און טרײַבן מיט אים לצנות?... אזא לצנות?! ...

— כ'האָב אײַך נאָר געוואָלט באַווײַזן — ווער אונדזערע שיינע בעלי בתים זײַנען ...

געשריבן אין יאָר 1915

לשנה טובה

א מעשה פון פארציַיטן, דערציילט פון א ייִד א חסיד פאר א סך ייִדן, פארנדיק אין וואגאן, און איבערדערציילט מיט זיַין לשון.

— נעמען, לאז זיך אײַך דאכטן, נעמען אלע בא אונדז, ביזן אדון הגדול! און אפילו דער אדון הגדול אליין בכבודו ובעצמו, ס'זאל אײַך צו קיין שאנדע ניט זיַין, נעמען אויך, אז מע גיט אים... וואס? איר גלייבט ניט? איר לאכט? לאכט געזונטערהייט!... שוין? איר'ט זיך שוין אויסגעלאכט? אצינד רוקט אײַך קארשט צונויף, מיַינע ליבע ייִדן, וועל איך אײַך דערציילן א מעשה פון פארציַיטן. די מעשה האט זיך גע־טראפן ניט מער און ניט ווייניקער ווי מיט מיַין זיידן, עליו השלום, אין יענער גוטער ציַיט, בעת מלך איז געווען דער ערשטער ניק... וואס ווינקט איר צו מיר? וואס'ט איר זיך דערשראקן? איר האט מורא, אז די ערלים, וואס זיצן מיט אונדז אין וואגאן, וועלן פארשטיין וואס מע דברט? א מכה וועלן זיי בא מיר פארשטיין! איכל ריידן פארשטעלט, און דארט ווו מע באדארף, — גאר אף לשון קודש — אבי איר זאלט נאר הערן מיט קאפ און ניט האבן א טבע איבערשלאגן יענעם אין מיטן.

בקיצור, ויהי בימי אחשורוש — דאס איז געווען, לאז זיך אײַך דאכטן, אין דער ציַיט, ווען ס'האט געוועלטיקט אונדזערנס עלטער־זיידע, נאך וועמען אונדזערער איז א נאמען, דער זכות מעג אים ביַישטיין אף יענער וועלט און אקעגן קומען דארט, פאר די טובות, וואס אונדזערע אחינו בני ישראל האבן פון אים געהאט דורך זיַינע גזירות טובות ישועות ונחמות — אמן. א לאנגע ציַיט האבן אונדזערע זיידעס, און דערנאך אונדזערע טאטעס, נישט געקאנט פארגעסן דעם דאזיקן אדון

הגדול, האבן זיך געאכעט פונעם שלאף און דערמאנט אים אלע מאל צום גוטן — אזוי גוט איז זיי געווען! דאס גאנצע לעבן איז געהאנגען בא איטלעכן אפן שפיץ נאז, און געלעבט האט מען נאר אינעם זכות און מיטן חסד פונעם אדון הקטן, פונעם „קנעפל", דאס הייסט, דורך דעם, וואס דאס „קנעפל" פלעגט נעמען אף דער יד, און דערצו נאך פארזוכן די דגים ערב שבת מיט א גלעזל יי"ש, האבן יידן געקאנט דער־ווײַלע אטעמען פראנק און פרײַ, האנדלען און וואנדלען און לעבן ווי גאט אין אדעס.

ויהי היום — און ווי א ויהי איז דאך א צרה — טרעפט זיך א מעשה: וימת פרעה מלך מצרים — לייגט זיך אוועקעט דאס „קנעפל" און מאכט א שטארב, ויקם מלך חדש — און עס קומט אראפ צו אונדז אין שטאט א נײַ „קנעפל", א המן, א רשע, אשר לא ידע את יוסף — וואס נעמט נישט, כאטש גיב אים א קרענק! האט מען אים געפרוווט נתנען א גרעסערע מטבע — ער נעמט נישט! גאר א גרויסע מטבע — ער נעמט ניט! געוואלט אים מכבד זײַן מיט דגים — ער גייט ניט! א שמועס געגעבן פון א גוט ביסל משקה — ער טרינקט ניט! אז מע שמועסט א „נקי־כפימניק", איז דאך ניט שײַך! און טאמער בעט מען בא אים מים רחמים — טופעט ער מיט די פיס, טרײַבט ארויס און טוט דער־נאכדעם מעשים אשר לא יעשו: א פראטאקאל נאך א פראטאקאל, א שטראף נאך א שטראף. יידן לאזט ער נישט האנדלען. מלמדים לאזט ער ניט קנעלן. און דערזעט ער א יונג ווײַבל — רײַסט ער איר אראפ דעם פאריק. א יונגנמאן — שערט ער אים אפ א פאה. „אזוי זאגט ער, טוט דער אדון הגדול אויך"... און קוועלט, טרייסלט זיך פון זײַן איי־גענער הכמה, ווערט צעשמאלצן פאר געלעכטער!... פארדריסט דאך עס, און סע ברענט. נאר מען קאן גארנישט מאכן. וואס טוען יידן? דאס, וואס אלע מאל: ויאנחו בני ישראל — יידן זיפצן נעבעך שטילער־הייט און מע מאכט אײַן אסיפה און נאך אן אסיפה, הבה נתחכמה — לאמיר עפעס צוטראכטן וויאזוי ווערט מען פטור פונעם דאזיקן המן ימח שמו? איז געבליבן, מע זאל גיין צו מײַן זיידן רב אנשל עליו השלום, אזוי טאקע האט ער געהייסן, דער זיידע מײַנער, און דאס ביז איך טאקע נאך אים א נאמען. און מײַן זיידע אנשל איז געווען, לאז זיך אײַך דאכטן, א ייד א נגיד און א מיוחס, און דעם רבינס א חסיד, און א גבאי אין שול, און א תכיף בא נאטשאלסטווע. אז מע שמועסט

כל-ולד! „גוואלט, רב אנשל, ראטעוועט א שטאט! גיט עפעס אן עצה!"
הערט זיי אוים דער זיידע און מאכט צו זיי: „וואס קאן איך אייך, קינ־דערלעך, העלפן? סיידן איכל מיך אראפכאפן צום רבין זאל לעבן, און וואס ער זאל לעבן וועט זאגן, דאס וועלן מיר טאן". און אומר ועושה — דער זיידע האט פיינט געהאט לאנגע מחזקות. פוילן זיך איז בא אים נים געווען, און אין הוצאות איז אויך נים געווען קיין מניעה — א שטאט קאן אויסטראגן. עס האלט בא צרכי צבור, מע דארף ראטע־ווען א שטאט, איז עפעס פאראן תירוצים?... און ער האט זיך אויפ־געזעצט, דער זיידע אנשל הייסט עס, זומער איז דאס געווען, אין די רעכטע היצן, האט זיך אפגעזעגנט מיט דער גאנצער שטאט און איז אוועק גלייך צום רבין. געקומען צום רבין, הייבט ער אים אן צו דער־ציילן א מעשה: אן אומגליק, אן ערל א נקי־כפימניק, וואס נעמט נים. טוט דער רבי א קוק אף אים מיט איין אויג און א מאך מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: מע דארף נים ריידן ווייטער, ער וויים שוין. פון וואנען וויים ער? — דאס פרעגט א נאר. זיי ווייסן שוין!... וואונדערט זיך דער זיידע, נאר ער שוויינט און ווארט, וואס וועט זיין ווייטער? אין א מינוט ארום רופט זיך אן דער רבי: לשנה טובה תכתבו ותחתמו... וואונדערט זיך דער זיידע נאך מער: וואס פארא סמיכות־הפרשה? ס'איז נאך אין רעכטן זומער, נאך ווייט צו ראש־השנה, ווי קומט עס איצט צו „לשנה טובה"?... נאר פרעגן דעם רבין קשיות פרעגט מען נים. ווארט ער. און שוין פארן אפגעזעגענען זיך רופט זיך אן דער רבי צום זיידן מיט א זיפץ: הער זשע אוים, אנשל (זיי זאגן דאך אלעמען „דו"). נעם און פאר, זאגט ער, אהיים בשלום און זאלסט זאגן דער שטאט, זאגט ער, אז איך האב זיי געזאגט „לשנה טובה תכתבו ותחתמו". און אז דו וועסט קומען אהיים, זאגט ער, זאלסטו אפווארטן ביזן גרויסן יאריד, און זאלסט ארויסגיין, זאגט ער, אפן יאריד און זאלסט קויפן א פאר סוסים, אבער מן המובחר, פון די בעסטע הייסט עס! שפאקעס זאלן זיי זיין! און זיי זאלן זיין, זאגט ער, ביידע גלייך, ווי א צווילינג, ווי איין מאמע האט זיי געהאט, עס טאר נים זיין קיין פלעק אף זיי, קיין שפרינקעלע, און דו זאלסט, זאגט ער, נעמען די שפאקעס און זאלסט זיי איינשפאנען, זאגט ער, אין א קארעטע, אין א שיינער קארעטע, וואס שענער איז בעסער, און דו זאלסט אוועקפארן מיט זיי, זאגט ער, אין יענעם מקום אריין, ווו דער אדון הגדול זיצט... מיט א „פ" הייבט זיך

אז יענע שטאָט... און אַז דו וועסט קומען, זאָגט ער, אין יענעם מקום, זאָלסטו דעם ערשטן טאָג, זאָגט ער, אַפּרוען, דעם אַנדערן טאָג אַפּרוען, און דעם דריטן טאָג, זאָגט ער, אויך אַפּרוען, און אַז דו וועסט זיך אָפּ־רוען, זאָלסטו, זאָגט ער, נאָכדעם אײַנדערפֿרי, באַלד נאָכן דאַווענען, און פֿאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, מאַכן אַ שפּאַציר מיט די שפּאַקעס פֿאַרן פּאַלאַץ פֿונעם מלכות, און זיצן זאָלסטו אין דער קאַרעטע ווי אַ שׂררה. וואָס פֿאַרט זיך דורך גלאַט אַזוי לשם פֿאַרגעניגן... והיה — און ס'וועט זײַן, זאָגט ער, אַז מע וועט דיך אָפּשטעלן און פֿרעגן: „וואָס ווילסטו פֿאַר די פֿערדלעך?" זאָלסטו זאָגן: „איך האַנדל ניט מיט קיין פֿערד"... און פֿאַר, זאָגט ער, בשלום אהיים, וה', זאָגט ער, יצליח דרכך"...

און כך הווה. ס'איז געקומען די צײַט פֿונעם גרויסן יאַריד, ווי דער רבי האָט פֿאָרויסגעזאָגט, איז דער זיידע אַרויס אויפֿן יאַריד, דערזעט ער אַ ציגײַנער מיט אַ פּאָר שפּאַקעס, אָבער שפּאַקעס אשר לא שפּאַקו אבו־תינו! קיין גרויסער מבֿין אויף פֿערד איז מײַן זיידע נישט געווען, נאָר זייער אויסזען — איינס אין איינס, ווי אײַן מאַמע האָט זיי געהאַט, און אַז אַ פֿלעק — אַלצדינג, ווי דער רבי האָט געזאָגט! דערזען די פֿערד־לעך, איז שוין דער זיידע, לאָז זיך אײַך דאַכטן, פֿון זיי ניט אָפּגעטרעטן. ער איז צוגעזאָטן געוואָרן! דער ציגײַנער, אַפּנים, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער זיידע איז אויסער זיך פֿון די פֿערדלעך, האָט ער מסתמא פֿאַר־בעטן אַזאַ מקח, אַז דעם זיידן איז געוואָרן נישט גוט, ממש עס איז אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן! נאָר ס'איז עפּעס אַ תּירוץ? פּקוח־נפֿש — ראַטעווען אַ שטאָט מיט מענטשן! ייִדן האָבן פֿאַרקויפֿט, פֿאַר־זעצט דאָס לעצטע שבלעצטע! און מײַן זיידע האָט גענומען דינגען זיך פֿאַר די שפּאַקעס, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף — ער איז שוין, לאָז זיך אײַך דאַכטן, פֿון די שפּאַקעס ניט אָפּגעטראָטן און האָט אײַנ־געקויפֿט די שפּאַקעס און גענומען די שפּאַקעס און אײַנגעשפּאַנט די שפּאַקעס אין אַ שיינער קאַרעטע, און איז אַוועק מיט די שפּאַקעס גלײַך אין יענעם מקום, אַקוראַט ווי דער רבי האָט אָנגעזאָגט, נישט געלאָזט פֿאַלן אַ האָר. און אַז ער איז געקומען מיט די שפּאַקעס אין יענעם מקום אַרײַן, — דאָס איז שוין געווען ראש חודש אלול — האָט ער אויסגע־רוט זיך דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט, און גענומען דערנאָך שפּאַצירן מיט די שפּאַקעס אַלע אײַנדערפֿרי תּיכּף ומיד נאָכן דאַווענען און אויף דער

נאכט,ביז מנחה למעריב, און פאוואליע, נישט געכאפט, טריט בא טריט, דריי מאל הין און צוריק, פארביי דעם פאלאץ פונעם מלכות — אלצ־דינג, ווי דער רבי האט געהייסן, ניט געמינערט א האר.

הקיצור המעשה, ער פארט, לאזט זיך אייך דאכטן, א טאג, ער פארט צוויי, ער פארט דריי — גארנישט מיט גארנישט. ער הייבט שוין אן ארייַנפאלן אביסל אין א מרה־שחורה: וואס וועט זייַן דער תכלית? נאר צופיל מהרהר זייַן טאר מען אויך נישט. אז דער רבי זאגט, איז מסתמא ניט אומזיסט, און כה הווה: איינמאל, שפאַצירנדיק אזוי פארביי דעם מלכס פאלאץ מיט די שפאקעס דערזעט ער, ווי עס קומט אים אקעגן פון דווארעץ ארויס עפעס א גרויס „קנעפל", אפנים, אן אטיוטאנט פון די אטיוטאנטן, און שטעלט אים אפעט און פייַפט עפעס מאדנע אים גלייַך אין פנים אריַין, און באטראכט די שפאַקעס, ווי א רעכטער מבין, פון אלע זייַטן, און טוט אים א פרעג: „העַר נאר, דו, וואס ווילסטו פאר די פערדלעך?" — אקוראט ווי דער רבי האט געזאגט! טוט אים א טיאכקע דאס הארץ, דעם זיידן הייסט עס, און ער ענטפערט אים אפ, ווי דער רבי האט אים אנגעזאגט: „איך האנדל ניט מיט קיין פערד". קוקט אים יענער אן מיט א בייזן קוק: „ווי קומט צו דיר אזעלכע שפאקעס?" שווייַגט ער שוין, דער זייַדע, ווייס ניט וואס צו ענטפערן, ווארעם וועגן דעם האט דער רבי ניט געזאגט גארנישט... ווערט יענער נאך מער בייז און רופט זיך אן צו אים: „אפשר האסטו זיי געגנבעט?" ווערט דעם זיידן שוין גאר קאלעמוטנע אפן הארצן, און ער טראכט זיך: הלוואי זאל זיך עס גוט אויסלאזן". נאר ריידן קאן ער נישט. ביז גאט האט אים אריַינגעגעבן א זין, ער זאל א זאג טאן צום אטיוטאנט: „אדוני פרינץ! די שפאקעס זייַנען מייַנע שפאקעס. איך האב זיי געקויפט, זאגט ער, בא א ציגייַנער אפן יאריד. איך האב זאגט ער, עדות, — א גאנצע שטאט מיט יידן!"... ענטפערט אים דער אטיוטאנט: „עדות האסטו? מע קען אייַערע עדות"... און ער נעמט ווידער אמאל פייַפן און אבער אמאל באטראכטן די שפאקעס, און רופט זיך אן צום זיידן: „דו ווייסט? דעם מלך זייַנען געפעלן דייַנע שפאקעס!..." רופט זיך אן צו אים דער זיידע: „אין וואס איז די מניעה? אויב די שפאקעס זייַנען געפעלן דעם מלך, קאנען דאך מייַנע שפאקעס זייַן זייַנע שפאקעס"...

ווי קומט דאס, דער זיידע זאל פאלן אף אזא זאך — וואס פרעגט

איר? אז ס'איז באַשערט, נים דער אייבערשטער אַרײַן אַ שכל, ובפרט אַז ער איז געװען, װי איך האָב שױן געזאָגט, אַ ייִד אַ חכם, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דער רבי האָט אים אָנגעזאָגט שפּאַצירן פֿאַרבײַ דעם מלכּס פּאַלאַץ, איז מסתּמא געװען דערבײַ אַ קוק, װי איר װעט עס באַלד געװױר װערן...

הקיצור המעשה, מע האָט גענומען די שפּאַקעס און מע האָט גאַנץ פֿײַן אַרײַנגעפֿירט די שפּאַקעס אין הױז אַרײַן, אין צאַרסקי דװאָרעץ הײסט עס, און געװיזן די שפּאַקעס פֿאַרן אדון הגדול. און װי נאָר דער אדון הגדול האָט דערזען די שפּאַקעס, אַזױ האָט ער שױן נים געקאָנט מער אָפּטרעטן פֿון די שפּאַקעס. אַ מין כּח איז געלעגן אין די דאָזיקע שפּאַקעס! אַ שעה כּסדר האָט ער זיך געשפּיגלט אין די שפּאַקעס, באַװיזן די שפּאַקעס לכל שריו ועבדיו — דעם גאַנצן הױף. הכּלל, ער האָט זיך גאָר נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין די שפּאַקעס — ממש ותדבק נפשו!...
און דער ייִדע שטײט אָלץ פֿון דער װײַטן און קוקט זיך צו און שװײַגט. ער האָט באַלד דערקענט נאָכן פּאַטרעט װער דאָס איז... נאָר גאָרנישט, לא קם ולא זע, אַ בשר ודם גלײַך מיט אַלע... דערנאָך גײט ער צו, דער אדון הגדול הײסט עס, גלײַך צום ייִדן, און װי נאָר ער האָט אַ קוק געגעבן אױף אים, איז אים שױן פֿאַרקילט געװאָרן, דעם ייִדן הײסט עס, אַלע געבליטן. און אַז ער האָט דערהערט זײַן קול, אַ קול פֿון אַ לעמפּערט, איז אים דורכגעלאָפֿן אַ פֿרעסטל איבערן לײַב. „װיפֿל װילסטו פֿאַר די פּערדלעך?" ענטפֿערט אים דער ייִדע, קוים־קוים װאָס ער רעדט, און פֿילט, אַז דאָס קול ציטערט אים און אין מױל איז אים טרוקן: „איך פֿאַרקױף נישט קײן פֿערד. נאָר אױב, זאָגט ער, דעם האַר זײַנען געפֿעלן די פּערדלעך, און אױב איך האָב, זאָגט ער, געפֿונען לײַטזעליקײט אין די אױגן פֿון מײַן האַר, און מײַן האַר װעט נישט זײַן אױף מיר אין גרים־צאָרן, לאָזן, זאָגט ער, אַרײַנגעפֿירט װערן מײַנע שפּאַקעס אין די שטאַ־לונגען פֿון מײַן האַר — דאָרט זאָגט ער, איז זײער אָרט"... מער האָט ער נישט געקאָנט אַרױסרײדן קײן װאָרט, מחמת דער אדון הגדול האָט אױף אים געגעבן אַ קוק, איז אים פּרחה נשמתו געװאָרן! און װער שמועסט, אַז דער אדון הגדול איז צו אים צוגעגאַנגען נאָך נענטער און געגעבן צו אים אַ רײד מיט זײַן געמבע, איז פֿון אים שיער נישט געװאָרן, פֿונעם ייִדן אַנשל, אַ גל של עצמות. „הער זיך אײַן, זאָגט ער צום ייִדן,

אפשר ווילסטו פון מיר א טובהלע? זאלסטו, זאגט ער, זאגן בעסער גלייך, אז חכמות, אן יידישע אייבער־הסברות, אן דריידלעך און אן קונצן, אנים, זאגט ער, וועט דיך קאסטן מיערער!״

נו, ווי פארשטייט איר, מיינע ליבע ייִדן, וואס האט בשעת מעשה זיך געמראכט דער זיידע אנשל עליו השלום? אוודאי איז אים פארקילט געווארן דער מאמעס מילך פון אזעלכע דבורים! נאר אזוי ווי דער זיידע אנשל איז געווען, ווי איך האב אייך שוין געזאגט, אן אביר־לב, לא קם ולא זע, נעמט ער זיך אן מיט כוח, לאז זיך אייך דאכטן, און רופט זיך אן צום אדון הגדול:

„אדוני, זאגט ער, קעניג! איך שווער דיר בהן שלי, אז איך מיין נישט דערביי קיין שום מיין, זאגט ער, מיט קיין שום אייבער־קעפלעך, און איך בין ווייט, זאגט ער, פון חכמות, פון אייבער־הסברות, דריידלעך און קונצן, און איך פארלאנג נישט, זאגט ער, פון מיין האר קיין שום טובות. נייערט, זאגט ער, דער כבוד איז בא מיר ווערט אינגאנצן, און די גרעסטע טובה וועט פאר מיר, זאג ער, זיין דער זכות, וואס מיינע שפאקעס וועלן פון היינט אן שטיין מיט די פערד פון מיין האר, און מיין האר וועט טאן רייטן אף זיי״... אוודאי איז דער אדון הגדול געווען געדירט פון אזא מין געשפרעך, און ער האט שוין גענומען ריידן א סאך ווייכער, אן אנדער לשון, מיט אן אנדער שפראך, מיט אנדערע דבורים — מ׳איז גאר לא זו הדרך! און ער הייבט זיך אויף, דער מלך, ארויף אין פאלאץ אריין, און דער זיידע אנשל נאך אים, לא קם ולא זע — גלייך ווי גארנישט, נאר די קנעבלעך, לאז זיך אייך דאכטן, טרייסלען זיך אים, און דאס הארץ — טיק־טאק! טיק־טאק! — ווי א זייגער. א ווערטעלע אויסצוריידן — בחצרות מלכים, אין צארסקי דווארעץ! אז אומעטום ווו מע טוט א ווארף מיט אן אויג, איז נאר גאלד און נאר זילבער, און אלצדינג איז געשניצט פון סאמע עלפענביין. אויבן קריש־טאל, אונטן מירמלשטיין, און בא די זייטן ברושטין, עכטער ברושטין, וואס גייט אף לולקע־ציבעקס און אנטיפקעס. דעם זיידן אנשל האט זיך אזש דער קאפ פארדרייט פון אזא עשרות, נאר ער האלט זיך! דער אדון הגדול גייט, ער גייט אים נאך, דערנאך זעצט זיך דער אדון אוועק, בעט דעם זיידן אויך זיצן, זיצט ער. איז ער אים מכבד מיט א ציגאריער, ער זאל רייכערן, רייכערט ער — לא קם ולא זע! דערווייל קומט אריין „זי״,

די מלכה הייסט עס — רײַד, אײַנגעטונקען אין זײַד און אין סאמעט, פון אויבן ביז אראָפּ דימענטן און בריליאַנטן און די טײַערסטע שטיינער, וואָס שעמערירן אין די אויגן! און שיין איז זי, ווי די מלכה שבא, אין איר פּנים נישט אַרײַנצוקוקן! דערזען אַ ייִדל זיצט אויבנאָן צעלייגט און רייכערט אַ פּאַפּיראָס, פֿאַרדריסט עס איר מסתמא און זי קוקט אַפֿן אדון הגדול מיט תרעומות, ווי איינער רעדט: „וואָס טוט דאָ אַט דאָס ייִדל?"... נאָר דער זיידע אַנשל — ס'זאָל אים אָנהייבן צו אַרן! אַ מענטש איז געוואָרן אַזאַ תקיף — ווּעמען האָרכט ער? רייכערט ער זײַן ציגאַיער און קוק נישט אַפֿילו אין אירע ד' אמות! זי אָבער לאָזט פֿון אים קיין אויג נישט אַראָפּ, ממש דורם מיטן קוק... פֿאַרשטייט עס, אַפּנים, דער אדון הגדול, אַז זי איז נישט צופֿרידן מיטן גאַסט, נאָר ער מאַכט זיך נישט ווייסנדיק, טוט אַ וואָרף אַף איר מיט די אויגן און טוט זיך אַ זאָג צו איר אין גוטן מוט: „דושינקאַ, טשאַי" — מען זאָל דערלאַנגען טיי, הייסט עס. שווײַגט זי. זאָגט ער נאָכאַמאָל: „דושינקאַ, טשאַי". שווײַגט זי ווידער. פֿוילט ער זיך נישט און טוט אַ טופּ מיטן פֿוס און אַ ברום אַרויס שוין אַף דער העכסטער אָקטאַווע: „דושינקאַ, טשאַי!!..."

האָבן אַלע פֿענצטער געקנאַלט קלינגען! אַ קלייניקייט? מורד במלכות!... און עס האָט נישט געדויערט אַזוי פֿיל, ווי איך דערצייל אײַך, האָבן זיך אַ שאָט געגעבן אַטיוטאַנטן און גענעראַלן, און ס'איז באַשאַפֿן געוואָרן אין איין כהרף עין, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַ סאַמאָוואַר אַ זודיקער ווי אַ גזלן, און אײַנגעמאַכטס אַלערליי מיט פֿרישע אייערבייגל מעדני מלך, און טאַקע געקאָכטע אייער, ווײַל מע ווייס דאָך אין צאַרסקי דוואָרעץ אויך, אַז אַן ערלעכער ייִד וועט קיין אַנדער זאַך נישט עסן אַחוץ „אייער". און דער מלך בעט אים, ער זאָל עסן און טרינקען און זיך וווּיל מאַכן. פֿרעגט אים אויס בעת מעשה, ווער ער איז? און וואָס איז זײַן טועכץ? און צי האָט ער פּרנסה? און וואָס מאַכן עפּעס די ייִדעלעך פֿון זײַן מדינה? אַלצדינג וויל ער וויסן, און די גאַנצע צײַט בסבר פּנים יפֿות. ענטפֿערט אים דער זיידע אַנשל, לאָז זיך אײַך דאַכטן, על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון, און אַז ס'איז געקומען צו דעם, וואָס מאַכן עפּעס די ייִדן, טראַכט ער זיך: „אַצינד איז אַ שעת־הכּושר צו צוטרעטן צום עצם ענין. אַצינד וועל איך אים זאָגן. יעבור עלי מה!"... און ער נעמט און לייגט אַוועק פֿאַרן אדון הגדול, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַ מענה־לשון (דער זיידע

אנשל האָט געקאָנט!) — כך וכך, אדוני קעניג, אַזוי איז די מעשה: „דײַנע ייִדן, זאָגט ער, האָבן זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן. נישט מער, זאָגט ער, אויב דעם מלך איז גוט אָפּן האַרצן און אויב איך האָב געפונען לײַטזעליקייט אין די אויגן פון מײַן האַר און אויב, זאָגט ער, מײַן האַר וועט ניט זײַן אין גרימצאָרן אױף זײַנע קנעכט, וועל איך דיר, זאָגט ער, זאָגן דעם גאַנצן אמת. הנה זײַ וויסן, אדוני קעניג, אַז בײַ דיר אין דער מדינה פירט זיך, ברוך השם, גאַנץ נישקשהדיק, און די ייִדן לעבן מיטן חסד פונעם „קנעפּל". איז דאָס קנעפּל, זאָגט ער, אַ קנעפּל, איז מהכתיתי. און טאַמער חלילה ניט — איז, זאָגט ער, זייער ביטער. אַט איז ניט לאַנג אַראָפּגעקומען צו אונדז אַ קנעפּל, זאָגט ער, איז ער אַ נקי־כּפּימניק, קײַנען מיר פון אים די ערד! ס'איז נאָך בײַ דיר אין דער מלוכה אַזעל־כער, זאָגט ער, קיינמאָל ניט געווען, מע זאָל אויספּאַרן די גאַנצע מדינה לאָרכה ולרחבה. אַ קנעפּל אַ נקי־כּפּימניק — דאָס איז אַ מכה אשר לא כתובה בתורה!"... קוקט אױף אים דער אָדון הגדול און רופט זיך אָן צום זיידן: „איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — דו רעדסט עפּעס אַזוי פאַר־שטעלט, אַז איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס הייסט עס בײַ דיר אַ נקי־כּפּימניק און וואָס הייסט עס בײַ דיר אַ „קנעפּל"?... רופט זיך אָן דער זיידע: „נקי־כּפּימניק הייסט אַ פריץ, וואָס נעמט ניט, און אַ „קנעפּל" — דאָס מיינט מען, זאָגט ער, דעם אָדון הקטן, וואָס דו שטעלסט אַוועקעט אין יעדער שטאָט, ער זאָל אַכטונג געבן אױף דײַן מלוכה. גיט ער, זאָגט ער, אַכטונג און אין עטלעכע יאָר אַרום ווערט ער אַן עושר. פון וועמען? — געוויינטלעך, פון ייִדן. וואָרעם ייִדן, זאָגט ער, זײַנען שוין געוווינט געוואָרן. אַזוי ווי, זאָגט ער, אַ ייִד דאַרף דאַווענען אַלע טאָג, אַזוי, זאָגט ער, ווייס אַ ייִד, אַז אַ פריץ דאַרף נעמען און אַ ייִד דאַרף געבן. סע שטייט, זאָגט ער, בײַ אונדז געשריבן: „נתבעים למשכּן ונותנים, נתבעים לעגל ונותנים"... און — זאָגט אים ווײַטער דער זיידע מיטן לשון פון פּסוק: — החילות להראות את חסדך לעבדך — ביסטו שוין געווען אַזוי גוט און האָסט מיך, זאָגט ער, אויסגעהערט ביז אַהער, וועסטו שוין באַ־ווײַזן דײַן גענאָד צו דײַן קנעכט און אויסהערן מיך שוין ביזן סוף".

„הנה, זאָגט ער, זײַ וויסן, אדוני קעניג, אַז נעמען, זאָגט ער, נעמט מען בײַ דיר אין דער מלוכה אומעטום, פון הודו ביז כוש. נישט נע־מען נעמט ניט בײַ דיר נאָר אַ קאַליקע, וואָס האָט ניט קיין הענט... און

אפילו דער, זאגט ער, וואס האט שוין גאר קיין העגט ניט, הייסט זיך אויך, זאגט ער, מע זאל אים אנידערלייגן אפן טיש. און אדרבה, זאגט ער, פארקערט, ס'איז גאר קיין עוולה ניט. יעדער מענטש דארף לעבן. סע שטייט בא אונדז, זאגט ער, געשריבן „וחי אחיך עמך", מאכט רש"י נעחאי סאבאקא נע ברעשע"...

— וואס קוקט איר זיך איבער? בא אייך קומט עס אויס פריקרע, א ייד זאל אזוי ריידן מיט א קייסער? איז ווי איר ווילט אייך. איך בין דערביי ניט געשטאנען — דאס פארשטייט א מינדסט קינד. האב איך דאס אבער געהערט דערציילן פון מיין טאטן עליו השלום, און מיין טאטע האט דאס געהערט פון זיין טאטן, און איך פארזיכער אייך, אז מיין טאטע איז קיין ליגנער נישט געווען, און מיין זיידע אנשל אוודאי ניט... הקצור, דער זיידע האט זיך גאנץ פיין אפגעזעגנט און איז אוועק פונעם מלך. לאז זיך אייך דאכטן, גלייך צום רבין, אפגעגעבן דין וחשבון פון דער נסיעה. עס איז שוין געווען אחת לאחת ערב ראש השנה. נעקומען צום רבין, האט זיך דער זיידע אנשל אוועקגעשטעלט (פארן רבין שטייט מען) דערציילן אלצדינג, וויאזוי און וואס און ווען. לאזט זיך אויס א מעשה, אז ס'איז אומזיסט די טרחה, וואס דער זיידע אנשל האט אים דא אזוי פיל דערציילט, ווארעם ער האט דאס אלצדינג געוווּסט פריער, דער רבי הייסט עס. אי, למאי האט ער אים געלאזט ריידן? וואָרעם ס'איז ניט קיין דרך־ארץ איבערשלאגן א יידן אין מיטן — ווי זיינען גרויסע בעלי דרך־ארץ... דערפאר אף מארגן, אז ס'איז געקומען צום טיש. שבת נאכן דאווענען, און דער רבי האט געהאלטן בא „זאגן", איז ער זיך מיישב, דער רבי הייסט עס, און שטעלט זיך אף א פסוק, נאר ניט פון דער סדרה — ווער־וואס? ער האט זיך גאר אוועקגעשטעלט, לאז זיך אייך דאכטן, אף א פסוק פון דער תוכחה! האט דער עולם גע־שטוינט, געווען אויסער זיך: „ס'איז פאראנעט — אזוי האט דער רבי אנגעהויבן מיט צוגעמאכטע אויגן, ווי דער שטייגער איז, — ס'איז פאר־דאן בא אונדז אין דער תוכחה א קללה, וואס מען קאן ניט פארשטיין דעם פשט פון די ווערטער בשום אופן ואופן: „ישא ה' עליך גוי — נאט וועט אף דיר אנשיקן א גוי, אשר לא תשמע לשונו — וואס דו וועסט ניט פארשטיין זיין לשון... איז דאך אין פלוג א קשיא — וואס איז דאס פאר א קללה? נאך א מאל: א גוי, וואס דו פארשטייסט ניט זיין לשון!

געשיקט זיך עס? מילא, אז א גוי, להבדיל, פארשטייט ניט אונדזער לשון — דאס איז על־פּי דרך הטבע, דערויף איז ער דאך א גוי! אבער אז א ייִד זאָל ניט פאַרשטיין וואָס דער גוי רעדט צום אים — וואָס איז שייַך? ווו איז דאָ א זאַך, וואָס א ייִד זאָל ניט פאַרשטיין? מוזן מיר לער־נען דעם פּשט אַזוי: ישא ה' עליך גוי — גאָט וועט אָנשיקן אויף דיר א גוי, אשר לא תשמע לשונו — וואָס דו וועסט ניט קאָנען מיט אים זיך אויפריידן, דאָס הייסט, ער וועט זייַן א נקי־כּפּימניק, וואָס נעמט ניט, און א גוי, וואָס ער נעמט ניט — איז אַן אומגליק!..." און אַזוי האָט דער רבי פאַרטייַטשט דעם פּסוק פון דער תוכחה, און דער עולם איז געווען נתפּעל, ממש געלעקט די פינגער! פאַרשטאַנען האָט דאָס, לאָז זיך אייַך דאַכטן, קיינער ניט, אויסער דעם זיידן און א כוץ די גאַר נאָ־ענטע קרובים... און ווי נאָר ס'איז אַוועק דער שבת, איז דער זיידע אַנשל אַוועק אהיים, קוים־קוים געקומען אויף ראש־השנה אהיים. און לאָז זיך אייַך דאַכטן, אַז דעם ערשטן טאָג ראש־השנה אויף דער נאַכט, בעת ייִדן גייען פון שול און זאָגן איינער דעם אַנדערן א גוט יום־טוב, לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים ולשלום — איז אַרויס א קלאַנג אין שטאָט, אַז דאָס „קנעפּל", דער המן ימח שמו וזכרו, איז אַראָפּ, און אויף זייַן אָרט איז אַראָפּגעשטיקט געוואָרן פון דאָרטן, פון אויבן, א נייַער אדון בפקדר. א גוי א חכם, א פּקח, און א גוטער, א דימענט פון א גוי — ער נעמט! איין שטיקל חסרון האָט ער געהאַט (ווו האָט איר געזען א מענטשן אָן א חסרון?), וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דערנאָכדעם, אַז ער איז שוין געווען אַביסל צו א שטאַרקער נעמער... ער האָט שוין גענומען פאַר יענעם אויך... ממש פון טויט און פון לעבעדיק!... נאָר ווי די מעשה איז — א ראש־השנה האָבן ייִדן געהאַט א פרייַלעכן, און א סוכּות נאָך א פרייַלעכערן, און ווער שמועסט שמחת־תורה — איז גאָר געווען ליהודים! א סברה, אַז דער אדון בפקדר, דאָס נייַע קנעפּל הייסט עס, האָט געמאַכט א כּוסה און געכאַפּט א טענצל גלייַך מיט אַלע ייִדן... מיר דאַכט, אַז מיר זייַנען שוין געקומען צו דער סטאַנציע? זייַט מיר! און האָט מיר!...

נעשריבן אין יאָרן 1913—1915

פון פסח ביז סוכות

א ווונדערלעכע מעשה, דערציילט פון א ייִדן, א פאַרברענטן שאַכמאַטיסט, אין אַ וואַרעמער געזעלשאַפט, איינמאָל אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט, נאָך אַ פריילעך קערטל און נאָך אַ גוטן צוביסן.

ס'איז שוין געווען ווייַט נאָך האַלבע נאַכט. ווינטער־צייַט איז דאָס געווען. די וועטשערינקע האָט זיך געענדיקט. דער טיש האָט געזאָגט, אַז דער עולם האָט געכאַפּט אַ זאַט. די גרינע טישלעך זייַנען געווען צע־שריבן מיטן קרייַטל און פאַרוואָרפן מיט אָפּגעשפּילטע קאָרטן, פון וועל־כע עס קוקן אַרויס טייַז מיט מלכים און רייצן זיך: „אַצינד זייַנען מיר דאָ!”... זעצן זיך נאָכאַמאָל שפּילן אַ ווינט, אַ פּרעפעראַנס אָדער אַן אָקע — וואָלט געווען ווי געווונטשן. האָט מען זיך אָבער געשעמט פאַר זיך אַליין — ס'איז שוין געווען צו שפּעט. איז מען געזעסן גלאַט אוי־געררייכערט, געטרונקען שוואַרצע קאַווע און גערעדט לשון־הרע ביז ס'איז אויסגעגאַנגען ווערטער, האָט איינער אַרייַנגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן שאַך. נאָך אים — נאָך איינער און נאָך איינער. דערמיט האָט מען געוואָלט פאַראינטערעסירן איינעם אַ פאַרברענטן שאַכמאַטיסט מיטן נאָמען רו־בינשטיין.

רובינשטיין איז אַ מסוכנער שאַכמאַטיסט. צוליב שפּילן אַ שאַך איז ער גרייט גיין צופוס צען מייַל, ניט עסן, ניט טרינקען, ניט שלאָפן אַ נאַכט — אַ געפערלעכער שאַך־שפּילער! פון זייַן שאַך־שפּילן גייען אַרום מאָסן אַנעקדאָטן: 1) אַז ער שפּילט מיט זיך אַליין גאַנצע נעכט אין שאַך. 2) אַז ער האָט זיך דרייַ מאָל געגט מיטן ווייַב איבערן שאַך. 3) אַז ער איז שוין איין מאָל פאַרפאַלן געוואָרן אַף דרייַ יאָר צוליבן שאַך.

מיט איינעם וואָרט, ווו רובינשטיין, דאָרט איז שאַד, און ווו שאַד, דאָרט איז רובינשטיין. און רובינשטיין האָט ליב, אַז מע רעדט פון שאַד, ווי אַ גוטער שכור האָט ליב, אַז מע רעדט פון אַ גלעזל משקה... אַז מע טוט אַ קוק אויף רובינשטיינען, איז דאָס ערשטע וואָרפט זיך אין די אויגן זײַן אומגעלומפּערט גרויסער שטערן. אַ גרויסער און אַ ברייטער, אַ קײַלעכי־קער, איך מיין אַן אויסגעבויגענער, אַ בולטער. אויגן אויך משונה גרוי־סע, קײַלעכיקע, שוואַרצע, נאָר קאַלטע אויגן. אַליין איז ער אַ טרוקענער, אַ דאַרער, נאָר אַ קול האָט ער ווי אַ גלאָק, אַן אמתע אַ באַסאָווע שטימע. דאָרט ווו רובינשטיין איז — הערט מען נאָר רובינשטיינען, ווײַ־טער קיינעם ניט...

דערהערט, אַז מען רעדט פון שאַד, האָט רובינשטיין פאַרקנייטשט זײַן געקנייטשטן שטערן, מיט איין אויג באַטראַכט די שוואַרצע קאַווע, וואָס ער האָט געטרונקען, געוואָלט טרעפן מיט וואָס זי שמעקט: מיט זייף אָדער מיט שווענקאַכטס... און אַ זאָג געגעבן צו קיינעם ניט און צו אַלעמען, און זײַן באַסאָווע שטימע האָט געדונערט ווי אַ קלויסטער־גלאָק:

— מײַנע דאַמען און הערן! אויב איר ווילט אַ שיינע געשיכטע פון אַ שאַד־שפּילער, זעצט זיך אוועק אַלע אַט־אָ־דאָ, וועל איך אײַך דער־ציילן אַ מעשה פון פאַרצײַטן.

— אַ געשיכטע פון אַ שאַד־שפּילער? אַ מעשה פון פאַרצײַטן? — האָט זיך אָנגעכאַפּט די בעל־הביתטע, וואָס האָט מורא געהאַט, די געסט זאָלן זיך ניט צעקריכן. — אויסגעצייכנט! זאָג פּעליטשקען, זי זאָל צו־מאַכן דעם פאַרטעפּיאַן און אַליין שלים צו, זײַ מוחל, די טיר און גיב אַהער נאָך אַ צוויי־דרײַ שטולן. זיצט. זיצט. איך בעט אײַך, זיצט, דער הער רובינשטיין וועט אונדז דערציילן אַ געשיכטע פון אַ שאַד־שפּילער, אַ מעשה פון פאַרצײַטן.

און רובינשטיין האָט באַטראַכט די נאָר־וואָס פאַררייכערטע סיגאַר, וואָס דער בעל־הבית האָט אים מכבד געווען, פון אַלע זײַטן, געוואָלט, אפֿנים, אַפּשאַצן וויפֿל זי קאָסט, און האָט זיך פאַרקרימט און פאַר־קנייטשט דעם גרויסן שטערן, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „הם... זען זעט עס אויס ווי אַ סיגאַר, נאָר אַ טעם האָט עס פון אַ בעזעם"... דערנאָך איז ער צוגעטרעטן צו זײַן געשיכטע בזו הלשון:

— אז איך בין, מײַנע דאַמען און הערן, אַ פאַרברענטער שאַך־שפּילער און אַז אונדזער גאַנצע פאַמיליע, הייסט עס, זײַנען שאַכמאַ־טיסטן פון דער גאַטור — דאָס באַדאַרף איך אײַך ניט דערציילן. דאָס ווייסט איר אַליין. דער נאָמען רובינשטיין לאָזט זיך אַביסל הערן אויף דער וועלט, און איך וואָלט אַ בעלן געווען, אדרבה, איר זאָלט מיר באַווײַזן אַ רובינשטיין, וואָס זאָל ניט זײַן קיין שאַך־שפּילער.

— אַט ווייס איך אַ רובינשטיין, אַן אַגענט. ער קומט צו מיר אַרײַן אַלע וואָך. איז אַ חוץ „סטראַכאָוואַניע זשיזני" ווייס ער ניט קיין זאַך, אַ טשיסטע בהמה!

דאָס האָט אַרײַנגעשטעלט איינער פון די געסט, אַ יונגערמאַן מיט אַ שפּיצעכיקן קאָפּ און מיט גאָלדענע ברילן, וואָס האַלט זיך פאַר אַ חכם און ווילט זיך; נאָר רובינשטיין איז געבליבן רויק. ער האָט דורכגע־נומען דעם יונגנמאַן מיט זײַנע גרויסע שוואַרצע קאַלטע אויגן און האָט אַ זאָג געגעבן מיט זײַן באַסאָווע שטימע:

— מסתמא איז ער ניט פון אונדזערע רובינשטיינס. אַן אמתער רובינשטיין איז אַ שאַכמאַטיסט. דאָס איז אַזוי נאַטירלעך, ווי ס'איז נאַ־טירלעך, אַז דווקא אַ שוטה זאָל ליב האָבן זאָגן וויצן... אַן אמתער רובינשטיין איז געווען מײַן זיידע ראובן רובינשטיין, וואָרעם ער איז גע־ווען, מײַנע הערן און דאַמען, דער אמתער שאַכמאַטיסט. בײַ אים האָט באמת געמיינט די גאַנצע וועלט זיך איבערקערן, בעת ער האָט גע־האַלטן אין מיטן אַ שאַך. צו אים איז מען געפאָרן פון דער וועלט שפּילן אַ פּאַרטיע — פּריצים, גראַפן, שררות! כאָטש געווען איז ער נישט מער ווי אַ זייערמאַכער, אַן אָרעמער בעל־מלאכה, נאָר אַ גוטער בעל־מלאכה, אַ קינסטלער אין זײַן פאַך. און ווײַל דער עיקר איז בײַ אים גע־ווען שאַך, האָט ער געהאַט צרות, ניט קיין פּרנסה, און קוים־קוים דורכ־געקומען מיטן שטיקל ברויט.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, מײַנע הערן און דאַמען, ער פאָרט צו צום זיידנס שטיבל אַ גרויסאַרטיקער טאַראַנטאַס מיט צוויי פּאָר ברע־נענדיקע סוסים „נאַשפּיץ", און סע שפּרינגט אַרויס פון טאַראַנטאַס אַ פּריץ, אַ מאַנגאַט מיט צוויי באַדינערס, באַהאַנגען פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אָרדענס און מעדאַליען — אַ שררה! — און איז אַרײַן מיט אַן איםפּעט: „ווו איז דאָ ערגעץ דער ייִד ראובן רובינשטיין?" האָט זיך

דער זיידע, זאל מיר מוחל זיין, תחילת אביסל ווי דערשראקן. ער איז אבער באלד געקומען צו זיך און איז ארויס מיט לשון: „איך בין דאס דער ייד ראובן רובינשטיין — מיט וואס קאן איך דינען?" איז דאס דעם שררה געפעלן און ער רופט זיך אן צום זיידן: „אויב, זאגט ער, דו ביסט דאס דער ייד ראובן רובינשטיין, פרייט עס מיך זייער. היים, זאגט ער, שטעלן דעם סאמאוואר און גיב אהער דאס ברעטל, וועלן מיר מאכן א שאך. איך האב געהערט זאגן, זאגט ער, אז דו שפילסט גוט אין שאך, און אז דיר האט נאך קיין מאל קיינער קיין מאט נים גע־געבן". אזוי זאגט צו אים דער מאגנאט (געווען, ווייזט אויס, א ליבהא־בער פון שאך), און זעצט זיך אוועק מיטן זיידן שפילן אין שאך, איין פארטיע נאך דער אנדערער, איין פארטיע נאך דער אנדערער. דערווייל איז פארטיק געווארן דער סאמאוואר, און מע האט דערלאנגט טיי, גע־ווינלעך, אף א טאץ, מיט איינגעמאכטס און אלערליי פארבייסעכצן — ווענן דעם האט שוין די באבע געזארגט, כאטש אין בייטעלע איז נים געווען א גראשן — און אין דרויסן, באם טאראנטאס, האט זיך צונויפ־געזאמלט די גאנצע שטאט. א קלייניקייט — בא ראובן זייגערמאכער אזא מאגנאט! אוודאי זיינען אין שטאט געווען אלערליי רייד־עכצן. דער האט געזאגט, אז דער שררה איז פון דער גובערניע, געקומען מיט א רעוויזיע, אן „אביסק", פאלש געלד... דער האט געזאגט, אז מסתמא איז דא א מסירהלע, א דאנאסל, א בלבול, א „דיעלא"... ארייננצונייין איגעווייניק און א קוק טאן, ווי דער שררה זיצט מיטן זיידן און שפילט אין שאך — דאס האט קיינער נישט געוואגט. ווארעם וועמען וועט דאס איינ־פאלן אזא זאך?!...

און וואס טויג איך, מיינע דאמען און הערן, דער שררה, כאטש ער האט געשפילט נים שלעכט, מען קאן זאגן — גאנץ גוט געשפילט, האט ער פונדעסטוועגן געכאפט פונעם זיידן א מאט נאך א מאט, און וואס מער ער האט פארשפילט אלץ מער האט ער זיך געהיצט, און וואס מער ער האט זיך געהיצט, אלץ מער האט ער פארשפילט. און דער זיידע — איר זאלט זאגן, א דיר אפן פנים — גארנישט! גלייך ווי דאס שפילט ער — איך ווייס אליין נים מיט וועמען... האט דאס דעם אדון מסתמא גוט פארדראסן, וואס זאלט איר קלערן? פארשפילן וויל קיינער נים. ובפרט נאך בא א יידן!... נאר זאגן קאן ער

נישט, און ס'איז נישטא וואס צו זאגן, אז יענער שפילט פארט גוט! ווי זאגט איר: אז ער יכולט, איז דאך נישט שייך! און דאס דארפט איר וויסן, מיינע הערן און דאמען, אז אן אמתן שאך־שפילער אינטערעסירט דאס שפילן אליין א סך מער פונעם געווינען, אדער פונעם פארשפילן. בא אן אמתן שאכמאטיסט איז נישטא קיין שפילער, נאר ס'איז דא א שפיל — איך ווייס ניט, אויב איר וועט דאס פארשטיין.

— שווימען קאנען מיר ניט, אבער מיר פארשטייען שווימען. — האט אריינגעשטעלט דער יונגערמאן דער וויצלער, און ווי אלע מאל — נישט דארט וווּ מע דארף; און רובינשטיין, דער פארברענטער שאכמאטיסט, האט אים דורכגענומען מיט די קאלטע אויגן און א זאג געגעבן: „יא, מע זעט, אז איר פארשטייט שווימען"... דערנאך האט ער א צי געגעבן דעם סיגאר און דערציילט ווייטער:

— און אזוי ווי אלצדינג אף דער וועלט האט א סוף, מיינע דאמען און הערן, האט זייער שפילן אויך געהאט א סוף. דער מאגנאט איז אויפגעשטאנען, זיך פארשפילעט אף אלע קנעפ, דערלאנגט דעם זיידן צוויי פינגער און געזאגט צו אים אזוי: „הער זשע אויס. ראובן רובינשטיין, דו האסט מיך, זאגט ער, געשלאגן, און איך מוז מודה זיין, זאגט ער, אז דו ביסט דער בעסטער שאכמאטיסט, ניט נאר אין מיין גובערניע, נאר אינעם גאנצן לאנד, און אפשר אין דער גאנצער וועלט, און איך שעץ מיך, זאגט ער, גליקלעך, וואס איך האב געהאט די ערע און דאס פארגעניגן צו שפילן מיטן גרעסטן שאך־שפילער פון דער וועלט. זיי זיכער, זאגט ער, אז דיין נאמען וועט פון היינט אן ווערן נאך גרעסער ווי ער איז געווען. איך וועל עס איבערגעבן, זאגט ער, די מיניסטארן. איך וועל דאלאזשען אין הויף"...

דערהערט אזעלכע דבורים: „מיניסטארן"... „דאלאזשען אין הויף"... רופט זיך אן דער זיידע צום שררה: „ווער זשע ביסטו, אדוני פריץ?" צעלאכט זיך דער פריץ, שטעלט ארויס די ברוסט מיט מעדאליען און מאכטן צום זיידן: „איך בין דער גובערנאטאר"... ווערט שוין דעם זיידן אביסל קאלעמוטנע; ער זאל געוועזן וויסן, ווער סע שפילט מיט אים, וואלט ער אנדערש געשפילט... נאר פארפאלן! צוריק כאפט מען ניט... דערווייל האט דער גובערנאטאר זייער פריינטלעך אפגעזעגנט זיך און איז אוועק צום טאראנטאס, אויפגעזעצט זיך און פאשאל!

פאַרשטייט זיך, אַז ערשט דעמאָלט האָט די גאַנצע שטאָט באַפאַלן דעם זיידן: „ווער איז דאָס געווען?" און אַז מען איז געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס איז דער גובערנאַטאָר, האָט מען נאָך מער געשטוינט: — „וואָס האָט דאָ געטאָן דער גובערנאַטאָר?" און אַז דער זיידע האָט זיי איבער־געגעבן, אַז דער גובערנאַטאָר איז געקומען נאָר לשם שאָד, — האָבן זיי אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל און אויסגעבטלט אַלע בייזע חלומות אויף די שונ־אימס קעפּ, און מען איז זיך צעגאַנגען, גערעדט, גערעדט, און פאַר־געסן. און דער זיידע האָט אויך פאַרגעסן. דער קאָפּ איז אים געלעגן ערגעץ אַנדערש, אין אַ נײַעם שאָד, און אַגב דאגות פּרנסה אויך. אַ ייִד מוטשעט זיך, האָרעוועט, זוכט אַ שטיקל ברויט.

ויהי היום, מײַנע הערן און דאַמען, אין אַ צײַט אַרום — וויפל ס'איז אַוועקגעגאַנגען צײַט קאָן איך אײַך ניט זאָגן. איך ווייס נאָר, אַז ס'איז געווען ערב פּסח איז דעמאָלט געווען. און אויף יום־טוב איז באַם זיידן נאָך ניט געווען גאָרנישט, קיין שטיקל מצה אפילו. קינדערלעך, קיין עין־הרע, אַ סך, ווער עס דאַרף אַ העמדעלע, ווער אַ שטיוועלע — שלעכטס! זיצט ער נעבעך אײַנגעבויגן אין דרײַען מיטן גלעזל אין אויג און פּאַרקעט זיך באַ אַ זייגערל, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט און וויל ניט גיין און טראַכט זיך: מאין יבא עזרי? — פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קו־מען אַרײַן צוויי זשאַנדאַרן, און גלײַך צום זיידן: „פּאַזשאַלאַיטיע!" פליט אים דורך אַ מחשבה (דער זיידע איז געווען אַ מענטש מיט מאָדנע געדאַנקען): אפשר איז דאָס פונעם גובערנאַטאָר? אַ קשיא אויף אַ מעשה — טאָמער וויל ער אים באַפרידיקן, גליקלעך מאַכן? האָט זיך דען ניט געטראָפן וויפל מאָל, אַז דורך אַ צופאַל, איבער אַ קלייניקייט, זאָל אַ פריץ נעמען אַ ייִדן און אָפּשיטן מיט גאָלד, גליקלעך מאַכן אים מיט קינדער און קינדס־קינדער? ... לאָזט זיך אויס, מײַנע דאַמען און הערן, אַז עס הייבט זיך גאָר ניט אָן — מע האָט אים געבעטן מחילה, ער זאָל זיך מטריח זײַן און עולה רגל זײַן קיין ... טרעפט, וווּהין? — אַזש קיין פּעטערבורג! וואָס — ווייסן זיי אַליין ניט! זיי האָבן באַקומען, זאָגן זיי, נאָר וואָס אַ פּאַפּיר פון פּעטערבורג, שטייט אין פּאַפּיר געשריי־בן: „ניעמיעדליענאַ דאָסטאַווּיט יעווריעאַ רובינאַ רובינשטיינאַ וו סאַנקט פּעטערבורג" — די רגע, הייסט עס, זאָל מען צושטעלן דעם ייִדן ראובן רובינשטיין קיין פּעטערבורג! ... מסתמא מוז דאָ עפּעס זײַן. „זײַ זיך

מודה, בחור, וואָס פאַרא שפּיצל האָסטו אָפּגעטאָן?" שווערט זיך מסתּמא דער זיידע, אַז ער ווייסט נישט פון קיין פּותר און פון קיין חלום, אַז ער האָט זײַן גאַנצן לעבן, זאָגט ער, קיין פליג אויף דער וואַנט נישט אָנגערירט. די גאַנצע שטאָט, זאָגט ער, וועט פאַר אים גיין שווערן!... הערט מען דאָך אים אין טראַק און מע הייסט אים הולכן, מיטן עטאַפּ הייסט עס, ווארעם ווײַבאַלד אַז מע שמועסט לשון „דאָסטאַוויט" — צושטעלן, ווי קאָן זײַן אַנדערש אַז נים מיטן עטאַפּ און ניט געקאָוועט אין קייטן? און נאָך „ניעמיעדלענגאַ" דערצו! דער פּשט איז, אַז וואָס פריִער איז בעסער.

און נישט לאַנג געטראַכט, מײַנע דאַמען און הערן, האָט מען גע־נומען דעם זיידן, נישט געוואָרט אויף כּבֿוד, נאָר גלײַך געקאָוועט הענט און פיס און מיט אַלע גנבֿים צוגלײַך האָט מען אים גענומען פירן מיטן אמתן עטאַפּ. און וואָס יענע יאָרן האָט בײַ תּאַניען געהייסן „גיין מיטן עטאַפּ" — דאָס באַדאַרף איך אײַך נישט דערציילן. ווער ווייס עס נישט, אַז אַן איידעלער מענטש גייט מיטן עטאַפּ, דערלעבט ער נישט צו קומען? אַז קיין באַנען זײַנען נישט געווען, קיין שאָסייען נישט געווען, איז מען געפאָלן ווי פליגן. העבער האַלב זײַנען אויסגעשטאָרבן אויפן וועג, און די איבעריקע זײַנען געקומען אויסגעמוטשעט, צעבראָכענע ווייסטע קאַליקעס. צום גליק אָבער, איז מײַן זיידע געווען אַזאַ קאָמפּלעקציע, ווי איך, דאָס הייסט, אַ טרוקענער, אַ ביינערדיקער, נאָר אַ ייִד אַ פונדאַמענטאַלער. דער־צו איז ער געווען אַ מענטש אַ דענקנדער, אַ פרומער און אַ פילאָזאָף. איין מאָל שטאַרבט אַ מענטש, האָט ער געזאָגט, ניט צוויי מאָל, און אויב ס'איז אים באַשערט, זאָגט ער, נאָך צו לעבן אויף דער וועלט, וועט בײַ אים קיינער דאָס לעבן ניט אָוועקנעמען... פאַרוואָס האָט ער עפּעס גע־רעדט אַזוי פון לעבן און טויט? ווײַל מע האָט אַרויס געזען, אַז דאָ שמעקט מיט גנאָט, מיט סיביר און אפשר מיט נאָך ערגערס... ער האָט ניט נאָר אָפּגעזעגנט זיך מיט ווײַב און קינדער און מיט דער גאַנ־צער שטאָט אויף אייביק — ער האָט געבעטן אַ „מעבר־יבוק", געוואָלט זאָ־גן ודוי... האָט מען אים געטרייסט, די גאַנצע שטאָט איז אים געגאַנ־גען באַגלייטן (אַן אמתע לוויה!), און טרערן זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס!...

איבערגעבן אײַך, מײַנע דאַמען און הערן, אַלצדינג, וואָס דער זיי־דע איז אויסגעשטאַנען אין דער דאָזיקער נסיעה, וואָלטן מיר באַדאַרפט

זיצן מיט אייך אַט דאָ ניט איין נאַכט, נאָר דריַי נעכט, איז אַ שאָד — מע וואָלט די צייַט בעסער געקאָנט אויסנוצן אַף שפּילן אַ שאָד... אין קורצן קאָן איך אייַך נאָר זאָגן, אַז פאַרצויגן האָט זיך די נסיעה אַף דעם גאַנצן זומער, פון פסח ביז סוכות, ווארעם דער עטאַפּ ווערט איינגעטיילט, מייַנע הערן און דאַמען, אין פונקטן, און אין יעדן פונקט, וווּ דער עטאַפּ שטעלט זיך אָפּ, האָט מען די געטריבענע פאַרהאַלטן אַ מאָל אַף אַ וואָך, אַ מאָל אַף צוויי וואָכן, און אַ מאָל אַף נאָך מער, ביז עס האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ נייַע פּאַרטיע פון גנבים און בראָדיאַגעס, האָט מען זיי געטריבן ווייַטער. און אַפילו, אַז מען איז שוין נאָך גרויסע צרות, פּלאָגן און מאַטערנישן געקומען אינעם גליקלעכן סאַנקט פּעטערבורג, מיינט איר, אַז דאָ האָט שוין גענומען אַ סוף? האָט איר אַ טעות! ערשט דאָ האָט מען גענומען דעם זיידן און אייַנגעשפּאַרט אין „קאַמענע מעשאָק" — אַ מין חדרל אַ פינצטערס, וווּ מע קאָן ניט זיצן, ניט ליגן, ניט גיין און ניט שטיין...

— דאָרט דאַרף זייַן גוט צו שפּילן אין שאָד — האָט אַרייַנגעשטעלט דער יונגערמאַן דער וויצלינג.

— און זאָגן פּוילע וויצן! — האָט רובינשטיין דער שאַכמאַטיסט צוגעגעבן און גענומען דערציילן ווייַטער: — דאָ, אין דעם „קאַמענע מעשאָק", האָט זיך דער זיידע שוין מיט אַן אמת אָפּגעזעגנט מיטן לעבן, אויסוויייניק געזאָגט ודוי, געזען פאַר זיך דעם מלך־המוות און געפילט, אַז אָט־אָט גייט אים אויס די נשמה, נאָך איידער מע וועט אים נעמען צום משפּט, און ער האָט דעם אמת זאָגנדיק, געבעטן אַף זיך דעם טויט. אייַן שטיקל האָפענונג האָט ער נאָך געהאַט אַף דער שטאָט. ער איז געווען זיכער, אַז די שטאָט שווייַגט ניט. עס וועלן זיך געפינען שתדלנים, יִידן גבירים, וואָס וועלן כלאָפּאָטשען, זוכן פּראָטעקציעס, און אַז מע וועט דאַרפן שמירן, וועט מען שמירן, בכדי אַרויסצושלעפּן אַן אומשולדיקן ייִדן פון אַן אומגליק, אַ בלבול... און דער זיידע האָט קיין טעות ניט געהאַט, מייַנע הערן און דאַמען. פונעם ערשטן טאָג אָן, וואָס מע האָט אים אַוועקגענומען, און דעם גאַנצן זומער נאָכדעם האָט די גאַנצע שטאָט געאַרבעט מעשים! מען איז געווען בא אַדוואָקאַטן, מע האָט געזוכט פּראָטעקציעס, מע האָט געשמירט — ממש מע האָט געשאָטן מיט געלט; עס האָט אָבער נישט געהאָלפן קיין שמע־ישראל.

געלט האָט מען גענומען, נאָר צוזאָגן עפּעס טאָן פאַרן ייִדן איז געווען אוממעגלעך, און זיי האָבן געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ שׂכל, פאַרוואָס ס'איז אוממעגלעך. למשל, אַזוי: אַ גנבֿ אָדער אַן אַנדער פאַר־ברעכער קאָן מען מיט געלט גרינג אַרויסנעמען. פאַרוואָס? דערפאַר ווייל מע ווייס, אַז ער איז אַ גנבֿ, וואָס האָט געגנבֿעט אַ פּאָר פערדלעך, אָדער אַ פאַרברעכער, וואָס האָט אונטערגעצונדן אַ שטוב. אָבער אַזאַ נפֿש, ווי רובינשטיין, האָבן זיי געזאָגט, וואָס געגנבֿעט האָט ער נישט, און אונ־טערגעצונדן, זאָגן זיי, אויך נישט, — ווער ווייס וואָס פאַראַ פאַרברע־כער ער איז? אפֿשר אַ פּאָליטישעסקי — דאָס הייסט, אַ פּאָליטי־שער?... און יענע יאָרן אַ „פּאָליטישער" איז געווען אַ סך ערגער, ווי אַ פאַרברעכער, וואָס האָט אויסגעקוילעט אַ גאַנצע גובערניע!... גייַן בעטן פאַר אַ פּאָליטישן איז שוין געווען אַ סכּנה!... דאָס וואָרט „פּאָליטישעסקי" האָט מען נישט געטאָרט אַרויסלאָזן אין דער הויך, נאָר שטילערהייט, אין דער פינצטער... כאָטש אפֿילו, ווי קומט ראובֿן רובינשטיין דער זייגערמאַכער צו אַ „פּאָליטישעסקי"? נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשׂה — אַ ייִד אַ חקרן, אַ פילאָזאָף!...

נאָר מייַנע הערן און דאַמען, ווי געזאָגט, אַלצדינג אויף דער וועלט האָט אַ סוף. געקומען אויך דער טאָג, וואָס די טירן פון דעם געפענקעניש האָבן זיך געעפֿנט, און צוויי זשאַנדאַרן, אָנגעוואָפּנט פון קאָפּ ביז פיס, זייַנען אַרייַנגעקומען און גענומען דעם ייִדן, קוים־קוים אַ לעבעדיקן, אַרייַנגעזעצט אים אין אַ קאַרעטע און פּאַשאָל, וווהין? — דאָס פרעגט ער שוין גאָרנים. צום משפּט? לאָז זייַן צום משפּט. אָפּן עשאַפּאָט? לאָז זייַן אָפּן עשאַפּאָט. אַבי אַן עק זאָל עס האָבן!... און ער שטעלט זיך שוין פאַר דעם משפּט, ווי אַזוי מע האָט אים געבראַכט פאַרן „סענאַט" און מע זאָגט אים: „ראובֿן רובינשטיין! זייַ זיך מודה!... ענטפערט ער דעם סענאַט: „איך בין זיך מודה, אַז איך בין אַ ייִד, און אַן אָרעמער זייגערמאַכער, און לעב נאָר פון מייַנע הענט, און איך האָב קיינמאָל נישט געגנבֿעט, קיינעם נישט באַשווינדלט און נישט באַליידיקט, און גאָט איז מייַן עדות, און אויב איר ווילט מיך פּייַניקן, פּייַניקט, נאָר פריִער נעמט צו בײַ מיר די נשמה — זי איז בײַ אײַך אין די הענט!"... אַזוי טענהט זיך אויס דער ייִדעלע מיטן סענאַט אין דער מחשבה, און די קאַרעטע פאָרט־צו צו עפּעס אַ מויער און מע הייסט דעם ייִדן אַראָפּ — גייט

ער אַראָפּ. און מע פירט אים אַרײַן פריִער אין איין חדר, דערנאָך אין נאָך אַ חדר, און מע הייסט אים זיך אויסטאָן. אויסטאָן אין גאַנצן ביז צום העמד! פאַרשטייט ער נישט, וואָס דאָס באַדײַט. נאָר אַז אַ זשאַנדאַר הייסט זי דאויסטאָן, קאָן מען, ווי זאָגט איר, קיין חזיר נישט זײַן... דערנאָך הייסט מען אים אויסטאָן, מײַנע דאַמען און הערן, זײַט מיר הונדערט מאָל מוחל, דאָס העמד אויך — טוט ער אויס דאָס העמד אויך. און מע פירט אים אַרײַן אין אַ באָד אַרײַן, — אָבער אַ באָד, שוין איין מאָל אַ באָד! — און מע וואַשט אים, און מע רײַבט אים. און מע שווענקט אים, און מע טוט אים אָן און מע פאָרט מיט אים ווײַטער. און מע פאָרט און מע פאָרט און מע פאָרט.... טראַכט ער זיך: „רבונו של עולם! וואָס וועט דאָ זײַן מיט מיר?”... און ער וויל זיך דער־מאָנען אין די געשיכטעס, וואָס ער האָט אַמאָל וועגן געלייענט פון שפּאַניע און פון פּאָרטוגאַל, און קאָן זיך נישט דערמאָנען, ווי האָט ער עס געלייענט אַזאַ פאַל, אַז איידער מע פירט אַ פאַרברע־כער אפן עשאַפּאָט, פירט מען אים פריִער אין באָד אַרײַן... און ווי ער טראַכט אַזוי, מײַנע הערן און דאַמען, פאָרט די קאַרעטע צו צו אַ הויף מיט אײַזערנע שטאַכעטן מיט גאָלדענע שפּיצן, און אויף יעדן שפּיץ אַן אָדלער. און מע לאָזט אים דורך פאַרביי געגעראַלן מיט גאָלדענע עפּאַ־לעטן און מיט מעדאַליען, און מע זאָגט אים אָן אַז ער זאָל זיך נישט שרעקן, אַז מע וועט אים פאַרשטעלן פאַרן קייסער, און אַז ער זאָל קוקן גלײַך, נישט ריידן קיין איבעריקע ווערטער, נישט באַקלאָגן זיך אויף קיין זאַך, און נאָר ענטפערן אויף יאָ — יאָ און אויף ניין — ניין. און איידער ער האָט צײַט געהאַט אַ טראַכט געבן ווו ער איז אין דער וועלט, איז ער שוין געשטאַנען אין אַ צעמאַלטן זאַל מיט פּרעכטיקע בילדער און גאָלדענע שטולן, און גלײַך אַקעגן אים איז געשטאַנען אַ הויכער מאַן מיט באַקענ־באַרדן... דער מאַן מיט די באַקענבאַרדן (דאָס איז געווען דער קייסער ניקאָלאַי פּערווע) האָט דעם זיידן דורכגענומען מיטן קוק, און צווישן זיי איז פאָרגעקומען אָט־וואָס פאַר אַ געשפּרעך:

דער קייסער: ווי אַזוי רופט מען דיך?

דער זיידע רובינשטיין: ראובן שאָלימאָוו רובינשטיין.

דער קייסער: ווי אַלט ביסטו?

דער זיידע רובינשטיין: זיבן און פופציק.

דער קייסער: ווי האסטו זיך אויסגעלערנט שפילן אין שאך?

דער זיידע רובינשטיין: עס גייט בא אונדז בירושה.

דער קייסער: מע זאגט, אז דו ביסט דער ערשטער שאכמאטיסט בא מיר אין לאנד.

דערויף האט דער זיידע רובינשטיין געוואלט אים ענטפערן: „הלוואי וואלט איך בעסער נישט געווען דער ערשטער שאכמאטיסט בא דיר אין לאנד"... וואלט דאך אים דער קייסער מסתמא געפרעגט: „וואס איז די מעשה?... וואלט אים שוין דער זיידע אוועקגעלייגט א צעטל, אז נישט אזוי באהאנדלט מען א בארימטן שאכמאטיסט, וואס דער קייסער וויל אים זען... דער זיידע רובינשטיין וואלט שוין געקאנט ענטפערן! נאר דא האט דער קייסער א מאך געגעבן מיט דער האנט, גענעראלן האבן זיך א ווארף געגעבן, און די זעלבע זשאנדארן האבן דעם זיידן ארויסגע־פירט אין הויף אריין, און פון הויף האט מען אים שוין געלאזט פריי, נאר אנגעזאגט, אז ער זאל די רגע פארן אהיים, ווארעם דא מאר ער נישט זיין... ווי אזוי ער איז אהיים געקומען — דאס פרעגט נישט. אבי ער איז ארוים א לעבעדיקער. און געקומען אהיים איז ער אקוראט אף סוכות. מיינע דאמען און הערן! איך האב געענדיקט...

גשריבן אין יאר 1915

שמואל שמעלקים און זיַין יובילעום

אלע מיַינע ליבע קליינע מענטשעלעך
פון כתרילעווקע ווידמע איך דאס
דאזיקע קליינע ביכעלע.

ד ע ר פ א ר פ א ס ע ר

התנצלות פונעם מחבר

ניִשטא אף דער וועלט אזא שלעכטס, וואס זאל ניִשט ארויסקומען אמאל דערפון קיין טובה. זעט: האט גאט באשאפן פיאווקעס, וואס נודען ארוים די נשמה — נוצט מען זיי צו א חולה. בינען, וואס בייַסן זיך — ברענגען האניק. שפאנישע פליגן, וואס פאראווערן די וועלט — זיַינען זיי גוט צו א געשוויר. אדער נעמט מיַיז. דאכט זיך, וואס קאן שוין זיַין ערגער פון אזא מין שרץ, ווי מיַיז? פונדעסטוועגן, לאמיר דאס, ליבער פריַינט, ביידע פארמאגן, וואס די וועלט ברענגט־אוים א יאר אף מיַיזנפעלכלעך! פון די מיַיזנפעלכלעך מאכט מען הענטשקעלעך. די הענטשקעלעך טוען אן שיינע מיידליצך אף זייערע קליינע הענטעלעך. די שיינע מיידלעך קומען זיך צונויף אף א באל, א חתונה אדער אזוי א שמחה. אף זיי פארקוקן זיך פיַינע בחורים. די פיַינע בחורים פארליבן זיך, שטעלן א חופה, האבן קינדער. די קינדער וואקסן אוים, ווערן גרויסע בחורים און שיינע מיידלעך. און אזוי וויַיטער און וויַיטער...

אקעגן וואס איז דאס געקומען צו רייד? אקעגן מיר אליין מיט מיַין שלאפקייט. געווען, ניִשט פאר אייך געדאכט, מיע קאן זאגן, א חולה מסוכן. זיך אפגעוואלגערט אין בעט, ערגעץ אין א שטעטל ניִשט וויַיט פון כתרי־לעווקע, אין באראנאוויטש, גוטע צוויי חדשים. מילא, קראנק זיַין איז שלעכט, וואס זאלט איר קלערן? איך האב געהאט א רבין, האט ער גע־

האט א רביצין, פלעגט זי זאגן אזוי: איידער איין וואך אין קרענק, איז שוין גלייכער צוויי יאר אין געזונט... (א מאדנע יידענע מיט מאדנע געדאנקען!) מיר האט אבער דאס קראנק־זיין אליין נישט אזוי דערלאנגט, ווי דאס, וואס די דאקטוירים האבן מיר שטרענג פארבאטן דריי זאכן: ריידן, לעזן און שרייבן. גוטע דריי זאכן! ווער סע פאר שטייט דעם טעם, וואס הייסט פאר א שכור נישט טרינקען, פאר א ליגנער נישט ריידן און פאר א פרוי נישט א קוק טאן אין שפיגל, — דער וועט ריכטיק אפשאצן מיין לאגע. דער פאפירענער יצר־הרע און דער שטן פון טינט און פעדער האבן געארבעט מעשים. זיי האבן אבער אויסגעפירט א מכה. צופיל אויגן האבן געקוקט אפן קראנקן. האט זיך דער קראנקער מיישב געווען און געזאגט צו זיך אזוי: שרייבן קאנט איך מיר פאר־באטן, אבער דענקען? טראכטן? קלערן ווער קאן מיר פארווערן?

און איך האב גענומען דענקען, טראכטן און קלערן און שאפן סיר־זשעטן אין דער מחשבה. פון די מחשבות האבן ביסלעכווייז אנגעהויבן זיך וועבן בילדער, פריער בלאס און נאכדעם אלץ מער אנזיכטיק און בולטדיק. און אזוי זיינען באשאפן געווארן בא מיר אין געדאנק א גאנץ בינטל מעשיות פון כתרילעווקע, פון מאזעפעווקע, פון סטרישטש און פון אנדערע מקומות, — „גדיע יעוורעיאם זשיט דאזוואליענא"... די אלע מעשיות האב איך מיר גאנץ פיין איינגעפאקט בא מיר אין זכרון און אריבערגעפעקלט זיך מיט זיי איבער דער גרענעץ אהער, אין דעם געט־לעכן ווארעמען לאנד איטאליע, וווּ מע קאן אינמיטן ווינטער פריי שפא־צירן אין הוילע ארבע־כנפות און חנוכה־ליכטלעך בענטשט מען בא אפענע פענצטער, און דא וועל איך זיי שוין אם ירצא שם, זיי זיכער, באאר־בעטן און געבן איינציקווייז פאר מיינע לעזער, וואס האבן געהאט געדולד מיך צו לייענען פינף און צוואנציק יאר דורכאנאנד...

זעט מען דען נישט ארויס דערפון באשיינפערלעך, אז מיר האבן א גרויסן גאט, וואס מיט איין האנט שטראפט ער, מיט דער אנדערער היילט ער? איי, די קשיא: צו וואס טויג עס מיר? אמער, שטראף מיך נישט און הייל מיך נישט! דאס איז קיין קשיא נישט. קשיות פרעגט א נאר. איך האב נאר געוואלט דערמיט אויסברענגען, אז א מאל קאן מען פונעם גרעסטן אומגליק אויך האבן א שטיקל נוצן.

נאך אזא מין התנצלות וועט דער גוטער לעזער געווים קיין טענה

נישט האבן צום פּראָפעסאָר, טאָמער זײַנען די בילדער אַרויס אַ מאָל בלאָס, אַ מאָל צו קורץ און אַ מאָל טאַקע פּשוט שוואַכלעך.

מער האָב איך מיט דיר אַצינד גאָרנישט וואָס צו ריידן. איך ווינטש דיר, לעזער, אַ גוטן אַפּעטיט צום לעזן, און מיר געזונט און כּוח צו שרײַבן ווײַטער, כאָטש נאָך אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק, אויב נישט מער. וואָרעם אויב ס'איז אמת, וואָס די דאָקטוירים זאָגן, אַז איך בין קראַנק און דאַרף מיך קורירן, קער זיך דאָס אָן נאָר מיטן זינדיקן גוף, אָבער נישט מיט דער כשרער נשמה. מעגסט מיר דערױבער גלייבן אַף נאמנות, אַז איך וויל ערשט אָנהייבן צו שרײַבן און צו שרײַבן...

שלום־עליכם.

נערווי (איטאַליע), 25טן אָקטאָבער 1908.

א

חנה, מע האָט מיך אָפּגעדרוקט!

וויפל די נאַכפּסחדיקע זון האָט נישט געוואָרעמט און וויפל דער־ווינט האָט נישט געבלאָזן — עס איז זיי ביידן נישט געראָטן מאַכן אַ טאָלק מיט דער כתרילעווקער בלאָטע. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי לאַכט פון זייער באַבע:

— אומזיסט אייער טרחה, אייער וואָרעמען, וואָס איר וואָרעמט, מיט אייער בלאָזן, וואָס איר בלאָזט. אויב איך וועל אייך אויסטריקענען, וועל איך אייך אויסטריקענען אפשר הלוואי אַרום תמוז, אין די גרויסע היצן, דעמאָלט, ווען אַ הונט פּאַכט מיט דער נשמה און אַ קאַץ זוכט אַ קיל ווינקעלע אָפּן בוידעם...

אַזוי האָט זיך געוויצלט די כתרילעווקער בלאָטע (אין כתרילעווקע וויצלען זיך אַלע, אַפילו די בלאָטע), און די כתרילעווצעס האָבן פאַרקאַ־טשעט די פּאָלעס, זיך געקליגט, געזוכט מיטלען אָפּ אויסצוטרעטן אַ סטעזשקעלע, אַוועקגעלייגט אַ שייטהאָליץ אָדער צוויי ציגל און געשפּרונ־גען, ווי די מזיקים, אָפּטמאָל אַריינגעשפּרונגען מיט אַ פוס אין אַ קאַליזשע, פאַרשפּריצט דאָס פּנים אי זיך, אי יענעם, און גענומען שילטן, מע וויים נישט וועמען, מיט טויטע קללות:

—אַ חלירע זאָל קומען אָפּ דיין טאַטנס קדיש מיט דריי מיתה־משונהס ביז די זון וועט אונטערגיין!

איינער פון די חכמים, וואָס האָבן זיך געבריהט איינמאָל אין אַ נאָכפּסחדיקן פרימאָרגן אַרויסצוגיין טרוקן פון דער כתרילעווקער בלאָטע, איז געווען דער העלד פון אונדזער דערציילונג, שמואל שמעלקיס. בכדי איר זאָלט ווערן מיט אים גיך באַקאַנט, שטעל איך אייך אים פאָר אין

פֿורצע דבורים. שמואל שמעלקים איז אַ יונגערמאַן אַ משכּיל, אַ טאַטנס אַ קינד, רבי יאָסיע דעם נגידס אײדעם. אין יענער צײַט איז ער נאָך געזעסן אױף קעסט, געזעסן און געלערנט און געלייענט ביכלעך און געשריבן אין די בלעטער. וואָס, אײנגטלעך, איז געווען דאָס שרײַבן, איז שווער צו זאָגן, וואָרעם אין יענער צײַט האָבן אים די בלעטער נאָך נישט געהאַט געדרוקט. צי דאָס איז געווען מחמת שלעכטיקייט, צי איבער אַן אַנדער זאַך, נאָר די בלעטער האָבן געהאַלטן אין איין שטילשווײַגעניש, און דער נאָמען שמואל שמעלקים איז נישט געווען דערמאָנט אַפּילו אין בריוו־קאַסטן. ביז דער אייבערשטער האָט זיך מרחם געווען אױף אים איין מאָל אין אַ שײנעם פרימאָרגן, — טאַקע אַט יענעם פרימאָרגן, וואָס ווערט דאָ באַשריבן — און דער נאָמען שמואל שמעלקים איז געווען שוואַרץ אױף ווײַס אָפּגעדרוקט אָפן בלאַט מיט גרויסע, ליכטיקע, פּירעקעכיקע אותיות. גײענדיק אַהײם צוריק פון דער פּאָסט מיטן בלאַט אין דער האַנט, האָט אונדזער העלד געשפּרײַזט איבער דער בלאָטע, געשפּרונגען פון איין סטעזשקע אױף דער אַנדערער, באַוויזן קונצן, אַז מען קאָן טאָן צוויי מלאכות: לײענען אַ בלאַט און זוכן אַ וועג אין דער כתרילעווקער בלאָטע. פון אַזעלכע קונצן האָט ער אַרײַנגעטיאַפּקעט נישט אין איין קאַ־ליזשע, זיך פאַרשפּריצט און אויסגעשמירט ווי אַ רוח. דאָס אַלץ איז אָבער געווען גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן בײַ זיך אין האַנט, און עס האָט אים געטראָגן ווי אױף פליגלען אַהײם צו באַווײַזן זײַן ווײַב חנהן, אַז ער, שמואל שמעלקים, שטייט אָפּגעדרוקט אָפן בלאַט. אויסגעשמירט ווי אַ שד, דאָס היטל פאַררוקט, די פּאָלעס צעלאָזט און שטאַרק פאַרשוויצט, איז אונדזער העלד אַרײַנגעפאַלן מיט אַן אימפּעט צו זיך אין שטוב אַרײַן:

— חנה, וווּ ביסטו?

חנה איז דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ יונג ווײַבל, סך־הכּל מיט איין קינד אױף די הענט און מיטן אַנדערן אױף דער צײַט. דערזען דעם מאַן אַזאַ פאַרשמירטן, אַזאַ פאַרשוויצטן און אַזאַ צעטראָגענעם, האָט זי זיך געגעבן אַ לאָז צו אים און אַ פרעג געטאָן:

— נאָט איז מיט דיר, שמואל?

— חנה, מע האָט מיך אָפּגעדרוקט, חנה!

חנה האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. אין איין אויגנבליק האָט זי אָוועקגעזעצט דאָס קינד, געכאַפּט אַ גלאָז וואַסער און צוגעלאָפן צום מאַן:

— אַ דונער איז מיר! וואָ האָט מען דיך אָפּגעבריט, וואָ?

— נישט אָפּגעבריט, נאָר אָפּגעדרוקט, אָט־דאָ־אַ.

אַזוי האָט איר שמואל געענטפערט מיט אַ גליקלעכן שמייכל, און־טערגעטראָגן איר דאָס בלאַט און מיט שײַנענדיקע אויגן אַ ווײַז געטאָן אויף דעם אָרט, פון וואַנען עס האָט אַרויסגעשײַנט, ווי גין־גאָלדענע שטערן, מיט גרויסע לויטערע פּירעקעביקע אותיות: „שמואל שמעלקים"!

יענעם טאָג איז נישט געווען, דאַכט זיך, אויף דער גאַנצער וועלט, בתרילעווקע ביז אויף יענער זײַט אַמעריקע, נאָך איינער אַזאַ גליקלעכער, ווי שמואל שמעלקים. נישט געקוקט אויף דער בלאַטע, נישט געהערט חנהס פּראָטעסט: „וווּהין ווילסטו גיין אין אַזאַ טוואַן?" — האָט אונדזער העלד זיך אָוועקגעלאָזט מיטן בלאַט איבער דער שטאָט, אָפּגעשטעלט כמעט יעדן באַזונדער, דערציילט, אַז דאָס גייט ער פון דער פּאָסט, נאָר וואָס באַקומען דאָס בלאַט — „אָטאָ, זעט איר?"...

מיט די ווערטער טראָגט ער אונטער יעדן גלײַך אונטער דער נאָז דאָס בלאַט מיט די גרויסע לויטערע פּירעקעביקע אותיות: „שמואל שמעלקים". די כתרילעווצעס האָבן, ווי עס שײַנט, נישט רעכט פאַרשטאַנען שמואל שמעלקים גדולה. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָרט שטעקט עפּעס אַ נײַס, אַ מילחמה, אַ שׂרפה, אַ מגפה, אָדער אַזוי עפּעס אַ נײַע גזירה אויף ייִדן. און כאָטש מע האָט קיין צײַט נישט, מען איז פאַרטאַרעראַמט מיט דאגות־פּרנסה, נאָר האָרכן נײַס — מהכתיתי, מיטן גרעסטן כבוד!

— אַנו, לייענט אומיסטנע, וואָס שרײַבט מען דאָרטן באַ דיר אין בלאַט?

— אָט דאָ אין מיטן דער בלאַטע זאָל איך אײַך לייענען?

— וואָס זשע האָסטו אונדז באַדאַרפט אָפּשטעלן?

— איך האָב אײַך נאָר געוואָלט ווײַזן, אַז... אַז מע האָט מיך אָפּגעדרוקט!...

אַזוי ענטפערט זיי אונדזער גליקלעכער העלד מיט אַ שײַנענדיק פּנים און טיאָפּקעט ווײַטער. און די כתרילעווצעס קוקן זיך איבער, קנייטשן מיט די פּלייצעס און ווינצלען זיך, ווי דער שטייגער איז:

— אַלע בייזע ווינטע חלומות!

— מע האָט אים אָפּגעדרוקט !
— מע האָט אים צוגעדרוקט !
— מע האָט אים איינגעפּרעסט !
— איינגעזאַלצן !
— איינגעזייערט !
— פאַרמאַרענירט !
— כאַ־כאַ־כאַ !

* * *

עס איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט, און שמואל שמעלקים איז נאָך אַלץ געלעגן באַ זיך אָפן געלעגער מיט אָפענע אויגן. ער האָט זיך געפילט, ווי אַ העלד, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ גרויסע, אַ וויכטיקע זאַך, וואָס האָט אים ווי אָפּגעטיילט פון אַלע זיינע באַקאַנטע אין כתרילעווקע, אויפגעהויבן אים הויך, העכער מיט אַ קאָפּ פון אַלע כתרילעווקער. אַ קלייניקייט — ער, שמואל שמעלקים, שטייט אָפּגעדרוקט אָפן בלאַט, און זיי נישט !... און ער קוקט אָף זיי פון אויבן אַראָפּ, מיט רחמנות. ער שטעלט זיך פאָר, אַז אָט שטייט ער אָף אַ הויכן באַרג, און אונטן, אונטערן באַרג, שטייט גאַנץ כתרילעווקע און האָרכט זיך איין, ווי ער דרשעט זיי, ווי ער פּרעדיקט זיי הויכע שיינע געדאַנקען פון מענטשלעכקייט, פון געטלעכקייט און פון אייביקייט, און וואָס ווייטער וואַקסט ער אַלץ העכער און העכער, און מלאכים לאָזן זיך אַראָפּ צו אים פונעם הימל, כאַפּן אים אויף אָף זייערע ברייטע פליגלען און טראָגן אים אַוועק ווייט־ווייט פון כתרילעווקע, און... ער ווערט אַנשלאָפן.

ב

ער שרייבט אָף די גאַזעטן, און כתרילעווקע חכמהט זיך

ליבער פריינט! דאָס, וואָס איך האָב דיר דאָ דערציילט אין קאַפּיטל א, האָב איך דיר דערציילט אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. איבערלעבן פינף און צוואַנציק יאָר אין יידישקייט אין כתרילעווקע איז נישט קיין פינף און צוואַנציק שלום־עליכמס אָפּשטעקן, און נישט קיין פינף און צוואַנציק אייער־בייגל אויפעסן, און אַפילו נישט קיין פינף און צוואַנציק פייגעלעך אויסשיסן...

נישט אומזיסט האָט זיך אומבאַמערקט אַריינגעגנבֿעט צו אונדזער העלד אין בערדל אַריין אַ היפּש ביסל זילבער און אויף זײַן ברייטן ווײַסן שטערן האָבן זיך אויסגעלייגט טיפֿע קנײטשן — גאָרנישט דער שמואל שמעלקיס, וואָס אַמאָל.

אַמאָל איז דאָס געווען אַ יונגערמאַן אַ צאַצקע, פֿון די, וואָס מע קויפֿט זיי אין כּתריל־עוועקע פֿאַר געלט. מע זוכט זיי מיט ליכט און מע דינגט זיך פֿאַר זיי מיטן שדכן, ווי מע דינגט זיך פֿאַר אַן אָקס, און אַז מע דינגט זיך אויס, גיט מען זיי אַוועק אַ שיינע, אַן ערלעכע ייִדישע טאָכטער, מיט היפּשע עטלעכע קערבלעך נדן, מיט עטלעכע יאָר קעסט, און מע האַלט זיי, ווי אַ צירונג אין שטוב, ווי אַן אבֿן־טובֿ, ווי אַ שײַנדעלע אין דער משפּחה, גוטע פֿרײַנט זאָלן אָנקוועלן און שונאים זאָלן צעפּוקעט ווערן. דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה פֿירט מען דעם גע־קויפֿטן איידעם מיט פּאַראַד אין שול אַרײַן, די נײַע בגדים אויף אים קנאַקן, די שטיוועלעך סקריפּען. דער שווער באַזעצט אים אויבנאָן אין מיזרח־זײַט, מיטן פּנים צום עולם. פֿײַנע בחורים מיט אויסגעגלעטע פּאות און קליינע חדר־ייִנגלעך מיט אונטערגעגעצטע נעזלעך שטעלן זיך אויס אַקעגן אים און באַטראַכטן אים מיט גרויס נײַגעריקייט, ווי אַן עלפֿאַנט, און אַז מע רופֿט אים אויף צו דער תּורה און ער קלינגט דעם מפֿטיר, ווי אַ גלאָק, זינגט די ברכות, ווי אַ סאָלאָוויי, דעמאָלט — אַהאַ! — קוקן אַרויס פֿון אויבן, פֿון דער ווײַבערשער שול, ווײַבערשע נעז מיט ווײַבערשע אויגן. אויף די נעז זע איך אָנגעצייכנט קנאה, און אין זייערע אויגן לייען איך:

— האָט ער עס אײַנגעהאַנדלט אַ מציאה, רב יאָסיע דער נגיד, פֿאַר־שטערט זאָל עס אים נאָר ווערן, רבונו של עולם!...

פֿאַר קלאָר קאָן איך אײַך נישט זאָגן: צי ס'איז מקוים געוואָרן די ווײַבערשע ברכה, צי איבער אַז אַנדער זאַך, נאָר דער שלום־בית בײַ רב יאָסיע דעם נגיד איז שטוב איז גיך פֿאַרשטערט געוואָרן. רב יאָסיע דער נגיד האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז די מציאה, וואָס ער האָט אײַנגעהאַנדלט, איז גאָר נישט אַזאַ מציאה. דאָס הייסט, אַזוי אפֿילו, אויבן־אויף, וואָס קאָן ער האָבן צו זאָגן אויף זײַן איידעם? מהכתּיתי, אַ יונגערמאַן אַ גע־ראָטענער; נישט מער אָט דאָס, וואָס ער גיט זיך אָפּ מיט די נאַריש־קייטן, „שרײַבט אויף די גאַזעטן" גאָר עפּעס מעשׂה קבצן... און דער

שוועך האָט זיך אָנגעבלאָזן אַף דער שווינער, און די שווינער האָט גע־פּײַערט אַף דער טאָכטער, און די טאָכטער האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין קישן און שטילערהייט געוויינט...

און די שטאָט? וואָס זאָלט איר קלערן? כתרילעווקע איז, ברוך־השם, אַן ערטל פון סאַמע חכמים, קלוגע קעפּ, פּראַקטישע מענטשן. זיי האָבן נישט אַנדערש געקוקט אַף דעם נגידס איידעם, ווי אַף אַ קאַליקע, אַ בעל־מום, אַ מענטש מיט אַ „געבאָרענעם חסרון, נישט דאַ געדאַכט"...

אוודאי ווען שמואל שמעלקים זאָל נישט זײַן רב יאָסיע דעם נגידס איידעם, וואָלט אים דאָס שרײַבן אַף די גאַזעטן אָפּגעלאָפן נישט אַזוי גלאַט. נאָר ווײַל ער איז רב יאָסיע דעם נגידס איידעם, האָט דער עולם געוויצלט זיך איבער אים הינטער די אויגן, געוויינלעך, און עס זײַנען געפלויגן שאַרפע, שפּיציקע ווערטלעך:

— אַ מענטש האָט זיך אַרײַנגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ!

— נישט דאַ געדאַכט!

— נישט אָקעגן נאַכט דערמאָנענדיק!

— נעבעך אַביסל נישט דערשפּיצט, וואָס איז ער שולדיק?

— נישט קיין ביסל, נאָר אַ סך.

— בלשון אשכנז ווערט עס אָנגערופן, אַפּנים, לעקישעוואַטע?

— ווי אַזוי זשע וועט עס הייסן אַף אונדזער לשון?

— שוטה בן פּיקהאָלץ.

— אָדער לאַמטערנשיסער בן פּדהצור.

— און אפשר גאָר שמינדער בגעץ?...

ג

שמואל שמעלקים ווערט אַ כתרילעק

נאָר דאָס, וואָס אין כתרילעווקע קאָן זיך דערלויבן אַן איידעם אַף עסס, איז נישט דערלויבט אַ יונגן מאַן, וואָס איז שוין אַ בעל־הבית אַליין פאַר זיך. רב יאָסיע דער נגיד, זאָל זײַן אַ מליץ־יושר, איז שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט. זײַן ווײַב, זאָל זיך מיַזן, האָט זיך פאַרבענקט נאָכן מאַן און איז אויך אַוועק אהין, פון וואַנען קיינער איז נאָך צוריק נישט געקומען, און אונדזער העלד, שמואל שמעלקים, איז אַרײַנגעטראָטן

אין דער וועלט אַריין, געוואָרן אַ סוחר, איבערגענומען דעם שווערס קראָם אין כתרילעווקע, אַ קראָם פון שניט און פון באַקאַליי און פון צעלניק און פון פויגל־מילך, און די דירה האָט ער געירשעט פונעם שווער, די גרעסטע דירה אין כתרילעווקע. דאָס איז אַזאַ מין דירה, וואָס ס׳איז כּדאַי, זי זאָל ווערן באַשריבן. שטיין שטייט זי, די דירה הייסט עס, אין מיטן מאַרק, סאַמע אין דער רעכטער בלאָטע. קיין הויף האָט זי נישט, און דאָס, וואָס געפינט זיך אין אַ הויף, האָט זי אויך נישט... דערפאַר איז זי כּמעט העכער האַלב געדעקט מיט אײַזן, און די אַנדערע האַלב מיט שערבלעך, אַזוי, אַז זי כאַפּט דעם אַפּבליק פון אַ מענטש, וואָס מע האָט אים אָנגעטאָן אַ היטל, געשטוקעוועט פון צווייערליי מאַטעריעס. הײַנט האָט זי, די דירה הייסט עס, צוויי גאַנקעס, איינעם פון פאָרנט און איינעם פון הינטן; דאָס הייסט, עס ווענדט זיך, ווי אַזוי איר קוקט. קוקט איר פון דער זײַט, איז דאָ דער פון־פאָרנט און דאָרט דער פון־הינטן. קוקט איר פון יענער זײַט, איז דאָרט דער פון־פאָרנט און דאָ דער פון־הינטן.

אויף קיין זאַך האָבן די כתרילעווצעס נישט אַזוי מקנא געווען רב יאָסיע דעם נגידס יורש, ווי אויף דער דירה מיט די צוויי גאַנקעס.

— באַשערט אַ מענטשן אַזאַ גוטס!

— עס וועט באַ אים האָבן אַ קיום, באַ דעם לאָמטערנשיסער!

— פון אסתּר־תּענית ביז פּורים.

— דײַ אַ סוחר!

— שמעיה בעל־פּרנסה!

— איציקל בעל־תּכלית!

— און דער קאָפּ איז אים גאָר ווייס איך ווו!

— אין יעהופּעץ אויפן יאַריד.

— ערגעץ אין די בלעטער דאָרטן...

אַזוי האָט זיך דער עולם געוויצלט, געשלײַפט די צינגלעך און בײַם־לעכווײַז גענומען דעם נגידס יורש צו דער אַרבעט, און דווקא מיט גוטן, מיט אַ חניפהלע, אַ טובהלע, אַ גמילות־חסדל, אַ געשעפטל, אַ הלוואהלע — מהכתּיתי, פאַרוואָס נישט? אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז שמואל שמעלקיס האָט אָנגעוואָרן די גאַנצע ירושה און איז געוואָרן, אויף דער כתרילעווקער שפּראַך, „נקי״, ריין ווי אַ טעלער, אַ כתרילעק גלײַך מיט אַלע כתרילעווקער... „מלנו״ — הייסט דאָס דאָרטן, און מיט אַ פּאַטש

אין פּלייצע זאָגט מען אים: „אחינו אתה״. און ווי באַלד „משלנו״ און מיט אַ פּאַטש אין פּלייצע „אחינו אתה״ — איז שוין דעמאָלט אַז אַך און וויי!...

געפּטרט די קראַם מיטן ביסל געלט, האָט זיך אונדזער שמואל שמעלקים באַקענט מיטן כתרילעווקער דלות און מיט אַלע זײַנע תרי״ג באַהעלפערס. נישט מיטאַמאָל, געוויינלעך, נאָר פּאַוואָלינקע, ביסלעכווײַז האָט ער זיך געקאַטשעט באַרג אַראָפּ, ביז ער איז געקומען צו דער מדרגה פון אַנקומען צום גביר פון שטאָט רב נתן קורח, פאַרזעצן בײַ אים די דירה מיט די צוויי גאַנקעס, זײַן לעצטן מאַיאָנטעק. יענער טאָג איז געווען, קאָן מען זאָגן, תשעה־באב בײַ שמואל שמעלקים אין שטוב. ווי אַ שאָטן האָט ער ארומגעשפּאַנט פון איין ווינקל צום אַנדערן. די קינדער האָבן זיך באַהאַלטן. שטילערהייט האָט חנה געשלונגען די טרערן, און דערזען דעם מאַן, ווי ער איז פאַרחושכט, האָט זי געמאַכט אַ פריילעך פּנים און אים אויסגערעדט דאָס האַרץ:

— דו ביסט נישט דער איינציקער. גאַנץ כתרילעווקע ליגט פאַרמשכונט בײַ אָט דעם בלוט־זויגער.

און אַז דער מאַן איז אַוועקגעגאַנגען צום גביר רב נתן קורח, האָט זיך ערשט דעמאָלט חנה אַוועקגעזעצט וויינען אויףביידע אויגן: „וועט איר טאַטע־מאַמע זאָלן איצטער אויפשטיין...״

נאָר אונדזערע לעזער ווייסן, אַז מיר האַלטן נישט פון קיין קלאָגלידער און האָבן נישט ליב קיין טרערן. דעריבער היפּן מיר איבער אַ גאַנצע עפּאָכע פון פינף־און־צוואַנציק־יעריקע צרות, און גייען אַריבער גלײַך צום לעצטן אַקט פון אונדזער טראַגי־קאָמעדיע.

ד

מזל־טוב! שמואל שמעלקים איז אַ בעל־יובל

נישטאָ קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט. אַזוי שמועסן די אויפגעקלערטע, די פילאָזאָפן. אַלצדינג, זאָגן זיי, ענדערט זיך אויף דער ערד: מענטשן ווערן פאַרעלטערט און שטאַרבן אַוועק. הײַזער ברענען אָפּ. שטעט ווערן חרוב און איבעראַנײַם אויפגעבויט. פון אַ ים ווערט אַ טריקעניש, פון דער טריקעניש ווערט אַ ים, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

פאַר אויפגעקלערטע לייט, פאַר פילאָזאָפן, נעמען מיר אַראָפּ דאָס היטל. לאָזן זיי אָבער קיין פאַריבל נישט האָבן — זיי זײַנען נישט באַ־קענט מיט דער כתרילעווקער בלאָטע. אַלצדינג אַף דער וועלט ענדערט זיך, נאָר נישט די כתרילעווקער בלאָטע. אַזוי ווי מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, פונקט אַזוי שטייט זי אויך איצט פאַרטיפט און פאַרעקשנט, פירט אַ שטרײַט מיט די שטראַלן פון דער זון און זי וויל נישט אויסטריקענען פאַר קיין געלט נישט. שוין איבערגעלאָפן דער תמוז מיט די הייסע טעג און מיט די הייסע נעכט, ווען גאַנץ כתרילעווקע שלאָפט מיט ווײַבער און מיט קינדער אינדרויסן. שוין אַוועק דער תשעה־באָב, ווען ייִדן קאָנען זיך פאַרגינען אַזאַ לוקסוס, ווי גיין אין מיטן גאַס אין די זאָקן — און די בלאָטע שטייט נאָך אַלץ מיט איר פּראַכט און גלאַנץ, און די כתרילעווצעס, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס, קליגן זיך נאָך אַלץ, זוכן מיטלען, ווי אַזוי אויס־צומײַדן אַ סטעזשקעלע, לייגן אַוועק אַ שײַטהאָלץ אָדער אַ צוויי ציגל און שפּרינגען, ווי די מזיקים, כאַפּן זיך אַרײַן אַפּטמאָל מיט אַ פוס אין אַ קאַליוזשע, פאַרשפּריצן דאָס פּנים אי זיך, אי יענעם, און שילטן, מע ווייס נישט וועמען, מיט טויטע קללות:

— אַ חליערע זאָל קומען אַף דײַן טאַטנס קדיש מיט דרײַ מיתה משונהס ביז די זון וועט אונטערגיין!

און אָט זעען מיר איצט, אין פינף און צוואַנציק יאָר אַרום, אין אַ שיינעם פרימאָרגן ווידער אונדזער העלד שמואל שמעלקיס, ווי ער טיאָפּקעט ווידער אין דער זעלבער בלאָטע, וואָס מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק; ווידער בריהט ער זיך אַרויסצוגיין טרוקן פון דער כתרילעוו־קער בלאָטע, און ווידער אײַלט ער זיך פון דער פּאָסט מיט אַ בלאַט אין די הענט, און ווידער איז ער פאַרשוויצט און פריילעך־צעטראָגן.

וואָס האָט איצט אַזעלכעס פּאַסירט מיט איר, וואָס זײַן געקניײטשטער שטערן שײַנט אַזוי, און וואָס אַף זײַן פאַרעלטערט, פאַרחושכט פּנים שפּילט אַזאַ צופרידן גליקלעך שמייכעלע? — עס האָט זיך געטראָפן אַזעלכעס, וואָס ער האָט זיך אַף דעם קיין מאָל נישט געריכט. אַ נס האָט זיך געטראָפן, לעזער, אַ נס: עמעצער, אַ גוטער פרײַנט אַן אַ נאָמען, האָט זיך דערמאָנט און געגעבן צו וויסן אין בלאַט, אַז הײַנטיקן טאָג איז געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר זינט שמואל שמעלקיס איז אַרויס

אפֿן פעלד פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַנע באַשרײַבונגען פֿון כתרילעװקע.

„מיר װײסן נישט — אַזױ שרײַבט דער אומבאַקאַנטער פֿרײַנט אין בלאַט — מיר הײבן נישט אָן צו װיסן, װער איז אָט דער שמואל שמעלקיס און װאָס ער איז. מיר װײסן נאָר, אַז פֿינף און צװאַנציק יאָר כּסדר ליגט אַ מענטש אין אַ זומפּ, װאָס הײסט כתרילעװקע, און הערט נישט אױף אונדז באַקאַנט צו מאַכן מיט די דאָרטיקע משונה מאָדנע ברואים, װי ער רופֿט זײ אָן: די „קלײנע מענטשעלעך"...

און נאָך אַ סך אַזעלכע זיסע װערטער שרײַבט דער אומבאַקאַנטער פֿרײַנט אין בלאַט, און לאָזן לאָזט ער אױס מיט אַ מזל־טוב צו שמואל שמעלקיס און מיט אַ ברכה צו זײַן פֿינף און צװאַנציק יאָריקן יובילעום. .

יובילעום ?!... קײנמאָל האָט שמואל שמעלקיס נישט געדענקט פֿון קײן יובילעום. קײנמאָל אַפֿילו אין חלום נישט געזען אַזאַ זאַך. מע מוז מודה זײַן, אַז אונדזער העלד האָט מיט זײַן אָרעמער פֿעדער אין דעם משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע פֿינף און צװאַנציק יאָר קײן שטערן פֿון הימל נישט געכאַפּט און קײן חידושים נישט אױפֿגעטאָן. אײן שבח דאַרפֿן מיר אים אָבער נאָכזאָגן: ער האָט געטאָן זײַן אַרבעט געטרײַ און מיט ליבשאַפֿט, װי די בין, װאָס טראָגט איר חלק האָניק אינעם גרױסן בינשטאָק אַלײן. קײנמאָל האָט ער זיך נישט געפֿרעגט קײן קשיא: צוליב װאָס ער ליגט זיך אַזױ אַװעק פֿאַר כתרילעװקע און פֿאַר די קלײנע מענטשעלעך? איך זאָל װיסן, אַז דאָס װעט נישט זײַן קײן באַלײדיקונג, װאָלט איך אים פֿאַרגליכן צו אַ קו, װאָס זײגט איר קעלבל גאָרנישט צו פֿרעגן קײן קשיות, למאַי זי טוט עס... קײן כּבֿוד האָט ער פֿון זײַן שרײַבן קײנמאָל נישט דערװאָרט. פֿון קײן לױן האָט ער קײנמאָל נישט געחלומט. צו דעם, װאָס װערט אָנגערופֿן „קריטיק", האָט ער קײנמאָל נישט זוכה געװען, אױב מיר זאָלן נישט רעכענען די „הײמישע קריטיק" פֿון די כתרילעװצעס, װאָס זײַנען אין כּעס סכּנות, אַז מע „באַשרײַבט זײ אַף די גאַזעטן". זײ האָבן בעסער ליב רײדן פֿון דער גאַנצער װעלט, אײדער די גאַנצע װעלט זאָל רײדן פֿון זײ. זײ האָבן בעסער ליב חוזק מאַכן פֿון יעדן באַזונדער, אײדער עמעצער זאָל חוזק מאַכן פֿון זײ. אָט אַזאַ טבע איז שױן בײַ זײ פֿון קדמונים. דעריבער האָבן זײ אים געבעטן מיט גוטס, ער זאָל זײ נישט „אַרױסשטעלן אַפֿן בלאַט", װאָרעם עס „װעלן זײַן

בזיונות"... עס האבן זיך גפונען אויך אזעלכע, וואס האבן אים אפילו געגעבן אנצוהערעניש, גערעדט פארשטעלט, בלשון סגי־נהור: אז טאמער וועט ער זיך דערוועגן אנרירן זייער נאמען, „וועלן פליען פעטש" — און אף פעטש איז א כתרילעווקער דווקא א בטוח. אין כתרילעווקע — איך האב עס אייך, דאכט מיר, שוין לאנג באמערקט — ווערן מערסטנ־טיילס געשעפטן און סכסוכים ליקווידירט דורך פעטש:

— פיטש־פאטש — אזוי זאגן זיי — איז א קורצער פסק און א מוזמנע מטבע.

און פלוצעם קומט אן אומבאקאנטער פרייַנט אין בלאט און דער־מאנט דער וועלט, אז ער, שמואל שמעלקים, איז א בעל־יובל, און ווען? גראד הייַנט, ווען ער האט געהאט א בייזן, א פינצטערן פרימארגן, וועל־כער וועט באשריבן אט דא, אין קאפיטל ה.

ה

א ווּיסטער פרימארגן

כתרילעווקע האט נאך נישט אויפגעוואכט רעכט פון איר זיסן שלאף, און די גליקלעכע כתרילעווצעס זייַנען נאך געווען געפּענטעט אין דעם בשוף פון דער זומערדיקער נאכט, נישט געקאנט אפּרייַסן זיך פון די גאלדענע חלומות: א ריח פון פריש ברויט... אן אראמאט פון געפילטע פיש מיט ציבעלעס און מיט פעפער... גאנצע לונג־און־לעבערס, נאר־וואס פון דער יאטקע... נייַע שמעקנדיקע שיך פונעם שוסטער... גאנצע הויזן פונעם שנייַדער... א גרויסער מארק... א יאריד... קונים א סך... פדיון... פרנסה... — אט וואסערע גוטע זאכן דער גוטער בעל־החלומות שיט אף כתרילעווקע פון זייַן מילדער האנט. אן עבירה, וואס גאנץ פרי גייט אויף גאטס זון אף כתרילעווקער הימל און טרייַבט ארוים דעם עולם אף דער שלאכט — זוכן ברוט פאר די הונגעריקע ווייַב און קינדער!

— סטוק! סטוק! סטוק! — האט זיך דערהערט א קלאפּ אין טיר, און שמואל שמעלקים האט זיך אויפגעכאפט, אראפגעשפרונגען, אויפ־געעפנט די טיר און אריינגעלאזט א פרעמדן גאסט, קאפל דעם אדוואקאט.

— ברוך־הבא, א גאסט, וואס עפעס אזוי פרי?

נישט אים און נישט זיין ווייב חנהן איז געפעלן דער דאזיקער פריער וויזיט פון קאפל דעם אדוואקאט. קאפל דער אדוואקאט איז אזוי זיך אפילו א גאנץ וויל מענטשל, נאר איין זאך, וואס ער האט א הינטיש פנים, און וואס ער רעדט אביסל אונטער דער נאז און כאפט אזוי, אז עס מאל זיך אייך אויס, אז נישט ער רעדט, נאר ער האווקעט.

— האוו־האוו־האוו! איר ווייסט דאך, אז איך בין נישט מער ווי אן אדוואקאט... מיין פרנסה... מע זאגט מיר גיין — גיי איך. רב נתן קורח האט אייך געלאזט בעטן, איז זאלט אים אפרייניקן די דירה, האוו־האוו... אט איז דער איספאלניטעלנע ליסט אטא, מיט דער פראדאזשנע אטא, מיט דער וואדאוולאדעניע, מיט די אלע איבעריקע שפארגאלן, נא אסנאוואניע סטא טרידצאט פיאטאי סטאטי טאמא דיעסיעאטאווא טשאסטי פערוואי סוואדא זאקאנאוו גראזשדאנסקיך, האוו־האוו־האוו...

אט אזוי האט זיך אויסגעהאווקעט קאפל דער אדוואקאט און איז אוועק זיין וועג, גארנישט געוואלט אויסהערן די ברכות, וואס שמואל שמעלקים׳ ווייב האט מכבד געווען דעם רוצח, דעם גזלן, דעם בלוט־זויגער רב נתן קורח, און נישט געוואלט זען די שטילע טרערן אף איר שלים־שלים־מזלדיקן לעבן, אז אך און וויי, ווען איר טאטע־מאמע זאלן איצטער אויפשטיין...

אף דעם געוויין האבן זיך אויפגעכאפט אלע קינדער, די גרעסערע און די קלענערע. געוואר געווארן, אז מעווארפט זיי ארויס מיט די בע־בעכעם אינדרויסן ארויס, האבן די עלטערן באקומען ווייסע טויטע אויס־געצויגענע פנימער, אז א טראפן בלוט, מיט שטומען ווייטיק באטראכט די אומגליקלעכע טאטע־מאמע, און די קלענערע — די זיינען געשטאנען אין איינע העמדלעך און געציטערט, ווי די לעמעלעך. זייער גרויס־אפענע אויגן האבן געזאגט:

— איר מיינט, אז ווייל מיר גייען נאקעט און בארוועס, ווייסן מיר שוין גארנישט ניט?...

נאר דאס יינגסטע און דאס ליבסטע, די געבאלעוועטע מיזינקע, רייזעלע, א קינד א גאלד מיט אן אונטערגעשטעקט העמדל און מיט אויס־געבויגענע פעסלדיקע פיסעלעך, קאטשעט זיך ווי א קאטשקעלע, רעדט צום פאטער אף א מאדנער שפראך:

— העטי מעטי קאפעטילע אי קייפי טיעטי פעטעלי.

אף אונדזער לשון הייסט עס:

— אז דו וועסט מיר געבן א קאפעקעלע, וועל איך מיר קויפן א קאנפעקטעלע.

א קינד א טרייסט! א קינד א נחת!... שמואל שמעלקיס טאפט אין אלע קעשענעס און קאן נישט געפינען קיין קאפעקע, און ער קאן נישט צוזען דעם צער פונעם קינד ערגער ווי פון אלע איבעריקע קינדער, און א שווארצער שאטן פארשפרייט זיך אפן פנים, און פרישע קנייטשן אפן שטערן, און א טיפער שווערער זיפץ רייסט זיך ארויס נישט ווילנדיק פונעם הארצן.

— אף די שונאימס קעפ! — זאגט צו אים חנה זיין ווייב, רעדט אים אויס דאס הארץ: — נארעלע, דער הימל צו דער ערד איז נישט געפאלן... און זי שיקט אים אפ צום גביר רב נתן קורח, טאמער וועט ער זיך אפבעטן נאכאמאל באטש אף א קורצער צייט, ביז דער אייבערשטער וועט רחמנות האבן...

— אפן עשאפאט וואלט איך דיר ליבער געגאנגען...

אזוי זאגט שמואל שמעלקיס שטילערהייט זיך אין בארד אריין, רוקט אן דאס היטל און לאזט זיך גיין צום גביר רב נתן קורח.

דער גרעסטער גביר אין כתרילעווקע — רב נתן קורח

איך מיין, אז ער דארף אייך זיין באקאנט, וואראם ווער קען נישט רב נתן קורח? ער האט דאך א שם „אף דער גאנצער וועלט". אלע ווייסן, און ער אליין בארימט זיך דערמיט, אז ער איז שוין כמעט דרייסיק יאר נישט ארויסגעגאנגען מפתח ביתו. ווער עס דארף, דער טרעפט צו אים. און דארפן דארף צו אים יעדער, ווער עס האט וואס צו פארזעצן. אמאל, אין די יונגע יארן, פלעגט מען צו אים טראגן פארמשכונען אלצדינג, וואס האט א ווערט, למשל: א בגד, א לייכטער, א סאמאוואר, א שטויסל, א קווארט, אן עטרה, א מגילה, אפילו א פאראיאריקער לולב איז אויך געווען א סחורה. איצט, אף דער עלטער, האט ער געווארפן אן אומחן

אף די אלע זאכן, פיינט געקריגן „דוויזשימאסט״ (מטלטלין) און ניט זיך אפ נאר מיט „אימושטשעסטווע״ (הייזער). אלע ווייסן, אז ער מאכט נישט קיין אנדערע געשעפטן, אחוץ הייזער. ס'איז א סברא, אזוי שמועסט דער עולם, אז גאנץ כתרילעווקע ליגט בא אים „במשכנתא״. און, ווי דער שטייגער איז, פליען דארטן שטעכווערטלעך מיט ליצנות אפן גבירס אפע־מיט צו הייזער.

— טאמער ווייסט איר, וואס וועט ער טאן איבער הונדערט און צוואנציק יאר מיט אזויפיל הייזער?

— ער וועט זיי נעמען מיט זיך אף יענער וועלט.

— ער וועט זיי איינזאלצן אין זאלץ.

— ער וועט זיי פארמשכונען באם מלאך המוות.

— איך זע, אז איר ווייסט קיינער נישט דעם סוף פון אונדזער גביר רב נתן קורח.

— וואס זשע שווייגסטו, אז דו ווייסט?

— ער וועט האבן דעם איינגענעם סוף, וואס יענער קורח אין חומש.

— איינגעזונקען ווערן, הייסט עס, מיט אלע מאיאנטקעס?

פון דער לעצטער המצאה קוועלט דער עולם אזוי שטארק, אז ממש מע קאטשעט זיך פאר געלעכטער. און רב נתן קורח טוט זיך זיינס: ער פארלייט געלט אף הייזער און נחלאות און ווערט וואס א יאר רייכער מיט א פאר הייזער און מיט א פאר קלייטן. אויסער דעם, איז זיך רב נתן קורח זייער א פיינער בעל־הבית און בטבע זייער א סימפאטישער מענטש. ער האט א כלל — אויפנעמען יעדן איינציקן פרייינטלעך, אזוי ווי אונדזער חכמים האבן אונדז געלערנט: „בסבר פנים יפות״, דאס הייסט, מיט א ברייטן ברוך־הבא און מיט א „פארוואס זיצט איר נישט?״ אז איר קומט אריין צו אים, ווייס ער גארנישט, ווו ער זאל אייך אנידער־זעצן. ער טראגט אייך אונטער צוויי שטולן מיטאמאל און פרעגט אייך, אפשר וועט איר טרינקען א גלעזל טיי? נאר באלד טוט ער זיך א כאפ:

—אר־ווא, נישטא ווער ס'זאל שטעלן דעם סאמאוואר... אפשר וועט איר נעמען אביסל איינגעמאכטס? אר־ווא! די דינסט האט צוגענומען די שליסעלעך!... זיצט, פארוואס זיצט איר נישט? וואס זשע הערט זיך עפעס נייס?

רב נתן האט זייער ליב, מע זאל אים דערציילן נייס. און וואס איז

דער חידוש? א מענטש נייט נישט ארויס מפתח ביתו שוין במעט דרײַסיק יאָר! און אַז מע דערציילט אים נײַס, כאָטש דאָס נײַס מעג שוין האָבן אַ באָרד, הערט ער זיך צו, קוקט זיך אײַן, שאָקלט מיטן קאָפּ, שמוצערט מיט די ליפּן, ווערט נתפּעל, גלײַך ווי ער הערט דאָס ערשטן מאָל אַף זײַן לעבן, ביז עס קומט צו געלט... נאָר דאָ מוזן מיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן רב נתן קורחס אויסזען, דעמאָלט, האָפן מיר, וועט זײַן פּאָרטרעט זײַן פֿאָלקאָמער.

רב נתן קורח האָט זייער אַ סימפּאַטיש אויסזען. מיר שטעלן זיך אָבער אָפּ נאָר אַף די אויגן זײַנע. איין אויג איז בײַ אים אַן אויג. אַ גע־ווייַנלעד אויג. ווי בײַ אַלע מענטשן אַן אויג. דאָס הייסט, אַ ווײַסעכל מיט אַ שוואַרצאַפּל, ווי עס געהער צו זײַן. דאָס אַנדערע אויג איז בײַ אים שוין נאָר שוואַרצאַפּל אַליין. אַן אַ סימן פֿון ווײַסעכל. דאָס דאָזיקע שוואַרצאַפּלדיקע אויג האַלט ער שטענדיק צוגעמאַכט, אַחוץ דעמאָלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן געלט. הייבט איר אָן רײדן פֿון געלט, אַזוי עפֿנט זיך בײַ אים אויף דאָס שוואַרצאַפּלדיקע אויג און עס הייבט אָן אַרבעטן, דאָס הייסט, עס דרייט זיך און עס שעמערירט מיט אַ שרעקלעכער גיכ־קייט! עס איז כמעט גאָר אוממעגלעך דעמאָלט צו קוקן אים גלײַך אין פּנים אַרײַן. און עס בײַט זיך איבער בײַ אים דאָס גאַנצע געשטאַלט. דאָס פֿריִערדיקע „סבר פּנים יפות" ווערט פֿאַרשוווּנדן אײנאײנעם מיטן שטענדיק זיס־לאַקרעצדיקן שמייכעלע, און אָפּן אַרט פֿון דעם ליבהאַרציקן זיסן גביר רב נתן קורח וואַקסט אויס אַ חיה און עס גלוסט זיך אײַך אַנטלויפֿן וואָס גיכער און וואָס ווײַטער...

פֿון דעם, וואָס מיר האָבן געשמועסט ביז אַהער וועגן אונדזער געליבטן גביר, קאָן דער לעזער מיינען, אַז רב נתן קורח איז חלילה אַ ייִד אַ „בעל־דיעטניק", דאָס הייסט, אַ מענטש אָן קינדער. מוזן מיר פֿאַרכאַפּן און געבן צו וויסן דער וועלט, אַז מיט זײַן ערשטער ווײַב חיה־חווה האָט ער טאַקע נישט געהאַט קיין קינדער. געוועזן איז זי, זאָל מיר מוחל זײַן, אַ גרויסע מיאוסקייט, און איז געשטאָרבן בײַ אים פֿון שרעק: ער פֿלעגט זי, זאָגט מען, אָפּט אונטערשלאָגן... דערפֿאַר אָבער, אַז זי איז גע־שטאָרבן, האָט ער פֿאַר איר מטה צעטיילט אַ סך צדקה, בעדונגען אַ שטענדיקן קדיש נאָך איר נשמה און האָט תיכּף חתונה געהאַט און גענומען דווקא אַ יונג קינד, בלוט און מילך, מיטן נאָמען קריינדל. און

מיט איר האָט אים דער אייבערשטער געבענטשט פונקט אין אַ יאָר אַרום מיט אַ בן זכר. דעם דאָזיקן בן זכר האָט ער אַ נאָמען געגעבן נאָך זײַנע בײדע זיידעס: רב יוסף און רב איצע. האָבן זיך די צוויי נעמען צונויפֿ־געגאָסן און ס'איז אויסגעקומען יאָסעפּאיצע; מיט דער צײַט איז פֿון יאָסעפּאיצע במילא געוואָרן „יאָסעפּיץ". און אַט אַזוי איז ער שוין פֿאַר־בליבן עד היום הזה. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז יאָסעפּיץ איז געוואַקסן אַ תכשיט, ווי געווינלעך, בײַ אַ גביר, אין אַזאַ גוטס. עס איז נאָר נייטיק צו באַמערקן, אַז אַחוץ אַלע מעלות, וואָס ער האָט גוט געלערנט ייִדיש און רוסיש און אַביסל דײַטש און פֿראַנצויז און ליטײַן און געלייענט טורגעניעוו און דאַרווין, איז ער נאָך דערצו געווען אַ שטילע טויב און אַ ווילדער שווײַגער. מע קאָן זאָגן כמעט, אַז אין כתרילעווקע האָט אים נאָך קיין בן־אדם נישט געהערט ריידן, אַחוץ דעמאָלט, ווען רב נתן קורח פֿלעגט זיך צעקאָכן מיטן שוואַרצאַפּלדיקן אויג איבער געלט און אויס־שרײַען אַף אַ קול: „יאָסעפּיץ, וווּ ביסטו?" דעמאָלט וואַקסט אויס יאָ־סעפּיץ, מע ווייס נישט פֿון וואַנען. יאָסעפּיץ איז שוין אַ בחור צו לײַטן און עס שיט זיך אים שוין אַ בערדל. אין די הענט האַלט ער צוויי ביכער, טורגעניעוו און דאַרווין.

— יאָסעפּיץ, וואָס זאָגסטו דערויף? ...

יאָסעפּיץ שנײַצט אויס די נאָז מיט צוויי פֿינגער, ווישט זיך אָפּ מיט דער פּאָלע און ענטפֿערט קאַלט ווי אײַז:

— ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן! ...

דאָס איז די איינציקע פֿראַזע, וואָס כתרילעווקע האָט ווען געהערט פֿון דעם דאָזיקן פֿײַנעם בחור, און אַלע האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס אין דער פֿראַזע שטעקט, וואָרעם ווי שלעכט דער אַלטער קורח זאָל נישט זײַן, קאָן מען דאָך בײַ אים אַ מאָל כאַטש עפּעס פּועלן. האָט ער אָבער אַרײַנגערופֿן דעם תכשיט, מיט אים זיך אָן עצה האַלטן: „יאָסעפּיץ, וואָס זאָגסטו דערויף?" און יאָסעפּיץ האָט אַ זאָג געטאָן קאַלט: „ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן!" — דעמאָלט מעגט איר שוין זײַן זיכער, אַז עס וועט אײַך נישט העלפֿן קיין שמע ישראל...

— אַ כּפּרה האָט געמעגט ווערן דער הײַנטוועלטיקער זון פֿאַר זײַן אַלטן טאַטנס נאָגל פֿונעם מינדסטן פֿינגערל נאָך איידער ער האָט דערזען די ליכטיקע וועלט! — אַט אַזוי בענטשט כתרילעווקע רב נתן קורחס

קדיש דרײַ מאָל אַ טאָג, און, ווי אַף צו־להכעיס, וויל די ברכה נישט מקוים ווערן.

איצט, אַז איר האָט זיך באַקענט אַ ביסל נענטער מיט דעם דאָזיקן ליבהאַרציקן פּאַרשוין און מיט זײַן ליכטיקן קדיש, וועט איך קיין חדוש נישט זײַן, וואָס אונדזער העלד שמואל שמעלקים האָט אויסדערווײלט בעסער צו גיין אָפּן עשׂפּאָט. ער האָט געוווּסט פּאָרויס, אַז ס'איז אַרויס־געוואָרפן זײַן גיין מיט זײַן ריידן מיט זײַן בעטן. רב נתן קורח וועט אים אויפנעמען מיטן ברייטן ברוך־הבא, וועט אים בעטן זיצן, וועלן מכבד זײַן מיט טיי אָדער מיט אײַנגעמאַכטס, אויספרעגן בײַ אים, וואָס הערט זיך עפּעס נײַס... ער, שמואל שמעלקים, וועט זיצן ווי אַף הייסע קוילן, וועט זיך אויפבינדן און פאַרבינדן עטלעכע מאָל דאָס האַלדזטיכל. ער וועט זיך בעת מעשׂה פּילן, ווי אַ מענטש, וואָס קלײַבט זיך באָדן, שטייט שוין אַ נאַקעטער און האָט מורא צו שפּרינגען אין וואַסער אַרײַן. וועט ער זיך אָננעמען מיט די לעצטע כוחות און וועט געבן אַ זאָג:

— איך האָב צו־נ־איך, רב נתן, אַ בקשה, מכח פּראָצענט, הייסט עס...

ער וועט נאָך נישט ענדיקן זײַן בקשה, וועט זיך בײַ רב נתנען אויפ־עפענען דאָס שוואַרצאַפּלדיקע אויג און עס וועט אָנהייבן קאָכן:

— ניין, ניין! אַלצדינג יאָ, נאָר דאָס נישט! וואָס פאַר אַ מאָדע — נישט צאָלן קיין פּראָצענט! פּראָצענט איז געלט, און געלט איז נישט שמעלט — פּכע! דײַן שווער איז געווען, זאָל מיר מוחל זײַן, אַ „קאַפּע־יעטשניק", געזשעברעט, געפּראַצעט, צוליב וועמען? צוליב אָט די דאָ־זיקע שמויגערס, די לאַמטערנשיסערס, וואָס דרוקן אַף די בלעטער און ווייסן נאָר טרענצלען געלט, פּלעכטן קערבלעך, און קומט צו פּראָצענט, איז פּכע! יאַסעפּיץ, ווו ביסטו, וואָס זאָגסטו דערויף?

וועט זיך באַווײַזן יאַסעפּיץ מיט טרוגעניעוון און מיט דאָרווינען, וועט אויסשנײַצן די נאָז מיט צוויי פינגער, וועט זיך אָפּווישן מיט דער פּאָלע און אַ זאָג טאָן:

— ס'איז נאָר נישטאָ וואָס צו ריידן!...

אָט אַזוי וועט זיך אויסלאָזן זײַן וויזיט צו רב נתן קורח מיט אומ־זיסטע בלוטצאַפּעניש, אומזיסטע בזיונות. און דאָך גייט ער צו אים, ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט. נאָר גייענדיק כאַפּט ער זיך אַרויף פריִער אַף

דער פאַסט און באַקומט דאָס גוט בלאַט און דערזעט די גוטע בשורה, ווי מיר ווייסן שוין, און ער בלײַבט שטיין אין מיטן גאַס און לייענט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און גלייבט נישט זײַנע אויגן, און שפּאַנט ווײַטער.

* * *

יאָ. דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעכער, זעלטענער פּרימאַרגן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט שוואַרצע וואָלקנס און געענדיקט זיך מיט אַ לויטערער זון. דאָס איז געווען אַ פּרימאַרגן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ „אים־פּאָלניטעלנע ליסט" און אויסגעלאָזט מיט אַ „יובילעום".

ז

שמואל שמעלקיס און גראַף טאָלסטאָי

„יובילעום"...

דאָס דאָזיקע זיסע וואָרט האָט זיך שטיל אַרײַנגעשליטלט, ווי אויף בוימל, צו אונדזער העלד אין האַרצן אַרײַן, האָט אים געוואַרעמט, ווי אַ גוטער ווײַן, ווי אַ באַלזאַם צו די ביינער, און אַביסל פאַרשכורט.

„מײַן יובילעום?!"... — אַזוי טראַכט זיך שמואל שמעלקיס מיט טרערן אין די אויגן און פאַרגעסט אין דער מינוט דעם גביר רב נתן קורח מיט דעם אַדוואָקאַט קאַפּל, און ער איז זיי מוחל די שפיכות־דמים, און איז מוחל אַלעמען פאַר אַלע פינף און צוואַנציק שווערע ביטערע יאָרן, פאַר אַלע קלעפּ פון גאָט און פון לײַטן, — אַלצדינג איז פאַרגעסן געוואָרן אַצינד! און שמואל שמעלקיס בריהט זיך שוין נישט, זוכט שוין נישט קיין סטעזשקעס; ער שפּרײַזט איבער דער כתרילעווקער בלאָטע, גלײַך ווי אויף דער בעסטער בריק, און לייענט די ליבע זיסע ווערטער פונעם אומבאַקאַנטן פרײַנט, וואָס האָט דערמאָנט דער וועלט, אַז ס'איז פאַראַן ערגעץ אַ שמואל שמעלקיס, וואָס איז הײַנט אַ בעל־שמחה, אַ בעל־יובל, אַ יובילאַר, — און ער פילט נישט די ערד אונטער זיך, און ער כאַפּט זיך צום בלאַט נאָכאַמאָל, און זײַנע אויגן פאַלן אויף אַ נײַעם נאָמען אינעם זעלבן בלאַט — גראַף ל. נ. טאָלסטאָי. אַלזאָ, צוויי יובילעומס, צוויי יובילאַרן: גראַף לעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי פון יאַסנע פּאָליאַנע און ער, שמואל שמעלקיס פון כתרילעווקע! כאַ־כאַ־כאַ!

און ער צעלאַכט זיך ניט ווילנדיק צו זיך אַליין: ווי קומט ער, אַזאַ קליין ווערעמל, קעגן אַ ווילזלטיר? ווי קומט ער, דאָס קלענסטע שטע־רנדל, קעגן דער גרויסער פלאַמענדיקער זון, וואָס באַשיינט די גאַנצע וועלט? און פונדעסטוועגן — אָט זעט איר דאָך — שטייט זיין נאָמען, שמואל שמעלקים, אינאיינעם מיטן ריזיקן גלית הפלשתי פון דער וועלט, מיטן גראַף טאָלסטאָי!...

און (אַ, זינדיקער מענטש!) עס כאַפּן אים אונטער זיינע געדאַנקען און טראָגן אים אַוועק, ווי אַלע מאָל, וויַיט אין הימל אַריין, אינעם עולם הדמיון, און ער פרעגט זיך: „לאָמיר זען, פאַר וואָס ניט?... און לאָמיר שמועסן דאָס אייגענע ווידער אַ מאָל צוריק — פאַר וואָס טאַקע ניט?... שוין זשע איז ער, דער אומבאַדייטנדער שמואל שמעלקים, נישט כמעט דאָס זעלבע אין דעם קליינעם פינצטערן כתרילעווקע, וואָס טאָלסטאָי פאַר דער גרויסער ליכטיקער וועלט? טאָלסטאָי, די גרויסע פלאַמענדיקע זון, האָט באַלויכטן מיט איר מוראַדיקן פייער די גאַנצע ערד, און ער, דאָס קליינע שטערנדל, האָט ער דען ניט באַלויכטן מיט זיין קליין פייערל אַ קליין שוואַרץ פינטעלע אויף דער ערד, וואָס מע רופט דאָס כתרילעווקע? ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענעבן צו וויסן דער וועלט, אַז ס'איז גאָר פאַראַן ערגעץ אַ כתרילעווקע, און אַז אין כתרילעווקע איז פאַראַן אַ בלאָטע, און אַז אין דער בלאָטע טיאַפּקען אַרום מאָדנע מינים נפשות, קליינע מענטשעלעך, וואָס קוועטשן און וואָס דריקן און וואָס פרעסן איינס דאָס אַנדערע מחמת הונגער און מחמת פינצטערניש און מחמת נויט און מחמת ענג־שאַפט און מחמת עפּוש? ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַוויזן, וואָס פאַר אַ פּערל עס וואַלגערן זיך אָט דווקא אין דער דאָזיקער בלאָטע, אָט דווקא אינעם דאָזיקן פינצטערניש, אָט דווקא אין דעם דאָ־זיקן ענגשאַפט און דעם דאָזיקן עפּוש?"...

ח

עס שיטן זיך מזל־טובס און מתנות, ווי פון אַ ראָזשעק

און שפּריַיזנדיק שוין מיט גאַנץ ברייטע שפּאַן איבער דער כתרי־לעווקער בלאָטע מיט אַזעלכע געדאַנקען, פרעגט ער באַ זיך אַליין אַ קשיא, אַ כתרילעווקער קשיא:

— וואָס וואָלט נאָט געאַרט, למשל, ווען די היגע קליינע מענ־טשעלעך זאָלן מאַכן אין כתרילעווקע אַ טאַרעראַם מיט זײַן יובילעום פּונקט אַזוי ווי דאָרט, להבדיל, די אומות העולם מיט דעם, להבדיל, גרויסן לעוו טאָלסטאָי?... פאַר וואָס ניט? און לאָמיר שמועסן דאָס אייגענע ווידער אַ מאָל צוריק: פאַר וואָס טאַקע ניט?... און פון דער מחשבה צו דער מעשה איז דאָך בײַ אונדזער העלד, אַזוי ווי בײַ אַלע כתרילעווצעס, נישט מער ווי איין שריט — און עס שטעלט זיך אים שוין פאַר אין דער מחשבה אַ קאָכעניש, פּונקט ווי מיטן גראַף טאָלסטאָי: אַ געוואַלד, אַ רעש, אַ געפּילדער, עס טוט זיך חושך:

— מזל־טוב! שמואל שמעלקים איז הײַנט אַ בעל־שמחה!

— אַ גוט יום־טוב! שמואל שמעלקים איז הײַנט אַ יובילאַר!

אין שטאָט איז געוואָרן ליהודים! ששון ושמחה! די קרעמער האָבן צוגעשלאָסן די קלייטן, מלמדים האָבן צעלאָזט די חדרים. אַלע פּונעם רב ביזן שמש, פונעם שוחט ביזן בעל־עגלה, האָבן זיך צענויפ־געזאַמלט, געקומען צו אים אין שטוב אַרײַן אים אָפּגעבן מזל־טוב. נאָר עפּעס ברעקלט מען זיך און מע קווינקלט זיך, גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך פאַרענטפערט:

— מיר האָבן גאָר נישט געוווּסט, הייסט עס, אַז ס'איז הײַנט אַזאַ טאָג. דאָס הייסט, מיר האָבן געוווּסט, פאַר וואָס זאָלן מיר ניט וויסן? נאָר מיר האָבן אַלץ געוואַרט, הייסט עס, ביז ס'וועט קומען די צײַט... ביז'ן יובל אַרײַן, הייסט עס...

נאָר וואָס איז דאָס געוואָרן פּלוצעם אַזאַ שטופּעניש מיט אַזאַ קוועטשעניש מיט אַ שושקערײַ? אַהאַ! דער גביר רב נתן קורח אַליין מיט זײַן כבוד איז אויך געקומען צו שמואל שמעלקים דעם יובילאַר אין שטוב אַרײַן מיט אַ שײַנענדיק פּנים, און — אַ נס איז געשען, אַ נס בתוך נס! הערט אַ מעשה: צוויי אויגן בײַ אים, מענטשעלעכע צוויי אויגן! ווו איז אַהינגעקומען דאָס שרעקלעכע שוואַרצאַפּלדיקע אויג?

— העכער דרײַסיק יאָר — אַזוי זאָגט רב נתן קורח צום גאַנצן עולם מיט זײַן זיס־לאַקרעצדיק שמייכעלע — העכער דרײַסיק יאָר, אַז איך גיי נישט אַרויס מפּתח ביתי, נאָר צוליב אַזאַ טאָג, כע־כע, האָב איך מיר מיישב געווען, ווי זאָגט ער, פאַרט אַ מענטש, וואָס שרײַבט

אזעלכע גוטע זאכן, כע־כע, שוין פינף און צוואנציק יאר, קומט אים, כ'לעבן, א יישר־כוח מיט א מתנה, כע־כע...

און ער דרייט זיך אוים מיטן פנים צוריק:

— יאסעפיץ, וואס זאגסטו?

וואקסט אוים יאסעפיץ, מע ווייסט נישט פון וואנען, שנייצט אוים די נאז מיט צוויי פינגער און ווישט זיך אפ מיט דער פאלע.

— ס'איז גאר נישטא וואס צו ריידן!...

נאכדעם ציט ארוים דער גביר רב נתן קורח א ווייסן בויגן פאפיר פון בוזעם־קעשענע און דרייט אוים דאס פנים צום בעל־היובל:

— נא דיר און בלייב דיר בא דער דירה מיט די צוויי גאנקעס, וואס דארף איך זיי? איך האבן געגוג, כע־כע... יאסעפיץ, וואס זאגסטו?

— ס'איז גאר נישטא וואס צו ריידן...

און דער עולם הערט, און קיינער וווּנדערט זיך נישט, גלייך ווי עס דארף אזוי צו זיין... נאר ווער שטייט עס הינטערן גבירס פלייצעס און כעבעקעט אים אונטער? עפעס זייער א קענטלעכער פארשוין! שוין זשע איז דאס קאפ דער אדוואקאט? ווּ איז אהינגעקומען זיין הינטיש פנים? און ער האוועט גאר נישט, און ער כאפט שוין ניט אזוי, און ער רעדט ווי א מענטש:

— אט האט איר אייך צוריק אייער פראדאזשנע אטא, מיט דער וואדראוולאדעניע אטא, מיט די אלע איבעריקע שפארגאלן, נא אסנאוואניע סטא טרידצאט פיאטאי סטאטי טאמא דיעסיאטאווא טשאסטי פערוואי סוואדא זאקאנאוו גראזשדאנסקיך...

און דער עולם הערט און קיינער וווּנדערט זיך ניט, גלייך ווי עס דארף אזוי צו זיין... און בחורים קומען אן, און מיידלעך קומען אן, דעפוטאציעס, מיט דעפוטאציעס, מיט דעפוטאציעס! ווער מיט א לארבער־קראנץ, און ווער מיט אן אדרעס, און ווער מיט א שיר, פארפאסט פון נאך גאר א יונגן משורר אין כתרילעווקע. הייַנט מתנות — א בארג מיט מתנות: טישטעכער און האנטעכער, און גאנצע שטיקער מאטעריע, און גאנצע קעפלעך צוקער, און פארחתמעטע פלעשלעך כרמל־וויין, און קאסטנס מיט נעפעס, און קעסטלעך מיט זילבער, און א שווערע מאסיווע גאלדענע פעדער האט אים יאסל דער גאלדשמיד, א ייִד א יא־

דישליוועך און מיט גראבע ליפּן, אונטערגעטראגן און זאגט צו אים מיט א הייזעריק קול:

— זהב טהור... זעקס און פופציקסטע פּרווו... עובר לסוחר... מע קאָן זי פאַרזעצן...

און נאָכדעם הייבן אָן גיין „וויגרישנע בילעטן”, און פּאַקעטן האָבן זיך געגעבן א שאָט, ווי פון אָן אַרבל. וואָס איז דאָס? דאָס איז געלט. מעות מזומנים!

און דער עולם שטייט און הערט, און קיינער וווּנדערט זיך נישט, גלייך ווי עס דאַרף אַזוי צו זיין... און ער קוקט זיך אַרום, זוכט מיט די אויגן חנהן. וווּ איז זי ערגעץ? אָט איז זי מיט די קינדער. זי שטייט און באַטראַכט די האַנטעכער מיט די טישטעכער מיטן איבעריקן בעל־הבתשקייט, און ער טראַכט זיך: „די האַנטעכער מיט די טישטעכער זיינען בא איר טייערער פון ווייס איך וואָס... א פרוי בלייבט א פרוי”... און ער באַגעגנט זיך מיט אירע אויגן, וואָס זיינען נאָך אַלץ פול מיט ליבשאַפט, און עס דאַכט זיך אים, אַז זיי זיינען נאַס.

— חנה, דו וויינסט? איצטער וויינסטו?

— חלילה!... אדרבה!... מיינע טאַטע־מאַמע זאָלן איצטער אויפשטיין...

און שטילע מילדע טרערן קייקלען זיך אַף איר צעקנייטשט, נאָר אַלץ נאָך שיין געזיכט. נאָר דאָ קומט אָן דאָס יינגסטע, דאָס ליבסטע און דאָס שענסטע, רייזעלע די מיזינקע, מיט איר שפּראַך:

— העטי מעטי קאַפּעטילע אי קייפּי טיעטי פּעטעלי.

און פאָטער און מוטער צעלאַכן זיך, און אַלע קינדער לאַכן. נאָר פּלוצעם ווערט א טומל מיט א פּאַטשעריי אין טיש:

— שאַ! שאַט! שטיל זאָל זיין! לאָזט הערן, וואָס מע רעדט!

— ווער רעדט?

— איך רייד!

ט

וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל געלט?

ווער איז דער איד? דאָס איז נחמיה, אַן אָרעם־בחור, א שטיקל עזות־מחוצף־פּנים, האַלט א דרשה לכבוד דעם בעל־היובל. אַן אַנדערס מאָל

וואָלט אַזאַ שייגעץ, אַזאַ קבצניוק, אפילו נישט געוואָגט עפּענען אַ מויל פאַר קיין עין הרע אַזאַ אַז ערה מיט מענטשן. נאָר איצט, אין אַזאַ טאָג...

און נחמיה דער אָרעם־בחור, דער עזות־מחוצף־פּנים, רעדט ־פאַר פּייער און פאַר וואַסער. לייגט די נגידים אַרצה און הייבט די אָרעמע לייט העכער הייזער, און דעם יובילאַר — ביזן הימל. און דער עולם הערט און שווייגט, און קיינער וווּנדערט זיך נישט, גלייך ווי עס דאַרף אַזוי צו זיין... און תיכף נאָך נחמיהן שטייט אויף חיים, און נאָך חיימען שטייט אויף בן־ציון, אַלע יונגע לייט, און אַלע ריידן איינער שענער פונעם אַנדערן, איטלעכער וויל זיך אויספּיינען פאַרן עולם מיט זיין צינגל און מיט זיינע קענטענישן. איינער אַ בחור מיט אַ פּאַטשיילע און מיט אַ שיינעם התוך־הדבור האָט זיך אַוועקגעשטעלט און דערמאָנט דעם עולם, אַז היינט יום־טובט די וועלט, איינגנטלעך, צוויי ימים טובים, צוויי יובילייען. און ער פאַרגלייכט דעם גראַף טאָלסטאָי צו, להבדיל, שמואל שמעלקים: אַזוי ווי דער, אַזוי יענער האָט תמיד אין זינען געהאַט נאָר טובת־הכלל: אַזוי ווי דער, אַזוי יענער האָט קיינמאָל קיין הנאה נישט געהאַט פון זיינע ווערק... שטייט אויף נאָך איינער. אַ בחור מיט גרויסע ציין און מיט אַ שטאַרקן באַריטאָן, און ווייזט אויף מיט זיין שכל־הישר און מיט זיין כוח־הדבור, אַז טאָלסטאָי דאַרף נאָך הייצן די חרובע באַ שמואל שמעלקים, וואָרעם דער גראַף טאָלסטאָי, אַז מיר זאָלן וועלן גוט באַטראַכטן, האָט זיין איינגנס כאָטש אַ יאַסנע פּאָליאַנע, און ער, שמואל שמעלקים, וואָס האָט געהאַט ביז אַהער? דלות האָט ער געהאַט, איך בעט אייך איבער אייער כבוד, דלות!

פּלוצעם הערט זיך אַ קול פון די בעלי־בתים!

— גענוג אייך שוין, יונגע צוצקעס, צו שלייפן די צינגלעך און אַרויסווייזן אייער בריהשאַפט! מע ווייס, אַז איר קאָנט ריידן, מע ווייס! צייט מע זאָל זיך נעמען צו אַ תכלית. ייִדן! לאָמיר קאָרשט געבן אַ טראַכט, וואָס זאָל מען טאָן מיטן ביסל מזומנם?

שטייט אויף איינער אַ פּיינער בעל־הבית:

— מע דאַרף אים פאַרזאָרגן מיט פּרנסה, מיט אַ געשעפט, עפּענען אַ קראָם, פון שניט און פון צעלניק און פון באַקאַליי און פון זאַליאַן...

שטייט אויף נאָך איינער, אויך אַ פּיינער בעל־בית, און טוט זיך אַ זאָג:

— אַ קראַם טויג נישט. אַ וויַינשענק. דאָס בעסטע איז אַ וויַינשענק.

— גיעדוויזשימאַסט! — שריַיט נאָך איינער, אַ בעל־הבית מיט אַ גרילצנדיקער שטימע. — היַיזער! היַיזער דאַרף מען אים קויפן און לאָז ער זיך זיצן און שריַיבן.

— אַ מאַיאָנטעק! — שריַיט נאָך איינער גאַנץ הויך. — אַ מאַיאָנ־טעק! אַן אימעניע מיט אַ הויף און מיט אַ סאַזשעלקע און מיט אַ וואַלד, אַ סאָסנאָווע וואַלד!

— סאָסנע איז בלאָטע! — שריַיט איינער נאָך העכער. — דעמב! דעמב איז געלט!

— בהמה! — ווערט איינער שיער נישט צעריסן שריַיענדיק — וואָס טויג אים געלט? געזונט — דאָס איז דער עיקר!...

און ער אַליין, דער בעל־יובל, אים פרעגט מען גאָרנישט. ער קוקט זיך איבער מיטן וויַיב, מיט חנהן. חנה שטייט. באַטראַכט די טישטעכער מיט די האַנטעכער מיטן איבעריקן בעל־הבתישקייט, און ער טראַכט זיך: „אַ פּרוי איז דיר קיין קאַטאָוועס נישט! דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ מאַיאָנ־טעק, און זי קוועלט אַז פון די טישטעכער מיט די האַנטעכער!" און זייערע אויגן באַגעגענען זיך, און עס דאַכט זיך אים, אַז חנהס אויגן, וואָס זיַינען נאָך אימער פול מיט ליבשאַפט, זיַינען נאַס. און ער וויל זי פרעגן: „נאַרעלע, וואָס וויינסטו? פרייען דאַרף מען זיך, נישט וויי־נען"... און דאָס יינגסטע, דאָס ליבסטע און דאָס שענסטע פון אַלע, רייזעלע די מיזינקע, קאַטשעט זיך צו אים, ווי אַ קאַטשקעלע:

— העטי מעטי קאַפּעטילע אי קייפי טיעטי פּעטעלי...

קיינמאָל האָט דאָס דאָזיקע העטימעטי־לשון נישט געהאַט אַזאַ חן, ווי איצטער, אין דער מינוט און ס'גלוסט זיך אים לאַכן, ווי ער האָט נאָך אויף זיַין לעבן קיינמאָל אַזוי נישט געלאַכט...

י

דער סוף פון דער קאָמעדיע

שוועבנדיק אין אַזעלכע ליכטיקע הימלען, שפּאַנט אונדזער העלד, דעם גראַף טאָלסטאָיס קאָלעגאַ, מיטן בלאַט אין דער האַנט און קומט־צו אומבאַמערקט אַליין נענטער צו זיך אַהיים, און דערזעט פון דער וויַיטן באַ זיַין שטוב מיט די צוויי גאַנקעס אַן אײַנגעלויף פון מענטשן, ייִדן

מיט ווייבער און קליינע קינדער... און ער וואכט אויף, פון שלאף, און ער פרעגט בא זיך: „שוין זשע איז דאס אמת, נישט קיין חלום, נישט קיין פאנטאזיע, אט דאס אלץ, וואס ער האט געזען ביז אהער אין דער מחשבה? שוין זשע האבן זיך דאס טאקע צונויפגעקליבן די כתרי־לעוועקער לייט צו פייערן זיין יובילעום?"...

און ער קוקט זיך גוט איין, און ער דערקענט צווישן עולם קאפל דעם אדוואקאט, שוין ווידער מיטן הינטישן פנים, און נאך א סך באקאנטע פארשוינען דערקענט ער. און עס ווערט אים קשה איין זאך: וואס זיצט עפעס זיין ווייב חנה מיט די קינדער אינדרויסן אף צונויפגעווארפענע בעבכעס, האלט דאס פנים אין די הענט, שאקלט זיך און וויינט?... ער שטעלט זיך אפ און הערט זיך איין און דערהערט חנהס קול, ווי זי יאמערט:

— זעט, יידישע קינדער, און נעמט אייך אראפ א מוסר, אף וואס איך בין איבערגעקומען, רב יאסיע דעם נגידס טאכטער!... טאטע־מאמע זאלן איצט אויפשטיין!...

בעלי־בתים קוקן זיך איבער, שמוצערן מיט די ליפן. ווייבער שאקלען מיט די קעפ, ווישן זיך די אויגן מיט די פארטעכער. איינער א ייד א בעל־הבית שטייט אקעגן קאפל דעם אדוואקאט און טענהט מיט הענט עפעס זייער געשמאק און אביסל פארשטעלט, אף כתרילעווקער לשון:

— אט אזוי ווי דו קוקסט מיך אן, נעם איך צווישן יא און ניין און צעפאטש דיר פאוואלינקע די הינטישע מארדע דיינע, דו כלב שבכלבים, דו מסור, דו יאבעדניק, דו פארקויפטע נשמה!

נעבעך א רחמנות אף קאפלען! וואס קאן ער ענטפערן אף אזעלכע מאדנע דבורים? ער טרעט אפ צוריק, קוקט אפן עולם און האווקעט זיך אפ, ווי וויים ער קאן:

— האוו־האוו־האוו! וואס וויל ער, יידישע קינדער?... אנגע־פאלן, טאמער ווייסט איר וואס?... וואס בין איך שולדיק? מיין פרנסה, האוו־האוו... מע שיקט מיך, גיי איך... דער כראק האט שוין לאנג פראסטראטשעט נא אסנאוואניע סטא טרידצאט פיאטאי סטאטי טאמא דיעסאטאווא טשאסטי פערוואי סוואדא זאקאנאוו גראזשדאנסקיך, האוו־האוו־האוו...

דער זייטיקער עולם מישט זיך אריין, טרעטן אן אלע אפן אדוואקאט

מיטן הינטישן פנים: אלע ריידן, אלע שרייען, אלע פילדערן, און אלע מיט הענט, און אלע אף קאפלען. און אונדזער העלד קוקט זיך איין און עס זעט אוים פון דער וויטן, ווי א מיטשקע הינט האבן באפאלן איינעם א הונט, אלע האווקען, און קאפל האווקעט זיך אפ... נאר פלוצעם וואקסט אוים א נייער פארשוין, גאוורילקא דער פריסטאוו, א באשע־פעניש מיט א גראבן בויך, ווי א קעסל־פויק. אז ער גייט, טרייסלט זיך דער בויך. און ריידן רעדט ער זייער געזונט יידיש, נאר ער ווארפט אריין פון יוצא וועגן א מאל א רוסיש ווארט אויך:

— גאספאדא! גאספאדא! אין שול אריין! דארט וועט איר זיך רייסן, דארט וועט איר זיך בייסן, דארט וועט איר ריידן גער־גער־גער, נישט אידא. פאזשאלאיטי וואן, גאספאדא!

דער עולם ווארפט אוועק קאפלען, רינגלט ארום דעם פריסטאוו און מע רעדט מיט הענט און אלע אינאיינעם:

— סמייטש, וואשע בלאגאראדיע!

— אזא רציחה, פאני!

— פאני, היתכן?...

— הישמע כזאת?...

* * *

פאר גרוים טומל האט, אפנים, קיינער נישט באמערקט אונדזער יובילאר, מחמת אז ער האט געוואלט צוגיין נענטער צו זיין אומגליק־לעכער חתן און צו זיינע פארגליווערטע קינדער, וואס האבן אויסגעזען ווי ארויסגעראטעוועטע פון א שרפה, האט ער זיך באדארפט רעכט דורכ־שטופן דורכן עולם. און אז ער האט זיך שוין דורכגעשטופט דורכן עולם, איז ער נישט צוגעגאנגען נישט צו זיין אומגליקלעכער חתן, נישט צו זיינע פארגליווערטע קינדער. ער האט נאר געזוכט מיט די אויגן אן ארט, ווו אוועקצוזעצן זיך, — אזוי מיד האט ער זיך געפילט, אזוי אפהענטיק און אזוי אויסגעמוטשעט איז ער געווען פונעם דאזיקן וווּנדערלעכן פרי־מארגן.

גרויסארטיק, מאיעסטעטיש און ווי מיט א איראניש שמייכעלע קוקט אראפ פונעם קילן הימל די סוף־זומערדיקע זון אף דער שטאט כתרילעווקע מיט איר בלאטע, מיט אירע קליינע מענטשעלעך, וואס טיאפקען זיך אין דער דאזיקער בלאטע, און אפן ארויסגעווארפענעם געזינדל, וואס וואלגערט

זיך מיט די בעבעכעס אינדרויסן, און אף אלע, וואס דרייען זיך דא ארום, היצן זיך, אמפערן זיך, שטעלן זיך און זײַנען גרייט דורס זײַן, אײַנשלינגען איינס דאס אנדערע איבערן גראשן, איבערן גראשן, איבערן גראשן! . . .

גאנץ אליין, ווי א ווילד פרעמדן, זעען מיר זיצן אף אן ארויסגעשלײַדערט בענקל דעם העלד פון דער דאזיקער קאמעדיע. נישט מיר זעען, ער זאל וויינען, נישט מיר הערן, ער זאל באקלאגן זיך אף עמעצן. נאר זײַנע טיף־טרויעריקע איבערגעצויגענע אויגן קוקן אפן עולם מיט א פארגעניגנדיקן בליק, גלײַך ווי ער וואלט וועלן וויסן, אויב עס איז נישט קיין חלום אט דאס אלץ, וואס ער זעט אט־דא און וואס ער הערט אט־דא? . . .

— זאגט נאר, גוטע, ליבע מענטשן, איז דאס נישט קיין חלום? . . .

ניין. ס. ס׳איז נישט קיין חלום . . .

ליידער איז דאס נישט קיין חלום! . . .

און ער ווישט זיך מיט דער קאפאטע די גרויסע קאלטע טראפנס שוויים, וואס קײַקלען זיך פון זײַן שטארק געקנייטשטן שטערן.

געשריבן אין יאר 1908.

ווֶעלוול גאַמבעטאַ

א

גאַמבעטאַ איז געווען אַ ייִד, ווֶעלוול איז געווען אַ ייִד; גאַמבעטאַ איז געווען אַ בלינדער אַף איין אויג, ווֶעלוול איז געווען אַ בלינדער אַף איין אויג; גאַמבעטאַ איז געווען אַן אַדוואָקאַט, ווֶעלוול איז געווען אַן אַדוואָקאַט. דער גאַנצער חסרון איז, וואָס יענער גאַמבעטאַ איז געזעסן אין פּאַריז, און דער גאַמבעטאַ — אין כּתרילעווקע. און אפשר איז דאָס גאָר אַ מעלה, נישט קיין חסרון? וואָרעם לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס וואָלט געטאָן, למשל, דער פּאַריזער גאַמבעטאַ אין כּתרילעווקע? און וואָס וואָלט געטאָן דער כּתרילעווקער גאַמבעטאַ אין פּאַריז? אַ סך גלייַכער, וואָס דער פּאַריזער גאַמבעטאַ איז געבליבן זיצן אין פּאַריז, און דער כּתרילעווקער גאַמבעטאַ איז געבליבן זיצן אין כּתרילעווקע און זיצט ראָרט אפשר עד היום הזה.

ערשטנס, האָט ער בּאַ אונדז אַ נאָמען פון דעם גרעסטן קאָפּ־מענטש; ער זאָל נישט זייַן קיין ייִד, וואָלט ער געווען, זאָגט מען, אַ מיניסטער; און מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ סך געזינטער, אַז מע זאָגט אַף אַ מענטשן, אַז ער וואָלט געקאָנט זייַן, איידער אַז ער איז שוין, וואָרעם אַז יענער איז שוין, איז ער שוין, און דער וואָס איז נאָך נישט, קאָן נאָך זייַן; ער האָט ביך, הייסט ער... והשנית, האָט ער בּאַ אונדז שיין פּרנסה און דווקא בכבוד. דאָס הייסט, נישט אַלעמאָל בכבוד, וואָרעם אַ מאָל מאַכט זיך, מע האָט בזיונות אויך, נאָר מיט וועמען מאַכט זיך נישט קיין בזיונות? ווער קאָן זיך דאָס באַרימען, אַז ער האָט אַף זייַן לעבן נישט געהאַט קיין אומכּבוד? ווו איז דאָס דער חכם און דער בריה, וואָס קאָן מאַכן אַזוי, אַז ער זאָל קיינמאָל פון קיינעם קיין בזיון נישט האָבן? איך רייד שוין

נישט פון פּעטש: קיין מענטש אױף דער װעלט איז נישט באַװאָרנט פון אַן אומגעריכטן פּאַטש... פאַר װאָס זשע מיר גראַד געקומען אױף די געדאַנקען פּעטש? װײַל די דאָזיקע מעשה הייבט זיך אָן מיט פּעטש, און װען נישט קיין פּעטש, װאָלט װעלװל נישט געװען בלינד אױף איין אויג, און װאָלט נישט געװען קיין אַדװאָקאַט, און װאָלט נישט געהייסן „װעלװל גאַמבעטאַ", און איך װאָלט נישט געהאַט װאָס צו שרײַבן, דער דרוקער װאָלט נישט געהאַט װאָס צו דרוקן, און איר װאָלט נישט געהאַט װאָס צו לייענען. אַצינד, אַז גאָט האָט געטאָן אַ נס און ס'איז געװען פּעטש, האָט מען װעלװלען אַרויסגעזעצט אַן אויג, איז ער געװאָרן אַן אַדװאָקאַט, און מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן „גאַמבעטאַ", און איך האָב, ברוך השם, װאָס צו שרײַבן, און דער דרוקער האָט װאָס צו דרוקן, און איר האָט װאָס צו לייענען, — געלויבט זאָל זײַן דער נאָמען פון דעם, װאָס לעבט אייביק און אױף אַלע מאָל, אָמן.

ב

איך װייס, װיבאַלד איר הערט, מע רעדט פון פּעטש, פון ייִדישע פּעטש, אַזוי קומט אײַך אויפן זינען אַ שול, גבאים, אתה הראית... װאָרעם װוּ דען קאָנען ייִדן שלאָגן זיך, אַז נישט אין קיין מקום קדוש? װען דען קאָנען ייִדן פּאַטשן זיך, אַז נישט שמחת־תורה צו די הקפות? עס קאָן זײַן, אַז איר זײַט אפשר גערעכט, נאָר איצטיקס מאָל האָט איר דווקא נישט געטראָפן (נישט אַלע מאָל טרעפט איר!). ס'איז געװען נישט אין שול, נאָר אין פּאָליש, נישט אום שמחת־תורה, נאָר חול־המועד־פּסח, און נישט פאַר אתה הראית, נאָר פאַר איין װאָרט „אַבאָנענט"...

פאַראַן אַ װאָרט „אַבאָנענט" און פאַראַן אַ װאָרט „אַבאָנעמענט"; אַבאָנענט הייסט אַ פאַרשריבענער (אױף אַ בוד, אַ צײַטונג, אַ בילעט, וכדומה), און „אַבאָנעמענט" איז די טײַטש „דאָס זײַן פאַרשריבן". האָט זיך באַדאַרפט טרעפן אַזוי, אַז עפּעס איינער אַ בחור (דאַכט זיך, אַז אפרים־יוסל־משה־בערס) האָט זיך חול־המועד־פּסח אין שול פאַר זײַנע חברים באַרימט, אַז ער האָט זיך פאַרשריבן אין דער ביבליאָטעק אױף לייענען ביכער, איז אים אויסגעקומען צו זאָגן בזה הלשון:

— איך קאָן אײַך אָנזאָגן אַ בשורה, קינדער, אַז איך בין שוין אַן אַ ב אָ נ ע מ ע נ ט:

האט זיך אנגערופן איינער פון די איבעריקע בחורים:

— וואס הייסט דו ביסט אז „אבאנעמענט"?

מאכט ער:

— איך האב מיר פארשריבן אין דער שטאט־ביבליאטעק.

מאכט צו אים יענער:

— הייסט דאך דאס, אז דו ביסט אז „אבאנענט", נישט „אבאנע־מענט".

מאכט ער:

— למאי נפקא מינה? „אבאנענט", צי „אבאנעמענט"?

מאכט צו אים יענער:

— ס'איז א גרויסע נפקא מינה; ס'איז אזא חילוק, ווי, למשל, פון בניך ביז בוניך, אדער ווי פון יככה ביז יבבה: אבאנענט הייסט אבא־נענט, און אבאנעמענט הייסט אבאנעמענט.

און דערביי האט יענער באוויזן מיט דער האנט, וועלכעס הייסט „אבאנענט" און וועלכעס הייסט „אבאנעמענט": דאס הייסט, אייגנטלעך, האט ער מיט דער האנט גארנישט אויסגעוויזן, נאר געמאכט האט ער מיט איר, אזוי ווי מע מאכט, למשל דעמאלט, ווען מען וויל געבן עמעצן גוט צו פארשטיין, וועלכעס הייסט „מאסיוו"; דערביי טוט מען א רעבטן קוועטש מיט דער האנט און מע זאגט, אז מאסיוו ווערט אנגערופן א זאך, וואס איז מאסיוו... און אזוי ווי יענער בחור האט פון די הענט נישט פארשטאנען דעם חילוק צווישן „אבאנענט" ביז „אבאנעמענט", האט ער איבערגעחזרט נאכאמאל דאס אייגענע:

— אצינד הער איך איך אלעמען פאר דריי פיטאקעס, ווארעם איך בין מיר אליין אן אבאנעמענט.

— אבאנענט! — פאריכט אים יענער ווידעראמאל.

— למאי נפקה מינה?

— ווידעראמאל למאי נפקא מינה?

— ווער בעט דיך, זאלסט מיך פאריכטן?

— אז דו זאגסט שלעכט, פאריכט איך דיר.

— פון וואנען ווייסטו, אז איך זאג שלעכט? טאמער פארקערט?

— ווארעם איך וויים.

— זאג איך, אז דו ווייסט נישט.

— זאג איך, אז דו ביסט אן עם־הארץ.
— זאג איך, אז דו ביסט אן עזות־פנים.
— זאג איך, אז דו ביסט א פארכוטש און האסט א טאטן א שמא־רעוואז און א פעטער א גנב.
— זאג איך, אז א ר...

מער האט מען נישט געקאנט כאפן, וואס האט דער געזאגט און וואס האט יענער געזאגט, מחמת עס זיינען געפלויגן פעטש פון ביידע צדדים; מענטשן זאלן זיך נישט געווען אריינלייגן, וואלטן זיי זיך אפעביסן איינס דאס אנדערע די נעזער; נאר מחמת מענטשן האבן זיך אריינגעלייגט, האט יענער דעם אפגעריסן נאר א האלבע קאפאטע, און דער יענעם האט אומגערן דערלאנגט מיטן עלנבויגן אין אויג אריין, האט יענער געגעבן א מאדנעם געשריי און איז געפאלן חלשות, האט מען אים גענומען מינ־טערן, און אז מע האט דערזען, אז ס׳איז אויפגעלאפן אן אויג, איז גע־ווארן א גרויסער גוואלד און מע האט געבראכט דעם דאקטער, האט דער דאקטער געזאגט, אז ס׳איז פארפאלן דאס אויג, איז דער גוואלד געווארן נאך גרעסער. סטייטש, אן אויג! ארויסגעזעצט אן אויג! אויג היינט, אויג מארגן — יענער איז געבליבן אן אן אויג, און דער דאזיקער „יענער" דאס איז געווען וועלוול.

ג

פון דער דאזיקער מעשה מיטן אויג פארשטייט איר, אז דאס איז געווען אין דער צייט, ווען די השכלה אין כתרילעווקע האט שוין געגרייכט אזוי ווייט, אז מען האט שוין געקאנט ריידן פון אזעלכע ענינים בפרהסיה. אז עק — אויס בוידעם, אויס קעלער, אויס אונטערן־אויוון, אויס בא־האלטן זיך אין פארבארגענע ערטער און זינדיקן דארטן שטילערהייט מיט יצחק בער לעווינזאן, מיט מאפו און מיט סמאלענסקין. עפנטלעך, יידישע קינדער! בפרהסיא, כתרילעווקער בחורימלעך, פרייט זיך! מע האט אייך ארויסגעלאזט אף גאטס וועלט! מזל טוב אייך, טיר און טויער זיינען פאר אייך אפן! לויפט, וויסע־חברהניקעס, גיכער, פארכאפט ערטער, נאר שאנעוועט אייך, זייט וווילע קינדער, ווארעם אט־אט רוקט זיך אן א כמארע, אט פארמאכט מען די „חדרים" סאמע אונטער אייער נאז: איר וועט קלאפן, און מע וועט אייך נישט עפענען; איר וועט

שרײַען, און מע וועט אײַך נישט הערן; די האר וועט איר זיך רײַסן און וועט זאָגן: חבל על דאבדין — געווען אמאָל יאָרן, אי, יאָרן!

סאמע אין די דאָזיקע יאָרן האָט אונדזער רב וועלוול געגאַשט פון דער ציוויליזאַציע א סך ביכער און א סך פרעמדע ווערטער (ער האָט געוווּסט כמעט דאָס גאַנצע ווערטערבוך אַף אויסווייניק), און דערבײַ איז ער געבליבן, און ווען עס זאָל זיך אים נישט געווען טרעפן דאָס אומגליק מיטן אויג, וואָלט ער, ווי א סך אַנדערע בחורים, אפשר געפאָרן שטודירן, וואָלט געענדיקט דאָקטער אָדער יוריסט און ער וואָלט געווען אפשר א מפורסם אין דער וועלט. נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך אים געטראָפן יענער אומגליק מיטן אויג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַף דעם אָרט, ווו ער האָט געהאַלטן, און מחמת ער איז געווען פאַרט א מענטש פון ביכער און פון פרעמדע ווערטער, און א הענטל האָט ער געהאַט א שיינס, און א קעפּל האָט ער געהאַט א שאַרפס, האָט ער זיך גענומען צו „אַדוואָקאַטור“, דורכגעקוקט רעכט דעם נײַעם „שלחן-ערוך“, אויסגעלערנט דעם גאַנצן „סוואָד-זאַקאָנאָוו“ אַף אויסווייניק און אויפגעהאַנגען א צעטל בײַ דער טיר:

פּאָווערעני פּאָ דיעלאָם

און אויסגעמאָלט א טינטער מיט א לאַנגער פּען — א סימן, אַז דאָ שרײַבט מען, און דאָס איז געווען הייליק, מחמת ריידן האָט מען דאָ נישט גערעדט, נאָר געשריבן און נאָר געשריבן.

דאָס פּאַפּיר, וואָס וועלוול האָט אָנגעשריבן, איז געווען אַזוי גוט, אַז מע זאָל אויספאָרן וועלטן, וועט מען בעסער נישט אָנשרײַבן; אַזוי האָט געזאָגט וועלוול אַליין און אַזוי האָבן געזאָגט בײַ אונדז אַלע די, וואָס האָבן א שטיקל ידיעה אינעם ענין פון שרײַבן. פאַר זײַן שרײַבן האָט מען זייער מורא געהאַט, געציטערט אימת מוות, מחמת אַז ער האָט גענומען די פּען אין האַנט און האָט אָנגעהויבן שרײַבן, האָט זיך בײַ אים געגאָסן ווי פון א פאַס. ער האָט מיט זײַן שרײַבן אָנגעשפּאַרט אומעטום, ווו איר ווילט — צום גובערנאַטאָר, צום מיניסטער, און ווו נישט? דערפון קאָנט איר חלילה מיינען, אַז מײַן וועלוול איז געווען א מוסר אָדער א יאַבעדניק? אַסור! פאַראַן אַלערליי מוסרים מיט אַלערליי יאַבעדניקעס אַף דער וועלט, און מער ווי אומעטום זײַנען זיי, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן, פאַראַן בײַ אונדז, בײַ ייִדן, הייסט דאָס: איינער מסרט

דעו אנדערן דערפֿאַר, וואָס יענער האָט בײַ אים צוגענומען פּרנסה, און איינער מסרט דעם אנדערן צוליב דעם, ער זאָל בײַ יענעם צונעמען פּרנסה... איינער מסרט דעם אנדערן דערפֿאַר, וואָס יענעם איז צו גוט, און איינער מסרט דעם אנדערן דערפֿאַר, וואָס אים אַליין איז נעבעך נישט גוט... און ווידער איז פֿאַראַן אַזעלכער, וואָס שרײַבט אַן אױף יענעם אַ מסירהלע גלאַט אַזוי, אַן אַ שום סיבה און אַן אַ שום טעם, פֿון הימלעבקייט וועגן; ער איז, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ בעלן אַנקוקן, וואָס וועט זײַן דערפֿון... די דאָזיקע אַלע מינים מוסרים, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט, חתמענען קיינמאָל זייער נאָמען נישט. מען קאָן זיי פֿאַרגלײַכן צו דעם געוויסן סאָרט „פֿאַרביסענע" הינט, וואָס פֿאַלן אַן אױף אײַך תּמיד פֿון הינטן, טוען אײַך אַ כאַפּ בײַ דער ליטקע, לאָזן אײַך בלוט אָדער זיי רײַסן אָפּ אַ פּאָלע, פֿאַרבייגן דעם עק — און אַ גוטן טאָג.

ד

ניין, נישט פֿון דעם מין איז געווען וועלוול גאַמבעטאַ.

ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט, און זײַן אַדוואָקאַטור האָט ער געפֿירט מיט זײַן אייגענעם סיסטעם. זײַן סיסטעם איז באַשטאַנען אין צײַען, אָפּצײַען, פֿאַרצײַען, אַוועקצײַען; און וואָס מער געצויגן, אָפּגעצויגן, פֿאַרצויגן און אַוועקגעצויגן — איז אַלץ בעסער (פֿאַר אים, געווײנטלעך). הײַנט האָט ער ליב געהאַט פּאַפּירן אַ סך, אַ פּאַפּיר און נאָך אַ פּאַפּיר, אַ פּאַפּיר אױף אַ פּאַפּיר — אַזויפֿיל פּאַפּירן, אַז איבער די פּאַפּירן האָט מען דעם עסק קיינמאָל נישט אַרויסגעזען, נאָר פּאַפּירן.

— וואָס הערט זיך, רב וועלוול, מיט מײַן עסק?

— וואָס זאָל זיך הערן? מע באַדאַרף דערלאַנגען נאָך אַ פּאַפּיר, וועט שוין זײַן גוט.

— פֿאַרוואָס זשע דערלאַנגט איר נישט דאָס פּאַפּיר?

— איך קאָן נישט דערלאַנגען דאָס פּאַפּיר, ביז איך וועל נישט אַרויסנעמען אַ פּאַפּיר, אַז איך האָב אײַנגעגעבן די פּאַפּירן.

— פֿאַרוואָס זשע נעמט איר נישט אַרויס דאָס פּאַפּיר?

— אָט דאָס שמועסט מען דאָך, אַז איך באַדאַרף אײַנגעבן אַ פּאַפּיר, איז איך וויל אַרויסנעמען אַ פּאַפּיר, אַז איך האָב אײַנגעגעבן די פּאַפּירן.

— אַ מעשה אַן אַן עק מיט אײַך, רב וועלוול!

— לוינט אײַך נישט? טאַ זוכט אײַך אַן אַנדער אַדוואָקאַט, אַ בעסערן פון מיר.

נאָר ס'איז בלאָטע. יענער וועט זיך נישט זוכן קיין אַנדער אַדוואָקאַט, און וועלוול וועט ברענגען פּאַפּירן, און צײַען וויפל עס וועט זיך לאָזן, וואָרעם ער איז פאָרט דער בעסטער פון אַלע אַדוואָקאַטן אין כתרי־לעווקע. יאָסל דער אַדוואָקאַט האָט נאָר אַ צינגל אַ שאַרפס, אי דאָס — באַ זיך אינדערהיים; דאָרט — גאָרנישט... מענדל קראַפּאַון — דאָס איז דאָך אַן עם־הארץ, אַ ביזוי־בזיון פאַרן סודיאַ; ער שמיצט אים גאַנץ אָפט די פּראָשעניע אין פנים אַרײַן: שטיוול, זאָגט ער, דאַרף ער פּוצן, נישט קיין פּראָשעניעס שרײַבן... סאָלאָוויטשיק איז אַפילו יאָ אַ שטיקל קענער, כלומרשט געענדיקט, זאָגט ער, דרײַ קלאַסן. איז ער אַ זשוליק, אַ פּראָסטער גנב. איין ירחמיאל איז אַ לײַטישער מענטש, איז ער אָבער אַ גאַנצער פריץ און אַ שווײַגער; די וועלט האָט פײַנט אַ מענטשן, וואָס שווײַגט; די וועלט האָט ליב אַ מענטשן, וואָס רעדט, בפרט אַן אַדוואָקאַט באַדאַרף זיך לאָזן ריידן. וואָס דאַרפט איר אַן אַדוואָקאַט — אַפילו אַ דאָקטער; דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס געהער זיך אַן אַ צונג מיט אַ דאָקטער? פונדעסטוועגן איז אויך אַנגענעם, אַז ער לאָזט זיך ריידן. אָט איז פאַראַן באַ אונדז וויפל דאָקטוירים, האָט קיינער נישט אַזויפיל פּראַקטיקע, ווי דער שוואַרצער דאָקטער האָט, וואָרעם דער שוואַרצער דאָקטער, אַז ער קומט צום חולה, פרעגט ער באַ אים אויס נישט נאָר, וואָס ער האָט נעכטן געגעסן, נאָר איטלעכס ברעקל טאַפּט ער באַ אים אויס: פון וואַנען ער איז, און וויפל ער איז אַלט, און צי איז ער אַ באַווײַבטער, און וויפל קינדער האָט ער, ייִנגלעך צי מיידלעך, און וואָס צאָלט ער דירה־געלט, און פאַרוואָס ברענט די לאָמפּ אַזוי פינצטער, און למאי האָט דאָס קליינע קינד אַזאַ גרויסן פּופּיק, — זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט, ס'איז אַ מחיה! אַזאַ דאָקטער, אַז ער קומט צו גיין, ווערט ליכטיק אין שטוב און פריילעך אַפן הארצן; דער חולה אַליין פילט זיך אַ סך בעסער ווי פון דעם בעסטן רעצעפּט; וואָס דאַרף ער אַ רעצעפּט, זאָגט ער, אַז דער דאָקטער איז מיר אַליין אַ רעצעפּט? פונקט דער היפּך פון יענעם דאָקטער אין יעהופּעץ, וואָס איך בין געווען באַ אים, נישט הײַנט געדאַכט, מיט מײַן ווײַב זאָל לעבן. מײַן חיה־עטל, דאַרפט איר וויסן, איז אַזוי אויך געגוג נערוועז, הײַנט שטעלט אײַך פאָר, אַז דער

חכם הייסט זיך באַווײַזן די צונג און טוט אַ מאַך מיט דער נאָז, טוט אַ טאַפּ דעם דופק און אַ מאַך מיט דער נאָז, זיצט די גאַנצע צײַט ווי אַ חתן — ער זאָל דאָס אַרויסלאָזן אַ וואָרט, און פּלוצעם פאַרגלוסט זיך אים אַ פרעג טאָן בײַ איר:

— וווּהין רעכנט איר פאָרן אױפן זומער?...

מײַן חיה־עטל האָט מער נישט באַדאַרפט: זי איז געוואָרן אויס מענטש און האָט מיך אָנגעהויבן צו טרײַבן, מיר זאָלן שוין פאָרן וואָס גיכער קיין אויסלאַנד — אין די „וואַרעמבעדער", און אַז איך האָב זי אַ פרעג געטאָן, וואָס איז אַזוי דאָס גיכקייט? איז זי אַף מיר אָנגעפאַלן און געזאָגט, אַז זי זעט שוין לאַנג, אַז איך לעבן איז בײַ מיר ווערט אַ דרײַער, אַז איך וויל, אַז זי זאָל חלילה שטאַרבן, און נאָך כּדומה אַזעלכע ווערטער האָט זי מיר געזאָגט, ווי דער שטיינער איז פון אַ ווײַב, אַז זי וויל דערגיין דעם מאַן די יאָרן — און אַלץ איבער אים, איבערן דאָק־טער פון יעהופּעץ... נאַר שאַט! איך האָב אָנגעהויבן פון אַדוואָקאַטן און בין אַרויף אַף דאָקטוירים. לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו אונדזער אַדוואָקאַט וועלוול גאָמבעטאַ.

ה

נאָך איין זאַך איז געווען אין וועלוולס סיסטעם — עדות. צו יעדן ענין איז בײַ אים געווען עדות און עדות אַף עדות. אינעם שכל פון עדות האָבן געשטעקט צוויי זאַכן: ערשטנס, האָט מען צוליב די עדות געקאָנט ציִען, אָפּציִען, פאַרציִען, און אוועקציִען וויפל ער האָט אַליין געוואָלט, וואָרעם צווישן אַ סך עדות מוז זיך מאַכן, אַז איינער ווערט נישט געזונט, איינער פאָרט אוועק און איינער האָט גלאַט פאַרגעסן, אַז מע רופט אים אַרויס פאַר אַן עדות. און, צווייטנס, האָט ער מיט די עדות גופא געפירט אַ פּאָליטיקע, אַ משונה־מאָדנע פּאָליטיקע, וועלוולס פּאָליטיקע.

נאָר דאָ מוז איך אָפּטרעטן אַף אַ ווײַלע פון די עדות און אויסזאָגן אַ סוד (צווישן אונדז וועט דאָך עס מסתמא בלײַבן?), אַז אונדזער וועלוול האָט צום מייִנסטן געפירט עסקים פון ביידע צדדים, דאָס הייסט, ער האָט באַוויזן אַ קונץ, אַז ער האָט געקאָנט זײַן אין איין צײַט אַדוואָ־קאַט פון ביידע צדדים. סע פאַרשטייט זיך, אַז איינער פונעם אַנדערן האָט

נישט געטאַרט וויסן, אַז איטלעכער צד האָט גערעכנט, אַז וועלוול — דאָס איז זײַן צד.

איר ווילט וויסן, ווי אַזוי ער האָט דאָס געטאָן? גאַנץ פּשוט! שטעלט אײַך פֿאָר: איר זײַט געקומען צו וועלוולען מיט אַ בקשה, ער זאָל אײַנגעבן אַף מיר אַ פּאַפּיר, אַז איך האָב אײַך דאָס און דאָס. האָט ער קודם כּל צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך גאָט ווייס וואָס, סיביר אַליין איז אַ הונט קעגן דעם, וואָס מיר קומט דערפֿאַר! און בשעת־מעשה פֿײַערט ער אַף מיר מיט סכּנות נפֿשות: סטײַטש, סטײַטשט, איך זאָל אַזעלכעס טאָן! ער זאָל זיך, זאָגט ער, זען מיט מיר, וואָלט ער מיר געזאָגט אַזוי און אַזוי!

— איך מוז זיך, זאָגט ער, זען מיט אים, איך וועל אים, זאָגט ער, אומיסטן שיקן רופֿן, דעם דאָזיקן פּאַדליעץ!...

אַזוי זאָגט אײַך וועלוול און שיקט מיך רופֿן און מאַכט צו מיר אַזוי:

— וואָס זאָגט איר אַף דעם שייגעץ? (נישט איך, וועלוול זאָגט דאָס). לאָ די ער האָט אײַך אַזוי געזידלט, ווײַל ער נאָר אַף אײַך אײַנגעבן אַ פּאַפּיר! ער איז בײַ מיר געווען, האָב איך אים מסתמא געזאָגט, אַז איר זײַט גערעכט, נישט ער. וואָס־זשע דען? איר קענט דאָך מיך, אַז איך בין נישט קיין מענטש פֿון חניפֿה, און נעמען אַף זיך פֿירן דעם דאָזיקן עסק וועל איך אויך נישט...

שלאָג איך אים מסתמא איבער און פֿרעג בײַ אים:

— פֿאַרוואָס?

ענטפֿערט ער מיר:

— איך וויל נישט. קוים איז יענער געווען בײַ מיר, פּאַסט מיר נישט.

הייב איך דאָך אים אָן אײַנריידן:

— מילא, וואָס יענער איז געווען; למאי אַט בין איך אויך?

הקיצור, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז איך רייד אים איבער און ער נעמט אָן דאָס עסק און ווערט מײַן אַדוואָקאַט.

נאָכדעם הייבט זיך אָן — אַ חתונה מיט עדות. ער אַליין שטעלט צונויף די עדות פֿון ביידע צדדים און פֿירט דאָס געשעפֿט פֿון איינעם צום אַנדערן אַזוי קונציק, אַזוי בריהש, אַז די עדות צווישן זיך מוזן

סוף־כל־סוף זיך צעקריגן, אויסזידלען איינס דאָס אַנדערע גאַנץ בעל־הבתיש, און פאַרוואָס זאָל מען זיך טאַקע נישט פּאַטשן אויך? אָט דעמאָלט האָט ער ערשט וואָס צו טאָן — אַ פרישע פּראַקטיקע. די צעקריגטע און צעפּאַטשטע עדות האָבן דאָך געווײנטלעך זייערע עדות, וואָס זײַנען געווען בשעת פּאַטשן זיך, און ווײַבאַלד זיי קומען זיך צונויף צו וועלוול „סוואַדזאַקאָן", מוזן זיי זיך סוף־כל־סוף צעקריגן זיך, אויסזידלען איינס דאָס אַנדערע און צעפּאַטשן זיך — ווידער אַ פּראַקטיקע פאַר וועלוולען.

ד

איין חסרון האָט געהאַט וועלוול גאַמבעטאַ (איר האָט אַ מאָל געווען אַ מענטשן אָן אַ חסרון?): ער האָט נישט געקאָנט הויזן מיט קיין ווײַב. אַ ווײַב האָט מיט אים מער נישט געקאָנט אָפּזײַן ווי אַ יאָר, העכסטנס — אַנדערהאַלבן.

דערפון איז צו פאַרשטיין, אַז וועלוול האָט געהאַט נישט איינע, נאָר עטלעכע ווײַבער. איר מיינט, עטלעכע מיטאַמאָל? חס וחלילה! אַזוי ווײַט „קולטורנע" איז כתרילעווקע נאָך נישט, אַז אַ ייִד זאָל זיך דאַרט פאַרגינען, ווי כדומה אין ליִטווישע שטעט, וווּ ייִדן טוען נאָך אַנדערע און האָבן אַ ווײַב, און נאָך אַ ווײַב, און נאָך אַ ווײַב; כתרילעווקער ייִדן דאַנקען גאָט, אַז זיי קאָנען אויסהאַלטן איין ווײַב. זיי זאָגן, אַז איין ווײַב קאָן אויך מאַכן גרוי און אַלט, אויב זי האָט אַ שיינעם גוסט און איז באַקאַנט מיטן שנײַדער און מיט דער מאָדיסטקע: און ווער שמועסט, אַז זי מיינט, אַז זי קאָן אַ ביסל „צימבלען אַפן טאַפּטשאַן", אויב זי האָט געלייענט אַף איר לעבן נאָר איין ביכל און געווען צוויי־דרײַ מאָל אין טעאַטער און קאָן שפּילן אין „סטוקעלקע" און איז „טערטל־מערטל", — דעמאָלט איז שוין אַז אַך און ווי דעם מאַן! ער מוז שווין אין זינען האָבן ווינטער אַ זשורפּיקס באַטש איין מאָל אין וואָד, און זומער אַ דאַטשע, און דעם זון אין גימנאַזיע, און דער טאָכטער אַ סטודענט, — הקצור, ס'איז אַ רחמנות אַפן מאַן, אַ צער־בעלי־חיים, מיר קאָנען אים גאָרנישט העלפן, סײַדן מיט אַ קרעכץ... און לאָמיר זיך אָקאַרשט אומקערן צוריק צו אונדזער וועלוולען מיט זײַנע ווײַבער.

דאָס ערשטע ווײַב זײַנס איז געווען טאַקע אַ אונדזעריקע, פון

כתרילעווקע, הייסט דאָס, יאַסיע דעם ליכטציִערס אַ טאָכטער, אַ מיידל גליַיך מיט אַלע מיידלעך, אַ בעל־הביתיש קינד. מענטשן האָבן שטאַרק מקנא געווען יאַסיען אַפן שידוך: מיט אַזוי ווינציק גדן נעמען אַ חתן אַ „קענער", דעם „סוואָד־זאַקאָן" אַליין! צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז יאַסיעס טאָכטער האָט באַלד נאָך דער חתונה אָנגעהויבן זאָגן, אַז זי וויל מיט אים נישט „לאַכן". פאַרוואָס? זי האָט מורא!... וואָס האָט זי מורא? זי האָט מורא, ער זאָל נישט אויסלאָדן די קלייטן. וואָסערע קלייטן? וועמענס קלייטן? און וואָס געהער זיך דאָס אַן מיט איר? נאָר גיי טענה מיט אַ נקבה! זי האָט זיך אַריַינגענומען אין קאָפּ אַריַין „קלייטן" — כאָטש בראָק זי ווי לאָקשן, זי וויל אים נישט קענען!

סע פאַרשטייט זיך, אַז כתרילעווקע האָט זיך נישט באַנוגנט מיט אַזאַ תירוץ; וואָס מיר קלייטן? ווער מיר קלייטן? דאָ קער זיַין אַן אַנדער סוד, מסתמא אַזאַ מין זאַך, וואָס פּאַסט נישט אויסצוזאָגן... און עס האָבן אָנגעהויבן גיין אין שטאָט מעשיות מיט מעשיות! און די מעשיות, וואָס מע האָט דערציילט, האָט מען דערציילט איינער דעם אַנ־דערן בסוד, אין אויער אַריַין, און בשעת־מעשה האָט מען זיך אַרומגעקוקט, צי ס'איז נישטאָ קיין וויַיבער דערביַי, און מע האָט זיך געשטיקט פאַר געלעכטער.

— וואָס פאַר אַ געלעכטער אַף איַיך? — זאָגן די וויַיבער. — דער־ציילט אונדז, לאָמיר אויך לאַכן.

די דאַזיקע ווערטער רופן אַרויס באַ די מאַנצבילן נאָך אַ גרעסערן געלעכטער. דעמאָלט ווערן די וויַיבער שוין אַביסל בייז און הייבן אָן מיט כעס:

— זע־נאַר, ווי דער נאַר שטופּט זיך! זאָגט שוין אויס, וואָס איז דאָס פאַר אַ ווילדער געלעכטער אַף איַיך?

אָט דעמאָלט הייבן די מאַנצבילן ערשט אָן צו לאַכן, האַלטן זיך באַ די בייכער, ממש מע קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער!

ז

בקצור, וועלוול גאָמבעטאַ האָט זיך אָפּגעגט מיט יאַסיעס טאָכטער (בריינדל האָט זי געהייסן, זי האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל און איצט איז זי אין אַמעריקע), און איז לאַנג קיין אַלמן נישט געזעסן און

האט געבראַכט צו פירן אַ ווייַב פון אַ קליין שטעטל, אויך אַ מיידל, אָפּגע־לעבט מיט איר אַקעגן אַ יאָר און האָט זיך שטילערהייט מיט איר אָפּגעגט און איז אַוועקגעפאָרן קיין בערדיטשעוו און האָט געבראַכט צו פירן פון דאָרטן אַ גאַנצע „מאַדאַם מיט אַ הוט", געמאַכט מיט איר וויזיטן, איינ־געפירט בא זיך אַ שטוב מיט מעבל, מיט זשורפיקסן, מיט יונגעלייט, וואָס שפּילן אין „סטוקעלקע" און אין „מערטל־מערטל"; עס האָט אָבער נישט געהאָלפן נישט די שטוב, נישט דאָס מעבל, נישט די „סטוקעלקע" מיטן „מערטל־מערטל", — אין אַ שיינעם פרימאָרגן זייַנען זיי אַוועקגעגאַנגען צום רב און מע האָט געשריבן אַ גט, און די „דאַמע מיט דער הוט" איז אַוועק צוריק קיין בערדיטשעוו.

אַז וועלוול גאַמבעטאַ איז נאָך דער מעשה אַוועקגעפאָרן חתונה האָבן נאָכאַמאָל, האָבן די כתרילעווקער לצים, די וואָס האָבן ליב חוזק מאַכן פון דער גאַנצער וועלט, אים געגעבן אַן עצה: וואָס דאַרף ער פאָרן חתונה האָבן, ברענגען דאָס ווייַב און נאָכדעם גטן זיך? אמער לאָז ער דאָרטן מאַכן אויפן אָרט אַ חתונה מיט אַ גט אינאיינעם.

דערויף האָט זיי וועלוול געענטפערט, אַז אַזעלכע חכמים ווי זיי איז טאַקע זייער ווייניק אויף דער וועלט, ס'איז אים נאָר אַ חדוש, וואָס זיי גייען אַן שטיוול... און נאָך כדומה אַזעלכע שטעכווערטער האָט ער זיי אַרייַנגעזעצט, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט, ווי אַוועקצוגיין פון אים.

— און אַליין איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע און געבראַכט פון דאָרטן עפּעס אַ מין שלאַק מיט אַרייַנגעשטעלטע ציין און מיט אַ מאָדנעם שלייער אויפן קאָפּ און מיט אַ מין משונה מאָדנע לשון, וואָס אין כתרילעווקע האָט מען אַזעלכעס נאָך נישט געהערט קיינמאָל. דהיינו?

ערשטנס, האָט זי גערעדט גיך. שייך זאָגן גיך? איידער זי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס ערשטע וואָרט, זייַנען שוין פינף־זעקס ווערטער גע־פלויגן אויף צופריִער, איינס איבער דאָס אַנדערע, מורא געהאַט, מע זאָל חלילה נישט פאַרשפּעטיקן, און איידער זיי זייַנען אַרויסגעפלויגן פונעם מויל, זייַנען שוין געשטאַנען גרייט צען אַנדערע ווערטער אויף אַרויסצו־פליִען.

דאָס איז נומער איינס. והשנית, האָט זי גערעדט מיט אַ קוויטש און מיט אַ ניגון, ווי פון „אקדמות", אויסגעמישט מיט „כגוונא", און אויסגעלאָזט אַלע מאָל מיט אַן „אַי וויי" און מיט אַ לאַנגן „ני?" און

מיט א גלעכטער פון א פאווע, באוויזן בשעת מעשה די אריינגעשטעלטע ציין און געטרייסלט מיטן שלייער, — האט דאס טאקע געהאט דעם זיבעטן חן. אף הדושים איז מען געגאנגען קוקן אין כתרילעווקע אף דער ווארשעווער „יפהפיה" מיט די אריינגעשטעלטע ציין און הארכן, ווי זי גראגערט און ווי זי שקווישעט אן ווי זי זינגט, און זיך האלטן בא די זייטן פאר געלעכטער. מע דארף נישט קיין טעאטער, האבן זיי געזאגט... אן עבירה, כ'לעבן, וואס זי האט זיך אין כתרילעווקע לאנג נישט געהאלטן — סך הכל איין זומער; ווארעם ס'איז געקומען ארום יום־טוב־ציים, האט ער זיך מיט איר געגעט, און זי איז אוועקגעפארן צוריק קיין ווארשע — און פון דעמאלט אן האט שוין וועלוול גאמבעטא מער נישט התונה געהאט און איז פארבליבן אן אלמן עד היום הזה.

אפשר ווייסט איר פון זיינעטוועגן א שידוך?

געשריבן אין יאר 1903.

פון כתרילעווסע

צווייטער טייל

אינהאַלט

שיר־השירים — — — — — — — — — — — — — — 209

דער מלך מיט דער מלכה — — — — — — — — — — 264

בערעלע — — — — — — — — — — — — — — — 274

דרייַ לוחות — — — — — — — — — — — — — — 286

לאַטקעס של חנוכה — — — — — — — — — — — 295

קאָנקורענטן — — — — — — — — — — — — — — 307

אפיקומן — — — — — — — — — — — — — — — 317

דוויד מלך ישראל — — — — — — — — — — — — 332

וואָס איז חנוכה? — — — — — — — — — — — — 339

פורים — — — — — — — — — — — — — — — 356

ארבע כוסות — — — — — — — — — — — — — 364

איבער אַ היטל — — — — — — — — — — — — — 378

שיר-השירים

א יוגנט־ראמאן אין פיר טיילן

ערשטער טייל

בוזי

א

בוזי איז א נאמען, פארצוינגן פון אסתר-ליבע: ליבוזי — בוזי. זי איז עלטער פון מיר מיט א יאר, און אפשר מיט צוויי, און ביידע אינאיינעם זיינען מיר נישט אלט קיין צוואנציק יאר. היינט זעצט אייך אוועק, זייט מוחל, און רעכנט אויס, וויפל בין איך אלט און וויפל זי? נאר דאס, מיין איך, איז נישט וויכטיק. איך וועל אייך בעסער דערציילן איר ביאגראפיע אין קורצן.

מיין עלטערער ברודער בעניע איז געזעסן אין א דארף, געהאלטן א מיל, געקאנט שיסן פון א ביקס, פארן רייטנדיק אף א פערד און שווימען ווי א מזיק. איינמאל זומער האט ער זיך געבאדן אין טייך און איז דער־טרונקען געווארן. אף אים איז געזאגט געווארן דער פסוק: „אלע גוטע שווימער ווערן דערטרונקען”. נאך אים איז געבליבן א מיל, צוויי פערדלעך, א יונגע אלמנה מיט איין קינד. די מיל האט מען אפגעלאזט, די פערדלעך האט מען פארקויפט, די יונגע אלמנה האט חתונה געהאט און איז אוועק־געפארן ערגעץ ווייט, און דאס קינד האט מען געבראכט צו אונדז.

דאס איז געוועזן בוזי.

ב

אַז דער טאַטע האָט ליב בוזין, ווי אַן אייגן קינד, און אַז די מאַמע ציטערט איבער איר, ווי איבער אַ בת־יחידה — דאָס איז גרינג צו פאַר־שטיין. זיי האָבן געפונען אין איר אַ טרייסט נאָך דעם גרויסן בראָך. אָבער איך? פאַרוואָס אַז איך קום פון חדר און טרעף נישט בוזין, קריכט מיר נישט דאָס עסן אין האַלדז אַריַין? און אַז בוזי איז געקומען, ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך? און אַז בוזי רעדט צו מיר, לאָז איך אַראָפּ די אויגן? און אַז בוזי לאַכט פון מיר, וויין איך?

און אַז בוזי...

ג

איך האָב לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דעם ליבן גוטן יום־טוב פּסח. דעמאָלט וועל איך זיַין פריַי. איך וועל שפּילן מיט בוזין אין ניס, אַרומ־לויפן אין דרויסן, גיין באַרג־אַראָפּ צום טיַיך. דאָרט וועל איך איר וויַיזן, ווי מע לאָזט קאַטשקעלעך אויפן וואַסער. אַז איך זאָג איר, גלייבט זי מיר נישט. זי לאַכט. בכלל, גלייבט מיר בוזי נישט פון דאַנען אַהין. דאָס הייסט, זאָגן זאָגט זי מיר גאָרנישט נישט, נאָר זי לאַכט. און איך האָב פיַינט, אַז מע לאַכט פון מיר. בוזי גלייבט נישט, אַז איך קאָן זיך אַרויפדראַפּען אויפן העכסטן בוים (איך זאָל נאָר וועלן!). בוזי גלייבט נישט, אַז איך קאָן שיסן (איך זאָל נאָר האָבן מיט וואָס!). לאָז נאָר קומען פּסח, דער ליבער גוטער פּסח, ווען מע קאָן שוין זיַין אינדרויסן, אויף דער פריַיער לופט, נישט פאַר טאַטע־מאַמע אין די אויגן, — וועל איך איר באַוויַיזן אַזעלכע קונצן, אַז זי וועט אַרויס פון די כלים!

ד

געקומען דער ליבער גוטער יום־טוב פּסח.

מע האָט אונדז ביידן אויסגעקליידט אויף יום־טוב בגדי־מלכות. אַלץ, וואָס אויף אונדז איז געווען, האָט געגלאַנצט, געשיַינט און געקנאַקט. איך קוק אויף בוזין און איך דערמאָן מיך אין דעם שיר־השירים, וואָס איך האָב געלערנט פאַר פּסח מיטן רבין אין חדר. אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק: „הנך

יפה רעיתי — שיין ביסטו, מײַן חברטע, שיין ביסטו ביז גאָר. אייגעלעך ווי טײַבעלעך, הערעלעך ווי ציגעלעך, גליטשן זיך אַראָפּ אַ באַרג. ציינדעלעך — ווײַסע שעפּעלעך, פון טײַך אַרויס, איינס און איינס, איין מאַמע האָט זיי געהאַט. רויטע שנירעלעך — דײַנע ליפּעלעך, אַז דו רעדסט, איז צוקער־זיס".

זאָגט מיר, איך בעט אײַך, פאַר וואָס אַז מע קוקט אױף בוזין, מוז מען זיך דערמאָנען אין דעם שיר־השירים? פאַר וואָס אַז מע לערנט שיר־השירים, קומט אױף די געדאַנקען בוזי?

ה

אַ זעלטענער ערב־פּסח. אַ ליכטיקער טאָג. אַ וואַרעמער אינדרויסן.

— גייען מיר?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי, און איך פיל, אַז איך ברען. די מאַמע האָט אונדז ניט געזשאַלעוועט קיין ניס. פולע קעשענעס מיט ניס. זי האָט אָבער גענומען באַ אונדז דאָס וואָרט, אַז מיר זאָלן איצט, פאַרן סדר, נישט דערוועגן זיך די ניס צו קנאַקן. שפּילן זיך אין ניס — וויפל דאָס האַרץ גלוסט. מיר לאָזן זיך גיין. די ניס לאָזן זיך הערן. אינדרויסן איז גוט. אינדרויסן איז ווויל. די זון האַלט שוין ווײַט אין הימל, קוקט שוין אַראָפּ אױף יענער זײַט שטאָט. ס'איז ברייט און גראָם און ווייך און פרײַ אַרום און אַרום. ערטערווײַז שלאָגט זיך דורך פון באַרג, וואָס אױף יענער זײַט שול, אַ גרעזעלע אַ גרינס, אַ פרישׂ, אַ צאַפּלדיקס. מיט אַ קוויטש און מיט אַ אַ צוויץ פליט דורך איבער אונדזערע קעפּ אַ גלײַך שנירל פון קליינע שוועלבעלעך, און ווידער דערמאָן איך מיך אין דעם שיר־השירים פון חדר. „הנצנים — די שפּראָצונגען האָבן זיך שוין באַוויזן אױף דער ערד, די צײַט פון דעם סאָלאָוויטשיק איז געקומען, און אַ קאָל פון טורקל־טויבן הערשט אין אונדזער לאַנד". איך פיל מיך מאָדנע גרינג. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב פליגלען: אָט הייב איך מיך אויף און פלי.

ו

פון שטאָט לאָזט זיך הערן אַ מאָדנער הילך. עס רוישט. עס קאָכט. עס זידט. ס'איז ערב פּסח! אַ זעלטענער ערב פּסח. אַ ליכטיקער טאָג. אַ וואַרעמער אינדרויסן.

אין מײַנע אויגן באַקומט אין דער מינוט די גאַנצע וועלט גאָר אַן אַנדער פּנים. אונדזער הויף איז אַ שלאָס. אונדזער שטוב איז אַ פּאַלאַץ. איך בין אַ פּרינץ. בוזי איז אַ פּרינצעסן. די קלעצער, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן בײַ דער שטוב, זײַנען טענענבוימער און בוקסנבוימער, וואָס ווערן דערמאָנט אין שיר־השירים. די קאַץ, וואָס ליגט בײַ דער טיר און וואַרעמט זיך אויף דער זון, איז פֿון די פֿעלד־אינדן, פֿון די א י ל ו ת ־ ה ש ד ה , וואָס ווערן דערמאָנט אין שיר־השירים. דער באַרג, וואָס אויף יענער זײַט שול — דאָס איז דער ל ב נ ו ן , וואָס ווערט דערמאָנט אין שיר השירים. די ווײַבלעך און מיידלעך, וואָס שטייען אײַנדרויסן און וואַשן און פּרעסן און כשרן אויף פּסח — דאָס זײַנען די טעכטער פֿון ירושלים, וואָס ווערן דערמאָנט אין שיר־השירים. אַלץ, אַלץ איז פֿון שיר־השירים.

איך גיי, די הענט אין די קעשענעס, טרייסל מיט די ניס. די ניס קלינגען. בוזי גייט מיט מיר טריט בײַ טריט. איך קאָן נישט גיין פּאַוואָליע, עס טראָגט מיך אין דער לופֿטן. מיר ווילט זיך פֿליִען, שוועבן, טראָגן זיך ווי אַן אָדלער. איך לאָז מיך לויפֿן. בוזי לויפֿט מיט מיר. איך שפּרינג אויף די צונויפֿגעלייגטע קלעצער, פֿון איין קלאָץ אויפֿן אַנדערן. בוזי שפּרינגט מיט מיר. איך אַרויף, זי אַרויף. איך אַראָפּ, זי אַראָפּ. ווער ווערט זיך פֿריִער אײַנמידן? איך האָב געטראָפֿן.

— ביז וואַנען איז דער שיעור?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפֿער איר מיטן לשון פֿון שיר־השירים:

— עד שיפוח היום — ביז עס וועט אַ בלאָז טאָן דער טאָג, ונסו הצללים — און עס וועלן אַנטלויפֿן די שאָטנס — באַ־באַ־באַ! דו האָסט זיך אײַנגעמידט, און איך נישט!

ז

איך פֿיל מיך גליקלעך, וואָס בוזי קאָן נישט דאָס, וואָס איך. און אין דער זעלבער צײַט האָב איך אויף איר רחמנות. עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ. עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז פֿאַרזאָרגט. בוזי האָט שוין אַזאַ טבע: פֿריילעך־פֿריילעך — פּלוצעם זאָל זי זיך אַוועקזעצן אין אַ ווינקעלע און וויינען שטילערהייט. וויפֿל די מאַמע זאָל זי דערמאָלט נישט טרייסטן, וויפֿל דער טאַטע זאָל זי דערמאָלט נישט קושן — עס העלפֿט

קיין זאך נישט. בוזי מוז זיך אויסוויינען. נאך וועמען? נאכן טאטן, וואס איז אזוי פרי געשטארבן? צי נאך דער מאמע, וואס האט חתונה געהאט, אוועקגעפארן און פארגעסן דעם זון־געזונט? אך, איר מאמע, איר מאמע! אז מע דערמאנט איר די מאמע, ווערט זי אלעריי קאלירן. זי האלט נישט פון איר מאמע. זי רעדט נישט קיין שלעכט ווארט אף דער מאמע, נאר זי האלט נישט פון איר. איך ווייס דאס פאר געוויס. איך קאן נישט ליידן, אז בוזי זיצט פארזארגט. איך זעץ מיך אוועק נעבן איר אף די קלעצער און וויל איר צעשלאגן די געדאנקען.

ח

איך האלט די הענט אין די קעשענעס. קלינג מיט די ניס און זאג צו איר:

— טרעף, וואס איך קאן טאן, אז איך וויל?

— וואס קאנסטו טאן?

— אז איך וויל, גייען איבער אלע דיינע ניס צו מיר.

— וועסט זיי בא מיר אפגעווינען?

— ניין. מיר וועלן אפילו נישט אנהייבן שפילן.

— וואס זשע, וועסט זיי בא מיר אוועקנעמען מיט געוואלד?

— ניין. זיי גייען אליין אריבער צו מיר.

זי הייבט אויף אירע שיינע אויגן אף מיר. אירע שיינע בלויע שיר־השירים־ אויגן.

איך זאג צו איר:

— דו מיינסט, אפנים, אז איך טרייב קאטאוועס? איך האב, נא־רעלע, אזא שפרוך... איך זאג א פסוק...

זי עפנט אויף די אויגן נאך שטארקער. איך פיל מיך גרויס. איך גיב איר צו פארשטיין, ווי א גרויסער, ווי א העלד:

— מיר, יינגלעך, קאנען אלצדינג. בא אונדז אין חדר איז דא א חבר, שייקע דער בלינדער רופט מען אים (ער איז א בלינדער אף איין אויג), ווייס ער אלצדינג. ס'איז גאר נישטא אזא זאך אף דער וועלט, וואס שייקע זאל נישט ווייסן. אפילו קבלה. ווייסטו, וואס הייסט קבלה?

נייז. פון וואנעז זאל זי וויסן? איך פיל מיך אפן זיבעטן הימל, וואס איך קאן איר געבן א לעקציע וועגן קבלה.

— קבלה, נארעלע, איז אזא זאך, וואס קומט צוניץ. מיט קבלה קאן איך מאכן אזוי, אז איך זאל דיך זען, און דו מיך נישט. מיט קבלה קאן איך צאפן וויין פון א שטיין און גאלד פון דער וואנט. מיט קבלה קאן איך מאכן אזוי, אז מיר ביידע, אזוי ווי מיר זיצן אטא, זאלן מיר זיך אויפהייבן ביז צו דער כמארע, און נאך העכער פון דער כמא־רע!...

ט

אויפהייבן איז דער הייך מיטן בוזין דורך קבלה ביז דער כמארע, און נאך העכער פון דער כמארע, און אוועקפליען מיט איר ווייט־ווייט, אף יענער זייט אוקינוס, — דאס איז געווען איינער פון מיינע בעסטע חלומות. דארט, אף יענער זייט אוקינוס, הייבט זיך דאך אן דאס לאנד פון די קארליקעס, וואס קומען ארוים פון די גבורים פון דווד המלכס צייטן. די קארליקער זיינען דאך בטבע זייער גוטע מענטשעלעך. לעבן — לעבן זיי נאר פון צוקערקעס מיט מאנדל־מילך, שפילן גאנצע טעג אף קליינע פייפעלעך און טאנצן אלע איינאיינעם א „קאראהאד", האבן קיין מורא נישט פאר קיין זאך און האבן ליב געסט. פון אונדז אז עס קומט עמעצער צו פארן, גיבן זיי אים עסן און טרינקען, שענקען אים די טייערסטע קליידער מיט אן א שיעור זילבערנע און גאלדענע כלים, און פארן אוועקפארן שטופן זיי אים אן פולע קעשענעס מיט דימענטן און מיט ברילִיאנטן, וואס וואלגערן זיך בא זיי, ווי, למשל, בא אונדז מיסט אף דער גאס.

— ווי מיסט אף דער גאס? נו?

אזוי האט מיר א מאל א זאג געטאן בוזי, אז איך האב איר דער־ציילט פון די קארליקעס.

— דו גלייבסט נישט?

— און דו גלייבסט?

— פאר וואס נישט?

— ווו האסטו דאס געהערט?

— וואס הייסט, ווו? אין חדר.

— אך! אין חדר?...

נידעריקער, נידעריקער לאָזט זיך אַראָפּ די זון און באַפאַרבט דעם הימל מיט אַ רויטן פּאַס פון גיזן־גאָלד. דאָס גאָלד שײַנט אָפּ אין בוזיס אויגן. זיי באָדן זיך אין גאָלד!

ו

מיר ווילט זיך זייער, אַז בוזי זאָל נתפּעל ווערן פון שײַקעס מעטאָדע און פון די קונצן, וואָס איך קאָן מאַכן מיט קבלה. בוזי אָבער הייבט נישט אָן נתפּעל צו ווערן. אדרבה, עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט. וואָס דען באַווײַזט זי מיר אַלע אירע פּערלדיקע צײנדלעך? עס הייבט מיך אָן פּאַרדריסן און איך זאָג צו איר:

— דו גלייבסט מיר אפשר נישט?

בוזי לאַכט.

דו מיינסט אפשר, אַז איך באַרים זיך? אַז איך טראַכט אויס פון קאָפּ ליגנס?

בוזי לאַכט נאָך שטאַרקער. ע! וויבאַלד אַזוי, דאַרף מען זיך מיט איר אָפּרעכענען! איך וויים שוין מיט וואָס. איך זאָג צו איר:

— דער חסרון איז, וואָס דו ווייסט נישט, וואָס הייסט קבלה. דו זאָלסט וויסן, וואָס קבלה איז, וואָלסטו אַזוי נישט געלאַכט. מיט קבלה, אַז איך וויל, קאָן איך אַראָפּברענגען אַהער דײַן מאַמע. יאָ־יאָ. און אַז דו וועסט מיך שטאַרק בעטן, ברענג איך דיר זי נאָך הײַנטיקע נאַכט, רײַטנדיק אויף אַ שטעקן.

מיט אַ מאָל הערט זי אויף צו לאַכן. אַ וואָקנדל איז איבערגעלאָפן איבער איר שיין ליכטיק פּנים, און עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז די זון איז פּלוצעם פאַרפאַלן געוואָרן. אויס זון. אויס טאָג. איך האָב מורא, אַז איך האָב אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. איך האָב נישט באַדאַרפט אָנרירן איר ווייטיק — די מאַמע אירע. איך האָב חרטה אויף דער מעשה. מע דאַרף עס פאַרגלעטן. מע דאַרף זיך מיט איר איבערבעטן. איך רוק מיך צו צו איר. זי קערט זיך אָפּ פון מיר. איך וויל זי נעמען בײַ דער האַנט, איך וויל איר זאָגן מיטן לשון פון שיר־השירים: „שובי, שובי, השולמית — קער זיך אום צו מיר, בוזי!..." פּלוצעם הערט זיך אַ קאָל פון שטוב אַרויס:

— שימעק! שימעק?

שימעק — דאָס בין איך. דאָס רופט מיך מײַן מאַמע, איך זאָל גײן מיטן טאַטן אין שול אַרײַן.

יא

דאָס גײן מיטן טאַטן אין שול אַרײַן ערב־פּסח דאַוונען — וואָס קאָן שוין זײַן אַ גרעסערער פאַרגעניגן? וואָס איז ווערט דאָס אַליין, וואָס מען איז אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז פוס שפּאָגל־נײַ, און ס׳איז דאָ מיט וואָס צו באַווײַזן זיך פאַר די חברים? הײַנט דאָס דאַוונען? דער ערשטער יום־טובדיקער מעריב? דער ערשטער יום־טובדיקער ברכו? אַך! וויפל תּענוגים דער גוטער גאָט האָט אָנגעגרייט פון יידישע קינדערס וועגן!

— שימעק! שימעק?

די מאַמע מײַנע האָט קיין צײַט נישט. „איך וועל גײן, איך וועל באַלד גײן, אַטאַ גיי איך! איך וויל נאָר זאָגן בוזין צוויי ווערטער. מער נישט ווי צוויי ווערטער”...

און איך זאָג איר צוויי ווערטער. איך בין זיך מודה פאַר איר, אַז דאָס וואָס איך האָב איר אַמ ערשט געזאָגט, איז נישט אמת. מאַכן מיט קבלה אַזוי, אַז יענער זאָל פליִען — דאָס קאָן מען נישט. אַליין — יאָ, איך אַליין זאָל פליִען — דאָס קאָן איך. און דאָס וועל איך איר ווײַזן. לאָז נאָר איבערגײן דער יום טוב, אַזוי מאַך איך דעם ערשטן פּרווו. איך וועל זיך אויפהייבן פאַר איר אין די אויגן, אַט דאָ אַף דעם אָרט, ווו די קלעצער ליגן, און וועל אין איין מינוט זײַן שוין אַף יענער זײַט כמארע, פון דאָרט וועל איך זיך נעמען רעכטס, אהינצו־אַ — זעסטו? — דאָרט ענדיקט זיך אַלצדינג און עס הייבט זיך שוין אָן דער ים־הקרח.

יב

בוזי הערט זיך צו מיט קאָפּ. די זון שיקט אירע לעצטע שטראַלן, צעקושט זיך מיט דער ערד.

— וואָס הייסט דאָס ים־הקרח? — פרעגט מיך בוזי.

— ים־הקרח ווייסטו נישט? ים הקרח הייסט דער פאַרגליווערטער ים. דאָס וואַסער איז געדיכט אַזוי ווי לעבער און געזאַלצן אַזוי ווי ליאַג.

קיין אקרעגטן גייען נישט אף אים, און מענטשן, אז זיי כאפן זיך אהין אריין, קאנען זיי שוין צוריק נישט קומען קיינמאל.

בוזי קוקט אף מיר מיט גרויסע אויגן.

— למאי זשע זאלסטו גיין אהין ?

— איך גיין דען, נארעלע ? איך פלי דאך. איך פלי פון אויבן, אזוי ווי אן אדלער. אין עטלעכע מינוט בין איך דאך שוין ווידער אף דער יבשה. דארט הייבן זיך אן די צוועלף הויכע בערג, וואס שפריצן מיט פייער, און אפן צוועלפטן בארג, סאמע באם שפיץ, שטעל איך זיך אף און גיי צו־פוס זיבן מייל, ביז איך קום צו א געדיכטן וואלד. נאכדעם גיי איך וואלד־איין, וואלד־אויס, ביז איך קום־צו א קליין וועסערל. דאס וואסערל שווים איך אריבער און צייל אפ זיבן מאל זיבן, וואקסט אויס פאר מיר אן אלטיטשקער מיט א לאנגן בארד און פרעגט מיך: „וואס איז דיין באגער?" זאג איך אים: „פיר מיך אפ צו דער בת־מלכה".

— וואסער בת־מלכה ?

אזוי זאגט צו מיר בוזי, און עס דאכט זיך מיר, אז זי איז דער־שראקן.

— די בת־מלכה — דאס איז די שיינע פרינצעסן, וואס מע האט זי אויפגעכאפט פון אונטער דער חופה און מע האט זי פארכשופט און אוועקגעפירט און אריינגעזעצט אין א קרישטאלענעם פאלאץ, שוין זיבן יאר . . .

— וואס זשע געהער זיך עס אן מיט דיר ?

— וואס הייסט, וואס געהער זיך עס אן מיט מיר ? איך דארף דאך זי באפרייען.

— דו דארפסט זי באפרייען ?

— ווער דען ?

— מע דארף נישט פליען אזוי ווייט. פאלג מיך, מע דארף נישט ! . . .

יג

און בוזי נעמט מיך אן בא דער האנט, און איך פיל, ווי איר קליין ווייס הענטל איז קאלט. איך קוק איר אין די אויגן אריין און איך זע, ווי עס שיינט זיך אפ אין זיי די גין־גאלדענע זון, וואס געזעגנט זיך מיטן טאג, מיטן ערשטן ליכטיקן ווארעמען ערב־פסח טאג. ביסלעכווייז שטארבט

אַף דער דאָזיקער טאָג. ווי אַ ליכט ווערט אויסגעלאָשן די זון. דער הילד, וואָס איז געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג, ווערט פאַרשטאַרבן. מע זעט שוין ניט כמעט קיין לעבעדיקן מענטשן אַף דער גאַס. אין די פענצטער פון די הײַזלעך באַווײַזן זיך פײַערלעך פון די יום־טובדיקע בענטשליכט. אַ מאָדנע, אַ הייליקע שטילקייט רינגלט אונדז אַרום, מיך מיט בוזין, און מיר פילן זיך פעסט צענויפגעגאָסן מיט דער דאָזיקער יום־טובדיקער שטילקייט.

— שימעק! שימעק?

יד

דאָס דריטע מאָל שוין, אַז די מאַמע רופט מיך, איך זאָל גיין מיטן טאַטן אין שול אַרײַן. ווייס איך דען אַליין נישט, אַז מע דאַרף גיין אין שול אַרײַן? איך וועל דאָ זיצן נאָך אַ מינוט, איין מינוט, נישט מער. דערהערט בוזי, אַז מע רופט מיך, רײַסט זי אַרויס איר האַנט,־כאַפּט זיך אויף און טרײַבט מיך:

— שימעק, דיך רופט מען דאָס, דיך. גיי־גיי. שוין צײַט. גיי־גיי.

איך קלייב מיך גיין. אויסגעבלאָזן האָט דער טאָג. אויסגעלאָשן האָט די זון. פונעם גאָלד איז געוואָרן בלוט. אַ ווינטעלע האָט אַ בלאָז געטאָן, אַ גרינגס, אַ קילס. בוזי טרײַבט מיך איך זאָל גיין. איך וואַרף אַף איר דעם לעצטן בליק. גאַרנישט די בוזי, וואָס פריִער. אַן אַנדער פּנים מיט אַן אַנדער חן באַקומט זי אין מײַנע אויגן אינעם דאָזיקן פאַרכשופטן אָוונט. „די פאַרכשופטע פּרינצעסן" — פליט מיר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ. בוזי לאָזט מיך אָבער נישט לאַנג מיט מײַנע געדאַנקען. זי טרײַבט מיך, איך זאָל גיין. איך לאָז מיך גיין און קוק מיך אום צוריק אַף דער פאַרכשופטער פּרינצעסן, וואָס האָט זיך אינגאַנצן צענויפגעגאָסן מיטן דאָזיקן פאַרכשופטן פּסח־אָוונט, און איך בלײַב שטיין אַ פאַרכשופטער. ווײַזט זי מיר אָבער מיט דער האַנט: איך זאָל גיין! איך זאָל גיין!... און עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך הער איר קאָל, ווי זי זאָגט צו מיר מיטן לשון פון שיר־השירים:

— ברח דודי — אַנטלויף, מײַן געליבטער! ודמה לך לצבי — און זײַ געגליכן צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד אַף די בשמים־בערג!...

צווייטער טייל

מיר רײַסן גרינס

א

— גיכער, בוזי, גיכער! — זאָג איך צו בוזין אַ טאָג פּאַר שבועות און נעם זי פאַר אַ האַנט, און מיר לאָזן זיך האַסטיק באַרג אַרויף. — דער טאָג שטייט נישט, נאַרעלע. מיר דאַרפן דורכגיין אַזאַ באַרג, און נאָכן באַרג האָבן מיר נאָך אַ טײַכל. איבערן טײַכל גייט אַ קלאַדקע פון ברעטער, הייסט עס „דאָס בריקל". דאָס טײַכל לויפט, די זשאַבעס קוואַקען, די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך, און ערשט דאָרט, אויף יענער זײַט בריקל — דאָרט איז ערשט דער עמעסדיקער גן־עדן, בוזי! דאָרט ערשט הייבן זיך אָן מײַנע מאַיאָנטקעס.

— דײַנע מאַיאָנטקעס?

— מיין איך, די „לעוואַדע". אַ גרויס פעלד, וואָס ציט זיך, ציט זיך אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג. מיט אַ גרינער קאָלדרע איז דאָס איבערגע־צויגן. מיט געלינקע שפּרענקעלעך איז דאָס באַשפּרענקלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז דאָס באַצוויקלט. און ריחות זאָלסטו הערן דאָרטן — די שענסטע בשמים פון דער וועלט! און ביימער האָב איך דאָרטן, אָן אַ שיעור ביימער, הויכע, צווײַגנדיקע ביימער. און אַ בערגל האָב איך מיר דאָרט, וואָס איך זיץ אויף דעם. ווייל איך, זיץ איך מיר. ווייל איך, הייב איך מיך אויף דורכן „שם־המפורש" און פלי מיר, ווי אַן אָדלער, העכער פון דער כמאַרע. איבער פעלדער און וועלדער, איבער ימים און מדבריות, ביז איך קום אויף יענער זײַט הרי־חושך...

— און פון דאָרטן — שלאָגט מיך איבער בוזי — גייסטו צופוס זיבן מײַל, ביז דו קומסט צו אַ וואַסערל.

— נײַן, צו אַ געדיכטן וואַלד... פריִער גיי איך וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס, און ערשט נאָכדעם קום איך צו אַ וואַסערל...

— דאָס וואַסערל שווימסטו אַריבער און ציילסט אָפּ זיבן מאָל זיבן...

— וואַקסט אויס פאַר מיר אַן אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגן באָרד...

— פרעגט ער דיך: „וואָס איז דײַן באַגער?"

— זאָג איך אים: „פיר מיך אָפּ צו דער בת־מלכּה"...

בוזי רײַסט אַרויס איר האַנט פון מײַן האַנט און לאָזט זיך לויפן באַרג אַראָפּ. איך לויף איר נאָך.

— בוזי, וואָס לויפסטו אַזוי?

בוזי ענטפערט נישט. זי איז ברוגז. זי האָט פײַנט די בת־מלכּה. אַלע מעשׂיות האָט זי ליב, נאָר נישט די בת־מלכּה...

ב

ווער בוזי איז — דאַרפט איר געדענקען. איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט. נאָר טאָמער האָט איר פאַרגעסן, חזר איך אײַך איבער נאָך אַמאָל.

איך האָב געהאַט אַן עלטערן ברודער — בעניע. איז ער דערטרונקען געוואָרן. נאָך אים איז געבליבן אַ וואַסער־מיל, אַ יונגע אַלמנה, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען די מיל אָפּגעלאָזט. די פערדלעך פאַרקויפט. די אַלמנה האָט חתונה געהאַט ערגעץ ווײַט. און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז.

דאָס איז געווען בוזי.

כאַ־כאַ־כאַ! אַלע מיינען, אַז איך און בוזי זײַנען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. מײַן טאַטן רופט זי טאַטע. מײַן מאַמען רופט זיך מאַמע. און מיר צווישן זיך לעבן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, און האָבן זיך ליב, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער? פאַר וואָס זשע שעמט זיך פאַר מיר בוזי?

איין מאָל האָט זיך געטראָפן אַ מעשׂה. מיר זײַנען געבליבן אַליין, אַליין אין צווייען איבער דער גאַנצער שטוב. פאַרנאַכטלעך איז דאָס

געווען. פינצטערלעך שוין. דער טאַטע איז געגאַנגען אין שול זאָגן קדיש נאָך מיין ברודער בעניע, און די מאַמע — נאָך שוועבעלעך. איך און בוזי האָבן זיך פאַרשלאָגן אין אַ ווינקעלע און איך דערציייל איר מעשיות. בוזי האָט ליב, אַז איך דערציייל איר מעשיות. שיינע מעשיות פונעם חדר, מעשיות פון טויזנט איין נאַכט. זי רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָענט. איר האַנט איז אין מיין האַנט.

— דערציייל שימעק, דערציייל.

שטיל לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט. פּאַוואָליע קלעטערן אויף די ווענט די שאָטנס, ציטערן, פּויזשען אויף דער ערד און צעקריכן זיך. קוים־קוים וואָס מיר זעען זיך. נאָר איך פיל, איר הענטל ציטערט, און איך הער, איר הערצל קלאַפּט, און איך זע, אירע אויגן אין דער פינצטער גלאַנצן. פּלוצעם רייסט זי אַרויס איר האַנט פון מיין האַנט. „וואָס איז, בוזי?" „מע טאָר נישט". „וואָס טאָר מען נישט?" „האַלטן זיך בײַ די הענט". „פאַר וואָס? ווער האָט דיר געזאָגט?" „איך ווייס אַליין." „מיר זיינען דען פרעמדע? מיר זיינען דען נישט שוועסטער און ברודער?" „ע! ווען מיר זאָלן זיין שוועסטער און ברודער!"... ציט אויס בוזי, און עס הערט זיך מיר אין אירע ווערטער דאָס לשון פון שיר־השירים: „מי יתנך כאח לי — פאַר וואָס ביסטו נישט מיר אַ ברודער!"

תמיד אַזוי. רייד איך פון בוזין, דערמאָן איך מיך אין שיר־השירים.

ג

וווּ־זשע האַלטן מיר? ערב־שבועות. מיר לויפן באַרג־אַראָפּ. פריער בוזי, נאָכדעם איך. בוזי איז אויף מיר ברוגז פאַר דער בת־מלכה. אַלע מעשיות האָט זי ליב, נאָר נישט די בת־מלכה. בוזים ברוגז זיין, איר זאָלט גאָר קיין יסורים נישט האָבן, דויערט נישט אַפילו אַזוי פיל, ווי איך רייד צו אייך. אַט קוקט זי שוין ווידער אויף מיר מיט אירע גרויסע ליכ־טיקע פאַרטראַכטע אויגן. פאַרוואָרפט די האָר אַרונטער און זאָגט צו מיר:

— שימעק! אוי שימעק! טו נאָר אַ קוק. זע אַ הימל. דו זעסט גאָר נישט וואָס אין דרויסן טוט זיך!

— איך זע, נאַרעלע. וואָס דען, איך זע נישט? איך זע אַ הימל, איך פיל אַ וואַרעם ווינטעלע, איך הער פייגעלעך פּישטשען און צוויטשען און טראָגן זיך איבער אונדזערע קעפּ. דאָס איז אונדזער הימל, אונדזער

ווינטעלע, אונדזערע פייגעלעך — אַלצדינג איז אונדזערס, אונדזערס, אונדזערס! גיב אַהער דײַן האַנט, בוזי!...

ניין. זי גיט מיר נישט די האַנט. זי שעמט זיך. למאַי שעמט זיך פאַר מיר בוזי, למאַי איז זי רויט געוואָרן?

— דאָרטן — זאָגט מיר בוזי און לויפט פאָרויס — דאָרטן, אַף יענער זײַט בריקל... און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז זי רעדט צו מיר מיטן לשון פון שולמית, וואָס אין שיר־השירים: „לכו דודי — קום, טײַערער! לאָמיר גיין אין פעלד אַרויס! לאָמיר נעכטיקן אין די דערפער! לאָמיר זיך פאַרדרעען אין די ווײַנגערטנער! לאָמיר זען, אויב דער ווײַנשטאָק בליט? אויב דער ווײַנצווײַג האָט זיך פונאַנדערגענומען? אויב די מילגראַמען שפּראָצן?״...

און אָט זײַנען מיר באַם בריקל.

ד

דאָס טײַכל לויפט, די זשאַבעס קוואַקען און די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך, און בוזי ציטערט.

— אַי, ביסטו, בוזי אַ... וואָס האָסטו מורא, נאַרעלע? האַלט זיך אָן אָן מיר, אָדער גיב, לאָם איך דיך אַרומנעמען. איך דיך און דו מיך. זעסטו? אָט אַזוי. אָט אַזוי.

אויס בריקל.

און אַזוי ווי מיר האָבן זיך אַרומגענומען, אַזוי גייען מיר שוין אין צווייען, איינע אַליין איבער דעם דאָזיקן גן־עדן. בוזי האַלט זיך אָן מיר שטאַרק, זייער שטאַרק. זי שווײַגט. נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז זי זאָגט צו מיר מיטן לשון פון שיר־השירים: „אני לדודי ודודי לי — איך בין דײַנע און דו ביסט מײַנער״...

די לעוואָדע איז גרויס. זי ציט זיך אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג. מיט אַ גרינער קאָלדרע איז זי איבערגעצויגן. מיט געלינקע שפּרענקעלעך איז זי באַשפּרענקלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז זי באַצוויקלט. און ריחות שמעקן דאָ, די שענסטע בשמים פון דער וועלט! און מיר גייען ביידע אַרומגענומען, איינע אַליין, אין צווייען, אינעם דאָזיקן גן־עדן.

— שימעק! — זאָגט צו מיר בוזי און קוקט מיר גלײַך אין די

אויגן אַרײַן און רוקט זיך צו מיר נאָך נעענטער. — ווען וועלן מיר אָנהייבן רײַסן גרינס אַף שבועות?

— דער טאָג איז נאָך גענוג גרויס, נאַרעלע! — זאָג איך צו איר און איך ברען. איך ווייס נישט, וווּהין זאָל איך קוקן פריִער: צי אין דער יאַרמלקע פונעם בלויען הימל? צי אַף דער גרינער קאַלדרע פונעם ברייטן פעלד? צי אַהין, אין עק וועלט אַרײַן, דאָרטן ווו דער הימל גייט זיך צענויף מיט דער ערד? צי אין בוזים ליכטיק פּנים זאָל איך אַרײַנקוקן, אין בוזים שיינע גרויסע אויגן, וואָס ווײַזן מיר אויס טיף, ווי דער הימל, און פאַרטראַכט, ווי די נאַכט? תמיד זײַנען אירע אויגן פאַר־טראַכט. אַ טיפע זאָרג ליגט אין זיי פאַרבאָרגן. מיט אַ שטילן טרויער זײַנען זיי איבערגעצויגן. איך ווייס איר זאָרג, מיר איז באַקאַנט איר טרויער. זי טראָגט אַ גרויסן ווייטיק אין האַרצן. אַ פאַרדראָס אַף איר מאַ־מע, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ פרעמדן טאַטן און איז אַוועקגע־פאָרן פון איר אַף שטענדיק, אַף אייביק, גלײַך ווי זי וואָלט איר אָנגע־קערט אַ פרעמדע. אין שטוב טאָר איר מוטערס נאָמען נישט דערמאָנט ווערן, גלײַך ווי זי וואָלט גאָר קיין מאָל נישט געהאַט קיין מאַמע. מײַן מאַמע — דאָס איז איר מאַמע. מײַן טאַטע — דאָס איז איר טאַטע. און זיי האָבן זי ליב, ווי אַן אייגן קינד, ציטערן איבער איר, גיבן איר נאָך, וואָס איר האַרץ גלוסט, נישטאָ קיין צו טײַערס פאַר בוזין. בוזי האָט גע־זאָגט, אַז זי וויל גיין מיט מיר אָנרײַסן גרינס אַף שבועות (דאָס האָב איך זי אַרויפגעפירט דערויף), האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמע: „ווי מיינסטו?" און בעת מעשה האָט ער אַריבערגעקוקט אַרי־בער די זילבערנע ברילן און געגלעט זיך די זילבערנע פעדעם פון זײַן זילבער־באָרד. און עס גייט אַוועק אַ שמועס צווישן טאַטע־מאַמע וועגן אונדזער גיין אַליין הינטער דער שטאָט אַרויס אָנרײַסן גרינס אַף שבועות:

דער טאַטע: וואָס זאָגסטו?

די מאַמע: וואָס זאָגסטו?

דער טאַטע: זאָל מען זיי לאָזן גיין?

די מאַמע: פאַר וואָס זאָל מען זיי נישט לאָזן גיין?

דער טאַטע: איך זאָג דען, אַז ניין?

די מאַמע: וואָס־זשע דען זאָגסטו?
דער טאַטע: איך זאָג נאָר, צי זאָלן זיי גיין?
די מאַמע: פאַר וואָס זאָלן זיי נישט גיין?

און אַזוי ווײַטער. איך ווייס, וואָס זיי קוועטשט. אפשר צוואַנציק מאָל זאָגט מיר אָן דער טאַטע, און נאָכן טאַטן אויך די מאַמע, אַז דאָרט איז דאָ אַ בריקל, און אונטערן בריקל איז דאָ אַ וואַסער — אַ טײַכל, אַ טײַכל, אַ טײַכל...

ח

מיר, איך און בוזי, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דאָס בריקל מיטן וואַסער, מיטן טײַכל. מיר טראָגן זיך איבער דער ברייטער פרײַער לע־וואַדע, אונטערן ברייטן פרײַען הימל. מיר לויפן איבערן גרינעם פעלד, פאַלן און קאַטשען זיך אינעם שמעקנדיקן גראָז. מיר שטייען אויף, פאַלן און קאַטשען זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, און קיין גרינס אַף שבֿועות הייבן מיר נאָך אַלץ נישט אָן צו רײַסן. איך פיר בוזין אין דער לענג און אין דער ברייט איבער דער לעוואַדע. איך באַרים זיך פאַר איר מיט מײַנע מאַיאָנטקעס.

— זעסטו אָט די ביימער? זעסטו אָט דעם זאַמד? זעסטו אָט דאָס בערגל?

— איז דאָס אין גאַנצן דײַנס?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי, און אירע אויגן לאַכן. מיר פאַרדריסט עס, וואָס זי לאַכט. תמיד איז בײַ איר אַזאַ טבע לאַכן פון מיר. איך בלאָז זיך אָן און קערעווע מיך אָפּ אַף אַ ווײַלע פון בוזין. שטויסט זיך בוזי, אַז איך בין ברוגז. פאַרגייט זי צו מיר פון פאָרנט, פאַרקוקט מיר אין די אויגן אַרײַן און נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט און זאָגט צו מיר: „שי־מעק!”... פּליט אַוועק דער רוגז און אַלץ ווערט פאַרגעסן. און איך נעם זי פאַר דער האַנט און איך פיר זי צו מײַן בערגל, דאָרטן, ווו איך זיץ מיר תמיד, אַלע יאָר. וויל איך, זיץ איך מיר. וויל איך, הייב איך מיך אויף דורכן „שם־המפורש” און פלי מיר, ווי אַן אָדלער, העכער פון דער כמאַרע, איבער פעלדער און וועלדער, איבער ימים און מדבריות...

ו

דאָרטן, אפֿן בערגל, זיצן מיר, איך און בוזי (קיין גרינס אַף שבועות האָבן מיר נאָך אַלץ נישט אָנגעריסן), און דערציילן מעשיות. דאָס הייסט: איך דערצייל און זי האָרכט. איך דערצייל איר פֿון דעם, וואָס וועט זײַן אַמאָל, אַמאָל, אַז איך וועל זײַן אַ גרויסער און זי אַ גרויסע און מיר וועלן זיך נעמען... מיר וועלן זיך באַלד אויפֿהייבן דורכן שם־המפֿורש אַריבער רער כמאָרע און וועלן אַרומרײַזן די גאַנצע וועלט. פֿרײַער וועלן מיר זײַן אין אַלע לענדער, ווו אַלעקסאַנדער מוקדון איז געוועזן. און נאָכדעם וועלן מיר געבן אַ פֿאָר־איבער קיין ארץ־ישראל. דאָרט וועלן מיר זײַן אַף אַלע בשמים־בערג, אין אַלע ווײַנגערטנער, אָנשטופּן פֿולע קעשענעס מיט באָקסערן, פֿײַגן טייטלען און אײַלבירטן און אָוועקפֿלִיען פֿון דאָרטן נאָך ווײַטער און ווײַטער. און אומעטום וועלן מיר אָפּטאָן אַן אַנדער שפּיצל, וואָרעם קיינער וועט דאָך אונדז נישט זען...

— קיינער וועט אונדז נישט זען? — פֿרעגט מיך בוזי און כאַפּט מיך אָן פֿאַר די הענט.

— קיינער, קיינער! מיר וועלן זען אַלעמען, און אונדז וועט נישט זען קיינער!

— ווײַבאַלד אַזוי, שימעק, האָב איך צו דיר אַ בקשה.

— אַ בקשה?

— אַ קליינע בקשה...

נאָר איך ווייס פֿרײַער איר בקשה. זי וויל, אַז מיר זאָל זיך דורכפֿאָרן אַהין, ווו איר מאַמע האָט חתונה געהאַט. אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל איר שטיפֿטאַטן...

— פֿאַר וואָס נישט? — זאָג איך צו איר. — מיטן גרעסטן כבוד! אַף מיר מעגסטו זיך שוין פֿאַרלאָזן, נאַרעלע. איך קאָן זײ אָפּטאָן אַזעלכעס, אַז זײ זאָלן מיך האָבן צו געדענקען!

— נישט זײ, נאָר אים, אים אַליין. — בעט זיך באַ מיר בוזי. נאָר נישט אַזוי גיך פֿועלט זי דאָס באַ מיר. מיך, אַז מע צעכעסט, איז מיט סכנת נפֿשות! וואָס הייסט, איך וועל איר אַפּשווײַגן אַזאַ מעשה? אַ פֿאָטעפּאָלנעסט פֿון אַ ווײַבל — נעמען און חתונה האָבן מיט אַן

אנדער טאטן, פארפארן צו אלדי שווארצע יאר און אוועקווארפן א קינד, נישט אריינשרייבן קיין בריוועלע אפילו! היתכן? ווו איז דאס גע־הערט געווארן אזא רציחה?!...

ז

אומזיסט האב איך מיך אזוי צעפלאקערט. איך האב חרטה, ווי הינט עסן מיך. נאר ס'איז שוין פארפאלן. בוזי האט פארשטעלט דאס פנים מיטביידע הענט. זי וויינט? איך וואלט געגומען און צעריסן זיך אליין אף שטיקלעך! צו וואס האט מיר געטויגט אנרירן איר ווייטיק — די מאמע אירע? שטיל אין הארצן בא זיך רוף איך מיך אן מיט אלע מיאוסע נעמען: „פערד! בהמה! אקס! קאלב! לעקיש! לאנגע צונג!"... איך רוק מיך צו צו איר. איך נעם זי אן בא דער האנט: „בוזי! בוזי!" איך וויל איר זאגן מיטן לשון פון שיר־השירים: „הראיני את מראיך — לאז מיך זען דיין פנים, השמיעיני את קולך — לאז מיך הערן דיין שטים"...

פלוצעם... פון וואנען האבן זיך גענומען אהער דער טאטע מיט דער מאמען?

ח

דעם טאטנס זילבערנע ברילן גלאנצן פון דער ווייטן. די זילבערנע פעדים פון זיין זילבער־באָרד האבן זיך צעלאזט אפן ווינטל. און די מאמע מאכט צו אונדז פון דער ווייטן מיט דער פאטשיילע. מיר ביידע, איך און בוזי, זיינען געבליבן זיצן, ווי געליימט. וואס טוען דא טאטע־מאמע?

דאס זיינען זיי געקומען צו אונדז אהער, געוויר ווערן, וואס מיר מאכן. צי האט זיך ניט געטראפן מיט אונדז, חס־ושלום, עפעס אן אומ־גליק? א קשיא אף א מעשה — א בריקל, א וואסער, א טייכל, א טייכל, א טייכל...

מאדנע טאטע־מאמע!

— און ווו איז אייער גרינס?

— וואסער גרינס?

— דאָס גרינס, וואָס איר זײַט געגאַנגען אַנרײַסן אױף שבועות ?...

מיר ביידע, איך און בוזי, קוקן זיך איבער. איך פֿאַרשטיי אירע אויגן. איך פֿאַרשטיי איר קוק. און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי זי זאָגט צו מיר מיטן לשון פֿון שיר־השירים:

„מי יתנך כאָח לי — אַ, ווען דו ביסט מיר אַ ברודער!... פֿאַר וואָס ביסטו מיר נישט קיין ברודער?״...

— — — — — — — — — —

— מילא, גרינס אױף שבועות וועט שוין מסתמא ווי עס איז זײַן.

— זאָגט דער טאַטע מיט אַ שמייכל, און די זילבערנע פֿעדעם פֿון זײַן זילבער־באָרד גלאַנצן אױף אין די ליכטיקע שטראַלן פֿון דער גינגאָלדע־נער זון. — אַבי, געלויבט דער אייבערשטער, די קינדער זײַנען געזונט און ס׳איז חלילה קיין זאַך נישט געשען.

— געלויבט איז גאָט! — ענטפֿערט אים די מאַמע און ווישט זיך מיט דער פֿאַטשיילע דאָס רויטע פֿאַרשוויצטע פּנים. און ביידע קוועלן זיי אַן, ווערן ברייטער ווי לענגער.

מאָדנע, מאָדנע טאַטע־מאַמע!

— — — — — — — — — —

דריטער טייל

אין דער דאָזיקער נאַכט

א

„הבני היקר מוהר"ר...

„איך שיק דיר 00 רו"כ און בעט דיך, מײַן זון, זאָלסט מיר טאָן צוליב און קומען צו פאָרן אהיים אויף פּסח. עס איז מיר א בזיון פאַר דער וועלט אויף מײַנע עלטערע יאָרן. מע האָט איין שטיקל זון א בן־יחיד, און מען איז ניט זוכה אים צו זען. אויך די מאַמע בעט דיך רחמים, אַז דו זאָלסט למען־השם קומען צו פאָרן אויף פּסח. און זײַ וויסן, אַז בוזין קומט מזל־טוב. זי איז למזל א כלה געוואָרן. אם־ירצה־השם, שבת נאָך שבועות איז די חתונה.

ממני אביך..."

— — — — — — — — — —

אט דאָס שרײַבט צו מיר מײַן טאַטע — דאָס ערשטע מאָל אַזוי שאַרף. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט, פון זינט מיר זײַנען זיך צעגאַנגען. און צעגאַנגען זײַנען מיר זיך מיטן טאַטן שטיל, נישט געקריגט זיך. איך האָב ווידערשפּעניקט זײַן געבאָט. נישט געוואָלט גייז אין זײַנע וועגן. געגאַנגען מײַן אייגענעם וועג — זיך אַוועקגעלאָזט לערנען. פריִער איז ער געווען ברוגז, געזאָגט, אַז ער וועט מיר קיינמאָל נישט מוחל זײַן, סײַדן ער וועט ליגן אויפן טויטן־בעט. דערנאָך האָט ער מיר מוחל געווען. דערנאָך האָט ער מיר אָנגעהויבן שיקן געלט: „איך שיק דיר 00 רו"כ און עס לאָזט דיר גריסן די מאַמע גאָר פרײַנטלעך". קורצע, טרוקענע בריוו.

אויך מײַנע בריוו צו אים זײַנען געווען קורצע, טרוקענע בריוו: „דײַן בריוו מיט די 00 רו״כ האָב איך מקבל געווען און לאָז גריסן דער מאַמען גאָר פרײַנטלעך״.

קאַלט, מוראדיק קאַלט זײַנען געווען אונדזערע בײדנס בריוולעך. ווער האָט צײַט געהאַט דאָס צו באַמערקן אין דער וועלט פון חלומות, ווו איך האָב מיך געפונען? נאָך דעם טאַטנס בריוו אַצינד האָט מיך אויפגע־וועקט. נישט אַזוי דעם טאַטנס קלאָגן זיך, וואָס ס׳איז אים אַ בזיון פאַר דער וועלט (איך בין מיך מודה). און נישט אַזוי דער מאַמעס בקשה, וואָס זי בעט רחמים — קײן זאַך האָט מיך אַזוי נישט גענומען (איך בין מיך מודה), ווי די עטלעכע ווערטער: „און זײַ וויסן, אַז בוזין קומט מזל־טוב״...

בוזי — אָט די בוזי, וואָס איר גלײַכן איז נישטאָ אין ערגעץ נישט, סײַדן אין שיר־השירים. אָט די בוזי, וואָס איז אײַנגעקניפּט און אויסגע־בונדן מיט מײַנע יונגע יאָרן. אָט די בוזי, וואָס איז אַלע מאָל געווען די פאַרכשופטע בת־מלכה פון אַלע מײַנע וווּנדערלעכע בבא־מעשׂיות, די שענסטע פּרינצעסן פון מײַנע גאָלדענע חלומות — אָט די בוזי איז איצט אַ כלה? עמעצנס, נישט מײַנע?!...

ב

ווער איז בוזי? — אַך, איר ווייסט נישט, ווער בוזי איז? איר האָט פאַרגעסן? איך מוז אײַך נאָכאַמאָל איבערדערציילן איר ביאָגראַפיע אין קורצן, און מיט דעם אייגענעם לשון, וואָס איך האָב אײַך דערציילט אַמאָל מיט יאָרן צוריק.

איך האָב געהאַט אַן עלטערן ברודער — בעניע. איז ער דערטרונקען געוואָרן. נאָך אים איז פאַרבליבן אַ וואַסער־מיל, אַ יונגע אַלמנה, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען די מיל אָפּגעלאָזט, די פערדלעך פאַר־קויפט. די אַלמנה האָט חתונה געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ ווײַט. און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונדז אין שטוב אַרײַן.
דאָס איז בוזי.

און שיין איז בוזי, ווי די שיינע שולמית, וואָס פון שיר־השירים. אַלע מאָל, ווען איך האָב געזען בוזין, האָב איך מיך געמוזט דערמאָנען אין

דער שולמית, וואָס פֿון שיר־השירים. און אַלע מאָל, ווען איך האָב גע־לערנט אין חדר דעם שיר־השירים, איז מיר געקומען אָקעגן בוזי.

איך נאָמען איז פֿאַרצויגן פֿון אסתר־ליבע: ליבוזי — בוזי. מיט מיר אינאיינעם איז זי געוואַקסן. מײַן טאַטן רופֿט זי טאַטע. מײַן מאַמען רופֿט זי מאַמע. אַלע האָבן געמיינט, אַז מיר זײַנען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. און מיר האָבן זיך ליב געהאַט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועס־טער.

ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער פֿלעגן מיר זיך פֿאַרקלײַבן אין אַ ווינקעלע, און דאָרט פֿלעג איך איר דערציילן בבא־מעשיות פֿון חדר, פֿון מײַן חבר שײַקע, וואָס ווייס אַלצדינג, אַפֿילו קבלה. דורך קבלה, האָב איך איר געזאָגט, קאָן איך מאַכן קונצן: צאַפּן ווײַן פֿון אַ שטיין און גאָלד פֿון דער וואַנט. מיט קבלה, האָב איך איר געזאָגט, קאָן איך מאַכן אַזוי, אַז מיר ביידע זאָלן זיך אויפֿהייבן ביז דער כמאַרע, און נאָך העכער פֿון דער כמאַרע. אָד, האָט זי ליב געהאַט צו הערכן פֿון מיר מע־שיות! איין מעשה נאָר האָט בוזי פֿײַנט געהאַט פֿון מיר צו הערכן: פֿון אַ בת־מלכה, פֿון אַ פּרינצעסן, וואָס מע האָט זי פֿאַרכשופֿט, אויפֿגעכאַפּט פֿון אונטער דער חופּה און אַרײַנגעזעצט אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ אויף זיבן יאָר, און איך פֿלי זי אויסלייזן... אַלצדינג האָט בוזי ליב גע־האַט צו הערן, נאָר ניט פֿון קיין פֿאַרכשופֿטער בת־מלכה, וואָס איך זאָל דאַרפֿן פֿליען זי אויסלייזן. „מע דאַרף ניט פֿליען אַזוי ווײַט, פֿאָלג מיך, מע דאַרף נישט!"... אַזוי האָט געזאָגט צו מיר בוזי, אַוועקגעשטעלט אויף מיר אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן.

אָט דאָס איז בוזי.

איצט שרײַבט מען מיר, אַז עס קומט איר מזל־טוב. זי איז אַ כלה געוואָרן. בוזי איז אַ כלה. עמעצנס אַ כלה. עמעצנס, ניט מײַנע! האָב איך מיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעענטפֿערט דעם טאַטן מיט אַ בריוו:

„לכבוד אבי היקר מוהר"ר...

„דײַן בריוו מיט די 00 רו"כ האָב איך מקבל געווען. אין עטלעכע טעג אַרום, ווי נאָר איך ווער פֿאַרטיק, אַזוי קום איך צו פֿאָרן. אויף די ערשטע טעג פּסח, אָדער אויף די אַנדערע — נאָר זײַן וועל איך. איך לאָז גריסן דער מאַמען גאָר פֿרײַנטלעך. און בוזין — מזל־טוב. איך ווינטש איר גליק...

ממני בנך..."

ג

ס'א ליגן. נישט איך האָב געהאַט מיט וואָס פאַרטיק צו ווערן. נישט איך האָב געדאַרפט וואַרטן עטלעכע טעג. דעם זעלבן טאָג, וואָס איך האָב באַקומען פונעם טאַטן דעם דאָזיקן בריוו און געענטפערט מיט מיַין בריוו, האָב איך מיך אויפגעזעצט און בין געפלויגן אַהיים און בין גע־קומען צו פליִען פונקט דעם טאָג, וואָס ערב יום־טוב. אין אַ וואַרעמען ליכטיקן ערב פסחיקן טאָג.

און האָב געטראָפן מיַין שטעטל פונקט אַזוי, ווי איך האָב עס אי־בערגעלאָזט אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. נישט פאַרענדערט אַף אַ האָר, נישט געמינערט אַ טראָפּן. די אייגענע שטאָט. די אייגענע מענטשן. דער אייגע־נער ערב־פסחיקער אינדרויסן מיטן אייגענעם ערב־פסחיקן טאַרעראַם.

איין זאַך נאָר האָט געפעלט: דער שיר־השירים. ניין. עס איז שוין נישט מער שיר־השירימדיק, ווי ס'איז געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. אונדזער הויף איז שוין נישט מער שלמה המלכס וויַינגאָרטן, וואָס אין שיר־השירים. דאָס האָלץ מיט די קלעצער, מיט די ברעטער, וואָס ליגן אָנגעוואָרפן בײַ אונדזער שטוב, איז שוין נישט מער טענענבוימער און בוקסנבוימער. די קאַץ, וואָס ליגט בײַ דער טיר און וואַרעמט זיך אַף דער זון, איז שוין נישט מער פון די פעלד־אינדן, וואָס ברענגען זיך אין שיר־השירים. דער באַרג, וואָס אַף יענער זיַיט שול, איז שוין ניט מער דער לבנון. ניט מער פון די בשמים־בערג... די וויַיבלעך און מיידלעך, וואָס שטייען אינדרויסן און וואַשן און פרעסן און רייניקן און כשרן אַף פסח, זיַינען שוין ניט מער די טעכטער פון ירושלים, וואָס ווערן דערמאָנט אין שיר־השירים... וווּ איז אַהינגעקומען מיַין אַמאָליקע יונגע, פרישע, קלאָרע, ליכטיקע, מיט בשמים שמעקנדיקע שיר־השירים־וועלט?...

ד

איך האָב געטראָפן מיַין היים פונקט אַזוי, ווי איך האָב זי איבער־געלאָזט מיט יאָרן צוריק. נישט פאַרענדערט אַ האָר, נישט געמינערט אַ טראָפּן. דער טאַטע — ווי געווען. נאָר זיַין זילבער־באָרד איז געוואָרן עט־וואָס נאָך מער געזילבערט. זיַין ברייטער וויַיסער געקנייטשטער שטערן — נאָך עטוואָס מער געקנייטשט. אפנים, פון דאגות...

אויך די מאמע — ווי געווען. נאר דאס רויטע פּנים איז געוואָרן געלבלעך. און דאכט זיך מיר, אַז קלענער איז זי געוואָרן אין וווּקס. און אפשר ווײַזט זיך מיר אויס, דערפאר ווײַל זי האט זיך אביסל אײַנגעבויגן, אײַנגעבויגן צו דער ערד? און די אויגן זײַנען איר רויטלעך און מיט קישעלעך, ווי אונטערגעשוואָלן. שווין־זשע פון געוויין?...

אַף וואס האט געוויינט מײַן מאמע? אַף וועמען? אַף מיר, איר בן־יחיד, וואס איך האב ניט געוואָלט פאָלגן דעם טאטן און האב ווי־דערשפּעניקט זײַן געבאט, נישט געוואָלט גיין אין זײַנע וועגן, געגאַנגען מײַן אייגענעם וועג, זיך אוועקגעלאָזט לערנען און אַזוי לאַנג איז דער היים נישט געווען? צי אַף בוזין וויינט מײַן מאמע, וואס האט חתונה שבת נאך שבועות?...

אַך, בוזי! אויך זי האט זיך אַף קיין האָר ניט פאַרענדערט. ניט געמיינערט אַ טראָפּן. אויסגעוואַקסן איז זי נאָר. אויסגעוואַקסן און שע־נער געוואָרן. נאך שענער, ווי ווען ס'ניט איז אַמאָל. הויך און שלאַנק און רייף און מלא חן. אויגן — די זעלבע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן. נאָר מער פאַרטראַכטע, ווי אַמאָל פאַרטראַכטע, פאַרטיפטע, פאַרזאָרגטע, שיינע, בלויע שיר־השירים־אויגן. און אַ שמייכל אַף די ליפּן. און פרײַנט־לעך, און ליב, און היימיש, און צוגעלאָזט, און שטיל, ווי אַ טויב, צנועה־דיק־שטיל.

קוק איך אַף בוזין, דערמאָן איך מיך אַן יענער בוזי, וואס אַמאָל. דערמאָן איך מיך אַן אירע נאָר־וואס אויפגענייטע יום־טובדיקע קלייד־לעך, וואס די מאמע האט איר דעמאָלט אויפגענייט אַף פּסח. דערמאָן איך מיך אַן אירע נײַע קליינע יום־טובדיקע שיכלעך, וואס דער טאטע האט איר דעמאָלט געקויפט אַף פּסח. און דערמאָן איך מיך אַן יענער בוזי, וואס אַמאָל, אַזוי קומט מיר ניט־ווילנדיק דאס לאַנג־פאַרגעסענע שיר־השירים ווידער אַמאָל, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק: „אויגעלעך ווי טײַ־בעלעך, הערעלעך ווי ציגעלעך, גליטשן זיך באַרג־אַראָפּ... ציינדעלעך — ווײַסע שעפּעלעך, נאָר־וואס פון טײַך אַרויס, אײנס און אײנס. שני־רעלעך — אירע ליפּן. אַז זי רעדט, איז צוקער־זיס״...

איך קוק אַצינד אַף בוזין, און עס ווערט שווין אַלץ ווידער שיר־השירימדיק, ווי אַמאָל־אַמאָל, מיט יאָרן צוריק.

ה

— בוזי, דיר קומט מזל־טוב?

זי הערט ניט. וואס־זשע האט זי אראפגעלאזט די אויגן? וואס־זשע זײַנען רויט געווארן אירע בעקלעך? נייִן. איך מוז איר אפגעבן מזל־טוב.

— מזל־טוב דיר, בוזי!

— מיט מזל זאלסטו לעבן.

און מער ניט. פרעגן זי — קאן מען ניט. ריידן מיט איר — איז ניטא ווו. עס לאזט מיך ניט דער טאטע. עס לאזט מיך ניט די מאמע. עס לאזן מיך ניט די קרובים, די משפחה, די שכנים, וואס קומען ארײַן מיך מקבל־פנים זײַן. דער ארײַן, דער ארויס. אלע שטייען ארום מיר. אלע באטראכטן מיך, ווי א בער, ווי א מאדנע באשעפעניש פון אן אנדער וועלט. אלע ווילן מיך זען און הערן, וואס איך מאך און וואס איך טו — אזא צײַט נישט געזען זיך!

— דערציייל־זשע אונדז עפעס נײַס: וואס האסטו געזען, וואס האסטו געהערט?

און איך דערציייל זיי נײַס, וואס איך האב געזען און וואס איך האב געהערט. און איך קוק בעת מעשה אף בוזין. איך זען אירע אויגן און באַ־געגן מיך מיט אירע אויגן, מיט אירע גרויסע, טיפע, פארזארגטע, שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן. נאר אירע אויגן זײַנען שטום, ווי אירע ליפּן, ווי זי אליין. גארניט זאגן מיר אירע אויגן. גאלע גארניט. און עס קומט מיר אקעגן, ווי אמאל, דער שיר־השירים, א פסוק נאך א פסוק: „גן נעול אחותי כלה — א גארטן א פארשלאסענער איז מײַן שוועסטער די כלה. א גארטן א פארשלאסענער, א קוואל א פארזיגלטער”...

ו

און א שטורעם הייבט זיך אויף בא מיר אין קאפּ, און א פײַער איז הארצן. א פײַער — ניט אף קיינעם, נאר אף זיך אליין. אף זיך און אף יענע חלומות, נארישע, יונגלשע, גאלדענע חלומות, וואס צוליב זיי האב איך פארלאזן טאטע־מאמע. צוליב זיי האב איך פארגעסן אן בוזין. צו־ליב זיי האב איך מקריב געווען א שטיק פון מײַן לעבן, פארשפּילט מײַן גליק, פארשפּילט, פארשפּילט אף אייביק!

פארשפילט? ניין. עס קאן ניט זײַן. עס קאן ניט זײַן! אט בין איך דאך געקומען. באַצײַטנס געקומען... לאָם מיך נאָר בלײַבן מיט בוזין אליין. לאָם איך נאָר רײדן מיט איר א פאָר ווערטער. נאָר ווי קאָן איך רײדן מיט בוזין א פאָר ווערטער, אז אלע זײַנען דא? אז אלע זײַנען זיי ארום מיר? אלע באַטראַכטן מיך, ווי א בער, ווי א באַשעפעניש פון אן אנדער וועלט. אלע ווילן מיך זען און הערן, וואָס איך מאַך און וואָס איך טו — אַזאַ צײַט ניט געזען זיך!

מער פון אלע הערט מיך אוים דער טאַטע. איבער א ספר זיצט ער, ווי אלע מאָל, און פאַרקנײטשט איז זײַן ברייטער שטערן, ווי אלע מאָל, און קוקט אַף מיר אריבער די זילבערנע ברילן און גלעט זיך די זילבערנע פעדים פון זײַן זילבער־באָרד, ווי אלע מאָל. און עס דאַכט זיך מיר, אז ער קוקט אַף מיר ניט אַזוי, ווי אלע מאָל. ניין, ס'איז ניט דער קוק, וואָס אמאָל. איך פיל עס. דער מענטש איז באַליידיקט. איך האָב ווידערשפע־ניקט זײַן געבאָט. ניט געוואָלט גיין אין זײַנע וועגן. געגאַנגען מײַן אייגע־נעם וועג...

אויך די מאַמע שטייט בײַ דער זײַט, אײַנגעוואָרפן די קיך מיטן ערב־פסח, און הערט מיך מיט טרערן אַף די אויגן. מיטן שפּיץ פאַרטעך ווישט זי בגנבה א טרער, כאַטש דאָס פנים שמייכלט, און זי הערט, ווי איך דערצייל, און זי קוקט מיר אין מויל אַרײַן און שלינגט איטלעכס וואָרט מײַנס.

אויך בוזי זיצט אַקעגן מיר, די הענט צענויפגעלייגט אַפן האַרצן, און הערט מיך אוים גלײַך מיט זיי. גלײַך מיט זיי קוקט זי מיר אין מויל אַרײַן. גלײַך מיט זיי שלינגט זי איטלעכס וואָרט מײַנס. איך קוק אַף בוזין. און איך לייען אין אירע אויגן און קאָן ניט איבערלייענען גאָר־נישט ניט. גאָרנישט ניט.

— דערצייל־זשע, וואָס ביסטו אנטשוויגן געוואָרן? — מאַכט צו מיר דער טאַטע.

— לאָז אים צורו, האָסטו געזען אַביסל! — טוט זיך א כאַפּ די מאַמע. — דאָס קינד איז מיד, דאָס קינד איז הונגעריק. און ער: דער־צייל און דערצייל! דערצייל און דערצייל!

ז

ביסלעכווייז הייבט אָן דער עולם זיך צעגיין, און מיר בלייבן אַליין: דער טאַטע און די מאַמע, איך און בוזי. די מאַמע לאָזט זיך אַוועק אין קיך און קומט גיך צוריק מיט אַ שיינעם פּסחיקן טעלער — אַ באַקאַנ־טער טעלער, געמאָלט מיט גרויסע גרינע פייגנבלעטער.

— מאַמער וואָלסטו עפּעס געגומען אין מויל אַריין, שימעק? ביזן סדר איז נאָך ווייט.

זאָגט צו מיר מיין מאַמע מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, געטריישאַפט און וואַרעמער איבערגעגעבנקייט, און בוזי הייבט זיך אויף מיט אירע שטילע טריט און טראָגט מיר צו אַ גאָפּל־מעסער — באַקאַנטע פּסחיקע גאָפּל־מעסער. אַלץ איז מיר באַקאַנט. קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. ניט געמינערט אַ טראָפּן. דער אייגענער טעלער מיט די גרויסע גרינע פייגנבלעטער. די אייגענע גאָפּל־מעסער מיט די ווייסע ביינערנע קלעצ־עך. דער אייגענער ריח־ניחוח פון דער פּסחיקער געגזנשמאַלץ. דער איי־געגער טעם גן־עדן פון די ערב־פּסחיקע צועפּרישטע מצה. ניט געענדערט אַ האָר. ניט געמינערט אַ טראָפּן.

ניט מער, וואָס דעמאָלט ערב־פּסח האָבן מיר געגעסן ביידע, איך און בוזי. פון איין טעלער, געדענק איך, האָבן מיר געגעסן. טאַקע אָט פון דעם באַקאַנטן שיינעם פּסחיקן געמאָלטן טעלער, וואָס איז געמאָלט מיט גרינע פייגנבלעטער. און נים האָט אונדז דעמאָלט געגעבן די מאַמע, געדענקט איך. פולע קעשענעם מיט נים. און מיר האָבן זיך געגומען דע־מאָלט פאַר די הענט, געדענק איך, איך און בוזי, און מיר האָבן זיך גע־לאָזט פליען, געדענק איך, ווי די אָדלערס. איך לויף — זי לויפט מיר נאָך. איך שפּרינג איבער די קלעצער — זי שפּרינגט מיר נאָך. איך אַרויף — זי אַרויף. איך אַראָפּ — זי אַראָפּ.

—שימעק! ביז וואַנען וועלן מיר לויפן, שימעק?

זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איר מיטן לשון פון שיר־השי־רים: „עד שיפוח היום — ביז ס'וועט אַ בלאָז טאָן דער טאָג, ונסו הצללים — און עס וועלן אַנטלויפן די שאָטנס"...

ח

דאָס איז געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. היינט איז בוזי אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסע. און איך בין אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער. און אַ כּלה איז געוואָרן בוזי, עמעצנס אַ כּלה, ניט מייַנע... און איך וויל בלייַבן מיט בוזין אַליין. און איך וויל ריידן מיט איר אַ פּאָר ווערטער. איך וויל הערן איר קאָל. מיטן לשון פֿון שיר־השירים ווילט זיך מיר זאָגן צו איר: „הראיני את מראיך — מאַך מיר זען דייַן אויסזיכט. השמיעיני את קולך — מאַך מיך הערן דייַן שטים"... און עס דאַכט זיך מיר, אַז אירע אויגן ענטפֿערן מיר אויך מיטן לשון פֿון שיר־השירים: „לכה דודי — קום טייַערער, נצא השדה — ניט דאָ, נאָר אינדרויסן... אינדרויסן... דאָרט וועל איך דיר זאָגן. דאָרט וועל איך דיר דערציילן. דאָרטן וועלן מיר ריידן. דאָרטן"...

איך כאַפּ אַ קוק אינדרויסן אַרויס דורכן פֿענצטער. אַך, ווי שיין דאָרט איז, ווי ערב־פּסחיק! ווי שיר־השירימדיק! אַ עבירה נאָר, ס'איז שוין באַלד אויס טאָג. נידעריק־נידעריק לאָזט זיך אַראָפּ די זון און באַפֿאַרבט דעם הימל מיט גינגאָלד. דאָס גאָלד שייַנט אָפּ אין בוזיס אויגן. זיי באָדן זיך אין גאָלד. אָט באַלד שטאַרבט דער טאָג. איך וועל ניט האָבן קיין צייַט אַפֿילו מיט בוזין אַ וואָרט צו ריידן. דער גאַנצער טאָג איז אַוועק אַף פּוסטע רייד מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען, מיט דער משפּחה — וואָס איך האָב געהערט, וואָס איך האָב געזען... איך כאַפּ מיך אויף און קוק דורכן פֿענצטער אינדרויסן אַרויס און טו פֿאַרבייַגייענדיק אַ זאָג צו בוזין:

— מיר וועלן זיך אַביסל אפשר דורכגיין? אַזאַ צייַט איז דער היים ניט געווען. איך וויל אָנקוקן דעם הויף, איך וויל זען די שטאָט...

ט

ווייסט איר ניט, וואָס איז מיט בוזין? אַנגעצונדן האָט זיך איר פּנים, ווי אַ העליש פֿייַער. ווי די זון־קוגל, וואָס האַלט באַם אונטערגיין, איז זי רויט געוואָרן. זי וואַרפֿט אַ בליק אָפּן טאַטן. אַפּנים, זי וויל הערן, וואָס דער טאַטע וועט זאָגן? און דער טאַטע קוקט אַף דער מאַמען אַריבער די זילבערנע ברילן. ער גלעט די זילבערנע פּעדים פֿון זייַן זילבער־באָרד און זאָגט אין דער וועלט אַרייַן, צו קיינעם ניט:

— די זון זעצט זיך. שוין צײַט זיך איבערטאָן. גיין אין שול אַרײַן דאַווענען. שוין צײַט ליכט בענטשן. ווי מיינסטו?

ניין. איך וועל, אַפּנים, הײַנט ניט ריידן מיט בוזין א וואָרט ניט? מיר נעמען זיך איבערטאָן. די מאַמע איז שוין באַלד איינגאַנצן פּסחיק. זי האָט שוין אָנגעטאָן אַף זיך איר יום-טובדיק זײַדן מלבוש. אירע ווײַסע הענט שעמערירן. קיינער האָט ניט אַזעלכע שיינע ווײַסע הענט, ווי מײַן מאַמע. אָט באַלד וועט זי זיך שטעלן ליכט בענטשן. מיט אירע ווײַסע הענט וועט זי פאַרשטעלן אירע אויגן און וויינען שטילערהייט, ווי אַמאָל. דער לעצטער שטראַל פון דער פאַרגייענדיקער זון וועט זיך שפּילן אַף אירע שיינע קלאָרע ווײַסע הענט. קיינער האָט ניט אַזעלכע שיינע קלאָרע ווײַסע הענט, ווי מײַן מאַמע.

נאָר וואָס איז מיט בוזין? איר פּנים איז אויסגעלאָשן, ווי די זון, וואָס האַלט באַם זעצן זיך, ווי דער טאָג, וואָס האַלט בײַ אונטער־גיין. נאָר שיין איז זי און חנעוודיק, ווי קיינמאָל נישט. און טיף־טרויעריק זײַנען אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן. און פאַרטראַכט זײַנען אירע אויגן.

פון וואָס טראַכט איצט בוזי? פון דעם ליבן גאַסט, וואָס זי האָט אַף אים אַזוי אַרויסגעקוקט און וואָס איז געקומען צו פליִען אַזוי אומגע־ריכט, נאָכדעם ווי ער איז אַזאַ צײַט אין דער היים ניט געווען?... אָדער פון איר מאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל און אוועקגע־פאָרן ערגעץ ווײַט און פאַרגעסן, אַז זי האָט אַ טאָכטער, וואָס הייסט בו־זי? אָדער פון איר חתן טראַכט איצט בוזי, פון איר חתן, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן איר אוודאי אָנגעהאַנגען קעגן איר ווילן? און פון איר חתונה, וואָס דאַרף זײַן שבת נאָך שבועות מיט אַ מענטשן, וואָס זי קען אים ניט און ווייס אים ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז?... אָדער, פאַרקערט, אפשר האָב איך איינגאַנצן אַ טעות? אפשר ציילט זי נאָר די טעג פון פּסח ביז שבועות, ביז שבת נאָך שבועות? ווארעם דאָס איז איר אויסדערוויילטער, ווארעם ער אַז איר ליב און ער איז איר טײַער. ער וועט זי פירן אונטער דער חופּה, און אים וועט זי אוועקשענקען איר האַרץ און ליבע. און מיר? מיר איז זי, אוי־ווײ, ניט מער ווי אַ שוועסטער. געווען אַ שוועסטער און געבליבן אַ שוועסטער... און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי קוקט אַף מיר מיט רחמנות און מיט פאַרדראָס און

זאָגט צו מיר, ווי זי האָט געזאָגט צו מיר אַמאָל, מיטן לשון פֿון שיר־השירים: „מי יתנך כאח לי — ווען דו ביסט מיר אַ ברודער! אָך, פֿאַר וואָס ביסטו מיר ניט אַ ברודער?!”... וואָס זאָל איך איר ענטפֿערן דערויף? איך ווייס שוין, וואָס איך וועל איר ענטפֿערן דערויף. לאָם מיר נאָר ריידן מיט איר עטלעכע ווערטער. עטלעכע ווערטער.

נייִן. איך וועל הײַנט ניט קאָנען ריידן מיט בוזין קיין איינציק וואָרט, קיין האַלב וואָרט אַפֿילו. אָט הייבט זי זיך אויף, גייט מיט שטילע גרינגע טריט צו דער שאַפֿע, גרייט־צו פֿאַר דער מאַמען ליכט אין די זילבערנע לײַכטערס. אַלטע באַקאַנטע, היימישע הויכע געבלאָזענע זילבערנע לײַכטערס. מיר זײַנען מיט זיי גוט באַקאַנט און באַפֿרײַנדעט פֿון אַמאָל. די דאָזיקע זילבערנע לײַכטערס האָבן דאָך פֿאַרנומען אַמאָל אַ בכבוד אָרט אין מײַנע גאָלדענע חלומות בײַ דער פֿאַרכשופֿטער בת־מלכה אין דעם קרישטאָלענעם פּאַלאַץ. די דאָזיקע גאָלדענע חלומות מיט די דאָזיקע זילבערנע לײַכטערס, מיט די בענטשליכט, מיט דער מאַמעס שיינע קלאָרע ווײַסע הענט, מיט בוזים שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן, מיט די לעצטע גאָלדענע שטראַלן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון — איז עס דען נישט איינס אין דאָס זעלבע, געקניפּט און געבונדן?...

— טאַ! — זאָגט דער טאַטע צו מיר מיט אַ קוק אין פֿענצטער אַרויס מיט אַ ווונק, אַז ס'איז שוין צײַט זיך איבערטאָן און גיין אין שול אַרײַן דאַווענען.

מיר טוען זיך איבער, איך און דער טאַטע, און מיר גייען אין שול אַרײַן דאַווענען.

ו

אונדזער שול, אונדזער אַלטע־אַלטע שול, האָט זיך אויך ניט פֿאַרענדערט, איר זאָלט זאָגן אַ האָר. נישט געמינערט אַ טראָפּן. אַ ביסל זײַנען נאָר געוואָרן שוואַרצער די ווענט. נידעריקער דער עמוד. עלטער דער אַלמעמער. און דער ארון־קודש האָט פֿאַרלאָרן דעם גלאַנץ פֿון זײַן נײַהייט.

ווי אַ קליין בית־המקדש האָט אונדזער שול אויסגעזען אין מײַנע אויגן. איצט האָט זיך דאָס בית־המקדש אײַנגעבויגן אַ ביסעלע אָף אַ זײַט.

אך! ווו איז אהינגעקומען די הייליקע פראכט און גלאנץ פון אונדזער אלטער שול? ווו זיינען די מלאכים, וואס פלעגן דא שוועבן אונטער דעם געמאלטן סופית אלע פרייטיק צו נאכט, צו קבלת־שבת, און אלע יום־טוב אף דער נאכט, צו ברכו?

אויך די בלי־הבתים פון שול האבן זיך וויניק־וואס פארענדערט. נאר א ביסעלע פארעלטערט זיך. שווארצע בערד זיינען ווייס געווארן. גלייכע פלייצעס האבן זיך אויסגעבויגן. אטלעסענע קאפאטעס זיינען צע־האקט געווארן. עס זעען זיך ארוים ווייסע פעדעס, געלע פאסן. מלך דער חזן זינגט נאך היינט אויך אזוי שיין, ווי אמאל, מיט יארן צוריק. א בי־סעלע נאר איז אים פארדומפן דאס קאל. עס הערט זיך אין זיין דאוונען א נייער טאן: מער געוויינט, ווי געזונגען. מער געקלאגט זיך, ווי גע־בעטן. און אונדזער רב? דער אלטער רב? — דער האט זיך גארניט פארענדערט. געוועזן ווי געפאלענער שניי און געבליבן ווי געפאלענער שניי. איין קלייניקייט נאר: די הענט ציטערן אצינד. און מיטן גאנצן גוף ציטערט ער. פון אלטקייט אפנים. עזריאל דער שמש, א ייד אן א סימן פון א בארד, וואלט געוועזן דער אייגענער, וואס אמאל, ווען נישט די ציין. ער האט פארלארן אלע ציין און ער זעט אוים מיט זיינע איינגעפאלענע קינבאקן מער ווי א יידענע, ווי איידער א מאנצביל. נישקשה, ער קלאפט נאך היינט אויך מיטן פראטש איבערן שלחן, אז עס קומט צו שמונה־עשרה. אמת, שוין נישט דער קלאפ, וואס אמאל, אמאל, מיט יארן צוריק, האט מען געקאנט טויב ווערן פון זיין קלאפן. היינט שוין נישט. אפנים, נישטא דער כוח, וואס אמאל. געוועזן א ייד א גבר.

אמאל, מיט יארן צוריק, איז מיר דא געוועזן גוט, געדענק איך, גוט אן אן ערך אן א מאס! דא, אין דעם קליינעם בית־המקדש, האט מיין קינדערשע נשמה אמאל, מיט יארן צוריק, געשוועבט אינאיינעם מיט די מלאכים אונטער דעם געמאלטן סופית. דא אין דעם קליינעם בית־המקדש, האב איך אמאל, מיט יארן צוריק, אינאיינעם מיטן טאטן און מיט אלע יידן געשמאק און ערנסט געדאוונט...

יא

און אט בין איך איצט ווידער א מאל אין מיין אלטער אמאליקער שול, און איך דאוון מיט אונדזערע אלטע אמאליקע בעלי־בתים, און איך

הער דעם אייגענעם חזן, וואָס אַמאָל, וואָס זינגט מיטן אייגענעם ניגון, וואָס אַמאָל. און דער עולם דאַוונט געשמאַק און וואָרעם און מיטן זעלבן נוסח, וואָס אַמאָל. און איך דאַוון אינאיינעם מיטן עולם. נאָר מײַנע געדאַנקען זײַנען ווײַט פֿונעם דאַוונען. איך מיש אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל אין מײַן סדור און — איך בין ניט שולדיק — עס מישט זיך מיר אויף שיר־השירים קאַפּיטל ד׳: „הנך יפה רעיתי — ווי שיין דו ביסט, חבֿרטאָרן מײַנע. הנך יפה עיניך יונים — ווי שיין דו ביסט מיט דײַנע טויבנאויגן״... איך וואָלט וועלן דאַוונען גלײַך מיט אַלע, גלײַך ווי איך האָב אַמאָל געדאַוונט. נאָר עס דאַוונט זיך ניט! איך מיש אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל אין מײַן סדור און — איך בין ניט שולדיק — עס מישט זיך אויף ווידער שיר־השירים קאַפּיטל ה׳: „באתי לגני, אחותי כלה — איך בין געקומען אין מײַן ווײַנגאָרטן, מײַן שוועסטער די כלה״...

און ווײַטער: „איך האָב געקליבן מײַנע קרײַטער, געשמעקט מײַנע בשמים, געגעסן מײַן האָניק, געטרונקען מײַן ווײַן״...

נאָר וואָס רייד איך? וואָס זאָג איך? דער גאָרטן איז נישט מײַנער. איך וועל נישט קלײַבן קיין קרײַטער, ניט שמעקן קיין בשמים, ניט עסן קיין האָניק, ניט טרינקען קיין ווײַן. דער גאָרטן איז ניט מײַן גאָרטן. בוזי איז נישט מײַן כלה. בוזי איז עמעצנס אַ כלה. עמעצנס, נישט מײַנע!... און עס קאָכט אין מיר אַ גיהנום. נישט אָף בוזין. נישט אָף קיינעם. נײַן. אָף מיר אַליין: סטײַטש, ווי האָב איך געקאָנט אין אַזאַ צײַט זײַן אַזוי ווײַט פֿון בוזין? ווי האָב איך געקאָנט דערלאָזן, אַז מע זאָל צונעמען פֿון מיר בוזין און אָפּגעבן זי צו אַ אַנדערן? האָט זי מיר דען ניט געשריבן אַלע מאָל בריוועלעך און געגעבן אָנצוהערעניש[ן], אַז זי האָפֿט אין גיכע צײַטן זיך מיט מיר צו זען?״... האָב איך איר דען ניט אָפּגעלייגט אַלע מאָל פֿון איין יום־טובֿ אָפּן אַנדערן, אַזוי לאַנג, ביז זי האָט מיר אויפֿגעהערט צו שרײַבן?...

יב

— גוט יום־טובֿ. דאָס איז מײַן זון.

אַזוי שטעלט מיך פֿאָר דער טאַטע נאָכן דאַוונען פֿאַר די בעל־בתּים אין שול, וואָס באַטראַכטן מיך פֿון אַלע זײַטן און גיבן מיר אָפּ און נעמען צו פֿון מיר דעם שלום־עליכם, ווי אַ אַלטן חובֿ.

— דאָס איז מײַן זון...
— דאָס איז אײַער זון? נאָ דיר אָפּ שלום.

אין דעם טאַטנס ווערטער „דאָס איז מײַן זון" זײַנען דאָ אַלערליי פאַרבן: פרייד און גדלות און פאַרדראָס. מע קאָן לערנען דעם פּשט, ווי מע וויל: „וואָס זאָגט איר? דאָס איז דאָך מײַן זון!"... אָדער: „שמעלט אײַך פאַר — דאָס איז מײַן זון!"...

איך פיל זײַן האַרץ. דער מענטש איז באַליידיקט. איך האָב ווידער־שפּעניקייט זײַן געבאָט. איך בין נישט געגאַנגען אין זײַנע וועגן. איך בין געגאַנגען אין מײַן אייגענעם וועג און האָב אים פאַרעלטערט פאַר דער צײַט. נײַן, ער האָט מיר נאָך ניט מוחל געווען. ער זאָגט דאָס מיר ניט. ער פאַרשפּאָרט עס מיר צו זאָגן. איך פיל עס אַליין. דאָס זאָגן מיר זײַנע אויגן, וואָס קוקן מיר דורך די זילבערנע ברילן גלײַך אין האַרצן אַרײַן. דאָס זאָגט מיר דער שטילער זיפץ, וואָס רײַסט זיך אַרויס פון צײַט צו צײַט פון זײַן אַלטער שוואַכער ברוסט... מיר גייען ביידע פון שול אַהיים און שווײַגן. מיר גייען שפּעטער פון אַלעמען. די נאַכט האָט פאַרשפּרייט אירע פליגל איבערן הימל, און אַראָפּגעלאָזט האָט זיך איר שאָטן אויף דער ערד. אַ שטילע, אַ וואַרעמע, אַ הייליקע פּסחדיקע נאַכט איז דאָס. אַ נאַכט פול מיט סודות און רעטענישן. פול מיט וווּנדער. די הייליקייט פון דער דאַזיקער נאַכט פילט זיך אין דער לופט. קוקט אַראָפּ פונעם טונקל־בלויען הימל. וועגן איר שמועסן זיך דורך שטילערהייט די שטערן. יציאת מצרים לאָזט זיך הערן פון דער דאַזיקער נאַכט...

מיט גיכע־גיכע טריט גיי איך אַהיים אין דער דאַזיקער נאַכט. אין דער טאַטע — קוים וואָס ער גייט מיר נאָך. ווי אַ שאָטן גייט ער מיר מיר נאָך. „וואָס יאָגסטו אַזוי?" — פרעגט מיך דער טאַטע, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם.

עך, טאַטע, טאַטע! זעסטו דען ניט, אַז איך בין געגליכן צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד פון די אינדן אויף די בשמים־בערג?... מיר איז לאַנג, טאַטע, צו לאַנג די צײַט. מיר איז ווײַט, טאַטע, צו ווײַט דער וועג, דער־מאָלט, ווען בוזי איז אַ כלה. עמעצנס כלה. עמעצנס, ניט מײַנע!... איך בין געגליכן צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד פון די אינדזן אויף די בשמים־בערג.

אַזוי ווילט זיך מיר ענטפערן מײַן טאַטן מיטן לשון פון שיר־השי־

רים, און איך פיל נישט די ערד אונטער זיך. און איך גיי מיט גיכע־גיכע טריט אהיים אין דער דאזיקער נאכט. און מײַן טאטע — קוים וואס ער גייט מיר נאך. ווי א שאטן גייט ער מיר נאך אין דער דאזיקער נאכט.

יג

מיט דעם אייגענעם „גוט־יום־טוב", וואס מיר פלעגן אריינקומען אין דער דאזיקער נאכט פון שול אהיים אמאל, מיט יארן צוריק, זײַנען מיר אריינגעקומען אויך אצינד — איך און דער טאטע.

מיט דעם אייגענעם „גוט־יום־טוב — גוט־יאר", וואס די מאמע און בוזי פלעגן אונדז באגעגענען אין דער דאזיקער נאכט אמאל מיטן יארן צוריק, האבן זיי אונדז באגעגנט אויך אצינד.

די מאמע, די מלכה, אנגעטאן אין איר קעניגלעך זײַדן מלבוש, און די בת־מלכה, בוזי — אין איר שניי־ווײַס קלייד. אבער פונקט דאס אייגע־נע בילד, וואס אמאל, מיט יארן צוריק, ניט פארענדערט אף א האר, נישט געמינערט א טראפן.

ווי מיט יארן צוריק, אזוי אויך אצינד, אין דער דאזיקער נאכט, איז אונדזער שטוב פול מיט חן. א באזונדערע שיינקייט, א הייליקע, יום־טובדיקע, מאיעסטעטישע שיינקייט האט אראפגענידערט אף אונדזער שטוב. א הייליקער, יום־טובדיקער גלאנץ איז אויסגעגאסן אף אונדזער שטוב אין דער דאזיקער נאכט. דאס ווײַסע טישגעבעט — געפאלענער שניי. דער מאמעס בענטשליכט שײַנען ארוים פון די זילבערנע לײַכטערס. עס לאזט גריסן פון די פלעשער ארויס דער ארבע־כוסות־ווײַן. אך, ווי צנועהדיק־נאַיוו עס קוקן ארויס פון דער קערה די אומשולדיקע מצות! ווי ליב עס שמייכלט דער אנגעריבענער מרור־כריין, דער קאמפליצירטער חרוסת מיטן אנגעגרייטן זאלצוואסער! פײַערלעך און מיט שטאלץ שטייט אויסגעבעט דעם מלכס שטול, דאס עסבעט. אף דער מלכהס פנים רוט די שכינה, ווי אלע מאל אין דער דאזיקער נאכט. און די בת־מלכה (בוזי) איז אינגאנצן, פון אויבן ביז אראפ, שיר־השירימדיק. ניין, וואס זאג איך? — זי איז דער שיר־השירים אליין.

אז עבירה נאר, וואס מע האט דעם בן־מלך אוועקגעזעצט אזוי ווײַט פון דער בת־מלכה. אמאל זײַנען זיי, געדענק איך, אנדערש געזעסן באם

סדר. אינאייינעם, איינס נעבן אנדערן זיינען זיי געזעסן. דער בן־מלך האָט נעפרעגט דעם טאַטן, געדענק איך, די פיר קשיות, און די בת־מלכה האָט ארויסגעגנבעט בא זיין מאַיעסטעט פון אונטערן קישן דעם אפיקומן — און אך! וואָס מיר האָבן זיך דעמאָלט אנגעלאַכט! אמאָל נאָכן סדר, געדענק איך, אז דער מלך האָט שוין אראָפגעצויגן דעם ווייסן קיטל, און די מלכה — איר קעניגלעך זײַדן מלבוש, זײַנען מיר געזעסן, איך און בוזי, אינצווייען, אין א ווינקעלע, געשפּילט אין ניסלעך, וואָס די מאַמע האָט אונדז געגעבן, אָדער איך האָב איר דערציילט א מעשה פון יענע בבא־מעשיות פון חדר, פון מײַן חבר שײַקע וואָס ווייס אַלצדינג. א מעשה מיט א פאַרכשופטער בת־מלכה, וואָס איז געזעסן אין א פּאַלאַץ פון קריש־טאָל זיבן יאָר כסדר און געוואַרט, ביז עמעצער וועט דורכן שם־המפורש זיך אויפהייבן אַריבער דער כמאַרע, פליִען איבער בערג און איבער טאָלן, איבער טײַכן און מדבריות, און וועט זי אויסלייזן, און וועט זי באַפרײַען.

יד

דאָס איז אבער אַלץ געווען אמאָל — אמאָל, מיט יאָרן צוריק. איצט איז שוין די בת־מלכה אויסגעוואַקסן, געוואָרן א גרויסע. און דער בן־מלך איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן א גרויסער. און באַזעצט האָט מען אים אזוי אומברחמנותדיק, אז מיר קאָנען זיך אפילו ניט זען איינס דאָס אנ־דערע, ווי עס געהער צו זיין. שטעלט אייך פאָר: אין דער רעכטער האַנט פון זײַן מאַיעסטעט דער בן־מלך, אין דער לינקער האַנט פון איר מאַיעס־טעט די בת־מלכה!... און מיר זאָגן די הגדה, איך מיטן טאַטן, הויך אף א קאָל, ווי אמאָל, מיט יאָרן צוריק, און מיט א ניגון, א בלעטל נאָך א בלעטל. און די מאַמע מיט בוזין זאָגן אונדז נאָך שטילערהייט, א בלעטל נאָך א בלעטל — ביז מיר קומען צו שיר־השירים. זאָג איך מיטן טאַטן דעם שיר־השירים, ווי אמאָל, מיט יאָרן צוריק, מיט גאָר א באַזונדערן ניגון. א פּסוק נאָך א פּסוק. און די מאַמע מיט בוזין זאָגן אונדז נאָך שטילערהייט א פּסוק נאָך א פּסוק. ביז דער מלך, אויסגעמידט פון דער יציאת־מצרים־געשיכטע און שכורלעך פון דעם ארבע־כוסות־ווײַן, הייבט אָן ביסלעכ־ווײַז אונטערצודרעמלען, דרעמלט א ווײַלע און כאַפּט זיך אויף און זינגט ווײַטער דעם שיר־השירים, הייבט אָן אף א קאָל: „מים רבים —

פיל וואַסערן קאָנען נישט אויסלעשן די ליבע"... און איך כאַפּ אים און טער מיטן זעלבן ניגון: „ונהרות לא ישטפוה — און טייכן וועלן זי ניט פאַרפלייצן"... דאָס זאָגן גייט באַ אונדז אַלע מאָל שטילער און שטי־לער, ביז זיין מאַיעסטעט ווערט צום סוף אַנטשלאָפן שוין טאַקע אַף דעם רעכטן אמת. רירט אים אָן די מלכה באַם אַרבל פונעם ווייסן קיטל. מיט אַ ליבער זיסער איידלקייט וועקט זי אים, ער זאָל גיין שלאָפן, — און איך מיט בוזין קאָנען זיך דערוויל איבערוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער. שטיי איך אויף פון טיש און גיי־צו צו איר נאָענט, און מיר שטייען איינס אַקעגן דאָס אַנדערע — דאָס ערשטע מאָל אַזוי נאָענט אין דער דאַזיקער נאַכט. איך ווייז איר אָן אַף דער שיינער זעלטענער נאַכט. „אין דער דאַ־זיקער נאַכט, זאָג איך איר איז גוט שפּאַצירן גיין"... זי האָט מיך פאַר־שטאַנען און ענטפערט מיר מיט אַ האַלבן שמייכל, פרעגנדיק: „אין דער דאַזיקער נאַכט?"... און עס מאַלט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט פון מיר. אַזוי פלעגט זי לאַכן פון מיר אַמאָל, מיט יאָרן צוריק. פאַרדריסט דאָס מיך. זאָג איך צו איר: „בוזי, מיר האָבן וואָס צו ריידן, אַ סך וואָס צו ריידן". „אַ סך וואָס צו ריידן?" — חזרט זי איבער מיינע ווערטער, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי לאַכט פון מיר... פאַרכאַפּ איך מיך: „און אפשר האָב איך אַ טעות? אפשר האָב איך מיט דיר אַצינד גאָרניט וואָס צו ריידן?"...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ ביטערקייט, אַז בוזי הערט אויף צו שמייכלען און ערנסט ווערט איר פּנים. „מאָרגן — מאַכט זי צו מיר — מאָרגן וועלן מיר שוין ריידן"... און ליכטיק ווערט מיר אין מיי־נע אויגן. ליכטיק און גוט און פריילעך. מאָרגן! מאָרגן וועלן מיר שוין ריידן! מאָרגן! מאָרגן!... איך גיי־צו צו איר נאָך נעענטער און איך דערפיל דעם ריח פון אירע האָר, דעם ריח פון אירע קליידער, דעם אַמאָ־ליקן באַקאַנטן ריח. און עס קומען מיר אָפּ זינען די ווערטער פון שיר־השירים: „נפת תטפנה שפתותיך, כלה — צוקער טוען טריפן דיינע ליפּן, כלה! האָניק און מילך אונטער דיין צונג. און דער ריח פון דיינע קליידער איז ווי דער ריח פון דעם לבנון"...

דאָס וויטערדיקע ריידן מיר שוין אַזוי, אָן ווערטער, מער מיט די אויגן. מיט די אויגן...

טו

— בוזי, א גוטע נאכט. — זאג איך צו איר שטיל. עס איז מיר שווער אוועקצוגיין פון איר. איין גאט ווייס דעם אמת.

— א גוטע נאכט. — ענטפערט מיר בוזי, רירט ניט פון ארט און קוקט אף מיר מיט־פארזארגט מיט אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן.

איך זאג איר נאך א מאל א גוטע נאכט, קומט צו גיין די מאמע און פירט מיך אריין אין א באזונדער שלאף־חדר. דארט נעמט מיין מאמע און גלעט מיר אויס מיט אירע שיינע ווייסע הענט דאס וויסע אויבער־דעק פון מיין שלאף־בעט, און אירע ליפן שעפטשען: „שלאף געזונט, מיין קינד, שלאף געזונט"...

אין די דאזיקע עטלעכע ווערטער האט זיך אויסגעגאסן דער גאנ־צער ים פון ליבשאפט, וואס האט זיך צענויפגעזאמלט בא מיין מאמען אין דער צייט, וואס איך בין אין דער היים ניט געווען. איך בין גרייט צופאלן צו איר, אויסקושן איר די שיינע ווייסע הענט. נאר איך בין דאס גיט ווערט. ניין, איך בין דאס ניט ווערט. איך ווייס דאס.... שטיל זאג איך איר א גוטע נאכט, און איך בלייב איבער אליין, איינער אליין אין דער דאזיקער נאכט.

טז

...איינער אליין אין דער דאזיקער נאכט. אין דער דאזיקער שטי־לער ווייכער ווארעמער פריער פרילינג־נאכט.

איך עפן אויף דאס פענצטער און קוק ארויס אינדרויסן ארויס, צום טונקל־בלויען נאכט־הימל, צו די שעמערירנדיקע ברילִיאנטן־שטערן, און איך פרעג בא זיך אליין: ניט שוין־זשע? ניט שוין־זשע?

ניט שוין־זשע האב איך פארשפילט מיין גליק, פארשפילט אף אייביק?

ניט שוין־זשע האב איך אליין מיט מיינע אייגענע הענט גענומען און פארברענט מיין וווּנדערלעכן פאלאץ און ארויסגעלאזט די שיינע געט־לעכע בת־מלכה, וואס איך האב אמאל פארכשופט?... ניט שוין־זשע? ניט שוין־זשע? און אפשר ניין? אפשר בין איך געקומען באצייטנס? באתי לגני, אחותי כלה — איך בין געקומען אין מיין גארטן, מיין שוועסטער די כלה...

און איך זיץ נאָך לאַנג באַם אָפענעם פענצטער אין דער דאַזיקער נאַכט. און איר סודע מיך מיט דער דאַזיקער שטילער ווייכער וואַרעמער פרילינג־נאַכט, וואָס איז פול, מאָדנע פול, מיט סודות און רעטענישן....

און אין דער דאַזיקער נאַכט בין איך געוואָר געוואָרן אַ נײַעס:

אַז איך האָב ליב בוזין.

אַז איך האָב זי ליב מיט יענער הייליקער פלאַם־פײַעריקער גיהנום־ליבע, וואָס ווערט אַזוי שיין באַשריבן אין אונדזער שיר־השירים. גרויסע פײַעריקע אותיות שנײַדן זיך אויס, איך ווייס ניט פון וואַנען, און שוועבן מיר פאַר די אויגן. די אותיות זײַנען פונעם נאָר־וואָס אָפּגעזאָגטן שיר־השירים, אַן אות נאָך אַן אות: „כי עזה כמות אהבה — ביטער ווי דער טויט איז די ליבע. קשה כשאול קנאה — שווער ווי דער גיהנום איז די קנאה. רשפיה רשפי־אש — אירע פונקען זײַנען פונקען פײַער, שלהבתיה — אַ פלאַקער פון גאָט“...

און איך זיץ אין דער דאַזיקער נאַכט באַם אָפענעם פענצטער און איך פרעג בײַ דער דאַזיקער נאַכט פון סודות און רעטענישן, זי זאָל מיר אַנטפּלעקן דעם סוד: ניט שוין־זשע? ניט שוין־זשע?...

נאָר זי שווײַגט, די דאַזיקע נאַכט פון סודות און רעטענישן. דער סוד בלײַבט אַ סוד פאַר מיר — ביז מאָרגן.

מאָרגן, אַזוי האָט דאָך מיר בוזי צוגעזאָגט, וועלן מיר ריידן. אַך! מאָרגן וועלן מיר שוין ריידן... לאָז נאָר אַוועקגיין די נאַכט. לאָז נאָר פאַרשווינדן די דאַזיקע נאַכט.

די דאַזיקע נאַכט. די דאַזיקע נאַכט....

פערטער טייל

שבת־נאָך־שבועות

א

ויהי ערב — און ס׳איז געווען אַז אוונט. ויהי בוקר — און ס׳איז געווען אַ פרימאָרגן.

אַ שיינער, אַ זעלטענער פרימאָרגן, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל תחילת זומער, אין דער צײַט, וואָס צווישן פּסח און שבועות.

פון די ערשטע בין איך געווען אינעם דאָזיקן פרימאָרגן, וואָס האָבן זיך געפעדערט אויפצושטיין. דער טאָג האָט ערשט געהאַלטן בײַ געבוירן צו ווערן. מײַן קליין שלעפעריק שטעטל האָט ערשט אָנגעהויבן אויפצוּוואַכן פונעם זיסן שלאָף. די לויטערע וואַרעם־גלעטנדיקע זון האָט זיך מכין געווען אַרויסשפּאַצירן פון איר געצעלט און לאָזן זיך לויפן איר גרויסן הימלוועג אינעם דאָזיקן פריצײַטיקן זומער־טאָג, וואָס צווישן פּסח און שבועות. אַ גרינג, קיל נאַכט־ווינטל האָט זיך נאָך געטראָגן איבער דער וועלט. קוים־קוים, ווי מיט מלאכים־פליגל, באַרירט די שטיל־אויפוואַכנדיקע ערד.

אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף, איז מײַן ערשטער געדאַנק געווען:

בוזי.

ווידער אַ מאָל בוזי?

יאָ, ווידער אַ מאָל בוזי. ווידער אַמאָל און אָבער אַ מאָל בוזי. עס איז מיר אַזוי געלעגן צו ריידן פון בוזין, אַז עס וועט מיר ניט נמאס ווערן צו דערציילן אײַך פון איר נאָך אַ מאָל און אָבער אַ מאָל. נאָך אַ מאָל און אָבער אַ מאָל איבער געבן אײַך איר ביאָגראַפיע אין קורצן.

דער וואָס האָט שוין געהערט, וועט מיר מסתמא מוחל זײַן. פֿאַר דעם, וואָס האָט נאָך ניט געהערט, איז דאָס נײַמיק צו הערן: ער דאַרף וויסן, ווער בוזי איז.

ב

איך האָב געהאַט אַ ברודער בעניע, איז ער דערטרונקען געוואָרן אין טײַך. איז געבליבן פֿון אים אַ יתומה מיטן נאָמען בוזי. פֿאַרצויגן פֿון אסתר־ליבע: ליבוזי — בוזי. און שיין איז זי געווען, אַזוי ווי די שולמית, וואָס אין שיר־השירים. און מיר זײַנען געוואַקסן, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועס־טער. און מיר האָבן זיך ליב געהאַט, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. אַט דאָס איז די בוזי.

עס זײַנען איבערגעלאָפֿן יאָרן. איך בין אַוועק פֿון דער היים קעגן ווילן פֿון מײַן טאַטע־מאַמע, איך האָב ווידערשפּעניקט זייער געבאָט, ניט געוואָלט גיין אין זייערע וועגן, אַוועקגעגאַנגען מײַן אייגענעם וועג, זיך אַוועקגעלאָזט לערנען. קומט מיר אָן איינמאָל פֿאַר פּסח אַ בריוועלע פֿון מײַן טאַטן מיט אַ מזל־טוב: בוזי איז אַ כלה געוואָרן, שבת נאָך שבועות איז די חתונה, זאָל איך קומען צו פֿאָרן אויף פּסח אַהיים. האָב איך אָפּ־געענטפֿערט מיט אַ מזל־טוב און בין געקומען צו פֿליִען אויף פּסח אַהיים.

איך האָב געטראָפֿן בוזין אויסגעוואַקסן און שיין, נאָך שענער ווי געווען. און עס האָט אויפֿגעוואַכט אין מײַן זכרון די אַמאָליקע בוזי, די שולמית פֿון שיר־השירים. און אַ שטורעם האָט זיך אויפֿגעהויבן בײַ מיר אין קאָפּ און אַ פֿײַער האָט זיך אָנגעצונדן אין מײַן האַרצן. אַ פֿײַער — ניט אויף קיינעם, נאָר אויף זיך אַליין. אויף זיך און אויף מײַנע יונגלשע נאַר־דענע נאַרישע חלומות, וואָס צוליב זיי האָב איך פֿאַרלאָזן טאַטע־מאַמע, ווידערשפּעניקט זייער געבאָט און אַוועקגעלאָזט זיך לערנען, און אַזוי האָב איך פֿאַרשפּילט, פֿאַרשפּילט מײַן גליק, דערלאָזט, אַז בוזי זאָל ווערן אַ כלה, עמעצנס — ניט מײַנע!...

בוזי איז פֿון קינדווײַז אָן געווען מיר ליב און טײַער — דאָס איז אמת. נאָר אַז איך בין געקומען צו פֿאָרן אַהיים און דערזען בוזין, האָב איך אַרויסגעזען:

אַז איך האָב ליב בוזין.

אַז איך האָב זי ליב מיט יענער הייליקער פֿײַעריקער גיהנום־ליבע,

וואָס וועט אַזוי שיין באַשריבן אין אונדזער שיר־השירים: „שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע, שווער ווי דער גיהנום איז די קנאה. אירע פונקען זייַנען פונקען־פייַער. אַ פלאַקער פון גאָט".

ג

איך האָב געהאַט אַ טעות: איך בין ניט געווען דער ערשטער יע־געם פרימאָרגן. מייַן מאַמע האָט זיך געפעדערט נאָך פריִער פון מיר. זי איז שוין אָנגעטאָן. זי איז שוין באַשעפטיקט מיט דער טיי, מיטן אָנבייַסן.

— דער טאַטע שלאָפט נאָך. דאָס קינד שלאָפט נאָך (אַזוי הייסט בא איר בוזי). וואָס ווילסטו טרינקען, שימעק?

מיר איז אַלץ איינס. וואָס זי וועט מיר געבן, וועל איך טרינקען. מייַן מאַמע גיסט מיר אָן טיי און דערלאַנגט מיר מיט אירע שיינע ווייַסע הענט. קיינער פאַרמאָגט ניט אַזעלכע שיינע ווייַסע הענט, ווי מייַן מאַמע. זי זעצט זיך אַוועק קעגן מיר און רעדט מיט מיר שטיל, דער טאַטע זאָל ניט הערן. מאַקע פונעם טאַטע רעדט זי מיר. ער ווערט על־טער, ניט יינגער. ווערט עלטער און שוואַכער און הוסט. הוסט, צום מייניסטן, אינדערפרי, אַז ער שטייט אויף. און אַמאָל באַנאַכט מאַכט זיך, זאָל ער זיך אויפכאַפּן און אָוועקהוסטן אַ גאַנצע נאַכט. און אַמאָל באַ־טאָג אויך... רעדט זי אים איין, ער זאָל זיך דורכגיין צום דאָקטער — וויל ער ניט. אַן עקשן. זייַן עקשנות איז דען איבערצוטראָגן? זי באַקלאָגט זיך ניט, חלילה, אַף אים. נאָר גאָר ניט. ס'איז געקומען צו רייד, רעדט זיך...

אַזוי גיט מיר איבער די מאַמע שטילערהייט אַ ראַפּאָרט פונעם טאַטן. און אויך וועגן בוזין דערציילט מיר די מאַמע שטילערהייט און אירע אויגן לייַכטן. און זי גיסט מיר אָן נאָך אַ גלאָז און פרעגט מיך, וואָס איך זאָג אַף בוזין? איאָ, אויסגעוואַקסן, קיין עין־הרע, ווי אַ בוים? קיין בייז אויג זאָל איר נאָר ניט שולט זייַן! שבת נאָך שבועות איז די חתונה. אם ירצה השם, שבת נאָך שבועות. אַ גליקלעכער שדוך, אַ גע־ראָטענער חתן. אַ שיינער אָרט, אַ בעל־הביתיש, נגידיש הויז. אַ שמאַלץ־גרוב...

— פונדעסטוועגן — אַזוי דערציילט מיר די מאַמע ווייַטער — פונדעסטוועגן, וויפל האָט מען מיט איר געהאָרעוועט, מאַקע מיט בוזין,

איידער מע האָט באַ איר געפּועלט, זי זאָל זיך לאָזן אָנקוקן. איצט איז זי, דאַנקען גאָט, צופרידן. נאָך וויאַזוי צופרידן! די בריוולעך, וואָס מע שרײַבט זיך! אַ טאָג איבער אַ טאָג. (דער מאַמעס פּנים שײַנט. דער מאַ־מעס אויגן לײַכטן.) אַשטייגער, לאָז ניט זײַן אַזוי גיך קיין בריוו — טוט זיך חושך!... דאָס איז איצט. אָבער פֿריִער? שיער ניט אַרויס, שונאי ציון, די נשמה, ביז מע האָט דערלעבט פֿון איר דאָס וואָרט „יאָ” צו הערן... בוזי — אויך אַ גוטע עקשנטע. פֿון אַזאַ משפּחה: זיי, אַז זיי שפּאַרן זיך אײַן!... זי רעדט ניט, חלילה, קיין שלעכטס אויף קיינעם. נאָר גאָרניט. ס'איז געקומען צו רייד, רעדט זיך....

פונעם טאַטנס אַלקער לאָזט זיך הערן אַ הוסטן — און נישטאָ מײַן מאַמע, פֿאַרשוווּנדן.

ד

מי זאת הנשקפה כמו שחר — ווער קוקט דאָס ווי דער מאָרגנשטערן? יפה כלבנה — שיין ווי די לבנה? ברה כחמה — לויטער ווי די זון?

דאָס איז אַרײַנגעקומען פֿון איר שלאָפֿצימער בוזי.

איך קוק מיך אײַן אין בוזין — איך וואָלט געמעגט שווערן איינס פֿון די ביידע: אָדער זי האָט געוויינט, אָדער זי איז ניט געשלאָפֿן די נאַכט.

מײַן מאַמע איז גערעכט: ווי אַ בוים איז זי אויסגעוואַקסן. ווי אַ רויז האָט זי אויפֿגעבליט. אירע אויגן, אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן, זײַנען אין דעם פֿרימאָרגן נאָך איבערגעצויגן מיט אַ דין רויכל. און דאָס גאַנצע פּנים אירס איז אין דעם פֿרימאָרגן איבערגעדעקט מיט אַ דינעם פּרוכת. און בוזי אינגאַנצן איז אַ סוד פֿאַר מיר. אַ שמערצלעכער סוד. אַ סך זאַכן וואָלט איך וועלן וויסן. פֿאַר וואָס איז בוזי ניט געשלאָפֿן די דאָזיקע נאַכט? איך וואָלט וועלן וויסן, וועמען האָט זי געזען אין חלום: מיך, דעם ליבן גאַסט, וואָס זי האָט אויף אים אַזוי לאַנג אַרויס־געקוקט און וואָס איז געקומען צו פֿליִען אַזוי אומגעריכט? אָדער אַן אַנדערן האָט זי געזען אין חלום? אַן אַנדערן, דעם, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן איר אָנגעהאַנגען קעגן איר ווילן?... בוזי איז אַ סוד פֿאַר מיר. אַ שמערצלעכער סוד. גן נעול אחותי כלה — אַ גאָרטן אַ פֿאַרשלאָסע־נער איז מײַן שוועסטער די כלה. אַ גאָרטן אַ פֿאַרשלאָסענער, אַ קוואַל אַ פֿאַרזיגלטער....

ח

בוזי איז א סוד פאר מיר. א שמערצלעכער סוד. עטלעכע מאל אין טאג בייט זיך בא איר די שטימונג. ווי דער אינדרויסן אין א זומערדיקן וואלקן־טאג: אט איז ווארעם, אט איז קיל. אט טוט א שיין ארויס די זון פון די וואלקנס ארויס — און עס ווערט שיין. ביז עס רוקט זיך אן א נייער וואלקן — און עס ווערט ווידער טריב און טונקל.

נישטא דער טאג, וואס בוזי זאל ניט באקומען א בריוו פון „עמעצן".
נישטא דער טאג, זי זאל ניט ענטפערן דעם „עמעצן".

איך ווייס גאנץ גוט ווער דער „עמעצער" איז, און איך פרעג זי נישט. איך רייד נישט מער מיט בוזין פון „אים". איך האלט אז „ער" איז דא אן איבעריקער, אן אנגעווארפענער. בוזי רעדט אבער אליין פון אים. רעדט זי ניט פון אים שוין צו־פיל? אין די געציילטע מינוטן, ווען מיר בלייבן מיט איר אליין אינצווייען, רעדט מיט מיר בוזי פון „אים", און לויבט אים. לויבט אים אין טאג אריין. לויבט זי אים נישט צו פיל?

זי זאגט מיר:

— דו ווילסט וויסן וואס ער איז? (זי לאזט אראפ די אויגן.) ער איז א פיינער — א! זייער א פיינער. ער איז א ווילער — א! זייער א ווילער. נאר... (זי הייבט אויף די אויגן אף מיר און לאכט) ער קומט ניט צו דיר... ווי קומט ער צו דיר?....

וואס מיינט דערמיט בוזי? זי וויל מיך פארגיטיקן? אדער זי טרייבט מיט מיר קאטאוועס?

ניין. ניט זי וויל מיך פארגיטיקן, ניט זי טרייבט מיט מיר קאטאוועס. נאר זי רעדט זיך אויס דאס הארץ...

דאס איז ווי צוויי מאל צוויי.

נאך דער טיי זיינען די מאמע און בוזי אוועק אין קיך וועגן אנ־בייסן, און איך מיטן טאטן האבן זיך געשטעלט דאוונען. איך האב עס געמאכט בקיצור. נאר דער טאטע, איינגעוויקלט אין טלית און תפלין, איז נאך געשטאנען מיטן פנים צו דער וואנט און געלויבט גאט. קומט אן פלוצעם בוזי אויסגעקליידט, מיט א זאנטיקל אין האנט, און רופט זיך אן צו מיר:

— קום.

— וואוהין?

— הינטער דער שטאָט אַרויס. אַביסל זיך דורכגיין. אַ שיינער טאָג. אַ זעלטענער טאָג.

דער טאַטע האָט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ, קוקט אַריבער די זילבערנע ברילן. און בוזי ציט אָן די הענטשקעלעך אויף די הענט און מאַכט צו אים:

—ניט אויף לאַנג, טאַטע, ניט אויף לאַנג. מיר קומען באַלד צוריק. די מאַמע ווייס, אַז מיר גייען. קום, שימעק, דו גייסט?

די בעסטע מוזיק, די שענסטע סימפאָניע קאָן דען אַזוי שיין קלינגען, ווי די ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען אין מײַנע אויערן? עס האָט זיך געלאָזט הערן אין זיי אַן אָפּקלאַנג פֿון שיר־השירים: „לכה, דודי — קום ליבער, נצא השדה — לאָמיר גיין אין פֿעלד אַרויס. לאָמיר נעכטיקן אין די דערפֿער. לאָמיר זיך פֿעדערן אין די ווײַנגערטנער. לאָמיר זען, אויב עס בליט דער ווײַנשטאָק? אויב עס שפּראָצן די מילגראַמען?"....

אויסער זיך פֿון התפּעלות לאָז איך מיך נאָך בוזין און פֿיל נישט די ערד אונטער זיך. וואָס איז דאָס מיט בוזין? דאָס ערשטע מאָל, זינט איך בין אינדערהיים, טרעפֿט, אַז בוזי זאָל מיך רופֿן שפּאַצירן גיין. וואָס איז דאָס מיט בוזין?...

ו

בוזי איז גערעכט. ס'איז אַ שיינער טאָג. אַ זעלטענער טאָג.

אָפּשאַצן אַזאַ זומער־טאָג קאָן מען נאָר אין מײַן קליין אָרעם שטעטל, אַז מע כאַפּט זיך אַרויס פֿון דער קלעם און פֿון דער ענגשאַפֿט אויף גאָטס פֿרײַער שיינער וועלט. די ערד האָט זיך באַקליידט מיט איר גרינעם מאַנטל, אויסגעקליידט מיטן גאַנצן שמוק פֿון אירע פֿילפֿאַרביקע פֿעלד־בלומען. אַרומגעברעמט מיט אַ זילבערן טײַכל פֿון איין זײַט און מיט אַ קליינוואוקסיק נאָר געדיכט וועלדל פֿון דער אַנדערער זײַט. דאָס זילבערנע טײַכל זעט אויס, ווי אַ זילבערנע עטרה צו אַ נײַעם טלית מיט בלויע תכלת. דאָס געדיכטע וועלדל זעט אויס, ווי אַ געדיכטע פּאַטלע געקרײַזלטע האָר, פֿון צײַט צו צײַט באַרירט פֿון אַ ווינטל.

אויף בוזין איז געווען אַ בלוי בעזשעץ קלייד, גרינג ווי אַ רויך, דורכזיכטיק ווי די לופֿט, ווי דער הימל. אַ זאָנטיקל מיט שפּיצלעך פֿון גרי־

נער פּאַרב און ווײַסע אַזשור־הענטשקעלעך אױף די הענט. פּילפּאַרביק האָט זי אױסגעזען, פּילפּאַרביק, װי דאָס פעלד.

„דאָס לעצטע מאָל — זאָגט מיר בוזי — האָט זי זיך אױסגעבעטן בײַ דער מאַמע. דאָס לעצטע מאָל װיל זי זיך געזעגענען מיט דער שטאָט, מיט הינטער דער שטאָט, מיטן „הײליקן אָרט"; מיט די מילן, מיטן טײַכל, מיטן בריקל. צוליב דעם לעצטן מאָל האָט איר די מאַמע צוליב געטאָן. אַ כלה דאַרף מען צוליב טאָן, כאַ־כאַ... אַ כלה פירט אױס אַלצדינג... װאָס זאָגסטו, שימעק?"

שימעק זאָגט גאָרנישט. שימעק האָרכט. עס װײַזט זיך מיר אױס, אַז בוזי איז הײַנט מאָדנע פריילעך. ניט נאַטירלעך פריילעך. און לאַכט, װי איבער נױט. און אפשר דאַכט זיך מיר אַזױ?

— געדענקסטו, בוזי, װען מיר זײַנען דאָ געװען?

איך דערמאָן איר, װען מיר זײַנען דאָ געװען. שױן לאַנג־לאַנג. מיט יאָרן צוריק איז דאָס געװען. מיר זײַנען געגאַנגען אַהער אײַנצוױיען רײַסן גרינס אױף שבועות, אױב זי געדענקט. דעמאָלט זײַנען מיר אױך געגאַנגען מיטן זעלבן װעג, פאַרבײַ די זעלביקע מילן, איבער דעם זעל־ביקן טײַכל, איבער דעם זעלביקן בריקל.

— גאָר אַנדערש האָבן מיר דעמאָלט שפּאַצירט, בוזי. דעמאָלט זײַ־נען מיר געלאָפן, װי יונגע הירשן, געשפּרונגען, װי די פעלדראַינדן אי־בער די בשמים־בערג. און איצט?

— און איצט? — זאָגט בוזי און בײגט זיך אָן רײַסן בלומען.

— איצט גײען מיר סטאַטעטשנע, װי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע סטאַ־טעטשנע לײַט, װי מיר זײַנען... געדענקסטו בוזי, װען מיר זײַנען דאָ געװען דאָס לעצטע מאָל?

— ערב שבועות איז דאָס געװען. — ענטפערט מיר בוזי און שענקט מיר אַ בוקעט מיט שמעקנדיקע בלומען, װאָס זי האָט אָנגעריסן.

— פון מײַנעטװעגן, בוזי?

— פון דײַנעטװעגן, שימעק. — זאָגט צו מיר בוזי מיט אַ קוק פון אירע שײנע בלױע שיר־השירים־אױגן. און דער קוק דרינגט אַרײַן גלײַך מיר אין האַרצן אַרײַן.

ח

מיר זײַנען שוין װײַט הינטער דער שטאָט. מיר זײַנען שוין אױפֿן בריקל. דאָרט גיב איך איר מײַן האַנט. (דאָס ערשטע מאָל זינט איך בין געקומען צו פֿאָרן אַהײם.)

מיר גײען בײדע, האַנט בײַ האַנט איבערן בריקל. די ברעטער הור־דען זיך. דאָס װאַסער לױפֿט אונטער אונדזערע פֿיס, קאַטשעט זיך, שלענ־גלט און פֿאַלט מיט אַ שטילן זשומען און מיט אַ גרינגן רעש באַרג־אַראָפּ, אַזױ אַז איך קאָן הערן דעם „טיק־טאַק" פֿון בוזיס האַרץ, װאָס איז אַזױ נאָענט, אַזױ נאָענט צו מיר. (דאָס ערשטע מאָל זינט איך בין געקומען צו פֿאָרן אַהײם.) עס מאַלט זיך מיר אױס, אַז בוזי דערנענטערט זיך צו מיר אַלע מאָל נעענטער און נעענטער. איך דערשפּיר דעם באַקאַנטן ריח פֿון אירע שײנע האָר, איך דערפֿיל די אײדלקײט און גלאַטקײט פֿון איר פּרעכטיקער האַנט, די װאַרעמקײט פֿון איר לײַב. און עס דוכט זיך מיר, אַז איך הער פֿון איר װערטער מיטן לשון פֿון שיר־השירים: "אני לדודי — איך בין מײַן געליבטנס, ודודי לי — און דער געליבטער איז מײַנער"... און די זון, און דער הימל, און דאָס פֿעלד, און דאָס טײַכל, און דער װאַלד באַקומען אַ נײַעם גלאַנץ, אַ נײַעם חן אין מײַנע אױגן. אַן עבֿירה, אַז עבֿירה, װאָס דאָס בריקל איז אַזױ קורץ. אַ מינוט — און מיר זײַנען שוין אױף יענער זײַט בריקל, אױף דער „לעװאַדע". אַ מינוט — און בוזיס אײדעלע גלאַטע פּרעכטיקע האַנט האָט זיך אַרױסגעגליטשט פֿון מײַן האַנט — און די זון, און דער הימל, און דאָס פֿעלד, און דאָס טײַכל, און דער װאַלד האָבן אָנגעװאָרן דעם פֿריִערדיקן גלאַנץ מיטן פֿריִערדיקן חן אין מײַנע אױגן.

— אַ מאָדנע זאַך — זאָגט צו מיר בוזי, און אירע שײנע בלױע שיר־השירים־אױגן זײַנען אין דער מינוט טיף, װי דער הימל, און פֿאַר־טראַכט, װי די נאַכט — אַ מאָדנע זאַך: אַלע מאָל, װען איך גײ אַדער איך פֿאָר איבער אַ װאַסער, עס מעג זיך זײַן װאָס פֿאַר אַ װאַסער עס װיל זיך, מוז איך זען מײַן טאַטן, און אַלע מאָל....

איך שלאָג איר איבער די רײד:

— דו רעדסט נאַרישקײטן, בוזי.

בוזי טראַכט אַ װײַלע, נאָכדעם זאָגט זי צו מיר:

— נארישקייטן? כא־כא, ביסט געדעכט. איך רייד נארישקייטן. ווייל איך בין א נארעלע. א נאריש מיידל בין איך. איא, א נאריש מיידל? זאג דעם אמת שימעק. דעם אמת זאלסטו מיר זאגן, כא־כא־כא!

בוזי לאכט, פארוואָרפט דעם קאָפּ און באווייזט מיר אירע חנעוודי־קע פערל־ציין. איר פּנים שיינט אַף דער שיינענדיקער זון. און אלע פארבן פונעם פעלד פינקלען זיך אָפּ אין אירע אויגן, אין אירע שיינע בלויע פאר־טראכטע שיר־השירים־אויגן.

ט

אומזיסט! איך קאָן בא איר ניט פּועלן, אַז זי איז גאָרניט אַזאַ נאַר, אַז זי איז גאָר קיין נאַר ניט. זי ווייס, זאָגט זי מיר, זי ווייס, אַז ס'איז פאַראַן נארישערע פון איר. זי ווייס. נאָר אקעגן מיר איז זי א נארעלע. שטעלט אייך פאָר — זי גלייבט אין חלומות!

— איא, שימעק, דו גלייבסט ניט? און איך גלייב. אָט איז מיר ערשט נעכטן געקומען צו חלום דער טאַטע פון יענער וועלט, אנגעטאָן און פריילעך, לעבעדיק, מיט א שטעקעלע אין האַנט. און מאַכט צו מיר אַזוי זים, אַזוי פריינטלעך, און דרייט מיטן שטעקעלע: „איך קום טאָכ־טער, צו דיר אַף דער חתונה”... נו, וואָס ווּעסטו זאָגן דערויף, שימעק?...

— בוזי, מען דאַרף ניט גלייבן אין חלומות. חלומות זיינען דברים בטלים.

— דברים בטלים — זאָגסטו?

בוזי שטייט א ווײַלע פאַרטראַכט. לאָזט זיך לויפן איבערן פילפאַר־ביקן פעלד און בלייבט שטיין.

ווי א בלום, ווי א פילפאַרביקע בלום, זעט אויס בוזי אינעם דאָ־זיקן פילפאַרביקן פעלד, וואָס ציט זיך אַרום אונדז אַז א סוף און אַז א ברעג. מיט געלינקע שפּרענקעלעך איז זי באַשפּרענקלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז זי באַצוויקלט. די בלויע הימל־יאַרמעלקע איבער איר קאָפּ. דאָס זילבערנע טײַכל פאַר אירע פיס. פון אלע זײַטן טראָגן זיך אַקעגן אונדז שאַרף־שמעקנדיקע בשמים־און־געווירצן־ריחות. איך בין פאַרכשופט. איך בין פאַרשכורט.

ווי א פאַרכשופטע שטייט אויך בוזי אין מיטן פילפאַרביקן פעלד און קוקט אַף מיר פאַרטראַכט, פאַרטראַכט ווי דער וואַלד.

פון וואס טראכט אצינד בוזי? וואס זאגן אירע אויגן, אירע שיינע בלויע פארטראכטע שיר־השירים־אויגן?

„אני חבצלת השרון — איך בין א ליליע פון שרון.
שושנת העמקים — די רויז פון די טאלן"...

אט וואס עס זאגן מיר אירע אויגן. און עס דאכט זיך מיר, אז קיינמאל, קיינמאל איז נאך בוזי נישט געווען אזוי די אמתע שולמית פון שיר־השירים, ווי אין דער דאזיקער מינוט.

י

ווי א בלום זעט אויס בוזי, די ליליע פון שרון. ווי א בלינדיקע רויז זעט אויס בוזי, די רויז פון די טאלן, אין דעם דאזיקן ברייטן פיל־פארביקן פעלד, וואס ציט זיך ארום אונדז אן א סוף און אן א ברעג. מיט געלינקע שפרענקעלעד איז זי באשפרענקלט. מיט רויטינקע צוויקע־לעד איז זי באצוויקלט. די בלויע הימל־יארמעלקע איבער איר קאפ. דאס זילבערנע טיכל פאר אירע פיס. פון אלע זייטן טראגן זיך אקעגן אונדז שארף־שמעקנדיקע בשמים־און־געוויורצן־ריחות. איך בין פארכשופט. איך בין פארשכורט.

בוזי לאזט זיך גיין. איך — נאך איר. גרינג און גיך גייט בוזי. גרינג, ווי א סארנע, ווי א אינד פון די אינדן, טראגט זי זיך אין פיל־פארביקן פעלד, וואס ציט זיך אן א סוף און אן א ברעג. און איר פנים שיינט אף דער שיינענדיקער זון, און אלע פארבן פונעם פעלד פינקלען זיך אפ אין אירע אויגן, אין אירע שיינע בלויע פארטראכטע שיר־השי־רים־אויגן.

קיינמאל, קיינמאל איז נאך בוזי נישט געווען אזוי די אמתע שולמית פון שיר־השירים, ווי אין דעם דאזיקן טאג.

— דערקענסט, בוזי, דאס דאזיקע פעלד?
— אמאל האט דאס געהערט צו דיר...
— און דאס בערגל?
— דיין בארג. אמאל איז דאס געווען אלצדינג דיינס. אלצדינג דיינס...

זאגט מיר בוזי מיט א גרינג שמייכל אף די שיינע ליפן. נאר עס

וויַזט זיך מיר אוים, אַז זי לאַכט פון מיר, ווי זי פלעגט לאַכן פון מיר אַמאָל, מיט יאָרן צוריק.

— זיצן מיר?

— זיצן מיר.

איך זעץ מיך אַוועק אויפן בערגל און מאַך אַן אָרט פאַר איר. בוזי זעצט זיך אַוועק אַקעגן מיר.

— אָט דאָ, געדענקסטו, בוזי, האָב איך דיר אַמאָל דערציילט וויאַזוי איך...

בוזי פאַרכאַפּט און ענדיקט פאַר מיר:

— וויאַזוי דו הייבסט זיך אויף מיטן „שם־המפורש” און פליסט, ווי אַן אָדלער, ביז דער כמאַרע, העכער פון דער כמאַרע, איבער פעלדער, איבער וועלדער, איבער בערג, איבער מאָלן, איבער ימים און מדבריות, ביז דו קומסט אָן יענער זייַט הרי־חושך, אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ. דאָרט זיצט דייַן פאַרכשופטע בת־מלכה שוין זיבן יאָר און וואַרט, ביז דו וועסט זיך דערבאַרעמען אויף איר און וועסט קומען צו פליִען מיטן „שם־המפורש” זי אויסלייזן, באַפרייַען — כאַ־כאַ־כאַ!

ניין. בוזי איז מיר הייַנט מאָדנע פריילעך. ניט־נאַטירלעך פריילעך. זי לאַכט, ווי איבער נויט. גענוג. אַף אַלץ איז אַ צייַט. שוין צייַט ריידן מיט איר אַביסל ערנסט, ריינע, קלאָרע דבורים. שוין צייַט עפענען פאַר איר מייַן האַרץ, אַנטפּלעקן פאַר איר מייַן נשמה... און איך לאָז אויס מייַן געדאַנק מיטן לשון פון שיר־השירים: „עד שיפוח היום — איידער עס וועט אַוועק דער טאָג, דער דאָזיקער גליקלעכער טאָג, ונסו הצללים — און עס וועלן אַנטלויפן די שאָטנס”...

יא

פאַר דער גאַנצער צייַט, וואָס איך בין אין דער היים, האָב איך בוזין קיין צענט־חלק, קיין הונדערט־חלק ניט אַרויסגעזאָגט פון דעם, וואָס עס האָט זיך אויסגעגאָסן בייַ מיר אָט דאָ, אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן. איך האָב איר אויפגעדעקט מייַן האַרץ, אַנטפּלעקט פאַר איר מייַן נשמה. דערציילט דעם גאַנצן אמת, וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט...

ווען ניט דעם טאַטנס בריוול מיטן מזל־טוב, ווען ניט די דרייַ וואָר־

טער: „שבת־נאָך־שבועות" — וואָלט מיך איצט ניט געזען אַט דאָס טײַכל, וואָס לויפֿט דאָרט באַרג־אַראָפּ, און דאָס וועלדל, וואָס גרינט אַט דאָ ניט ווײַט...

און איך שווער איך טאָקע בײַ אַט דעם טײַכל, וואָס לויפֿט דאָרט באַרג־אַראָפּ, און טאָקע בײַ דעם וועלדל, וואָס גרינט אַט דאָ ניט ווײַט, און בײַם דאָזיקן בלויען הימל־דעק, וואָס איבער אונדזער קאָפּ, און בײַ דער גין־גאָלדענער זון, וואָס פֿינקלט אָפּ אין אירע אויגן, און בײַ דעם אַלעם, וואָס שיין און ריין און הייליק איז, — אַז איך בין געקומען אַהער נאָר צוליב איר, נאָר צוליב איר, וואָרעם... איך האָב זי ליב — ענד־לעך האָט דאָס וואָרט זיך אַרויסגעריסן

— וואָרעם איך האָב דיך ליב, בוזי, דו הערסט, איך האָב דיך ליב מיט יענער פֿלאַם־פֿײַערדיקער גיהנום־ליבע, וואָס ווערט באַשריבן אין שיר־השירים: שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע, שווער ווי די גרוב איז די קנאה. אירע פֿונקען זײַנען פֿונקען־פֿײַער. אַ פֿלאַקער פֿון גאָט"... וואָס איז מיט דיר, בוזי? דו וויינסט? גאָט איז מיט דיר!...

יב

בוזי האָט געוויינט.

בוזי האָט געוויינט — און די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגעקליידט אין טרויער. די זון האָט אויפֿגעהערט צו שײַנען. דאָס טײַכל — צו לויפֿן. דאָס וועלדל — צו גרינען. די פֿליגעלעך — צו פֿליִען. די פֿייגעלעך — צו זינגען.

בוזי האָט געוויינט. זי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט. אירע פּלייצעס האָבן אויפֿגעציטערט. און זי האָט געוויינט אַלץ מאָל שטאַרקער און שטאַרקער.

אַזוי וויינט אַ קליין קינד, וואָס דערפֿילט, אַז עס האָט פֿאַרלוירן טאַטע־מאַמע.

אַזוי וויינט אַ געטרײַע מוטער אויף איר קינד, וואָס מע האָט דאָס בײַ איר צוגענומען.

אַזוי וויינט אַ יונג־פֿרוי, וואָס באַקלאָגט איר געליבטן, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט פֿון איר.

אזוי ווײַנט א מענטש, וואָס באַקלאָגט זײַן אײגענע וועלט, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער זײַנע פיס.

אומזיסט איז געווען מײַן טרייסטן, וואָס איך האָב זי געטרייסט. אַרויסגעוואָרפענע אַלע מײַנע שיר־השירים־עפּיטעטן, וואָס איך האָב אויס־געניצט פאַר איר. בוזי וויל זיך ניט טרייסטן. בוזי וויל מײַנע עפּיטעטן ניט הערן. צו שפּעט, זאָגט זי, צו שפּעט האָב איך מיך דערמאָנט אַז איר... צו שפּעט האָב איך מיך אַרומגעזען, אַז עס איז דאָ אַ בוזי אויף דער וועלט. אַ בוזי, וואָס האָט אַ האַרץ, וואָס בענקט, און אַ נשמה, וואָס רײַסט זיך פון דאַנען אין אַן אַנדער וועלט אַרויס... אפשר וואָלט איך מיך דערמאָנט, זאָגט זי, אַז די בריוועלעך, וואָס זי האָט מיר אַמאָל גע־שריבן? נאַר — פאַרכאַפּט זי זיך — ווי קום איך צו געדענקען אַזעל־כע נאַרישקייטן? פאַרשטייט זי דען ניט אַליין, אַז זי האָט דאָס, אייגנט־לעך, באַדאַרפט שוין לאַנג פאַראַויסזען, — אַז אונדזערע וועגן זײַנען פאַרשיידענע? אַז זי קאָן זיך צו מיר ניט גלײַכן? ווי קומט זי צו מיר? זי, אַ ייִדישע טאָכטער, אַ קליינשטעטלדיק מיידל, ווי קומט זי צו מיר?... ערשט פאַרשטייט זי, אַז ס'איז געווען אַ נאַרישקייט פון איר, אַ גרויסע נאַרישקייט, וואָס זי פּלעגט מיר דולן אַ קאָפּ מיט אירע קינדערשע בריוו־לעך, מיט אירע נאַרישע אָנצוהערענישן, אַז טאַטע־מאַמע בענקען נאָך מיר... ניין. זי האָט אַליין באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז זי קאָן זיך צו מיר ניט גלײַכן. ווי קומט זי צו מיר? אַ ייִדישע טאָכטער אַ קליינשטעטל־דיק מיידל!... זי האָט אַליין באַדאַרפט אַרויסזען, אַז קוים האָב איך ניט געפּאָלגט טאַטע־מאַמע, ווידערשפּעניקט זייער געבאָט, נישט געוואָלט גיין זייערע וועגן און בין געגאַנגען מײַן אייגענעם וועג, וועל איך געווויס אַוועקגיין ווײַט, וועל איך געוויס שטײַגן הויך, אַזוי ווײַט און אַזוי הויך, אַז איך וועל קיינעם שוין ניט אַרויסזען, קיינעם ניט וועלן קענען.

— קיינעם ניט, אַחוץ דיך, בוזי!

— ניין, קיינעם ניט! קיינעם ניט! קיינעם ניט! קיינעם ניט זען, קיינעם ניט הערן, אַלעמען פאַרגעסן...

— אַלעמען, נאָר נישט דיך, בוזי.

— ניין, אַלעמען! אַלעמען! אַלעמען!

יג

בוזי האָט אויפגעהערט צו וויינען — און אַלץ האָט אויפגעלעבט. די זון האָט אָנגעהויבן צו שײַנען, אַזוי ווי פריִער. דאָס טײַכל — צו לויפן. דאָס וועלדל — צו גרינען. די פליגעלעך — צו פליִען. די פייגעלעך — צו זינגען.

בוזי האָט אויפגעהערט צו וויינען, און טרוקן זײַנען געוואָרן אירע אויגן. אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן. און אויסגעטריקנט האָבן אירע טרערן, אַזוי ווי טראָפּנס טוי אַף דער הייסער זון.

און פּלוצעם האָט זי זיך גענ—ומען פאַרענטפערן אירע טרערן. אַצינד זעט זי, ווי נאַריש זי איז. וואָס איז געווען דער געוויין? וואָס האָט זי צום וויינען? וואָס פעלט איר? אַ סך מיידלעך אַף איר אָרט וואָלטן זיך פילן גליקלעך. איבער־גליקלעך!... און אַ פּײַערל האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן. אין אירע שיינע בלויע שיר־השירים־אויגן. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען דאָס דאָזיקע פּײַערל אין בוזיס אויגן. און רויטע פלעקן זײַנען אַרויסגעטראָטן אַף אירע בעקלעך, אַף אירע שיינע רויזן־בעקלעך. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען בוזין אַזוי פּײַערן, אַזוי פלאַמען. ווי זי האָט געפּײַערט און געפלאַמט אין דער דאָזיקער מינוט. און איך וויל זי אָננעמען פאַר אַ האַנט און איך זאָג צו איר מיטן לשון פון שיר־השירים:

— הנך יפה רעיתי — ווי שיין דו ביסט, בוזי, בעת דײַנע בעקלעך פלאַמען און דײַנע אויגן שפּריצן פּײַער...

אַרויסגעוואָרפן! בוזי הערט ניט מײַן שיר־השירים. בוזי האָט איר אייגענעם שיר־השירים. זי הערט ניט אויף צו לויבן „עמעצן", לויבן אים אין טאָג אַרײַן. זי זאָגט צו מיר:

— דודי צח ואדום — מײַן באַשערטער איז פײַן און שיין. דגול מרבבה פײַנער פון אַ סך אַ סך אַנדערע. ער איז אפשר ניט אַזוי געלערנט, ווי אַנדערע, דערפאַר איז ער אָבער גוט. דערפאַר איז ער מיר געטרײַ. דערפאַר האָט ער מיך ליב. זאָלסט זען די בריוו, וואָס ער שרײַבט צו מיר, זאָלסט זען די בריוו!

— לבבתיני. — זאָג איך צו איר ווײַטער, גלײַך ווי איך וואָלט ניט

הערן וואָס זי זאָגט — לבבתיני, אחותי כלה — דו האָסט מײַן האַרץ אוועקגענומען, מײַן שוועסטער די כלה!...

און זי צו מיר:

— חכו ממתקים וכולו מחמדים! — זאָלסט זען די בריוו וואָס ער שרײַבט מיר, זאָלסט זען די בריוו!...

עס הערט זיך אין אירע ווערטער אַ מאָדנער טאָן. אַ מאָדנע שטימע. די שטימע — אַזוי ווײַזט מיר אויס — וויל אריבערשרײַען אַן אַנדער שטימע. אַן אינעווייניקסטע שטימע.

דאָס איז בײַ מיר ווי צוויי מאָל צוויי.

יד

ראַשיק און אומגעריכט כאַפּט זיך בוזי אויף פונעם שמעקנדיקן גראָז, טרייסלט זיך אָפּ, גלײַכט זיך אויס, פאַרוואַרפט די הענט אַהינטער און בלײַבט שטיין אַקעגן מיר און קוקט אַף מיר פון אויבן אַראָפּ.

שטאָלץ און שיין, גרויסאַרטיק שיין, נאָך שענער ווי אַלע מאָל, זעט זי אויס אין דער מינוט בײַ מיר אין די אויגן.

איך האָב מורא צו זאָגן, נאָר מיר דאַכט, אַז ווען איך זאָל זאָגן, אַז בוזי — דאָס איז די אמתע שולמית, וואָס אין שיר־השירים, וואָלט דאָס געווען אַ כבוד און אַ שבח פאַר דער אמתער שולמית, וואָס אין שיר־השירים.

ניט שוין־זשע האָט זיך דערמיט געענדיקט אונדזער געשפּרעך? איך שטיי אויף נאָך איר און גיי־צו צו איר:

— שובי, שובי השולמית — קער דיך אום צוריק צו מיר, בוזי! — זאָג איך צו איר ווײַטער מיט מײַן שיר־השירים־שפּראַך און נעם זי אַן פאַר אַ האַנט. — קער זיך אום צו מיר, בוזי, קער זיך אום צו מיר באַצײַטנס! נאָך איין וואָרט, מער ניט אַז איין וואָרט דאַרף איך דיר נאָך זאָגן.

אומזיסט. אומזיסט. בוזי וויל ניט הערן דאָס איינע וואָרט, וואָס איך וויל איר זאָגן. גענוג, זאָגט זי, זיך אָנגערעדט. גענוג געזאָגט איינס דעם אַנדערן —אפשר נאָך מער, ווי מע באַדאַרף... גענוג־גענוג. שוין שפּעט. זע, ווי שפּעט עס איז! — זאָגט צו מיר בוזי און באַווײַזט מיר מיט איר האַנט אָפּן הימל, און באַווײַזט מיר אַף דער זון, וואָס באַגיסט זי פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אירע מילדע ווייכע גאָלדענע שטראַלן. און בר־

זי, די ליליע פון שרון, בוזי, די רויז פון די טאָלן, באַקומט אַ נײַעם קאַ־ליר, אַ גיין־גאָלדענעם קאָליר, אַפן פּילפּאַרביקן פעלד, וואָס ציט זיך אַרום אונדז אַן אַ סוף און אַן אַ ברעג.

— אַהיים־אַהיים! — זאָגט צו מיר בוזי און כאַפּט זיך גיין און טרײַבט מיך גיין. — אַהיים־אַהיים. שוין צײַט, שימעק, שוין צײַט. טאַ־טע־מאַמע וועלן דאַרטן איבערטראַכטן גאָט ווייס וואָס. אַהיים־אַהיים!

אין אירע לעצטע ווערטער „אַהיים־אַהיים" לאָזט זיך מיר הערן דער טאָן פון אַמאָל, אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, דער לשון פון שיר־השירים:

— ברח, דודי — אַנטלויף, ליבער, און זײַ געגליכן צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד פון די אינדן אַף די בשמים־בערג.

טו

עס גייען די טעג. עס לויפן די וואָכן. עס איז אָנגעקומען דער לי־בער יום־טוב שבועות. עס איז אָנגעקומען דער שבת, וואָס נאָך שבועות. עס איז אַוועקגעגאַנגען דער שבת, וואָס נאָך שבועות, און נאָך אַ שבת, און נאָך אַ שבת — און איך בין נאָך אַלץ אַ גאַסט אין מײַן שטעטל.

וואָס טו איך דאָ? — גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. מײַן טאַטע־מאַמע רעכענען, אַז איך בין געוואָרן אַ בעל־תשובה. אַז איך האָב חרטה אַף דעם, וואָס ס'איז געווען, וואָס איך האָב ווידערשפּעניקט זייער געבאָט, ניט געוואָלט גיין אין זייערע וועגן. און זיי זײַנען צופרידן. זייער צופרידן.

און איך? וואָס טו איך דאָ? וואָס דאַרף איך דאָ? — גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. אַלע טאָג גיי איך מיר אַרויס איינער אַליין אַפן שפּאַציר, הינטער דער שטאָט אַרויס. אַהין — אַף יענער זײַט מיל. אַהין — אַף יע־נער זײַט בריקל. אַהין — צו יענעם פּילפּאַרביקן פעלד, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג, וואָס איז אַרומגעברעמט מיט אַ זילבערן טײַכל פון איין זײַט און מיט אַ קליינוווּקסיק נאָר געדיכט וועלדל פון דער אַנ־דערער זײַט. דאָס זילבערנע טײַכל זעט אויס, ווי אַ זילבערנע עטרה צו אַ נײַעם טלית פון בלויען תכלת. דאָס געדיכטע וועלדל זעט אויס, ווי אַ געדיכטע פּאַטלע געקרײַזלטע האָר, פון צײַט צו צײַט גערירט פון אַ ווינטל.

דאָרט זעץ איך מיך אַוועק איינער אַליין אַפן בערגל. אַף יענעם בערגל, ווו מיר זײַנען ערשט דאָ נישט לאַנג געזעסן אינצווייען, איך און בוזי, די ליליע פון שרון, די רויז פון די טאָלן.

אף יענעם בערגל, ווו מיר זײַנען אמאל, מיט יארן צוריק, אין צווייען, איך און בוזי, געלאפן, ווי די יונגע הירשן, און געשפרונגען, ווי די פעלד־אינדן, אף די בשמים־בערג. דארט, אף יענעם ארט, ווו עס ליגן באהאלטן די בעסטע, זכרונות פון מײַן אף־אייביק־פארלארענער יוגנט, פון מײַן אף־אייביק־פארלארענעם גליק, קאן איך מיר אוועקזעצן איינער אליין שטונדן־לאנג און באווײנען און באקלאגן די אומפארגעסלעכע שולמית פון מײַן שיר־השירים־ראמאן.

טז

און וואס איז מיט דער שולמית פון מײַן שיר־השירים־ראמאן? וואס איז מיט בוזין? וואס איז דער שלום? וואס איז דער סוף?

צווינגט מיך נישט, איך זאל אײַך דערציילן דעם סוף פון מײַן ראמאן. דער סוף, ער מעג זיך זײַן דער בעסטער, איז ער א טרויעריקער אקארד. דער אנהייב, דער ערגסטער אנהייב, איז בעסער פונעם בעסטן סוף. עס איז מיר דעריבער א סך גרינגער און א סך מער אנגענעם צו דערציילן אײַך די דאזיקע געשיכטע נאכאמאל פונעם אנהייב. נאכאמאל און נאכאמאל און נאך הונדערט מאל. און מיטן אייגענעם לשון, וואס אלע מאל:

איך האב געהאט א ברודער בעני. איז ער דערטרונקען געווארן אין טײַך. האט ער איבערגעלאזט א יתומהלע. האט מען זי גערופן בוזי. פארצוויגן פון אסתר־ליבע: ליבוזי — בוזי. און שיין איז געווען די בוזי, ווי די שולמית, וואס פון שיר־השירים. און מיר זײַנען געוואקסן, איך און בוזי, ווי א שוועסטער מיט א ברודער. און מיר האבן זיך ליב געהאט, איך און בוזי, ווי א שוועסטער מיט א ברודער.

און אזוי ווײַטער.

דער אנהייב, דער ערגסטער אנהייב, איז בעסער פונעם שענסטן סוף.

דער אנהייב — לאז זײַן דער סוף, דער עפילאג פון מײַן נישט־אויסגעטראכטן, נאר אמתן, שמערצלעכן ראמאן, וואס איך האב מיר דערלויבט צו קרוינען מיטן נאמען: שיר־השירים.

געשריבן אין יארן 1909—1911

דער מלך מיט דער מלכה

א פסחדיקער ראמאן אין פיר טיילן מיט אן עפילאג

ערשטער טייל

דער מלך שדכנט זיך צו דער מלכה

בא הענעך דעם סטאלער אין פאדראד איז א היץ. מע באקט מצות, דעם נגידס מצות, געוויינטלעך, אפן ערשטן אויוון. אפן ערשטן אויוון איז בעסער און שענער און כשרער און מער כבוד, און טאקע מער מצווה אויך, און וויבאלד ס׳איז בעסער און שענער און כשרער און מער כבוד און מער מצווה — קומט דאך דאס דעם נגיד... הענעך אליין, דער פאדרא־טשיק הייסט דאס, איז גארנישט דער הענעך, וואס תמיד. אף זיין געל פנים האט זיך צעגאסן א מין חן, די בעקלעך פלאמען אים, און פון דער נישט־צעקעמטער בארד איז געווארן נאך מער זשמוט — א גאנצער קאלטון.

— קינדער, לעבעדיק! לעבעדיק! — טרייבט אונטער הענעך די העלפערס. — קאטשעט, רעדלט, זעצט די מצות, ס׳איז דעם נגידס מצות!...

דעם נגידס וויב, שרה־זיסל די נגידית, א יידענע מיט א גוידער און מיט פערעלעך, ווערט גרעבער ווי לענגער. זי שטייט און קלערט, וויפל זאל זי איבערלאזן די העלפערס: צוויי קערבלעך איז צו פיל, א קערבל איז צו ווינציק; אכצן פארשויץ, א רובל מיט אכציק — וועט זיין אקוראט צו גריוונעס אף א מענטשן...

— וויפל, מיינסטו, וועלן מיר דא כאַפּן? — פרעגט איין ווייבל אַ ראַבעטיני בא אַ אַנדערן ווייבל מיט אַ פויגלש פּנים, און ביידע קאַטשען געשמאַק.

— איך רעכן צו פערטעלעך, — ענטפערט איר דאָס אַנדערע ווייבל וואָס מיטן פויגלש פּנים.

— פאַרוואָס נישט צו האַלבע קערבלעך? — זאָגט דאָס ערשטע ווייבל, די ראַבעטיני.

— משוגע וועט זי ווערן? צעטיילן ניין קערבלעך? — זאָגט יענע וואָס מיטן פויגלש פּנים.

— פאַרוואָס נישט? קראַנק איז זי? — זאָגט די ראַבעטיני.

— לאָז זי זיין קראַנק פאַר מיר און פאַר אַלע ייִדן! — זאָגט די וואָס מיטן פויגלש פּנים און צעלאַכט זיך.

אף זיי קוקנדיק צעלאַכן זיך נאָך עטלעכע ווייבלעך.

— און פאַר מיר אויך!

— און פאַר מיר אויך!

— און פאַר מיר אויך!

— לאָז זיין שטילער, נשים! — שרייט אַז אף זיי מלך דער רעדלער, אַ שוסטער־יונג מיט אַ שוואַרצער גלאַנצנדיקער, געגרייזלטער פּאַטלע, מיט אַ געשטופּלט פּנים פון פּאָקן און מיט אַ צונויפגעוואַקסענער נאָז, כמעט אָן נאָזלעכער, אַזוי, אַז ער רעדט, סווישטשעט ער מיט די ציין: ססססס!...

אַ חוץ די דריי חסרונות: 1) וואָס ער איז געשטופּלט, 2) וואָס ער איז אָן נאָזלעכער און 3) וואָס ער סווישטשעט, איז ער דווקא אַ פיינער יונג „מיט שפּאָרן"; די שוואַרצע גלאַנצנדיקע, געקרייזלטע פּאַטלע איז בא אים תמיד אונטערגעשאָרן אַזוי קיילעכיק און איז תמיד אַזוי אָנגעשמירט מיט פעטן, אַז ס'איז אַ מחיה צו קוקן. היינט טראָגט ער אַ קאַשקעט פון „קאַשקעטן־לאַנד" — קיילעכיק, פון אויבן מיט אַ קנאָפּ, פון פאָרנט מיט אַ דאַשעק און מיט אַ שוואַרץ גלאַנציק רימענדל און מיט צוויי שוואַרצע גרויסע ספּראַנטשקעס. דער „גאַרניטור", וואָס מלך פאַרגינט זיך טראָגן אין דער וואָכן, וואָלט זיך עס אַן אַנדערער געוווּנטשן טראָגן אום יום־טוב. און פון שטיוול שמועסט מען נישט. די שטיוול זיינען אף אַזעלכע הויכע אַבצאַסן, אַז ס'איז נאָר אַ וווּנדער, ווי אַזוי ער האַלט זיך אף די פיס. און אַז איך וועל אייך שוין אויסמאָלן ביזן סוף, אַז ער טראָגט אָפּן

האַלדז אַ מין שאַרף פון רויטע מיט גרינע פּאַסן, איין עק פאַרוואַרפן אַרונטער, און אַ גרויסן זילבערנעם זייגער מיט אַ לאַנגער זילבערנער קיים מיט אַ „רוקער", און אַפן פינגער אַ גרויסן זילבערנעם „סיגנעט", וועט אײַך שוין קיין קשיא נישט זײַן, פאַרוואָס אַלע מיידלעך מיט אַלע ווײַבלעך (די אַלמנות מיט די גרושות) זײַנען נאָך אים די כפּרה.

— זאָג נאָר, מלך, — רופט זיך אָן צו אים די ראַבעטיני אַף קאַמאַ־וועס — אפשר וואָלסטו זיך אויסגעקליבן דאָ אַ מלכּה אַף פּסח?

— ער האָט שוין! — ענטפערט איר יענע וואָס מיטן פויגלש פּנים.

— ווי אַזוי רופט מען זי?

— מלכּה.

— וואָסער מלכּה?

— די וואָס האָט זיך געגט מיט מאָטל דעם שנײַדער.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— איך קוק אַף זיי די גאַנצע צײַט, זע איך, אַז ס'איז אַ שדוך...

— אַזאַ שטילע, דאַכט זיך?

— שטילע וואַסער גראָבט טיף...

און ביידע ווײַבלעך לאָזן אַרויס אַ טיפן־טיפן זיפץ. זיי וואָלטן ביידע זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַזאַ שידוך. זיי זײַנען ביידע אַלמנות, קיין קינדער האָבן זיי נישט. דער רוח וואָלט אים נישט אָוועקגעכאַפּט, ער זאָל בעסער נעמען איינע פון זיי. וואָס האָט ער אַזעלכעס דערזען אַף מלכּהן? שוואַרץ ווי אַ שוואַרצע קאַץ אין אַ פינצטערע נאַכט. סײַדן דאָס, וואָס זי האָט גראָבע הענט?

— האָב קיין מוירע נישט, ער וועט באַ איר ליגן אין דער ערד! — רעדט אוים איינע דאָס אַנדערע דאָס האַרץ.

— ווי אַ באַרג! — ענטפערט איר יענע. — לאָז ער פּרוּוון זײַן אַ טאָג מיט איר מאַמע, מיט דער בלינדער מכשפהטע! — און ביידע ווײַבלעך טרייסטן זיך כאַטש דערמיט, וואָס מלך וועט ליגן אין דער ערד.

— אַדער פאַרקערט, איך האָב מורא, אַז זי זאָל באַ אים נישט ליגן אין דער ערד. ער איז אויך אַ רעכטער פויגל!

— אַט צעקראַץ איך מיך! כאַפּט זי דער רוח מיט אים אינאיינעם לכבוד דעם הייליקן יום־טוב!

— אָמן הלוואַי!...

און מלכה, א נידעריק ווײַבל, א שווארצע נאר א פוכקע, מיט א פארריסן נעזל, מיט קליינע שווארצע, תמיד לאכנדיקע אייגלעך, פארקאטשעט די ארבל ביז די עלנבויגן, ווארפט מיט אויגן אף מלך דעם רעדלער. און מלך דער רעדלער דרייט זיך צו שטארק ארום איר, צו אפט רעדלט ער אירע מצות, צו פיל רעדט ער מיט איר, — יא, דאס ווײַבל וואס מיטן פויגלש פנים איז גערעכט: ס'איז א שדוך...

צווייטער טייל

בא דער מלכה אינדערהיים

...אז ער איז געקומען צו איר צו גיין, האט מען אים נישט באגעגנט מיט כלי־זמר, פון קיין פושקעס האט מען נישט געשאסן, קיין פאזשען זײַנען אים נישט געקומען אקעגן, קיין פאלאצן האט מען פון זײַנעטוועגן נישט צוגעגרייט, קיין באל נישט געמאכט. אף די קני איז ער פאר איר נישט געפאלן, די האנט נישט געקושט, — ס„איז צוגעגאנגען גאר פראסט, אן צערעמאניעס. מלכה איז נישט געזעסן אליין, זי האט געהאלטן נעבן זיך אן אלטע מאמע — א שלאק־פורעניות, זאל גאט שומר ומציל זײַן! א שטיקל גליק, וואס זי איז א בלינדע, ווײַטער וואלט זי דורס געווען מענטשן. אז מלך האט נאר אריבערגעטראטן די שוועל, האט די בלינדע מאמע אויסגעשרײַען אף א קול:

— מלכה, ווער איז דאס געקומען?
— ס'איז מלך. — ענטפערט איר מלכה.
— וואסער מלך?
— מלך דער שוסטער.
— וואס טוט ער דא?
— ער איז א רעדלער אין פאדראד.
— טרײַב אים ארויס, דעם שארלאטאן.

נאך אזא ברוך־הבא האט זיך מלך נישט געקאנט פילן שטארק

פויגלדיק, ווען מלכה זאָל נישט געווען זייַן אים מיט די כיטרע שוואַרצע אייגלעך, ער זאָל בלייַבן דאָ. מלך פילט זיך אַ ביסל שטאַרקער און וויל אויפמונטערן די בלינדע, זי זאָל ווערן מיט אים שלום.

— מומעניו, וואָס זייַט איר אַזוי אָנגעדראָדלט אויף מיר? איר קענט מיך דען? איר האָט מיך דען אַמאָל געזען?

— געזען האָב איך דיך נישט, נאָר הערן הער איך, אַז דו פּײַפסט. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז דו האָסט ניט קיין נאָז.

— אַזאַ מכּה מײַנע שונאים אויפן שטערן, וואָס פאַר אַ נאָז איך האָב.

— וואָס זשע פּײַפסטו אַזוי?

— ס'איז באַ מיר אַזאַ לשון.

— אַזאַ יאָר אויף דיר. וואָס ווּעסטו זאָגן גוטס? ביסט דאָך נישט געקומען אומזיסט. זאָג, וואָס דאַרפסטו מיך?

— איך בין נישט געקומען צו אײַך, מומעניו, איך בין געקומען צו אײַער מלכהן.

— צו מײַן מלכהן? וואָס פאַר אַ מחותּן ביסטו מיט מײַן מלכהן?

מלך איז געבליבן אָן לשון. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל זאָגן. מלכה איז געשטאַנען און האָט אים געוווּנקען, ער זאָל זאָגן גלײַך, ער זאָל נישט אָפּלייגן אויף שפּעטער.

— איך וויל... איך האָב, פאַרשטייט איר מיך, געוואָלט, אַז איך, אַז מלכה...

— זע נאָר, ווי ער פּלאָנטערט מיט דער צונג! מירקע, גיב לשון!

— דאָס הייסט, אַז מיר ביידע, איך און אײַער מלכה, זאָלן חתונה האָבן ביידע...

— אָט אַזוי־זשע רייד! האָסטו זיך באַדאַרפט אַזוי לאַנג קווע־טשן? וויפל פאַרדינסטו אַ וואָך? נאָר דעם ריינעם אמת זאָלסטו זאָגן! איך האָב פײַנט אַ באַרימער!

— אַ מאָל פיר און אַ מאָל פיפטהאַלבן קאַרבן.

— דו אַרבעטסט אַליין, צי באַ יענעם?

— איצט אַרבעט איך נאָך באַ יענעם.

— באַ וועמען?

— באַ חנא דעם שוסטער.

— ביסט נאָך אַ בחור?

— א בחור.
— וועמען האסטו — א טאטן, א מאמען, א שוועסטער, א ברודער?
— קיינעם נישט, קיינעם נישט.
— א שטעקן הייסט דאס? דו ווייסט, אז מלכה איז א גרושה?
— וואס דען, איך ווייס נישט?
— און דאס ווייסט דו, אז זי איז א שלאק, א צרה שלא תבוא?
— דערפאר האב איך קיין מורא נישט.
— אזא בריה ביסטו? ווען קענסטו שטעלן חופה?
— אפילו באלד.
— מלכה, ער געפעלט דיר? . . . .
. . . .

דריטער טייל

דער מלך אפן טראן

ווי נעמט מען א מאלער א קינסטלער, ער זאל זיך אראפלאזן אין דער פינצטער אף נאסע־גליטשיקע טרעפ אין א גרוב אריין און באטראכטן דאס גליקלעכע געזינדל פסח באם ערשטן סדר! אויבן־אן, אף צווי פעסלעך, איבערגעלייגט מיט א לאקשנברעט, מיט א קישן אויסגעבעט, זיצט דער מלך און „פראוועט" דעם סדר. אף א גרויסן טעלער ליגן דריי מצות, איבערגעדעקט מיט א ווייסן האנטעך, און אויבן, אפן האנטעך, ליגן אויסגעלייגט עטלעכע קארטאפלעס, אפגעשיילטע אייער, אביסל גרינס, דריי ווערצלעך כריין און חרוסת. נעבן דעם מלך, בא דער רעכטער האנט, זיצט די מלכה אין א נייער רויטער פלאטיע און מיט א ווייסן פארטעך, וואס קליידן איר זייער צום שווארץ־חנעוודיקן פנים, און אקעגן זיי זיצט א שווארצער שטן, אנגעטאן אין גאלע שווארצן, מיט א געלפארמעט־פנים מיט א סך קנייטשן, און אף דעם ארט, ווו עס זיינען געווען אמאל אויגן, — צוויי פינצטערע לעכער מיט גרויסע ווייסע בעל־

מעס. א שווארצע פּאַטשיילע מיט געלע פלאַמעס, אונטערגעבונדן אונ־טער דער שפּיצעדיקער מאָרדע מיט צוויי שפּיצן, גיבן־צו דעם דאָזיקן שרעקלעכן פּנים נאָך מער פינצטערניש — ס'איז א מורא צו קוקן! דער מלך זאָגט די הגדה הויך אַף א קול, מישט איין בלעטל נאָכן אַנדערן, גייט גלייך, ווי א פּאַטשטאָווע פערד, און זעצט עברי, ווי א באַנדער, אַבי מיט א ניגון, פּייפט צו מיט דער נאָז און שאָקלט זיך גאַנץ געשמאַק. די מלכה זיצט מיט גרויס דרך־ארץ, צענויפגעלייגט די הענט אַפן האַר־צן, און שווייגט, און דער שווארצער שטן מיט די ווייסע בעלמעס שאַ־קלט מיטן קאָפּ הין און צוריק, עפנט אויף אַלע מאָל דאָס מויל, וואָס זעט אויס ווי א קבר, און גענעצט.

— אילו עשה — זינגט דער מלך און נעמט א קאַרטאָפּלע און טונקט זי איין אין זאַלצוואסער — באלהיהם ולא הרג, מלכה, נעם א קאַרטאָפּלע, את בכוריהם, מיט זאַלצוואסער, — דיינו! — בא איטלעכן „דיינו" טוט ער זיך א זעץ מיטן קולאַק אין האַרצן אריין, ווי צו „על־חטא". — אילו הרג, טונק איין די קאַרטאָפּלע, את בכוריהם, אין זאַלצ־וואסער, ולא נתן, גיב נאָר, מלכה, לנו את ממונם, א קאַרטאָפּלע דער מאַמען, — דיינו! ... (א זעץ אין האַרצן אריין).

די מלכה טוט אַלצדינג, וואָס דער מלך הייסט איר, פּאַרפּעלט נישט קיין האָר, און אַז עס קומט צו „זכר למקדש כהלל", קלאַפּט ער דאָס אָפּ אַף דער גיך, שווין אין איין גאַנג מיט דער ברכה פונעם אפיקומן, און שאַפט, די מלכה זאָל דערלאַנגען די קוואָרט מיט דער פּאָמעניצע, וועט ער זיך וואַשן. געוואַשן זיך, טוט ער א זעץ מיט דער האַנט איבער אַלע דריי מצות, צעטרישטשעט זיי אַף שטיקלעך, מאַכט א מוציא און גיט דער מלכה א שטיקל מצה אַף א מוציא און אויך דער בלינדער א מוציא. די בלינדע, וואָס האַלט די גאַנצע צייט א פרום פּנים, נעמט דאָס שטיקל מצה מיט צוויי פינגער, ווי אַן אבן טוב, טראָגט דאָס צו פריער צו די ווייסע בעלמעס, גלייך ווי זי זעט עפּעס, שעפּטשעט בשעת מעשה מיט די ליפּן „גאָט ברוך הוא וברוך שמו" לאַנג־לאַנג, איידער זי עקס־פּעדירט דאָס אין מויל אריין.

— מלכה, די פיש! — לאָזט ארויס דער מלך א באַפויל, און עס ווערט איין אייך כהרף־עין באַשאַפן פיש אַפן טיש.

—מלכה, כריין! — הערט זיך א נייער באַפויל פונעם מלך, און

ביידע ווייבער זיצן מיט גרויס רעשפעקט און ווארטן, וואס נאך פאר א באפויל וועט ארויסגיין פונעם מלך.

אז ווייל איז דעם מענטשן, וואס קאן זיך שאפן, וואס זיינע ווערטער האבן א ממשות, וואס זיין באפויל ווערט אנגענומען און וואס אלע זיינע קאפריזן ווערן אין דער מינוט אויסגעפירט.

ס׳איז גוט צו זיין א מלך, ווי איך בין א ייד!

פערטער טייל

דער מלך אין גלות

מיר בעטן דעם לעזער, ער זאל זיך מטריח זיין מיט אונדז נאכאמאל אינעם איינגענעם קעלער שוין נאך פסח. אויס טראן, אויס מלכה, אויס מלך! מלך דער שוסטער זיצט באם „ווארסטעק״ אף א רימען בענקעלע מיט א רימענעם פארטעך, מיט א רימענדל ארומגענומען די געגרייזלטע פאטלע, דער קאשקעט איז צעקנייטשט, דער שארף איז צעטריפעט, נישטא קיין זילבערנע קייט, מע זעט נישט קיין סיגנעט. ער האלט א שטיוול איבערגעקערט מיט דער פאדעשווע ארויף און שלאגט פלעקלעך. מלכה, אפגעריסן, אויסגעשמירט און פארשלומפערט, פארעט זיך באם אויוון, בייגט זיך אן אלע מינוט, בלאזט און בלאזט מיט אלע כחות — אין אויוון וויל נישט ברענען.

— א שיינער ברויט-געבער! — זאגט זי, גלייך ווי זי רעדט צו זיך אליין. קיין שייטל האלץ נישטא אין שטוב! שוין באלד א יאר נאך דער חתונה, צעריסן אלע קליידלעך, דער בורנוס צעפאלן אף שטיקלעך, קיין פאר שיך אף די פיס, אלע שוסטערס גייען בארוועס, — נישטא ווער ס׳זאל לאכן.

— גיין וואלט ער בא מיר אף אלע פיר! — רופט זיך אפ א משונהמאדנע זאמדיק קול פון א נקבה, וואס רעדט ווי א מאנצביל. — ווי אזוי דער מענטש נעמט זיך פיר, אזוי העלפט אים גאט. וואס הערסטו אים, דו נאריש פנים? הייס אים, ער זאל אוועקלייגן די ארבעט און זאל דיר מאכן א פאר באטיקעס זאל ער דיך מאכן.

דאס דאזיקע קול גייט פון א פינצטער ווינקל. דארט זיצט די בלינ־דע, אנגעטאן אין שווארצן, איינגעבויגן אין דרייען, זעט אויס פון דער ווייטן, ווי א שווארצער קנויל; בלינדערהייט ארבעט זי א זאק, און די דרעטלעך לויפן בא איר אונטער די פינגער מיט א שרעקלעך מהירות.

— א רוח זיצט אין דער ידענע! — קלערט זיך מלך, ענטפערט איר נישט דאס אנדערע ווארט און שלאגט פלעקלעך.

— גאט ברוך הוא וברוך שמו האט מיר געשיקט א מתנה אף דער עלטער, א געניידעם א דערקוויקעניש. — רעדט ווייטער די בלינדע אף איר זאמדיקער שטימע, און די דרעטלעך פליען בא איר אונטער די הענט. — געננוג, ער איז א שוסטער, איז ער נאך א פוילער יונגאטש און א שלים־מזל דערצו!

— א נישט־גוטער! — טראכט זיך מלך, ענטפערט איר נישט דאס אנדערע ווארט און שלאגט פלעקלעך.

— ווי ניי־ציק ער איז געווען בחור־וויי־ז! זיך געדרייט אפן קארעק, צונעזאגט גילדענע בערג, גענומען א ווייבל, א יונגס, א שיינס, בלוט און מילך, זי אלט געמאכט, פארוויסט, פארפינצטערט, אויסגענארט דעם אנבייסן...

— א קליפה! טראכט זיך מלך, ענטפערט איר נישט דאס אנדערע ווארט און שלאגט פלעקלעך.

— שיין אויסגעשפילט די טאכטער מיינע! פוילער הערינג, פאר־שטונקענע פיש! א מאן א שוסטער, א קבצן א וויסטער, א פוילער יונג, א שטומע צונג, א צענויפגעוואקסענע נאז און סע פייפט...

— מכשפהטע!!! — האט זיך ארויסגעריסן בא מלכן פונעם מויל. ער האט זיך אויפגעכאפט פונעם בענקל, ווי אן אפגעבריטער, אין איין האנט האט ער געהאלטן דעם שטיוול, אין דער אנדערער — דעם האמער, וואס ער האט געשלאגן מיט אים פלעקלעך, און האט נישט געוווסט, וואס זאל ער אירווארפן אין קאפ אריין: דעם שטיוול, צי דעם האמער?

די בלינדע האט דערפילט, אז דער שונא שטייט איר אקעגן און וויל זי דורם זיין, האט זי זיך אין איין אויגנבליק אויפגעכאפט פונעם ארט, און פונעם שווארצן קנויל איז מיט א מאל אויסגעוואקסן א הויכער שווארצער שטן. זי האט אויסגעצויגן צוויי שווארצע דארע הענט,

ווי שטעקלעך, מיט אויסגעבויגענע פינגער, ווי בא א צעבייזערטן האן, דעם קאפ האט זי פארוואָרפן אַרונטער און די צוויי ווייסע בעלמעס זיינען מיט א מאָל עפּעס ווי גרעסער געוואָרן און האבן, דאַכט זיך, אָנגעהויבן קוקן און זען. די נאָז האט זיך אויסגעצויגן, דיביינער פון די געקנייטשטע באַקן אַרויסגעסטירטשעט, דאָס מויל האט זיך אויפגעעפנט, ווי א קבר.

אויב ס'איז פאראן ערגעץ אף דער וועלט א מכשפה, קאָן זי, דאכט מיר, שרעקלעכער נישט זיין, ווי די בלינדע איז געווען אין דער מינוט.

מלך איז געווען אפּהענדיק. ער האט נאָר אויסגעשפּיגן און האט זיך געזעצט צוריק צום וואַרסטעק — שלאָגן פלעקלעך...

עפּילאָג

ערב פּסח האבן זיי ביידע זיך ווידער געשטעלט אין פּאַראַד בא די מצות. מלכה האט געקאַטשעט און מלך האט געראַדלט. פאַרדינט עטלעכע קערבלעך, האבן זיי אויסגעקליידט זיך לכבוד יום־טוב און אויך דער בלינדער מאַמען געמאַכט א נייע פּלאַטיע, א שוואַרצע, מיט געלע פלעקן. און א פּעטשיילע א געלע מיט שוואַרצע פלעקן. אַז ס'איז געקומען צום סדר, איז דער מלך ווידער געזעסן אויבן־אָן אפן טראָן און „געפּראַוועט". נעבן אים איז געזעסן די מלכה, אַנגעטאָן יום־טובדיק, און אַלענן זיי — די בלינדע, ווי א שוואַרצער שטן, מיט א פרום פּנים — „גאָט ברוך הוא וברוך שמו"... דער מלך רייבט די הגדה גאַנץ געשמאַק הויך אף א קול, מישט איין בלעטל נאָכן אַנדערן, גייט גלייך, ווי א פּאַטשטאָווע פערד, זעצט עברי, ווי א באַנדער, אבי מיט א ניגן, שלאָגט זיך בא די „דיינו'ס" אין האַרצן אַריין, ווי צו „על־חטא" — פּונקט דאָס אייגענע, וואָס פאַראַיאָרן.

— מלכה, די פיש! — לאָזט אַרויס דער מלך א באַפויל.

— מלכה, כריין! — הערט זיך א נייער באַפויל פונעם מלך. און ביידע ווייבער זיצן מיט גרויס רעשפּעקט און וואַרטן, וואָס נאָך פאַר א באַפויל וועט אַרויסגיין פונעם מלך.

יאָ, ס'איז גוט צו זיין א מלך, ווי איך בין א ייד... כאָטש איין מאָל אין יאָר, כאָטש אף א האַלבע שעה!

געשריבן אין יאָר 1902

בערעלע

א מעשה ווי אזוי א פאר־פאלק אן קינדער האבן אויסגעהאדעוועט אז אומגליק אף זייער קאפ. דערציילט לכבוד שבועות.

א הקדמה פונעם דערציילער

די מעשה, וואס איך גיי אייך דערציילן, קער זיך, אייגנטלעך, מיט שבועות ווינציק־וואס אן. אין איר הערט מען נישט דעם ניגון פון „אקדי־מות" און מע פילט נישט דעם טעם פון בלינצעס. אזוי ווי זי האט זיך געטראפן ערב שבועות, אזוי האט זי זיך געקאנט טרעפן ערב פסח, און אפילו ערב תשעה־באב. נישט מער, אזוי ווי ס'איז איצט ערב־שבועות, און א מעשה דערציילן לכבוד יום־טוב ווילט זיך (אוי ווילט זיך! הלוואי וואלט איר אזוי וועלן לייענען...), דערצייל איך אייך, וואס איך האב אליין געהערט פון מיין עלטערן ברודער, אז ער האט זי געהערט פון זיין רבין — עליהם השלום, זיי זיינען שוין אלע טויט: מיין עלטערער ברו־דער, זיין רבי און בערעלע און אלע פערזאנען פון דער דאזיקער אמתער געשיכטע, אונדז צו לאנגע יאר — און לאז דאס זיין א מעשה לכבוד שבועות.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם.

א

ער האט געהייסן משה־יענקל, זי האט געהייסן שרה־זיסל. געזעסן זיינען זיי אין א דארף, געהאלטן א מיל, געהאט גאנץ שיין פרנסה, גע־לעבט זייער צופרידן, נאר איין זאך — קיין קינדער האט זיי גאט נישט געגעבן.

— ס'זאל אים אנהייבן צו רירן, וואס מיר זיצן אט־אזוי־א, מע ווערט אקערשט נישט משוגע, שונאי ציון! זאלסט כאטש קריגן ערגעץ א „הא־

דאוואניק", א יתומל און ארעמס, אדער א יתומהלע. בעסער וואלט געווען א יתום איידער א יתומה: א יתום וואלט זיין א קדיש. און פאר גויט לאז זיין א יתומה, אבי א לעבעדיקער נפש אין שטוב, נישט זיצן מיט די פיר ווענט, משטיינס געזאגט!...

אזוי האט געטענהט שרה־זיסל נעבעך צו איר מאן משה־יענקל און האט אים געגעסן, געטאטשעט, ווי געוויינטלעך א ווייב, וואס הייסט שרה־זיסל, זיצט אין א דארף און האט קיין קינדער נישט.

און משה־יענקל האט דאס אויסגעהערט נישט איין מאל און נישט צוויי מאל, נאר צען מאל, הונדערט מאל, טויזנט מאל — און געשוויגן, ווי געוויינטלעך א מאן, וואס הייסט משה־יענקל און זיצט אין א דארף און האט קיין קינדער נישט און דאס ווייב עסט אים, טאטשעט אים טאג־טעגלעך, יארן־לאנג.

ויהי היום — קומט משה־יענקל איינמאל צו פארן אהיים און גייט אריין אין שטוב אריין מיט א שיינענדיק פנים און אין בוזעם האלט ער פארשטעלט עפעס א באשעפעניש, וואס רירט זיך און וואַרטשעט, און ער רופט זיך אן צו זיין ווייב:

— שרה־זיסל, נא, איך האב דיר געבראכט א האדאוניק, געפונען פארנדיק אין וואלד פארבלאנדזשעט... ער הייסט בערעלע.

און משה־יענקל האט ארויסגעוויקלט פונעם בוזעם דעם געפונענעם פארבלאנדזשעטן נפש, וואס הייסט בערעלע, און האט אים געגעבן א שטעל־אוועק אף דער ערד פאר זיין ווייב שרה־זיסל. און זיין ווייב שרה־זיסל, אז זי האט געגעבן א קוק אף דעם האריקן באוואקסענעם נפש בערעלע, האט זי געגעבן א שפרונג־אפ צוריק און איז שיער נישט געפאלן חלשות. נאכדעם האט זיך אויפגעעפנט א קוואל פון קללות, און די גאנצע תוכחה האט זי אויסגעגאסן אף איר מאנס קאפ און איר גאנץ בימער הארץ האט זי אויסגעלאזט צו זיינע הענט און פיס, ווי געוויינט־לעך א ווייב, וואס הייסט שרה־זיסל, זיצט אין א דארף און האט קיין קינ־דער נישט.

און איר מאן משה־יענקל האט אויסגעהערט די תוכחה פון זיין ווייב מיט א שמייכעלע, ווי געוויינטלעך א מאן, וואס הייסט משה־יענקל, זיצט אין א דארף און האט קיין קינדער נישט, און האט זיך אנגערופן צו איר:

— הכלל, שרה־זיסל, ביסטו שוין פארטיק מיט אלע קללות? אצינד

נעם גיב אונדזער בערעלען עפּעס עסן. זעסט דאָך, אַז ער איז הונגעריק, זוכט און וויינט — אַ צער־בעלי־חיים...

— אַ פינצטערער שלים־מזל אַף דײַן קאָפּ מיט אים אינאיינעם! — אַזוי האָט אים געענטפערט שׂרה־זיסל און איז געגאַנגען פונדעסטוועגן צו דער שאַפע און האָט צונויפגענומען וואָס ס'איז געווען, און ביידע האָבן זיך אָוועקגעזעצט אָנהאָדעווען דעם הונגעריקן בערעלע, וועלכער איז פאַרבליבן באַ זיי אין שטוב אַ האָדאָוויניק אַף שטענדיק און איז געוואַקסן און איז אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ גרויסער.

ב

אַ נפש איז בערעלע געווען אַ פּראָסטער, אַ ווילדער, אַ ברייטבייניקער, אַ געפּאַקטער, אַ באַוואַקסענער פון קאָפּ ביז די פיס, און איז געווען במחילת כבודו אַ גרויסער זולל־וסובא'ניק, און ניט אַזוי אַ זולל־וסובא'ניק, ווי אַ נאַשער, און ניט אַזוי אַ נאַשער, ווי, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ שכּור. בטבע איז ער געווען נישט קיין מפונק, נישט קיין איבער־קלײַבער; וואָס עס האָט זיך געמאַכט איז געווען גוט: בראָנפן איז בראָנפן, מעד איז מעד, ביר איז ביר; זיך נישט אָפּגעזאָגט אויך פון קוואָס; שטאַרק ליב געהאַט האָניק, נישט פײַנט געהאַט קיין פליש, און אַף הינער איז ער געווען גאָר אַ גרויסער בעלן, און דווקא פון דער שטײַג, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט זען... מע מוז זיך מודה זײַן, אַז בערעלע איז געווען געכאַפּט, האָט געהאַט לעפּקע פינגער.... האָט ליב געהאַט אָוועקלקחענען אַלצדינג, וואָס ליגט נישט גוט.

אַז מע רעדט פון חסרונות, דאַרף מען רעכענען אויך די מעלות. בערעלע איז געווען אַ פאַרשוין אַ פרייליכער, אַ פאַרשײַטער, אַ שפּרינגער, געקראָכן און געקלעטערט אַף די גלײַכע ווענט, געקוליעט זיך און געבראָכן זיך, געמאַכט משוגענע העוויות, אָנשטעלן, תנועות אַזעלכע, אַז מע האָט באַדאַרפט צעגיין פאַר געלעכטער. משה־יענקל האָט באמת הנאה געהאַט, געקליבן נחת פון בערעלען, ווי ער וואַקסט, ווי ער מאַכט אָנשטעלן, ווי ער פאַרשטייט אַלצדינג, להבדיל ווי אַ מענטש. אַז מע זאָגט אים: בערעלע, קום אַהער! — גייט ער צו. אַז מען זאָגט אים: בערעלע, נאַ דיר! — שטעלט ער אויס די לאַפּע, אָדער ער עפנט אויף דאָס מויל. אמת, אַ קאָפּ איז אַף אים אַ גראָבלעכער, אַ מח אַ

פלאַטשיקער; אײדער מע קלאַפּט אים אַרײַן עפּעס אין קאָפּ אַרײַן, דאַרף מען גוט צוהאָרעווען, האַקן האָלץ, טעסן פלעקער; נאָר האָט ער שוין איבערגענומען עפּעס אַ זאַך, וועט ער עס שוין געדענקען. אונדזער משה־יענקלען איז אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם, אײדער ער האָט אים אויסגע־לערנט, אַז דאָס, וואָס מע גיט אים נישט אין דער לאַפּע אַרײַן, זאָל ער אַלײַן זיך נישט דערוועגן נעמען. בערעלע, וואָס איז כמעט געווען, ווי מיר האָבן שוין אויבן באַמערקט, אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה, האָט דווקא געהאַט גרויס חשק צו אַלצדינג צוגײן, געבן אַ שמעק מיט דער נאָז און טאַקע באַלד אַרײַנכאַפּן אין מויל אַרײַן — און גײט לאָדט אים צום ונתנה־תוקף! בשום אופן האָט בערעלע נישט געקאָנט פאַרשטײן מיט זײַן גראָבן בערישן שכל, למשל, אַזאַ פּשוטע זאַך: פלײש ליגט, שמעקן שמעקט דאָס, עסן וויל ער, — הײַנט פאַר וואָס זאָל ער דאָס נישט נעמען אין מויל אַרײַן? אוודאי האָט אים משה־יענקל געגעבן אַ רעכטן פּסק, גוט אָנגעדרייט בײַ די קורצע אויערן, דורכגעפּאַטשט און מכבד געווען מיט אַ פּאָר גוטע שטעקנס איבער די פאָדערשטע לאַפּעס און אָנגעזאָגט אים אַ מאָל צען מיטן הארבן וואָרט, אַז ער זאָל גײן די רגע הינטערן אויוון, זיך אָנידערכאַליען פּאַפּן...

פּאַפּן (שלאָפן), פרעסן (עסן), זשליאַקען (טרינקען), כאַליען (ליגן), זאַכן (רוען), קרענקען (זיצן) — דאָס איז געווען די שפּראַך, וואָס מע האָט גערעדט מיט בערעלען, און בערעלע האָט דאָס פאַרשטאַנען. אַ סימן — ער האָט געפאָלגט.

ג.

מע קאָן נישט וויסן אַקוראַט: צי ווײַל אונדזער פּאָר־פאָלק זײַנען אַזוי זשעדנע געווען קינדער, צי דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער נפש איז אויפגעוואַקסן און האָט זיך דערצויגן, מע קאָן זאָגן, אויף זײערע הענט — זײ האָבן זיך צוגעבונדן צו בערעלען אַזוי שטאַרק, אַז זײ האָבן אים פּשוט ליב געקריגן, אים נאָכגעגעבן, ווי מע גיט נאָך אַ ליב קינד, גע־באַלעוועט, ווי מע באַלעוועט אַ בן־יחיד, זיך אויסגעבראַכט אויף זיסע זאַכן, נאַשערײַען, און משה־יענקל האָט אים אויסער דעם אונטערגע־טראָגן אָפּטמאָל אַביסל בראָנפן בשתיקה, עס זאָל נישט דערזען חלילה שרה־זיסל זײַן ווײַב, וואָרעם אַז עס וועט געוואָר ווערן דערפון שרה־זיסל, וועט זיך טאָן חושך! שרה־זיסל, ווי זי איז נישט געווען צוגעבונדן צו

בערעלען, פלעגט זי דאך טענהן מיט איר מאן. אז מע באלעוועט אים צו שטארק, אז מע גיט אים צופיל נאך די שמד.

— פארט א חיה רעה, — פלעגט זי זאגן — א בער בלייבט א בער. זע נאר, ער זאל אונדז אמאל נישט אפדאנקען...

שרה־זיסל פלעגט אפטמאל צוקלאגן בערעלען פאר איר מאן, ווי מע זאגט, צושטעלן א בענקעלע, דערציילן אף אים, אז ער טוט איר צום טויט, מאכט אן שאדנס אין שטוב, זאל גאט שומר ומציל זיין. למשל, בערעלע האט געהאט א טבע ברעכן טעלער, טעפלעך, גלעזער, שיסלען, סקאווערעדעס, פאקרישקעס — אלצדינג, וואס מע קאן נאר מיט איין קלאפ צעברעכן, פלעגט ער דאס צעברעכן. און נישט חלילה פאר כעס, מיט רציחה — ניין, דווקא אין גוטן מוט: דערזעט, עס שטייט א טעלער, אונטערגעגנבעט זיך אף צוויי פיס, אויפגעהויבן די לאפע, באץ — אויס טעלער! מע האט ארויסגעזען, אז בערעלע האט דערפון חיות, פשוט, עס קומט אים צו דערפון א שטיק געזונט. משה־יענקלען איז דאס ערשטע מאל אפילו זייער שטארק געפעלן געווען די מעשה; ער האט געלאכט מיטן פולן מויל, זיך געהאלטן בא די זייטן פאר געלעכטער. נאר שרה־זיסלען איז די מעשה דווקא נישט געפעלן, האט זי דעם מאן באגראבן, געלייגט אין דער ערד אריין אינאיינעם מיטן „תכשיט”. און משה־יענקל האט גענומען מיט בערעלען לערנען בלק, אזוי לאנג, ביז ער האט אים אפגעוווינט פון ברעכן טעלער.

איינמאל האט משה־יענקל דערהערט א געשריי, גלייך ווי מע קוילעט א מענטשן. דאס האט געשריען שרה־זיסל זיין ווייב.

— גיי נאר זע, וואס דער קדיש דיינער האט געטאן, ברענען זאלסטו מיט אים אף איין פייער, רבונו של עולם!

משה־יענקל איז צוגעלאפן און האט דערזען אף דער ערד ליגן צוויי געפענטעטע עופות, א הון מיט א האן, וואס מע האט זיי געוואלט אוועקפירן צום שוחט, — ערב יום־כפור איז דאס געווען — האט זיך אפגעמיישב געווען בערעלע, עס איז דאך מיט זיי אלץ איינס קאפוט, לְמאי זאלן זיי זיך מוטשען? האט ער ארויפגעלייגט אף זיי די לאפע — און א סוף. די הון מיטן האן זיינען נאך געלעגן מיט פארגלאנצטע אויגלעך און מיט ארויסגעשטעלטע צינגלעך, און בלוט האט זיך זיי געלאזט פונעם האלדז, און בערעלע איז זיך געזעסן אין א ווינקעלע און געלעקט די לאפע, גלייך ווי נישט אים מיינט מען. פארשטייט זיך, אז משה־

יענקל האָט אים מקיים פּסק געווען, ווי עס געהער צו זײַן, און בערעלע האָט שוין פון דעמאָלט אָן גענומען אָפּ זיך: לאָז מען די אָרעמע עופות בינדן, לאָז מען מיט זיי שלאָגן כפרות, לאָז מען זיך שלאָגן מיט זיי קאָפּ אָן וואַנט, — מיט אים געהערט זיך עס נישט אָן...

האָט זיך אָבער געטראָפן אַן אַנדער מעשה, — בערעלע איז שוין דעמאָלט געוואָרן אַ גרויסער, ס'איז אים אַוועקגעגאַנגען דאָס דריטע יאָר — ס'איז געווען בײַ שׂרה־זיסלען אַ בהמהלע, וואָס האָט זיך געמאָלקן פון קאַלב צו קאַלב. דאָס בהמהלע, אַ קליינע מורע בהמה אָן הערנער, האָט גע־געבן מילך בשפע, געווען טײַער בײַ שׂרה־זיסלען, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. באַדאַרף זיך דאָס בהמהלע אָפּקעלבן און געבוירן אַ קעלבעלע אַ חיות: אַ קליינטשיקס, אַ רויטינקס, אַ ווײַכינקס מיט אַ ווײַס מאָרדעטש־קעלע, כאָטש אַרומנעמען קושן! און מחמת אין דרויסן איז געווען קאַלט, האָט מען דאָס קעלבל גענומען אין שטוב אַרײַן, געלייגט דאָס אינאיינעם מיט בערעלען צווישן אויוון אָפּ שטרוי.

— זע נאָר, דער תכשיט דײַנער זאָל נישט צורעכט מאַכן דאָס קעלבל!

— מאַכט שׂרה־זיסל צו איר מאַן מיט אַ שיינעם יברכך דערבײַ, ווי געווינטלעך אַ ווײַב, וואָס הייסט שׂרה־זיסל, זיצט אין אַ דאָרף און האָט קיין קינדער נים.

— חס ושלום! — זאָגט משה־יענקל און נעמט זיך קנעלן מיט בערע־לען „הלכות קעלבל", ווײַזט אים מיטן פינגער און זאָגט אים אַן טויזנט מאָל: „נע ראוש!"... און בכדי בערעלע זאָל נים פאַרגעסן, שענקט ער אים פאַרויס אַ פּאָר שטעקנס איבער די פּיאַטעס. בערעלע זעצט זייך אַוועק ווי אַ סמאַטיק, קוקט אָפן קעלבל מיט זײַנע קליינע רויטע בערישע אייגלעך און באַלעקט זיך. משמעות, ער פאַרשטייט וואָס מע מיינט... און עס ווערט צווישן די צוויי אַ מין אהבה, אַ ליבשאַפט, אַז ס'איז גאָר אַ מחיה צו קוקן, ווי די צוויי ליגן זיך איינס צום אַנדערן און דרעמלען. און אַז דאָס קעלבל שטייט אויף, שטייט אויף אויך בערעלע. דאָס קעלבל מאַכט „מע!" — בערעלע שטעלט אָן די אויערן. דאָס קעלבל טוט אַ שפּרונג — בערעלע שפּרינגט אַריבער דעם און שטעלט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פּיס אַרויף. נאָכדעם כאַפּט ער אַרום דאָס קעלבל מיט די לאַפּעס און קוועטשט דאָס צו צום האַרצן, ווי אַ מוטער נעמט אַרום און קוועטשט צו אַ קינד. פון אַזאַ קוועטשעניש האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז

דאס קעלבל האט איין מאל ארויסגעלאזט א מאדנעם געשריי „מע!" מיט א כראפּען אינאיינעם. א גליק, וואס ס'איז אונטערגעלאפן משה־יענקל מיטן שטעקן און האט מציל געווען דאס אומשולדיקע קעלבל פון א מוראדי־קער סכנה...

ד

פון דעמאלט אן איז אונדזער משה־יענקל ארײַן אין נאז די ווער־טער, וואס זײַן ווײַב שרה־זיסל האט אים אמאל געזאגט, אז א בער בלײַבט א בער, פארט אחיה רעה, וויפל מע זאל דאס ניט לערנען... משה־יענקל האט זיך אנגעהויבן צוקוקן צו בערעלען און האט ארויסגע־זען, אז עס קומט צו ווינטער, איז דאס גאר ניט דער בערעלע, וואס תמיד; עפּעס גארניט דאס לעבעדיקייט, עפּעס דרייט ער זיך ארום, קאן זיך קיין ארט ניט געפינען, פארקלײַבט זיך אין א ווינקל, זויגט די לאפּע און דרעמלט גאנצע טעג מיט גאנצע נעכט. מע דארף אים וועקן, ער זאל עפּעס פרעסן, עפּעס זשליאקען... בערעלע שלאפט!

ניין, בערעלע שלאפט ניט. בערעלע טראכט, בערעלע טרוימט, בע־רעלע חלומט פון א גרויסער וועלט, וואס ער ווייס זי ניט, פון א פרײַען װאלד, וואס ער קען אים ניט, פון א בעסער גליקלעך לעבן, וואס ער האט דאס קיינמאל ניט פארזוכט, נאר ער פילט דאס, ער פילט דאס בחוש און בענקט נאך דעם, ווי עס בענקט א קינד א יתום נאך דער מאמע, וואס ער האט זי קיינמאל ניט געזען. בערעלע פילט, אז ניט דא, צווישן אויוון, איז זײַן ארט; צו ענג איז פאר אים דער צווישן־אויוון; צו קליין איז פאר אים די שטוב. ער פילט, אז עפּעס ציט אים, עפּעס שלעפּט אים, עפּעס טרײַבט אים פון דאנען, און עמעצער שעפּטשעט אים אפן אויער: „בערעלע! נארישער בערעלע! שטיי־אויף, גלײַך־אויס די ביינער דײַנע, צעטראג די שטוב אף שטיקלעך, לייג אוים די מענטשן מיט איין קלאפּ און טראג זיך אפּ פון דאנען אהין, ווײַט־ווײַט, אט דארטן, ווו עס גרינט דער װאלד, אט דארט, ווו עס שמעקט מיט בלאטע, אהין טראג זיך אפּ, אהין, צווישן דײַניקע!"... און בערעלע הערט זיך צו צום קאל, וואס שעפּ־טשעט אים, און האלט צוגעמאכט די אויגן. ער שלאפט ניט, נאר ער טראכט, ער טרוימט, ער חלומט פון א גרויסער וועלט, וואס ער ווייס זי ניט, פון א פרײַען װאלד, וואס ער קען אים ניט, פון א בעסער גליקלעך

לעבן, וואָס ער האָט דאָס קיינמאָל ניט פאַרזוכט.... נאָר אַט קומט צו גיין משה־יענקל פון שטאָט מיט פולע קעשענעס. בערעלע דערשמעקט, אַז משה־יענקל האָט געבראַכט צו טראָגן גוטע זאַכן, ניס און האָניק און אַ ביסל משקה — אוי, דאָס ביסל משקה! — און ער שטעלט זיך אַוועק אויף די הינטערשטע פיס, נעמט אים אַרום מיט די פֿעדערשטע לאַפּעס, קריכט מיט דער מאָרדע צו אים גלייך אין בוזעם אַריין. משה־יענקל טרייבט אים אָפּ: אַוועק, דו טרפהנער האַלדז! אַוועק דו שכורניק! און בשעת מעשה ציטערט בא אים דאָס לייב, וואָרעם פון בערעלעס אַרומנעמען קאָן מען זיין לייטן־גלייך; נאָך איין קוועטש אַביסל אַ שטאַרקערן — ווערט מען אַ קדוש... און ער גיט אים אָפּ וואָס ער האָט, אַבי פּטור ווערן פון זיינע לאַפּעס. פון דעם אַר־ומנעמען, וואָס בערעלע נעמט אים אַרום, טראַגט משה־יענקל אין זיך צוויייערליי געפילן: אי פאַרגעניגן, אי שרעק. ס'איז אים בשעת מעשה, אי גוט, אי ער האָט מורא. גוט איז אים, וואָס ער האָט אויסגעהאָדעוועט אַזאַ גוואַרדיאַן; מורא האָט ער, וואָס בערעלע איז שוין צופיל בערעלע...

ח

ניט איין מאָל פלעגט אונדזער משה־יענקל, ליגנדיק אין בעט, קוקן אויף בערעלען און זיך טראַכטן: „אוי, ווען דער דאָזיקער נפש זאָל חלילה ווייסן וואָס פאַר אַ כּח אין אים ליגט!"... אַלע מאָל, ווען ער איז אויפגעשטאַנען פונעם שלאָף, האָט משה־יענקל מיט שרעק אַ קוק געטאָן אין קאַמערל: וווּ איז בערעלע? וווּ איז שרה־זיסל זיין ווייב?... און שרה־זיסל זיין ווייב האָט נישט אָנגעהויבן צו ווייסן פון איר מאַנס פּחדים: איר איז קיינמאָל אויף די געדאַנקען נישט געקומען, אַז ס'איז דאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר בערעלען. מערקווירדיק! זי איז מיט אים אַזוי גע־וווינט געוואָרן, אַז מיט דער צייט האָט זי אָנגעהויבן פאַרגעסן, אַז בער־רעלע איז אַ חיה, אַ „חיה רעה", ווי זי פלעגט אַמאָל אויף אים זאָגן. וואָס הייסט, בערעלע איז אַ חיה? בערעלע איז בערעלע — און אַ סוף... האָ־דעווען האָט זי אים געהאָדעוועט ווי אַ קינד, און געאַרבעט האָט זי מיט אים, ווי מיט אַ קנעכט. זי האָט זיך געשאַפט מיט אים, ווי מע שאַפט זיך מיט אַ באַדינטן. און בערעלע האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס מע האָט אים געהייסן: געטראָגן האָלץ פון דרויסן, געשעפּט וואַסער פונעם ברונעם,

אַרויסגעטראָגן דאָס מיסט פֿון שטוב, — כּל עבֿודת פֿרך האָט זי מיט אים געטאָן, און אַלע מאָל מיט ווערטער, ווי מע רעדט, להבֿדיל, מיט אַ מענטשן:

— נו, שלים־מזל, שטעל פּיס! זע נאָר, ווי ער רירט זיך, ווי אַ בלײַענע פֿויגל!

אַזוי פּלעגט שׂרה־זיסל זיך אויסטענהן מיט אים, און אַ מאָל, אַז ער איז געלעגן און געדרעמלט, פּלעגט זי זיך מיט אים ניט צערעמאָניען און דערלאַנגען אים מיט דער קאָטשערע אין זײַט אַרײַן:

— גענוג דיר שוין, שלים־מזל, צו פּאָפּן, שטיי אויף, וועל איך דיר געבן פֿרעסן!

און בערעלע שטייט אויף פֿון דער ערד, טרייסלט זיך אָפּ די פֿעל, גייט־צו צו שׂרה־זיסלען אויף צוויי פּיס און שטעלט זיך אַוועק, ווי איינער רעדט:

—הנני — איך בין אָנגעברייט...

— וואָס זאָגסטו אויף אונדזער בערעלען, ווי ער איז דאָס קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן?

אַזוי זאָגט שׂרה־זיסל צו איר מאַן און באַקומט ענטפֿער:

— אויסגעוואַקסן איז ער, נאָר אַזוי זיך באַגיין, ווי דו באַגייסט זיך מיט אים, דאַרף מען אויך ניט.

ענטפֿערט אים דערויף שׂרה־זיסל:

— אַ מכּה דער מאַמע זײַנער! ס'וועט אים שאַטן צום שדוך?

ענטפֿערט איר דערויף משה־יענקל:

— צים שדוך וועט דאָס אים ניט שאַטן, נאָר דערמאָן דיך וואָס דו אַליין האָבט אַמאָל געזאָגט אויף אים...

— וואָס האָב איך דען געזאָגט אויף אים?

— אַנו, דערמאָן דיך נאָר אַקאָרשט.

— אדרבה, דערמאָן מיר וואָס האָב איך געזאָגט?

— דו האָסט געזאָגט, אַז אַ בער בלײַבט אַ בער, אַ חיה רעה.

— איך האָב געזאָגט?

— ווער דען האָט געזאָגט?

— אוי! עס איז פֿון זיי ניט אויסצוהאַלטן, פֿון די מאַנצבילן!

אַזוי שרײַט אויס שׂרה־זיסל און טוט אַ פּליעסק מיט די הענט און עטט דעם מאַן און טאַטשעט אים, און פּײַלט אים אַ גאַנצע נאַכט, ווי

ער איז ווערט און ווי עס פאסט פאר א ווייב, וואס הייסט שרה־זיסל און זיצט אין א דארף און האט קיין קינדער ניט.

ו

איינמאל — דאס איז געווען פאר שבועות — איז משה־יענקל געפארן פון שטאט אהיים אף יום־טוב אויפגעלייגט, פריילעך. די זון האט געפייערט, צעגאסן זיך מיט אירע הייסע שטראלן אף די גרינע פעלדער פון ביידע זייטן וועג. און מחמת ס'איז שוין א צייט ניט געווען קיין רעגן, איז דער שטויב פון די רעדער געווען גרויס, געגאנגען ארויף, ווי א רויך פארשטעלט דאס דארף מיט דער מיל מיט דער שטוב מיט דיביימער, וואס פאר דער שטוב. נאר פילן פילט משה־יענקל, אז ער איז אין דער היים, און דערהערט א מאדנעם רעש, קולות פון א סך מענטשן, א טומל, א הו־הא, א טיוקען מיט א פייפן מיט א געלעכטער און מיט א געשריי: הוררראאא!!

— בערעלע! ...

דאס איז געווען די ערשטע מחשבה, וואס איז אים געקומען אפן קאפ, — און משה־יענקל האט א שמיץ געטאן דאס פערד און איז צוגעפארן צו דער שטוב, און זיינע אויגן האבן דערזען...

מיר מוזן אוועקיוארפן אף א מינוט משה־יענקלען און אפמאלן זיין וווינונג, וואס איז באשטאנען פון א הויף, א שטוב, א קאמער פון תבואה מיט א גארטן פון עטלעכע ביימלעך, מיט א ברונען און מיט א געפלאכטענעם הילצערנעם פלויט ארום און ארום. דאס אלץ האט משה־יענקל אליין כמעט מיט זיינע אייגענע הענט געמאכט אין פארלויף פון מער אלס צוואנציק יאר. איטלעכס פלעקל איז אים געווען טייער. יעדער שטיינדל האט צו אים גערעדט ווערטער. ניט בלויז גערעדט, נאר געזונגען, געזונגען! דעם גארטן האט ער אליין געזעצט. די ביימלעך אליין געפלאנצט. און וואס פאר א חיות, וואס פאר א פארגעניגן, וואס פאר א נחת האט ער געשעפט, אז דער ליבער זומער איז געקומען, און דער גארטן האט זיך צעוואקסן, און די ביימער האבן זיך צעבליט, און...

אט וואס זיינע אויגן האבן איצט דערזען: די קאמער צעווארפן, די זעס צעשלייַדערט, די תבואה צעשאטן איבערן גאנצן הויף און אויסגעמישט מיט צעריסענע פערענעס מיט קישנס, וואס האבן זיך געוואלגערט איינ־איינעם מיט א סך שערבלעך פון צעבראכענע כלים, און ווייסע פעדערן

האבן זיך געדרייט און געטראגן אין דער לופטן, ווי שניי, און געפאלן אין בלאטע אריין. עטלעכע ביימער פונעם גארטן זיינען געלעגן במחילת כבודם מיטן פנים אראפ, אויסגעבראכן און אויסגעריסן מיטן ווארצל, און אויך דער קלאץ פונעם ברונעם, וואס מע שעפט מיט אים וואסער, איז גע-לעגן אויסגעצויגן אף דער ערד ווי לאנג ער איז... די שטוב גופא איז געווען ערטערווייז צעשלאגן, די פענצטער צעבראכן, די טיר איז געלעגן בא א זייט, און אף איר האבן זיך געוואלגערט צעבראכענע בענקלעך מיט צעשטויסענע כלים מיט צעשאטענע גרויפן, אויסגעמישט מיט פעדערן — אז אמתער פאגראם, א חורבן!...

און אויבן אפן דאך פון דער שטוב, שפאצירט ארום היין און צו-ריק בערעלע אף צווי פיס, ברומט ווי א באס, מלא כעס, כאפט א ציגל פונעם קוימען, א באלקע פונעם דאך און טוט אלע מאל א שלײַדער אין דער ערד אריין מיט אזא כוח, מיט אזא האס, מיט אזא רציחה, וואס משה-יענקל האט דאס אף אים נאך קיינמאל ניט געזען. ער האט בערעלען נישט געקאנט דערקענען: דאס מויל איז אים אפן, די צונג ארויסגע-שטעלט, די אויגן אנגעגאסן מיט בלוט, און בערעלע שפרינגט פון איין עק דאך צום אנדערן, מיט אזא מין מהירות און מיט אזא מין אימפעט, אז מע האט געזען, טאמער שפרינגט ער אראפ, — איז סכנת-נפשות, ער איז דורם מענטשן... און די ווײַסע-חברהניקעס, די וואס פארשטייען ניט וואס דערפון קאן ארויס, שטייען און לאכן און פײַפן און שיטן מיט ווערטלעך:

— אט אזוי, בערקא! אט אזוי פאטאפיטש! באוויז זיי וואס דו קאנסט! רעכן זיך אפ מיט דײַנע בעלי-בתים, זיי זאלן וויסן ווי טײַער פעפער איז!... הורא!!...

און וואס מער די קונדסים שרײַען, הוקען און טיוקען און פײַפן, אזוי מער גייט בערעלע ארום פון די כלים און ארבעט מעשים אשר לא יעשו.

— א ביקס! א ביקס! גיכער א ביקס! — שרײַען די עלטערע מענטשן די וואס פארשטייען, וואס דא טוט זיך, מיט וואס דאס שמעקט...

משה-יענקל שטייט און קוקט, און קוים וואס ער פארשטייט וואס דא טוט זיך. א פראסט ליפט דורך איבער זײַן לײַב און ער טראכט זיך: „בערעלע איז משוגע געווארן! משוגע געווארן! שוין-זשע וועט מען בע-רעלען שיסן?!"... און משה-יענקל פילט, ווי עס האט זיך אים אפ-

גערים עפעם אין הארצן: מע וועט בערעלען שימן? שימן בערעלען? ...
און איידער ער רעדט אוים א ווארט הערט זיך א שאָס, און נאָך א שאָס, —
איינס, צוויי, דריי, פיף־פאָף! א בלוי רויכל פאַרשטעלט אַף א מינוט די
אויגן; עס הערט זיך א שאַרפער ריח פון פולווער, און פון דאַך פאַלט
אַראָפּ א גרויסע שווערע זאַך, טוט זיך א זעץ אין דער ערד אַריין מיט
א שטאַרקן כּוח, קאַטשעט זיך נאָך אביסל אין בלאָטע און כאָרכלט, ווי
א געקוילעטער אָקס, אין ציט זיך אוים מיט אַלע פיר פים אַרויף, און עס
זעען זיך אַרוים די הוילע שוואַרצע טריט מיט די ברייטע פיאַטעס.

— בערעלע? ... אוים בערעלע! ...

און די ווייסע־חברהניקעס הייבן אויף א נייעם „הוררא“, און משה־יענקל דערזעט, ווי עס יאַשעט בלוט פון בערעלעס קאָפּ און פון בערעלעס האַרץ, פאַרשטעלט ער זיך מיט ביידע הענט דאָס פּנים; ער קאָן קיין בלוט ניט זען; ער קאָן ניט זען בערעלעס בלוט...

און דאָרט, אין שטוב אין מיטן גרויסן חורבן, ליגט אויסגעצויגן שרה־זיסל, צוגעקוועטשט האַרט צו דער ערד, דאָס מויל איז איר אָפן, דאָס פּנים בלוי, די אויגן שרעקלעך, שרעקלעך! און עמעצנס שווערע־שווערע טריט זיינען קענטיק אַף איר צעבלוטיקט לייב, אַף איר צעריסענער ברוסט ... — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

פריער איז געגאַנגען פון דער וועלט שרה־זיסל, און נאָכדעם — בערעלע.

געשריבן אין יאָר 1908

דריי לוחות

פארוואס איז דער בארימטער טאלמאטשאוו געווארן א שונא־ישראל? — דערציילט פון אן אדעסער ייִדישן ראזנאשטשיק, וואס פארקויפט ייִדישע גאזעטן און האנדלט־אונטער בשתיקה מיט „אינטערעסנע אטקריטקעס" פון פאריז. — איבערגעגעבן טאקע מיט זײַן לשון.

— איך פרעגט, ווי קום איך א ייִד, א טאטע פון קינדער, צו האנדלען מיט אזא טריפה סחורה, זאפרעשטשאנע טאוואר, „אינטערעסנע אטקריטקעס" פון פאריזש? — דאס האב איך אים צו פארדאנקען, נאר אים — אונדזער טאלמאטשאוון ימח שמו! איצט, אז ס'איז שוין אוועקגעגאנגען אזא צײַט און טאלמאטשאוו איז אויס טאלמאטשאוו און אדעס איז שוין ווידער אדעס, מעג מען שוין, דאכט זיך, דערציילן דעם גאנצן אמת, פון וואנען נעמט זיך עס, וואס אונדזער טאלמאטשאוו איז געווען אזא שונא ישראל? איך האב מורא, אז איך, ווי איר קוקט מיך אן, האב אין דעם א גרויסן חלק. אויב ס'איז ניט אינגאנצן איבער מיר! איא, ס'איז אײַך אודיווויטעלנע, ווי קום איך, א ייִד א ראזנאשטשיק, וואס פארקויפט ייִדישע גאזעטן בשתיקה, וואס האנדלט אונטער מיט „אינטערעסנע אטקריטקעס" פון פאריזש, ווי קום איך צו גענעראל טאלמאטשאוו? און וואס פאר א מחותן בין איך וואבשטשע מיט גענעראלן? נאר די מעשה איז, פארשטייט איר מיך, וואס יעדער „וואָרום" האט זיך זײַן „דארום" און וואס א ייִד איז א ייִד.. אויב איר האט צײַט, וועל איך אײַך עפעס דערציילן, וועט איר הערן א שיינס.

דאס איז געווען, פונקט אזוי ווי הײַנט, חול המועד סוכות איז דאס געווען, טאקע דא אין אדעס, שוין היפשע עטלעכע יאר אוועק, אדעס איז נאך געווען וואבשטשע אדעס, מע האט נאך נישט געוווסט פון קיין טאלמאטשאוו צו זאגן, און א ייִד האט זיך געקאנט פראנק און פרײַ ארומ־

טראגן איבער דער גאס מיט יידישע ספרים און ביכלעך אף צו פארקויפן. קיין יידישע גאזעטן איז נאך דעמאלט ניט געווען אזוי פיל ווי היינט, נאפרימער, און מע האט פאר קיינעם קיין מורא ניט געהאט, און קאנטרעבאנדעווען מיט אינטערעסנע אטקריטקעס פון פאריזש האט מען אויך נישט באדארפט, בין איך מיר ארומגעגאנגען מיט מיין ביסל סחורה, סדורימלעך, מחזורימלעך און לוחות לכל השנה, אף דער לאנדזשעראנאווסקי און אף דער קאטערינענסקי, נעבן פאנקאניין, דארט וווּ מען קאן כאפן א יידן, דארט וווּ עס דרייען זיך ארום אלע בירזשעוויקעס און מעקלערס און וואכשטשע אלערליי יידן, אויסגעקוקט, טאמער וועט גאט צושיקן עפעס פדיון. שפאציר איך מיר, הייסט עס, איינמאל אזוי, ווי איך קוקט מיך אן, אפן טראטואר נעבן פאנקאניין, דארט וווּ אונדזערע אדעסער בירזשעוויקעס רייבן די פאדעשוועס, און טראכט — וווּ נעמט מען א פאקופאטעל אפן ביסל לוחות, וואס איז מיר פארבליבן? מע האט שוין אפגעבלאזן שופר, מע האט שוין אפגעפאסט יום־כפור, אט באלד, אקערשט ווי מע זעט ניט, וועט שוין דער סוכות אויך אוועקעט און איך האב נאך מיין ביסל רעשט אלץ ניט פארקויפט, און גאט ווייס, אויב איך וועל עס שוין גאר פארקויפן, ווארעם דאס איז אזא סחורה, וואס טאמער בלייבט עס אף נאך יום־טוב, איז כאמש נעם און שענק עס אוועק א גוי. צו וואס טויג, נאפרימער, א פראסטראטשעטער לוח? און איך האב אזש דריי אזעלכע פראסטראטישעטע לוחות, פארבליבן פון ערב ראש השנה. געהאט א מאה, האב איך זיי צעשטעקט טאקע אט דא אף דער גאס, צום מיינסטן צווישן די בירזשעוויקעס, — יידן וואכשטשע עפעס ניט אזעלכע איי־איי, האלטן ניט אזוי שטארק פון יידישע ספרים, נאר א לוח א יידישן לכל השנה — דאס איז אפילו פאר א בירזשעוויק אויך אמאל א סחורה. מען דארף וויסן ווען פאלט אוים פסח, ווען האט מען יארצייט — א ייד איז א ייד.

און שפאצירנדיק אזוי, שטעל איך מיך אפעט נעבן פאנקאניין און באקוק די חברה בירזשעוויקעס, וואס לויפן הין און צוריק — איך קען זיי שוין אלעמען אויסגעבונדן — און טראכט מיר: וועמען לייגט מען פאר דאס רעשטל, אז זיי זיינען אלע אבעזפעטשעט פון מיר מיט לוחות לכל השנה, דאכט זיך, ניט דורכגעלאזט קיינעם? און אזוי ווי איך שטיי מיר און טראכט, דערזע איך בא א טישל בא פאנקאניין, פארנט, אין

דרויסן־צו, זיצט א גענעראל מיט פּאַליעטן, דרייט מיט א לעפּעלע אין גלאָז קאַווע און נעבן אים שטייט א „קראַסנע שאַפּאַטשקע", פון די, וואָס פאָלגן א גאַנג, און דער גענעראל זאָגט אים עפּעס אַן נאַכאַמאַל און נאָכאַמאַל, און יענער, די קראַסנע שאַפּאַטשקע הייסט עס, ענטפערט אים אַף אַלצדינג: „סלושאיוס, וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטווא!" טראַכט איך מיר: וואָס קאָן ער אים אַנזאָגן אַזעלכעס, דער גענעראל הייסט עס? און נעם, ווי איך קוקט מיך אַן, און רוק מיך צו אַביסל נענטער צום גענעראלס טישל, קוק כלומרשט אין א זייט, א ייִד איז א ייִד, און איך הער, ווי דער גענעראל זאָגט צו אים, צו דער „קראַסנע שאַפּאַטשקע" הייסט עס, א גויִשער קאָפּ. איינציקע ווערטער, צעקייט און לייגט אים אַריין אין מויל אַריין: „גערדענק־זשע, זאָגט ער, וואָס מע רעדט צו דיר, זאָלסט גיין צו מיר אַהיים, אַף דער בערסאַנסקי נומער דריי, זאָגט ער, און זאָלסט זאָגן, זאָגט ער, דער גענעראלשע, אַז היינט עסט בא אונדז וואַרעמעס דער גראַף מוסין־פּושקין. געדענק־זשע, זאָגט ער, זאָלסט ניט פאַרגעסן — בערסאַנאַסקי נימער דריי און דער גראַף מוסין־פּושקין!" און יענער, די „קראַסנע שאַפּאַטשקע" הייסט עס, שטייט פאַר אים אויסגעצויגן, ווי א סטרונקעלע, און מע הערט פון אים מער ניט, נאָר „סלושאיוס" און „סלושאיוס"! און אַז יענער לאָזט זיך שוין גיין, שרייט אים נאָך דער גענעראל נאָך א מאָל! „געדענק־זשע בערסאַנסקי נומער דריי, גראַף מוסין־פּושקין!" — און וויל זיך נעמען צו דער קאַווע, דערזעט ער מיך, ווי איך שטיי נעבן אים גאָר נאָענט און קוק אים אַריין אין גלאָז אַריין, נישט צו מיינען דערביי חלילה קיין זאַך, נאָר וואָאַבשטשע, גלאָט אַזוי, — אַז ער הייבט ניט אויף אַף מיר א קאָל און נעמט מיך דורך מיט די אויגן: „טיעבע טשעוואָ נאַדאָ?" — וואָס דאַרף איך הייסט עס. טראַכט איך מיר: וואָס איך דאַרף ווערסטו מיר ניט געבן; און אפשר, האַ?... א ייִד איז א ייִד, וואָס שטעל איך דאָ אַיין? און איך נעם, ווי איך קוקט מיך אָן, און טו אים א זאָג: „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטווא! קויף בא מיר א לוח, א קאַלענדאַר הייסט עס". קוקט ער מיך אָן: „וואָס פאַר א לוח?" זאָג איך: „א ייִדישער לוח". קוקט ער מיך שוין אַן גאָר ווי א משוגענעם: „צו וואָס דאַרף איך א ייִדישן לוח?" זאָג איך: „צו וואָס דו דאַרפסט ווייס איך ניט, נאָר איך דאַרף, זאָג איך, אַף יום־טוב, ס'איז בא מיר בּאַרבליבן, זאָג איך, דריי. קויף, זאָג איך, וואַשע

פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ״... און אין האַרצן טראַכט איך מיר: „שיין וועט זײַן, אַז ס׳וועט גיין אַ גאַנג און ער וועט זיך הייסן געבן אַ ייִדישן לוח לכל השנה!...״

און כך הוה: ווי איך האָב נאָר אויסגערעדט דאָס וואָרט „פּרעוואָס־כאָדיטעלסטוואָ״, אַז ער טוט ניט אַ הוק אַף מיר — „פּאַשאָל וואָן!״ דאָס גאַנצע בלוט איז מיר פּאַרקילט געוואָרן און, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך געגעבן אַ נעם דאָס פּעקל, אַ ייִד איז אַ ייִד, און וויל שוין מאַכן נאָ ליעוואָ קרוגאָם, דערהער איך פּלוצעם ווי ער מאַכט צו מיר: „סטופּאַי סיודאַ!״ — איך זאָל גיין הייסט עס צוריק. העלפט זיך ניט. גיי איך צו צוריק, הייסט ער זיך ווײַזן אַ לוח. גיי איך און ווײַז אים אַ לוח. פרעגט ער, וואָס קאָסט דער לוח? זאָג איך אים וואָס קאָסט דער לוח. נעמט ער דעם לוח און באַצאָלט מיר פאַרן לוח, נישט געדונגען זיך. גישט געדעדט, נישט גאָר־נישט! ווי געפעלט אײַך אַ גענעראַל? מעגן ניט זײַן פאַר אים די כפּרה דרײַ בירזשעוויקעס?

— האָבן מיר שוין, הייסט עס, אַ פּעטשאַטעק! — טראַכט איך מיר, נעם דאָס פּעקל און לאָז מיך גיין. — אַ פּעטשאַטעק איז טאַקע זייער גוט, נאָר וואָס טוט מען ווײַטער? ווו נעמט מען נאָך אַ צוויי גענע־ראַלע אַזעלכע, וואָס מע זאָל קענען אָפּזעצן בײַ זיי דאָס איבעריקע ביסל סחורה, די לעצטע צוויי לוחות הייסט עס? און עס פליט מיר דורך אַ גע־דאַנק — אַ ייִד איז אַ ייִד: למאַי האָב איך אים ניט פאַרגעלייגט נאָך אַ לוח? דעם דאָזיקן גענעראַל וואָלט דען ניט אָנגעשטאַנען צו האָבן צוויי לוחות לכל השנה? אײַ, וואָס וועט ער טאָן מיט צוויי ייִדישע לוחות? למאַי וואָס וועט ער טאָן מיט איין ייִדישן לוח?... און אָט אַזוי טראַכ־טנדיק, איז מיר דורכגעפלויגן אַ נײַער געדאַנק — איך האָב מיך דער־מאָנט, ווי ער האָט ניט לאַנג אָט דאָ אײַנגעטענהט מיטן גוי עטלעכע מאָל: „גענעראַלשאַ... בערסאַנסקי נומער דרײַ... גראַף מוסין־פּושקין...״ זוי איך בין אַ ייִד, דאָ קאָן זײַן פּדיון אַף נאָך אַ לוח!... „זײַ נאָר ניט קיין שלים־מזלניק, אַבראַם מאַרקאָוויטש (אַזוי רופט מען מיך נאָכן טאַטן מאיר אַנשל), און קוי זשעליעזאָ — כאַפּ אַרײַן אַ פּאַקופּאַטעל!״ — אַזוי האָב איך געזאָגט צו מיר אַליין, און ניט לאַנג געטראַכט, האָב איך מיך, ווי איר קוקט מיך אָן, געגעבן אַ נעם פון דער קאַטערינינסקי אַף דער דעריבאַסאָווסקי, פון דער דעריבאַסאָווסקי אַף דער פּרעאָבראַ־

זשענסקי און פון דער פּרעאָבראַזשענסקי אויף דער סאַדאָווע, און פון דאָרטן גלייך איבער דער יעליסאַוועטינסקי אויף דער כערסאָנסקי. געקומען אויף דער כערסאָנסקי און געגומען זוכן אַ נומער דריי — ס'איז דאָ, ווי איך בין אַ ייד! און נאָך וואָס פאַר אַ נומער דריי — אַ מויערל אַ דוואָכע־טאָזשנע, אַן אָסאָבניאַק! גוט. וואָס־זשע טוט מען ווייטער? דאַרף מען, הייסט עס, געבן אַ צי באַם גלעקל און זיך נאָכפרעגן אויף דער גענעראַל־שע? און איך נעם זיך צום גלעקל און טו אַ קלונג און טראַכט מיר: דאָס וועט זיין שיין, אַז ס'וועט אַרויס אַ סאָלדאַט, און אפשר נאָך מיט אַ הונט, וועט מיר געבן דעם וועג און נאָך אָנרייצן אויף מיר דעם הונט — מער פעלט מיר נישט! און כך הוה. עס גייט אַוועק אַ מינוט און צוויי און דריי. איך שטיי און שטיי — קיינער יאַוועט זיך ניט. טראַכט איך מיר: אויף מיין שלימזל באַדאַרף קיינער ניט זיין אינדערהיים... און אפשר איז דאָס גלעקל נאַר־וואָס קאַליע געוואָרן? מע דאַרף פּרוּוון נאָכאַמאָל. און איך נעם, ווי איר קוקט מיך אָן, און דאַוואַי קלינגען איינס, צוויי, דריי — עפנט זיך ניט די טיר און עס שפּרינגט אַרויס אַ שיקסע מיט אַ באַרשט: „שטאָ נאַדאָ?" וויל איך מאַכן פּיס, נאָר איך פאַרכאַפּ מיך — אַ ייד איז אַ ייד — און רוף מיך אָן צו איר: „איך דאַרף האָבן, זאָג איך, צו דער גענעראַלשע באַדאַרף איך, ליטשנאָ צו איר, זאָג איך"... קוקט זי מיך אָן, ווי איינער רעדט: וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש! און גייט און פאַרהאַקט די טיר גלייך מיר אונטער דער נאָז, זי זאָל עס מיר זאָגן אַ וואָרט אפילו — אַ שיינער ברוך־הבא! און אפשר וועט זי זיך יאַווען נאָכאַמאָל? אָדער זי וועט אַרויסשיקן דעם סאָלדאַט מיטן הונט? אַזוי טראַכט איך מיר און האָב חשק מאַכן אַן אָפּטריט, נאָר אַז איך בין שוין דאָ און האָב שוין אָנגעקלונגען, איז פאַרפאַלן. און כך הוה — עס גייט ניט אַוועק קיין האַלבע מינוט, עפנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך אַ פּריצטע, אַ יונגע, אַ שיינע, בלוט און מילך. זאָל עס זיין זי די גענעראַלשע הייסט עס? איז זי צו יונג. דערווייל די צייט שטייט ניט. מאַכט זי צו מיר: „שטאָ נאַדאָ?" טראַכט איך מיר, וואָס טוט מען ווייטער? זאָגן איר „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" — איז גוט, אויב זי איז די גענעראַלשע. ווי־זשע איז אָבער טאָמער ניט — פאַר וואָס קומט איר פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ? נאָר אַ ייד איז אַ ייד, פאַל איך אויף אַן עצה און באַגיי מיך גאָר אָן אַ שום פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, און הייב אָן

גלייך פונעם עסק: „אזוי און אזוי, זאג איך, דער גענעראל האט בא מיר געקויפט, זאג איך, א לוח, א קאלענדאר הייסט עס, און האט מיר געבעטן, געהייסן הייסט עס, איך זאל דעם לוח, דעם קאלענדאר הייסט עס, אפּ־טראגן אהיים אף בערכאנסקי נומער דריי, און דא וועט מען מיר באַ־צאלן; נאר מאמער וועט מען מיר ניט וועלן גלייבן, זאל איך, האט מיר דער גענעראל געהייסן זאגן א סימן, זאג איך, אז היינט עסט דא וואַ־רעמעס דער גראף פוסין מושקין...״ צעלאכט זי זיך, די גענעראלשע הייסט עס: „ניט פוסין מושקין, נאר מוסין פושקין״... טראכט איך מיר: ווייבאלד דו לאכסט, ביסטו פון מיינע פּריצטעס. און איך רוף מיך אן צו איר: „בא מיר האסטו געפועלט, זאג איך, פוסין מושקין, מושקין פושקין — אבי, זאי איך, דער סימן איז א סימן״... און איך גיי און דערלאנג איר דעם לוח. נעמט זי דעם לוח און באטראכט דעם לוח פון אלע זייטן, און פרעגט מיך, וואס קאסט דער לוח? זאג איך איר וואס קאסט דער לוח. נעמט זי דעם לוח און באצאלט מיר פארן לוח, געזעגנט זיך אפּ מיט מיר און נאך מיט א שמייכל — א גוטן טאג הייסט עס. געפעלט אייך א פּריצטע? ניט קיין פּריצטע, נאר א גאלד! פאר איר מעגן שוין זיין די כפּרה נישט קיין דריי בירזשעוויקעס, נאר טאקע גאנ־צע דרייסיק! בין איך פּטור געווארן הייסט עס, פון א רעשטל, געבליבן אינגאנצן מיט איין לוח. מעג מען שוין גיין אהיים עסן וואַרעמעס, צי ניין?

אפּגעגעסן וואַרעמעס און אויסגערוט זיך אביסל, טארעט עס מיך ווידער אמאל. אמת טאקע געפּטרט דעם גרעסטן רעשטל, געבליבן אינ־גאנצן מיט איין לוח, נאר פונדעסטוועגן גלוסט זיך פון דעם איינעם אויך פּטור ווערן. ווארעם צו וואס טויג אן אלטער לוח, א פאַרשטראַטשעטער? מע באדארף פּטור ווערן פונעם לוח! נאר וויאזוי ווערט מען פּטור פון א לוח, אז דער גרעסטער מייל בירזשעוויקעס זיינען שוין אבעזפעטשעט מיט לוחות? ניין, מע באדארף זיך דורכגיין איבער דער שטאט נאכאמאל און נישט לאנג געטראכט, נעם איך דאס פעקל און לאז מיך גיין גלאט אזוי, וואַאבשטשע. און מחמת איך בין שוין געוווינט געווארן צו דער לאנדזשעראנאווסקי און צו דער קאטערינינסקי, טראגן מיך שוין די פיס אליין גלייך אהינצוצו, דארטן וווּ די בירזשעוויקעס רייבן פאדעשוועס — וווּהין דען זאל מען גיין? — טאמער וועט גאט פארט צושיקן עפּעס א פאקופּאטעל — אינגאנצן איין שטיקל לוח! און, ווי איך קוק מיך

אז, דריי איך מיך ארום הין און צוריק, ווי אַן אומרו, באַטראַכט די בירזשעוויקעס, ווי זיי לויפן דאָ ארום, ווי די פּאַרסמטע מייז, זוכן אַ קערבל צו פאַרדינען — יעדער זוכט אַ פּאַרדינסטל. דערוויַיל, אַזוי ווי איך דריי מיך דאָ, דערזען איך פון דערוויַיטן באַ פּאַנקאַניז, ווידער אַ גענעראַל און ווידער אין פּאַליעטן! טראַכט איך מיר: „אָט דאָס וועט זיַין שיין, אויב גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ פרישן גענעראַל, אַ פּאַקופּאַטעל אַפן לעצטן לוח!" און עס פליט מיר דורך אַ געדאַנק: ס'איז אפשר אַן עבירה וואָס איך האָב מער ניט אַז איין לוח, וואָרעם ווײַבאַלד אַז גענעראַלע וועלן אַנהייבן קויפן ייִדישע לוחות, קאַלענדאַרן הייסט עס, מעגן שוין דערמאָלט זיַין די כפּרה אַלע בירזשעוויקעס מיט דער גאַנצער בירזשע!

און אַזוי ווי איך טראַכט מיר אָט דאָס, איך גיב אַ קוק — כך הוה: ס'איז טאַקע מיַין גענעראַל! איך האָב אים, ווי איך קוקט מיך אַן, באַלד דערקענט! ער מיך האָט אָבער, אַפּנים, אויך דערקענט. פון וואַנען וויים איך עס? איך האָב געזען ווי ער האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף פונעם בענקל און אַ וויַיז מיטן פינגער גליַיך אַף מיר. שלעכט, וואָס טוט מען? מער גייט מיר ניט אַפּעט, נאָר האָבן צו טאָן מיט גענעראַלע! און איך האָב אַנגעהויבן, ווי איך קוקט מיך אַן, שטעלן פיס, אָבער טאַקע ווי עס געהער צו זיַין! איך האָב אויסגערעכנט פריִער, אַז מיט אַזאַ שטעלן פיס וועל איך אין צוויי מינוטן זיַין אַף דער דריטער גאַס. און כך הוה: ס'איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין האַלבע מינוט, הער איך עמעצער לויפט מיר נאָך פון הינטן און שריַיט צו מיר, איך זאָל שטיין בליַיבן. ווער זאָל דאָס זיַין? ניעוזשעלי ער אַליין, דער גענעראַל, הייסט עס? אַ בעלנות פון אַ גענעראַל! און זע נאָר, וואָס דאָ טוט זיך — אַ ייִד האָט פאַרקויפט אַ איבעריקן לוח לכל השנה — קערט זיך די וועלט! גענעראַלע לויפן אים נאָך! שלעכט, וואָס טוט מען? לאָזן זיך לויפן נאָך שטאַרקער — טאָמער טוט ער אַ פיַיף, און עס לויפן אַן גאָראָדאָוואָיעס. נאָך דאָס פעלט מיר — מע זאָל מיך אַרעסטירן! זאָל איך בליַיבן שטיין — טאָמער טוט ער מיך אַ כאַפּ מיטן צווייטן לוח — איך האָב אָפּגענאַרט די גענעראַלשע? אָמער, וועל איך זיך מאַכן ניט ווייסנדיק, גליַיך ווי נישט מיך מיינט מען, איך וועל מיר גיין, ווי איך בין געגאַנגען, דאָס הייסט, נישט געלאָפן, נישט געגאַנגען פּאַוואָליע, נאָר געשפּאַנט, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרנומען מיט זיַין זאַך. אַ

טאמער יאגט ער מיך אָן און פרעגט מיך, וואָס לויף איך? וועל איך אים זאָגן, אַז ס'איז בײַ מיר אַזאַ גאַנג. און כך הוה: ער האָט מיך טאַקע אָנגעיאָגט! איז דאָך שלעכט, איאָ? וועט איר הערן וואָס גאָט קאָן! אָנגעיאָגט — העלפט שוין נישט. שטעל איך מיך אָפּ, און טו אַ קוק — ווער מיר גענעראַל? וואָס מיר גענעראַל? אַ נעכטיקער טאָג! ס'איז גאָר אַ מענטש פון די מענטשן, וואָס דערלאַנגען קאַווע בײַ פּאַנ־קאָניִן צו די טישלעך. ער לויפט מיט אַ סערוועטל אונטערן אָרעם און ווישט זיך דעם שוויים פונעם פּנים. „טפו זאָלסטו ווערן! — מאַכט ער צו מיר נאָכדעם, ווי מיר ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. — וואָס האָסטו זיך צעלאָזט, זאָגט ער, ווי אַ ווילדע ציג? קום זאָגט ער, דער גענעראַל רופט דיך"... „וואָסער גענעראַל, זאָג איך, און פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דאָך רופט ער מיך?" „וואָס הייסט, זאָגט ער, פון וואַנען איז געדרונגען? וואָס בין איך, זאָגט ער, אַ טויבער? איך הער דאָך, ווי דער גענעראַל זאָגט: „אָן גייט ער דער ייִד מיט די ביכלעך, לויף און ברענג אים צו פירן!"... אויב אַזוי, טראַכט איך מיר, איז נאָך גאָרנישט אַזאַ־נ־אומגליק, דער מלאך־המות איז נאָך ווײַט. אַ ייִד איז אַ ייִד. מע קאָן דאָ נאָך עפּעס צוטראַכטן... און ווי אַ בליץ פליט מיר דורך אין קאָפּ גאָר אַ שפּאָגל־נײַער געדאַנק — אפשר וועט גאָט אַ נס טאָן, איך וועל דאָ פּטרן דאָס לעצטע שבלעצטע, דעם דריטן לוח הייסט עס? און נישט לאַנג געטראַכט, טו איך זיך, ווי איר קוקט מיך אָן, אַ פּאַטש אין שטערן און כלומרשט אַ שפּײַ־אויס און רוף מיך אָן צו אים: „אַט אַזוי־זשע רייד! וואָס האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט, זאָג איך, אַז דאָס איז דער גענעראַל פון די ביכלעך? אַ מאָד־נער גענעראַל! פון גאַנץ פרי אָן, זאָג איך, אַז ער דינגט בײַ מיר אָט דאָס ביכל. ער האָט מיר שוין, זאָג איך, דאָס וואָסער אויסגעקאָכט. עס קאָסט אַ קאָרב, און ער גיט מיר אַ האַלבן. איך האָב אים שוין גע־זאָגט, זאָג איך, פינף און זיבעציק, און זעכציק קאָפּיקעס, אַז עס זאָל דאָס האָבן! און ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, זאָג איך, אַ האַלבס און אַ האַלבס! ס'זאָל נישט זײַן, זאָג איך, דאָס לעצטע ביכל, שטראָף מיך גאָט אויב איך וואָלט אים אָפּגעלאָזט אפילו אַ האַלבע קאָפּיקע. נאָר אַזוי ווי, זאָג איך, ס'איז בײַ מיר דאָס לעצטע, זעסט

דאַך, זאָג איך, גיב אַהער אַ האַלבן קאַרב און נאָ גיב אים אָפּ דאָס ביכל...״

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער דער גענעראַל איז געווען? ווי אַזוי דער נאָמען זײַנער? ווייס איך עד היום נישט. נאָר פּאָלאָגאַיען פּאָלאָגאַיע איך מיר, אַז דאָס האָט באַדאַרפט זײַן נישט קיין אַנדערער נאָר טאָלמאַטשאָוו. וואָרום אַז נישט, פון וואַנען רען האָט זיך גענומען צו אים פּלוצעם אַזאַ רשעות מיט אַזאַ רציחה אָף ייִדן וואָאַבשטשע, און מער פון אַלעמען איז אויסגעגאָסן געוואָרן זײַן צאָר אָף אונדז, ראַזנאָשטשיקעס פון ייִדישע ביכלעך און גאַזעטן, וואָס מיר טאָרן נאָך עד היום נישט אַרויסבאַווײַזן זיך אָף דער גאָס מיט אַ ייִדיש ביכל אָדער אַ צײַטונג, און מע דאַרף זיך אַרומטראָגן מיט דעם אונטער דער פּאָלע, ווי מיט קאָנטרעבאַנדע, אָדער גנבהשע סחורה? מײַנע שונאים און אײַערע שונאים און אַלע ייִדישע שונאים זאָלן אַזוי האָבן די נאָז, ווי מע קאָן לעבן פון אַזאַ מין קאָנטרעבאַנדעווען מיט ייִדישע גאַזעטן! מוז מען צוהאַנדלען מיט „אינטערעסנע אַטקריטקעס״ פון פּאַריזש, אַפּענע און פאַרפּעטשאַטעוועטע אין קאָנווערטן — און דאָס איז בײַ מיר דער גלאַוונער אַרטיקל. גאַזעטן האַלט איך נאָר גלאַט אַזוי, וואָאַבשטשע, וואָרום דער אַרטיקל, אינטערעסנע אַטקריטקעס הייסט עס, גייט דאָ בעסער. דערויף איז פּאַראַן צווישן די בירזשעוויקעס אַ סך מער פּאָקופּאַטעלעס, ווי אָף ייִדישע גאַזעטן — אַך־אַך־אַך! איך ווייס, אַז ס׳איז פּאַסקודסטווע און אַז גאָט וועט שטראָפן... נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַ ייִד איז אַ ייִד און זוכט עפּעס פאַרדינען, קינדער ווילן עסן... מסתמא וועט גאָט מוחל זײַן. ער וועט מוזן מוחל זײַן. אַ ברירה האָט ער? עס גייט אַזאַ טאָג — הושענא רבה, ווי מיינט איר?... אָף זײַן קאָפּ זאָל עס פּאַלן. איך מיין טאַקע אונדזער טאָלמאַטשאָוון מיין איך, וואָרעם ווען נישט ער, ימח שמו וזכרו, וואָלט איך נאָך עד היום געהאַנדלט מיט סדורים און מחזורים און לוחות לכל השנה, פאַרשפּאָרט אַרומטראָגן זיך מיט אַזאַ פּאַסקודסטווע. אפשר זײַט איר אַ פּאָקופּאַטעל? האָב איך אַ פרישן טראַנספּאָרט, נאָר־וואָס פון פּאַריזש...

נעשריבן אין יאָר 1913

לאַטקעס של חנוכה

א באַשרײַבונג

א

אין דער שטאָט קאַפּעלישל, וואָס אין דער סביבה פון מאָזעפּעווקע, ניט ווײַט פון יעהופּעץ, וואָס רעכנט זיך צו פּאָליעסיע, גייט אַרום אַ טאָג פאַר חנוכה פון שטוב צו שטוב פאַנפאָלי דער שמש מיט אַ לאַנגן שטעקן און מיט אַ לאַנטערן און רופט צענויף די „גאַנצע שטאָט" צום ערשטן ליכטל אין „הויף" אַרײַן אף לאַטקעס. הייסן הייסט פאַנפאָלי, אייגנטלעך, ישׂראלי, נאָר רופן רופט מען אים „פאַנפאָלי" דערפאַר, וואָס ער פאָנפעט מחילה שטאַרק אונטער דער נאָז און זאָגט:

— מע האָט אײַך הענאָזט בעטן אין „הויף" אנײַן צום ענשטן נעכטל אף נאַטקעס של חנוכה!

און נאָר אין דער שטאָט קאַפּעלישל, ווו אַ מינדסט קינד קען פאַנ־פאָלי דעם שמש, קאָן מען זיך שטויסן, אַז דאָס הייסט:

— מע האָט אײַך געלאָזט בעטן אין „הויף" אַרײַן צום ערשטן ליכטל אף לאַטקעס של חנוכה.

דער נאָמען „לאַטקעס של חנוכה" געהערט טאַקע צו פאַנפאָלין; דאָס האָט ער אַליין טאַקע צוגעזעצט די צוויי ווערטער „של חנוכה", וואָס ער זאָגט זיי פון יאָר צו יאָר מיטן זעלבן ניגון, וואָס מע בענטשט חנוכה־ליכטלעך, און דאָס אינאיינעם מיט זײַן פאַנפעוואַטע לשון, אַז ער זינגט נאָך אַביסל צו, האָט דאָס טאַקע דעם זיבעטן חן. די שטאָט קאַ־פּעלישל ווערט דערפון נישט נתפּעל. די שטאָט קאַפּעלישל איז שוין דער־צו געוווינט, וואָרעם אַזוי איז געווען פאַר־אַ־יאָרן, אין דער צײַט, אַזוי

איז געווען פאַר צוויי יאָרן, פאַר דריי יאָרן און אַלע יאָרן חנוכה. און אַזוי וועט מסתמא זײַן, אם ירצה השם, אויך איבער אַ יאָר און איבער צוויי יאָר און איבער דריי יאָר און אַלע יאָר, כל זמן דער „הויף" וועט זײַן „הויף", די נגידים וועלן זײַן נגידים און די שטאָט קאַ־פּעלישל וועט באַשטיין פון קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, דליתים און כתריליקעס וכדומה נאָך אַזעלכע מינים אָרעמע לײַט, וואָס האָבן דאַרט יתרוס נעמען און וואָס דרייען זיך כמעט אַלע אַרום „הויף" און וואָס ציִען כמעט אַלע פונעם „הויף" זייער פּרנסה, משטיינס געזאָגט... סײַדן טאָמער חלילה דרייט זיך איבער דאָס רעדל, און די נגידים ווערן אויס נגידים, און די קבצנים ווערן אויס קבצנים. נאָר דאָס איז אַ זאַך, וואָס סע קאָן ניט זײַן: מסתמא וועט זיך דאָס רעדל מיט נאָטס הילף אַזוי גיך ניט איבערדרייען; די נגידים וועלן, אם ירצה השם, בלײַבן נגידים, און די קבצנים וועלן בלײַבן קבצנים, ועולם כמנהגו נוהג — אַזוי איז דער מנהג פון דער וועלט, אַז געלט גייט צו געלט, און צום שלימזל — שלימזל.

צו די דאָזיקע „לאַטקעס של חנוכה" גרייטן זיך אַלע: אי דער „הויף", אי „די שטאָט" דאָס הייסט — אַלע באַיאַנער חסידים. דער „הויף", קוילעט גענדז, פּרעגלט שמאַלץ, קויפט מעל און הייוון און רעשטשינעט לאַטקעס, און „די שטאָט", דאָס הייסט די באַיאַנער חסידים, ריכטן זיך שוין לאַנג אויף דער סעודה, וואָס מע גרייט זיך אין „הויף". קיינער טאָר ניט פאַרעבענדעווען אין דער היים מיטן עסן, געפינען אַ חסרון אויפן וואַרמעס, פּרעגן, צי ס'איז דאָ וועטשערע:

— מאָרגן, אם ירצה השם, אין „הויף" וועט מען דיר פאַרבעסערן.

אַזוי זאָגן די ווײַבער צו זייערע מאַנען און זײַנען זיי מקנא, וואָס זיי זײַנען מאַנצבילן, זײַנען גרייט זיך בײַטן מיט זיי, נישט נאָר אויף חנוכה — אפילו אויף נאָך חנוכה און אויף נאָך פּורים, און אפילו אויף שטענדיק.

מער פון אַלע איז ערב חנוכה פאַרטאַרעראַמט, געוויינטלעך, די נגי־דית הצנועה מרת ראַציל שתחיה. אייגנטלעך, איז הצנועה מרת ראַציל שתחיה אַלע מאָל פאַרטאַרעראַמט אין קיך און אין קאַמער און אין די ספּיזשאַרנעס, האָט פּײַנט זיצן צענויפגעלייגט די הענט און קאָן ניט לײַדן, אַז יענער גייט אַרום אָן אַ אַרבעט. די אַלע, וואָס דרייען זיך אַרום „הויף", ווייסן שוין פריִער, אַז ווען מען זאָל ניט אַרײַנקומען צו איר אין

שטוב אריין, וועט זי געפינען פון איטלעכנס וועגן עפעס אן ארבעט: פאלגן א גאנג אין מארק אריין, א שפרונג טאן אף איין פוס אין דער אפטייק, העלפן איבערהענגען דעם זייגער פון איין וואנט אף דער אנדערער, צורעכט מאכן דאס פיסל פונעם טיש, פארקלעפן די פענצטער אפן ווינטער, מאכן א קריזשיק צו דער דייזשע אוגערקעס — קארג זאכן געפינען זיך אין בעל־הבתישקייט? האט קיין יסורים ניט, הצנועה מרת ראציל שתחיה פארשטייט וועמען וואס פאר אן ארבעט עס פאסט. זי וועט ניט פארלאנגען, למשל, פון אלטער גארגל, ער זאל ארויפקלעטערן אפן בוידעם אכטונג געבן, צי דער פיטשניק האט גוט פארשמירט די לעזשנים; אדער פון שואליק טראסק, ער זאל זיך מטריח זיין אונטערן אויוון א קוק טאן, צי די עופות ליגן זיך, צי גיין?... דערפאר אבער לאז אריינקומען צו איר א בחורל טאקע פון דער משפחה, ער קאן זיך זיין א חתן, פונדעסטוועגן מעג אים אנשטיין, נישקשה, זיך צוזעצן אף א ווײַלע, צענעמען די הענט און העלפן דער מומע ראצלען אפוויקלען א פאסמע באוועלעד. און ווער שמועסט, אז סע קומט אריין אזעלכער, וואס קען אין די קליינע אותיות, איז ער ניט קלײַן איבערלייענען איר אלע סיגנאטורקעס, וואס די דאקטוירים האבן איר אמאל פארשריבן. מיט איינעם וואַרט: איטלעכער מענטש איז מחויב, יענער זאל פון אים האבן עפעס א נוץ.

מער פון אלעמען קומען איר צונויף די מלמדים וואס אין „הויף". מיט זיי טוט הצנועה מרת ראצל שתחיה כל עבודת־פרך — פון דער פאמעניצע ארויסגיסן ביזי די עופות אפטראגן צום שוחט. און אפילו די קאץ פארבינדן אין א זאק און פארטראגן הינטער דער שטאט, זי זאל מכות קומען צוריק — דאס מעג טאן נישט נאר דער דרדקי, אפילו דער גמרא־מלמד.

ב

די אלע אויסגערעכנטע פארשוינען דרייען זיך ארום אין „הויף" און באדינען די נגידים אדער מחמת געטריישאפט, אדער מחמת נויט. צווישן זיי איז פאראן דארטן איינער א פארשוין, וואס שפילט אין „הויף" די ראל פון א ראש וראשון און פון א כל־ולד, און דערפאר טאקע רופט מען אים אין קאפעלישל „נתי כל־ולד". וואס אייגנטלעך איז די עובדה

זײַנע אין „הויף״? — דאָס לאָזט זיך ניט זאָגן. ער איז אַ טוער, אַ מאַ־כער, אַ טענצער, אַ יועץ, אַ סאַרוועער, אַ הערט־ער, אַ זאָגט ער — בקיצור, אַ „כל־ולד״ און געגוג! ווײַל דער „הויף״ עפּעס דורכפירן אין שטאָט, שיקט מען רופן נתין און מע הייסט אים, ער זאָל אַזוי און אַזוי... דאַרף די שטאָט עפּעס דורכפירן אין „הויף״, קומט מען צו נתין און מע זאָגט אים דאָס און דאָס... צי פועלט דער „הויף״ באַ דער שטאָט אַלצדינג, וואָס ער וויל — דאָס איז קיין ספק ניט, וואָרעם פון וואַנען לעבט דען די שטאָט, אַז ניט פונעם „הויף״? נאָר צי פועלט די שטאָט באַם „הויף״ — דאָס וועל איך אײַך ניט זאָגן. האַלב פועלט די שטאָט אַלע מאָל, וואָ־רעם דער „הויף״ האָט פון תמיד אָן איין תירוץ: „לאָז די שטאָט געבן די העלפט, וועלן מיר געבן די אַנדערע העלפט״... אי פּײַן, אי קלוג, אי לײַטיש, אי נישטאָ צו וואָס צו טשעפּען זיך...

— וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? — מאַכט נאָכדעם נתי כל־ולד צו דער שטאָט מיט אַ צוקער־זיס שמייכעלע און מיט אַ מאָדנעם ניגון און בייגט זיך אײַן בשעת מעשה אין דרײַען: — אדרבה, גיט מיר די העלפט, וועלן זיי געבן די אַנדערע העלפט, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף...

די שטאָט ווייס גאַנץ גוט, אַז ס׳איז שקר וכזב, און נתי אַליין ווייס אויך, אַז די שטאָט ווייס, אַז ס׳איז שקר וכזב, נאָר נתי טוט דאָס דערפאַר, ווײַל ער איז אַ נכנע דעם „הויף״, אַן עבד כנעני, איבערגעגעבן ממש מיט לײַב און לעבן און מיט אַן אמת, וואָרעם זינט נתי כל־ולד איז אַ „כל־ולד״ אין „הויף״, געדענקט נישט קיינער, און ער אַליין אויך נישט, אַז ער זאָל זיך מאַכן אַן אייגענע קאַפּאָטע, אָדער אַ פּאַליטאָ, אָדער אַפילו, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ פּאָר הויזן — אַלצדינג פונעם „הויף״, אַלצדינג פונעם „הויף״. און דער „הויף״ ווייס, אַז נתי כל־ולד איז זיי געטרײַ, ווי אַ געטרײַער הונט, איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן. דער „הויף״ ווייס, אַז נתי וועט נישט דערלאָזן, עמעצער זאָל עפּעס הנאה האָ־בן פונעם „הויף״ מער וויפל מע באַדאַרף... די נגידים אין דער שטאָט קאַפּעלישל הייסן „די שטיינער״, און נתי — „דער שומר פון די שטיי־נער״, און מע האָט אים פײַנט און מע איז אים דם־שונאים, דערפאַר, וואָס ער היט די „שטיינער״, ליגט ווי אַ הונט אַף אַ וואָגן היי, און מע האָט פאָר אים דרך־ארץ, דערפאַר, וואָס ער איז אַ חשוב באַ „די שטיי־נער״, כל־ולד אין „הויף״.

ג

נתי כל־ולך איז א מענטש אן אינעווייניקסטער, ווייס אַלצדינג, וואָס אינעווייניק טוט זיך, האָרכט אַלצדינג, וואָס די נגידים ריידן צווישן זיך איינס אַף דאָס אַנדערע, ווערט געוווּיער פריִער פון אַלעמען פון די אינטריגעס, וואָס קומען דאָרטן פאָר, לייגט־צו אַן אויער ווו מע באַדאַרף און קאָן האַלטן מויל. פאַר נתין שעמט מען זיך ניט און מע קאָן ריידן וואָס מע וויל.

נתי כל־ולך איז א מענטש אַן אויסווייניקסטער, ווייס וואָס אין שטאָט טוט זיך, האָרכט זיך צו וואָס מע רעדט, טראָגט ארויס פון „הויף" אין דער שטאָט אַריִין אַלצדינג, וואָס סע פּאַסט, די שטאָט זאָל עס ווייסן, דערציילט כלומרשט אַזוי זיך, פאַרבײַגייענדיק, כמסיח לפי תומו, די גרויסקייט פונעם „הויף", דאָס עשירות פון „די שטיינער", זייערע צדקות, וואָס זיי צעטיילן, מיט זייערע אַלע מעשים טובים.

נתי כל־ולך, מחמת ער איז א מענטש אי אַן אינעווייניקסטער, אי אַן אויסווייניקסטער, ווייס ער אַלצדינג, וואָס אין שטאָט טוט זיך, ווו א נײַס און ווו א פּאַטשט, טראָגט אַפּ אין „הויף" אַריִין אַלע פּליאַטקעס מיט אַלע רכילותן, קומט צו גיין אַלע מאָל מיט גאַנצע פּעק נײַס, פרעמדע און אייגענע, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן, און דאָס האָט ליב דער „הויף".

— נתי, דערצייל וואָס הערט זיך עפּעס נײַס?

און נתי דערציילט, און דער „הויף" הערט זיך אײַן און לאַכט און קוועלט און לעקט די פינגער.

נתי כל־ולך ווייס ווו אײַן און ווו אויס. אַז עס גייט אים אויס שטאָף, טראַכט ער אויס א נעכטיקן טאָג, פירט צענויף א וואַנט מיט א וואַנט, מאַכט אַן מחלוקת צווישן „הויף" און צווישן דער שטאָט, פאַרפּלאָנטערט אַן אינטריגע, וואָס דערגייט צו זידלערײַען, צו מסירות און צו פּעשט, און ער אַליין טאַקע ווערט נאָכדעם דער מתווך, גיט צו פאַרשטיין דער שטאָט, ווי אַן עכטער דיפּלאָמאַט, אַז מע באַדאַרף זיך מיטן „הויף" ניט קריגן. פאַרט א „הויף", וואָס פון אים לעבן, קיין עין הרע, אַזוי פיל ייִדן... און נתי געפינט א פשרה, מאַכט א שלום, ביז דעם נײַעם קריג.

נתי כל־ולך האָט צו שאַפן אין „הויף" איבער אַלצדינג: איבער די מלמדים, איבער די פערד און וועגעלעך און איבער די דינסטן. ער טראָגט

אפֿן קאָפּ אַלצדינג: די מצה שמורה, דאָס גרינס אױף שבֿועות מיטן סכך צו דער סוכּה, די כּפּרות מיט די הושענות מיטן אתרוג — אומעטום, אין יעדן אָרט, צו יעדער צײַט איז נאָר נתי און נאָר נתי.

— וווּ איז נתי? למאי זעט מען ניט נתין? גייט צו נתין!

און נתי, אַ ייִדל מיט גרויסע באַנקעוואַטע אויגן, מיט אַ געקרײַזלט קעפּעלע, ווי באַ אַ שעפּעלע, און מיט אַ גלאַט פּנים וואָס סע וויל ניט וואַקסן אױף דעם קיין באָרד, אַחוץ צוויי־דרײַ רויטע פּעדעמלעך, איז תּמיד פֿאַרטאַרעראַמט, האָט שטענדיק קיין צײַט ניט, לויפֿט אַרום, ווי אַ פֿאַר־סמטע מויז, שוויצט און אַרבעט געשמאַק, דינט געטרײַ, טוט אַלצדינג ערנסט, מיט כּוונה — „לשמה״.

ד

נתים גרויסקייט מיט נתים גבֿורות מיט נתים בריהשאַפֿט זעט מען אַרויס ערשט דעמאָלט, ווען אין „הויף״ איז עפּעס אַ שׂמחה, אַ חתונה, אַ ברית, אַ קנס־מאָל, אַ פּדיון־הבן, אַ בר־מצווה, אַ סעודה, אַ קערמעשל און גלאַט אַ יום־טובֿ. דעמאָלט פֿאַרשטעקט נתי די פּאָלעס, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל ביז די עלנבויגנס, מאַכט מיט די הענט און קאָמאַנדעוועט.

מיינט ניט, אַז קאָמאַנדעווען, שאַפֿן זיך מיט יענעם איז אַ קלייני־קייט. קאָמאַנדעווען דאַרף מען קאָנען, קאָמאַנדעווען הייסט — אַליין נישט טאָן גאָרניט, פֿון דאַנען אַהין, פֿאַרלאָזן זיך אױף יענעם, נאָר די גאַנ־צע וועלט באַדאַרף זען, אַז סע טוט זיך און סע אַרבעט זיך און סע קאָכט זיך. אַנקוקן נתין ערבֿ פּסח בשעת אַרײַנפֿירן די מצה שמורה אין „הויף״ אַרײַן — מעג מען גיין אױף חידושים. אײַנגעבויגן אין דרײַען, לויפֿט ער אַרום הין און צוריק, מאַכט מיט די הענט און שרײַט אױף עטלעכע לשונות מיט אַ מאָל:

— פּאַוואָליע, רב יענקל! סטעראָזשנע, מיקיטאַ! היט זיך מנשה! זרוקאַמי חלילה!

ערבֿ שבֿועות, אַז ער באַדאַרף פֿאַרזאָרגן דעם גאַנצן „הויף״ מיט גרינס, שילט ער די גויִם אױף וואָס די וועלט שטייט:

— וואָזמי טאַבי טשאָרט, אָדער כאָלערא נאַ טוואָיו האַלאָווע!

און ערבֿ יום־כּיפּור, בשעת קוילען די כּפּרות, קוילעט ער זיך מיט די שוחטים:

— איך פרעג אײַך, זאָגט מיר, אדרבה, ווער איז בילכער: דער „הויף", צי די שטאָט? ניין, איך מיין טאַקע באמת, אדרבה!

און ערב סוכות, בשעת בויען און דעקן און אויסהענגען די סוכה, —דעמאָלט טרעט ער ניט אָפּ פון דער אַרבעט אַף קיין מינוט, טרײַבט איטלעכן באַזונדער אין האַלדז און נאַקן:

— גיכער! שווידקאָ! רירט זיך! ניט אַזוי! מיקיטאַ! נישקאָם־טישקאָם! אָט אַזוי! בנציון! העכער! לײמענער גולם!

און אויך חנוכה צום ערשטן ליכטל איז נתי כל־ולד פול מיט אַר־בעט, ווי להבדיל, אַ פעלדמאַרשאַל, בשעת ער באַדאַרף אַרויסטרעטן מיטן חיל אין דער מילחמה. אַ קלייניקייט — מע האָט צענויפגערופן אַ שטאָט מיט ייִדן, באַיאַנער חסידים, צענויפגעטריבן, קיין עין הרע, אַזוי פיל אָרעמע לײַט, און ער, איין מענטש אַליין, באַדאַרף פאַרזאָרגן אַלעמען מיט ערטער, מיט טעלער, מיט גאָפּלען און מיט מעסערס. אמת, ער האָט געגוג העלפּערס: אַלע דינסטן, מיט אַלע משרתים, די ייִדישע און די גויעשע, מיט אַלע מלמדים פונעם „הויף", מיט גלאַט ייִדן און ווײַבער, וואָס דרייען זיך אין „הויף" און אַרום „הויף", לעקן און שמעקן, כאַפּן אַ מאָל אַ פאַרדינסטל, אַ מאָל אַ גמילות־חסד און אַ מאָל גלאַט, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ נדבה, אַן אַלט מלבושל, אַ ביסל מעל אַף שבת, שמאַלץ אַף יום־טוב אָדער אײַנגעמאַכטס אַף אַ רפואה. פון די דאָזיקע פאַרשוינען האָט נתי אַ גאַנצע אַרמיע העלפּערס, וואָס קריכן אין דער ערד אַרײַן, זײַנען זיך מחיה, וואָס זיי קומען אויך אַמאָל צונוץ. די דאָזיקע אַרמיע אַרבעט געטרײַ, וואָרעם זי איז הונגעריק, און נתי דער פעלדמאַרשאַל, אונטערגעשטעקט די קאַפּאָטע און פאַרקאַטשעט אַרבל, קאָמאַנדעוועט אַף אַ קול:

— רב אברהם־זלמן, אַהערצוצו! אַ טעלער אַף צווייען! פעסל, די זאַלץ! לחיים, רב חיים! מיקיטאַ, וואָזמי טאַבי טשאַרט! רב פייסי, רב פייסי, נעם *) אַביסל, מהכתיתי! מיט די ידים, רב זרח! אויסגעגאַנגען גאָפּלען! רב שעפּסל, רב שעפּסל, אָנו נעם קאַרשט אַ שנעפּסל! רינסטן! סאַרווערס! נאָך לאַטקעס!

און דער עולם, באַיאַנער חסידים, צום מיינסטן אָרעמע לײַט, קבצ־נים, דלפנים, עניים ואביונים, דליתים און כתריליקעס, האָבן זיך צונע־

*) די באַיאַנער חסידים צווישן זיך אירצן זיך ניט, זאָגן איינס דעם אַנדערן „דו".

כאפּט צו די „לאַטקעס של חנוכה״, עסן גאַנץ געשמאַק, טונקען די הייסע מחיהדיקע לאַטקעס אין דער פרישער שמעקנדיקער שמאַלץ, און דער ריח צעגייט זיך אין אַלע אברים, און דער טעם איז טעם גן־עדן, און דער בראַנפן איז שטאַרקער בראַנפן, פאַרכאַפּט באַם הארצן, עס שטעלן זיך אַזש טרערן אין די אויגן, און נתי כל־וולד, דער פעלדמאַר־שאַל, קאַמאַנדעוועט:

— טרינקט, יידן, לחיים און פאַרבייַסט מיט הייסע לאַטקעס של חנוכה!

ח

און דאָרטן, אויבנאָן, זיצט דער „הויף״, דער גאַנצער „הויף״, און קלייַבט נחת. אַלע ברידער, די „שטיינער״, מיט אַלע שוואָגערס, אַלע זייערע זין מיט אַלע איידעמס, קיין עין־הרע, איינס און איינס, אַלע שיינע יידן, אַלע באַיאָנער חסידים, אַלע אָנגעטאָן יום־טובדיק, אין זייַדענע קאַפּאָטקעלעך, קיילעכיקע יאַרמעלקעלעך, אויסגעפּוצטע שטי־וועלעך; און די ווייַבער, די יפת־תוארס — באַזונדער, געוויינטלעך, אַרום אַ טיש, אַלע אייַנגעטונקען אין סאַמעט און אין זייַד, אַלע באַ־האַנגען מיט גאָלד, מיט פּערל, מיט דימענטן און בריליאַנטן.

— נתי, וווּ ביסטו ערגעץ אין אַל־די גוטע יאָר? נתי, קום נאָר אַהער, נתי!

קומט צו־לויפן נתי, אייַנגעבויגן אין דריַיען.

— הא? וואָס? וואָס איז?

— וואָס זיצט עפּעס דער עולם אַזוי דאַסיק? זע נאָר, סע זאָל ווערן אַ ביסל דאַסיקער!...

און נתי, וואָס פאַרשטייט אַלע מאָל אָפּן ווונק, שטויסט זיך און וואָס מע מיינט, וואָס דער „הויף״ פאַרלאַנגט, און טוט זיך אַ לאָז מיט אין עולם אַרייַן, און רוימט אייַן אַ סוד אין אויער וועמען מע באַדאַרף, — דערויף האָט שוין נתי זייַנע לייַט: די שוחטים, מיט די רבנים, מיט די מלמדים, מיט די איבעריקע טענצערס, וואָס טאַנצן אַרום „הויף״; למשל, אַ מין ירחמיאל קאַלעקטאָר, אפרים כאַיאַל, הערשקע פּייַפער, אַלטער גאַרגל, שואליק טראַסק, וכדומה נאָך אַזעלכע לייַט, וואָס זייַנען געבעטן געווען אַלע מאָל, צו יעדער צייַט, אַפילו אין מיטן האַלבע נאַכט,

צוליב פרנסה, זיך נעמען מיטן גראבן פינגער פארן גארגל, זינגען דעם אמתן באיאנער ניגון און פריילעך מאכן דעם „הויף" לכבוד די געסט און לכבוד יום־טוב און לכבוד די „לאטקעס של חנוכה".

אויך דער גאנצער איבעריקער עולם באיאנער חסידים העלפט כלומרשט זינגען, נאר בשעת מעשה ליגט זיי גאר דער קאפ ערגעץ ווייס איך ווו, אינדערהיים, בא די אנגעברוגזטע ווייבער, אז אך און ווי איז צו זייערע יארן, און בא די הונגעריקע קינדער נעבעך, וואס קערן שוין ליגן מיט לײדיקע מאגנס אף זייערע געלעגערס און עס חלומען זיך זיי מסתמא בעטלערס... אוי־וויי עס הייבט זיי גאר נישט אן צו נעמען קיין געזאנג אצינד, נאר זיי מוזן, זיי מוזן אונטערשטופן די קארעטע, ווארעם נתי כל־ולד טרייבט זיי אונטער, ער פליעסקעט מיט די הענט, העצקעט זיך און טענצלט זיך און שרייט:

— פריילעך, ייִדן, שטארקער!

און בשעת מעשה דערלאנגט ער זיינע אריוטאנטן, די שוחטים מיט די מלמדים מיט די מקבלים, דעם א רוק אין זייט אריין, דעם א סטופאק אין האלדז אריין, אזוי לאנג, ביז מע נעמט זיך פאר די הענט, מע מאכט א גרויסע ראד און מע גייט א ריקודל, מע נעמט אריין אויך די נגידים, די „שטיינער", אין קאן אריין, מע טופעט און מע העפעט און מע פליעסקעט מיט די הענט, און אין מיטן דער ראד שפרינגט עפעס איינער א נפש אוןווארפט זיך מיט הענט און מיט פיס, מע זעט נאר פיס פליען אין דער לופטן, פיס אן א שיעור פיס, און צוויי הענט טעלעבענדן זיך אין דער הייך מיט ווייסע ארבל, און א געקרייזלט קעפעלע, ווי בא א שעפעלע, שעמערירט אין די אויגן, און א קול הערט זיך פונעם דאזיקן נפש — שוין הייזעריק אזש:

— פריילעך, ייִדן, שטארקער!

מע זינגט און מע פליעסקעט, מע טופעט און מע העפעט אזוי לאנג, ביז מע מידט זיך אײַן, און מע נעמט נאך א מאל צו ביסלעך משקה, און מע טרינקט לחיים צו די נגידים, צו די „שטיינער", מע ווינטשעוועט זיי אל־דאס־גוטס מיט פיל נחת מיט א סך עשירות, און מע פאטשט זיך אין די פלייצעס, און מע זאגט זיך איינס דאס אנדערע שטעכווערט־לעך, און מע לאכט, מען איז כלומרשט פריילעך, אויפגעלייגט, יום־טוב־

דיק, גלײַך ווי עס גייט זיי גאָרנישט אָפּ, גלײַך ווי ס'איז זיי גוט ווי די וועלט...

און דאָרטן, אויבן־אָן, זיצט דער „הויף", דער גאַנצער „הויף", און קלײַבט נחת — אַלע ברידער, די „שטיינער", מיט אַלע שוואָגערס, מיט אַלע זייערע זין און מיט אַלע איידעמס, קיין עין־הרע, איינס און איינס, אַלע שיינע ייִדן, אַלע באַיאַנער חסידים, אַלע אָנגעטאָן יום־טוב־דיק, אין זײַדענע קאַפּאָטקעלעך, קײַלעכיקע יאַרמלקעלעך, אויסגעפּוצ־טע שטיוועלעך; און די ווײַבער, די יפת־תוארס, — באַזונדער, געוויינט־לעך, אַרום אַ טיש, אַלע אײַנגעטונקען אין סאַמעט און אין זײַד, אַלע באַהאָנגען מיט גאָלד, מיט פּערל, מיט דימענטן און בריליאַנטן.

שפּעט אין דער נאַכט געזעגנט זיך אָפּ די שטאָט מיטן „הויף".

— אַ גוטע נאַכט, און אַ גוטן יום־טוב, און אַ גוטן תּמיד, און זײַט געזונט, און דערלעבט איבער אַ יאָר מיט אײַערע ווײַב און קינדער, און איר זאָלט זײַן רײַכער, און איר זאָלט האָבן פיל נחת, און מיר זאָלן אַלע מאָל גיין צו אײַך אויף שמחות!

און דער „הויף" זיצט און הערט־אויס די ווינטשעוואַניעס גאַנץ קאַלטבלוטיק, און ענטפערט איינעם איבערן צווייטן:

— גם אתם! גם אתם!

און די שטאָט שטופּט זיך צום „הויף", הערט נישט אויף צו ווינטשע־ווען אַלע אויף איין שניט, אַלע מיט איין נשמה, און קיינעם פאַלט ניט אײַן אויף דער מחשבה, ער זאָל איבערבײַטן די ווינטשעוואַניע אַט אַזוי, למשל:

— אַ גוטע נאַכט, און אַ גוטן יום־טוב, און אַ גוטן תּמיד, און לאָמיר אויך זײַן געזונט, און לאָמיר אויך דערלעבן איבער אַ יאָר מיט אונדזערע ווײַב און קינדער, און לאָמיר זײַן רײַכער פון אײַך, און לאָמיר אויך האָבן נחת, און גייט איר צו אונדז אויף שמחות!...

ד

דער זייגער האָט שוין לאַנג אויסגעשלאָגן האַלבע נאַכט, און דער „הויף" ליגט שוין לאַנג און שלאָפט מיטן זיסן שלאָף, און דאָרט, אינדרויסן, אויפן באַרג פון דער שטאָט קאַפּעלישעל, שלעפּן זיך נאָך עטלעכע ייִדן, באַיאַנער חסידים, מיט צעריסענע טולופּלעך, וואָס גייען

פונעם „הויף", פון די „לאטקעס של חנוכה". דער טיף־אויסגעפאלענער קלאר־ווייסער שניי סקריפעט אונטער זייערע פיס און די זילבער־ווייסע לבנה באלייכט די פארפינצטערטע פנימער פון די ארעמע יידן, וואס גייען אנגעבויגן, און דעם ראזיקן קלאר־ווייסן שניי, וואס גלאנצט אין די אויגן ווי דימענטן, פינקלט ווי בריליאנטן.

„וואס וואלט, אשטייגער, געארט דעם רבונו־של־עולם, — אזוי טראכטן זיך די דאזיקע ארעמע יידן — ווען, למשל, די דאזיקע שנייע־לעך זאלן טאקע זיין אמתע דימענטן און אמתע בריליאנטן? מע בייגט זיך אן און מע נעמט אן פולע זשמעניעס און מע שטופט אן אלע קעשענעס און מע קומט אהיים און מע זאגט צום ווייב: „נאדיר, אסתר, טו מיט דעם, ווי דו פארשטייסט. ווילסטו — מאך דיר דערפון צירונג, ווילסטו — מאך דיר דערפון געלט, ווילסטו — מאך דער דערפון ביידע זאכן, אבי לאז מיך צורו, איך זאל פארשפארן אנקומען צום „הויף" און צו די „שטיינער", און צו נתי כל־ולד, און צו זייערע לאטקעס, ווי מיר זאגן אלע טאג אינעם בענטשן: „ואל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם"...

פלוצעם הערט זיך א קול אין דער שטילשווייגעניש פון דער נאכט:

— ס'זאל א רוח אין זיין טאטנס טאטנס טאטן אריינגעפלויגן ווערן ביז אדם הראשונען!

דאס קול איז אזוי פלוצעם־אומגעריכט, אז אלע יידן, וואס זיינען ביז אהער געווען פארטיפט אין גילדענע מחשבות, חלומט אף דער וואר, טוען זיך א ווארף, קוקן זיך ארום:

— ווער איז? ווער שילטסטו דאס אזוי געשמאק?

— ווער איך שילט? אט דעם שייגעץ, דעם כלב שבכלבים, ימח שמו וזכרו! ער איז ערגער פון זיי! ער איז מער שטיין פון די „שטיינער"!

—וואס האסטו צו אים? נתי איז דער איינענער קבצן וואס דו!

— א קבצן איז נתי? אף מיר געזאגט געווארן כאטש האלב ביז איבער א יאר אין דער צייט.

— קיין גרעסערע השגה האסטו גאר נישט?

— דערווייל לאז מיר גאט העלפן דאס, און נאכדעם וועלן מיר שוין זען.

— אמן, לאָז דיר גאָט העלפֿן, ווי דו ווינטשסט זיך אַליין.

— אמן, גם אתם!...

— און עס ווערט ווידער שטיל, און די אָרעמע ייִדן, די באַיאַנער חסידים, מיט די צעריסענע טולופּלעך, טיאַפּקען מיט די פֿיס איבערן טיף־אויסגעפּאַלענעם קלאָר־ווײַסן שניי; און די זילבער־ווײַסע לבנה באַלײַכט זייערע פֿינצטערע פּנימער און דעם דאָזיקן קלאָר־ווײַסן שניי, וואָס גלאַנצט אין די אויגן אַזוי ווי דימענטן, פּינקלט ווי בריליאַנטן. און די אָרעמע ייִדן פֿאַרטיפֿן זיך ווידער אין זייערע גילדענע מחשבות, חלומות אויף דער וואָר, נאַרן זיך איַן אין די צעריסענע טולופּלעך און לויפֿן־לויפֿן אהיים.

געשריבן אין יאָר 1903

קאָנקורענטן

א ראמאן לכבוד פורים

א.

דעם גאנצן טאג פורים האט מנשה דער בחור מיט די גרויסע שטיוול געקנאטן די מאזעפעווקער ליימענע בלאטע, און פיגיע דער אלמנהס האט געטיאפקעט מיט די קרומע פיס.

זיי האבן געטראגן שלח־מנות.

מנשה דער בחור האט געהאט פורים אין מאזעפעווקע די „גרעסטע פראקטיקע".

ער האט געהאט א פאר היפשע פיס, וואס האבן געקאנט ארבעטן.

ער האט געהאט א פאר היפשע הענט, וואס האבן געקאנט טראגן טעלעכע בעקנס שלח־מנות מיטאמאל.

ער האט געהאט דערצו א געזונטן קאפ אף צו גערענקען, וואהין מע דארף גיין פריער, און וואהין — שפעטער, וואהין מע דארף טראגן דעם שלח־מנות און וואהין — יענעם שלח־מנות.

היינט די שטאט אליין באדארף מען קענען — ס'איז אויך נישט קיין קלייניקייט.

און וואס וועט איר זאגן מכח „פארבייטן די יוצרות"?

וואס פאר א פנים וועט איר, אשטייגער, האבן, אז איר וועט רבקהס שלח־מנות, וואס איר דארפט אפטראגן צו לאהן, אוועקטראגן צוריק צו רבקהן, אדער פארקערט?

איר מיינט, ס'האט זיך נישט געטראפן אזא מעשה בא אונדז אין מאזעפעווקע?

עס האט זיך געטראפן. און ס'איז דערפון ארויס א מחלוקת, מיט פעטש, מיט מסירות אין דער גובערניע, מיט א רעוויזאר, מיט א סליעדאָ־וואטעל, מיט פאלשע עדות, מיט דריטהאלבן יאר טורמע — א מיאוסע, זייער א מיאוסע מעשה!

אלע יידישע מעשיות, אלע אומגליקן באַ אונדז הייבן זיך אן פון א קליייניקייט.

דערפון, וואס מאטל דער ווייַנער האט נישט געגעבן דוד־לייבן קיין עליה שבת־בראשית, האט דוד־לייב אים געמסרט, אז ער רויכערט בראנפן בשתיקה — האט מען אים מיט נאך צוויי יידן פארשיקט קיין סיביר.

דערפון, וואס מע האט געקליבן א ראבינער אין א שטעטל, האט איין ייד געמסרט דעם אנדערן, אז ער האט צונעשטעלט א פאלשע לגאטע צום פריזיוו...

וואס דארפט איר מער? נעמט די מגילה אליין! דערפון, וואס מרדכי האט נישט געוואלט קנַיען און בוקן זיך צו המנען, איז ארויס פונעם קעניג אחשורוש אז „אוקאז", און מע האט שיער נישט אויסגעקוילעט אלע יידן.

א גליק, וואס דער קעניג אחשורוש האט געהייסן, מע זאל אים אריַינ־פירן ושתין א נאקעטע (אזוי האט אונדז דער רבי געטיַיטשט), און א גליק, וואס ושתי האט נישט געוואלט אריַינקומען, איז באַ איר אויסגעוואקסן א הארן אפן שטערן (אזוי האט אונדז דער רבי געטיַיטשט), און א גליק, וואס מע האט געזוכט דעם קעניג אחשורוש אן אנדער מלכה, האט זיך גע־פונען א יידיש מיידל אסתר, און א גליק, וואס אסתר האט געפונען חן אין די אויגן פונעם קעניג אחשורוש, כאטש זי איז געווען א גרינע (אזוי האט אונדז דער רבי געטיַיטשט), — האט זי געפועלט באַם קעניג אחשורוש, מע זאל איבערמאכן דעם „אוקאז" פון די יידן אף די גוייִם, — און פון דעמאלט אן עסן מיר אלע יאר המן־טאשן מיט מאן, קישעלעך מיט פארפעלעך, פורים־קוילעטש מיט זאפראן, און מיר שיקן זיך איינס דאס אנדערע שלח־מנות, און מנשה דער בחור פארדינט געלט.

מנשה דער בחור איז אבער ניט איינער אין מאזעפעווקע, וואס טראגט שלח־מנות און פארדינט געלט; ער זאל זיַין איינער אפן יאריד, וואלט ער נעגאנגען אין גאלד! דער חסרון איז, וואס אומעטום, אומעטום איז די קאנקורענציע.

מנשה האט אין זיַין פרנסה געגוג קאנקורענטן, ווארעם אין מאזע־

פּעווקע זײַנען פּאַראַן, ברוך השם, גענוג אָרעמע בחורים מיט אָרעמע מײדלעך, נישט חלילה קײן דינסטמײדלעך, נאָר בעל־הבתישע מײדלעך, טאַטנס קינדער און גלאַט אָרעמע געפאַלענע ייִדן, וואָס קוקן אַרויס אויף דעם טאָג פּורים אַ גאַנץ יאָר.

דער טאָג פּורים — דאָס איז זײער מאַרק־טאָג, זײער יאַריד.

אײנער פון די גרעסטע מנשהס קאָנקורענטן איז געווען פּיניע דער אַלמנהס מיט די קרומע פּיס.

אַ קאָנקורענט מיט קרומע פּיס איז אפילו נישט אַזוי געפערלעך בײַ אַזאַ אַן אַרבעט, ווו די פּיס שפּילן די גרעסטע ראָלע, ובפרט פאַר מנשהן, וואָס מיט אײן שפּאַן גענאַנט אַריבערשפּאַנען דרײַ אַזעלכע ווי פּיניע דער אַלמנהס.

נאָר דווקא אָט די קרומע פּיס, וואָס בײַ פּיניען, זײַנען געווען פאַר מנשהן אַ שחיטה.

נישט אײן מאָל האָט מנשה געזאָגט צו פּיניען:

— דו ווײסט קרומאַק (אַזוי האָט אים מנשה גערופן), דו ווײסט? איך בין דיר מקנא אויף דײַנע פּיס.

— געפונען וועמען מקנא צו זײַן! — האָט אים געענטפערט פּיניע און האָט באַהאַלטן די אויסגעבויגענע בײגלדיקע פּיס אונטער זיך.

— ווען איך האָב דײַנע פּיס, — האָט אים מנשה געזאָגט און האָט פאַררויכערט אַ „ציגאַיער" פון אַ צונויפגעדרײט שטיקל פּאַפּיר מיט עטלעכע שטיקלעך טיטון — ווען איך האָב דײַנע פּיס, פאַרשפּאָר איך אַזוי צו האַרעווען. איטלעכער האָט אויף מיר דעמאָלט רחמנות, און איך לעב מיר, ווי גאָט אין אדעס!

— ווי גאָט אין אדעס, כע־כע? — זאָגט פּיניע און שטעלט אַרויס מיט גדלות אַן אויסגעבויגן פּיסל, וואָס האָט אַ פּנים פון אַ האַלבן בײגל.

— און ווען איך האָב דײַנע פּיס...

— וואָס זשע וואָלט געווען, קרומאַק?

— איך ווײס שוין וואָס סע וואָלט געווען! גיב מיר אַ ציִ טאָן פון „ציגאַיער", מנשה!

— ביסט נישט קראַנק קויפן טיטון, קרומאַק, ביסט דאָך אָנגעשטאָפּט מיט געלט! — זאָגט צו אים מנשה און גיט אים אַ ציִ טאָן פון זײַן „ציגאַיער".

— אנגעשטאפּט מיט געלט, כע־כע? — זאָגט פיניע און באַהאַלט צו־ריק דאָס פּיסל. — איך דאַרף אויסהאַלטן אַ מאַמע אַן אַלמנה, און דו ביסט אַ פרייַ פייגעלע.

— חוץ דייַן שאָדן אַף מיר געזאָגט געוואָרן! — זאָגט מנשה, פּאַרציט זיך מיטן „ציגאַיער" און לאָזט אַרויס דעם רויך פון ביידע נעזלעכער פון דער נאָז.

ב

מנשה דער בחור און פיניע דער אלמנהס זייַנען ביידע בית־המדרש־בחורים.

בית־המדרש־בחורים הייסן אויך אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך גלאַט אויף אין בית־המדרש, וואָס וואַלגערן זיך אין בית־המדרש.

דאָס זייַנען עלנטע, פאַרבלאָנדזשעטע, צוגעשלאָגענע, פריבלודנע נפשות, אַזעלכע, וואָס קיין פאַרשריבענע אָרעמע לייַט זייַנען זיי נישט, איבער די הייַזער חלילה גייען זיי נישט, נאָר זיי רייַבן זיך אַרום די, וואָס לערנען אין בית־המדרש, פאָלגן אַ גאַנג, הייצן די הרובע, זייַנען תמיד דאָ באַ אַ יאָרצייַט, באַ אַ סיום־התורה, באַ אַ חתונה, אָדער חלילה באַ אַ רייַכער לוויה.

בעטן — בעטן זיי נישט, נאָר מע גיט זיי אַליין.

זיי פאַרדינען זיך זייער שטיקל ברויט: איינער מיט זייַנע געזונטע פיס, דער אַנדערער מיט זייַנע קראַנקע פיס — פאַר רחמנות.

דאָרטן, ווו מנשה לויפט זיך אַן דעם גאַנצן טאָג און עס קומט צום באַצאָלן אים פאַר דער אַרבעט, וואַקסט אויס פיניע מיט די קרומע פיס און שטעלט זיך אַנידער באַ דער זייַט אַן וואַרטער און קוקט אין די אויגן אַרייַן.

— מע דאַרף אים אויך עפּעס געבן, — זאָגט מען — אַ רחמנות, נעבעך אַ קאַליקע.

מנשה שווייַגט, נאָר פאַרדריסן פאַרדריסט דאָס אים.

„אַט אַ בר־מזל! — טראַכט ער זיך. — נישט געטאָן פון דאַנען אהין, און גענומען כמעט גלייַך מיט מיר — אויסקרענקען זאָל ער דאָס!"

און פיניע שווייַגט, קלייַבט אַ גראָשן צו אַ גראָשן.

— דו באַדאַרפסט שוין האָבן אַ מטמון מיט געלט! — זאָגט צו אים מנשה.

— א מטמון מיט געלט? בע־בע — ענטפערט אים פיניע מיט א קרום געלעכטערל.

— דו וואקסט דאך אן אדיר! — זאגט צו אים מנשה.

— אן אדיר? בע־בע! — ענטפערט אים פיניע מיטן זעלביקן גע־לעכטער.

— וואס וועסטו טאן מיט אזויפיל געלט, דו קרומאק אײנער?

— אזויפיל געלט? בע־בע! — ענטפערט אים פיניע אלץ מיט יענעם געלעכטערל, וואס סע גלוסט זיך אים דערפאר אנשפייען אין פנים, אדער ארפלאזן א פאר פעטש.

— גלאט, סע גלוסט זיך מיר נישט פאטשקען די הענט, — זאגט מנשה — וויטער וואלט איך דיר אביסל דורכבוויקערן די ביינער.

— אנו, פרוּוו נאר! — זאגט צו אים פיניע און שטעלט ארויס זיינע בייגלדיקע פיסלעך.

פיניע ווייס גאנץ גוט, אז מנשה וועט זיך אפילו נישט צורירן צו אים, ווארעם מנשה האט שוין איינמאל געכאפט איבער אים א רעכטן פסק.

ער האט אים איינמאל געגעבן א שטופ פון זיך, האט זיך פיניע איבערגעקערט דריי מאל מיט די פיס ארויף, איז אנגעלאפן אף מנשהן דאס גאנצע בית־המדרש, אים געוואלט דורס זיין.

— דו שייגעץ, דו הולטיי, דו רוצח! א קאליקע, א צער־בעלי־חיים נעמסטו און שלאגסט אים!?

פון דעמאלט אן רירט זיך מנשה צו אים נישט צו מיט קיין פינגער, נאר פיינט האט ער אים — ער קאן אים נישט אנקוקן!

ער האט אים פיינט פאר זיינע קרומע פיס, פאר זיין קרום פנים און פאר זיין קרום געלעכטערל: „בע־בע!"

ער האט אים פיינט פאר זיין קמצנות, פאר זיין קליינן געלט, פאר זיין באהאלטן זיך.

מנשה איז נישט אזעלכער; וויפל ער האט זאגט ער, און וואס ער פארדינט פארלעבט ער.

מנשה האלט פון דער אכילה, האט ליב א נאשעריי, א ציגאר־טיטון. דערטאפט ער עטלעכע גראשן, קויפט ער באלד ברויט מיט הערינג אף אנבייסן, א צוויי קארזשיקלעך מיט מאן, א געפרווירענעם עפל, וואס

אז ער גייט אַף פונעם פּראָסט, איז ער דאָך מאַקע טעם גן־עדן; און אַ מאָל מאַקע עטלעכע באָקסערן, מיט אַ קאָנפעקט, מיט עטלעכע ניסלעך.

דעמאָלט זעצט זיך אוועק אַקעגן אים פּיניע מיט די קרומע פּיס און קוקט אים אין די אויגן אַרײַן און באַלעקט זיך. קאָן דאָס מנשה נישט צוזען, טוט ער אים אַ וואָרף אַ שטיקל באָקסער, אַ צוויי ניסלעך, ווי מע טוט אַ וואָרף אַ הונט אַ ביינדל:

— נאַ, קרומאַק, ווערג זיך!

נאָר מער פון אַלצדינג האָט אים מנשה פֿײַנט איבער אַן אַנדער זאַך, וואָס סע ווערט דערציילט אין קאַפּיטל ג.

ג

עוזר דער שמש האָט אַ טאָכטער קריינדל, אַ מיידל פון אַריבער שלושים.

קריינדל וואָלט געוועז אַ שיין מיידל, זייער אַ שיין מיידל, זי זאָל נישט געוועז קינדוויַז פּאָקן, אָדער די פּאָקן זאָלן זיך געוועז אויסשטיין, און זי זאָל זיי נישט געוועז אויסרײַסן.

נאָר מחמת זי האָט קינדוויַז געפּאָקט, און די פּאָקן האָבן זיך נישט אויסגעשטאַנען, און זי האָט זיי אויסגעריסן, איז איר געוואָרן דאָס פּנים געשטופּלט, ווי אַ רעשעטע.

קיין נדן האָט עוזר דער שמש נישט געהאַט אַף צו געבן, איז קריינדל געבעד פאַרזעסן, נישט געווען פאַר איר קיין חתן.

האָט עוזר דער שמש געוואָרפן אַן אויג אַף איינעם פון די צוויי בית־מדרש־בחורים, אַף מנשהן און אַף פּיניען.

עוזר דער שמש האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, וועמען פון די צוויי זאָל ער אויסקלײַבן פאַר אַ חתן פאַר זײַן טאָכטער קריינדל.

מנשה איז אַ געזונטער יונג, אַ האַרעפּאַשנער, איז ער אָבער אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ נאַשער, אַן אויסברענגער; און פּיניע איז אַ שטילער בחור, אַן אײַנגעהאַלטענער, היט אַף אַ גראַשן, איז ער אָבער אַ קאַליקע.

בא עוזר דעם שמש איז דער גורל געפאַלן אַף פּיניען, די שמשטע האָט אויך געהאַלטן בעסער פון פּיניען; דערפאַר וואָס פּיניע פלעגט זי

„פאלגן א גאנג", העלפן ערב שבת ארויסטראגן די פאמעניצע, ברענגען זאמד פון אונטערן בארג, וואס באם בית־המדרש, און פארשמירן טשאלנט.

מנשה פלעגט איר אויך העלפן אין ארבעט, און וואס מנשה האט אפגעטאן אין דריי מינוט, האט פיניע נישט געקאנט אפטאן אין א טאג; אין אבער דערפאר מנשה א גרויסער עזות־פנים. אז מע זאגט אים: „אנו, טראג נאר אריין אומיסטנע אן עמער וואסער", — ענטפערט ער: „און אליין זייט איר קליין?"

דערפאר האט אבער קריינדלען מער געצויגן צו מנשהן, ווי צו פיניען מיט די קרומע פיס — און ס'איז גאר קיין חדוש נישט: דער איז פארט א יונג מיט ביינער, און יענער — פארט א קאליקע.

דער „קאליקע" האט אבער נישט געדרעמלט. ער האט אנגעווענדט אלע זיינע כחות, ער זאל אויסנעמען מער פון מנשהן.

ערשטנס, האט ער זיך תמיד געדרייט פאר די אויגן, פלעגט זיך טיילן מיט לעקעך נאך א חתונה, אלעמאל אויסלייען דעם שמש און דער שמשטע עטלעכע גראשן אונטער א שבת; אפנעמען — און ווייטער אויסלייען.

אונטער א יום־טוב, אז מע האט באדארפט האבן נייטיק אף שיך, טאקע פון קריינדלס וועגן, האט פיניע אויסגעליִען א קערבל אדער צוויי אף אויסצאלן.

בקיצור, פיניע האט זיך „איינגעקויפט" צום שמש אין שטוב אריין, אריין מיט די פיס אין הארצן, און איז געווארן א היימישער מענטש.

מנשה האט דאס געוווּסט, און עס האט אין אים געברענט א פייער. מנשה האט אליין געהאט אן אויג אף קריינדלען, און קריינדל — אף מנשהן. און סע קאן זיין, זיי האבן זיך אפשר געגעבן איינם דאס אנדערע דאס ווארט — ווער קאן דאס וויסן?

אפשר האבן זיי זיך א מאל דורכגעווארפן מיט א פאר ווערטער, בשעת די פאמעניצע ארויסטראגן?

— ער קריכט נאך אלץ, דער קרומאק?

— לאז ער קריכן — ווער הערט אים?

— און דער טאטע דיינער? און די מאמע? — וואס וועלן זיי זאגן?

— געזונטערהייט; לאז זיי זיך מיט אים האלטן!...

און אפשר האָבן זיי זיך אין אַ ליכטיקער נאַכט, זומער איז דאָס געווען, באַ דער שײַן פֿון דער לבֿנה באַגעגנט, כּלומרשט אומגעריכט אין שול־הויף, און האָבן זיך צערעדט און האָבן זיך געקוועטשט איינס דאָס אַנדערע פֿאַר די הענט, און קריינדלס אויגן האָבן געבלישטשעט, און דאָס געשטופּלטע פּנים האָט געשײַנט, און די הענט זײַנען איר געווען הייס, ווי פֿײַער?

— וואָס איז באַ דיר אַזאַ וואַרעמע האַנט, קריינדל?

— פֿאַרוואָס זאָל זי זײַן קאַלט, מנשה?

— ווייסט זײַן מאָרגן אין דער צײַט אַט דאָ אַפֿן אייגענעם אָרט?

— פֿאַרוואָס נישט?

און אפשר האָבן די נאַכטפֿייגעלעך מיט די פֿלעדערמײַז פֿון מאָזע־פּעווקע געהערט אַ קוש אין שול־הויף, אַ שטילן קוש, און האָבן געמאַכט אַ שווײַג? און די שטערן מיט דער לבֿנה האָבן געזען אַ בחור מיט אַ מיידל אין שול־הויף האַלטן זיך פֿאַר די הענט, און האָבן געמאַכט אַ שווײַג?

ערבֿ זײַן קאָן איך אײַך נישט; עפּעס איז דאָרטן געווען. וואָרעם פֿיניע האָט אָנגעהויבן שטאַרק נאָכקוקן נאָך זײַן חבֿר מנשה, און מנשה האָט געטראָגן אַ שׂנאה אויף זײַן חבֿר פֿיניע, טיף פֿאַרבאָרגן באַ זיך אין האַרצן, און פּורים, בשעת אונדזערע צוויי בית־המדרש־בחורים האָבן זיך באַגעגנט מיט די שלח־מנות אין דער בלאָטע, האָט זיך די שׂנאה אַרויס־געוויזן, און ס'איז פֿאָרגעקומען צווישן די צוויי אַזאַ מין סצענע.

ד

— אַנו, ווײַז נאָר וויפֿל האָסטו הײַנטיקן טאָג געמאַכט פֿונעם שלח־מנות טראָגן? — אַזוי האָט זיך אָנגערופֿן מנשה צו זײַן חבֿר פֿיניע.

— נו, און דו וויפֿל האָסטו געמאַכט? — זאָגט צו אים פֿיניע און כאַפּט זיך מיט דער האַנט באַ דער קעשענע.

— אַ פּאָר קערבלעך, — זאָגט מנשה און באַווײַזט אים זײַן ביסל מינץ.

— און איך האָב געמאַכט אַ סך ווינציקער! — מאַכט פֿיניע און לייגט אַרײַן די האַנט אין בוזעם־קעשענע און נעמט אַרויס פֿון דאָרטן

א פולע האנט מיט מינץ און מיט זילבער און קוקט דערויף ווי אף א ליב קינד, א טייער קינד.

פלוצעם טוט אים מנשה א זעץ איבער דער האנט פון אונטן ארויף — און דאס גאנצע געלט האט זיך ארויסגעשאטן אף דער ערד, אין דער טיפער בלאטע אריין, נישט ארויסגעזעזן זיך איין מטבע אפילו.

בא פיניע דער אלמנהס האט זיך ארויסגעריסן פונעם הארצן א שרעקלעכער „אוי" מיט א געוויין, א יאמערלעך געוויין,— און בא מנשה דעם בחור — א געלעכטער, א ווילדער געלעכטער.

און בכדי די מטבעות זאלן אריין טיפער אין דער בלאטע אריין, האט מנשה מיט די געזונטע פיס גענומען טאנצן, לאכן און זינגען בשעת בעשה:

ששון ושמחה!
אור ליהודים!

און פיניע האט נישט אויפגעהערט צו יאמערן און צו קלאגן:

— ווייי איז מיר! ווייי איז מיין וועלט! דאס גאנצע געלט, אפשר דריטהאלבן קערבלעך! דו רוצח, דו גזלן, דו משומד איינער! וואס האסטו געהאט צו מיר? ווייי איז מיר, ווינד איז מיר!...

און פיניע איז צוגעפאלן מיטן פנים צו דער ערד, ווי מע פאלט־צו צו א טויטן, ארומגענומען די בלאטע מיט ביידע הענט און געוויינט און געיאמערט:

— ווייי איז מיר! ווינד איז מיר! אזא טאג, פון גאנץ פרי אן מיט די קראנקע פיס! אפשר דריטהאלבן קערבלעך!...

און מנשה האט נישט אויפגעהערט צו לאכן, צו טאנצן און צו זינגען:

ששון ושמחה!
אור ליהודים!

. . . .

אין א קורצער צייט ארום איז געווען אין מאזעפעווקע אן ארעמע חתונה, וואס די שטאט־בעלי־בתים האבן זיך שטארק מתעסק געווען אין איר; עוזר דעם שמשס טאכטער האט גענומען אן ארעם בחור, דער חתן איז א קרומער אף ביידע פיס! דערפאר איז אבער די כלה נעבעך

גוט מיאוס, און נישט אזוי מיאוס, ווי געשטופלט. בעלי־בתים האבן זיך צונויפגעלייגט און געפראוועט דעם שמש א גאנץ פיינע חתונה; געשטעלט ביר און בראנפן א סך און געהוליעט א גאנצע נאכט.

די גאנצע שטאט איז געווען אף דער חתונה. נאר איין מנשה דעם בחור האט מען עפעס נישט געזען.

מנשה איז פון נאך יענעם פורים אן ווי נעלם געווארן.

קיינער פרעגט זיך אף אים נישט נאך, און קיינעם גייט ער נישט אפ.

איך מיין, אז עוזר דער שמש האט אים ארויסגערויכערט.

און אפשר איז ער אליין אוועק?...

געשריבן אין יאר 1903

אפיקומן

א ראמאן אין פיר טיילן, מיט א פראלאג און מיט אן עפילאג, געשריבן לכבוד פסח.

פראלאג

א, אפיקומן. א, דו ארויסגעגאנבעטע האלבע מצה פסח צום סדר פון אונטערן טאטנס קישן! דער אלטער שיינער מנהג פון פארצייטן! וויפל מאל האסטו געמאכט יונגע הערצלעך קלאפנדיק, קליינע הענטלעך ציטערנדיק און גרויסע ערנסטע מענטשן לאכנדיק! ווער וואלט זיך עס ריכטן, אשטייגער, אז אזא קאטאוועסדיקער מנהג, וואס איז באשאפן געווארן, דאכט זיך, נאר אף ליצנות, זאל פירן צו גאנץ ערנסטע רעזול־טאטן? ווער וואלט זיך עס ריכטן, אשטייגער, אז אן ארויסגעגנבעט שטיקל אפיקומן זאל ארויסראטעווען א יונג פארל, וועמענס הערצער זיינען געווען מסוכן אנגעגריפן דורך דער ערשטער הייליקער ליבע, פון א גרויסן אומגליק?... אזא גליקלעכער צופאל פארדינט באמת, מע זאל אים ווידמענען א ראמאן אין פיר טיילן מיטן גרעסטן כבוד, איבער־לאזנדיק יעדן איינציקן, ער זאל זיך דערפון אפלערנען דעם מוסר, וואס ער וויל און וואס אים דאכט זיך אויס, אז דאס מיינט מען...

ערשטער טייל

רב יאסעלע ווינאקור, דער גוראלניק פון זשידיוווסקע גרעבליע, האט געהייסן איינשפאנען די שפאקעס, האט זיך אויפגעזעצט אף דער געלער נאטעטשאנקע און האט א זאג געגעבן צום קוטשער:

—וואינקא, פאשאל!

וואינקא האט שוין נישט באדארפט און נישט געטארט איבערפרעגן — ווּהין. אז מע זאגט אים „פּאשאל", באדארף ער שוין אליין וויסן, אז דאס מיינט מען אין שטאט אריין.

רב יאסעלעס גוראלניע איז נישט ווייט פון שטאט. אין א האלבע שעה ארום האט שוין די געלע נאטעטשאנקע געלאזט זיך הערן איבער דער געבריקעוועטער גאס, און פון דארט האט זי זיך א נעם געגעבן גלייך צום שול־הויף צו — און די גאנצע שטאט האט שוין געוווּסט פון איין עק ביזן אנדערן, אז רב יאסעלע ווינאקור, דער גביר פון זשי־דיווסקע גרעבליע, איז געקומען צו פארן. נאר קיינעם איז נישט איינ־געפאלן אף דער מחשבה אפילו, אז ער זאל זיך הייסן אפשטעלן נאר העט־העט אף יענער זייט בית־המדרש, נעבן הערש־בער דעם מלמד. וואס האט רב יאסעלע ווינאקור, א ייִד א גוראלניק, און א גביר, צו טאן בא הערש־בער דעם מלמד? קיין קינדער אף צו געבן לערנען האט ער נישט. ער פארמאגט איינגאנצן איין זון, וואס איז ווייט, זייער ווייט פון תורה. רב יאסעלע ווינאקורס זונדל — די גאנצע שטאט וויים עס — קאן גוט פארן רייטנדיק, קאן גוט אנטרייבן אליין, וויים אלצדינג, וואס באם טאטן אין דער גוראלניע טוט זיך, באקאנט מיט איטלעכס שרייפעלע, נאר לערנען — נישט א לעק!

אבת, רב יאסעלע ווינאקור איז א מאדנער ייִד, א שגעון, מיט מאדנע איינפאלן. וואס אים קאן אריין אין קאפ! ווער האט אראפגעבראכט איינ־מאל אין א שיינעם טאג פאליציע אין באד, געמאכט א פראטאקאל, אז זי האלט באם איינפאלן און מע דארף זי צעווארפן? און ווער האט נאכדעם אראפגעבראכט ציגל און געהיליע און גויים, צעווארפן די אלטע באד און אוועקגעשטעלט אף זיין אייגענעם חשבון א באד מיט א באסיין און מיט שטיינערנע בענק, מיט מעשענע פערענטשעס און מיט אזעלכע זאכן, וואס מע קאן זיך נאך עד היום פון דעם זאט נישט אפחדושן?

אדער ווער האט אויסגעטראכט „דאטשעס" פאר די שטאטישע ארע־מע יידישע קינדער בא זיך אין דער גוראלניע, מיט א גארטן אף צו זעצן קארטאפלעס, ציבעלקעס, אוגערקעס און שאר ירקות אלעמאל, אז ס׳הייבט זיך אן דער זומער? און גלאט ווער קאן זיך עס אנגעדענקען רב יאסעלע ווינאקורס אלע אויפטועכצן, משוגעתן און איינפאלן, וואס אים קאן אריין אין קאפ? ווער וויים — אפשר א נײַ משוגעת?...

אזוי האט דער גאנצער שול־הויף געקאכט, און רב יאסעלע ווינאקור איז זיך געזעסן בא הערש־בער דעם מלמד און געפירט מיט אים א געשפרעך, פון וועלכן מיר גיבן איבער נאר איין צד — דער אנדערער צד אינטערעסירט אונדז נישט.

— הערט זשע, רב הערש־בער, די מעשה דערפון איז אזוי. איך בין געקומען צו אייך צוליב אייער זון. איך האב געהערט, איר האט א זון א צאצקע, וואס קען אלצדינג, און אז ער וויל לערנען האב איך געהערט, שטודירן דאקטער, און האט נישט מיט וואס. און אזוי ווי איך האב אויך א זון, און דווקא נישט קיין צאצקע, וואס קען דווקא גארנישט און וויל דווקא נישט לערנען, קיין ברעקל נישט אפילו, ער וויל בעסער פארן רייטנדיק, דער שייגעץ... נאר וואס דען? איך וויל אבער, ער זאל אלצדינג לערנען און זאל אלצדינג קענען — און לאמיר זען, וועד פון אונדזביידן וועט אויספירן! וואס זשע טוט מען? אפגעבן אים שטודירן, מאכן אים פאר א סטודענטל — וויל איך נישט. רב יאסעלע ווינאקורס זון וועט נישט זיין קיין סטודענטל. צונעמען צו זיך אין שטוב אריין א לערער א שלים־מזל — ווייס אים דער רוח ווער ער איז! פאראן בא מיר א מיידל, וואס דארף איך, איר פארשטייט צי ניין, אז רב יאסעלע ווינאקורס טעכטערל זאל זיין באקאנט מיט אבי וועמען? און אזוי זוי איך קען אייך, רב הערש־בער, און ווערליק איך בין מיר משער אייער זון, איך האב אים געזען אנומלטן אין שול, — רב יאסעלע ווינאקורן באדארף מען נישט דערציילן קיין מעשיות, — ער דערקענט א מענטשן מיטן קוק, בכן איז בא מיר געבליבן, איך זאל אייער זון נעמען צו זיך אין שטוב אריין אף א יאר אדער אף צוויי, ער זאל לערנען מיט מיין יינגל, אים מאכן פאר א מענטשן, און באצאלט וועט ער קריגן פון מיר אזוי, אז ס'וועט אים קלעקן אף צו שטודירן נישט נאר דאקטער, נאר אפילו פראפעסאר! איז דאס געמאכט?

האט הערש־בער דער מלמד אפילו געפרוווט א זאג טאן, אז ס'איז אוודאי זייער גלייך פאר ביידע צדדים, וואס איז דא שייך צו ריידן? נאר וואס דען זשע? מע דארף הארכן, וואס וועט ער זאגן, דער בחור הייסט עס?...

רב יאסעלע ווינאקור האט אבער נישט געוואלט הערן אפילו. וואס מיר הארכן? ווער מיר הארכן? רב יאסעלע וויאקורן האט נאך קיין

מענטש נישט געפּרוּווט זאָגן ניין! ובפרט אַזאַ זאַך! — „סײַדן אײַער זון איז אַ פּרא־אָדם, אָדער אַ פּאַרמאַלנער משוגענער?"...

אַזוי האָט אויסגעלאָזט רב יאָסעלע ווינאַקור, גיך געערדט, ווי זײַן שטייגער איז, און נישט שפּעטער ווי אין אַ האַלבער שעה אַרום זײַנען זיי שוין געזעסן אינצווייען, רב יאָסעלע ווינאַקור און הערש־בער דעם מלמדס בחורל, אויף דער געלער נאָמעטשאַנקע, געהעצקעט זיך און גע־שאָקלט זיך אין אַלע זײַטן, — געפלויגן פײַל אויסן בויגן קיין זשידיוווסקי גרעבליע. פונעם גיך פליִען האָט זיך בײַ רב יאָסעלע ווינאַקור די שייגע ברייטע באָרד צעשמיסן אויף אַלע זײַטן, באַרירט מיט אייניקע האָר דאָס יונגע פּנים פון דעם יונגן בחורל, וואָס האָט מיטן פולן אָטעם — אפשר דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן לעבן — געשעפּט די מחיהדיק פרישע לופט פון אויסער דער שטאָט, און געפילט זיך אַזוי ווײַט גוט, ווי עס קאָן זיך פילן אַ יונגער מענטש, בלוט און מילך, אַן אָרעם בחור, וואָס דאָס גליק האָט צו אים געטראָפן גלײַך אין שטוב אַרײַן און אָנגעקלאַפּט צו אים אין דער טיר.

סוף ערשטער טייל.

צווייטער טייל

אויב רב יאָסעלע ווינאַקורס זונדל האָט געהאַט אַ גרויסע פּעולה אין דער תורה, וואָס זײַן לערער, הערש־בער דעם מלמדס זון, האָט מיט אים געלערנט — איז אַ גרויסער ספק. נאָר אַז דער לערער האָט געהאַט אַ פּעולה — דאָס האָט געקאָנט אַרויסזען אַ מינדסט קינד. אַפּנים, די קעסט האָט אים גאַנץ גוט „פּאַליובעט". דאָס יונגע פּנים איז געוואָרן קײַלעכיק, די בעקלעך האָבן זיך אָנגעבלאָזן, און ער אַליין האָט זיך צעוואַקסן אין דער ברייט, געוואָרן גאַרנישט צו דערקענען.

די ערשטע צײַט אַפילו האָט ער זיך געפילט, ווי אַ פרעמדער, אין דער דאָזיקער מאָדנער שטוב — אַ מאָדנע שטוב בײַ רב יאָסעלע ווינאַקור, אַזאַ מאָדנע, ווי רב יאָסעלע אַליין.

רב יאָסעלעם ווײַב, פּערעלע — אַ קליינינטשקע, אַ שטילינקע, קיין פּיפּס הערט מען פון איר נישט. שטיל, אַז ווערטער, פירט זי די ממשלה פון דער שטוב, ווי דער קאַפּיטאַן די שיף — אַלץ אויף זײַן אָרט און אַלץ אין דער צײַט און אַלץ איז אויסגערעכנט אַזוי, אַז דער קאָפּ, דער־אמתער מושל — רב יאָסעלע זאָל זײַן צופרידן. קיינער טאָר אַ הויך וואָרט נישט ריידן, אַז דער בעל־הבית איז אין שטוב. די דינסטן גייען אָנגעטאָן אין וואַילאָקענע שיך — מען זאָל נישט הערן זייערע טריט, בעת דער בעל־הבית רוט. דער טיש ווערט געגרייט ווי בײַ אַ שררה, דערלאַנגט מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, און געגעסן ווערט מעדני־מלך, און פּאַוואָלינקע, בהרחבה. דער בעלי־הבית — ער איינער אַליין — רעדט, און אַלע האָרכן. בײַם טיש מוזן זיך געפינען אַלעמאָל אורחים, פרעמדע, סוחרים, אָדער גלאַט דורכפאָרער. און אַז ס'איז נישטאָ קיין פרעמדע, נעמט מען אייגענע, אָנגעשטעלטע פון דער גוראַלניע. דאָס באַציִען זיך פון די דאָזיקע מענטשן צום בעל־הבית איז ווי סאָלדאַטן צו אַ גענעראַל. ער אַליין אין אַ יאַרמעלקע, זיי אַלע — אין היטלען. נאָר צום עסן ווערן אָנגעטאָן די היטלען. און האָט מען אָפּגעגעסן און אָפּ־געבענטשט — אַראָפּ די היטלען און קיינער וועט נישט וואַגן זיצן. אַלע באַדאַרפן שטיין. און נעמט דער בעל־הבית אַרויס אַ פּאַפּיראָס אויף צו פאַררויכערן, ווערן אין איין כהרף־עין אויסגעריבן עטלעכע שוועבעלעד מיטאַמאָל און אונטערגעטראָגן אים פײַער. חיות נישט זיכער, עמעצער זאָל אַ וואָרף געבן אַ שוועבעלע אויף דער ערד, אָדער נישט אויסווישן גוט די פיס אין פאָדערשטן חדרל, אָדער נישט גיין פאַרשפיליעט, ווי עס געהער צו זײַן, אָדער דאָס האַלדז־טיכל נישט אויף אַן אָרט. און אַלע, וואָס דינען בײַ אים, זײַנען „דו" — מעג עס זײַן אַ ייִד מיט אַ באָרד. און אַלע, סײַ פרעמדע, סײַ אייגענע, ציטערן פאַר אים אימת־מוות — אַן אמתער סולטאַן.

נאָר איין מענטש, האָט דער לערער באַמערקט, איז דאָ אין דער דאָזיקער מאָדנער שטוב, וואָס שרעקט זיך נישט איבער פאַרן שטרענגן סולטאַן. אדרבה, ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז דער סולטאַן האָט דרך־ארץ פאַר יענעם מענטשן. און יענער מענטש — דאָס איז רב יאָסעלעס ווינאַקורם מעכטערל — צילע.

אַ שיינע, אַ הויכע פיגור — צוויי טראָפּן וואַסער דער פאָטער. אין

דעם פּאַטערס כאַראַקטער, האָט ליב געוועלטיקן — רב יאָסעלע ווינאַקור מיט די ביינער! „מײַן זשאַנדאַר" — אַזוי זאָגט דער פּאַטער אויף איר מיט גדלות, און קוועלט. ווערט ברייטער ווי לענגער, אַז די טאַכטער כאַפּט אים עפּעס בײַ אַ וואָרט, וויל אים איבערשפּאַרן, באַווײַזן, אַז ער איז אומגערעכט. פֿאַרשטייט זיך, אַז איבערשפּאַרן שפּאַרט מען אים נישט איבער, און גערעכט איז תּמיד ער, נישט קיינער; נאָר הנאה האָט ער און קוקט מיט פֿאַרגעניגן אויפֿן עולם, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָגט איר אויף רב יאָסעלע ווינאַקורס טעכטערל? דאָס עפּעלע פֿאַלט נישט ווײַט פֿון ביימעלע"...

— איך וואָלט וועלן, איר זאָלט אַ מאָל אויף אַ טשיקאַוועסט מיט איר זיך דורכשמועסן, אַביסל טיפֿער אַרײַנריידן זיך מיט מײַן זשאַנדאַר. — אַזוי האָט רב יאָסעלע ווינאַקור אַ זאָג געגעבן איינמאָל צום לערער, ווינקענדיק מיט איין אויג אויף דער טאָכטער, — און ס'איז נישט געווען קיין מער גליקלעכער פּאַטער אויף דער וועלט, ווי ער, אַז ער האָט דערזען, ווי זײַן טאָכטער האָט אַ נעם געגעבן דעם לערער צו דער אַרבעט, געמאַכט פֿון אים, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַש און בלאָטע, אַ גל של עצמות! „און דווקא אויף יוניש לשון! און מיט אַזויפֿיל נעמען פֿון ביכער: פּושקין און לערמאָנטאָוו און באָקל און גאָגל־מאָגל — אָט אַזוי! אָט אַזוי! לאָז ער וויסן, הערש־בער דעם מלמדס זונדל, ווער רב יאָסעלעס טעכטערל איז!"... — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

דאָ שטעלט זיך דער פּאַרפֿאַסער אָפּ, וואָרעם אַלצדינג, וואָס ער זאָל דאָ נישט דערציילן, איז אַלט, אַזוי אַלט, ווי די וועלט. ווער פֿאַרשטייט עס נישט, אַז פֿון אַזעלכע אָפּטע הייסע וכוחים, וואָס אַ בחור מיט אַ מיידל פֿירן און זײַנען גרייט, דאַכט זיך, איינס דאָס אַנדערע גאָר דורס זײַן, לאָזט זיך אויס, און גאַנץ אָפּטלעך, אַז דער בחור פֿאַרליבט זיך אינעם מיידל און דאָס מיידל אינעם בחור מיט סכנות־נפֿשות, און זיי זײַנען ביידע גרייט אָפּצוטאָן די גרעסטע נאַרישקייטן אין דער וועלט, אָדער באַגיין איינע פֿון די אַרבע מיתות בית־דין: הענגען זיך אָדער טרינקען זיך, סמען זיך אָדער שיסן זיך, אָדער גאָר אַנטלויפֿן אין אַ פֿינצטערער נאַכט, שטעלן ערגעץ אַ שטילע חופּה און אַרײַנשרײַבן דערנאָך צו די עלטערן אַ בריוול: „מזל־טובֿ אײַך — מיר האָבן חתונה געהאַט!"...

ניין. מײַנע העלדן, וואָס איך באַשרײַב, האָבן נישט אַזוי געטאָן. זיי איז געקומען צו הילף דער אַפיקומן, דער אַרויסגעגנבעטער אַפיקומן, פּסח צום ערשטן סדר, ווי איר וועט דאָס באַלד אַרויסזען פונעם דריטן טייל פון מײַן אמתן, נישט אויסגעטראַכטן ראָמאַן.

ענדע צווייטער טייל.

דריטער טייל

דער ווינטער איז אַוועק. דאָס אײַז איז צעגאַנגען. דער שניי האָט צעלאָזט. די ערד האָט זיך אויפגעדעקט, אויסגעוויזן און אויפגעפרישט, גרייט אַרויסצושפּראָצן אַ גרין גרעזל. די נאַקעטע ביימלעך האָבן זיך אויסגעגלײַכט, ווי פונעם שלאָף נאָר וואָס אויפגעוואַכט; אויף זייערע פּײַכטע ריטלעך וועלן זיך אָט־אָט באַווײַזן יונגע קניפּעלעך; די קניפּעלעך וועלן זיך אויפקניפּן, אויפפּיקן און צעלאָזן זיך אין גרינינקע בלעטעלעך — דער פרילינג גייט! דער פרילינג קומט! — ערב פּסח.

אין זשידיווסקע גרעבליע, בײַ רב יאָסעלע ווינאַקור, זעט זיך אַן דער ערב־פּסח נישט ווינציקער, אויב נישט מער נאָך, ווי אין שטאָט. רב יאָסעלע ווינאַקור איז אַ פרומער ייִד, אַ חסיד. ער וועט נישט לאָזן, אַז זײַן גוראַלניע, וואָס איז פול מיט חמץ און איז דורך און דורך חמץ, זאָל חלילה אַרבעטן די אַכט טאָג פּסח. אַלץ ווערט פאַרקויפט על פּי שלחן־ערוך צו אַ גוי, און אַלץ ווערט אָפּגעשטעלט און אַלץ ווערט גערייניקט און געפּוצט און געכשרט — און קומט פּסח, איז רב יאָסעלע ווינאַקור אויס גוראַלניק, אויס געשעפטס־מענטש. זײַנע מענטשן זײַנען מער נישט קיין „מענטשן" — זיי זײַנען ייִדן, באַפרײַטע, אַזוי ווי ער, אַזוי ווי אַלע ייִדן, וואָס זייערע עלטערן זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. און אַלע באַדאַרפן זיי זיך צונויפקלײַבן מיט ווײַבער און מיט קינדער, און אינאיינעם מיט אים, מיטן בעל־הבית, בײַ איין טיש, פּײַערלעך אָפּריכטן דעם סדר.

איך מיין, עס וועט נישט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אויף קיינעם איז נישט אַזוי אָנגעמאָסטן דער נאָמען „מלך", ווי אויף דעם דאָזיקן סול־טאַן און מושל — רב יאָסעלע ווינאַקור. איר שטעלט אײַך נאָר פאָר,

אשטייגער, אזא מין בילד: ארום א צענדליק פאמיליעס בא איין טיש מיט ווייבער און קינדער און דינסטן, אלע יום-טובדיק, און אלע אויגן ארויף, צום אויבנאן, און אויבנאן די שיינע הויכע פיגור פון רב יאסעלע ווינאקור, אנגעטאן אין ווייסן פון אויבן ביז אראפ, פון דער ווייסער זייד־דענער יארמעלקע ביז די ווייסע אטלעסענע שיך. וואס ער זאגט — זאגן אים אלע נאך. קיינער נישט פריער און נישט שפעטער. ער טיילט ארום אלעמען די מצה, דעם מרור, דעם כרפס, דעם חרוסת. ער טוט א ווונק — ווערן אנגעפילט די כוסות. ער נעמט זיך טרינקען — טרינקען אלע.

נייַן, דער אמתער מלך, דער אמתער מושל — דאס איז אונדזער סולטאן רב יאסעלע ווינאקור. און ווי א זן אמתער מושל, ווי אן אמתער מלך, איז ער קאנסערוואטיוו, היט אפ שטרענג אלע מנהגים און טראדי־ציעס. למשל, בא אלע יידן איז א מנהג: מרור — דאס איז אנגעריבענער כריין, אפטמאל אויסגעוועבטער, עטוואס ביטערלעך, פון יוצא וועגן. בא רב יאסעלען איז א מנהג: מרור דארף זיין מרור. א האלב ווערצל כריין — דאס מוז יעדער איינציקער אויפעסן — ער מעג אפילו דעם שלאק באקומען!

די צערעמאניע פון וואשן זיך איז בא אים איינגעפירט, אז נישט נאר די דינסטן, נאר אלע ווייבער — און זיין ווייב פערעלע און זיין טאכטער צילע — באדארפן אונטערטראגן צום טיש די זילבערנע בעקן מיט די שניי־ווייסע האנטעכער, באדינען די מאנצבילן, די מלכים, די יוצאי מצרים.

עפענען די טיר צו „שפוך-חמתך" — דאס איז זיין כבוד, דאס גע־הערט צו אים אליין. פארוואס? אט אזוי וויל ער, רב יאסעלע ווינאקור, און אט אזוי איז ער זיך נוהג כל ימיו!

נאך איין מנהג איז בא אים איינגעפירט פון יארן — און דאס מוז דורכגעמאכט ווערן אלעמאל באם ערשטן סדר, עס מעגן פאלן שטיינער פונעם הימל. אט אין וואס דער דאזיקער מנהג באשטייט:

נאכן ערשטן האלבן סדר, אז עס קומט צו דער סעודה, און דער עולם האלט אין רעכטן עסן, באדארף מען זען, מע זאל זיך שטארק פאר־ריידן (פסח צום סדר מעגן אלע בא אים ריידן — בני־חורין!). יעדער מעג ריידן פון וואס ער וויל, און נישט נאר ער מעג, — ער באדארף ריידן, און אויך דעם בעל-הבית, דעם מלך באדארף מען פאררייידן, אזוי,

אַז נישט ער און נישט קיינער זאָל באַמערקן, ווי רב יאָסעלעס טעכטערל צילע גנבעט זיך אונטער שטילערהייט צום פאָטער פון הינטן, לייגט אַריין די האַנט אונטערן קישן פון דעם עסעבעט און גנבעט אַרויס בײַ אים קונציק די האַלבע מצה — אפיקומן.

עס איז שווער צו זאָגן, צי דער פאָטער מאַכט זיך, אַז ער זעט נישט, צי ער זעט טאַקע נישט, ווי די טאָכטער גנבעט זיך הינטער זײַנע פּלייצעס און שלעפּט בײַ אים דעם אפיקומן פון אונטערן קישן, — נאָר אַז עס קומט פאַרן בענטשן, צום אַנדערן האַלבן סדר, און עס האַלט באַם אויסטיילן דעם אפיקומן, און דער מלך טוט זיך אַ כאַפּ, אַז ס'איז נישטאָ קיין סימן פון קיין אפיקומן, ווערט ער כלומרשט בייז:

— ווער האָט אַרויסגעגנבעט בײַ מיר דעם אפיקומן?

שפּרינגט אַרויס צילע מיט אַ געלעכטערל:

— טאַטע, סע איך! וואָסטו מיר געבן פאַרן אפיקומן?

— וואָס פאַרלאַנגסטו?

און עס הייבט זיך אָן אַ דינגעניש. זי וויל, אַז אויף די אַנדערע טעג יום־טוב זאָל ער איר קויפן אַ פינגערל.

— גוט. ער וועט איר קויפן אַ פינגערל.

— ניין, זי וויל מיט אַ בריליאַנטל!

— גוט, ער וועט איר קויפן מיט אַ בריליאַנטל.

— און אַחוץ דעם וויל זי נאָך אַ שנירל פּערעלעד.

— דאָס וועט שוין זײַן צו פיל.

— ווי באַלד אַזוי, איז נישטאָ קיין אפיקומן!...

איר מיינט, דאָס טרײַבט מען קאַטאָוועס — ניין. צילע זאָגט דאָס גאַנץ ערנסט, און דער גאַנצער עולם שמייכלט (פּסח צום סדר מעג מען שמייכלען בײַ רב יאָסעלע ווינאָקור — בני חורין!).

— אפשר וועט זײַן גענוג אַ בײַטש קאָרעלן — בעט זיך בײַ איר דער פאָטער.

— פּערל, נישט קיין קאָרעלן! — זאָגט די טאָכטער פעסט. — און נאָך מיט אַ גאָלדן פערמואַרל דערצו!

— זי וויל מיך מאַכן פאַר אַ קבצן! — זאָגט דער פאָטער, שוין צום עולם ריידנדיק, און דער עולם שיסט אויס אַ געלעכטער (פּסח צום סדר מעג מען בײַ אים לאַכן אפילו הויך — בני חורין!).

— אז דו וועסט זיך מיט מיר נאָך אַביסל דינגען, — זאָגט אים די טאָכטער — וועל איך וועלן, אַז דאָס פּערמואַרל זאָל זײַן אַ בריליאַנ־טענער.

רב יאָסעלע ווינאַקור כאַפּט זיך אָן באָם קאָפּ: „זי וויל אים מאַכן פּאַר אַן אַנזעצער!" דער עולם לאַכט נאָך העכער. דער פּאָטער לאָזט איר נאָך, גיט זיך אונטער. די טאָכטער גיט אָפּ דעם אַפּיקומן — און דער אַנדערער האַלבער סדר גייט אַוועק מיט דער אייגענער פֿײַערלעכקייט, וואָס דער ערשטער האַלבער סדר.

און אָט אַזוי אַלע יאָר.

ענדע דריטער טייל.

פערטער טייל

דעם פּסח, וואָס מיר באַשרײַבן אַצינד, איז פֿאָרגעקומען מיט רב יאָסעלעס אַפּיקומן אַ שטיקל פֿאַרענדערונג. דאָס הייסט, דער אַפּיקומן איז בײַ אים אַרויסגעגנבעט געוואָרן אַזוי קונציק, ווי אַלע יאָר, און, ווי אַלע יאָר, האָט זיך רב יאָסעלע ווינאַקור אַ כאַפּ געגעבן צום אַנדערן האַלבן סדר צום אַפּיקומן און אויסגערופֿן: „ווער האָט דאָס אַוועקגע־גנבעט דעם אַפּיקומן?" האָט זיך צילע אָנגערופֿן פֿון איר אָרט, ווי אַלע מאָל:

— טאַטע, דאָס האָב איך! וואָסטו מיר געבן פֿאַרן אַפּיקומן?

— וואָס פֿאַרלאַנגסטו? — האָט איר געענטפֿערט דער פּאָטער, ווי אַלע מאָל, און געוואָרט, וואָס וועט זי זיך, אַשטייגער, הייסן קויפֿן, אַז זי האָט שוין צירונג אָן אַ שיעור, און וויגרישנע בילעטן, און אַ פּאָרטאָפּיאַנע, און אַפֿילו אַ פֿערדל אָן אייגנס האָט ער איר ערשט פֿאַראַיאָרן נאָך פּסח געמוזט קויפֿן. אַ השגה פֿון אַ מיידל — זיך גאָר הייסן קויפֿן אַ פֿערדל, כאַ־כאַ! דאָס קאָן נאָר רב יאָסעלע ווינאַקורס טעכטערל, וויַטער קיינער ניט! אָך, ווי מע האָט זיך עס דעמאָלט אָנגעלאַכט!...

אַלע אויגן קוקן אַהין, וווּ רב יאָסעלעס טעכטערל זיצט. אַלע זײַנען

נייגעריק צו הערן, וואס וועט זי היינטיקס יאר פארלאנגען פון איר פאטער? — און זי, רב יאסעלעס טעכטערל, איז געזעסן דווקא רויק, ווי אלע מאל, און פעסט בא זיך, ווי אלע מאל, אז זי וועט דאס מאל אויספירן, ווי אלע מאל. נאר עפעס האט זי איצטיקס מאל נישט גע־אײַלט זיך און עפעס מאדנע איבערגעקוקט זיך מיט לערער, מיט הערש־בער דעם מלמדס זון, וואס זיצט אקוראט אקעגן איר, און מע וואלט געמעגט שווערן, אז א גרינג שמייכעלע האט זיך באוויזן אף זייערע ביידנס פנימער... נאר גיין! עס האט זיך נאר אויסגעוויזן! ווי איז דאס מעגלעך — רב יאסעלע ווינאקורס טעכטערל און דער לערער, הערש־בער דעם מלמדס זונדל — א סמכות הפרשה!...

נאר אט האט זי זיך אויסגעדרייט צום פאטער, און באלד וועט מען שוין וויסן — און ווי איבעראשט זײַנען געווארן אלע, און מער פון אלעמען דער פאטער, אז די טאכטער האט אים געענטפערט, אז היינט קאן זי ניט זאגן, וואס זי פארלאנגט... דאס וועט זי אים ערשט קאנען זאגן שפעטער... דעם ערשטן טאג חול־המועד...

— איצט פארלאנג איך פון דיר, טאטע, נאר איין זאך: זאלסט מיר געבן דײַן ערנווארט, אז דו וועסט מיר ניט אפזאגן...

רב יאסעלע ווינאקור האט מיט א צופרידן שמייכעלע, וואס האט זיך צעגאסן איבער זײַן שיינער ברייטער בארד, באטראכט דעם גאנצן עולם, ווי איינער רעדט: „געפעלט אײַך א השגה פון רב יאסעלעס טעכטערל?"...

און צו דער טאכטער האט ער א זאג געגעבן:

— ווי קאן איך דיר צוזאגן א זאך, וואס איך ווייס נישט? טאמער בין איך גאר נישט אימשטאנד?...

— נו, גיב איך דיר, טאטע, צוריק מײַן ערן־ווארט, אז איך וועל ניט פארלאנגען פון דיר אזעלכעס, וואס דו ביסט ניט אימשטאנד...

דאס פרײַערדיקע שמייכעלע האט זיך נאך ברייטער צעלייגט איבער־זײַן שיינער בארד און איבערן גאנצן פנים. דאס האט באדארפט בא־דײַטן: „וואס זאגט איר אף רב יאסעלעס טעכטערל? זי באדארף נישט גיין לײַען קיין ווערטער!"... און צו דער טאכטער האט ער א זאג געגעבן:

— גוט. איך בין דיר מבטיח...

— נײן, טאַטע, נישט „מבטיח", נאָ דו גיסט מיר דײַן ערן־וואָרט...

— רב יאָסעלע װינאַקור, אַז ער זאָגט, ער איז „מבטיח", איז אַלץ אײנס, וואָס אַז אַנדערער זאָגט „ערן־וואָרט"...

— נײן, טאַטע, איך וויל, דו זאָלסט מיר פאַר אַט די אַלע מענטשן געבן דײַן ערן־וואָרט, און טאַקע די האַנט „תקיעת־כּף"...

דאָס פּריִערדיקע שמײכעלע איז אַראָפּ פון רב יאָסעלעס באָרד און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— רב יאָסעלע װינאַקור האָט נאָך קײנמאָל קײנעם קײן תקיעת־כּף נישט געגעבן און וועט נישט געבן...

— ווי באַלד אַזוי, איז נישטאָ קײן אפיקומן!...

דער עולם האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: שמײכלען? — איז דער בעל־הבית צו ערנסט. זײַן ערנסט? — איז דאָס צו אַ גרויסער שפּאַס. האָט מען אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַראָפּ און געוואַרט, וואָס וועט דאָ זײַן דער סוף? און דערווײַל האָט קײנער נישט באַמערקט אַז אײן מענטש, וואָס זיצט דאָ צווישן זיי באַם סדר, איז באַ דעם דאָזיקן נסיון מיט אַ מאָל געוואָרן בלאַס און רויט און אַלערלײ קאָלירן, און די הענט האָבן אים געציטערט...

דער אײנער איז געווען נישט קײן אַנדערער, נאָר דער לערער, הערש־בער דעם מלמדס זונדל.

און דער פֿאָטער מיט דער טאָכטער האָבן זיך דערווײַל נאָך עטלעבע מאָל איבערגעשמועסט און איבערגעקוקט זיך, ווי צוויי שטאַרקע מענטשן, גוטע פרײַנט, וואָס האַלטן באַם אַרויסגײן אײנס אַקעגן דאָס אַנדערע מלחמה האַלטן. איטלעכער פון די צוויי איז געשטאַנען פעסט אַף זײַן פּאָזיציע: דער פֿאָטער האָט זיך געהאַלטן אײנס — ער גיט נישט קײן תקיעת־כּף. די טאָכטער האָט זיך געהאַלטן באַ אירס — נישטאָ קײן אפיקומן!...

ס'איז שווער צו זאָגן, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען עס שטעלט זיך נישט אַרויס דער לערער פאַר אַ מליץ־יושר און פאַר אַ פאַרמיטלער צווישן בײדע צדדים, אַז „אַ מענטש, וואָס האָט אַף זײַן לעבן קײן תקיעת־כּף נישט געגעבן, איז נישט כדאַי, מע זאָל אים צווינגען מיט נויט, ובפרט אַזאַ מענטש, ווי רב יאָסעלע, וואָס זײַן ערן־וואָרט און נאָך פאַר עדות איז באמת אַזוי גוט, ווי אַ תקיעת־כּף"...

דאס האט געהאט דעם זיבעטן חן און געמאכט דעם גרעסטן עפעקט. ערשטנס, זײַנען הערש־בער דעם מלמדס זונס אקציעס אין דער דאזיקער שטוב געשטיגן מיט א סך, א סך פראצענט, ובפרט אין די אויגן פון רב יאסעלע ווינאקור, וואס כאטש ער איז א מענטש פון סאמע שטאל און אײַזן, פונדעסטוועגן קאן מען אים, ווי כמעט אלע מענטשן פון דער וועלט, מיט א גוט ווארט קויפן און פארקויפן. און צווייטנס, האט דער גאנצער עולם דערזען אפן בעל־הביתס בארד א פרײַ־שן שמייכל, און מע האט פרײַ אפגעאטעמט. אגב איז שוין טאקע געווען צײַט א מאל אויפצושטיין פונעם סדר, וואס האט זיך איצטיקס מאל פארצויגן העט־ווײַט אין דער נאכט אריין.

* * *

די ערשטע טעג פסח זײַנען איבערגעלאפן גארנישט צו באמערקן, ווי זיי לויפן אלע מאל איבער, ווי עס לויפן, אייגנטלעך, אלע טעג פון א גאנץ יאר, כאטש אפילו עס קאן זײַן, אז פאר א פאר מענטשלעך פון דער דאזיקער געשיכטע האבן זיך די צוויי טעג געצויגן און גע־שלעפט זיך און אויסגעוויזן לאנג, ווי דער ייִדישער גלות. נאר ווי די מעשה איז, — די צוויי טעג פסח זײַנען אוועק, און דער ערשטער טאג חול־המועד איז געקומען, און דער פאטער האט זיך גאנץ געמיט־לעך און גאנץ ברייטלעך א זאג געגעבן צו דער טאכטער, האלב אין קאטאוועס און האלב ערנסט: „נו, זשאנדאר, לאמיר שוין וויסן, מיט וואס האסטו מיך הײַנטיקס יאר געשטראפט, כא־כא?" און — אוי, ווי נעם איך פארב אף אפצומאלן רב יאסעלע ווינאקורס פנים, אז ער האט דערהערט פון זײַן טעכטערל אזא מין, וואס האט זיך אים נישט געחלומט, נישט אים און נישט קיינעם ניט. הערט א מעשה: איר פאר־לאנג, זאגט זי, באשטייט אין דעם, וואס זי האט ליב, זאגט זי, דעם לערער, הערש־בער דעם מלמדס זונדל, און, זאגט זי, דער לערער, הערש־בער דעם מלמדס זונדל, האט ליב זי, רב יאסעלע ווינאקורס טאכטער צילע, און אז זיי האבן זיך געגעבן, זאגט זי, דאס ווארט, זיי זאלן זײַן חתן־כלה, און זי פארלאנגט, זאגט זי, פון אים, פונעם פאטער, הייסט עס, אז נישט פריער און נישט שפעטער פון שבת נאך שבועות זאל זײַן די חתונה!... דער גאנצער הויף האט זיך שיר נישט איבערגע־קערט! די גוראלניע איז שיר נישט חרוב געווארן! זשידיוווסקיע גרעב־

ליע איז געגאנגען כאַדאַראַם! רב יאָסעלע ווינאַקור האָט געאַרבעט מעשים! עס זײַנען געווען געשרייען, און קללות, און געוויינען, און טרערן — און וואָס איר ווילט: וואָס הייסט, ער, רב יאָסעלע ווינאַקור, וואָס גאָט האָט אים געבענטשט מיט קיין עין־הרע אַזאַ פאַרמעגן און מיט קיין עין־הרע אַזאַ טאָכטער, וואָס ער קאָן דערגרייכן מיט איר די העכסטע, די גרעסטע און די שענסטע שדוכים, נאָר ער האָט נאָך ביז אַהער אַפילו נישט אין זינען געהאַט קיין שידוך טאָן — זאָל ער נעמען פּלוצעם אינמיטן דרינען זיך פאַרבינדן מיט וועמען — מיט הערש־בער דעם מלמד! און נאָך ווו? — אָט דאָ מאַקע, אין דער דאָזיקער שטאָט!... סטײַטש, סטײַטש! אים, רב יאָסעלע ווינאַקור, וואָס קיין מענטש האָט נאָך נישט געוואָגט מיט אים טרײַבן קאַטאָוועס, זאָל מען אים אָפּטאָן אַזאַ שפּיצל! אויסנאַרן בײַ אים זײַן ערן־וואָרט!... און ווער? זײַן געליבטע איין־און־איינציקע טאָכטער! אָ, זי וויס, דער זשאַנדאַר, בײַ וועמען זי האָט דאָס אַ וואָרט גענומען! רב יאָסעלע ווינאַקור האָט נאָך קיינמאָל זײַן וואָרט נישט געבראָכן!... און עס קומט אים אויפן זינען די געשיכטע פון בת יפתח. דאָרט איז אויך געווען אַ וואָרט, און נישט קיין וואָרט, נאָר אַ נדר... ניין, דאָ איז נאָר געווען אַ וואָרט, נישט קיין נדר! אַ וואָרט קאָן מען צוריק נעמען... ווי קאָן ער עס דערלאָזן אַזאַ זאַך, אַזאַ שדוך, אַזאַ בזיון? — היה לא תהיה! — דאָס וועט נישט זײַן, סײַדן דער טויט!... און צוריק אָבער דערמאָנט ער זיך: ער האָט דאָך פאָרט דאָס וואָרט געגעבן! און פאַר עדות, פאַר מענטשן... און רב יאָסעלע ווינאַקור האָט דאָך נאָך קיינמאָל זײַן וואָרט נישט געבראָכן!... וואָס טוט מען? רב יאָסעלע זאָל נישט מורא האָבן פאַר גאָט, פאַר שכר ועונש, פאַר המאבד עצמו לדעת, וואָלט ער זיך נאָר אַ מעשה אָנגעטאָן!...

עונדע פערטער טייל

עפּילאָג

נאָך מיט צוויי וואָכן פריִער פאַר שבת נאָך שבועות האָט רב יאָסעלע ווינאַקור אויפגעשטעלט בײַ זיך אין זשידיוווסקע גרעבליע אַ שאַלאַש אפשר אויף טויזנט פאַרשוין, אראָפּגעבראַכט פון שטאָט סאַר־

ווערם און סאָרווערקעס און גלאַט מענטשן, און מע האָט געגומען באַקן און קאַכן און בראָטן און פּרעגלען, צוגרייטן זיך צו דער חתונה, אַלצדינג ביד רחבה — אין גרעסטן מאַסשטאַב. אַ קלייניקייט — רבי יאָסעלע ווינאַקור האָט דערלעבט חתונה מאַכן זײַן איין־און־איינציק טעכטערל צילע ? ! או זאָ עס איז געקומען צו דער חופּה, האָט ער אַראָפּגעבראַכט די בעסטע כּלי־זמר און די רבנים אַלע פון שטאָט און געפּראַוועט אַ חתונה, וואָס האָט געקלונגען די וועלט ! און אַ סעודה אין שטאָט פאַר אָרעמע לײַט אַחוץ. אַזאַ סעודה, וואָס זינט די שטאָט שטייט, האָט זי אַזעלכעס ניט געזען און וועט ניט זען ! און אַכט טאָג האָט מען געהוליעט נאָך דער חתונה. אַכט טעג מיט אַכט נעכט. און מיטן מחותּן, מיט הערש־בער דעם מלמד, האָט זיך רב יאָסעלע, באַ די לחיימס, געקושט אפשר פופציק מאָל און אפשר הונדערט מאָל, און אפשר נאָך מער. עס האָט דען אַ שיעור געהאַט דאָס קושן זיך, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן, ער האָט אַזאַ מחותּן, אַזאַ ערלעכן ייִדן, ווי רב הערש־בער ?...

און די מתּנות, וואָס ער האָט עס אַ ביסל צעשענקט אַלע זײַנע מענטשן, און דווקא מיט דער ברייטער האַנט — לאָזן זיי געדענקען, ווען זייער באַלעבאָס האָט חתונה געמאַכט זײַן בת־יחידה !

נאָר אױף צוויי פּונקטן האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט שטאָל און אײַזן, און האָט געזאָגט, אַז דאָ מוז ער אויספירן — עס מעגן פאַלן שטיינער פונעם הימל :

א) דעם מחותּן, רב הערש־בער דעם מלמד, האָט ער געקויפט אין שטאָט אַן אײַנפאָר־הויז מיט אַ קאַמער פון תבואה אױף צו פאַרדינגען — אונטערגעשמעלצט מיט אַ מזומנע פאַר טויזנטער און געפּועלט, אַז הערש־בער דער מלמד זאָל ווערן אויס הערש־בער דער מלמד, נאָר גלאַט ר ב ה ע ר ש ־ ב ע ר.

ב) דעם איידעם, רב הערש־בערס זון, האָט ער איבערגעגעבן אַ העלפט פון דער גוראַלניע און פונעם הויף און פון די סקלאַדן און פון אַלע געשעפטן, און אפילו פון דער געלער נאַטעטשאַנקע מיט די ברענענדיקע שפּאַקעס — פון אַלצדינג איבערגעשריבן פונקט אַ העלפט אױף זײַן נאָמען — און ווער מיר שטודירן ? וואָס מיר דאָקטער ? שוין לאַנג פאַרגעסן !...

רב יאָסעלע ווינאַקור האָט באַוויזן ווער ער איז און וואָס ער קען !...

געשריבן אין יאָר 1914

דוויד מלך ישראל

א בילד לכבוד שמחת־תורה

א קורצע הקדמה

אלטע בילדער פון פארצייטן! שטייט אויף, זייט מוחל, פון אייערע
קברים, איר זייט שוין לאנג אפגעשטארבן פאר אונדזער יוגנט. אן עבירה.
די צייט שטייט ניט. בילדער בייטן זיך. איין דור טרייבט דעם אנדערן.
אונדזערע קינדער וועלן פון אייך ניט וויסן. אינאיינעם מיט מיר וועט
איר אוועק אין קבר, פארפאלן ווערן אפשר אף אייביק. גלייך ווי איר זייט
גאר קיינמאל אף דער וועלט ניט געווען. שטייט אויף, שטייט אויף,
לאם איך אייך איין מאל כאטש דורכפירן פארביי זייערע אויגן. לאזן זיי
אייך אנקוקן, אונדזערע קינדער, און לאזן זיי דערציילן דעם דור, אז
ס'איז געווען אמאל בא אונדז אזעלכע, ווי איר, אז איר זייט חלילה נים
קיין אויסגעטראכטע פונעם קאפ, אז איר האט אמאל געלעבט אף דער
וועלט און אז זיי קערן זיך אן מיט אייך גאנץ נאענטע קרובים, — איי־
רע אייגענע אור־אור־אייניקלעך...

א

שטארק געקרייזלטע בארד און פאות, ווייס ווי געפאלענער שניי,
א נאפאלעאנקע (א פארצייטיקער מין היטל) אפן קאפ, א לאנגער גרא־
בער שטעקן אין די הענט מיט א ביינערנע האלקע, א זאק אף די פליי־
צעס. איינגעבויגן ביז צו דער ערד, גייט ער אלע ערב שבת און אלע ערב
יום־טוב פון שטוב צו שטוב צונויפנעמען קוילעטש פאר די ארעמע יידי־
שע ארעסטאנטן, וואס אין טורמע.

דאָס איז דער אַלטער דאַדי „דוויד מלך ישראל”, וואָס איז אַלט אפשר הונדערט יאָר. אַלע קענען אים, אַלע ווייסן שוין וואָס ער וויל: ער וויל קוילעטש פאַר זיינע אָרעמע אַרעסטאַנטן, וואָס אין טורמע. קיינער דינגט זיך ניט מיט אים. ווער עס האָט און ווער עס וויל — דער גיט; ווער עס האָט ניט און וויל ניט — דער גיט ניט. דער אַלטער דאַדי וועט ניט האָבן קיין פאַריבל. וואָרעם אַז אַלע וועלן האָבן וואָס צו געבן און אַלע זאָלן וועלן געבן, היינט ווער וועט נעמען? און אַז ס'וועט ניט זיין ווער ס'זאָל געבן און ווער ס'זאָל נעמען, פון וואַנען־זשע וועט זיך נעמען רחמנות און צדקה און מעשים טובים אויף דער וועלט? אויף וואָס־זשע וועט מען דאַרפן דאָס עולם־הבא מיטן גן־עדן? און אַז ס'וועט ניט זיין קיין עולם־הבא מיט קיין גן־עדן, וואָס־זשע וועט מען טאָן מיט די צדיקים אויף יענער וועלט?...

אָט אַזוי פלעגט חקירהן דער אַלטע דאַדי. ער איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז ווי דער אייבערשטער פירט, אַזוי איז גוט: עס באַדאַרפן זיין אַזעלכע וואָס גיבן און אַזעלכע וואָס נעמען, אַזעלכע וואָס האָבן און אַזעלכע וואָס האָבן ניט, אַזעלכע וואָס זיצן אין טורמע און אַזעלכע וואָס זאָרגן זיך פון זייערטוועגן און קלייבן אַלע ערב שבת און ערב יום־טוב קוילעטש פון זייער כבוד וועגן.

ב

ווער איז געווען דער אַלטער דאַדי, אַדער דער דוויד מלך ישראל, און וואָס ער איז געווען פריער, איידער ער איז געוואָרן אַן אַלטער ייד פון אפשר הונדערט יאָר און איידער ער האָט זיך פאַרנומען מיט צונויפקלייבן קוילעטש פאַר די אָרעמע אַרעסטאַנטן, וואָס אין טורמע? — דאָס ווייס קיינער ניט בײַ אונדז.

פון וואָס לעבט דער אַלטער דוויד? ווו האַלט ער זיך אויף? וויפל יאָר איז ער אַלט? ווו זיינען זיינע קינדער און אייניקלעך? — דאָס ווייס קיינער ניט בײַ אונדז. ס'איז אַ סוד פאַר דער וועלט. עס איז ניטאָ פשוט דער מענטש, וואָס זאָל געדענקען, און בײַ אים אַליין אַז איר וועט פרעגן, וועט ער אײַך ניט ענטפערן. פרוווט זיך גאָר ניט, איר וועט ערגער מאַכן: וואָרעם מיט אים אַז איר וועט זיך אַריינלאָזן אין אַ לאַנגן שמועס, וועט ער אײַך בעטן, איר זאָלט עפּעס שענקען פאַר זיינע אָרעמע

ייִדישע ארעסטאַנטן, וואָס אין טורמע, און פון וואָס איר זאָלט מיט אים ניט ריידן, אַף זײַנע אַרעסטאַנטן מוזט איר אַרויף!

— רב דאַדי! ווו האָט איר געגעכטיקט הײַנטיקע נאַכט?

— געלויבט דער אייבערשטער, אבי ניט אין טורמע. האָט איר ניט עפּעס אַן אַלטן בגד פאַר מײַנע אַרעסטאַנטן?

— רב דאַדי! ווו זײַנען אײַערע קינדער מיט אַלע אייניקלעך אײַערע?

— געלויבט דער אייבערשטער, צעקראָכן זיך דער אַהער, דער אַהין, צעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימים. אַנדערע זײַנען געשטאָרבן, אַנדערע לעבן. וויאַזוי זיי לעבן, גוט, שלעכט, — אבי ניט חלילה אין טורמע. געפינט זיך ניט בײַ אײַך, מחילה, אַ פּאָר אַלטע תחתונים פאַר מײַנע אַרעסטאַנטן?

— רב דאַדי! וויפל זײַט איר אַלט ביז הונדערט צוואַנציק יאָר?

— געלויבט דער אייבערשטער, ניט קיין יונגערמאַן, לאָז אײַך גאָט געבן ניט ווינציקער יאָרן, נאָר מער מזל, און דער עיקר, איר זאָלט ניט וויסן פון קיין טורמע כל זמן איר וועט לעבן. געפינט זיך ניט בײַ אײַך אַ פּאָר אַלטע צעריסענע שטיוול פאַר מײַנע אַרעסטאַנטן?

אָט דאָס איז געווען דער אַלטע דאַדי, אָדער דוויד מלך ישראל.

ג

פאַרוואָס־זשע האָט מען אים גערופן דוויד מלך ישראל?

דערפאַר, וואָס איין מאָל אין יאָר איז ער געווען אַ מלך, אַ מלך בײַ ייִדישע קינדער, און דאָס איינע מאָל איז געווען דער טאָג פון שמחת־תורה.

קומט שמחת־תורה — איז ניט צו דערקענען דעם אַלטן דאַדין. דער רוקן אויסגעגלײַכט, די באָרד און פּאות אויסגעקעמט, די נאַפּאָלעאָנקע איבערגעקערט אַף דער לינקער זײַט, דער ברייטער ווײַסער קאָלנער אויסגעגלעט, אַן דעם שטעקן, אָן דעם זאַק — ס'איז גאָר ניט דער דאַדי. דאָס פּנים שײַנט, די אויגן גלאַנצן. גענומען לכבוד יום־טוב אַ ביסל בראָנפן, איז דער אַלטער דאַדי גאָר אַן אַנדער מענטש מיט אַן אַנדער נשמה — אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע נשמה.

צענויפגענומען קליינוואַרג, ייִנגלעך פון אַלע שולן, און אויסגעשטעלט זיי שורות־ווײַז אַרום און אַרום זיך, גייט ער, דער אַלטער דאַדי, אין מיטן, די הענט אַרויף צום הימל, און זינגט אַף אַ קול:

— צאַן קדשים!

ענטפערט אים קליינוואַרג:

— מע־ע־ע!

— ווער גייט מיט אײַך?

— אונדזער מלך דוויד, מע־ע־ע!

— ווי־אַזוי רופט מען אים?

— דוויד מלך ישראל, מע־ע־ע!

— שרײַט־זשע, ייִדישע קינדער, מיטן שיינעם ניגון: דוויד! מלך! ישראל! חי! וקיים!

— דוויד! מלך! ישראל! חי! וקיים! מע־ע־ע!!!

נאָך אַמאָל:

— צאַן קדשים!

— מע־ע־ע!

— ווער גייט מיט אײַך?

— אונדזער מלך דוויד, מע־ע־ע!

— ווי־אַזוי רופט מען אים?

— דוויד מלך ישראל, מע־ע־ע!

— שרײַט־זשע, ייִדישע קינדער, מיטן שיינעם ניגון! דוויד! מלך! ישר־אל! חי! וק־יים!

— דוויד! מלך! ישראל! חי! וקיים! מע־ע־ע!!!

צו די קינדער שטייען צו נאָך קינדער, די קאַוואַלקאַדע וואַקסט, דער עולם, וואָס גייט נאָך, ווערט אַלע מאָל גרעסער, דאָס קול ווערט אַלע מאָל שטאַרקער און רינגלט אַרום דאָס גאַנצע שטעטל. בײַ יעדער סוכה שטעלט זיך אָפּ דוויד מלך ישראל. באַלעבאַטים טראָגן אים אונטער אַ ביסל לחיים, ווײַבער זײַנען אים מכבד מיט לעקעך פונעם פאַרטעך. דאָס ביסל לחיים טרינקט ער אויס, און דעם לעקעך צעטיילט ער צווישן קליינוואַרג, רופט אויס מיט אַ ניגון:

— צאַן קדשים!

— מע־ע־ע!

— וואָס האַלט איך דאָ?

— לעקעך, מע־ע־ע!

— וואָסער אַ ברכה מאַכט מען איבער דעם?

— מזונות, מע־ע־ע!
— זאגט־זשע מיר איצטער, ווער גייט מיט אייך?
— אונדזער מלך דוויד, מע־ע־ע!
— וויאזוי רופט מען אים?
— דוויד מלך ישראל, מע־ע־ע!
— שרייט־זשע, ייִדישע קינדער, מיטן שיינעם ניגון: דוויד! מלך! ישר־אל! חי! וק־יים! מע־ע־ע!!!

ד

דוכט זיך, אין פלוג, ווען מען גייט דאָס אַן און ווען מען קען עס שאַטן, אַז אַן אַלטער מאַן פון אפשר הונדערט יאָר נעמט איין מאָל אין יאָר, שמחת־תורה, אַ ביסל בראַנפן, ווערט פריילעך און פאַרשטעלט זיך פאַר אַ מלך, און ייִנגלעך קונדייסים לויפן אים נאָך און מעקען, ווי די קליינע ציגעלעך: מע־ע־ע? באַדאַרף זיך אָבער טרעפן אַזאַ מעשה:

סאַמע סליחות־צייַט האָט מען אַראָפּגעשיקט צו אונדז אין שטעטל איינעם אַ נייַעם אדון (יענער איז מת געוואָרן). ווי געוויינלעך, אַ נייַער אדון, האָט ער אַרויסבאַוויזן נייַע תנועות, נייַע געגג, היינו: ערשטנס, האָט מען געזאָגט אַף אים, אַז ער איז אַ איש־אמת, נאָר צופיל אַ איש־אמת. דערטאַפּט אַ ייִדן, איז באַלד: „ס'קודעוואַ?" דאָס הייסט: „מה שמכם? פון וואַנען איז אַ ייִד?"... צווייטנס, נעמט ער ניט, אָבער לחלוטין ניט; ניט קיין מטבע און ניט קיין שוה־כסף; אַז מע שמועסט אַ נקי־כפּימניק! אַוודאי איז אַרויס אַ קלאַנג איבערן גאַנצן שטעטל: שלעכט! אַ רשע! אַ המן!...

כך הוה. אַף מאָרגן אינדערפרי איז ער שוין אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט. דורכגעלאָפן דעם מאַרק, אויסגעקוקט אַלע קלייטן מיט אַלע יאַט־קעס, אַ שמעק געטאָן דעם שול־הויף, געוואָלט באַקענען זיך מיטן ריח... נאָר, משטיינס געזאָגט, וואָס האָט ער געקענט מאַכן באַ אונדז בין הזמנים, אַז די מלמדים האָבן די חדרים שוין לאַנג צעלאָזט און מיט פאַלשע אַסיגנאַציעס האַנדלט באַ אונדז קיינער ניט, הייַנט ווען הערן מיר?

האָט אים אָבער גאָט צוגעשיקט אַ געשעפט: סוכות! ס'איז אים ניט געפעלן, פאַרשטייט איר מיך, ווי די ייִדן בויען זייערע סוכות. ס'איז, זאָגט ער, מסוכן קענען טאַמער מאַכט זיך אַ שרפה. איר פאַרשטייט אַ

משל? טויזנטער יאָרן זיצן ייִדן אין סוכות און האָבן קיין מורא ניט פאַר קיין זאַך, און פּלוצעם גאָר נאָט אײַך אַ שרפה!

— בכן, וואָס־זשע ווילסטו, פּריץ?

— וויל איך, זאָגט ער, איר זאָלט בויען אײַערע סוכות ניט אַזוי, נאָר אַזוי און אַזוי.

האָט מען דאָך אים געהערט מסתמא, ווי המן דעם גרעגער, און מע האָט זיך געשטעלט בויען די סוכות דווקא אַזוי, ניט אַזוי און אַזוי. האָט אָנגעשמעקט דער אָרון און האָט זיי מחילה צעוואָרפן.

האָט מען געשיקט צו אים אַ דעפּוטאַציע: „אדוני פּריץ! ווי איז שײַך סוכות אָן אַ סוכה?" האָט ער געזאָגט: „איין מאָל ניין!" און גיי שרײַ חי וקיים, אַז טאָמער שפּאַרט איר זיך אײַן, איז גאָר „ס'קור־דעוואַ!"...

בקיצור, וואָס זאָלט איר קלערן, מען איז גוט פאַרשוואַרצט געוואָרן, מע האָט זיך באַגראָבן נײַן איילן, זיך באַזעצט עטלעכע משפּחות אין איין סוכה און געציטערט אימת־מוות, טאָמער, אַ קשיא אַף אַ מעשה?... נאָר דער אייבערשטער האָט רחמנות געהאַט, ס'זײַנען איבערגעלאָפן די זיבן טעג סוכות גלאַט, אומזיסטיקע פּחדים, ביז ס'איז געקומען דער אַב־טער טאָג יום־טוב, שמחת־תורה.

ה

און אַז ס'איז געקומען דער אַכטער טאָג יום־טוב, שמחת־תורה, איז דער אַלטער דאַדי אַרויס מיט דער חברה קונדייסים אַפן שול־הויף און האָט אויסגערופן אַף אַ קול, ווי זײַן שטייגער איז:

— צאן קדשים!

האָבן אים די צאן קדשים געענטפערט:

— מע־מ־ע!

פּלוצעם וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד דער אָרון און באַ־טראַכט די דאָזיקע שיינע סצענע שטאַרק פאַרוווּנדערט. משמעות, ער זעט דאָס ערשטע מאָל אַזאַ קאָמעדיע. דער אַלטער דאַדי האָט, אפנים, ווינציק וואָס זיך איבערגעשראָקן פאַרן נײַעם אָרון, טוט ער זיך זײַנס און שנײַדט ווײַטער:

— זאָגט־זשע מיר, ייִדישע קינדער, ווער גייט מיט אײַך?

— אונדזער מלך דוויד, מע־ע־ע!

— וויאַזוי רופט מען אים?

— דוויד מלך ישראל, מע־ע־ע!

— שרייַט־זשע, יידישע קינדער, מיטן שיינעם ניגון: דוויד! מלך! ישר־אל! חי! וק־יים!

האָט דער אַדון געבעטן, מע זאָל אים געבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס באַדייַט, ווער איז דער אַלטער און וואָס זינגט דאָס קליינוואַרג?

האָט זיך אַרויסגעשטעלט שעפּסל דער מלמד, וואָס האָט געהאַט אַ שיין הענטל צום שרייַבן רוסיש; די פּאות האָט ער פאַרקאַטשעט אַרונ־טער די אויערן, און איז אַרוים פאַר אַ טאָלמאַטש:

— וויז צאַר זשידיווסקי דאַוויד, אַ וואַני יעווואַ כּלאַפּי...

האָט זיך דער אַדון געכאַפּט מיט ביידע הענט באַ די זייַטן און האָט זיך צעלאַכט. וויאַזוי, מיינט איר, געלאַכט? ממש שיר ניט צעזעצט און צעשפּרונגען געוואָרן פאַר געלעכטער. און דוויד דער מלך ישראל האָט ניט אויפגעהערט צו זינגען „צאַן צדשים!" און די צאַן קדשים האָבן ניט אויפגעהערט צו שרייַען „מע־ע־ע!" — ביז דעם אַדון איז, אַפּנים, נמאס געוואָרן די מעשה, האָט ער די חברה קליינוואַרג צעטריבן און דעם אַלטן דוויד מלך ישראל האָט ער אַ נעם געטאָן אַפן צימבל, ווי זייַן שטייגער איז: „ס'קודעוואַ!?" האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז דער אַלטער מלך פון ישראל ווייס אַליין אויך ניט ס'קודעוואַ — פון וואַנען ער איז... האָט ער אים אָפּגעשיקט מחילה גלייַך אַהין, אין טורמע אַרייַן, צו זייַנע „אַרעמע אַרעסטאַנטן"...

— דאָרטן, האָט ער געזאָגט, וועט ער זיך אויסניכטערן, דער אַל־טער שיכור...

* * *

אַף איבער אַ יאָר סוכות זייַנען יידן געזעסן אין זייערע סוכות, ווי אַלע יאָר. שמחת־תורה האָבן יידן געהוליעט, ווי אַלע יאָר. נאָר איין זאַך האָט געפעלט: מע האָט ניט באַגעגנט אינערגעץ דעם אַלטן „דוויד מלך ישראל". מע האָט ניט געהערט, ער זאָל זינגען: „צאַן קדשים", און די „צאַן קדשים" זאָלן אים ענטפערן:

— מע־ע־ע!!!

געשריבן אין יאָר 1904.

וואס איז חנוכה?

*)

> **ПО СЛУЧАЮ ХАНУКО**
> **имѣемъ честь**
> **покорнѣйше просить Васъ**
> **на чашку чаю**

אט אזא מין קארטל האב איך געטראפן בא זיך אפן טיש היינטיקן חנוכה פון מיינעם א גוטן באקאנטן, אן אויפגעקומענעם, פריש-געבא־קענעם גביר, פ ל א ט א ן פ א נ ט א ל א נ א וו י ט ש ל א ק ש נ־ט א פ א וו.

מילא, דעם פשט פון די ווערטער „נא טשאשקו טשאיו" פארשטייט דאך יעדער איינציקער גאנץ גוט: א „ווינט", א „פרעפעראנס", א „זעקס און זעכציק", אן „אקע", אדער א „סטוקעלקע"... נאר דער פא „סלו־טשאיו חנוכה" — וואס לאזט ער מיך דא הערן? וואס פאר א מחותן איז פלאטאן פאנטאלאנאוויטש מיט חנוכה, אז דאוונען גייט ער שוין היינט נאר איין מאל אין יאר, אי דאס — אין כארשול, און שמוב הערט מען שוין ניט בא אים א יידיש ווארט — איבער דער באנגע, די באנגע זאל חלילה ניט לאכן, און „ציוניסטן" האט ער פיינט, קען ניט הערן דעם נאמען זייערן?

— וואס האט איר צו זיי? — האב איך אמאל א פרעג געטאן אף ציקאוועסט. — וואס האבן זיי אייך אזעלכעס געטאן, די ציוניסטן?

---

* „פא סלוטשאיו כאנוקא אימיעעם טשעסט פאקארנייישע פראסיט וואס נא טשאשקו טשאיו" — צוליב חנוכה, האבן מיר דעם כבוד אייך צו פארבעטן אף א גלעזל טיי.

— ציוניסטן? — איך בעט אײַך, דערמאָנט מיר ניט דעם נאָמען זייערן! איך... איך... איך האָב זיי פֿײַנט! איר מיינט מחמת וואָס? מחמת איך האָב פֿײַנט אַ ייִדן? חלילה וחס! אדרבה, באַ מיר אַ ייִד איז דווקא מיטן גרעסטן כבוד; כאָטש אַפֿילו אונדזערע ייִדעלעך, צווישן אונדז רײדנדיק... גאָר ניט... ווי זאָגט איר, כאָטש פֿאַקרעשקע... נאָר אין שטוב באַ מיר האָב איך ליב, ס'זאָל זײַן ייִדיש: פּסח — מצה, סוכות — פּירעזשקעס מיט האָניק, פּורים — דאָס, ווי אַזוי הייסט דאָס? המנטאַשן, טייגלעך, פֿאַרפֿל, מאַנדלעך, קישעלעך און די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן... — אַזוי זאָגט צו מיר פּלאַטאָן פֿאַנטאַלאַנאָוויטש און באַלעקט זיך אַזש.

נאָך אַ סך זאַכן איז פּלאַטאָן פֿאַנטאַלאַנאָוויטשן פֿאַרבליבן פֿונעם ייִדישקייט, וואָס ער קען זיך מיט דעם ניט צעשיידן, למשל: פֿיש געפֿעפֿערטע מיט כריין, „פֿעטשאַ" מיט געטריקנטע פֿענעצלעך מיט קנאָבל, פֿליישיקע קרעפּלעך צו דער יויך — דאָס וואָלט ער אַ בעלן געווען אַלע טאָג, און אַ ייִדיש ראָסלפֿליישל מיט לעבערלעך און מיט פּופּיקלעך — דאָס חיות! ער וואָלט מוחל געווען צען ביפֿשטעקסן פֿאַר איין ייִדיש העלדזל, מיט מעל אָנגעפֿילט און מיט אַ פֿאָדעם פֿאַרנייט. ער וואָלט אוועקגעגעבן פֿופֿצן קאָמפּאָטן פֿאַר איין ייִדישן צימעס מיט מערן, גוט געבראַזשעט, מיט מעל פֿאַרפּראַוועט, און אַ שטיקל ברוסט זאָל זײַן דערבײַ; דאָס שטיקל ברוסט אַז מע פֿעפֿערט צו, איז דאָך אַ כפּרה אַלע מאָדנע פֿליישן מיט די הײַנטיקע וווּרשטן מיט די וואַרשעווער שינקען, וואָס ייִדן מוטשען זיך, זיי ווילן ס'זאָל האָבן אַ ייִדישן טעם און אַ פּנים פֿון חזיר...

הקיצור, איך האָב מיך פֿאַררעדט פֿון עסנוואַרג און האָב פֿאַרגעסן, אַז איך האָב באַקומען אַן אײַנלאַדונג פֿון פּלאַטאָן פֿאַנטאַלאַנאָוויטש „פֿאַ סלוטשאַיו חנוכה נאַ טשאַשקו טשאַיו"...

אָנגעקלונגען באַ דער טיר און אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן, האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַרײַן אַ ליכטיקייט מיט אַ וואַרעמקייט מיט אַ הו־האַ פֿון די געסט. און עס האָט זיך געלאָזט הערן דאָס באַקאַנטע וואָרט: „פֿאַסס!" אַקעגן מיר איז אַרויסגעקומען דער באַלעבאָס אַליין. גוט געפּאַקט, מיט אַ בײַכל און מיט אַ ליסינע און מיט אַ פֿרײַנטלעך שמייכל, וואָס איז אָנגעגרייט נאָך פֿון פֿריִער לכבוד די געסט. איך האָב

מיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָב אים אַ פרעג געטאָן טאַקע דאָ אױפֿן אָרט:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, מײַן ליבסטער פּלאַטאָן פּאַנטאַלאַנאַוויטש, וואָס איז אײַך עפּעס אויסגעקומען פּלוצעם „לכבוד חנוכה"?

— פֿרעגט מיך עפּעס גרינגערס. — מאַכט ער צו מיר און נעמט מיך אונטער דער האַנט, ווי אַ מחותן פֿון חתנס צד, און פֿירט מיך צו צו דער מאַדאַם לאַקשנטאַפּאַוו, און אַליין גליטשט ער זיך אַרויס פֿון מײַנע הענט.

די מאַדאַם לאַקשנטאַפּאַוו, פּ אַ נ ט אַ מ י נ אַ פּ אַ נ ט ע ל ע מ אָ נ אָ וו נ אַ, אויך אַ היפּשע שטיק, אָנגעטאָן אין גאַלע זײַדנס, אײַנגעטונקען אין בריליאַנטן, צו פֿינף־זעקס רינגען אויף איטלעכן פֿינגער, ווי אַ שאַנסאַנעטע זינגערן, האָט מיך באַגעגנט מיט זייער אַ זיס שמייכעלע: איינס פֿון די שמייכלעך, וואָס ס'איז בײַ איר צו קריגן צו יעדער צײַט. זי איז געזעסן בײַ אַ גרויסאַרטיקן סאַמאָוואַר און צעגאָסן טיי אין די גלעזער מיט אַ מאָס, גלײַך ווי מע צעגיסט קרײַטער אויף אַ רפֿואה. אויפֿן גרויסן שיין־אויסגעבעטן טיש שטייען אויסגעשטעלט גרויסע הויכע פּיראַמידן, טאָרטן אַזעלכע, וואָס אַז מע טוט אַ קוק אויף זיי, פֿאַרשטייט מען, אַז זיי זײַנען געמאַכט געוואָרן ניט אויף צו עסן; איר ווייסט אַפֿילו ניט, פֿון וואַנען, ווי אַרום הייבט מען זיי אָן צו עסן? איר וועט דאָך ניט אויפֿשטיין אין מיטן דרינען, כאַפּן אַ מעסער, צי אַ גאָפּל, און אומוואַלגערן אַזאַ מאַכינע, אַזאַ בוידעם! וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט איר האָבן נאָכדעם בײַ זיך אַליין, אַז איר וועט צעוואַלגערן דעם דאָזיקן בוידעם און צעגיסן דעם קרעם אויפֿן טישטעך? די מאַדאַם וועט אײַך דווקא זאָגן מיט אַ שמייכעלע: „ניטשעוואָ, עס מאַכט ניט אויס!" נאָר איר דאַרפֿט שוין פֿאַרשטיין וואָס דער „ניטשעוואָ" באַטײַט... גלײַכער, זאָג איך אײַך, איר זאָלט בעסער ניט נאָכגעבן דעם יצר־הרע; מע האָט אַנידערגעטשעטלט אַ טאָרט — לאָז ער שטיין געזונטערהייט!... דאָס אייגענע איז מיט די באַרן, מיט די עפּל און מיט די מאַראַנצן. איר זעט, דוכט זיך, פֿאַר אײַערע אויגן אַ גאַנצן אוצר מיט באַרן, מיט עפּל און מיט מאַראַנצן; נאָר לאָז זיך אײַך ניט גלוסטן! זיי ליגן אַזוי קונציק אויסגעלייגט: אַ שורה עפּל, אַ שורה באַרן, אַ שורה מאַראַנצן, אַרומגעלייגט בײַ די זײַטן מיט קאָנפֿעקטן, ראָזשינקעס און טייטלען, נאָר אַזוי ממזריש,

אַז אויב איר ווילט אַרויסבאַקומען, למשל, אַ באַר, אָדער אַן עפּל, מוזט איר אָנרירן אַלע איבעריקע שכנים — און עס הייבן אָן פאַלן און שפּרינגען אַפן טיש, און פונעם טיש אַף דער ערד, איין עפּל נאָכן אַנדערן, איין מאַראַנץ נאָך דער אַנדערער, — דעמאָלט, עס זאָל זיך אײַך עפענען אַ גרוב, וואָלט איר, דוכט זיך, בעסער אײַן דער ערד אַרײַן, איידער נאָכלויפן צונויפקלײַבן די עפּל, וואָס קאַטשען זיך אונטערן טיש!... דאָס אייגענע איז מיטן אײַנגעמאַכטס און מיט די אַלע איבעריקע זיסע זאַכן, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אַפן טיש. קוקט ניט, וואָס ס'איז צוגעגרייט געוואָרן טעלערלעך, מיט שעלעכלעך, מיט לעפעלעך, מיט גאָפּעלעך אָן אַ שיעור. איר קענט, חלילה, אַ נעם טאָן ניט מיט דעם לעפל, וואָס מע דאַרף, און ניט אין יענעם שעלעכל, וואָס מע דאַרף, פאַרגיסן און אָנאַרבעטן אַ חתונה — וואָס טויג עס אײַך? איר ווילט אַ שטיקל לעקעך מיט אײַנגעמאַכטס? — ווערט איר עסן אין דער היים. דאָ מוזט איר טרינקען אַ קאַלט גלאָז טיי, ביטער ווי גאַל, זיצן אין געהאַקטע ווונדן און שמייכלען, גלײַך ווי ס'איז אײַך גוט ווי די וועלט.

— ווי אַזוי טרינקט איר טיי — מיט לימענע, צי אָן לימענע? — פרעגט מיך פאַנטאַמינאַ פאַנטעלעמאָנאָוונאַ מיט אַ זיס שמייכעלע, — איינס פון יענע שמייכעלעך, וואָס איז באַ איר צו קריגן צו יעדער צײַט, און וואַרפט מיר אַרײַן אַ שטיקל לימענע אין גלאָז, בכדי די טיי זאָל זײַן,אפּנים, נאָך ביטערער. אַקעגן מיר, באַם טיש, זיצט אַ יונגערמאַן מיט אַ רירעוודיק פּנים און מיט גילדענע ברילן, וואָס קענען זיך ניט האַלטן באַ אים אַף דער נאָז, ניט מחמת די נאָז איז דערצו ניט מסוגל, נאָר מחמת דער יונגערמאַן אַליין זיצט נישט אײַן אַף קיין אָרט; אַז ער רעדט, רעדט ער ניט נאָר מיט הענט — מיט אַלע אברים. עס ווײַזט אויס, אַז מיט מײַן אַרײַנקומען האָב איך זיי איבערגעשלאָגן אין מיטן אַ שמועס, וואָרעם אַז איך האָב מיך אַנידערגעזעצט צו דער טיי, האָט דער יונגערמאַן מיט די ברילן אַף דער נאָז אָנגערופן זיך צו דער מאַדאַם:

— וואָס־זשע איז פאַרט אַזעלכעס, אייגנטלעך, חנוכה?

— איך זאָג דאָך אײַך, אַז חנוכה איז אַזאַ יום־טוב, וואָס... וואָס מע רופט אים חנוכה... שאַ, אָט וועלן מיר פרעגן באַ זיי; זיי קערן וויסן אַקוראַט.

אזוי זאָגט צו אים פּאַנטאַמינא פּאַנטעלעמאָנאָוונאַ, אַנווייזנדיק אַף מיר, און טוט זיך אַ כאַפּ:

— פּאַרדאָן! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איר זייט נאָך ניט באַ־קאַנט. ס אַ ל אָ מ אָ ן נ אָ ו מ אָ וו י ט ש ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם — אַ יידישער שריפטשטעלער; פּ אַ נ פּ אַ ר אָ ן פּ אַ ר ר אַ אָ נ אָ וו י ט ש י אַ נ ט ע וו ז אָ ן — מיינער אַ קאָוזען (אַ שוועסטערקינד).

האָבן מיר זיך בײדע אויפגעכאַפּט פון די ערטער, צוגעלאָפן איינער צום אַנדערן, גלײַך ווי מיר וואָלטן גרייט געווען פאַלן איינס אַף דאָס אַנדערע אַפן האַלדז; אין אמתן האָבן מיר נאָר אָפּגעמאַכט די געוויסע צערעמאָניע פון באַקענען זיך. זיך באַקענט, זעצן מיר זיך צוריק צום טיש, און יאַנטעוואָן רוקט זיך צו צו מיר אַ ביסל נענטער און רופט זיך אָן:

— האָט איר געהערט אַ ביסל? איך וויל וויסן וואָס איז חנוכה, איך גיין אויס, — אַז ווען איך פרעג וואָס איז חנוכה פאַר אַ יום־טוב — ווייס קיינער ניט וואָס צו ענטפערן.

— ווי קומט דאָס, — זאָג איך, — אַז אַ ייד, וואָס הייסט י ו ם ־ ט ו ב ־ ז אָ ן, זאָל ניט וויסן וואָס חנוכה איז פאַר אַ יום־טוב?

— ס'איז אײַך אַ חידוש? — מאַכט ער צו מיר און רוקט זיך צו נאָר נענטער. — איך קען זיך מיט אײַך וועטן אַף וויפל איר ווילט, אַז זיצן דאָרט אין זאַל אפשר אַ האַלבע מאה יידן, אויב עס וועט זיך גע־פינען אַפילע איינער, וואָס וועט אײַך זאָגן, וואָס איז חנוכה, גיב איך אײַך מײַן קאָפּ!

— וואָס טויג מיר אײַער קאָפּ? — זאָג איך. — לאָמיר זיך בעסער וועטן אַף געלט.

— אך! וועטן זיך! מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — מאַכט צו מיר יאַנטעוואָן און כאַפּט זיך אויף פונעם אָרט. — צו וויפל גייען מיר אײַן געוועט?

— צו פינפאונצוואַנציקער?

— צו פינפאונצוואַנציקער!

אָפּגעדאַנקט דער מאַדאַם פאַר דער טיי און באַקומען פון איר נאָך אַמאָל דאָס זיסע שמייכעלע, לאָזן מיר זיך בײדע אין דער גרויסאַרטיקער ליכטיקער זאַל אַרײַן. די לאָמפּן ברענען; די גרינע טישלעך זײַנען באַ־

זעצט מיט אַלערליי פֿאַרשווינען, צום מיינסטן, מיט קײַלעכיקע גלאַנצנ־דיקע ליסינעס; די גלאַנצנדיקע ליסינעס שפּיגלען זיך אָפּ אין די הויכע שיינע שפּיגלען; עס הערט זיך אַ הו־הא, אַ געריידערײַ פֿון אַ סך מײַלער, נאָר מער פֿון אַלץ לאָזט זיך הערן דאָס וואָרט „פּאַסס!"

מיר הייבן אָן שפּאַצירן פֿון איין טיש צום אַנדערן. מען איז שטאַרק באַשעפֿטיקט און שטאַרק אויפֿגעטראָגן איינס אױף דאָס אַנדערע פּאָר אַ שלעכטן גאַנג. דער האָט טענות, דער פֿאַרענטפֿערט זיך; דער בײַט זיך מיט די ערטער, דער טאַשט קאָרטן, גיד־גיד, מע האָט קיין צײַט ניט, גלײַך ווי אַט באַלד וועט מען קלינגען דאָס דריטע מאָל און מע וועט חלילה עפּעס פֿאַרשפּעטיקן. מיר גייען צו צו אַ טיש, וווּ פֿיר באַיאָרנטע מענטשן, אַלע מיט ווײַסע קײַלעכיקע גלאַנצנדיקע ליסינעס, שפּילן אין „ווינט". אָפּגעענטפֿערט מיר אױף מײַן „גוטן אָוונט" מיט אַ גרינגן שאָקל מיטן קאָפּ, גיבן זיי יאַנטעוואָנעו איטלעכער באַזונדער צו צוויי פֿינגער, און יאַנקעוואָנעו איז זיך מיישב, וואָס טויג אים לאַנגע מחזקות, אַ מער פּרעט ער צו גלײַך צום עסק און רופֿט זיך אָן צו זיי:

— האָט קיין פֿאַריבל ניט, וואָס איך שלאָג אײַך איבער. איך און אָט דער יונגערמאַן (ער ווײַזט אָן מיט דער בריל אױף מיר) האָבן געהאַלטן אַ וועט מכוח... מכוח וואָס איז חנוכה פֿאַר אַ יום־טוב? איך זאָג אַזוי, און זיי זאָגן אַזוי... בכן, איז געבליבן, מיר זאָלן אײַך בעטן, איר זאָלט אונדז פּותר חלום זײַן און זאָגן, אויב ס'איז מעגלעך, אין דרײַ ווערטער, וואָס איז אַזעלכעס חנוכה?

אַלע פֿיר פֿאַרשווינען מיט די ווײַסע קײַלעכיקע גלאַנצנדיקע ליסינעס הייבן אויף די אויגן און קוקן אױף אונדז אַזוי, גלײַך ווי מיר וואָלטן ביידע פּלוצעם געשטעלט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף.

— פּיק! — זאָגט איינער, און אַלע איבעריקע זאָגן: פּאַס!...

— טרעף! — זאָגט דער אַנדערער, און אַלע איבעריקע זאָגן: פּאַס!...

איז די משמעות, אַז מיר האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן. גייען מיר צו צום אַנדערן טיש. דאָרטן זיצן יונגע לײַט, שוין אָן ליסינעס, דאָס הייסט, קוים־קוים וואָס סע שנײַדט זיך באַ זיי אױף די קעפּ ווײַס־קײַלעכיקע טעלערלעך. דאָ גייט דאָס שפּיל אַ סאַך לעבעדיקער. ס'איז אַ „ווינט" מיט אַ „שטורעם"; מע היצט זיך, מע קריגט זיך, מע וואַרפֿט זיך דורך מיט

אזעלכע ווערטער, וואס דוכט זיך, ווען נים בא קארטן, קריגט מען פאר זיי פעטש.

בא דעם דאזיקן טישל איז געווען איינער א יונגערמאן מיט א רויטן האלדז און מיט א פרישטשעוואטע פנים, און ער איז געווען בא זיי דאס כפרה־הינדל. ווער עס האט געהאט גאט אין הארצן, דער האט זיך אין אים נוקם געווען. בא איטלעכן גאנג, וואס ער האט געמאכט, האט ער באקומען פון זיינע חברים אן אנדער קאמפלימענט:

— א מענטש מאכט א גאנג!

— ווימטער קאליקע!

— שטיוול־פלעכטער!

— שוסטער! וווּ זיינען אייערע אויגן?

— אין באבקעלעך באדארפט איר שפילן!

— קאצענער מוח! רוק און לענד באדארף מען אייך איבערברעכן!

און ערשט נאכדעם אוועקזעצן אין באד פאר א סטאראזש!

און דער יונגערמאן, דאס כפרה־הינדל, וויל זיך פארענטפערן, לאזט מען אים נישט.

— וואס וועט איר זאגן, וואס? איר האט וואס צו זאגן? א י ך זיינט נאך גערעכט? איר ווייסט דען נישט, אז איר זייט א ווימטער פינצ־טערער קאליקע, א שוסטער, א שטיוול־פלעכטער?

און אזוי ווייטער, אלץ דער אייגענער ניגון.

— קומט! — רוף איך מיך אן צו יאנטעוואזנען אפן אויער. — איר זעט דאך, אז עס האלט דא רחוק משבר וקרוב לפעטש...

— האט קיין יסורים נישט, מען איז די גרעסטע גוטע ברידער. — מאכט צו מיר יאנטעוואזן און איז א בעלן זיי אנמוטן, דערציילן זיי, אז מיר האבן געהאלטן א וועט מכוח חנוכה; ער זאגט א ז ו י, איך זאג א ז ו י; בכן איז געבליבן, מיר זאלן זיי בעטן, די יונגע לייט הייסט דאס, זיי זאלן אונדז פותר חלום זיין און זאגן, אויב ס'איז מעגלעך, אין דריי ווערטער: וואס איז אזעלכעס חנוכה?

— דאס קאנט איר געוואר ווערן נאר בא „זיי". — רופט זיך אן איינער פון דער חברה און באוויזט אפן „כפרה־הינדל". — מאמ'ער האט איר עפעס א שווערע זאך, א שארפן גאנג, א פארדרייטן חשבון, זאלט איר פרעגן בא „זיי". „זיי" וועלן דאס אייך באלד פותר זיין אין

איין כהרף־עין, מחמת „זיי” האבן, קיין עין־הרע, א טײַערן קאָפּ אונ־טער זיך!...

די גאַנצע חבריא צעלאַכט זיך, און דאָס „כפרה־הינדל” אַליין לאַכט אויך פון דער חכמה.

— גיט קאָרטן! — רופט זיך אָן איינער פון זיי, און מיר פאַר־שטייען, אַז מיר װעלן דאָ אויך גאָר נישט מאַכן; לאָזן מיר זיך גיין װײַ־טער, צו אַ טישל, װוּ דרײַ פאַרשװינדלער, יונגעלײַט, מיט אונטערגע־שמיצטע בערדלעך, שפּילן אין „פּרעפערענס”. דאָ בײַ דעם טישל, איז מען שוין נישט אַזוי בייז און אויפגעטראָגן, װי דאָרטן. מע גריסט זיך מיט יאַנטעװאַנעס גאַנץ העפלעך, װי מיט אַ גוטן באַקאַנטן, און יאַנטעװו־זאָן שטעלט מיך פאָר פאַר זיי:

— סאָלאָמאָן נאַאומאָװיטש שלום־עליכם, אַ ייִדישער שריפטשטע־לער. מיר האָבן געהאַלטן אַ װעט מכח אַ מאָדנעם ענין, מכח חנוכה. איך זאָג אַזוי, זיי זאָגן אַזוי; איז געבליבן, מיר זאָלן אײַך בעטן, איר זאָלט אונדז פּותר חלום זײַן און זאָגן, אויב ס'איז מעגלעך, אין דרײַ װערטער, װאָס איז אַזעלכעס חנוכה?

— חנוכה? — זאָגט איינער און קוקט אין די קאָרטן אַרײַן. — חנוכה? פּאַס!

— חנוכה? — זאָגט דער אַנדערער. — חנוכה איז אַזאַ יום־טוב, װאָס מע קאָן שפּילן אין פּרעפערענס.

— און עסן לאַטקעס מיט שמאַלץ, — לייגט צו דער דריטער און מאַכט אַ גאַנג; טוט דער ערשטער אַ שפּרונג אַפן בענקל און אַ ריס די קאָרטן, גלײַך װי עמעצער האָט אים דערלאַנגט מיט אַ שײַטהאָלץ איבערן קאָפּ, אָדער אָנגערירט מיט אַ הייסן אָנגעגליטן אײַזן פון הינטן, און צע־שרײַט זיך אָף אים, גלײַך װי ער האָט אים געקוילעט די קאָפּאָטע:

— איך פאַרשטיי ניט! מיר שפּילן אין פּרעפערענס, צי מיר פאַר־נעמען זיך מיט „ליטעראַטור”?

און דערבײַ האָט ער געגעבן אָף אונדז ביידן אַזאַ גלאָנץ מיט די אויגן, אַז מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיר זײַנען דאָ איבעריק, מע װעט זיך באַגיין אָן אונדז. מיר הייבן זיך אויף און גייען װײַטער.

אַ גרויסער קײַלעכיקער טיש, אַרום טיש פאַרשיידענע פאַרשװינענע פון אַלערליי מינים.

אפן טיש ליגט אנגעווארפן א בארג מיט קארטן, וואס איינער גיט איבער דעם אנדערן, דער אנדערער — דעם דריטן, און אזוי ווײַטער, און געלט (גאלדווארג) פליט אזוי ווי מיסט פון איינעם צום אנדערן. און אלע זיצן און קוקן נאר אין איין פינטל אריין — צו יענעם, וואס ווארפט די קארטן, ווארפט זיי איינע אהער, איינע אהין, רעכטס און לינקס, און אזוי געשמיידיק, אזוי קוים-קוים וואס דאס אויג קאן כאפן. דער עולם איז אזוי פארטיפט אין דער ארבעט, אז עמעצער זאל פלוצעם א געשריי טאן: עס ברענט! — וואלט זיך, דאכט מיר, קיינער נישט גערירט פון ארט.

— וויאזוי הייסט די שפיל? — פרעג איך בא מײַן יאנטעוווזאן.

— און ווער זײַנען די שפילערס?

— די שפיל — זאגט יאנטעוווזאן — הייסט „דיאבעלק” — און די שפילערס וועל איך אײַך באלד פארשטעלן איינציקווײַז: זעט איר, אט יענעם א — דאס איז א דאקטער אן פראקטיקע; און דער אנדערער, וואס זיצט נעבן אים, — דאס איז א אינזשיניער, מע וויים ניט פון וואנען און פון וואס... און דער ווײַסינקער מיטן קוויטשיק קולכל — דאס איז אן אויסגעפאטשטער אדוואקאט...

, — ששש!... — מאך איך צו אים. — שטילער אביסל!

— האט קיין מורא ניט! — זאגט צו מיר יאנטעוווזאן. — אט דא מעגט איר אף זיי זאגן וואס אין דער קארט, זיי הערן במילא נשט קיין ווערט!... און אט יענער בלאנדין — דאס איז א ייִד אן אפטייקער, וואס שפילט ניט אין קיין קארטן נאר דעמאלט, ווען ער שלאפט... און אט-א יענער יונגערמאן, וואס מיט די גרויע האר, דאס איז א כעמיקער, וואס מאכט פון סחורה געלט און פון געלט בלאטע... און ווײַטער, די איבעריקע — איינער א באנקיר, דער אנדערער א בוכהאלטער און דער דריטער אן אגענט, דער פערטער א צוקערמעקלער...

— און ווער איז אט-א-יענער עוג מלך הבשן? — פרעג איך בא יאנטעוווזאנען און ווײַז אים אן אף איינעם א הויכן, א געזונטן, וואס האט ניט אף זיך דעם צלם אלהים.

— ווער? — זאגט יאנטעוווזאן. — אט א יענע זיבעלע? דאס איז מײַנער א גוטער ברודער, נישט קיין היגער, פון די „הונגעריקע גובערניעס”. איר זעט, ווי ער שארט דאס געלד? איך האב מורא, ער וועט

דא אלעמען דורס זײַן, ווי א טכור! מע באדארף צוגיין צו אים, א פרעג טאן, וואס איז חנוכה, ער וועט אונדז זאגן אקוראט — ער איז א יודע נגן...

און יאנטעוווזאן גייט־צו צו אים און רופט אים אפ אף א זײַט און שמעלט מיך פאר, און דערציילט אים די גאנצע געשיכטע, וויאזוי מיר זײַנען געגאנגען אין געוועט וועגן חנוכה: איך האב געזאגט אזוי, ער האט געזאגט אזוי; בכן, איז געבליבן, מיר זאלן א פרעג טאן בא אים, ער זאל אונדז פותר חלום זײַן, אויב ס'איז מעגלעך, אין דרײַ ווערטער, וואס איז חנוכה?

דאס זיבעלע האט אנידערגעשטעלט אף אונדז א פאר אויגן און באטראכט אונדזביידן ווי משוגעים.

— אויב ס'איז אײַך — זאגט ער — שטארק נייטיק צו וויסן, זאלט איר זיך מטריח זײַן צו מיר אף דער אכסניה. איר טרעפט מיך אין דערהיים תמיד פון האלב פיר פארטאג ביז האלב נײַן אינדערפרי... איצט בין איך פארנומען; מע באדארף צונעמען בא זיי דאס געלד...

— אט האט איר א קלארע ידיעה! — מאכט צו מיר יאנטעוווזאן, און מיר לאזן זיך גיין ווײַטער. אפן וועג באגעגענען מיר איינעם, יאנטעוווזאנס א גוטן באקאנטן, א יונגנמאן מיט א פלאמעדיק פנים און מיט שטארק צעבורשעטע האר. דער יונגערמאן לויפט, ווי א פארסמטע מויז. יאנטעוווזאן שטעלט אים אפ מיט א ברייטן שלום־עליכם.

— א, פאני פיפערנאטער! וווהין לויפט מען דאס אזוי

— לאז מיך אפ! — מאכט צו אים דער יונגערמאן מיטן פלאמענדיקן פאנים און מיט די צעבורשעטע האר. — לאז מיר אפ, איך ברען ווי א שטרויענער דאך! אפשר געפינט זיך בא דיר, ברודער, א פאר הונדערטער, וועסטו מיך דערהאלטן בא מײַן כבוד!

— מיטן גרעסטן פארגעניגן! — מאכט צו אים יאנטעוווזאן. — נאר מיט איין תנאי, זאלסט מיך אויסהערן, וואס איך וועל בא דיר פרעגן. דער יונגערמאן מיטן פלאמענדיקן פנים און מיט די צעבורשעטע האר שטעלט אן די אויערן.

— ס'איז אזא געשיכטע, — מאכט צו אים יאנטעוווזאן גאנץ ערנסט: — איך און אט־א־דער יונגערמאן, הער שלום־עליכם, א יודישער שריפטשטעלער, האבן געהאלטן א וועט איבער א מאדנעם ענין: וואס איז חנוכה? איך זאג אזוי, זיי זאגן אזוי; בכן, איז בא אונדז

געבליבן, מיר זאָלן זיך ווענדן צו דיר מיט אַ בקשה, דו זאָלסט אונדז קלאָר מאַכן, אויב ס׳איז מעגלעך, אין דריי ווערטער, וואָס איז אַזעלכעס חנוכה?

— מפּו זאָלסטו ווערן, מיט וואָס מענטשן פאַרנעמען זיך!

אַזוי מאַכט דער יונגערמאַן מיטן פלאַמענדיקן פּנים און מיט די צעבורשעטע האָר און סטײַעט ניט. מיר בלײַבן שטיין ביידע אין מיטן זאַל, ווי די נאַראָנים.

— וווּהין גייט מען ווײַטער?

— וווּהין גייט מען ווײַטער?

— טאָמער וואָלטן מיר געגאַנגען צו די דאַמען?

— לאָמיר גיין צו די דאַמען.

אַרום אַ באַזונדערן גרויסן טיש זיצן זעקס שאַרף־אויסגעפּוצטע דאַמען, און צווישן זיי סך־הכל איין זכר, אַ קאַוואַליער מיט אַ פּערדיש פּנים און מיט אַ ווײַסן שרונט איבערן גאַנצן קאָפּ, און מע שפּילט אין יענער קלוגער שכלדיקער שפּיל, וואָס מע רופט זי „סטוקעלקע״. פּונקט אַף דער מיט שטייט אַ טעלערל, און אַלע דאַמען וואַרפן אַהין צו די זילבערנע גילנס. דער קאַוואַליער מיטן פערדישן פּנים און מיטן ווײַסן שרונט טיילט־אויס קאָרטן, און בכדי ער זאָל חלילה קיין טעות ניט האָבן און עס זאָל אויסקומען פּונקט זיבן, ציילט ער: זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פרײַטיק, שבת. און ווידער אַ מאָל — זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, מיטוואָך און אַזוי כסדר. דאָס ערשטע מאָל, אַז ס׳איז געווען איינס, האָבן די דאַמען שטאַרק געלאַכט פון דער חכמה; אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך זיי צוגעגעסן (קרעפּלעך עסן ווערט אויך נמאס!) און געשלאָגן צו דער גאַל, זײַנען זיי געזעסן, ווי די טאָפּן, און געגענעצט, כלומרשט קיין קאָפּ נישט פאַראינטערעסירט אין דער שפּיל, ווי איינער רעדט: „מע גיט קאָרטן, באַדאַרף מען נעמען, וואָס זאָל מען טאָן?״... נאָר איטלעכס מאָל, ווען מע דעקט אויף טרומף, ווערט מען עטוואָס לעבעדיקער. אַלע דאַמען נעמען זיך פאַוואָלינקע צו זייערע קאָרטן. גיבן אַכטונג, די אַנדערע זאָל ניט זען, און אַליין באַפּאַט מען אַ קוק צו יענער און אַ פרעג: „האַ? וואָס איז טרומף? וויפל איז דער רעמיז? ווער איז ערשט?״ די דאָזיקע דרײַ שאלות מוז איבערפרעגן איטלעכע דאַמע באַזונדער, און זייערע אויגן הייבן אָן ביסלעכ־

וויִז לײַכטן, זייערע פֿנימער שײַנען, און דער איינציקער קוואַליער מיטן פֿערדישן פּנים און מיטן שרונט מוז זיי אונטערטרײַבן אַלעמען: „נו, מאַדאַם, וואָס שווײַגט איר? איר גייט, צי איר שטייט?" — אַלע מאָל די אייגענע חכמה. איינע, אַ גראָבלעכע, אַן אויסגעפּוצטע דאַמע מיט אַ קליין נעזל, מיט באַבקעוואַטע הענט מיט שוואַרצע נעגל, נאָר מיט בריליאַנטענע רינגען אױף אַלע פֿינגער, האַלט די קאָרטן פֿעסט צום קאָר־סעט און טראַכט: „זי האָט געגעבן איין־און־איינציקן קיניג טרומף. וואָס טוט מען? אַפּוואַרפֿן — איז אַן עבירה; שפּילן — האָט זי מורא: טאָמער שלאָגט מען איר קעניג מיטן אַס, איז זי דאָך אין רעמיז!"... הקיצור, זי ישובֿט זיך אַזוי לאַנג, ביז זי זאָגט „פּאַס" און לייגט אַוועק די קאָרטן, האַלט זיי צו מיט דער האַנט, די איבעריקע דאַמען זאָלן נים דערזען וועמען זי האָט אַפּגעוואָרפֿן. און מחמת עס טרעפֿט זיך אַ מאָל מיט זיי אויך אַזאַ אַן אומגליק, קוקן זיי זיך איבער איינע מיט דער אַנדערער מיט אַ האַלב שמייכעלע. יענע דאַמע, וואָס פֿונעם קעניג פֿאַר־שטייט גאַנץ גוט, וואָס דאָס שמייכעלע באַטײַט, נאָר זי מאַכט זיך תמוואַטע, האַלט די האַנט אױפֿן אַפּגעוואָרפֿענעם קעניג און שפּילט מיט די בריליאַנטענע פֿינגערלעך, ווי אױפֿן פּאַרטעפּיאַן, און זינגט־צו צום טאַקט, מע זאָל טאַקע אין איין וועגס מיינען, אַז „מוזיק" איז בײַ איר דאָס חיות.

— וואָס גייט איר אום לײדיק? פֿאַר וואָס שפּילט איר נים? — רופֿט זיך אָן די דאַמע פֿונעם קעניג צו יאַנטעוואַנען, בכדי די איבערי־קע דאַמען זאָלן אויפֿהערן איבערקוקן זיך.

— מיר זײַנען פֿאַרנומען מיט זייער אַ וואַזשנעם ענין! — זאָגט צו איר יאַנטעוואַן. — מיר האָבן גענומען אױף זיך אַ שווער שטיקל אַרבעט, איך און אָט דער יונגערמאַן — מיר האָבן געהאַלטן אַ וועט וועגן חנוכה; איך זאָג אַזוי, זיי זאָגן אַזוי; האָבן מיר זיך מיישב געווען, מיר זאָלן פֿרעגן אימלעכן באַזונדער. אפשר קאָנט איר, מאַדאַם, אונדז פּותר חלום זײַן און זאָגן, אויב ס'איז מעגלעך, אין דרײַ ווערטער, וואָס איז אַזעלכעס חנוכה?

— חנוכה? — צעלאַכט זייך די דאַמע פֿונעם קעניג, צעמישט דערווײַל די אַנגעוואָרפֿענע קאָרטן און טאַקע אין איין וועג באַווײַזט זי

די ציין, מע זאָל זען, אַז ס'איז אייגענע, נישט קיין אַרײַנגעשטעלטע.

— כאַ-כאַ-כאַ! באַ די דאַמען ווילן זיי געוואָר ווערן וואָס איז ח־ח־חנוכּה!

— שאַט, שאַט, וואָס לאַכט איר אַזוי! — רופֿט זיך אָפּ צו איר אַ הויכע דאַמע מיט אַ מאַנצבילש פּנים. — זאָגט, אַז איר ווייסט נישט — און אַן עק! וואָס דאַרף מען דאָ לאַכן?

— איר זייט, אַפּנים, נישט צופֿרידן מיטן רעמיז? — ענטפֿערט איר אָפּ די דאַמע פֿונעם קעניג מיט אַ שמאָך און הערט נישט אויף צו לאַכן און באַווײַזן די ציין.

— ווען איך וואַרף אָפּ דעם קעניג טרומף, ווי אַנדערע, — מאַכט יענע וואָס מיטן מאַנצבילשן פּנים, — וואָלט איך אפשר אויך ניט גע־שטעלט קיין רעמיז.

— הכּלל, — מישט זיך אַרײַן יאַנטעווזאַן — ווייס קיינער ניט וואָס איז חנוכּה?

— אַוודאי איז חנוכּה אַ גוטע זאַך, אַז גאָט העלפֿט, מע האָט סך־הכּל איין צענטל טרומף און מע שפּרינגט אַרויס גליקלעך, אַז אַ רעמיז, און מע כאַפּט נאָך אַ רובל מיט צוואַנציק!

אַזוי רופֿט זיך אָן נאָך אַ דאַמע מיט גאָלד־פֿאַרביקע האָר און מיט אַ סך בריליאַנטענע פֿינגערלעך, און שאַרט צענויף דאָס געווינס און דעקט דאָס איבער מיט אַ ווײַס געשטיקט טיכעלע, ווי מע דעקט איבער אַ חלה אַף אַ מוציא, מע זאָל איר, אַפּנים, נישט געבן קיין גוט אויג...

— עס ווײַזט אויס, אַז מע באַדאַרף גיין ווײַטער. — מאַכט צו מיר יאַנטעווזאַן און זוכט מיט די אויגן. — שאַ, אָן גייט אַ ייִדל! איך קען אים, ער איז דער מאַדאַם לאַקשנטאַפּאָוו אַ קרוב. אויב דער ייִד וועט אונדז ניט זאָגן וואָס איז חנוכּה, מעגט איר זיך שוין געזעגענען מיטן פֿינפֿאונצוואַנציקער.

דער ייִד, וואָס יאַנטעווזאַן האָט אַף אים אָנגעוויזן, קאָן מען זאָגן, איז אַ צווייענדיקער ייִד, דאָס הייסט, אַ ייִד פֿון צוויי וועלטן, אַביסל פֿון דער אַלטער וועלט און אַביסל פֿון דער הײַנטיקער וועלט. דאַכט זיך, אַ לאַנגע קאַפּאָטע — נאָר אַ ווײַסע מאַנישקע; דאַכט זיך, פּאות — נאָר אַן אַ היטל; דאַכט זיך, אַ גרויסע באָרד — נאָר אַ קײַלעכיקע. מיר גייען־צו צו אים און דערציילן אים די גאַנצע מעשה, וויאַזוי מיר האָבן געהאַלטן אַ וועט מכּח חנוכּה, איך האָב געזאָגט אַזוי און זיי האָבן

געזאָגט אַזוי: בכן, איז בײַ אונדז געבליבן דער הסכם, מיר זאָלן אים בעטן, ער זאָל אונדז פּותר חלום זײַן און קלאָר מאַכן, אויב ס'איז מעג־לעך, אין דרײַ ווערטער, וואָס איז אַזעלכעס חנוכה?

— חנוכה? — רופט זיך אָן צו אונדז דער צווייענדיקער ייִד מיט אַ פּרײַלעך געלעכטערל. — איך האָב מורא צו זאָגן, נאָר מיר שײַנט, אַז איר האָט שוין ביידע לאַנג נישט געדאַוונט.

— פונוואַנען איז געדרונגען? פרעגן מיר אים?

— ס'איז געדרונגען — זאָגט ער — דערפון, אַז ווען איר זאָלט, אַשטייגער, האָבן אַ טבע דאַוונען אַלע טאָג אינדערפרי און אָפּדערנאַכט, וואָלט איר דאָך געזאָגט „על הנסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל התשועות ועל המלחמות"; און אַז איר זאָלט זאָגן אַלע טאָג אין דער פרי און אויף דער נאַכט „על הנסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל התשועות ועל המלחמות", וואָלט איר געוווּסט וואָס איז חנוכה... אין „זעקס און זעכציק" שפּילט איר? ווען מיר מאַכן אין דרײַען אַ „פינפהונדערט איינס".

— אַז ס'איז שוין יאָ אַזוי, — מאַכט צו אים יאַנטעווזאָן און קוועטשט אים צו צו דער וואַנט — דערציילט־זשע אונדז וואָס שטייט דאָרטן בײַ אײַך אינעם „על הנסים" געשריבן? מחמת איך מוז אײַך זאָגן דעם אמת, איך האָב שוין פאַרגעסן אפילו ווי אַזוי מע דאַוונט.

— אַזוי? — זאָגט דער צווייענדיקער ייִד אַלץ מיט אַ געלעכטער און באַווײַזט אַפן קאָפּ. — נישט דאָ דער אָרט דערויף. דאָ איז פאַראַן אַנדערע אַרבעט. ס'איז דאָך הײַנט חנוכה, און חנוכה, זאָלט איר וויסן, איז אַ מצווה צו שפּילן אין קאָרטן... הקיצור, לאָם איך וויסן, מיר מאַכן אַ „זעקס און זעכציק" אין דרײַען, צי ניין? גיכער, די נאַכט שטייט נישט.

מיר דערזעען פון ווײַטן שטייט אַ רעדל פון יונגעלײַט, אינטעליגענטן, פאַרטיפט אין אַ שמועס וועגן „ליטעראַטור" לאָזן מיר איבער דעם צווייענדיקן ייִדן, גייען־צו צום רעדל און פרוּוון זיך מאַכן אַ רייד מכּח „חנוכה".

— חנוכה? מיר זײַנען נישט קיין ציוניסטן... — רופט זיך אָן איינער פון זיי, אַ יונגערמאַן מיט קונציק פאַרדרייטע וואָנצעס און מיט אַ לאַנגן נאָגל אויפן מינדסטן פינגער, און דער איבעריקער עולם צע־

לאכט זיך פון דעם וויץ. מיר טרעטן־אפ פון דער דאזיקער פריילעכער קאמפאניע און דערזעען א סטודענט מיט א בלויען קאלנער און מיט גילדענע קנעפ שטייט און רעדט מיט א מאמזעלכן מיט רויטע הענט. דער סטודענט מיטן בלויען קאלנער און מיט די גילדענע קנעפ דרייט די וואנצעס, וואס וועלן אמאל זיין, און דאס מאמזעלכן מיט די רויט׳ע הענט קוקט אף דער סטעליע און דרייט זיך אפן קארעק.

— איך וויים שוין. — מאכט צו מיר יאנטעוואן שטילערהייט. — דאס מאמזעלכן איז טאקע אונדזער פלאטאן פאנטאלאנאוויטשעס טעכטערל, און דער יונגערמאן איז א סטודענטל, נישט קיין באקאנטער. וויזט אויס, אז ער שדכנט זיך צו איר, דאס הייסט, צו די פופציק טויזנט, וואס מע גיט איר נדן... כדאי פונדעסטוועגן צו הערן, פון וואס רעדט דאס דאזיקע פארל.

מיר גייען צו אביסל נעענטער און כאפן איינציקע ווערטער: „גיי־שע... באלעט... אפערעטקע... סלאווסקאיא שפילט גוט... טאמארינא שפילט בעסער"...

— פארדאן! — רופט זיך אן יאנטעוואן צום סטודענט. — איך מוז אייך איבערשלאגן אין מיטן די רייד, כאטש איך האב גיט די ערע צו זיין מיט אייך באקאנט. דא איז אזא געשיכטע: איך און אט דער יונגערמאן האבן געהאלטן א וועט מכוח חנוכה; איך זאג א ז ו י, זיי זאגן א ז ו י. בכן איז געבליבן, מיר זאלן פרעגן איטלעכן באזונדער. אפשר וואלט געוועז א סברה, איר זאלט זיין אזוי גוט און פותר חלום זיין אונדז, אויב ס׳איז מעגלעך, אין דריי ווערטער, וואס איז דאס אזעל־כעס חנוכה?...

דער סטודענט קוקט אפן מאמזעלכן, דאס מאמזעלכן — אפן סטו־דענט, אוןביידע שמייכלען. נאכדעם מאכט דער סטודענט צו יאנטעוו־זאנען אף רוסיש:

— פראווא ניע זנאיו, יא ניע זדיעשני, יא אדעסיט.*

— איזוויניטיע, מי ניע זנאלי, טשטא ווי אדעסיט...** — זאגט צו אים יאנטעוואן, טוט זיך א בייג צו אים און רופט זיך אן צו מיר:

— אן זיצט מיינער א באקאנטער, א יידישער לערער, וואס גיט שטונדן.

---

*) כ׳לעבן איך וויים נישט, איך בין נישט קיין היגער, איך בין אן אדעסער.
**) האט קיין פאריבל נישט, מיר האבן נישט געוווסט, איז איר זייט אן אדעטער.

ער איז א היגער, ניט קיין „אדעסיט“, ער וועט אונדז שוין געוויס זאגן וואס איז חנוכה...

מיר גייען צום ייִדישן לערער. א יונגערמאן מיט ברילן, האלט פאר־לייגט א פוס איבער א פוס און רייכערט א פאפּיראס. יאנטעוואן שטעלט מיך פאר און דערציילט אים די מעשה, וואזוי מיר זײַנען געגאנגען אין געוועט איבער „חנוכה“: איך האב געזאגט אזוי, ער האט געזאגט אזוי; בכן איז געבליבן, מיר זאלן פרעגן דא בא איטלעכן באזונדער. האבן מיר שוין איבערגעפרעגט כמעט אלע געסט, וויים קיינער ניט וואס צו זאגן. בכן, בעטן מיר אים, הייסט דאס, ער זאל זײַן אזוי פרײַנטלעך אונדז פּותר חלום זײַן און זאגן, אויב ס'איז מעגלעך, אין דרײַ ווערטער, וואס איז אזעלכעס חנוכה?

— חנוכה? — מאכט דער לערער מיט א ניגון, כאפּט זיך אויף און צעלאכט זיך. — אט דא ווילט איר געוואר ווערן, וואס איז חנוכה געטראפן דעם ארט, ווי איר זעט מיך לעבן! איר פרעגט זיי בעסער, וואס הייסט „ווינט“, „בעזיק“, „פּרעפּעראנס“, „אקע“, „באנטשאק“, „סטוקעלקע“, „טערטל־מערטל“, „זעקס און זעכציק“, „עקארטע“, „שמען־דע־פער“, „מאקאא“, „טראנטעקאראנט“...

— האט קיין פאריבל ניט, — שלאגט אים איבער יאנטעוואן אין מיטן — דאס ווייסן מיר אליין. איר זאגט אונדז בעסער, וואס איז חנוכה?

— „חנוכה“ ווילט איר בא זיי וויסן? — זאגט ווײַטער דער לע־רער. — איר פרעגט זיי בעסער וואס הייסט א חזירל געפרעגלט אין פּו־טער, א „יאלקע“ אף יום־טוב, א „פּאסקע“ אף פּסח? איר פרעגט זיי בעסער, וואס הייסט „וואלסלואיקענז“, „מיניאן“, „שאקאן“, „פּאדע־קאטר“, „פּאדעספּאן“, „פּאדעפּאטינע“? איר פרעגט זיי בעסער, וואס הייסט „פלירט“, אדער א פארבײַטעניש, א פארדרייעניש, א פארפּלאנ־טעניש מיט די ווײַבער, מײַן ווײַב דײַן ווײַב...

— האט קיין פאריבל ניט — האקט אים איבער יאנטעוואן נאך אמאל. נאר אונדזער פארשוין האט זיך צעלאזט, ווי א וואסער, צעגאסן, ווי א פאנטאן; ס'איז אוממעגלעך געווען **אפּצושטעלן דאס וואסער**; ס'איז ניט געווען מיט וואס צו פארשטעקן דעם דאזיקן פאנטאן...

— גרישקא! — צעשרײַט זיך יאנטעוואן און שטעלט אפּ א ספּריטנע ייִנגעלע פון א יאר ניַין אבער צען, מיט ברענענדיקע שוואר־

צע אייגלעד, וואס לויפט פארבײַ אונדז. — גרישקא! גרישקא! קום נאר אהער, נשמה מײַנע, איך וויל דיך עפּעס פרעגן.

גרישקא גייט צו צו יאנטעוויזאנען, ווי צו א גוטן באקאנטן, און הייבט אויף צו אים די שווארצע ברענענדיקע אייגלעד.

— זאג נאר, גרישקא, נשמה מײַנע, ייִדיש לערנסטו?

— א קאַק-זשע? — מאכט גרישקא. — אלף, בית, גימל, ריש...

— בראַוואַ! מאלאַדיעץ! — מאכט צו אים יאנטעוויזאן מיט א קניפּ אין בעקל. — זאג נאר, גרישקא, דו ווייסט, אז ס'איז פאראן אזא יום־טוב, וואס מע רופט דאס „חנוכה"?

— א קאַק-זשע? — מאכט גרישקא.

— זאג־זשע מיר, מײַן טײַערער, וואס איז דאס חנוכה?

— חנוכה? — מאכט גרישקא און זײַנע שווארצע ברענענדיקע אייגלעד לויפן ארום הין און צוריק, ארויף און אראפּ, ווי די מײַזלעד.

— חנוכה? חנוכה? סיימשאס!... דער פּאפּאשא... די מאמאשא... דער פּאפּאשא עסט... וויאזוי הייסט דאס?... מצה מיט שלח-מנות... און די מאמאשא דרייט א ווײַסע הון אט אזוי... אי קושאיוט יעווריסקי קרעפּליעקי...*

גרישקא באווײַזט מיט די הענטלעד אפן קאפּ, וויאזוי די מאמע שלאגט כפּרות, און באלעקט זיך פון די ייִדישע קרעפּלעד.

און אף מײַן יאנטעוויזאנען פאלט אן פּלוצעם אזא געלעכטער, אז איך מיין — אט באקומט ער דעם שלאג. — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין זאל איז ליכטיק און ווארעם. די לאמפּן מיט די ליוסטרעס ברע־נען. די ווײַסע קײַלעכיקע גלאנצנדיקע ליסינעס פון די שפּילערס שפּיגלען זיך אפּ אין די הויכע גלאנצנדיקע שפּיגלען. עס הערט זיך א הו־הא, א גע־רײדערײַ פון א סך מײַלער; נאר מער פון אלץ לאזט זיך הערן דאס ווארט „פּאס!" איך שטיי, ווי א נאר, אין מיטן זאל, און מײַן נײַער באקאנטער, פּאנפּאראן פאראנאנאוויטש יאנטעוויזאן, קאטשעט זיך פאר געלעכטער. דאס לאכט ער פון מיר, וואס איך האב אנגעווארן די וועט.

* * *

אט אזוי פארשפּילט מען א פּינפּאונצוואנציקער!

געשריבן אין יאר 1901.
חנוכה, תרס"ב. קיעוו.

---

*) און מע עסט ייִדישע קרעפּלעך.

פורים

...וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים.
און די דאָזיקע טעג פון פורים זאָלן קיינמאָל נישט בטל ווערן פון ייִדן.
(מגלת אסתר, ט׳, כ״ח).

„פורים זײַנען אַלע שיכורים ניכטער”. דאָס דאָזיקע ווערטל איז געזאָגט געוואָרן אויך אַף מיר, ייִדישער פּעליעטאָניסט. אַ גאַנץ יאָר בין איך פריילעך, איך קיצל דעם עולם מיט מײַנע פעליעטאָנען, דער עולם לאַכט און איך אויך בתוכם; נאָר הײַנט, אום פורים, בין איך דווקא אומעטיק, דווקא ניט אויפגעלייגט אַף צו לאַכן.

וואָס איז די מעשה?

איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם פורים פון אַמאָליקע יאָרן. איך האָב מיך דערמאָנט אָן אונדזערע אַלטע ייִדישע מנהגים, וואָס גייען אונטער ביסלעכווײַז בײַ ייִדן און ווערן בטל. דאָס הייסט, ניט דער יום־טוב גייט אונטער; „פורים זאָל קיינמאָל ניט בטל ווערן” — אַזוי שטייט בײַ אונדז געשריבן אין דער מגילה; נאָר יענע אַלטע ייִדישע מנהגים, איבערהויפּט בײַ אונדז אין יעהופּעץ און אין אַלע גרויסע שטעט, גייען אונטער ביסלעכווײַז און ווערן בטל. איך האָב מיך דערמאָנט אין דעם גרעגער, מיט וועלכן מיר, חדר־ייִנגלעך, פלעגן זיך נוקם זײַן אין המנען. אַלע יאָר, אַלע יאָר פלעגט אונדז דער דאָזיקער אַנטיסעמיט, המן בן המדתא, דערקוטשען מיט זײַנע המנס־מסירות פאַרן קעניג אחשוורוש, און מיר, חדר־ייִנגלעך, פלעגן זיך דערפאַר גוט רעכענען מיט אים אין שול, בײַ דער מגילה, מיטן גרעגער... מיר וועלן אים אייביק ניט פאַרגעסן, ער וועט אונדז אָבער אויך האָבן צו געדענקען! איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם המן־טאַש מיט מאָן, וואָס האָט

געהאַט דעם טעם גן-עדן. איר ווילט וויסן, וואָס הייסט טעם גן-עדן? פאַרזוכט אַ פרישן ייִדישן המן-טאַש מיט מאָן; נאָר זײַט מוחל פריִער אָפּפאַסטן אַ גאַנצן טאָג „אסתר תענית", און נאָכדעם זײַט זיך מטריח אין שול אַרײַן אויסהערן אַ גאַנצע מגילה, לאָז מען אײַך אַנגרעגערן אַ פולן קאָפּ, און אַליין זאָלט איר זיך אויך ניט פוילן צו טופּען מיט די פיס, העלפן שלאָגן המנען. און נאָכדעם, אַז איר וועט קומען אַהיים אַן אויסגעהונגערטער, אַן אַנגעלייענטער און אַ פאַרגרעגערטער, און מע וועט אײַך מכבד זײַן מיט אַ פרישן דרײַעקעכיקן המן-טאַש מיט מאָן, וועט איר פאַרשטיין, וואָס הייסט טעם-גן-עדן... איך האָב מיך דערמאַנט אָן דעם שיינעם, גרויסן, הויכן, געפלאָכטענעם, מיט זאַפראַן פאַרגעלטן און מיט ראָזשינקעס אָרומגעשטעקטן „פורים-קוילעטש". איך האָב מיך דערמאַנט אָן דער פורימדיקער סעודה מיטן „שושנת-יעקב", וואָס מײַן פעטער פיניע פלעגט זינגען און וואַרפן בשעת מעשה מיט דער שיינער באָרד, און איצל דעם פעטער פיניעס האָט אים אונטערגעהאָלפן אַף אַ דין קולכל, און אַז ס'איז געקומען צו „אָרור המן" און „ברוך מרדכי", האָבן מיר אַלע אונטערגעכאַפּט און איבערגעחזרט אַ מאָל עטלעכע און צוואַנציק, זיך גאַרניט געקענט צעשיידן דערמיט, אַזוי לאַנג גערדייט „אָרור המן" און „ברוך מרדכי", ביז ס'איז אויסגעקומען: „אָרור ברוך, מרדכי המן", „מרדכי אָרור, המן ברוך", „המן מרדכי, אָרור ברוך", פונקט אַזוי ווי אין שולחן-ערוך שטייט געשריבן: „ס'איז אַ מצווה, מע זאָל פורים אַזוי לאַנג טרינקען, ביז מע זאָל זיך פאַרבײַטן מיט די יוצרות"... איך האָב מיך דערמאַנט אָן דער שיינער שפּיל פון די „פורים-שפּילער" און אָן יענעם שיינעם מנהג, וואָס ווערט אָנגערופן „משלוח-מנות" און „מתנות לאביונים". איך האָב מיך דערמאַנט אָן די דאָזיקע אַלע שיינע מנהגים

— און פרעג זיך אַליין: ווו זײַנען זיי אַהינגעקומען? פאַרוואָס זעט מען ניט, פאַרוואָס הערט מען ניט פון זיי בײַ אונדז אין יעהופּעץ און אין אַלע אַנדערע גרויסע שטעט? ניטאָ, מיר האָבן זיי פ אַ ר ז י נ ד י ק ט! פאַרזינדיקט דעם גרעגער, פאַרזינדיקט דעם המן-טאַש מיט מאָן, פאַרזינדיקט די סעודה מיטן פורים-קוילעטש מיטן שלח-מנות! פונעם פורים איז בײַ אונדז פאַרבליבן אַ זכר נאָר אין די ווערטער: „עס וועט געדויערן פון אסתר-תענית ביז פורים", אָדער: „פורים נאָכן קאַלטן קוגל"; פונעם גרעגער איז פאַרבליבן בײַ אונדז אַ זכר: „איך הער דיך, ווי המן

דעם גרעגער"; פונעם פורים־קוילעטש: „ער וואקסט אין דער ברייט, ווי א פורים־קוילעטש", וכדומה אזעלכע פאלקס־ווערטער. דער המן־טאש מיט מאן האט שוין ניט מער בא אונדז יענעם יידישן טעם. פאראן בא אונדז אין יעהופעץ אנדערע מאכלים: כל מיני פאשטעטן מיט קנאבל, ביפשטעקס א־לא־אנגלעז, געפרעגלט אין גענדזן־שמאלץ, דאקעס געפילט מיט מצה־מעל, פודינג א־לא־לאקשנקוגל מיט מאראזשענע, און נאך א סך אזעלכע „יידישע" מאכלים... „סעודות" זיינען מיר, ברוך השם, אויך ניט זשעדנע א גאנץ יאר אין יעהופעץ; אלע מאנטיק און דאנערשטיק האבן מיר „זשורפיקסן", און אנשטאט „ארור המן" און „ברוך מרדכי" זאגן מיר: „סיעם פיק, פאס, וואסיעם טרעף, שלעם בעז קאזעריי, פאס, פאס"... און אז עס פארגלוסט זיך אונדז זען „פורים־שפיל", גייען מיר זיך דורך אין „ארקאדיע", אין „סטרעלנע", אין „טיוואלי", אין „אלקא־זאר", אדער אין אנדערע כדומה אזעלכע מקומות... אדער מיר גייען גאר אין י י ד י ש ן טעאטער, פון יענע יידישע „אקטיעריוערן", וואס פארן ארום פון שטאט צו שטאט און שטעלן די יידישע אפערעס: „קאל־דוני", „שולמית", „בר כוכבא"... אלע מאל, ווען איך קום אף די דאזיקע יידישע „אקטיעריוערן", שטעלט זיך מיר פאר יענע שיינע שפיל פון אונדזערע „פורים־שפילער", וואס איך האב געזען אין מיין געבורט־שטאט, אין כ ת ר י ל ע ווק ע, בשעת איך בין נאך געווען א חדר־יינגל.

די בלאטע איז גרוים, און פון אויבן שיט א שנייעלע; דאס שנייעלע לאזט, און די בלאטע ווערט נאך גרעסער. „זיי" גייען אנגעוואפנט מיט כלי־זיין פון שטוב צו שטוב און קנעטן מיט די שטיוול די גרויסע, טיפע, זומפיקע בלאטע, און א גאנצע טיטשקע יינגלעך לויפן נאך נאך „זיי"; די יינגלעך פאלן אין דער בלאטע, שטייען אויף און לויפן ווייטער, מיט א געלעכטער און מיט א געשריי: „אחשוורוש! ושתי! מאנדריש!" אט־אט זיינען „זיי" שוין בא אונדזער שטוב, אט־אט עפנט זיך די טיר — „זיי" זיינען דא.

— גוט יום־טוב אייך! — שיסן „זיי" אוים אלע מיטאמאל ווי פון צעז ביקסן, שטעלן זיך אוים, ווי די סאלדאטן, און די „שפיל" הייבט זיך אן.

פריער פון אלע טרעט ארוים דער קעניג אחשוורוש „קאפל דער שניידער) מיט א געלן פאפירענעם ספאדיק אפן קאפ, כאפט ארוים א היל־

צערנע שווערד פון אונטער דער פּאָלע, עפנט אַ מויל און הייבט אָן מיט אַ משונה־מאָדנע ניגון, אַף אַ משונה־מאָדנע שפּראַך, וואָס מע רופט דאָס דײַטש:

דו, המן בן המדתא צורר היהודים,
און דו, מאַנדריש, און איר אַלע מיניסטאָרן מײַנע,
איר זאָלט אַלע טהון טהין הערוו,
וואָס איך קעניג אחשוורוש וועל אײַך טהון טהין שפּרעכוו,
דערפאַר וואָס די קעניגן ושתי האָט מײַן באַפויל ניט
געוואָלט אָנגעמוו,
פאַר אַלע מײַנע לײַט נאַקעט אַרויסטרעטוו,
זאָל מען איר מיט דיזן שווערד דעם קאָפּ אַראָפּנעמוו
און מײַן געליבטער אסתר פאַר קעניגן טהון קריינוו...

בשעת מעשה טוט דער קעניג אַ מאַך מיט דער שווערד און אַ ווונק אַף מרדכין, און עס גייט צו מרדכי (לוי דער קאַרנאַסער שוסטער), אָנ־געטאָן אין אַן איבערגעקערטער קאַפּאָטע אַף דער לינקער זײַט און מיט אַ באָרד פון קלאָטשע; ער טוט דרײַ שפּאַן, שטעלט זיך אַוועק און גיט אָפּ כבוד דעם קעניג אחשוורוש, ווי עס געהער צו זײַן, און זינגט אויס אַף זײַן קאַרנאַסער ציקלדיק־ווײַנענדיקער שטימע:

אַרײַן, אַרײַן, אַרײַן,
ברודער מלכה דו מײַן!

און עס באַווײַזט זיך ושתי המלכה (מאָטל דער סטאָלער), אָנגעטאָן: אין אַ קליידל פון אויבן אַף דער קאַפּאָטע, און די פּאָלעס זעען זיך אַרויס, נאָר בכדי מע זאָל חלילה ניט דערקענען, אַז די מלכה ושתי איז אַ מאַנצביל, און אַלע זאָל טאַקע מיינען, אַז ס'איז אַ נקבה, האָט ער אונטערגעבונדן דאָס בערדל מיט אַ ווײַסער פאַטשיילע (וואָנצעס מאַכט ניט אויס). די מלכה ושתי טוט אַ פּאַל אַף דער ערד, און עס שטעקן אַרויס אַ פּאָר גרויסע צעריסענע שטיוול. זי הייבט אויףביידע הענט צום קעניג אחש־וורוש און זי טוט פאַר אים קנײַען און בעטן: „ער זאָל אַף איר שענקען טהון מהין קוקוו, ער זאָל זיך דערבאַרעמען אַף אירע יונגע יאָרן און זי פון דער וועלט נישט אומברענגען". און בא דער זײַט שטייט המן הרשע (יאָסקע דער באַהעלפער) מיט אַ שאַרבן אַפן קאָפּ, און בשעת ושתי ליגט אַף דער ערד און וויינט פאַרן קעניג אחשוורוש, נעמט המן אין

וויַזט מאַנדרישן אַ קולאַק, און מאַנדריש שטעלט אים אַרויס אַ צונג, און צווישן חברה ווערט דערווײַל אַ געלעכטער. ער ווייס ניט, דער רשע־מרושע, אַז אַט באַלד האָט ער די מפּלה, אַט באַלד וועט דער קעניג אחשוורוש אַרויסגעבן אַ באַפעל: „מע זאָל דעם מערדער, דעם גזלן, דעם רוצח אָפּ אַ הויכן בוים אויפהענגען, און מאַנדרישן דעם ייִדן זאָל מען פאַר שני למלך טהון מאַכון". אַך, ווי זיס איז די נקמה! ווי גרויס בין איך בײַ זיך אין די אויגן מיט מײַן ייִדישן שני למלך! ווי שטאַרק טוט מיר באַנג, וואָס די שפּיל ענדיקט זיך, און די חברה פּורימשפּילער נעמען צונויף די עטלעכע גראַשנס, און איך געזעגן זיך אָפּ מיט זיי אויף אַ גאַנץ יאָר!

נאָר מער פון אַלץ טוט מיר באַנג דער מנהג פון „משלוח־מנות" און „מתּנות לאביונים" — מתּנות פאַר די אָרעמע לײַט.

האַלב וואָכעדיק, האַלב יום־טובדיק, מיט אַ זײַדענער פּאַטשיילע און מיט אַ פאַרטעך, שטייט די מאַמע באַם טיש שטאַרק צעטראָגן: עפּעס אַ ווערטעלע אויסצוריידן — כּמעט אַ מאה שלח־מנותן אָפּנעמען און כּמעט אַ מאה שלח־מנותן אָפּשיקן, קיינעם ניט אָנזעצן, חלילה קיין טעות ניט האָבן, געדענקען וועמען וואָס פאַר אַ שלח־מנות מע באַדאַרף אָפּשיקן. צום בײַשפּיל: אַז יענער שיקט איין פּלעדל, צוויי קישעלעך, איין מאַנדל, צוויי שטיקלעך טאָרט, איין האָניק־טייגל מיט צוויי צוקער־לעקעכלעך, — באַדאַרף מען אים אָפּשיקן, געוויינלעך, צוויי פּלעדלעך, איין קישעלע, צוויי מאַנדלעך, איין שטיקל טאָרט, צוויי האָניק־טייגלעך מיט דרײַ צוקער־לעקעכלעך. מע באַדאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, חלילה ניט אָנמאַכן אַ חתונה, ווי סע האָט זיך אַמאָל שוין געטראָפן בײַ אונדז אַזאַ אומגליק, דאָס הייסט, מע האָט געשיקט איינער אַ נגידית צוריק איר אייגענעם שלח־מנות, — האָט זיך דאָס געטאָן, עס איז אַרויס אַ מחלוקת צווישן די מענער, מיט סקאַנדאַלן, מיט פּעטש, מיט מסירות, מיט רדיפות, ווי געוויינלעך... היינט די מענטשן, וואָס ברענגען דעם שלח־מנות, באַדאַרף מען אויך עפּעס שענקען — וועמען אַ קאָפּיקע און וועמען צוויי און וועמען נאָך מער פון צוויי... נאָר אָט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן אַ מיידל מיט שטאַרק רויטע האָר און מיט אַ סך קלייַנע אָפּן פּנים — דאָס איז מײַן רבינס אַ מיידל; זי גייט אַרום פון איין באַלעבאָס צום אַנדערן און נעמט צונויף די שלח־מנותן פאַרן רבין.

זי טראָגט אין האַנט אַ שעלעכל, איבערגעדעקט מיט אַ טישטעכל. אינעם שעלעכל שטעקט אַ ראָזשינקע, און אַף דער ראָזשינקע ליגט אַ זילבערנע מטבע. די מאַמע דעקט אויף דאָס טישטעכל און לייגט צו צו יענער מטבע נאָך אַ מטבע, און אויך דעם מיידל רוקט זי אַריין עפּעס אין האַנט אַרײַן. דאָס רויטע מיידל ווערט נאָך רויטער און ווינטשעוועט, ווי אַן אַלטע: „דערלעבט איבער אַ יאָר מיט אײַער מאַן און מיט אײַערע קינדער״... נאָך דעם רויטן מיידל קומט אַרײַן אַ געשוואָלן בחורל מיט אַן אויפגעטראָגענער באַק, אונטערגעבונדן מיט אַ בלויער פאַטשיילע, אויך אויג אַ קליינס, דאָס אַנדערע אַ ביסל גרעסער; אין האַנט האַלט ער אַ מעשן טעצל, אַף דעם טעצל ליגט אַ פלעדל, אַפן פלעדל איז אויסגעוויקלט אַ פישעלע, דאָס פישעלע איז אָנגעפילט מיט האָניק־פאַרפל, און בײַ דער זײַט ליגן עטלעכע זילבערנע מטבעות און אַ פּאָר קערבלעך פּאַפּירענע. דאָס געשוואָלענע בחורל גייט צו גלײַך צו דער מאַמע און שיסט אויס אין איין אָטעם, ווי אויסגעלערנט אַף אויסווייניק: „אַ גוט יום־טוב דער רבֿ האָט אײַך געשיקט שלח־מנות און דערלעבט איבער אַ יאָר מיט אײַער מאַן און מיט אײַערע קינדער״... דאָס געשוואָלענע בחורל נעמט אָפּ זײַן רח״ש און גייט אַוועק אַן אַ זײַט־געזונט, וואָרעם די ווינטשעוואַניע האָט ער על־פּי מעות אויסגעכאַפּט פריִער. און עס קומען אַן אַלע מאָל נײַע פאַרשוינען מיט נײַע שלח־מנותן: פונעם דיין, פונעם חזן, פון די שוחטים, פונעם סופר, פונעם תלמוד־תורה־מלמד, פונעם בעל־תוקע, פונעם בעל־מגיה, פונעם מנקר, פונעם וואַסער־פירער, פונעם בעדער (אויך כלי־קודש!). און נאָך די דאָזיקע אַלע קומט צו גיין וועלוול דער שמש אַליין, נעבעך אַ קראַנקער, אַ הייזעריקער, אַ יאַדישליוועך; ער בלײַבט שטיין אַ ווײַלע בײַ דער טיר, כאַפּט זיך בײַם האַרצן און פאַרהוסט זיך.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס? — פרעגט אים די מאַמע, שוין רעכט מיד פון דער אַרבעט.

— מע האָט אײַך געשיקט שלח־מנות. — מאַכט וועלוול און באַווײַזט אַ לעקעכל אין האַנט. — דערלעבט איבער אַ יאָר מיט אײַער...

— פון וועמען איז? — פרעגט אים ווידער די מאַמע.

— פון מיר טאַקע אַליין, דערלעבט איבער אַ יאָר מיט אײַער... — מאַכט וועלוול און פאַרהוסט זיך. — האָט קיין פאַריבל ניט, וואָס אַליין...

ניטא מיט וועמען צו שיקן... געוועזן איין מיידל, איז זי, ניט דא גע־דאכט... איר געדענקט מײַן פֿראדלען, עליה השלום?...

וועלוול דער שמש פֿארהוסט זיך אַף עטלעכע מינוט, און די מאמע טוט זיך א כאַפּ צו דער קעשענע, נעמט ארויס עטלעכע מטבעות מיטאמאל און רוקט אים ארײַן אין האנט ארײַן און איז אים מכבד מיט א שטיק טאָרט און מיט א פּאָר פלעדלעך. וועלוול שטופּט דעם טאָרט מיט די פלעדלעך אין בוזעם ארײַן, דאנקט און ווינטשעוועט: „דערלעבט איבער א יאר מיט אײַער מאן און מיט אײַערע קינדער", און פֿארהוסט זיך. איך טו א קוק אַף דער מאמע און דערזע אַף אירע שיינע אויגן הענגענדע טרערן... „וואס זאָל דאס באַדײַטן?" — טראַכט איך מיר... איך האב קיין צײַט ניט ארומקוקן זיך — עס קומען אַן נײַע פֿארשוינען, אלערליי מינים „מקבלים", שיינע ייִדן מיט גרויע שאַלן און מיט מאָדנע היטלען, קײַלעכיקע, אונטן ברייטלעך, אויבן שמאָלבלעך, ווי לאָקשנטעפּ־לעך; פֿאראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואס דינגען זיך, זאָגן, אַז זיי זײַנען ניט קיין פּראָסטע אָרעמע לײַט, וואס גייען איבער די הײַזער; דער איז דעם זיידנס אַן אייניקל, דער איז א טאַטנס א קינד... און פֿאראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואס נעמען צו וויפל מע גיט זיי. דאס זײַנען טאַקע פּאַשעטע אָרעמע לײַט, וואס גייען נאָר א נדבה לכבוד דעם הייליקן יום־טוב:

הײַנט איז פּורים,
מאָרגן איז אויס;
גיט מיר א גראָשן,
און וואַרפֿט מיך ארויס...

און די מאמע האַלט אין איין טיילן: א גראָשן אַף צווייען, צוויי גראָשנס אַף דרײַען, און איטלעכן באַזונדער א שטיקל טאָרט, אָדער א לעקעכל — „לאָז אַן אָרעמאַן אויך וויסן פֿונעם הייליקן יום־טוב פּורים"...

יאָ, דער מנהג פֿון „משלוח־מנות" איז זייער א פֿײַנער מנהג בא ייִדן, און דער מנהג פֿון „מתנות לאביונים" איז נאָך פֿײַנער; נאָר אונ־דזערע הײַנטיקע קינדער, אונדזערע הײַנטיקע „אַריסטאָקראַטן" מיט אונ־דזערע הײַנטיקע „מאַדאַמען" פֿון דער גרויסער שטאָט יעהופּעץ און פֿון אַלע אַנדערע גרויסע שטעט ווייסן ניט פֿונעם דאָזיקן מנהג. זיי ווייסן פֿון אַנדערע מנהגים: פֿון „איטענינעס" און פֿון „יאָלקעס", פֿון טענץ און פֿון „גוליאַניעס", פֿון בייגן זיך און דרייען זיך, נאָר ניט פֿון „שלח־

מנות" און ניט פון „מתנות לאביונים". עס איז, פארשטייט איר מיך, אז אנדער וועלט געווארן, דאס הייסט, די וועלט איז אפילו די אייגענע וועלט, וואס פריער, נאר די מענטשן זיינען ניט די, וואס אמאל. דאס הייסט, די מענטשן זיינען אפילו די אייגענע, וואס פריער, נאר די נעמען זייערע האבן זיי איבערגעאנדערשט, צום ביישפיל: אמאל איז המן געווען א רשע, דלפון אן ארעמאן און ויזתא א שוטה; היינט הייסט המן „אנטיסעמיט" און איז פול די גאנצע וועלט, „מהודו ועד כוש"; דלפון איז א גביר אין יעהופעץ, דרייט געשעפטן און חתמעט וועקסלען; און ויזתא איז א חכם, שרייבט גאנצע „מאמרים" אין די בלעטער, גיט עצות... אמאל האט מרדכי געהייסן „מאנדריש" און האט געשפילט א ראל פון שני למלך באם קעניג אחשוורוש; און היינט האט ער יתרום נעמען: ער רופט זיך מארק און מארקום און מאקס און מאקסים און מאטוויי און מיטראפאן סעמיאנאוויטש און פאנטעלעמאן אנדרעיעוויטש — און מע הערט אים ווי המן דעם גרעגער... אמאל, אז איינער האט זיך געשמעלט, דאס הייסט, ער האט ניט געוואלט צאלן, האט מען דאס גערופן פשוט מיטן נאמען אנזעץ; היינט רופט מען דאס ליקווידאציאן; גנבה איז קאמיסיאן, הלוואה — דיסקאנט, א לאך — דעפיציט, אן אסיפה איז א סאבראניע, גבאים זיינען משלענעס, דרשות — רעפעראטן, אף א שלאק זאגט מען קאפריז, אף משוגע — נערוועז, צדקה איז פילאנטראפיע, א שידוך — פארטי, א מיאוסקייט — סימפאטיע, א משרת — קאממי... און נאך און נאך א סאך אזעלכע נייע נעמען האבן זיך באזעצט אין אונדזער נייעם ווערטערבוך — — — נאר אלצדינג אף דער וועלט מוז דאך האבן א סוף, און א פעליעטאן אוודאי.

דערלעבט איבער א יאר מיט וועמען איך איז ליב!

געשריבן אין יאר 1900.

ארבע כוסות

— ברוך הבא א ייִד, א גאסט, זיצט, זעצט זיך, פארוואס זיצט איר ניט?

מיט אזא מין ברייטן ברוך־הבא באגעגנט אונדז, דאס הייסט מיך מיטן טאטן, א טאג פאר ערב־פסח, רב יודל ווײַנשענקער, א בעסאראבער געפאקט ייִדל, מיט רויטע בעקלעך, מיט א בײַכל און מיט א קארק, וואס נעמט זיך ניט פון אייגענע און ניט פון פרעמדע צרות, נאר פשוט פון א מאמעליגע מיט א ראסלפליישל, פארזופט מיט א גלעזל ווײַן... פון מײַן טאטן האלט יודל אז עולם ומלואו נאר פאר איין זאך — דערפאר וואס דער טאטע איז א מבין אף א גלעזל ווײַן. נאר צוריק שמועסנדיק, וועלכער ייִד איז ניט קיין מבין אף א גלעזל ווײַן? ווײַן — דאס איז דאך איינע פון די דרײַ זאכן, וואס מיר זײַנען אין דעם די גרעסטע ספּע־ציאליסטן אין דער וועלט: דאס ערשטע איז נגינה, דאס הייסט געזאנג, דאס צווייטע איז א גלעזל ווײַן און דאס דריטע איז בריליאנטן. אמאל, אז איך הייב מיך אן בארעכענען, פרעג איך זיך אליין א קשיא: מילא, אף די ערשטע צוויי זאכן, נגינה און א גלעזל ווײַן, איז קיין חידוש ניט, ווארעם וועלכער ייִד האט פײַנט הערן זינגען? וועלכער ייִד האט ניט געהערט קיין רעכטע בארימטע חזנים, וואס לאזן זיך הערן אף דער וועלט, למשל: ירוחם, פּיצע, בעניע, בצלאל, ניסע בעלזער, ברוך קארלינער, בלו־מענטאל, באכמאן, פיניע מינקאווסקי וכדומה נאך אזעלכע וועלט־חזנים? און טאמער האט ער ניט געהערט, האבן אנדערע געהערט. וואס מאכט דאס אויס? — מיר פארשטייען נגינה מיטן שכל... נו, און פון ווײַן שמועסט מען ניט; ווײַן טרינקט דאך יעדער ייִד, אפילו דער ארעמסטער, אלע יאר, פּסח צום סדר; נישטא קיין ווײַן, טרינקט ער ראזשינקעס, טרינקט ער מעד, טרינקט ער בארשט, עפּעס מוז ער דאך טרינקען צו די „ארבע

כוסות״, ס׳איז דאָך פּסח!... וואָס דאַרפט איר מער, נעמט דעם בעסטן
שאַמפּאַניער וויַין, אָדער גאָר „נסך״, וואָס מיר טאָרן אים ניט טרינקען
און ווייסן ניט אַפילו, וואָס פאַר אַ טעם ער האָט, וועלן מיר אײַך אויך
זאָגן אַף אים, אויב איר ווילט, אונדזער מבינות על־פּי סברא... אָדער
נעמט דעם ארץ־ישראל־וויַין און רעדט מיט אַ ייִדן, וועט ער זיך גאָר־
ניט שעמען און וועט אײַך זאָגן גאַנץ אָפנטלעך: „האָ, וואָס, ארץ־ישראל־
וויַין? „כּרמל״? איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת, איך אַליין האָב נאָך
דעם כּרמל־וויַין ניט געטרונקען, ווייסט איר פאַרוואָס? וויַיל איך האָב
מיר אַלע יאָר אַף ארבע כּוסות מיַין וויַין; איך נעם מיר אַן אמתן בענ־
דערער ווימאַראַזיג און מיש אים צונויף מיט אַ ביסל „מתוק״, באַקומט
ער דעם טעם גן־עדן, עס מעג אים טרינקען דער מלכות... גאָר וועדליק
איך האָב געהאָרכט פון מבינים, וואָס האָבן יאָ פאַרזוכט פונעם „כּרמל״,
פאַרשטיי איך על־פּי שׂכל, אַז דער „כּרמל״ באַדאַרף זיַין ניט קיין שלעכט
גלעזל וויַין!״... הכּלל, מיר פאַרשטייען זיך אַף וויַין ניט ווינציקער
ווי אַף נגינה... נאָר די דריטע זאַך, בריליאַנטן — דאָס איז מיר
תּמיד געווען אַ חידוש, און איך פאַרשטיי ניט עד היום הזה: פון וואַנען
האָט זיך גענומען בא אונדז דאָס מבינות אַף בריליאַנטן? ווו האָבן זיך
דאָס ייִדן אַזוי אָנגעקוקט מיט בריליאַנטן? איך וועל אייביק ניט פאַר־
געסן די אוירינגלעך, וואָס זיַינען אונדז געבליבן בירושה פון דער על־
טער־באָבע, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. תּחילת, אַז די באָבע עליה
השלום איז געשטאָרבן, האָט מען אירע אוירינגלעך געשאַצט בא אונדז
אין כּתרילעווקע מי יודע וויפל; מבינים האָבן זיך זאַט ניט געקענט
אָנשפּיגלען אין זייער לויטערקייט, זייער וואַסער מיט זייער שפּיל. עס האָט
זיך געפונען איינער אַ מבין, וואָס האָט גאָר געזאָגט, אַז עין לא ראתה,
אַז נאָך אַזאַ פאַר בריליאַנטן געפינען זיך ניט אין ערגעץ, סיַידן אפשר
בא דער ענגלישער מלכּה. דערויף האָט זיך אַפילו געפונען נאָך איינער,
וואָס האָט אים אויסגעלאַכט, געזאָגט, אַז בא דער ענגלישער מלכּה איז
פאַראַן, מאַלט אײַך, אַ ביסל גרעסערע בריליאַנטן; האָט אים יענער אָבער
צוריק זייער גליַיך געענטפערט: „בריליאַנטן איז ניט קיין קוילעטש,
וואָס שאַצן זיך נאָכן גרויס; דער גאַנצער אַנטיק פון אַ בריליאַנט איז
דאָס וואַסער, די לויטערקייט און די שפּיל זיַינע, וואָס ער שפּילט״...
העט שפּעטער, אין אַ ציַיט אַרום, אַז מיר האָבן געטראָגן די דאָזיקע זעל־

טענע אווירינגלעד פּאַרזעצן אָדער פּאַרקויפן, האָבן די בריליאַנטן מיט־אַמאָל פּאַרלוירן אינגאַנצן זייער ווערט. ווו איז אַהינגעקומען זייער וואַ־סער, זייער לויטערקייט מיט זייער שפּיל? די אייגענע מבינים טאַקע האָבן געזאָגט: „וויים איך וואָס, אַ פּאָר צוויעקעס!"... נאָר אַזוי ווי מיט אַרבע כוסות געהער זיך דאָס ווינציק וואָס אָן, בכן קערן מיר זיך אום צוריק צו רב יודל ווינשענקער.

באַקומען פֿון אים אַזאַ ברייטן ברוך־הבא, זאָגט אים דער טאַטע, אַז מיר האָבן קיין צייט ניט, עס איז ערב פּסח, און מיר בעטן אים, ער זאָל זיך מטריח זיין מיט אונדז אין קעלער אַריין, אָפּקלייבן וויין אויף אַרבע כוסות.

— אָך, מיטן גרעסטן כבוד! — מאַכט יודל און נעמט מיט זיך אַ ליכט מיט אַ פּסחיק קידוש־גלעזל, און מיר לאָזן זיך אַראָפּ זאַלבעדריט אין קעלער אַריין.

— אַ שטייגער, וואָס פֿאַר אַ מין סאָרט גלעזל וויין וואָלט איר אַ בעלן געווען טרינקען היינטיקן פּסח? — טוט יודל אַ פֿרעג און קוקט אויף דער סטעליע.

— וואָס פֿאַר אַ מין סאָרט גלעזל וויין זאָל איך וועלן? — ענט־פֿערט אים צוריק דער טאַטע איבערגעפֿרעגט. — איך וואָלט אַ בעלן געוועזן, דאָס הייסט, עס זאָל זיין אַ גלעזל וויין, וועדליק מיר ביידע פֿאַר־שטייען — איר פֿאַרשטייט?

— איך פֿאַרשטיי, פֿאַרוואָס זאָל איך ניט פֿאַרשטיין? איר ווילט אַ גלעזל וויין, וואָס זאָל זיין „קפּריסין"!

מיט די ווערטער גייט יודל אַוועק אין אַ ווינקעלע, בייגט זיך אָן אין דער פֿינצטער און צאַפּט אָן אַ גלעזל „קפּריסין" און טראָגט צו דעם טאַטן.

— שלעכטס זאָל איך האָבן, אויב עמעצער האָט נאָך אפֿילו פֿאַר־זוכט בײַ מיר פֿונעם דאָזיקן וויין; נאַ, נעמט אים אָקאָרשט אויף די ליפּן!

דער טאַטע טוט אַ שאָקל דאָס גלעזל הין און צוריק עטלעכע מאָל, טראָגט דאָס צו פֿריִער צו דער ליכט, נאָכדעם צום מויל, טוט אַ מאַך מיט דער נאָז:

— ניין, רב יודל, האָט קיין פֿאַריבל ניט, ניט דאָס הייסט בײַ מיר „קפּריסין"!

— אהא, איך ווייס שוין וואָס איר מיינט! — מאַכט יודל און צאַפּט אָן אַ פּריש גלעזל קפּריסין. — נו, וואָס ווערט איר עפּעס זאָגן אַף דעם גלעזל ווײַן? קוקט אײַך נאָר צו צו דער מראה זײַנער: קרישטאָל!

דער טאַטע פּאַרזוכט אַ ביסל „קרישטאָל" און זאָגט זײַן מבינות:

— מהכתיתי, אוודאי איז דאָס אַ גלעזל ווײַן. דער חסרון זײַנער איז נאָר דאָס, וואָס ער איז, צווישן אונדז רײדנדיק, אַ ביסל דאַסיק, דאָס הייסט, ער איז בײַ אײַך געמלאכהט, מחילה אונטערגעשמדט. זײַט זיך מודה...

— חס ושלום! — זאָגט יודל און שווערט זיך, ער זאָל אַזוי האָבן אַ כשרן פּסח, ווי דאָס איז אַן אמתער, אַ ריינער קאָוועשאַנער ווײַן. חלילה ניט געפּראַוועט, טאַקע נעבעך אַ כשר קינד, אָט אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט! ס'איז נעבעך אַן אמתער, אַ ריינער „באָרדאָ".

— ע, רב יודל! — מאַכט צו אים דער טאַטע. — דאָס טויג דאָך ניט! מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, אַז מיר באַדאַרפט איר ווײַזן אַ גלעזל ווײַן, וואָס זאָל זײַן ווײַן, הײַנט וואָס דערצייילט איר מיר מעשיות באָרדאָ — שמאָרדאָ?

— אַן אומגליק מיט די מבינים! — זאָגט יודל און גיסט אויס דאָס גלעזל „באָרדאָ" און צאַפּט אים אָן אַן אַנדער גלעזל ווײַן, שוין פֿון צוויי פעסלעך מיט אַ מאָל, און טראָגט דאָס אונטער דעם טאַטן שוין מיט אַן אַנדער מינע.

— ווייסט איר וואָס? זאָגט שוין איר אַליין, אויב איר זײַט אַ מבין און פאַרשטייט אַף ווײַן. איך וועל שוין שווײַגן. איך בין ניטאָ, אַן עק!

דער טאַטע באַטראַכט פריִער דאָס גלעזל אַף דער ליכט, פּאַוואָלינקע טראָגט ער דאָס צו צו די ליפּן, זופּט אָפּ אַ ביסל, און דאָס פּנים ווערט בײַ אים איבערגעביטן, די אויגן פריילעכער.

— יאָ, אָט דאָס איז ווײַן; דאָס קאָן מען אָנרופן מיטן נאָמען ווײַן? ווייסט איר פאַר וואָס? ווײַל אין אים געפינט איר אַלצדינג, וואָס אַ גלעזל ווײַן באַדאַרף האָבן: אי אַ שטאַרקייט, אי אַ מתיקות, אי אַ זויערקייט. מיט איין וואָרט — ס'איז ווײַן.

— איך זאָל אַזוי האָבן הצלחה בכל אשר אפנה, — זאָגט יודל און שפּרינגט־צו צום טאַטן — אַז זינט איך בין אַ ווײַנשענקער, האָב

איך נאָך אַזאַ גלעזל ווײַן נישט געהאַט. און טאַמער מיינט איר, איך האָב אים אַ סך לאָמיר אַזוי האָבן אַ פֿריילעכן יום־טוב, ווי...

— ששאַ, פּאַוואָליע נאַר! — שלאָגט אים דער טאַטע איבער אין מיטן — די מעשה דערפֿון איז אַזוי: ווײַן איז דאָס טאַקע, נאָר ניט אײַ־אײַ־אײַ! גאָרניט, ס'איז נישט מער ווי אַ גלעזל ווײַן. איך האָב אײַך, רב יודל געוואָלט בעטן אַט וואָס: איר זאָלט זיך מטריח זײַן מיר אָנ־צאַפּן אַ גלעזל ווײַן פֿון יענעם... פֿון יענעם... איר ווייסט שוין פֿון וואַסערן איך מיין... פֿונעם אמתן ווימאַראַזיג, איר געדענקט? אײַ, איז דאָס געווען אַ ווימאַראַזיג!

יודל מוט זיך אַ פּאַטש מיט בײַדע הענט איבער דער קאַפּאָטע און אַ שמייכעלע דערבײַ:

— אַ ריינער אומגליק מיט די מבינים! געננג זיי פֿאַרשטייען אַף ווײַן, האָבן זיי נאָך אַ זכרון אויך און געדענקען דעם טעם פֿון פֿאַראַ־יאָרן, פֿון פֿאַר צוויי יאָרן און אפֿילו פֿון פֿאַר דרײַ יאָרן!

און יודל מוט אַ שפּריץ מיטן גלעזל אַרויף און צאַפּט אָן נאָך אַ פֿריש גלעזל ווײַן, שוין נישט פֿון צוויי, נאָר פֿון איין פֿעסל, טראָגט דאָס צו צום טאַטן שוין נאָך אַן ווערטער, נאָר אַ סמאָרע מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט: „אַנו, וואָס וועט איר עפּעס איצטער זאָגן?". דער טאַטע טוט אַ זופּ איין מאָל, נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל, קוקט אַלע מאָל אָפּן גלעזל פֿון אונטן אַרויף, פֿאַרבײַסט די אונטערשטע ליפּ, שאָ־קלט מיטן קאָפּ, רעדט צו זיך אַליין און ציילט די ווערטער:

— אוי! — איז דאָס! — אַ גלעזל! — ווײַן!!! הערט איר, רב יודל, אַט דאָס איז דער עמתער ווײַן, וואָס מע רופֿט אים ווײַן, אַט דעם ווײַן אַז מע טרינקט, פֿילט מען, אַז מע טרינקט ווײַן; ס'איז, פֿאַר־שטייט איר מיך, אַ פֿול מויל מיט ווײַן! אַף אים, זעט איר, מעג מען שוין מאַכן בורא־פּרי־הגפֿן, וואָרעם אַט דאָס איז — ווײַן!... זאָגט־זשע מיר, רב יודל סערצע, מה יקר — וואָס קאָסט ער? פֿון וואַנען שטאַמט ער? ומה שמו — ווי איז דער אמתער נאָמען זײַנער?

— ע! — מאַכט יודל מיט אַ געלעכטערל. — איר ווילט מאַקע וויסן אַלצדינג? מע מוז, מע מוז אײַך זאָגן דעם אמת, ס'איז עפּעס אַ תירוץ? די מעשה דערפֿון איז אַזוי: דער ווײַן איז מײַנער אַן איי־גענער ווימאַראַזיג אַ גומער דרײַצן, הייסן הייסט ער שאַטאָלאַפּיט און

קאַסטן קאָסט ער אַזוי גרויס ווי זעקס קאַרבן אַן עמער, האָט איר אַ קיימאַ-לן פון פיר גילדן אַן אַקע. איך זאָל אַזוי האָבן הצלחה בכל אשר אפנה, אַז איך דערלייג צו אים, אויב איך לייַן אים אפילו פינף גילדן די אַקע. פאַרגעסט נישט, וויפל דאָ איז פאַראַן פחת! אַ קלייניקייט, ווימאַראַזיג! פאָלגט מיך און מאַכט נישט קיין שהיות, הייסט אייַך אנצאַפּן אַ צוויי פלאַש פונעם דאָזיקן ווימאַראַזיג, און צוויי פלאַש פון בענדערער „מאַרגאַ”, וואָס איך האָב אייַך פריִער באַוויזן, און נאָך איין פלאַש הייסט אייַך געבן פאַר די ווייַבער פונעם אמתן „זמירער”, וואָס איר נעמט בײַ מיר אַלע יאָר, וועט איר וויסן, אַז איר האָט מיט גאָטס הילף ווייַן אויף אַרבע כוסות, און דערלעבט איבער אַ יאָר מיט אייַער ווייַב און מיט אייַערע קינדער, איר זאָלט זייַן אַ גרויסער גביר און טרינקען אַלע פסח נישט קיין ערגערן וויַן... יענקל! הער נאָר, דו, ווו ביסטו ערגעץ, אין אַלדע שוואַרצע יאָר?!

אויף דעם דאָזיקן אויסרוף באַווייַזט זיך, איך ווייס נישט פון וואַנען, עפּעס אַ מאָדנער נפש, אַ געזונטער, אַ שוואַרצער בחור אין אַ וואַטאַווער, שטאַרק פאַרסמאָלצעוועטער קאַפּאָטע, אונטערגעבונדן מיט אַ שטריקל, מיט אַ פּאָר גרויסע, מורא'דיק-גרויסע שטיוול; דאָס פּנים איז בײַ אים ווי פאַראומערט, פאַרשלאָפן, קוקט נישט אין די אויגן, רעדט הייזעריק, ווי פונעם שלאָף:

— האָ? וואָס? מיך רופט איר?

— ווו ביסטו געוועזן און וואָס האָסטו געטאָן?

— ווער? איך? גאָרנישט. בין געוועזן בײַ די ראָזינקעס, געמאַכט „מאַלאַגאַ”.

— הער נאָר דו, יענקויז, וואָס איך זאָג דיר: נעם שווענק דורך עטלעכע פלעשער און צאַפּ זיי אָן צוויי ווימאַראַזיג שאַטאַלאָפּיט פונעם פעסל נומער 13 און צוויי מאַרגאַ פונעם זיסלעכן נומער 8, און איין פלאַש וועסטו אָנצאַפּן פונעם זמירער נומער 1! שטיי, האָב צייַט. וואָס כאַפּט דיך אָוועק דער רוח?... געדענק-זשע, יענקויז, ווימאַראַזיג שאַטאַלאָפּיט נומער 8 מאַרגאַ נומער 13, מיין איך מאַרגאַ נומער 13, טפו, שאַטאַלאָפּיט נומער 13, מאַרגאַ נומער 8 און זמירער נומער 1 פונעם בעסערן. גיך, ריר זיך, ווי אַ בלייַען פייגעלע!

יענקל גייט אָוועק אַ שלעפּעריקער צאַפּן וויַן ערגעץ וויַט, באַברעט

זיך דאָרטן אין דער פינצטער און קומט צו גיין אין עטלעכע מינוט אַרום מיט די אָנגעגאָסענע פּלעשער, שלעפּט איינציקווייז פון קעשענע פּראָבקעס, קײַט זיי געשמאַק מיט זײַנע גרויסע געזונטע ציין אַזוי לאַנג, ביז זיי מוזן אַרײַן, און יודל ווײַנשענקער האַלט דערווײַל מיטן מאַטן אַ שמועס אַלץ וועגן ווײַן.

— זאָגט נאָר, רב יודל סערצע, ווי אַזוי איז בײַ אײַך אַרויס הײַנ־טיקס יאָר דער ראָזינקעס־ווײַן?

— די צמוקים? איין חריפות אין דער וועלט! — זאָגט יודל. — בעסער פונעם בעסטן אונגערשן ווײַן! אַ כּפּרה טאָקיי, אַ כּפּרה שאַמ־פּאַניער אַ כּפּרה זייער פּאָרטווײַן, זייער פראַנצווײַן מיט אַלע זייערע ווײַנען!

— פאַראַיאָרן — זאָגט דער טאַטע — איז אײַער ראָזינקעס־ווײַן געווען, איר זאָלט מיר מוחל זײַן, נישט אין בעסטן.

— דהיינו מיט וואָס? — מאַכט יודל ווי דערשראָקן.

— דהיינו, — זאָגט דער טאַטע געלאַסן — מע האָט אים נישט געקאָנט נעמען אין מויל אַרײַן. ס'איז געווען מחילה, באַרשט, נישט קיין ווײַן.

— וואָס רעדט איר? איך זאָל אַזוי האָבן אַלדאָס גוטס, ווי דער־עולם האָט געלעקט פון אים די פינגער. מע האָט זיך גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבן פון אים. ס'איז נישט געבליבן פון אים אויף די אַנדערע טעג פּסח, איר זאָלט זאָגן, אַ לעק.

— און איך זאָג אײַך, — מאַכט דער טאַטע גאַנץ געלאַסן — אַז ער איז געווען, איר זאָלט מיר מוחל זײַן, אַ בייזער חלשות! פון אויבן האָט ער געהאַט אַ שימל, אַ טעם האָט ער געהאַט פון געקאָכטע באָרלעד און האָט זיך נאָכגעגעבן מיט עפּעס אַ מין גערוך, פון... פון... אוגערקעס.

— נישט אַנדערש, — זאָגט יודל און צענעמט די הענט — אַז איר האָט אים געהאַלטן ערגעץ אין דער וואַרעם, אָדער די פלעשלעך זײַנען נישט געווען גוט פאַרפּראָבקעוועט.

— ניין! איר האָט אַ טעות, רב יודל; די פלעשלעך זײַנען דווקא געווען פאַרפּראָבקעוועט, ווי אַלע מאָל, און געהאַלטן האָב איך אים דווקא אין אַ קיל אָרט, ווי אַלע מאָל, נאָר מיט אים האָט זיך אָפּגע־

אז אנדער מעשה געטראָפן: די ראָזינקעס האָבן בא איך אין קעלער, אפנים, נישט רעכט אויסגעשפּילט, האָבן זיי זיך צעשפּילט בא מיר אין די פלעשלעך, האָט דער וויַין געכאַפּט אַ פּאַסקודנע זויערקייט און איז געוואָרן הויווענדיק. דאָס קינד נעבעך (דער טאַטע באַווייַזט אַף מיר) האָט געהאַט צו טאָן מיטן מאָגן, נישט היינט געדאַכט, פון נאָכן ערשטן סדר כמעט ביז שבועות — דערפאַר האָב איך היינטיקס יאָר מורא זיך צורירן צו איַיערע „צמוקים".

מערקווירדיק! איך אַליין האָב גאָר פאַרגעסן די גאַנצע מעשה. נאָר אַז דער טאַטע האָט זי פּלוצעם אויפגעמישט, האָב איך מיך דער־מאָנט, ווי אַזוי איך האָב מיך פאַראיאָרן צוגעכאַפּט צו די ארבע כוסות, אויסגעזויגן זיי ביזן דנאָ, און אַז איך בין אויפגעשטאַנען פונעם סדר, האָט זיך מיר געדרייט די סטעליע, און דער טיש מיט כוסות מיט אַלץ מיט אַנאַנדער האָבן געכאַפּט אַ טענצל, קוים וואָס איך האָב מיך גע־האַלטן אַף די פיס. און נאָכדעם — נאָכדעם געדענק איך ווי דורכן שלאָף: אַ בעטל... איך ליג... די מאַמע האַלט מיך באָם שטערן און שילט עמעצן איך ווייס נישט וועמען: „נישט געדאַכט זאָל ער ווערן מיט זיַינע ראָזינקעס און מיט זיַין וויַין! סם המות! אַוועקגעסמט דאָס קינד!"...

— האָט אַ גוטן יום־טוב! — געזעגנט מיר זיך אָפּ מיט יודל וויַינשענקער, ווינטשעווען זיך איינס דאָס אַנדערע עטלעכע מאָל „אַ כשרן פּסח", און מיר גייען אַהיים מיטן וויַין אַף ארבע כוסות לעבעדיק, פריילעך. דער טאַטע איז פריילעך, וואָס ער האָט באַציַיטנס איַינגעהאַנ־דלט וויַין אַף ארבע כוסות — פאַרשפּאָרן מאָרגן שטופּן זיך צווישן גאַנצן עולם אין דער הושטשע; און איך בין גלאַט פריילעך, וואָרעם וועד איז צו מיר גליַיך? אָט־אָט, נאָך איין טאָג, קומט דער „ליבער פּעטער פּסח", אין חדר דאַרף מען שוין נישט גיין, אין דער היים וואַרטן שוין אַף מיר די נייַע מלבושימלעך, מיט די נייַע סקריפּנדיקע שטיוועלעך, מיט דעם נייַעם גלאַנצנדיקן קאַשקעטל. געקומען אַהיים מיט די ארבע כוסות, זוכט אָפּ דער טאַטע אַ קיל אָרט, אַ פּסחיקס, אַ כשרס, אַף אַוועקצושטעלן דעם וויַין. ער פאַרעט זיך און ציטערט איבער אים ווי עפּעס איבער אַ מיַיער, ציטערדיק קינד. ער זאָגט אונדז אַז אַלעמען, מיר זאָלן, חס ושלום, נישט צורירן זיך צום וויַין מיט אונדזערע חמצ־

דיקע הענט; מיר זאָלן אפילו גאָר נישט קוקן אין יענעם ווינקל אַרײַן! שפּעטער, נאָכן „בודק חמץ״ זײַן, לייגן מיר זיך שלאָפן (די לעצטע חמצדיקע נאַכט!), און עס פּלאָנטערט זיך מיר אַ גאַנצע נאַכט משונה־מאָדנע נאַרישע חלומות, עס חלומט זיך מיר, אַז יודל ווײַנשענקער טראָגט אָף זיך מײַנע נײַע מלבושימלעך מיט מײַן קאַשקעטל. „ס׳איז מײַן קאַשקעטל!״ — שרײַ איך צו אים. — „מע האָט דאָס מיר ערשט נעכטן געקויפט אָף פּסח!״... און דער געזונטער בחור זײַנער האָט זיך צעכאַפּט צו אונדזערע אַרבע כוסות, שטייט אויסגעבויגן צוריק מיט אַן איבערגעקערטע פלאַש ווײַן איבערן מויל אַרײַן; דער ווײַן — בול־בול־בול, און ער זשליאָקעט... „פאַרפאַלן די אַרבע כוסות! חמצדיק געמאַכט, חמצדיק!״... שרײַ איך און כאַפּ מיך אויף אַ פאַרצאַפּלטער פונעם שלאָף, און איך דאַנק גאָט וואָס ס׳איז נאָר אַ חלום...

* * *

קוים דערלעבט די מינוט, די רגע — אָט־אָט, נאָך צוויי שעה נאָך דרײַ שעה איז שוין פּסח; אומעטום איז ריין, אומעטום פּסחיק.

דער אויוון איז אויסגעגליט. דער טיש איז איבערגעדעקט. די מצות טרישטשען. עס לאָזט זיך הערן אַ געשמאַקער ריח פון געגדזנשמאַלץ, עס שמעקט מיט לאַטקעס, מיט פּסחיקע לאַטקעס. די „אַרבע כוסות״ שטייען שוין אָפּגעדעקט פראַנק און פרײַ, מע מעג שוין קוקן אָף זיי... דער טאַטע איז נאָך אַביסל פאַרנומען, ער מאַכט חרוסת. נאָר איך... איך בין שוין פאַרטיק! ווי אַן אמתער פּרינץ, ווי אַ „בן־מלך״, האָב איך מיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז פיס אין גאָלע נײַעם, גאָלע טשאַקנדיקס, קנאַקנדיקס, סקריפּענדיקס. איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טאָן: זיצן — אַן עבירה, דאָס קאַפּאָטקעלע ווערט צעקנייטשט; גיין — דער גלאַנץ פון די פּאָדעשוועס ווערט אָפּגעריבן; שטיין — וועט מען נישט הערן, ווי די שטיוול סקריפּען... איך שוועב, איך האַלט מיך פון אויבן, אין דער לופטן. איין חסרון נאָר, וואָס איבער דער בלאָטע, איבער דער געוויסער כתרילעווקער זומפּיקער בלאָטע, קאָן מען מיט די נײַע שטיוועלעך אין שול אַרײַן נישט אַריבערגיין בשום אופן. מע מוז אָנטאָן די אַלטע, די חמצדיקע שטיוועלעך. פאַרשטערט!... אין שול איז ריין, אין שול איז ליכטיק, אין שול איז יום־טובדיק, אין שול איז פריילעך;

אַלע הענגלײַכטער מיט אַלע העסעס זײַנען אויסגעריבן, גלאַנצן, און די ליכט ברענען. יעדן אַלע אויסגעצוואגן, אָנגעטאָן יום־טובדיק, דאַוונען געשמאַק, און מיר, חדר־יינגלעך, קונדסים, באַטראַכטן איינס דאָס אַנדערע — וועמעס קאַפּאָטקעלע איז לענגער און וועמעס — קירצער, וועמעס קאַש־קעט איז שענער און גלאַנצט מערער. איין חסרון נאָר, די נײַע שטיוועלער זײַנען געבליבן אינדערהיים — פאַרשטערט! און ווער איז שולדיק? די בלאָטע, אונדזער כתרילעווקער בלאָטע... נאָר גאָרנישט, אַלצדינג איז אָן איבערגעקומענע זאַך. איבערגעקומען די בלאָטע און געקומען אַהיים, טו איך אָן צוריק די נײַע גלאַנצנדיקע סקריפּענדיקע שטיוועלער, וואָרעם די בלאָטע איז בײַ אונדז נאָר אין דרויסן. אינעווייניק, אינדער־היים, אין שטוב, איז בײַ אונדז ריין און שיין און ציכטיק, מחיה־נפשות! עס שעמערירט, עס זינגט פון ריינקייט. דער ווײַן מיט די אַרבע כוסות שטייען שוין אָפן טיש. עס גלאַנצט, עס שעמערירט, עס פינקלט אין די אויגן. די מצות מיט דער קערה מיטן גאַנצן „סדר" זײַנען גרייט. דער טאַטע, דער „מלך", אין אַ ווײַסן קיטל — אויבנאָן אויף דער היסב־בעט; בײַ דער רעכטער האַנט — די מאַמע, די „מלכה", אָנגעטאָן אין זײַדנס, און איך, זייער „פּרינץ", בײַ דער זײַט, שטיי אויף און פרעג דעם טאַטן אויף אויסווייניק די „פיר קשיות" און לאָז אויס גײַציק, מיטן קנאַק און מיט אַ ניגון פון דער גמרא: „האָב איך דיר, טאַטע, געפרעגט אַלע פיר קשיות; הײַנט ענטפער מיר אַ תירוץ, און טאָמער וועסטו מיר נישט ענטפערן קיין תירות, וועל איך זיך אַליין ענטפערן אַ תירוץ: עבדים היינו לפרעה במצרים!"... הייבן מיר אָן צו זינגען אויף אַ קול, שרײַען איבער איינס דאָס אַנדערע, און איך פאַרלויף אַלע מאָל אויף צופרײַער, ווי אַ לאַשעקל, צו באַווײַזן דעם טאַטן, אַז איך האָב גוט אויסגעלערנט די הגדה, ווי אַ וואַסער: „עבדים היינו לפרעה במצרים — קנעכט זײַנען מיר געווען צו פרעהן אין מצרים, האָט אונדז גאָט אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט גרוים וווּנדער..." און מיר דערציילן איינער דעם אַנדערן שיינע מעשיות: די מעשה פון רבי אליעזר מיט רבי יהושע מיט רבי אלעזר בן עזריה מיט רבי עקיבא מיט רבי טרפון, וואָס זײַנען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און האָבן דערציילט פון יציאת מצרים... און מיר רעכענען אויס די פיר זין פון דער הגדה: אחד חכם — איינער אַ קלוגער, ואחד רשע — איינער אַ שלעכטער, ואחד תם — איינער אַ נאַר, ואחד שאינו יודע

לשאול, דאס הייסט — מחילה גאר א בהמה, ווארעם יענע דריי פרעגן באטשט איטלעכער אן אנדער קשיה, און דער זיצט, ווי א ליימענער גולם. משטיינס געזאגט, גארנישט זיין עסק, וואס מע האט אונדז אמאל געמוטשעט אין מצרים, פארביטערט אונדזער לעבן; מיר האבן געקנעטן ליים, געמאכט ציגל, געבויט פיתום מיט רעמסס, און פרעה האט ארויסגעגעבן אף אונדז אלע מאל נייע גזירות... ואילו לא הוציא הקדוש ברוך הוא — ווען גאט ברוך הוא זאל אונדז נישט געווען באצייטנס ארויסציִען פון מצרים, וואלטן מיר פארבליבן אייביקע קנעכט, אייביקע שקלאפן — מיר און אונדזערע קינדער און אונדזערע קינדס־קינדער; דערפאר איז א מצווה, מע זאל אלע יאר אפריכטן דעם סדר און דערציילן אונדזערע קינדער די גרויסע וואונדער פון יציאת מצרים.

פאראן א סך ביי אונדז היינט אזעלכע „שאינו יודע לשאולס" צווישן אונדזערע היינטיקע קינדער, וואס זיצן בא סדר ווי די ליימענע גולמס, זעען ווי דער טאטע „מאכט זיך נאריש", עסט כריין טרוקענעם מיט חרוסת, וואס האט נישט קיין שום טעם, און זאגט עפעס פון א סדור אונטער דער נאז, שעמט זיך פאר דער „באנע"... נאר וואס זיינען שולדיק נעבעך אזעלכע קינדער, „שאינו יודע לשאולס", אז מע האט מיט זיי פארט נישט געלערנט אין גימנאזיע די יידישע היסטאריע? די „באנע" האט זיי נישט דערציילט די שיינע מעשה פון יציאת מצרים, קיינער האט זיי נישט אויפגעקלערט, וואס באדייטן די דאזיקע „טרוקענע" מצות, דער דאזיקער „ביטערער" כריין מיטן חרוסת און די אלע איבעריקע יידישע מנהגים און פסחיקע מאכלים... די פסחיקע מאכלים? — מחכתיותי, ווער זאגט זיך אפ פון קניידלעך, לאטקעס, טייגעכצן און פאלירטשקעס? א פסחדיקער בארשט א גוטער מיט מצה, אדער מצה, צוגעפרישט מיט אייער, איז אויך נישט שלעכט. „פסח — זאגן היינטיקע קינדער — סלאווני פראזדניק, בוריעם קושאט כרעמזלעד אי פיט סלאדקאיע ווינא"...* נאר קיינער פון זיי ווייס נישט די טייטש פון די ווערטער „עבדים היינו — קנעכט זיינען מיר געווען און קנעכט זיינען מיר געבליבן"... קיינער פון זיי ווייס נישט דעם טעם פון די ווערטער „זמן

* פסח איז א גוטער יום־טוב, מיר וועלן עסן כרעמזלעך און טרינקען זיסן וויין.

חרותנו — די צייט פון אונדזער באפרייט ווערן!״... נאר איך קער מיך אום צוריק צו דער הגדה, ווי אזוי איך מיטן טאטן דערציילן א מעשה פון אונדזער עלטער־עלטער־זיידן תרח, און פון אברהם אבינו, און פון יצחק מיט זיינע צוויי זין יעקב און עשו, און פארבייגייענדיק דערמאנען מיר אונדזער פעטער לבן־הארמי, וואס איז געווען טויזנטער מאל ערגער פון פרעהן, ווארעם פרעה האט ארויסגעגעבן א גזירה נאר אף די זכרים אליין, און לבן האט געוואלט אומברענגען דאס יידישקייט אינגאנצן, עוקר מן השורש זיין... און נאכדעם קומען מיר צו דער געשיכטע, ווי אזוי פרעה האט זיך מיט אונדז גערעכנט, זיך געבאדן אין בלוט פון יידישע קינדער... „ונצעק״ — האבן מיר געמאכט א ויצעקו, געשריגן צום רבונו של עולם (דאס הייבן מיר אן צו שרייען אף א קול), ער זאל זיך אנגענומען אונדזער קריוודע. און גאט האט צוגעהערט אונדזער געבעט; ער האט געשיקט משה מיט אהרנען צו פרעהן, ער זאל ארויסלאזן די יידן פון מצרים. האט דאך מסתמא פרעה נישט געוואלט הערן, האט אים גאט געשטראפט מיט צען מכות: „דם... צפרדע...״ בא יעדער מכה שמעלן מיר זיך אפ און גיסן אפ צו ביסלעך וויין פון אונדזערע כוסות. נאכדעם גיסן מיר אן צוריק די כוסות פול און זאגן ווייטער. מיר צעזן אונטער א רעכענונג אינאיינעם מיט רב יוסי הגלילי פון די אלע מכות, וואס פרעה איז מיט זיי געשלאגן געווארן; עס קומט אויס א סך מער פון צען מכות: „אין מצרים, קומט אויס נאך רבי עקיבאס חשבון, האט פרעה געכאפט פופציק מכות, און אפן ים צוויי־הונדערט־און־פופציק מכות, האבן מיר, הייסט דאס א קיימא־לן פון דריי הונדערט מכות״... א מצווה אף אים, טראכט איך מיר, לאז ער ויסן, אז מיט א יידן מאר מען זיך נישט אנהייבן, ווארעם בא יידן קאן ווערן פון איין מכה א סך מכות!... שפעטער, אז מיר זאגן אפ דעם „לפיכך״ און עס קומט צו „הלל״, פארשמעלט זיך דער טאטע פאר א חזן און איך פאר א זינגערל; ער פארקאטשעט זיך אפן חזנישן שטייגער, און איך העלף אים אונטער ווי א משוררל, און די מאמע קוועלט פון אונדזי ביידן, ביז עס קומט צום „הריני מוכן ומזומן — איך בין אנגעבריים צו מקיים זיין די מצווה פונעם צווייטן כוס פון די ארבע כוסות״, צע־שאקל איך מיך, ווי אן אלטער, מאך די ברכה און קער איבער דאס גלעזל מיטן דנא ארויף און זופ אויס ביזן לעצטן טראפן. די מאמע קוקט

און מאכט צו מיר מיטן פינגער, ווי איינער רעדט: „געדענק, דו קונדס, זאלסט נישט האבן חלילה דעם אייגענעם פסק, וואס פאראיארן"... איך הער דאס אבער, ווי דעם פאראיאריקן שניי. פאראיארן איז געווען עפעס אנדערש, און היינט איז עפעס אנדערש! — שפעטער, נאך דער ברייטער וועטשערע, נאכן „אפיקומן", נאכן בענטשן, צעשאקל איך מיך ווידער א מאל און זאג: „הריני מוכן ומזומן — איך בין אנגעברייט מקיים זיין די מצווה פונעם דריטן כוס פון די ארבע כוסות", און קער איבער דאס גלעזל ווידער מיטן דנא ארויף, און איך פיל, ווי עס דרייט זיך מיר דאס קעפל. פונדעסטוועגן בין איך נאך בא אלע געדאנקען. איך נים אן דעם פערטן כוס פון די ארבע כוסות, און זאג מיטן טאטן דעם „שפוך המתך" שטייענדיק און כאפ א קוק אף דער טיר, טאמער וועל איך דערזען, ווי עס קומט אריין אליהו הנביא און טרינקט אפ פון „אליהו הנביאס כוס"... נאכדעם זעצן מיר זיך ווידער אנידער און מיר זאגן די אלע איבעריקע שטיק פון דער הגדה, א גאנצן סטעפ: „הודו", און „נשמת", און „ויהי בחצי הלילה"; איך העלף דעם טאטן זינגען דעם „לך ולך, לך כי לך, לך אף לך, כי לו נאה, כי לו יאה" — און לאז אוים אף א קול:

— לשנה הבאה בירושלים!

דא דערפיל איך, אז אין קאפ איז מיר עפעס ווארעמלעך, די בעקלעך פלאמען מיר, פאר די אויגן שטייט מיר עפעס ווי א רויך, אפן הארצן איז מיר שטארק אויפגעלייגט, לוסטיק־פריילעך, עס טראגט מיך אין דער לופטן: ס'איז מיר גוט — און גענוג. איך זאל זיך נישט שעמען, וואלט איך נאר גענאגנען טאנצן... די מאמע קוקט אף מיר און לאכט, זי ווערט צעגאנגען פאר נעלעכטער. טאמער ווייסט איר, וואס איז דער געלעכטער? איך פארשטיי נישט, וואס זי לאכט... איך ווייס נישט, איך געדענק נישט בשום אופן, צי איך האב געטרונקען דעם „כוס רביעי", — דאס פערטע גלעזל פון די „ארבע כוסות" — צי ניין?... איך קאן מיך בשום אופן נישט דערמאנען, צי איך האב געהאלפן דעם טאטן זינגען, „חד גדיא", צי איך בין שוין דעמאלט געשלאפן מיט דעם זיסן גליקלעכן קינדערשן שלאף? איין זאך געדענק איך נאר, אז מיר איז דעמאלט געווען גוט, איך בין דעמאלט געווען איינער א גליקלעכער, און גאט ווייס, אויב אונדזערע היינטיקע קינדער קאנען זיך נאר פילן אזוי באמת יום־טובדיק אום יום־טוב, פסחיק אום פסח. אונ־

דזערע הײנטיקע קינדער האָבן נישט קײן „קאַפּאָטקעלעך" מיט קײן „קאַשקעטלעך"; זײ טראָגן שוין מונדירלעך" און האָבן שוין „קנעפּלעך", נאָר זײ װײסן נישט דעם אמתן טעם מיטן אמתן פאַרגעניגן פון „ארבע כוסות" דערפאַר װײסן אָבער דעם אמתן טעם מיטן אמתן פאַרגעניגן פון „פּראַצענטן" אין די גימנאַזיעס... זײ װײסן נישט די טײַטש פון די װערטער „חד גדיא" — אַ קלײן ציגעלע... דערפאַר װײסן זײ דעם פּשט פון די װערטער: „מאַליענקי זשידיאָנאָק, אָרער „מאַליוטקי זשידעק", דאָס הײסט: אַ קלײן ייִדעלע... און נאָך און נאָך אַ סך זאַכן װײסן אונדזערע הײַנטיקע קינדער, װאָס הלװאַי װאָלטן זײ דאָס בעסער נישט װיסן! נאָר מחמת ס'איז ערב פּסח, װיל איך נישט אָנװאַרפן אױף אײַך קײן מרה־שחורה. איך װיל אײַך נישט פאַרשטערן דעם יום־טוב מיט זײַטיקע מחשבות, מיט טרױעריקע געדאַנקען, און לאָז אױס מײַן פעליע־טאָן מיט די װערטער פון דער הגדה:

— לשנה הבאה בירושלים!

געשריבן אין יאָר 1900. ...

איבער אַ הי טל

א מעשה לכבוד פסח, דערציילט פון אַ כתרילעווקער ייִדן, וואָס האַנדלט מיט אבריעזקעס און רויבערט דינע פּאַפּיראָסלעך, און איבערדערציילט טאַקע מיט זײַן לשון.

— אַלץ הייסט בײַ אײַך צעטראָגן? אַט איז בײַ אונדז אין כתרילעווקע, הייסט עס, פּאַראַן, איר האָרכט צי ניין, אַ ייִד אַ צעטראָגענער, שלום־שכנא הייסט ער, נאָר רופן רופט מען אים „שלום־שכנא דריי־זיך", טאַקע איבער זײַן צעטראָגנקייט, — איז דאָס אַ צעטראָגענע בריאה, אַ ז דאָס אַ צעטראָגענער מלאך, זאָל זיך דער אייבערשטער שומר ומרחם זײַן! ווייּ־ווי, וואָס מע דערציילט זיך אָן בײַ אונדז וועגן דעם שלום־שכנאן מעשיות מיט אַנעקדאָטן — פּעק, זאָג איך אײַך, גאַנצע פּעק! אָן עבירה, וואָס איר כאַפּט זיך, ס'איז ערב פּסח. ווײַטער וואָלט איך אײַך, פּאַניע שלום־עליכם, געגעבן שטאָף, איר האָרכט צי ניין, וואָלט איך געהאַט דערנאָך צו שרײַבן און צו שרײַבן. איין מעשה, אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך דערציילן, וואָס מיט דעם שלום־שכנא האָט זיך פּאַרלאָפן ערב פּסח; ס'איז אַ מעשה מיט אַ היטל, און נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַן אמתע, אַ ראַיעלע מעשה, כאָטש זען זעט זי אויס ווי אַן אַנעקדאָט.

אַזוי האָט אָנגעהויבן אַ כתרילעווקער ייִד אַ סוחר, וואָס האַנדלט מיט „אַבריעזקעס" (שטיקלעך פּאַפּיר), גלעט זיך דאָס בערדל אַרונטער, אין האַלדז אַרײַן, און רייכערט דינע פּאַפּירעסלעך, אַ פּאַפּירעסל נאָך אַ פּאַפּירעסל.

איך מוז מודה זײַן אָבער, אַז די ראַיעלע מעשה, וואָס דער דאָזיקער כתרילעווקער ייִד האָט מיר דערציילט, כאַפּט טאַקע דעם אַפּבליק פון אַן אַנעקדאָט, און איך האָב מיך דעריבער לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל זי אײַך איבערגעבן, צי ניין? נאָר צוריק האָב איך מיך בײַ־

טראכט: א כתרילעווקער ייד א סוחר, וואס האנדלט מיט אבריעזקעס, איז נישט שייך צו ליטעראטור און געהער זיך כלל נישט אן מיט קיין ספרים, לכן, אז ער זאגט ס'איז ראיעל, איז ער באגלייבט; און איך גיב איבער די דאזיקע מעשה מיט זיין לשון גופא, נישט צוגעלייגט מיינס א ווארט אפילו.

* * *

— אליין איז ער, אט דער שלום־שכנא הייסט עס, וואס איך דער־ציל אייך, אז מע רופט אים בא אונדז אין כתרילעווקע „שלום־שכנא דריי זיך", א ייד א מעקלער, איר הארכט צי ניין, וואס דרייט זיך ארום פריצים, מעקלערט זיי אימעניעס! אימעניעס! מאלט אייך, עס רעדט זיך גאר אזוי אימעניעס. קיין סך אימעניעס האט מען עפעס נישט געהארכט, אז שלום־שכנא זאל אויסמעקלערן. וואס איז שייך? גארנישט. א ייד דרייבט זיך ארום פריצים, וואס האבן אימעניעס, רעדט ער אלעמאל פון „פאלוואריקעס", פון „לעוואדעס", „בודינקעס", טשארנאזיאם", „דרעש־מאשינעו", „רעמאנענטן", „וועלדער", „געהילץ", און נאך אזעלכע זאכן, וואס האבן א שייכות צו אימעניעס.

האט זיך גאט ארומגעקוקט אף אונדזער שלום־שכנאן, איר הארכט צי ניין, — דאס ערשטע מאל זינט ער איז א מעקלער פון אימעניעס, ס'איז אים אפגעראטן, ער האט אויסגעמעקלערט א אימעניע! דאס הייסט, אויסמעקלערן, מאלט אייך, האבן אויסגעמעקלערט אנדערע; ווארעם אז ס'איז געקומען צום טיילן זיך מיטן רח"ש, לאזט זיך אוים מסתמא, אז דער גאנצער דרייער איז דא געווען נישט שלום־שכנא דריי זיך, נאר דראב־קין, א ייד א מעקלער פון אימעניעס פון מינסקער גובערניע, א גרויסער, א מוראדיקער דרייער, ער מיט זיינע צוויי ברידער, אויך מעקלערס פון אימעניעס און אויך דרייערס. איז דאך געווארן, איז הארכט צי ניין א ויצעקו: „סטיטש, א ייד דרייט און דרייט, קוים אויסגעדרייט, קומט מע צו גיין און מע מאכט אים פאר אוים דרייער!" הקיצור, שלום־שכנא, איר הארכט צי ניין, שווייגט נישט. און עס האט זיך אנגעהויבן א טומל, א לאדעניש, א דין־תורה, זיך פארלאזט אף מענטשן, — קוים אויסגע־גלייבט און אויסגעטיילט זיך — ברוך שפטרני!

באקומען די געלט גראשנם, האט אונדזער שלום־שכנא, איר הארכט צי ניין, אוועקגעשיקט אהיים דעם ווייב די גרעסטע העלפט מסתמא — זי

זאָל זיך אַביסל אָרומצאָלן די פּאַרכעס, אַביסל אַרויסטרײַבן דעם קבצן, אַרומנייען אַף יום־טוב די קינדער, אַרײַנפירן דעם פּסח, און אַליין איז מען דאָך עפּעס אויך אַ שטיקל מענטש, ווילט זיך עפּעס קויפן פאַר זיך און ברענגען אַף יום־טוב אַ מתנה דעם ווײַב, די קינדער, ווי דער שטייגער פון דער וועלט. דערווײַל די צײַט שטייט נישט, אַ טאָג און אַ טאָג, אַט־אַט, אַקערשט ווי מע זעט נישט, איז פּסח, פליט שלום־שבנא אַוועק, איר האָרכט צי נייז, אַפן טעלעגראַף און קלאַפּט אַוועק אַהיים אַ דעפּעש: „יעדו בעזפּרעמעננאַ פּאַסקו דאָמאָי." — ער פאָרט, הייסט עס, און וועט גאָר אַז אַ שום תירוץ זײַן אַף יום־טום אַהיים. נאָר ס׳איז גרינג צו זאָגן „יעדו", און נאָך „בעזפּרעמעננאַ" דערצו, אַז סע „יעדעט" זיך. פּרוּווט אַקאָרשט, זײַט מוחל, געבן אַ פּאַר־אָרוים אַף אַ ציקאַוועסט צו אונדז, קיין כתרילעווקע הייסט עס, מיט דער נײַער באַן, וואָס מע האָט אונדז אַ טובה געטאָן און צוגעפירט, וועט איר פילן אַ טעם גן־עדן! איר וועט זיך שוין פאַרזאָגן קינדס־קינדער! וואָרעם ביז איר קומט אָן קיין זלאָ־דיעווקע, ווייסט איר נאָך, אַז איר פאָרט, און אַז איר קומט קיין זלאָדיעווקע, האָט איר אַ „פּערעסאַדקע", דאָס הייסט, איר דאַרפט זיך איבערזעצן אַף דער נײַער באַן, וואָס מע האָט אונדז אַ טובה געטאָן און צוגעפירט קיין כתרילעווקע, באַדאַרפט איר קודם בלײַבן שטיין אַף עטלעכע שעה לויט דער „ראַספּיסאַניע", אויב מע פאַרשפּעטיקט נישט, און ווען? אַקוראַט נאָך האַלבע נאַכט, ווען ס׳איז גוט מלאָכנע אַפן האַרצן און עס ווילט זיך גוט שלאָפן, און ס׳איז נישטאָ אַפילו ווו דעם קאָפּ צוצושפּאַרן — נישט אומזיסט זאָגן אונדזערע כתרילעווקער חכמים און פאַרטײַטשן, ווי אײַער טביה טײַטשט: „טוב שם משמן טוב — סוואָמי דאָברע, אַ בען וואָס לוטשע". דער פּשט איז: אַז אָן דער באַן איז געווען אַ סך בעסער ווי מיט דער באַן.

בקיצור, געקומען מיטן משעמאַדאַנדל קיין זלאָדיעווקע, האָט אונדזער שלום־שבנא, איר האָרכט צי נײַן, וואָס איז שוין פרײַער צוויי נעכט נישט געשלאָפן, זיך צוגעגרייט לײַדן חבוט־הקבר, דאָס הייסט, אָפּוואַרטן אַ נאַכט — וואָס זאָל מען טאָן? — און גענומען זוכן אַן אָרט אַף צוצוזעצן זיך. ווער? וואָס? — נישטאָ! אָנגערויכערט, אָנגעשפּיגן, פינצטער, חושך. איין שטיקל אָרט האָט ער קוים געפונען אַף אַ באַנק דעם קאָפּ אָנצו־שפּאַרן, אָבער טאָקע מער נישט ווי דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, וואָרעם כמעט

די גאַנצע באַנק האָט פאַרנומען עפּעס אַ פּריץ אַ „קנעפּל", וואָס האָט זיך צעלייגט גאַנץ ברייטלעך און פּאַפּט. ווער דאָס קנעפּל איז, פון וואַנען און וווּהין ער פאָרט — דאָס ווייס ער נישט, שלום־שכנא הייסט עס. נאָר זען זעט ער, אַז דאָס באַדאַרף זיין אַ גרויס קנעפּל. אָבער גאָר אַ גרויס קנעפּל! נאָכן היטל האָט ער אַרויסגעזען. אַ „וואַיענע" היטל מיט אַ רויטן אַקאָ־לעשאַק און מיט אַ קאָקאַרדע. „אפשר" איז דאָס אַ „וואַיענער", און אפשר אַ „פּאָליציייסקער" — ווער קאָן עס וויסן? געווים איז ער געקומען צו פאָרן מיט אַ גלאָק, אַפּגעגעסן און אָנגעזשליאָקעט, זיך צעלייגט ווי באָס טאַטן אין וויינגאָרטן און פּאַפּט! „צו זיין אַ גוי און נאָר אַ קנעפּל דערצו איז, אַפּנים, טאַקע גאָר נישט שלעכט?" — אַזוי טראַכט ער זיך, שלום־שכנא הייסט עס, און שלאָגט זיך מיט דער דעה: צי זאָל ער זיך זעצן אַט דאָ, נעבן דאָזיקן קנעפּל, צי זאָל ער זיך בעסער האַלטן פון דערווייטן? אַ קשיא אויף אַ מעשה, היינטיקע צייטן — מי יודע, וואָס פאַר אַ קנעפּל, וואָס פאַר אַן אדון בפקדד דאָס איז? גוט, ווען ס'איז נאָר אַ פּריסטאַוו. וואָס וועט אָבער זיין, אַז דאָס איז אַ איספּראַווניק? אָדער אַ זעמסקי נאַ־טשאַלניק? אָדער גאָר אַ העכערער פּריץ? אָדער אפשר איז דאָס גאָר פּורישקעוויטש, ימח שמו וזכרו מלהזכירו?... לאָז ער שוין איבערגיין אויף אַנדערע הענט! — און עס ווערט אים אַזש קאַלט, שלום־שכנאַן הייסט עס, פון אַזאַ געדאַנק... נאָר צוריק אָבער מוט ער זיך אַ קלער, איך האָרכט צי ניין: ווער מיר קנעפּל? וואָס מיר פּורישקעוויטש? צאָלט ער דען נישט פאַר זיין בילעט גלייך מיט פּורישקעוויטשן? צי איז דאָס טאַקע אַ יושר, אַז דאָס גאַנצע ביסל עולם הזה זאָל אַרייינפאַלן צו איינעם, און דעם אַנדערן גאָרנישט?... יענער פּאַפּט אַזוי געשמאַק, פאַרוואָס זאָל ער זיך נישט צושפּאַרן כאָטש אויף אַ ווייַלע? מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, צוויי נעכט נישט געשלאָפן! נעמט ער, שלום־שכנא הייסט עס, און זעצט זיך אַוועק אויף איין עק באַנק און שפּאַרט אָן דעם קאָפּ, נישט אויף צו שלאָפן, חלילה, נאָר גלאַט אַזוי, כאַפּן אַ דרעמל. דערמאָנט ער זיך אָבער, אַז ער פאָרט אויף פסח אַהיים, און מאָרגן איז שוין ערב פסח, טאָמער חלילה, ווערט ער טאַקע אַנטשלאָפן און פאַרשפּעטיקט דעם פּאָיעזד?!... איז מען דאָך אָבער אַ ייִד, איר האָרכט צי ניין, פאַלט ער אויף אַן עצה, שלום־שכנא הייסט עס, און זוכט אויס דעם סטאָראָזש פון סטאַנציע, אַ באַקאַנטער גוי, יאַרעמע הייסט ער, און מאַכט אָפּ מיט אים אַזאַ געשעפט:

היות אזוי ווי ער, שלום־שכנא הייסט עס, וועט זיך צושפארן אביסל אט דא אף אז עק באנק, ווו דער אדון ליגט, און היות אזוי ווי ער, שלום־שכנא הייסט עס, שווין די דריטע נאכט, אז ער האט קיין אויג נישט צוגעמאכט, האט ער מורא, ער זאל, חלילה וחס, נישט פארשפעטיקן דעם פאיעזד, על כן זאל ער, יארעמע הייסט עס, למען השם, טאמער שלאפט ער, אים אויפוועקן, שלום־שכנאן הייסט עס, ווארעם מארגן אף דער נאכט האבן מיר יום־טוב, פסח — „פאסקא", גיט ער אים צו פארשטיין אף גויעש און רוקט אים אריין אין יד אריין, און זאגט צו אים נאכאמאל: „פאסקא, יארעמע, טשי טי פאנימאיעש, גויעשער קאפ, נאשא פאסקא!" — נעמט דער גוי צי מסתמא, איר הארכט צי ניין, די מטבע, לייגט אריין אין קעשענע און זאגט אים צו, אז ער מעג זיין רויק, וויבאלד נאר ס'וועט זיין א פאוויעסטקע אפן פאיעזד, אזוי וועקט ער אים אויף. און ער נעמט, שלום־שכנא הייסט עס, און זעצט זיך צו פריער מיט א זייט, דערנאך איינגאנצן; דאס טשע־מאדאנדל, מע זאל עס נישט אוועקלקחנען, מאסטעט ער איין נעבן זיך, און אליין מאסטעט ער זיך אויך איין, וואס וויטער אלץ בעסער און העכער, מאכט צו א האלב אויג, מיט דער דעה, געוויינטלעך, ער זאל נאר כאפן א דרעמל, נישט מער. דערנאך בייגט ער אונטער איין פוס, נאך א פוס,

— און איז אט אזוי פאוואלינקע אנטשלאפן געווארן, אבער ווי אזוי, מיינט איר, אנטשלאפן געווארן? ראיעל! ווי גאט האט געבאטן: דעם קאפ פארווארפן, דאס היטל האט זיך אראפגערוקט פון קאפ אף דער ערד, און מיין שלום־שכנא, איר הארכט צי ניין, כראפעט אף וואס די וועלט שטייט — א לעבעדיקער מענטש, צוויי נעכט נישט געשלאפן, וואס פאר א וונדער?

אנטשלאפן געווארן — אזוי דערציילט ער אליין, שלום־שכנא הייסט עס, — חלומט זיך אים א מאדנער חלום, א גאנץ פארפלאנטעניש: אזי ער פארט, איר הארכט צי ניין, אהיים טאקע אף פסח, נאר וואס דען? נישט מיט דער באן, מיט א גויעשער פור פארט ער, מיט א באקאנטן ערל, איוואן זלאדי רופט מען דעם ערל; די פערדלעך שלעפן זיך, קוים־קוים וואס זיי פלאנטען די פיס. שלום־שכנא איז אין איינע צרות, טארעט דעם ערל פון הינטן אין פלייצע: „שאב טובי כוואראבע, איוואנו סערדצע, ווי דו שלעפסט זיך! האסט פארגעסן, איוואן זלאדי, אז אט־אט האבן מיר פסח, פאסקא נאשא יעווריסקא?" איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל.

דער ערל, פֿאַרשטייט זיך, האָט געשווינגן־געשווינגן, דערנאָך אַז ער טוט
נישט אַ שמײַס די פערדלעך, אָבער געשמאַק, איך האָרכט צי נײַן, און די
פערדלעך טוען אַ טראָג דעם וואָגן, ווי די רוחות, באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף,
פּי־פּאַ־פּאָו! שלום־שכנא האָט אַזש דאָס היטל פֿאַרלוירן; נאָך אַ מינוט
— און ער וואָלט צעשאָטן. „איוואַנו סערדצע, דערזשי קאָני!״ — האַלט
די פערד, הייסט עס, — שרײַט שלום־שכנא צום ערל און כאַפּט זיך מיט
ביידע הענט באַם קאָפּ און קלאָגט זיך, אַז ער האָט פֿאַרלוירן דאָס היטל.
ווי קאָן ער אַרײַנפֿאָרן אין שטאָט אָן אַ היטל? נאָר שרײַ הײַנט, שרײַ
מאָרגן, — דער ערל טרײַבט די פערדלעך, און די פערדלעך טראָגן. נאָ־
פּלוצעם — מפֿררו! — מען איז שטיין געבליבן, און דווקא אין מיטן
פעלד, איך האָרכט צי נײַן, איז מען שטיין געבליבן. וואָס איז געשען?
גאָרנישט. „שטויי אויף — זאָגט צו אים דער ערל — שטיי אויף, שויז
צײַט״. וואָס צײַט? ווער צײַט? פֿאַרשטייט נישט שלום־שכנא. כאַפּט ער
זיך אויף, רײַבט זיך די אויגן און וויל זיך לאָזן גיין, פילט ער אָבער,
אַז ער איז אָן אַ היטל. די משמעות, אַז דער חלום איז נישט קיין חלום;
ווי־זשע קומט ער אַהער? עס איז האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, שלום־
שכנא, איך האָרכט צי נײַן, איז געקומען צו זיך, דערקענט דעם ערל, אַז
ס'איז גאָרנישט איוואַן זלאָדי, ס'איז גאָר יאַרעמע דער סטאָראָזש! דער־
מאָנט ער זיך, אַז ער איז אין זלאָדיעווקע אויף דער סטאַנציע, און אַז
ער פֿאָרט אויף פּסח אַהיים, און אַז ער דאַרף נאָך לויפֿן צו דער קאַסע נאָך
אַ בילעט, נאָר וואָס דען? נישטאָ קיין היטל. דאָס טשעמאָדאַנדל איז דאָ,
און דאָס היטל נישטאָ! ווו קאָן זײַן דאָס היטל? ער שאַרט אַרום זיך מיט
די הענט, שאַרט און שאַרט און טאַפּט אָן אַ היטל, נישט זײַן היטל — ווער?
וואָס? — דעם גדון בפֿקרכם היטל מיטן רויטן אָקאָלעשאָק און מיט דער
קאָקאַרדע, איך האָרכט צי נײַן, און פֿאַשאַל גלײַך צו דער קאַסע, נאָך אַ
בילעט הייסט עס. און בײַ דער קאַסע איז אָן ענגשאַפֿט, קאָפּ אויף קאָפּ!
האָט ער מורא, שלום־שכנא הייסט עס, טאָמער, חלילה, קויפֿט מען אויס
אַלע בילעטן, שטופּט ער זיך מיטן טשעמאָדאַנדל צווישן עולם. דערזען
אַ רויטן אָקאָלעשאָק מיט אַ קאָקאַרדע, טרעט מען אים אָפּ דעם וועג. „וואָס
קאָודאַ, וואַשע בלאַגאָראָדיע?״ — פֿרעגט בײַ אים דער קאַסיר. חדושט זיך
שלום־שכנא: וואָס פֿאַר אַ בלאַגאָראָדיע אינמיטן דרינען? און אַביסל
פֿאַרדריסט עס אים: למאַי זאָל אַ גוי לאַכן פֿון אַ ייִדן? זאָגט ער אים,

שלום־שכנא צום קאסיר, הייסט עס, אז קיין כתרילעווקע. פרעגט אים איבער דער קאסיר נאכאמאל און קוקט אים גלייך אפן אקאלעשאק און אף דער קאקארדע: „וואסער קלאס, וואשע בלאגאראדיע?״ פארדריסט עס אים נאך מער, געוויינטלעך, און עס ווילט זיך אים אפבאדן דעם קאסיר, אבער טאקע ראיעל, ווי עס געהער צו זיין, א גוי זאל נישט האבן קיין טבע אפצולאכן פון א יידן. נאר צוריק איז ער זיך מיישב: „א ייד איז אין גלות, איר הארכט צי ניין, לאז מיינס איבערגיין!״ און ער הייסט זיך געבן א בילעט דריטע קלאס. חדושט זיך דער קאסיר און פרעגט אים איבער נאכאמאל, וועלכע קלאס? ווערט שוין מסתמא שלום־שכנא רעכט אין כעס און זאגט אים ברחל בתך הקטנה: דריטע! איז זיך מיישב דער קאסיר: דריטע, איז דריטע...

הקיצור, באקומען דעם בילעט, כאפט ער, שלום־שכנא הייסט עס, דאס טשעמאדאנדל און לאזט זיך הענדום־פענדום אין דער סאמע הושטשע, יידן און, להבדיל, גוים, זוכט דעם וואגאן דריטע קלאס. דער עולם, דער־זעט אן אקאלעשאק מיט א קארקארדע, צעגייט זיך מסתמא מיט דרך־ארץ, מאכט דעם אדון א וועג. שלום־שכנא וווּנדערט זיך אפילו, נאר ער גייט ווייטער און באגעגנט פון וואגאן ארויס א קאנדוקטאר מיט א לאנטערן: „זדיעס טרעטי קלאס?״ — פרעגט אים שלום־שכנא און שטעלט שוין אוועק א פוס, שטופט דעם טשעמאדאן אף צופריער. „זדיעס, וואשע בלא־האראדיע!״ — ענטפערט אים דער קאנדוקטאר און לאזט אים נישט גיין ווייטער. — „ס׳איז אנגעפאקט, זאגט ער אים, וואשע בלאהאראדיע, פול ווי אן אויג, א נאדל נישט דורכצוווארפן!״ און ער נעמט אוועק בא שלום־שכנאן דאס טשעמאדאנדל, איר הארכט צי ניין, און זאגט צו אים: „קומט מיט מיר, וואשע בלאהאראדיע, וועל איך אייך געבן אן ארט״. „וואס פאר א שלאק? — טראכט ער זיך, שלום־שכנא, הייסט עס. — וואשע בלאהאראדיע און וואשע בלאהאראדיע!״ און זיין קאפ ליגט אים נאר אין טשעמאדאנדל, ער האט מורא, אז פון דעם „וואשע בלאהאראדיע״ זאל ער דערווייל נישט בלייבן, איר הארכט צי ניין, אן א טשעמאדאנדל; און ער לויפט נאך נאכן קאנדוקטאר מיטן לאנטערן, און דער קאנדוקטאר מיטן לאנטערן פירט אים אריין אין וואגאן צווייטע קלאס. נאר דער וואגאן צווייטע קלאס איז אויך פול געפאקט, קאפ אף קאפ, א נאדל נישט דורכצוווארפן. „גייען מיר ווייטער, וואשע בלאגאראדיע״ — מאכט

צו אים דער קאנדוקטאר, כאפט דעם טשעמאדאנדל ווידעראמאל און לאזט זיך גיין ווייטער, און שלום־שכנא נאך אים. „וווהין פירט ער מיך?״ — טראכט זיך שלום־שכנא און ברעכט זיך דעם קאפ אפן וואשע בלאהאראדיע און לאזט נישט אראפ קיין אויג בעת מעשה פונעם טשעמאדאנדל, — דאס איז בא אים בילכער. און אט זיינען זיי שוין אין וואגאן ערשטע קלאס! דא שטעלט אוועק דער קאנדוקטאר דאס טשעמאדאנדל, נעמט זיך פאדקאזעראק, טוט זיך א נייג צו שלום־שכנאן, שלום־שכנא צו אים, און ער, שלום־שכנא, הייסט עס, בלייבט אליין.

געבליבן איינער אליין איבער א גאנצן וואגאן, הייבט אן שלום־שכנא ארומצוקוקן זיך, איך הארכט צי נייז, ווו ער איז אין דער וועלט; ער פארשטייט נישט, פארוואס עפעס פלוצעם אזא כבוד: וואגאן ערשטע קלאס... פאדקאזעראק... וואשע בלאהאראדיע!... נישט שוין־זשע איז דאס דערפאר, וואס ער האט דורכגעשלאגן אזא געשעפט, געמאכט א זימעניע?... וואלט ער דעם כבוד געהאט פון איינענע, פון יידן הייסט עס, וואלט נאך געוועז צו פארשטיין. אבער גוים! דער קאסיר! דער קאנדוקטאר! צי איז דאס נישט אינגאנצן א חלום?... און שלום־שכנא, איך הארכט צי נייז, טוט זיך א רייב דעם שטערן, כאפט א קוק פארבייגייענדיק אף זיך אין שפיגל — ס׳איז אים פרחה נשמתו געווארן! ער האט דערזען, איך הארכט צי נייז, דעם אדון בפקדד! ער האט אים דערקענט! „וואס ס׳האט זיך מיר געחלומט די נאכט און יענע נאכט און א גאנץ יאר, זאל אויסגיין צו יארעמעס קאפ און צו זיינע הענט און פים! אן ערל קאן! מע זאגט אים אן צוואנציק מאל, און מע באצאלט אים, ער זאל אויפוועקן צום פאיעזד מיך, שלום־שכנאן, גייט ער, א חלירע אים אין פנים, און וועקט אויף דעם אדון בפקדד, און שלום־שכנאן לאזט ער ליגן אף דער באנק! א קלאג איז צו דיין קאפ, שלום־שכנא, וועסט שוין, דאכט זיך, פסח האלטן אין זלאדיעווקע הייַנטיקס יאר, נישט אינדערהיים!״... און נישט לאנג געטראכט, כאפט ער, שלום־שכנא הייסט עס, דאס טשעמאדאנדל, איך הארכט צי נייז, און — פאוץ פון וואגאן ארויס צוריק אפן וואקזאל, גלייך צו דער באנק, ווו שלום־שכנא ליגט, אויפוועקן שלום־שכנאן, ווארעם אקערשט ווי מע זעט נישט, קאן דער לאקאמאטיוו, חלילה, געבן א פייף און אנפייפן שלום־שכנאן אין פסח אריין! און כך הוה: ווי נאר שלום־שכנא איז ארויסגעשפרונ־

גען מיטן טשעמאָדאַנדל פון וואַנען אַרויס, אַזוי האָט זיך געלאָזט הערן, איר האָרכט צי ניין, אַ פּיף און נאָך אַ פּיף און הלך משה מרדכי — אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס ווײַטער איז געווען, ווילט איר וויסן? — אַזוי האָט דער כתרילעווקער ייִד, וואָס האַנדלט מיט אַבריעזקעס אויסגעלאָזט זײַן ספּור המעשה מיט אַ שמייכעלע און פאַרדרייבערט אַ פּריש פּאַפּירעסל, דין ווי אַ שטרוי. — וואָס ווײַטער איז געווען, דאָס איז שוין נישט וואַזשנע. דער עיקר איז, וואָס אונדזער „שלום־שכנא דריי זיך" האָט איבער זײַן צעטראַגנקייט געהאַט אַ וויסטן פּסח, אויסגעריסן געוואָרן ביידע סדרים ערגעץ באַ אַ ייִדן אין זלאַדיעווקע. נאָך דער פּסח, ווי דער פּסח — דער נאָך־פּסח איז געווען אַ סך ערגער: ערשטנס, האָט ער, שלום־שכנא הייסט עס, אַ ווײַב, איר האָרכט צי ניין, — ווי זאָל איך איר זי מעלדן? איך האָט אַ ווײַב, איך האָב אַ ווײַב, מיר אַלע האָבן ווײַבער און וויסן דעם טעם, וואָס הייסט אַ ווײַב... איך קאָן אײַך נאָר זאָגן: אַ ראַיעלע ייִדענע שלום־שכנאס ווײַב! זי האָט זיך אַ נעם געגעבן צו אים גאַנץ ראַיעל. זי האָט צו אים נישט געהאַט קיין טענות נישט דערפאַר, וואָס ער איז נישט געקומען אויף יום־טוב אַהיים, און נישט פאַרן רויטן אָקסאַ־לעשאַק מיט דער קאָקאַרדע — ניין! דאָס אַלץ איז זי אים דערווײַל מוחל; דערפאַר וועט זי זיך שוין מיט אים שפּעטער רעכענען; — אַ טענה צו אים האָט זי געהאַט נאָר פאַר דער דעפּעש. און נישט אַזוי פאַר דער דעפּעש, איר האָרכט צי ניין, ווי פאַרן וואָרט „בעזפּרעמעננאָ". וועלכע גוטע יאָר האָט אים געטראָגן, ער זאָל רײַד מאַכן קאָזנאָ: „בעז־פּרעמעננאָ יעדו פּאָסקו דאָמאָי"? און בכלל ווי קאָן אַ לעבעדיקער מענטש זאָגן „בזעפּרעמעננאָ"?... עס האָט אים נישט געהאָלפן קיין שום פאַרענטפערן זיך מיט קיין שום געבן צו פאַרשטיין. זי האָט אים באַגראָבן וויפל ס'איז אין אים אַרײַן, און איז געווען נישט אינגאַנצן אומגערעכט: יענע האָט אַזוי אַרויסגעקוקט! נאָר... גאָרנישט. דערווײַף איז זי אַ ווײַב, זי זאָל באַגראָבן אַ מאַן. ס'איז אָבער אַלצדינג בלאָטע קעגן דעם, וואָס ער, שלום־שכנא הייסט עס, האָט געהאַט פון דער שטאָט, פון כתרילעווקע הייסט עס, וואָרעם איידער שלום־שכנא איז נאָך געקומען

דעם צווייטן טאג חול־המועד אהיים, האט שוין די גאנצע שטאט, איך הארכט צי נייז, געוווסט פון דער מעשה מיט יארעמען און מיטן אדון בפקוד און מיטן רויטן אקאלעשאק און מיט דער קאקארדע און מיטן קאנדוקטארס וואשע בלאהאראדיע — אלצדינג! כאטש ער אליין, שלום־שכנא הייסט עס, האט געלייקנט שטיין און ביין, געטענהט, אז דאס האבן לציס אויסגעטראכט, כתרילעווקער לצים; זיי האבן נישט וואס צו טאן, עס גייט זיי אפ קאפּוויטיק, אפנים? פארשפעטיקט האט ער איבער דעם, זאגט ער, וואס ער איז אפגעפארן אין א זייט אנקוקן א אימעניע מיט א וואלד. נאר ווער מיר אימעניע? וואס מיר וואלד? א נעכטיקער טאג! בא די זייטן האט מען זיך געהאלטן! מיט די פינגער האט מען אף אים געטייטל! אנדערע האבן אים געפרעגט: „ווי האט איר זיך געפילט, רב שלום־שכנא, אינעם היטל מיטן רויטן אקאלעשאק און מיט דער קאקארדע?" אנדערע האבן געוואלט וויסן, צי ט'איז טאקע אזוי גוט צו פארן ערשטע קלאס, ווי די וועלט זאגט?... קינדער־קונדסים — די זיינען אים נאכגעלאפן א גאנצע כאליאסטרע פון הינטן, איך הארכט צי נייז, און געשריגן: „וואשע בלאהאראדיע! וואשע וויסאקע בלאהאראדיע!! וואשע וויסאקע־וויסאקע בלאהאראדיע!!!"

— איך שפילט זיך מיט כתרילעווקע?

געשריבן אין יאר 1913

Este libro se terminó de imprimir el 16 de diciembre de 1954, en los Talleres Gráficos "MEXICO", Méjico 2230, T. E. 47-6926 — Bs. Aires